STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04406

IDISHE FOLKS-GESHIKHTE

Heinrich Graetz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעץ.

צוועלפטער באנד.

ווארשא.

Drukarnia Uniwersalna, Warszawa, ul. Długa 26. Tel. 260-19.

...אניסטישע און ד[illegible]ציאנס-צייט עפאכע

פינפטעם קאפיטעל.

די אידען אין פוילען און איטאליען ביז'ן סוף זעבצענטען יאהרהונדערט.

(1600 — 1660)

אין זעבצענטען יאהרהונדערט. ווען פוילען איז דורך דער פעראייניגונג מיט ליטא אונטער די זיהן פון קאזימיר IV געווארען א גרויסע מלוכה, איז זי, גלייך ווי טערקיי, געווארען א שוץ-ארט פאר אלע גערודפ'טע און געדריצטע. די קאטוילישע קירכע, אדער די קאנאנישע געזעצען האבען דארט נאך נישט געהאט קיין גרויסע תקיפות. און דער אבסאלוטיזם פון א מאנארכיע, וואס פערנעטערט זיך אליין, שעפענדיג זיין יניקה פון די הויף-קרייזען און גלחים, האט אויך נישט געקאנט איינווארצלען זיך אין פוילען, צוליב דער שוואכער אמונה פון די פוילישע און גרויסע פריצים. ווי אויך צוליב זייער ליעבע צו זיין אליין-הערשער אין זייער סביבה. די סטאראסטעס זענען אין פוילען געווען אונבעגרענצטע הערשער, ווי די לארדען אין שאטלאנד און גאנץ אפט האבען זיי זיך גארנישט גערעכענט מיט די בעפעהלען פונ'ם קעניג. די רעפארמאטארישע לעהרע פון קאלווין האט געפונען אין פוילען פיעל אנהענגער צווישען די פריצים און בירגער; די קאנאנישע (גלחישע) בעגרענצונגען געגען די אידען, וועלכע האבען געהאט איין ציעל—צו דערנידעריגען די אידען, אז מען זאל זיי בעהאנדלען, ווי די אויסוואורפען — אט די געזעצען האבען אין פוילען קיין שום ווירקונג נישט געהאט. מען האט אין פוילען אויך גיך פערגעסען די העצעריייען פונ'ם גלח קאפיסטראנא, און לוטהער'ס לעצטע אידען-פיינדליכע ארויסטריטען האבען דארט קיין ווירקונג נישט געהאט, ווייל, ווי גע־זאגט, איז מען אין פוילען מעהר נוטה געווען צו קאלווינס רעפארמאציאן, איידער צו לוטהער'ס. ווען מען האט די אידען ארויסגעטריבען פון בעהמען, און פון זיי זענען פיעל געקומען קיין פוילען, האט מען זיי דארט אויפגענו־

מען זעהר פריינדליך; מען האָט אפילו זיי אַזוי שטאַרק דאָרט געשעצט, אַז
ווען פיעל אידען האָבען געוואָלט אויסוואַנדערן פון פוילען קיין טערקיי,
אַנהערענדיג זיך ווענען די גרויסע חסדים פון סולטאַן, האָט דער פוילישער
מלך אַנגעווענדעט אַלערליי מיטלען אָבצוהאַלטען זיי דערפון און פועל'ן,
אַז זיי זאָלען בלייבען אין פוילען צי מיט'ן גוטען ווילען, צי געצוואונגען
דערצו. די פריצים פלעגען בעשיצען די אידען און זייערע מאַיאָנטקעס, נאַ-
טירליך, אויף וויפיעל דאָס איז נישט נעווען געגען זייערע אייגענע אינטע-
רעסען. אויך פיעל גע'שמד'טע אידען, וועלכע האָבען געוואָלט זיך צוריק-
קעהרען צום יודענטום, זענען אין פוילען געקומען, דען דאָ האָבען זיי די
בעגליכקייט געהאַט צו לעבען אין אידישקייט רוהיג, און קיינער האָט זיי
[ד]ערין נישט געשטערט.

ווענען דער צאָהל פון דער אידישער בעפעלקערונג אין פוילען זענען
קיין זיכערע ידיעות נישטאָ; ווי עס שיינט, זענען אין מיטען זעכצענטען
[י]אָהרהונדערט געווען אין פוילען לערך צוואַנציג טויזענד אידען, מאַנסביל
[א]ון פרויען. די קהלה פון פ אָ ז ע ן האָט געצעהלט לערך דריי טויזענד
[א]ידען, און אויך אַזוי פיעל אידען זענען געווען אין ק ר א ק ו י, אָדער
[א]יכטיגער אינ'ם פאָרשטאָדט קאַזימיערזש. די דריטע גרויסע אידישע
[ק]הלה אין פוילען איז געווען ל ו ב ל י ן. שטייערן האָבען אידען געהאַט
[צ]ו צאָהלען דוקא נישט קיין קליינע, דען דערויף האָט מען זיי דאָך געהאַט
[א]ריינגענומען אין לאַנד; די אידען זענען געווען כמעט די איינציגע אין
[פ]וילען, וועלכע האָבען אין פוילען בּאַר געלד, גאָלד און זילבער, געהאַט.
[ל]ליב דעם טעם האָבען די פוילישע מלכים אויך בעשיצט דעם אידישען
[מ]סחר. ווען ז י ג מ ו נ ד א ו י ג ו ס ט I האָט באַלד נאָך זיין אַרויפ-
[ש]טייגען אויפ'ן פוילישען טראָהן געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט'ן רו-
[ס]ישען צאַר איוואַן גראָזני וועגען פערלענגערן דעם שלום צווישען פוילען
[א]ון רוסלאַנד, האָט ער אין אָבמאַך אַריינגעשטעלט אַ תנאי, אַז די אידען
[פ]ון דער ליטא זאָלען, ווי פריהער, קאָנען פריי האַנדלען אין רוסלאַנד. אי-
[וו]אַן גראָזני האָט אָבער דעם תנאי אין קורצען אָבגעוואָרפען, ערקלערענ-
[ד]יג: „די דאָזיגע מענשען ווילען מיר ביי אונז נישט האָבען, דען זיי האָבען
[א]ריינגעבראַכט סמ־ים און גיפט, פאַר'ן לייב און דער נשמה; זיי האָבען ביי אונז
[פ]ערקויפט סם־קריטעבצעה און געלעסטערט געגען קריסטוס'ן". די דאָזיגע
[ש]נאה צו אידען האָט זיך גענומען דערפון, וואָס נאָך מיט אַ יאָהר זיבעציג
[פ]אַר דעם האָט דער איד זכריה געגרינדעט אין רוסלאַנד אַ נייע סעקטע
[פ]ון אידישע רוסען, צו וועלכער עס זענען אויך איבערגעגאַנגען פיעל רוסי-
[ש]ע גלחים מיט'ן מיטראָפּאָליט זאָסימאַ בראש. די דאָזיגע סעקטע האָט זיך
[ג]עהאַלטען נישט לאַנג, ווייל מען האָט איהרע אַנהענגער זעהר שטאַרק
[פ]ערפ[ו]לגט; דאָס רוסישע פאָלק ב כ ל ל האָט דעריבער געהאַלטען די אי-
[ד]ען פאַר אַ סעקטע פון מכשפים, וועלכע טראַכטען נור, ווי אָבצורייסען די
[פ]ראָמ[ע] רוסישע נשמות פון זייער אמונה און פערקויפען זיי דעם שטן. דאָס

פאלק אין רוסלאנד איז נאך דאמאלס געווען אזוי אונגעבילדעט און אונוויסענד, אז עס האט געקויכט אין אלע משונה'דיגע קלאנגען.

צוליב דער רעפארמאציע, וועלכע איז אריינגעדרינגען אין פוילען, האט זיך דארט ענטוויקעלט א געוויסער געשמאק און ליעבע פאר דער וויסענשאפט און ליטעראטור. די פוילישע פריצים, וועלכע פלעגען ליעב האָבען אפט צו מאכען א רייזע אין די מערב-אייראפעאישע מדינות, האבען געבראכט פון דייטשלאנד און איטאליען אויך די ליעבע פאר דער וויסענשאפט און זיי פלעגען לאזען ערציהען זייערע זיהן אין די רעפארמירטע אוניווערזיטעטען פון וויטענבערג און גענף. אויף די פוילישע אידען האט דאס אפילו געהאט א קליינעם איינפלוס, אבער דאך זענען זיי נישט געווען אזוי גאנץ אבגעריסען פון דער וויסענשאפט ווי די דאמאליגע אידען אין דייטשלאנד. דער גריכישער פילאסאף אריסטאטעלעס, וועלכער איז דורכ'ן רמב"ם בעקאנט געווארען דעם אידישען למדן, האט צווישען די פוילישע אידען געפונען פיעל פערעהרער; אויך דעם רמב"ם'ס פילאסאפישע ספרים האבען געהאט אין פוילען א געוויסע צאהל פערעהרער, אויב אפילו אויך דקא נישט קיין בעזונדערס גרויסע. די אידישע דאקטוירים, וועלכע זענען געקומען פון איטאליען קיין פוילען צוזאמען מיט דער מלכה באנא פון הויז ספארצא, די פרוי פון מלך זיגיסמונד I (1508—1549), האָבען מיט זיך געבראכט, אויסער דער חכמת הרפואה, אויך אנדערע וועלטליכע וויסענשאפטען, וועלכע האבען דערוועקט א טייל פון דער אידישער יוגענד צו בעשעפטיגען זיך מיט זיי. בכלל האט צווישען די דאמאליגע פוילישע אידען נישט געהערשט אזא אבגעשטאנענקייט און אבגעריסענהייט פון דער וועלט, ווי צווישען די אידען אין דייטשלאנד.

אבער ביי דער גאנצער גינסטיגקייט פון דער אידישער לאגע אין פוילען בכלל, האבען זיי דאך אויך געהאט איבערצולעבען גאנץ אפט נישט ווייניג שווערע צייטען; דאס איז געשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער לאגע אין פוילען, וואו עס איז קיין פעסטע און גוטע מלוכה-ארדנונג כמעט קיינמאל נישט געווען. די שונאי ישראל האבען דעריבער שטענדיג געהאט די מעגליכקייט אונטערצוגראבען זיך אונטער אידען.

אלעקסאנדער דער יאגעלאנער איז געשטארבען אין יאהר 1506 און ליטא האט דאמאלס אויסגעקליבען פאר א פירשט זיין ברודער זיגיסמונד. א קורצע צייט נאכדעם האט דער פוילישער סיים פון פעטראקאוו געשיקט צו איהם שליחים, פארצולעגען איהם אויך די פוילישע קרוין. אין יאנואר 1507 האט זיך פארגעשטעלט פאר'ן קעניג א דעפוטאציע פון די ליטווישע אידען און געבעטען, אז ער זאל בעשטעטיגען פאר זיי די פריווילעגיעס, וואס עס האט זיי געגעבען וויטאלד דער יאגעלנאער. דער קעניג האט זייער ביטע ערפילט און אנגעווענדעט די פונקטען פון דער דאזיגער פריווילעגיע אויך פאר די אידען אין פוילען.

דערזעלבער קעניג האָט אויך בעשטעטיגט די אַלטע אידישע פּריווילעגיעס
אין פערשידענע שטעדט, בעזונדערס אין לעמבערג. פאַר די אידען איז די
צייט דאַמאָלס געווען זעהר גינסטיג, אָבער דאָס האָט זיך אַזוי געצויגען
נור כל=זמן דער קאַנצלער שידלאָוויעצקי און דער בישאָף טאָמיצקי האָבען
געהאַט די הויפּט=דעה אין דער מלוכה, נאָכדעם אָבער ווי קעניג זיגמונד
האָט חתונה געהאַט מיט דער איטאַליענערין באָנאַ ספאָרצאַ, וועלכע האָט
פאַר געלד בעשטימט נייע שרים, האָבען די לעצטע אויך אָנגעהויבען צו
דייטען געלד פון אידען. פון זיי האָבען אָבער די דאָזיגע חכמה זיך אויך
אויסגעלערנט די קלענערע בעאַמטע אין דער גאַנצער מדינה.— בעזונ=
דערס גוט איז דער דאָזיגער קעניג געווען פאַר די אידען אין ליטא. אין
דער פּריווילעגיע, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבען אין ווילנאַ (31=טען מערץ
1514) די אידישע פאָרשטעהער פון טראָקי, גראָדנא, בריסק, קאָברין, לוצק,
פינסק און לאָדמיר, האָט ער בעשטעטיגט די הבטחות פון זיין ברודער
אַלעקסאַנדער, וועלכער האָט בעפרייט די אידען פון דער התחייבות צו=
צושטעלען טויזענד פערד פאַר'ן מיליטער און בעפרייט די אידען פון ספּע=
ציעלע אָבצאָהלונגען, ערלויבענדיג זיי אויך זיך עוסק צו זיין מיט מלאכות
און מסחר אונגעשטערט. דער קעניג זיגמונד האָט איינגעזעהען, אַז עס
לוינט בעסער פאַר דער מלוכה, אַז די אידישע רבנים זאָלען האָבען אַ גע=
וויסע מאַכט ביי אידען, כדי זיי זאָלען קאָנען זיין זייערע פאָרשטעהער ביי
דער מלוכה, אַכטונג געבענדיג, אַז די אידען זאָלען ערפילען די געזעצען
און אויך אויפמאַהנענדיג ביי אידען די מלוכה=שטייערען, כדי אָבצוגעבען
זיי אין דער מלוכה=קאַסע. אויסערדעם האָבען די אידען אויך געברויכט צו
האָבען אָפט שתדלנים, וועלכע זאָלען פערטרעטען זייערע ענינים פאַר'ן
קעניג און פאַר די שרים. דער קעניג האָט דעריבער בעשלאָסען צו בע=
שטימען אַ סטאַרשי אָדער אַ „זקן“ (Senior) איבער אַלע אידישע קהלות
אין ליטא. אַ בעזונדערס וויכטיגע ראָליע האָט געשפּילט דער „זקן“ רבי
מ י כ א ל י ו ז ע פ אָ ו י ץ פון בריסק, אַ ברודער פון א ב ר ה ם
י ו ז ע פ אָ ו י ץ, וועלכער איז געווען אַ גרויסער השוב ביים קעניג
אַלעקסאַנדער יאַגעלאָנער, און, נאָכדעם ווי ער האָט זיך געשמד'ט בשעת'ן
גירוש פון ליטא, איז ער בעשטימט געוואָרען פריהער פאַר אַ סטאַראָסטאַ
אין סמאָלענסק און שפּעטער פאַר אַ פינאַנז=מיניסטער. רבי מיכאל יוזע=
פאָוויץ איז געווען נישט בלויז אַ שתדלן און איינמאַהנער פונ'ם שטייע=
ביי אידען. ער האָט אויך געהאַט דאָס רעכט צו משפּט'ן און פערוואַלטען
(sądzić i rządzić) ביי אידען לוי'ט'ן אידישען דין און די, וואָס האָבען
איהם נישט געפאָלגט, האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו בעשטראָפען. אוי=
סערדעם האָט ער געהאַט דאָס רעכט צו בעשטימען אַ רב, וועלכער האָט
איהם געדאַרפט מיטהעלפען אין אַלע ענינים ווי אויך צו בשטראָפען דורך
אַ חרם די נישט=פאָלגער (27=ער פעברואַר 1514). מיט'ן חרם האָט זיך
בעדינט רבי מיכאל אויך נאָך איידער. ער האָט בעקומען זיין התמנות:

אין יאהר 1508 האט דער ליטווישער פירשט גלינסקי געמאכט א בונט געגען מלך זיגמונט, פעראייניגט זיך מיט'ן מלכות פון מאסקווא, כדי אבצירייסען פון מלך זיגמונט לטובת רוסלאנד א גרויסען קאנט פון פוילען און ליטא. אין בריסק האבען דאמאלס צוויי אידען זיך געלאזט אונטערקויפען פונ'ם פירשט גלינסקי, כדי ארויסצוגעבען איהם די סודות פון פוילישען קעניג. רבי מיכאל האט זיי דערפאר אריינגעלעגט אין א שטרענגען חרם. — דעם „זקן" רבי מיכאל יוזעפאוויץ איז אבער כלל נישט אזוי לייכט געווען צו צווינגען די אידען, אז זיי זאלען איהם געהארכען, ווייל די אידען זענען געווען געוואוינט צו געהארכען נור די רבנים און גאונים, וואס זיי האבען זיך אליין אויסגעקליבען און וועלכע זענען געווען אנגעזעהען, צוליעב זייער גרויסער תורה און יראת שמים. עס פלעגט דעריבער אפט פארקומען, אז מען פלעגט זיך בעקלאגען ביים קעניג געגען די פסקי־דין, וואס רבי מיכאל פלעגט ארויסגעבען אין פריוואטע משפטים.

צוליעב די גרויסע עסקים און ארענדעס, וואס רבי מיכאל יוזעפאוויץ האט געפיהרט, איז ער געווארען א גרויסער חשוב אין קעניגליכען הויף. און דער קעניג האט איהם דערהויבען פאר א שלאכטשיץ מיט אנ'איינענעם הערב — א הימעל מיט א האלבע לבנה און שטערען ארום איהר. — לאנג איז אבער רבי מיכאל אויף זיין שטעלע נישט געשטאנען, ווייל ער איז, א קורצע צייט נאך זיין התמנות, געשטארבען. קיין וויכטיגען רושם אין דער אידישער געשיכטע האט ער אויך נישט איבערגעלאזען.

אין דער זעלביגער צייט, וואס יוזעפאוויץ איז בעשטימט געווארען פאר א „זקן" אין ליטא, איז אין פוילען בעשטימט געווארען פאר א „זקן" אדער „מנהיג" (Praefectus) רבי אברהם פון בעהמען (ווילנא 29־טען סעפט. 1514) און זיין התמנות האט געהאט די איינענע בעדייטונג ווי די פון יוזעפאוויץ אין ליטא.ביידע התמנות האבען געהאט איין ציעל: צו ווירקען דורך זיי מיט דער הילף פון די רבנים, אז אלע שטייערן און אבצאהלונגען, וואס די אידען ברויכען צו געבען דער מלוכה־קאסע זאלען אבגעגעבען ווערען רעגולער אין דער בעשטימטער צייט. ווען דער קעניג האט זיך שפעטער איבערצייגט, אז די מנהיגים (פרעפעקטען) האבען א צו־שוואכען אויטאריטעט ביי אידען, האט ער געגעבען די מאכט די רבנים איינצוטיילען די שטייערן צווישען די שטעדט און יחידים, לויט זייער אייגענעם פערשטאנד און דערביי האבען זיי אויך געקאנט בעשטראפען מיט א חרם די, וועלכע וועלען זיי נישט פאלגען. שפעטער האט מען נאך די רבנים צוגעגעבען אויך די „טובי־העיר" — די פארשטעהער פון די קהלות, אדער פרנסים און אזוי ארום איז סאנקציאנירט געווארען די מאכט פון „קהל".

ווי מען איז אין ליטא נישט צופרידען געווען ביי אידען מיט דער התמנות פון רבי מיכאל יוזעפאוויץ, אזוי איז מען אין פוילען אויך נישט צופרידען געווען מיט דער התמנות פון רבי אברהם פון בעה־

ב ע ן, און דעריבער האט קעניג זיגמונד ארויסגעגעבען א דעקרעט (1518), אין וועלכען ער ערקלערט, אז צוליעב דעם וואס מען בעקלאגט זיך, דאס רבי אברהם היט נישט אב די געזעצען פון דער מלוכה, האט ער, דער קעניג, געמאכט וועגען דעם א גענויע אויספארשונג, וועלכע האט דערוויזען, אז אלע מסירות זענען פאלש געוועזען און ער וועט שטענדיג פערטיידיגען ז יי ן א י ד ע ן (עס הייסט: רבי אברהמ'ן), בעזונדערס דערפאר, וואס דער אונגארישער קעניג און דער דייטשער קייזער זאגען אויף איהם עדות, אז ער איז אנ'ערהליכער מאן; דערביי גיט דער קעניג אויך א בעזונדער זכות ז יי ן א י ד ע ן, אז קיינער, נישט קיין איד, נישט קיין קריסט טאר איהם נישט פאדערן אין קרימינאל־געריכט, און נור ער, דער קעניג, אליין וועט איהם משפט'ן, אויב עס וועט נויטיג זיין. די רבנים בעפעהלט דער קעניג צו געהארכען רבי אברהמ'ן און נישט אנריהרען זיינע זכיות, אדער נישט בעשטראפען איהם מיט א חרם.

בכלל איז די אידישע לאגע געווען נישט שלעכט אין ליטא און אין פוילען ביז'ן יאהר 1525. אין ליטא האבען די אידען געהערט נור צום געריכט פון די קהיין־ריכטער, די האיעוואדא'ב און סטאראסטעס, אבער נישט צום געריכט פון די שטעדט, אדער פון די גלחים. אויפ'ן געריכט פון די קהיין־ריכטער פלעגען די אידען קאנען אפעלירען צום קעניג אליין. — פון יענער צייט אן איז אבער די אידישע לאגע געווארען פיעל ערגער. די קלענערע שלאכטע האט זיך פערשטארקט און אנגעהויבען בעגרעניצען די מאכט פונ'ם קעניג, פון די פייערן און מיעשטשאנעס און, מסתמא, אויך פון די אידען. די פריצים האבען בעקומען דאס רעכט איבערצופיהרען סחורות פון איין ארט אויפ'ן צווייטען אהן אבצאהל, און דאס האט פיעל שאדען געבראכט דעם אידישען מסחר. נאך איין וויכטיגער אומשטאנד האט מיטגעווירקט צו דער פערערגערונג פון דער אידישער לאגע אין פוילען: אין מלך זיגמונד'ס רעגירונג האט זיך פערגרעסערט נישט בלויז די אידישע בעפעלקערונג דורך די נייע איינוואנדערער פון דייטשלאנד, נור אויך בכלל די שטעדטישע בעפעלקערונג, וועלכע איז אבער בעשטאנען על פי רוב פון דייטשען, וואס האבען אין פוילען נישט געהאט קיין אנדערע אינטערעסען, ווי געשעפט. די דאזיגע דייטשען האבען געקוקט אויף די אנגעקומענע אידען אין פוילען, ווי אויף זייערע קאנקורענטען און בעמיהט זיך מיט אלערליי אופנים און תחבולות צו קעמפען געגען זיי. אין יאהר 1521 זענען די לעמבערגער מיעשטשאנעס געקומען מיט א ביטע פאר'ן קעניג, אז מען זאל בעגרענצען די אידישע רעכט אין מסחר און אין אינדוסטריע, און דורך דער דאזיגער השתדלות האבען זיי געפועלט, אז די אידען איז פערבאטען געווארען צו פערקויפען אין לעמבערג סחורה אין די הייזער און אין די מערק־טעג קאנען זיי האנדלען בלויז מיט וואקס און פעל, מיט וואל און מיט אקסען, און דאס אויך נאר אין א קליינעם מאסשטאב. אין די שטעדט האט מען זיי פערבאטען צו

עפּענען קראָמען אויף צו האַנדלען נישט אין יריד-צייט. די פּריצים, וועלכע פלעגען פערדינגען די אידען די געוועלבער אין זייערע הייזער, פלעגען, נאַטירליך, שטיצען די אידען, אָבער די מיעשטשאַנעס פלעגען, צוליב קאָנקורענץ אָהן אויפהער זיך משתדל זיין, אַז מען זאָל דעם אידישען מסחר בעגרענצען. אין פּויזען האָט דער מאַגיסטראַט אַליין פערבאָטען די אידען דעם קליין-האַנדעל און ערשט דערנאָך בעקומען דערויף אַ הסכמה פּנ"ם מלך. — מען פלעגט אויך אויסנוצען אַלערליי געלעגענהייטען אָנצופאַלען אויף אידען: אַזוי, למשל, ווען אין מאַי 1536 איז אויסגעבראָכען אַ גרויסע שרפה אין פּויזען און אַ טייל הייזער, צווישען זיי אויך אידישע, זענען פערברענט געוואָרען, האָט דער מאַגיסטראַט אויסגענוצט די געלעגענהייט, כדי אָנצוקלאָגען די אידען פאַר'ן קעניג, אַרויפוואַרפענדיג אויף די אידען די שולד פון דער שרפה און בעטענדיג, אַז מען זאָל די אידען פון שטאָדט אַרויסטרייבען. ווען דער קעניג האָט די שתדלנות אָבגעוואָרפען, האָט דער מאַגיסטראַט געבעטען, אַז מען זאָל וועניגסטענס בעשטימען פאַר די אידען אַן אָרט אויף צו וואוינען נור הינטערן שטאָדט. אויך אָט די ביטע האָט דער קעניג אָבגעוואָרפען און דערביי נאָך מזהיר געוועזען די ראַטמענער, אַז ער וועט זיי בעשטראָפען מיט צעהן טויזענד מאַרק, אויב זיי וועלען שטערען די אידען אָבצובויען די פערברענטע הייזער. דאַן האָבען די מיעשטשאַנעס געזוכט אַנדערע מיטלען, ווי אַזוי צו רודפ'ן די אידען און שטערען זייער האַנדעל און מלאכה.

די רדיפות האָבען זיך דאַן אָנגעהויבען צו פערשטאַרקען, צוליעב דער העצע פון די מיעשטשאַנעס. מען האָט געגען די אידען אויך פערשפּרייט בראָשורען און אויפרופען, אין וועלכע מען בעשולדיגט זיי אין אַלדאָס בייז. די אידען האָבען אָבער, ווי עס שיינט אויך נישט געשוויגען און געענטפערט. אַ אינטערעסאַנטען „ענטפער“ האָבען די אידען געגעבען אין לאַטייניש אויף די אָנפאַלען אויך מצד די קראָקאָווער סוחרים. אין'ם דאָזיגען ענטפער ווייזען אָן די אידען, אַז מען טאָר נישט פיינד האָבען אַ פאָלק נור פאַר זיין רעליגיע, ווייל די מיינונגען און די רעליגיע בייטען זיך אָפט. די אידען ברענגען פיעל נוצען דער פּוילישער מדינה: זיי פיהרען אַרויס פון לאַנד תבואות און ברענגען אַריין געלד און זילבער; זיי זענען זיך עוסק אין מסחר, און די צאָהל פון זייערע סוחרים שטייגט איבער דריי טויזענד צוויי הונדערט מאַן; די צאָהל פון זייערע בעלי-מלאכות איז נאָך פיעל גרעסער, וועהרענד צווישען די פּאָליאַקען זענען קיין בעלי-מלאכות כמעט בכלל נישטאָ און די צאָהל פון זייערע סוחרים איז וועניגער אפילו פון פינף הונדערט פּערזאָן. דרך אגב ערקלערען די אידען אויך, אַז זיי זענען בכלל נישט אונטערגעגעבען אונטער די קאַטוילישע גלחישע געריכטען, נור אונטער די מלכים, וועלכע האָבען זיי אַליין איינגעבראַכט אין פּוילען שוין הונדערטער יאָהרען און האָבען אַליין דאָס רעכט זיי צו משפּט'ן.

בשעת'ן גרויסען סיים אין פעטראָקאָוו (1538) זענען אָנגענומען גע-ווארען פיעל בעשלוסען געגען די אידען. א שטייגער: אז מען זאָל נישט בעשטימען קיין אידען פאר אויפמאָהנען פון מלוכה-שטייערן און נישט אָבגעבען זיי די שטייערן אין ארענדע, וויל „דאָס איז געגען דעם געטלי-כען געזעץ". דער אידישער מסחר איז שטארק בעגרענצט געוואָרען. מען האָט די אידען פערבאָטען צו האנדלען אין די שטעדט אָהן א ספּעציעלער ערלויבניש פון מאגיסטראַט און פון די מיעשטשאַנעס; מען האָט אויך בעשלאָסען, אז די אידען זאָלען טראָגען קליידער פון א בעזונדערער פאָרם, „כדי מען זאָל זיי דערקענען פון דערווייטען". אויך די אָנפאלען אויף די אידען האָבען זיך זעהר פערמעהרט. כאָטש דער קעניג זיגמונד האָט דאָס שטרענג פערבאָטען (1530). די אלע דאָזיגע אומשטענדען האָבען דער-וואויגען די אידען אָבצוזאָגען זיך פונ'ם מסחר אין די גרויסע שטעדט און בעזעצען זיך אין די קליינע שטעדטלעך און דערפער, אין די מאַיאָנטקעס פון די גרעסערע און קלענערע פּריצים, וואו זיי האָבען עוסק געווען מיים-טענס אין פערקויפען פערשידענע משקאות. פיעל אָרימערע אידען האָבען זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען דערמיט אויך אין די גרעסערע שטעדט, כדי די וואָיעוואָדעס מיט זייערע געהילפען זאָלען זיי נישט קאָנען טהון קיין שלעכטס. האָבען די אידען זיך איבערגעגעבען אין רשות פון די פּריצים. אין דערזעלביגער צייט האָבען די פּריצים זיך אויך אָנגעהויבען משתדל זיין, אז דאָס געהערען צו זיי פון די אידען זאָל סאַנקציאָנירט ווערען דורכ'ן געזעץ. זיי האָבען נעמליך גע-פאָדערעט פון קעניג, אז ער זאָל ארויסגעבען א געזעץ, דאָס די אידען, וועלכע וואוינען אין די פּריצישע שטעדטלעך, שטעהען נישט אונטער'ן געריכט פון די קרוין-ריכטער, די וואָיעוואָדעס, נור אונטער זייער פּריצי-שען געריכט. סיידען די אידען וועלען זיך אליין ארויסציהען פון זייערע מאַיאָנטקעס, כדי צו שטעהן אונטער דער יורידיקציע (דאָס רעכט צו משפּט'ן) פון די וואָיעוואָדעס. אויף דער דאָזיגער פאָדערונג פון די פּריצים האָט דער קעניג זיגמונד אונטערגעשריבען אויפ'ן סיים אין קראָקא (1539) פאָלגענדעס געזעץ: „אויב די אידען זאָגען זיך אליין אָב פון זייער רעכט, צו משפּט'ן זיך ביי זייערע אייגענע רבנים, לויט די פּריווילעגיעס, וועלכע אונזערע עלטערן, די מלכים, און מיר אליין האָבען זיי געגעבען, האָבען מיר מעהר נישט קיין שום מאָטיוו צו טהון זיי טובות מיט גוואלד, אָדער צו בעשיצען זיי". דאדורך האָבען זיך פיעל אידען בעפרייט פון דער השגחה פון די וואָיעוואָדעס און פון די שטענדיגע טענות ומענות פון די מאגיסטראַטען מיט די מיעשטשאַנעס: זיי זענען ארויסגעגאַנגען וואוינען אין די קליינע שטעדטלעך און מאַיאָנטקעס פון די פּריצים, וועלכע האָבען זיי פון איצט אָן גענומען אונטער זייער שוץ. און פּרנסה האָבען די אידען אויך געהאָט ביי זיי בריוות. פון יענער צייט אָן האָט זיך ענטוויקעלט ביי די פּוילישע אידען דער טיפּ פון די „רייכע ארענדאַטאָרען". דעם עסק מיט

ספירטעס, די סעקלעריי (Faktorstwo) אין די קלענערע שטעדטלעך האבען זיך געעפענט געוועלבלעך (קרעמלעך), שענקען, איינפאהר-הייזער, ארענדירען; אויך די צאהל פון די אידישע בעלי-מלאכות האט זיך זעהר פערגרעסערט; דער איד איז געווארען א פרייער מענש, נאטירליך, אויב ער האט נור פערשטאנען ווי אזוי נושא-חן צו זיין ביים פריץ. לפי שעה איז די זאך געווען נישט שלעכט, מיט דער צייט אבער זענען די אידען אין פוילען דאדורך שפּעל געווארען זעהר סיי מאראליש און גייסטיג, סיי מאטעריעל און פאליטיש. זיי זענען פערקנעכטעט געווארען ביי די דעספאטישע און קאפריזנע פריצים, און אינגאנצען אבהענגיג געווארען פונ'ם בריצישען קאפריז. די פוילישע מלכים האבען שוין זיי אויך נישט געקאנט פיעל העלפען, ווייל עס וואלט זיי אויסגעקומען אנצוריהרען די רעכט פון די פריצים, וועלכע האבען בעטראכט די אידען אלס זייערע קנעכט.

אין די לעצטע יאהרען פון קעניג זיגמונד האט זיך פערשטארקט די אגיטאציע פון די קאטוילישע גלחים געגען די אידען. וועלענדיג קעמפען געגען דער רעפארמאציע, האבען די גלחים ארויסגעלאזען א קלאנג, אז לוטהער'ס לעהרע איז די אידישע תורה, אדער אז לוטהער שטרעבט איינצופיהרען דאס יודענטום אין א נייער פארמע; די אידען — האבען די גלחים געטענה'ט — וועלען איצט בעקומען די געלעגענהייט אבצוריידען די קאטוילען פון קריסטליכען גלויבען. עס האט אויך נישט געפעהלט קיין „בעווייזען" געגען די אידען. אין יענער צייט האט געמליך א געוויסע פרוי אין קראקא, קאטהארינא מעלבעראווא, ערקלערט עפענטליך, אז די אידישע תורה איז די אמת'ע און זי האט זיך דעריבער מגייר געווען און געבליבען געטריי דעם יודענטום ביז דער לעצטער מינוט, ווען מען האט איהר עפענטליך פערברענט אין קראקא (1539). די קאטוילען האבען דאן פערשפּרייט קלאנגען ארום קראקא, אז די אידען זענען מגייר פיעל קריסטען און שיקען זיי אב קיין ליטא און פון דארט קיין טערקיי, כדי זיי זאלען דארט קאנען זיין אידען עפענטליך. די דאזיגע קלאנגען זענען אויך אנגעקומען צום קעניג זיגמונד, און אין זיין בריף צום פוילישען קאנצלער שרייבט ער וועגען דעם פאלגענדעס: „פאריגען יאהר האבען צוויי פון אונזערע געטרייע אונטערטאנען עדות געזאגט פאר אונז, אז די אידען האבען מגייר און מל'ה געווען פיעל קריסטען. היי-יאהר איז צו אונז געקומען א איד, בשעת מיר זענען געווען אין ווילנא, און דערצעהלט, אז ער האט אין וואלאכיי געזעהען הונדערטער געמל'הטע קריסטען, וועלכע מען האט געפיהרט פון פוילען קיין טערקיי. יענע קריסטען, וואס האבען נישט געוואלט פערלאזען זייערע פרויען און קינדער, האבען די אידען געשלאגען מכות-רצח. די אידען האבען אויך געשיקט א בריף צום סולטאן און געבעטען ביי איהם, אז ער זאל זיך ביי אונז משתדל זיין, אז מיר זאלען ערלויבען די אידען ארויסצוגעהן פון פוילען, כדי איבערצוּוואנדערן קיין טערקיי, און דער סולטאן האט דערויף געענטפערט: עס איז פאר מיר

אַנ'אָמזיסטע טרחה דאָס שרייבען צום פּוילישען מלך, הען סוף יאָהר וועל
איך קומען קיין פּוילען מיט מיינע הייקות און מאַכען דאָרט מיט די פּאָ-
ליאַקען דאַסזעלבע, וואָס איך האָב געמאַכט מיט די אונגאַרען; נישט בלויז
די אידען וועל איך דאַמאָלס איבערפיהרען אין מיין לאַנד, נור אויך די
קריסטען. — מען האָט אונז אויך דערצעהלט — שרייבט ווייטער קעניג
זיגמונד, אַז מען האָט געזעהען אין בעזונדערע פּלעצער אידישע וואָגענס
געפּאַקט מיט זאַכען, וואָס מען האָט אַרויסגעפיהרט פון פּוילען קיין טער-
קיי. אזא זאַך טאָר נישט דערלאָזען ווערען". — עס איז קיין ספק נישט,
אַז דאַמאָלס האָבען אַ טייל פּאָליאַקען אין פּוילען זיך גאָנץ מגייר געווען,
אָבער אַז די אידען זאָלען האָבען זיי אָנגערעדט דערצו, אָדער אויך גע-
פיהרט אַנ'אַגיטאַציע צווישען די פּאָליאַקען פאַר'ן יודענטום, דאָס האָבען
די גלחים, נאַטירליך, שוין אַליין געהאַט אויסגעטראַכט. דער דאָזיגער
בּלבול האָט פערשאַפט פיעל יסורים די ליטווישע אידען. דער קעניג זיג-
מונד האָט נעמליך געשיקט צוויי הויפּלייט קיין ליטא, כדי אויסצופאָרשען
די זאַך גענוי און בעפוילען צו שלעפען אין תפיסה אַלע אידען,
וועלכע פערשפּרייטען די אידישע אפּיקורסות צווישען די קריסטען און
בעשטראַפען זיי זעהר שטרענג, אויב עס וועט זיך אַרויסווייזען, אַז זיי
זענען באמת שולדיג. די פּוילישע צוויי הויפּלייט האָבען אָבער כלל
נישט געפיהרט קיין אויספאָרשונג, נאָר זיי האָבען מיט אכזריות
געיאָגט אַלע אידען מאַכענדיג בעפעלען, אַרעסטירענדיג און בעשטראָ-
פענדיג, וועמען נור עס האָט פאַר זיי געלוינט. עס פערשטעהט זיך, אַז
אַזעלכע רדיפות אויף די אידען האָבען זיך אָבגערופען זעהר שלעכט אויפ'ן
מסחר. די קעניגליכע בעאַמטע האָבען זיך באַלד אָנגעהויבען בעקלאָגען, אַז
די הכנסות פון דער מלוכה זענען שטאַרק פערקלענערט געוואָרען; די אי-
דען האָבען אויך געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום קעניג און בעקלאָגט זיך
אויף די מעשים פון זיינע צוויי שרים, ערקלערענדיג דערביי, אַז זיי האָבען
נאָר קיינמאָל נישט געהאַט בדעה אפילו, צו אַגיטירען פאַר'ן יודענטום
צווישען די קריסטען און, אויב עס וועלען זיך געפינען צווישען זיי אידען,
וועלכע וועלען דאָס טוהן, וועלען זיי אַליין די ערשטע מסר'ן זיי פאַר'ן
מלכות. דער קעניג זיגמונד האָט דאַרויף אַרויסגעגעבען אַ צירקוליאַר
(10-טען יולי 1539) צום ליטווישען מלוכה-ראַט, צו די סטאַראָסטעס און
אַלע איבריגע בעאַמטע, וועלכע זי האָט בעפוילען נישט צו רודפ'ן די
אידען, נור צו פיהרען אַנ'אויספאָרשונג וועגען די, וואָס ווערען בעשולדיגט
אין צוהעלפען די קריסטען מגייר צו זיין זיך. — באַלד נאָכדעם האָט מען
פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז די ליטווישע אידען ווילען עמיגרירען קיין טער-
קיי. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבען אַנ'אויספאָרשונג, און די בעאַמטע
האָבען ווידער געהאַט די געלעגענהייט צו אַרעסטירען רייכע אידען, כדי
צו קאָנען ביי זיי פאָדערן געלד פאַר'ן בעפרייען זיי. די ליטווישע אידען
האָבען ווידער געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום קעניג און ערקלערט איהם וו-

פאלש עס זענען די בלבולים אויף זיי. דער קעניג האט ווידער פערעפענטליכט אנ'ערקלערונג, אז די אידען זענען ריין פון יעדער בעשולדיגונג, אין מען דארף זיי נישט דריקען (1540). די דאזיגע ערקלערונג האט אבער ווייניג וואס געהאלפען די אידען, ווייל אלע ארעסטען און אנפאלען אויף די אידען פלעגען געמאכט ווערען נאר מיט דער כונה, כדי צו קאנען נעהמען ביי זיי אויסקויף־געלד. און אין דערדאזיגער הינזיכט האבען די מלכה באנא ספארצא מיט'ן קאנצלער אליין געוויזען דעם וועג. דען זיי האבען אויך בכיון דערוועקט געגען די אידען פערשידענע גזירות, כדי צו קאנען דערנאך רייסען ביי די אידען געלד פאר די זכיות. וואס זיי האבען זיי געגעבען אויף צו בעפרייען זיך פו די גזירות. אזוי האט זיך עס געצויגען אין די לעצטע יאהרען פון דער רעגירונג פון מלך זיגמונד; דער קעניג און די פריצים פלעגען בעשיצען די אידען, דאגעגען די מיעשטשאנעס פלעגען זיי אנטהון די גרעסטע יסורים און די בעאמטע פלעגען אויסנוצען יעדע געלעגענהייט, כדי צו קאנען רייסען ביי די אידען געלד.

נאכ'ן קעניג זיגמונד איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן פוילישען טראהן זיין זוהן **זיגמונד אויגוסט** (1548). דאס איז געוועזען איינער פון די געבילדעטסטע מלכים אין פוילען. אליין נישט קיין פאנאטיקער, האט זיגמונד אויגוסט זיך בעצויגען נישט שלעכט אויך צו די רעפארמירטע לוטהעראנער און קאלוויניסטען; זיין בעציהונג צו די אידען איז אויך געוועזען נישט שלעכט. דען ער האט פערשטאנען גאנץ גוט, אז די אידען זענען מיט זייער פעהיגקייט אין מסחר און אינדוסטריע זעהר נויטיג פאר פוילען און ליטא. ער האט אבער געהאט, ווי זיין פאטער, א שוואכע נאטור און דעריבער פלעגט ער אפט מוזען נאכגעבען די פאדערונגען פון די מיעשטשאנעס און גלחים, וועלכע האבען געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי צו בעגרענצען די איידישע רעכט און גאר ארויסצוטרייבען זיי פון א טייל שטעדט אין פוילען. נור אויב מיט די מיעשטשאנעס פלעגען נאך די אידען טיילמאל קאנען מאכען א פשרה און ווי עס איז דורכקומען, איז עס פיעל ערגער געוועזען מיט די גלחים. אין יענער צייט האט זיך שוין געהאט געענדיגט דער יעזואיטען־ארדען, וועלכער איז אויך אריינגעקומען אין פוילען. וואוהין עס האט געשיקט זיינע מיטגלידער דער פויפסט פאול 4־טער, כדי צו קעמפען אין פוילען געגען דער רעפארמאציע. דער דאזיגער קאמף איז אבער דא געוועזען זעהר א שווערער, כמעט אנ'אונמעגליכער, ווייל עס וואלט אויסגעקומען צו קעמפען מיט די פוילישע מאגנאטען, וועלכע האבען מייסטענס נוטה געוועזען צו דער רעפארמאציע, כדי צו בעפרייען זיך פון רוימישען דעספאטיזם. און אט האבען די יעזואיטען מיט די גלחים געפונען פאר זיך א לייכטערע אויפגאבע אין פוילען — צו קעמפען געגען די אידען. אמת, אין פוילען איז די זאך פאר זיי כלל נישט געווען אזוי לייכט, ווי אין מערב־אייראפא, ווייל דא זענען די בעדינגונגען געווען גאנץ אנדערע. אבער די אידישע רוה האבען זיי געשטערט און פאר

דער אידישער ענטוויקלונג האָבען זיי געבראכט שאָדען גאָרנישט ווענינ.

ווען דער קעניג זיגמונד אויגוסט איז געקומען קיין
פעטראָקאָוו צו שווערען אויף דער קאָנסטיטוציע, זענען אהין געקומען
אויך די אידישע פאָרשטעהער פון גרויס-פוילען, צו בעטען איהם, אז ער
זאָל בעשטעטיגען די פריווילעגיעס, וואָס באָלעסלאַוו דער גע-
רעכטער האָט געגעבען די אידען. זיגמונד אויגוסט האָט זייער ביטע
ערפילט און בעשטעטיגט די פריווילעגיעס (1548). אינ'ם דעקרעט, וואָס
ער האָט דאַמאָלס ארויסגעגעבען, ווערען די אידען צום ערשטען מאָל
אָנערקענט פאַר א בעזונדערע קלאַס איינוואוינער אין דער מלוכה, און די
אידישע רעכט האָט דער קעניג אריינגערעכענט אין זיין שבועה וועלכע
ער האָט געגעבען צו היטען די קאָנסטיטוציע, ווי ער האָט דערין אריינגע-
רעכענט די פריווילעגיעס פון אלע איבריגע קלאַסען פון דער פוילישער
בעפעלקערונג. זיין שבועה געגען די אידען איז זיגמונד אויגוסט געבליבען
געטריי אין דער גאַנצער צייט פון זיין רעגירונג און אפילו די אידישע
משפטים, וועלכע זיי פלעגען האָבען ביי די רבנים האָט ער אָנערקענט פאַר
געזעצליכע, געבענדיג די רבנים דאָס רעכט, צו משפט'ן און בעשטראָפען
מיט א חרם און מיט אַנדערע קערפערליכע שטראָפען די, וואָס וועלען
זיי נישט פאָלגען. ער האָט אויך איינגעאָרדענט די גרענ-צען פון די קאָנ-
טען (גלילות), וואו די רבנים האָבען זייער מאַכט: קראָקא, פויזען, לובלין,
לעמבערג און כעלם זענען געוואָרען אָבגעזונדערטע קאַנטען, מיט אַן איי-
גענעם רב-הגליל און א בית-דין, וועלכע האָבען געדאַרפט משפט'ן אלע אי-
דען אין זייער קאַנט און קיין אַנדערער רב האָט זיך נישט געטאָרט מישען
אין זייערע אינערליכע ענינים. ווער עס האָט דערויף עובר געווען, האָט
געדאַרפט צאָהלען טויזענד רענדלעך א שטראָף. משפטים צווישען אידען
און קריסטען האָבען געדאַרפט פאָרקומען אין די אַלגעמיינע קרוין-געריכ-
טען, נור די אידען, וואָס האָבען געוואוינט אין די שטעדטלעך, אָדער מאַ-
יאָנטקעס פון די פריצים, האָבען זיך געדאַרפט משפט'ן ביי די אָרטיגע
פריצים. צייטענווייז ניט אָבער דער קעניג פריוואַטע פערזאָנען אויך פון
דער קאַטעגאָריע דאָס רעכט צו משפט'ן זיך ביי די קרוין-געריכטען. דער-
ביי האָט אָבער דער קעניג בעשטעטיגט אויך די אַלטע רעכט פון די
שטעדט, וועלכע האָבען דאַדורך בעקומען די מעגליכקייט צו דריקען און
רודפ'ן די אידען, צוליב קאָנקורענץ. אין יאָהר 1549 האָבען די אידען אין
פויזען זיך מתפשר געווען מיט'ן מאַגיסטראַט אינ'ם סכסוך וועגען דעם,
וואו די אידען מעגען בויען זייערע הייזער. לויט דער דאָזיגער פשרה,
האָבען די אידען געמעגט בויען נור א בעשטימטע צאָהל הייזער, נישט
מעהר, און פאַר'ן עובר זיין אויפ'ן אָבמאַך, האָבען די פאָרשטעהער פון
דער אידישער קהלה געדאַרפט צאָהלען צוויי הונדערט דוקאַטען שטראָף;
פון די געבויטע הייזער האָבען די אידען געדאַרפט צאָהלען שטייער בעזונ-
דער. פרעמדע אידען איז פערבאָטען געוואָרען צו בעזעצען זיך אין פויזען.

צוזעלכע פשרות זענען אויך געמאַכט געוואָרען אין קראָקאָ, אין בעלזא און אין פיעל אַנדערע שטעדט. אַטייל שטעדט האָבען געהאַט דאָס רעכט ואָרנישט אַריינצולאָזען אהין קיין פרעמדע אידען. — לויט דער קאָנסטי-טוציע פון יאָהר 1565 איז די אידען פערבאָטען געוואָרען צו נעהמען אין אַרענדע די אָבצאָהלונגען פון דורכפאָהרער און פאַר'ן דורכפיהרען סחורות (Myta) אָדער פאַר'ן פערקויפען משקאות. פיעל שטעדט האָבען דאַ-מאָלס אָנגעהויבען משתדל זיין זיך צו בעקומען דאָס רעכט, נישט אַריינ-צולאָזען קיין אידען; אזא רעכט האָט אויך דאַמאָלס בעקומען וואר-שאַ, די הויפט-שטאָדט פון מאַזאָוויע, וועלכע האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען שטייגען און פון א קליין שטעדטעל האָט זי אָנגעהויבען וואַקסען און דערהויבען זיך צו דער מדרגה פון א פוילישער רעזי-דענץ-שטאָדט. פון מאַזאָוויע זענען די אידען אַרויסגעטריבען געוואָרען נאָך אין דער רעגירונג פון קעניג זיגמונד. אין יאָהר 1556 האָבען די אידען זיך ווידער בעזעצט אין ווארשא. געגען דעם זענען אַרויסגעטרעטען די ראַטינע מיעשטשאַנעס מיט א השתדלות פאַר'ן קעניג זיגמונד אויגוסט. ביי וועלכען זיי האָבען אַרויסבעקומען א פריווילעגיע אין יאָהר 1570, אז די אידען טאָרען זיך מעהר נישט בעזעצען אין ווארשא, נור געצעהלטע אידען, וואָס האָבען שוין דאָרט געוואוינט, האָבען בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען דאָרט צייטווייליג, אָבער אויף זעהר שווערע בעדינגונגען; אויסערדעם איז אידען דאָרט ערלויבט געוואָרען צו האַנדלען אין דער צייט פון די סיימען. אַרום שטאָדט האָט מען דורכגעפיהרט א גרעניץ פון א פאַר וויאָרסט. וועלכע די אידען האָבען נישט געטאָרט אַריבערטרעטען און בעזעצען זיך אין איהר. נור אויסער דער גרעניץ האָבען די אידען גע-מעגט וואוינען.

די אַלע דאָזיגע בעגרענצונגען האָבען אָבער פאַר די אידען נישט גע-האַט קיין וויכטיגע בעדייטונג, ווייל זיי האָבען שוין געוואוסט אַלע מיט-טעלען, ווי אזוי זיך צו בעפרייען פון זיי אָדער דורך געלד, אָדער דורך „פשרות" מיט די מאַגיסטראַטען, ווייל דער קעניג, די שרים און א טייל פון די פריצים האָבען תמיד זיי געשיצט. קיין אַלגעמיינע רדיפות זענען נישט געווען געגען די אידען נישט אין פוילען, נישט אין ליטא. אין דער ליטא איז די אידישע לאַגע געווען נאָך בעסער, ווי אין פוילען: אידען האָ-בען געהאַלטען גרויסע אַרענדעס, זיי האָבען געהאַט גיטער און מאַיאָנט-קעס, און אויך לאַנד-אַרבייטער זענען פון זיי געווען א היבש ביסעל. נור די אידען, וועלכע פלעגען קומען פון פוילען קיין ליטא, פלעגען זיך בעשעפ-טיגען נור מיט מסחר און דעריבער פלעגט מען וועגען זיי זאָגען: „נישט זיי אקערן, נישט זיי זייהען, נישט זיי אַרבייטען, נאָר זיי האַנדלען". דער אידישער כבוד אין ליטא איז אויך דעריבער נישט אזוי שטאַרק ערנידע-ריגט געוואָרען, ווי אין פוילען. אין אָפיציעלע פאַפירען פלעגען די אין דער ליטא דערמאָנט ווערען מיט'ן נאָמען „די הערען", וועהרענד אין פוילען

פלעגען זיי גערופען ווערען מיט'ן שאַנד-נאָמען: „די אונגלויבער און
אַפּיקורסים“. ערשט נאָר די שליאַכטא האָט אַריינגעטראָגען אין ליטווישען
סטאַטוט די פּונקטען, אַז די אידען טאָרען נישט אָנטהון קיין שווערע,
נישט בעפּוצען זייערע היט מיט זילבערנע און גאָלדענע בענדלעך און די
אידישע פרויען טאָרען זיך נישט ציערען אין גאָלד און זילבער. דאָך איז
אָבער דער פּוילישער קעניג אויך איז דער בעציהונג צו די האָזיגע גזרות
געשטאַנען תמיד אויפ'ן צד פון די אידען און זיי געשטיצט. —

די גלחים האָבען אָבער טיילמאָל פון זייער זייט בעוויזען דוקא דורכ-
צופיהרען אויך אין פּוילען רעליגיעזע מאָרדען און פייער-אָפּפער. אַזאַ
פאַל איז פאָרגעקומען פאַר'ן פּויפּסטליכען געזאַנדטען אַללאַיזאַ ליי-
פּאָמאַנאָ, וועלכער האָט געוואָלט צווינגען די אידען צום שמד אין לי-
טאַ (1555) און מיטגעווירקט, אַז מען זאָל פערברענען אונשולדיגע דריי
אידען, צוליעב אַ געוועהנליכען בלבול מיט'ן שענדען די האָסטיע. אַ געווי-
סע קריסטין דאָראָטאַ לאַזשענצקאַ פון סאָכאַטשאָוו (מאַזאָוויע)
איז בעשולדיגט געוואָרען, אַז זי האָט גע'גנב'עט די הייליגע חלות (האָס-
טיע) און זיי פערקויפט די אידען, כדי צו שענדען זיי. ווען דעם פּויפּסט'ס
געזאַנדטער ליפּאָמאַנאָ האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געוואָלט
אויספאָרשען די זאַך אויפ'ן שטייגער, ווי מען מאַכט עס אין דער שפּאַ-
נישער אינקוויזיציע. צוזאַמען מיט ליפּאָמאַנאָ האָבען אויך געהאַלטען דער
פּאַלאַטין באָרקאָוו (דער גענעראַל-גובערנאַטאָר) און דער חעלעמער בישאָף
פּזשערעמבעז. מען האָט דעריבער געחאַפּט דריי סאָכאַטשאָווער אידען,
וועלכע מען האָט אַריינגעוואָרפען אין תפיסה און די דערמאָנטע דריי שרים
האָבען געפאָדערט פון קעניג, אַז ער זאָל מסכים זיין אויפ'ן פּסק-דין פון
די גלחים, צו לאָזען פערברענען די קריסטען מיט די דריי אידען. דער מונד-
שענק פון קעניג זיגמונד—אויגוסט, מ י ש ק אָ וו, האָט אָבער דערויף נישט
געוואָלט מסכים זיין און ער האָט דערוויזען דעם קעניג, אַז דער בלבול איז
אַ פאַלשער. דער קעניג האָט דאַן בעפוילען דעם סאָכאַטשאָווער סטאַראָ-
סטאַ, אַז ער זאָל די בעשולדיגטע אידען בעפרייען. אָבער דער חעלעמער
בישאָף האָט געפעלשט דעם בעפעהל און אַריינגעשריבען דאָרט, אַז דער
קעניג האָט בעפוילען, דאָס מען זאָל די אידען פערברענען, דער קעניג איז
דאַמאָלס געווען ווייט פונ'ם אָרט, אין ווילנאָ; מען האָט דעריבער די אונשול-
דיגע אידען פערברענט לעבעדיגערהייד אין סאָכאַטשעוו (1557). ווען דער
קעניג האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם האָזיגען שענדליכען מאָרד, האָט ער
אויסגעשריען: „אַנ'אימה נעהמט מיך אָרום, הערענדיג וועגען אַזאַ נבלה
און איך וויל גאָר נישט גלייבען, אַז מען זאָל מיינען, דאָס איך בין אַזאַ
פון זינען און נאַריש, אַז בשעת מען שטעכט דורך אַ חלה, וועט פון איהר
רינען בלוט“. — דער העטמאַן טאַרנאָווסקי איז אַזוי אויפגערעגט געוואָ-
רען פון דער רציחה, אַז ער האָט געראַטען דעם קעניג אַרויסצוטרייבען
אַלע בישאָפען פון דער מלוכה. אויך אַזאַ ענערגישען שריט האָט זיך דער

קעניג אבער נישט געקאנט בעשליסען; ער האט נור ארויסגעגעבען א בע-פעהל, אז אלע משפטים וועגען א בלוט-בלבול אדער וועגען שענדען די האסטיע, זאלען געבראכט ווערען נור פאר'ן סיים, און די בעשולדיגונג זאל זיין בעגרינדעט נישט בלויז אויף השערות, נור מיט קלארע עדות און ריכטיגע בעווייזען.

אייך די פראטעסטאנטישע גלחים האבען אין פוילען זיך בעצויגען מיט שנאה צו די אידען און אנגעווענדעט פערשידענע מיטלען, ווי אזוי די אידען צו פע'דערבען. אין דער טערקיי האבען אבער, ווי שוין דער-מאנט, אין יענע'ר צייט זיך משתדל געווען עטליכע אידישע שרים ביים פוילישען קעניג, אז ער זאל די אידען נישט לאזען טהון קיין שלעכטס. די פאליטישע בעדינגונגען פון יענער צייט האבען געצוואונגען דעם פוי-לישען קעניג זיגמונד אויגוסט צו שיקען א געזאנדשאפט צום טערקישען סולטאן, דערביי האט דער מלך אויך געשיקט צום אידישען הערצאג דאן יוסף פון נאקסאס און פערזיכערט איהם, אז עס איז זעהר גוט פאר די אי-דען אין פוילען; ווי עס שיינט, האט דאן יוסף זיך געהאט משתדל געווען ביים קעניג לטובת די פוילישע אידען און דער קעניג האט איהם פער-שפראכען צו בעשיצען זיי. אויך די אידישע דאקטוירים אין קעניגליכען הויף האבען זיך בעמיהט אבצווענדען אלע גזרות, וואס די שונאי-ישראל האבען געטראכט אויפצוטהון אויף אידען. דער דאקטאר רבי שלמה אשכנזי האט געהאט געהיילט דעם פוילישען קעניג, נאך איידער ער איז ארויסגעפאהרען קיין קאנסטאנטינאפאל; דער צווייטער איד, וואס איז געזען א גרויסער חשוב אין הויף פון פוילישען קעניג, איז געווען רבי שמעון גינצבורג (1507 — 1586), וועלכער איז געווען פרנס אין דער קהלה פון פאזען. צוזאמען מיט אנדערע חשוב'ע אידען האט ער זיך בעמיהט אבצווענדען אלע גזרות פון די צוררים, אבער אט די אלע השתדלות לטובת די אידען האבען נישט געקאנט אינגאנצען אבווענדען פון זיי פיעל בעגרענצונגען, וועלכע מען האט דורכגעפיהרט געגען די אידען אין פוילען, צוליעב די בעמיהונגען פון די יעזואיטען — אין יאהר 1569 איז ליטא אינגאנצען פעראייניגט געווארען מיט פוילען. דריי יאהר שפעטער (ה-טער יולי 1572) איז געשטארבען דער מלך זיגמונד אויגוסט; און פוילען איז געווארען א רעפובליק מיט א מלך, דאס הייסט: א מלוכה, אין וועלכער דאס פאלק קלייבט אויס שטענדיג א מלך. די פעראייניגונג פון פוילען מיט ליטא, ווי אויך די פערשטארקונג פון דער שליאכטא, דאדורך וואס זי האט אליין געהאט די דעה ביי'ם אויסקלייבען א מלך — האבען אין א געוויסער מאס פערענדערט די אידישע לאגע אין ביידע לענדער.

אין דער ליטא איז פריהער די מאכט פון הערשענדען מלך געווען א פיעל שטארקערע, ווי אין פוילען; כדי נישט צו דארפען זיין אבהענגיג פון די פריצים, האבען זיך די ליטווישע פירשטען תמיד געשטיצט אויף די

בירגער, וועלכע זענען געווען א מיטעל־קלאס צווישען די פריצים און די פויערן; צו די בירגער זענען אבער אויך גערעכענט געווען די אידען, און די ליטווישע פירשטען האבען דעריבער זיי געשטיצט, זעהענדיג אין זיי געטרייע אונטערטאנען. נאכדעם ווי ליטא האט זיך אבער פעראייניגט מיט פוילען, זענען די אומשטענדען געווארען אינגאנצען אנדערע. די גרויסע ליטווישע פריצים און שררות האבען בעקומען א גרויסע דעה אויף די פוי־מען, וואו מען פלעגט אויסקלייבען א קעניג פאר פוילען, און ממילא האט זיך אויך געשטארקט זייער איינפלוס און מאכט אין לאנד גופא, וואו זיי האבען אנגעהויבען שפיעלען די ראליע פון קליינע מלכים. אזא ראליע האבען געשפילט אין דער ליטא די פירשטען ראדזיוויל, אסטראווסקי, טשארטאריסקי און אנדערע. די קלענערע פריצים האבען נאכגעטהון די גרויסע און יעדער פון זיי איז זיך געווארען א קליינער מלך אין זיינע מאיאנטקעס. פאליטיש איז די אידישע לאגע דאדורך זעהר דערנידעריגט געווארען, ווייל די פריצים האבען געהאלטען די אידען פאר זייערע קנעכט און כמעט לייב־אייגענע, חאטש זיי האבען יורידיש דערויף קיין רעכט נישט געהאט. מאטעריעל איז אבער די אידישע לאגע בעסער געווארען. די צאהל פון די פריצים האט זיך פערגרעסערט, און יעדער פריץ האט געוואלט האבען ביי זיך א אידישען ישוב. די נייע ישובים זענען געשטאנען אינגאנצען אין רשות פונ'ם פריץ. פרנסה האבען אבער די אידען געהאט בשפע, דען אין יעדען ישוב האבען זיי געעפענט געוועלבער (קראמען), שענקען, איינפאהר־הייזער און דער פריזן איז געווען א גוטער. אויך אידישע בעלי־מלאכות האבען זיך דארט גוט איינגעארדענט, געפינענדיג מלאכה גענוג. די ישובים זענען אינגאנצען אבהענגיג געווען פון די פריצים, וועלכע פלעגען געבען די אידען ערלויבענישען, צו בויען שוהלען אהן דער ערלויבניש פונ'ם קעניג, אדער זיינע שרים, ווי דאס פלעגט פארקומען פריהער.

אויך ארענדעס גרויסע האבען די אידען אנגענומען ביי די פריצים אין דער ליטא, און דעריבער האבען כמעט אלע אידישע ערד־ארבייטער געווארפען די לאנד־ארבייט און גענומען זיך צו קרעמעריי, אדער ארענדעס.

נאכ'ן טויט פון זיגמונד אויגוסט איז אויסגעקליבען געווארען פאר א מלך אין פוילען מיט דער השתדלות פון רבי שלמה אשכנזי דער פראנצויזישער פרינץ היינריך אנזשו, דער ברודער פונ'ם פראנצויזישען מלך קארל IX (1570). היינריך איז, ווי זיין ברודער געווען א גרויסער שונא־ישראל און ער האט שוין געוואלט אויך גוזר זיין אויף אידען גרויסע גזרות. אין דער קירצער צייט פון זיין רעגירונג האבען זיך דערוועקט פערשיידענע בלבולים אויף אידען, צווישען אנדערע אויך אנ'עלילת־דם אין ליטא. צום גליק אבער פאר די אידען האט ער געקעניגט נישט לאנג, סך הכל פינף חדשים, דען פלוצלונג איז געשטארבען זיין ברודער און ער איז געווארען פראנצויזישער קעניג. אנשטאט איהם האט מען אויסגעקליבען פאר א מלך דעם הערצאג פון זיבענבערגען (אונגארן) סטעפאן באטא־

די (1575). דער דאזיגער קעניג איז געוועזען פאר די אידען אן'אמת'ער מלך
של חסד; די צוועלף יאהר פון זיין רעגירונג ווער'ן גערעכענט פאר דער בעס
טער צייט אין דער אידישער געשיכטע אין פוילען, דען ער איז געוועזען
זעהר שטרענג און ענערגיש און געהאלטען א שארפע דיסציפלין צווישען
די דעספאטישע פוילישע פריצים, ווי אויך געגען די מאגיסטראטען פון די
שטעדט, וואס האבען פאר איהם כמעט זוי גארניש געפאלגט די מלכים.

באלד נאכ'ן ארויפשטייגען אויפ'ן פוילישען טראהן האט סטעפאן
באטארי ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מען זאל מבטל מאכען דעם בלוט-
בילבול אויף די ליטווישע אידען און אין צוויי דעקרעטען, וועלכע ער האט
געלאזט פערעפענטליכען אין ליטא און אין פוילען, האט ער מודיע געווען,
אז פון איצט אן וועט ער שטרענג בעשטראפען יעדען מענשען, וועלכער
וועט זיך דערוועגען צו מאכען א בלבול אויף אידען, אז זיי האבען דער-
הרג'עט א קריסט מיט א ריטועלען צוועק, דען ער, סטעפאן באטארי, האט
אליין גוט אויסגעפארשט אזעלכע בלוט-בלבולים און זיך איבערצייגט, דאס
זיי זענען א געמיינע רכילות, וועלכע עס האבען אויסגעטראכט אידישע
שונאים, כדי אויפצוהעצען געגען זיי די קריסטען און אנמאכען א טומעל
אומזיסט. — אינ'ם זעלביגען יאהר האט סטעפאן באטארי אויך געגעבען
די פוזנער אידען א פריווילעגיע, וועלכע האט זיי געזאלט בעשיצען פון
זייערע פיינד, די מעשטשאנעס און בעזונדערס פון די אנפאלען פון המון.
אין דער פריווילעגיע ערלויבט דער קעניג די אידען, צו עפענען קראמען
און האנדעלס-הייזער אין שטאדט אהן קיין שום שטערונג; דעם מאגי-
סטראט בעפעהלט ער, אז ער זאל נישט דערלאזען צו מאכען אנפאלען אויף
די אידישע שוהלען און בית-עלמינ'ס; ער ערלויבט די אידען צו האנדלען
אויך אין די חגאות פון די קריסטען, ווי אויך אום זונטאג. פאר'ן שלאגען
א אידען ווערט א קריסט בעשטראפט אויך אזוי, ווי פאר'ן שלאגען א
קריסט, און ענדליך, האט סטעפאן באטארי ארויסגעגעבען א בעפעהל (10
פעברואר 1577), אז פאר'ן אנריידען צו מאכען אנ'אנפאל אויף אידען, אדער
פאר'ן אנטייל נעהמען אין אזעלכע אנפאלען ווערט מען בעשטראפט מיט
צעהן טויזענד פוילישע מארקעס, א העלפט דערפון דארף געהן פאר דער
מלוכה און א העלפט פאר די אידען; אויב די אנפאלען אויף אידען וועלען
פארקומען דורך דער שוואכער שמירה פון מאגיסטראט, און א איד
וועט דערביי דער'הרג'עט ווערען, דארפען די אויפהעצער צום אנפאלען
בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט. — דער דאזיגער בעפעהל איז פערעפענט-
ליכט געווארען דורך הערא לדען אין פאזען און זיין אריגינאל איז בעהאל-
טען געווארען אין ארכיוו פון די פויזנער מלוכה-אקטען. — געהאלפען האט
אבער דער בעפעהל אויף דער ערשטער צייט ווייניג, דען אינ'ם זעלביגען
יאהר 29-טען מאי איז פארגעקומען אין פאזען א פאגראם אויף אידען:
די אידישע הייזער האט מען צוראבירט און איינינע מענשען דער'הרג'עט;
אויך די שוהל און, להבדיל, דעם בית-המרחץ מיט דער מקוה האט מען

פערניכטעט. דער מאַגיסטראַט האָט זיך אפילו בעמיהט איינצושטילען דעם פאָגראָם, אָבער דאָס איז איהם נישט געלונגען. סטעפאַן באַטאָרי האָט דערנאָך ארויפגעלעגט אויפ'ן מאַגיסטראַט אַ שטראָף פון צעהן טויזענד מאַרק, אָבער די ראַטמענער האָבען געשוואוירען, אַז זיי זענען אין פאָגראָם נישט שולדיג, און בעפרייט געוואָרען פון דער בעשטראָפונג.

אין יאָהר 1580 האָט סטעפאַן באַטאָרי עפענטליך בעשטעטיגט די אלטע אידישע פריווילעגיעס, ארייננעהמענדיג זיי פאר אַנ'אָפיציעלען געזעץ אין פוילען און אין ליטאַ. אויסער דעם האָט ער פערעפענטליכט אַ בעזונדער געזעץ, אָדער סטאַטוט פאר די אידען אין פויזען מיט פאָלגענדע אינהאַלט: 1) די אידען זענען גלייכבערעכטיגט מיט אַלע שטעדטישע איינוואוינער; משפט'ן ברויכען זיי זיך, אין נישט וויכטיגע ענינים, ביי'ם וואָיעוואָדאַ און אין וויכטיגע—ביי'ם קעניג. 2) מען טאָר נישט שטערען די אידען צו בויען זיך הייזער, וואו זיי ווילען, אָדער עוסק זיין אין אלערליי מלאכות. יעדער סכסוך וועגען אזעלכע ענינים דאַרף גע'משפט ווערען דורכ'ן וואָיעוואָדאַ; 3) אין אלע ענינים צווישען די אידען און דעם וואָיעוואָדאַ דאַרף בעשטימט ווערען אַ נאָטאַריוס מיט אַ יעהרליכע פענסיע און קיינער טאָר איהם נישט דערוויטערען פון זיין שטעלע, אויסער די פאָרשטעהער פון דער אידישער קהלה. 4) אויב אַ איד האָט זיך גע'שמד'ט און חתונה געהאַט מיט אַ קאַטוילישער פרוי, מיט וועלכער ער האָט געהאַט קינדער און ער האָט אויך פריהער געהאַט קינדער פון דער אידישער פרוי, וועלכע זענען ערצויגען געוואָרען אין יודענטום, דאַרפען די דאָזיגע קינדער האָבען אַ גלייכען חלק אין זיין ירושה מיט זיינע קריסטליכע קינדער. 5) אין דער פראַגע וועגען העכערען די פרייזען אויף עסענוואַרג, טאָר די אידען קיינער נישט שטערען אין זייער מסחר: 6) אַ אידישע שבועה דאַרף פאָרקומען אָהן בעזונדערע צערעמאָניעס,— האַלטענדיג אַ ספר-תורה, אָדער אין שוהל. 7) מען טאָר אַ אידען נישט פאָדערען, צו שטעלען זיך צום געריכט אום שבתים און יום-טובים. נאָך איינגע פונקטען פונ'ם דאָזיגען סטאַטוט האָבען זיך בעצויגען אויף די פויזנער אידען ספעציעל.— דערזעלביגער סטעפאַן באַטאָרי האָט אָבער אויך געגרינדעט אין יאָהר 1576 אַ יעזואיטישע הויכשולע אין ווילנאַ, וועלכע האָט שפעטער געווירקט דוקא אין פערקעהרטען זין פון זיין רעגירונג. ווי נאָר סטעפאַן באַטאָרי איז געשטאָרבען (12-טען דעצעמבער 1586), האָבען די יעזואיטען אָנגעהויבען אויפהעצען די בעפעלקערונג געגען די אידען און געטאַכט אויך צונישט זיין מבטל מאַכען די בלוט-בלבולים אויף אידען. אין יענער צייט האָט אויך געלעבט דער פוילישער שריפטשטעלער קלעאַנאָוויטש, דער פאָרזיצער אין לובלינער מאַגיסטראַט, וועלכער האָט אין זיינע ווערק געשילדערט די אידען אין יעהר אַ העסליך געשטאַלט און דאדורך איינגעוואָרצעלט די שנאה צווישען די פאָליאַקען צום אידישען פאָלק.

אונטער דער רעגירונג פון די לעצטע יאגעלאנישע מלכים, האט זיך אין פוילען זעהר פערשטארקט דער איינפלוס און די מאכט פון די רבנים, די מלכים האבען פיעל מאל בעפוילען די אידען, צו געהארכען זייערע רבנים, דער מלך זיגמונד אויגוסט האט אין יאהר 1568 אליין ארויסגעגע־בען א בעפעהל צו בעשטעטיגען די פסקים, וואס עס האט ארויסגעגעבען דער מהרש"ל, דאס הייסט רבי שלמה לוריא פון אסטראהא מיט זיינע צוויי דיינים, דעם רב פון טיקטין און דעם פינסקער רב; אזעלכע פאלען זענען כלל נישט געווען זעלטען אין פוילען, דען די פוילישע מלכים האבען דערין געזעהען דעם נוצען פון דער מלוכה, ווען די אידען זאלען זיין דיסציפלינירט און גוט איינגעארדענט אין זייער אינערליכען לעבען; דאס הייסט אבער אויך מיטגעווירקט, אז ביי די פוילישע אידען זאל זעהר דערהויבען ווערען דער כבוד התורה, דער אויטאריטעט פון די רבנים און פון די תלמידי-חכמים, ווי אויך דאס לערנען תורה בכלל. און אויב די פוי־לישע אידען האבען אונטער אלע אייראפעאישע און אזיאטישע אידען אם־טפעטסטען זיך געגומען לערנען תלמוד, האבען זיי דערפאר אמבעסטען דאס דאזיגע לערנען ליעב בעקומען און איבערגעגעבען זיך איהם בלב ונפש, מאכענדיג דערין אזעלכע פארטשריטען, אז לסוף זענען זיי אריבערגעשטי־גען אלע אנדערע אידישע קהלות אין אייראפא, און די פוילישע רבנים זע־נען איבעראל אנערקענט געווארען פאר די גרעסטע אויטאריטעטען. די פוילישע ישיבות האבען בעקומען איבעראל א גרויסען שם ביי אידען און פאר אנ'אויסלענדישען רב איז געווען די שענסטע און בעסטע רעקאמענ־דאציע, אז ער האט געלערנט עטליכע יאהר אין די ישיבות אין פוילען.

צוויי יוסע רבנים האבען פערפלאנצט אין פוילען די ליעבע צום לערנען גמרא: רבי שלמה מינץ פון מאינץ (אויסגעוואנדערט פון דארט ארום יאהר 1463), וועלכער האט זיך אויך דער עלטער בעזעצט אין פאזען און רבי יעקב פאלאק (1496 — 1541). דער לעצטער האט געלערנט תורה אין א ישיבה אין דייטשלאנד, אבער מיט זיין שאר־פען קאפ האט ער אריינגעבראכט דערין א נייע מעטאדע — דעם פלפול־ זעלבען מען האט אין דייטשלאנד כלל נישט געקאנט אין אזא הויכער, פאלקאמער פארמע. אויב די אלטע תלמודיסטען האבען זיך בעריהמט, אז זיי קאנען דורכ'ן פלפול כשר מאכען א שרץ מיט הונדערט און פופציג טעמים, אדער אז זיי קאנען „אריינברענגען א העלפאנט אין אנ'אויגעל פון א נאדעל" — איז דאס אין פערגלייך מיט דער שארפזיניגער מעטאדע פון רבי יעקב פאלאק געווען א קינדערשפיעל. דער פלפול, וועלכען ער האט ענטוויקעלט אין זיין ישיבה אין קראקוי, נאכדעם, ווי ער איז אהין איבער־געוואנדערט פון פראג, איז פאר די שוואכע מחות געווען א שרעקליכע אנשטרענגענדע ארבייט, וועלכע זיי האבען קוים בעגריפען, פאר די שאר־פערע דאגעגען איז עס געווען א נייסטיג פערגעניגען אהן גלייכען. דאס פרינגען און פערענטפערען שווערע שאלות, געפינען עטוואס אנאלאגישעס

(אַ סמיכות) צווישען די ווייטעסטע ענינים, אַרויסזאָגען אַזעלטענע, אונערהוואַרטעטע המצאה, אָדער ערקלערען אויף אַן אָריגינעלען אופן אַ געני; — אַט דאָס אַליז איז געוואָרען די הויפּט־אויפגאַבע ביים לערנען תלמוד.

בעגרינדעט אין דערהויבען דעם גרויסען שם פון די פוילישע ישיבות האָבען דריי גרויסע רבנים: רבי יעקב פּאָלאַק'ס תלמיד, רבי שלום שכנא, דער לובלינער ראש ישיבה, רבי שלמה לוריא (מהרש"ל) און רבי משה איסרליש (דער רמ"א). רבי שלום שכנא איז געווען לובלינער ראש ישיבה אכצעהן יאָהר (1540—1558) און, ווי עס שיינט, אויך רב־הגליל. רבי שלמה לוריא (געבוירען 1510, געשט. 1573) האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד קיין פוילען אַהן, ווען ער וואָלט געלעבט אין אַ בעסערער צייט, האָט ער געקענט, לויט זיינע זעלטענע פעהיגקייטען, ווערען איינער פון די ענטשייקלער און בעגרינדער פון יודענטום, ווייל ער האָט געהאט אַזעלטענעם אַנאַליטיש־קריטישען קוק אויף די שווערסטע און פערוויקעלטסטע פראַגען און פלעגט יעדען ענין איינעהמען נישט אויפ'ן וואָרט, מיט דער בלויזער אמונה, נור ערשט נאָך אַ טיעפערען בעטראַכטען און בעגרינדען איהם, לויט זיין איבערצייגונג; ער איז אָבער געבוירען געוואָרען אין אַן אָרימע צייט, אין אַ צייט פון שפלות און אָבהענגיגקייט, און דעריבער איז ער נור געבליבען נור אַ גרינדליכער תלמודיסט אין שענסטען זין פון וואָרט. רבי שלמה לוריא איז אָבער אויך געווען אַ וויכטיגע פּערזענליכקייט מיט אַ שאַרפען כאַראַקטער: שוחד נעהמען, אונגערעכטיגקייט און צביעות האָט ער געהאַסט פון טיעפען האַרצען, און דאָס פלעגט איהם אָפט אויך ברענגען צו אַ קאָנפליקט מיט ווענינער ריינע כאַראַקטערען, ווי ער אַליין איז געווען. מיט אַ שאַרפען טאָן פאַלט ער אָן אויף יענע תלמידי חכמים, וואָס זייערע מעשים זענען נישט צוגעפּאַסט צו זייער תורה, וועלכע זענען עוסק אין לערנען תורה, נור כדי צו קויפען זיך אַ בעריהמטען נאָמען, אָדער צוליעב זייער ליעבע מפלפל צו זיין זיך. ער פאַלט אויך אָן אויף די רבנים פון זיין צייט אין פוילען, ערקלערענדיג, אַז צווישען זיי זענען פאַרהאַן אונוויסענדע זעהר פיעל, דאַגעגען אמת'ע לומדים — ווענינ און עס פעהלען מענשען, וואָס זאָלען פערנעהמען דעם אָרט וואָס געהערט זיי באמת. ווי נור עמיצער בעקומט „סמיכה„ אויף רבנות, מאַכט ער זיין דעם אָנשטעל, אַז ער איז אַ למדן, אָדער גאָר אַ „גאון": פאַר געלד בעקומט ער פיעל תלמידים, פונקט אַזוי ווי די פּריצים קויפען זיך משרתים און קנעכט. „עס זענען פאַרהאַן אַלטע רבנים — קלאָגט זיך דער מהרש"ל — וועלכע האָבען אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה אין תלמוד און אָט זיי דערהויבען זיך מיט גדלות איבער די קהלות און איבער די אמת'ע לומדים, אייגעס לעגען זיי אַריין אין חרם, דעם אַנדערען בעפרייען זיי פון חרם, יונגע תלמידים גיבען זיי סמיכות און אַליז נור, צוליעב געלד, אָדער כבוד".
דער מהרש"ל לאַכט אויך אָב פון יענע איבער־פרומע דייטשלענדישע

רבנים, וועלכע בעציהען זיך מיט גלייכגילטיגקייט צו דער נישט-פרומקייט פון די עשירים און זענען דאגעגען זעהר שטרענג געגען די אָרימע אידען, בעזונדערס, פרעמדע, אויב זיי זענען עובר אפילו אויף'ן לייכטעסטען מנהג, אויב ער זיצט, למשל, אָהן א היטעל.

מען מוז אָבער בעמערקען, אַז די לאגע איז כלל נישט אזוי שלעכט, ווי עס שילדערט איהר דער אויפגערייצטער מהרש"ל; דאָס קאָן מען זעהען אַמבעסטען פונ'ם גרויסען כבוד, וואָס מען האָט אָבגעגעבען דעם מהרש"ל, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז אזוי בייז געווען און האָט יעדערן געשטראָפט. יונגערע און עלטערע תלמידי-חכמים האָבען געהאַט פאר איהם דעם גרעסטען דרך-ארץ, נאָך ווען ער האָט געלעבט צווישען זיי. ווען ער איז נאָך א יונגער מאן געווען, האָט ער שוין אונטערגענומען צו שרייבען זיין הויפט-ווערק, דעם „ים של שלמה", — א פירוש אויף'ן תלמוד, אויף וועלכען ער האָט געאַרבייט כל ימיו און האָט איהם דאָך נישט בעוויזען צו ענדיגען. דער מהרש"ל איז נישט צופרידען געווען פון די פיעל ספרי-פוסקים, וואָס זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען ביז זיין צייט. בעזונדערס שטארק איז ער נישט צופרידען געווען פון רבי יוסף קארו'ס ספרים, נישט פון זיין „בית-יוסף", נישט פונ'ם „שולחן ערוך", וועגען וועלכע ער שרייבט פאָלגענדעס: „א נייער ספר איז אונז אָנגעקומען, א חבור, וואָס האָט געמאַכט רבי יוסף קארו... וואו ער ברענגט פיעל חדושים פון אלטע ספרים, ווי אויך פרעמדע „תשובות" מיט חדושים, אָבער אין די פסקים פון די דינים האָט ער געמאַכט פשרות לויט זיינע אייגענע בויך-סברות געגען דער קבלה... אין פיעל ערטער איז ער נישט אריינגעדרונגען אין דער טיעפקייט פונ'ם ענין און האָט געהאַט ניט קאָריגירטע ספרים, דעריבער האָט ער איבערגעשריבען זיי מיט זייערע פעהלערן; איך וויל דעריבער גרינדליך אָנווייזען דעם מקור פון יעדען דין"... רבי שלמה לוריא האָט די דאָזיגע אויפגאַבע פערווירקליכט געוויס מיט פיעל מעהר גרונדליכקייט, קלאָרקייט און טיעפקייט, ווי אַנדערע לומדים פון זיין צייט. אָבער אויב ער האָט, ווי עס שיינט, באמת געמיינט צו מאַכען א סוף מיט די פלפולים און חלוקי-דעות (מיינונגס-פערשידענהייט) אין דעם יודענטום דורך זיין חבור, האָט ער געהאַט א ביטערען טעות, דען ער האָט דעם קנויל בלויז נאָך מעהר פערוויקעלט.

א דאנק זיין קריטישען זין, האָט דער מהרש"ל אויך בעזונדערס שטארק אכטונג געגעבען אויף א ענין, צו וועלכען די פוילישע און דייטשע רבנים האָבען זיך בעצויגען מיט גרינגשעצונג — אויף דער גראַמאַטיקאַלישער ריכטיגקייט און גענויאיגקייט אין דער העברעאישער שפראך. דאַגעגען איז ער געווען אַנ'אויסגעשפּראָכענער געגנער פון דער סכאָלאַסטישער, אָדער דער אריסטאָקראַטישער פילאָזאָפיע, וועלכע איז אין זיינע אויגען געווען געפעהרליך און א סם פאר דער אמונה.

איינער פון די הויפּט־סלופּעס פון דער רבנישער פּראַקטיק, אין די דינים פון אסור והיתר, איז אין פּוילען געוועזען רבי משה בן ישראל איסרליש (דער רמ״א) אין קראָקוי (געבוירען 1520, געשט. 1572), זייענדיג א זוהן פון׳ם רייכען אָנגעזעהענעם פרנס פון דער קראָקויער קהלה, האָט ער זיך מעהר אויסגעצייכענט דורך זיין גרויסער בקיאות, איידער דורך דער בעזונדערער אייגענאַרטיגקייט פון זיין גייסט. שוין אלס יונגער מאַן האָט ער בעקומען אַ גרויסען שם און איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ דיין — רב אין קראָקוי. אין אַן׳עלטער פון דרייסיג יאָהר איז ער שוין געוועזען אסך בקי אין ביידע תלמודים און דער גרויסער רבנישער ליטעראַטור, ווי דער צווייטאָל עלטער פאַר איהם רבי יוסף קארו.

אויך רבי משה איסרליש האָט געשפירט, אז עס איז נויטיג צו זאַמלען און אָרדנען די פערשפּרייטע און צוואָרפענע דינים פון די פערשיעדענסטע קוועלען אין דער גרויסער רבנישער ליטעראַטור; ווייל אָבער רבי יוסף קארו האָט שוין די דאָזיגע אַרבייט אונטערגענומען און אויסגעפיהרט פאַר איהם, איז איהם געבליבען איבריג נור צו מאַכען בעמערקונגען און אויסבעסערונגען פאַר זיין אַרבייט; און אָט דאָס איז געוועזען דער צוועק פון דער „מפה״, וואָס דער רמ״א האָט צוגעגעבען צו רבי יוסף קארו׳ס „שולחן ערוך״. ווי שוין פיעל מאָל דערמאָנט, האָט די אידישע וועלט אין דייטשלאַנד זיך בעצויגען פיעל שטרענגער צום ערפילען די דינים און געבאָטען פון יודענטום, איידער די ספרדישע אידען; עס איז דאַריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די בעמערקונגען פון רמ״א צייכענען זיך אוים מיט זייערע „חומרות״, אָדער שטרענגקייט. זיינע „פסקים״ זענען באַלד אַנערקענט געוואָרען ביי אַלע אשכנזישע, פּוילישע אידען און אַלע, וואָס געהערען צו זיי, און נאָך עד היום געהערען צו דער רעליגיעזער נאָרמע און יודענטום אין אַלע זענען זיך נוהג לויט זייער בעשטימונג. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אז דער רמ״א איז אַ טיפּ פון די געוועהנליכע רבנים „מחמירים״ — שטרענגע רעליגיאָנס־לעהרער, וועלכע ווילען נישט נעהמען אויף זיך די פעראַנטוואָרטליכקייט צו פערלייכטערען אַ ענין; דער רמ״א האָט קיין איינענע חומרות כלל נים אויפגעטהון, ער האָט בלויז געזאַמעלט און אָבגעשלאָסען דאָס, וואָס האָט שוין פון לאַנג אָן עקזיסטירט ביי אידען. אויב דער רמ״א וואָלט די אַלע אַלטע און פעראיילינגטע ענינים נישט אריינגענומען אין אַ רעליגיאָנס־קאָדעקס, וואָלט עס געטהון אַנ׳אַנדערער.

דער רמ״א האָט זיך בעשעפטיגט נישט בלויז מיט׳ן תלמוד, נור אויך מיט דער וויסענשאַפט, בעזונדערס, מיט דער אַסטראָנאָמיע און ער האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף פּראָהבאַכ׳ס אַסטראָנאָמישע ווערק Theoretica ער איז אויך געוועזען אַ ליעבהאָבער פון דער פילאָזאָפיע, נאַטירליך, אויף וויפיעל ער האָט איהר געקענט פון די אידישע ספרים. דעם רמב״ם׳ס „מורה״ האָט אויך איהם „געפיהרט״ אין וועג, דערפאַר האָט ער געמוזט אויסשטעהן אַ שאַרפען מוסר מצד דעם מהרש״ל, וועלכער זאָגט איהם אַז,

אז „ער זאל נישט אריינפאלען אין נעץ פונ'ם טמא'ן אריסטאטעל". דער רמ"א האט דערויף געענטפערט, אז „ער שעפט, חלילה' נישט זיין ווי־סענשאפט נישט פון אידישע קוועלן, נור פונ'ם רמב"ם, און, אויב שוין יא ענטלויפען, וועט ער בעסער ענטלויפען פון דער קבלה, איידער פון דער פילאזאפיע, ווייל אין דער קבלה קאן ער גיכער אריינפאלען אין א טעות.— אויב מיט דער אידישער געשיכטע האט דער רמ"א זיך אינטערעסירט און האט געטאנט בעמערקונגען צו זכותא'ס „ספר יוחסין".

זיין אינטערעס צו דער געשיכטע האט ער איבערגעגעבען איינעם פון זיינע תלמידים, רבי דוד גאנז (געבוירען אין וועסטפאלען 1541, געשט. אין פראג 1613), וועלכער איז, אלס אינגעל, געקומען קיין קראָקוי, כדי צו לערנען דארט אין דער ישיבה ביים רמ"א; אבער געגען זיין כונה האט זיך אין איהם דארט דערוועקט זיין געבוירענע פעהיגקייט פאר די וויסענשאפטען — פאר דער געשיכטע, געאגראפיע, מאטעמאטיק און אסטראנאמיע, און ער האט זיך אנגעהויבען מיט זיי שטארק אבצוגעבען. רבי דוד גאנז האט זיך בעקענט מיט די גרעסטע מאטעמאטיקער און אסטראנאמען פון זיין צייט, מיט טיכא דע בראהע און מיט יאהאנים קעפלער, און ער האט מחבר געווען אין העברעאיש פער־שידענע ספרים וועגען אסטראנאמיע, מאטעמאטיק און געאגראפיע. בעזונ־דערס אבער איז ער בעריהמט געווארען מיט זיין היסטארישער כראניק: „צמח דוד" וועגען דער אידישער און אלגעמיינער יעהרליכער כראניק, אדער געשיכטליכע פערצייכנישען. פאר א דאמאלדיגען דייטשען אידען איז שוין דאס אויך געווען זעהר פיעל, אויב ער האט זיך אזוי פערטיעפט אין א וויסענשאפט, וואס ליגט אויסער דער גרעניץ פון די אלטעגליכע ידיעות. אבער בעדייטענד קאן מען זיין ארבייט אין דער געשיכטליכער וויסענשאפט נישט אנרופען. ער האט זיינע אידישע לעזער געגעבען א נא־קעטע כראניק, ווי דאס האבען אין דער פריהערדיגער צייט געשריבען מא־נאכען אהן גייסט, וועהרענד אין זיין צייט איז די געשיכטע שוין געווען ענטוויקעלט אלס א קינסטלערישער פאך. דער „צמח דוד" האט אבער פאר די דאמאלדיגע אידען געהאט א גרויסע בעדייטונג: ער האט נעמליך דערמאהנט די אידישע יוגענד, וועלכע איז געווען פערטיעפט אין תלמוד, אז עס עקזיסטירט נאך אויסער דעם תלמוד אויך א גרויסע וועלט, און אז פאר זיי ליגט א גרויסע פערגאנגענהייט.

די דאזיגע דריי רבנישע גדולים: רבי שלום שכנא, רבי שלמה לוריא (מהרש"ל) און רבי משה איסרליש (רמ"א) האבען געלעגט דעם פונדאמענט צו די ישיבות אין פוילען. יעדע שווערע שאלה, יעדער וויכטיגער ענין אין יודענטום האט מען אט די דריי גרויסע רבנים פארגעלעגט, בעזונדערס אבער: דעם רמ"א; פון דייטשלאנד, מעהרען, בעהמען, אפילו פון איטאל־יען און טערקיי האט מען געשיקט שאלות קיין פוילען, און פון די דאר־טיגע גרויסע רבנים האט מען ערווארטעט אנ'ענדגילטיגע תשובה. די

מיאוס'ע סכסוכים און געמיינהייטען פון דער פראַגער קהלה האָט מען פאַרגעלעגט פאַר די פוילישע רבנים צום אויסגלייך. פער'עקשנ'טע מחלוקת איז פראנקפורט אם מאין, וועלכע האָט געקאָנט ברענגען צו א גירוש, האָבען אויסגעגליכען די רבנים פון פוילען. די דערמאָנטע דריי גרויסע רבנים האָבען אזוי ארום בעגרינדעט דעם אויטאָריטעט פון די פוילישע רבנים אין דער גאנצער אידישער וועלט אין אייראָפּאַ, און אין אלע לענ-דער האָט מען דעם דאָזיגען אויטאָריטעט אנערקענט

די דאָזיגע דריי רבנים האָבען אין זייערע ישיבות ערצויגען זעהר פיעל תלמידים, וועלכע זענען אליין אויך געוואָרען גרויסע רבנים און פון זייער זייט געגרינדעט ישיבות און ערצויגען נייע תלמידים. אזוי ארום האָט זיך די גרינדליכע ידיעה אין תלמוד שטארק ענטוויקעלט און פער-שפרייט אין פוילען; כמעט אלע פוילישע אידען זענען געוואָרען בעקענט מיט'ן תלמוד און אידען מיט סמיכה אויף רבנות זענען געווען זעהר פיעל. אפילו אין די קלענסטע קהלות מיט פופציג פערזאָן, זענען צוואנציג לפחות, געווען גוט בעהאווענט אין תלמוד און וועניגסטענס דרייסיג תלמידים האָבען דאָרט געלערנט אין א ישיבה. איבעראל זענען ענטשטאנען ישיבות מיט א ראש-ישיבה א למדן, וועלכער האָט פאר זיינע תלמידים נאָר דעם תלמוד געלערנט; אלע איבריגע למודים, אויסער דעם תלמוד האָבען קיינעם נישט אינטערעסירט. די יוגענד איז געלאָפען אין די ישיבות אריין, ווייל דאָרט האָט מען געקאָנט לעבען אָהן דאגה פאר פרנסה, ווייל די קהילות און די פריוואטע עשירים האָבען זיי אויסגעהאלטען מיט אלעם נייטיגען. פון פריהער יוגענד אָן האָט מען די קינדער שוין ערצויגען אויפ'ן תלמוד, חאָטש דאדורך האָבען געליטען זייערע פיזישע כוחות, ווי אויך די נאַטירליכע ענטוויקלונג פון זייער גייסט. איבער די תלמידים אָדער בחורים, האָט מען געשטעלט משגיחים, וועלכע האָבען געדארפט אכטונג געבען, אז זיי זאָלען פלייסיג לערנען. ביסלעכווייז האָט מען ענט-וויקעלט א סדר הלמוד אויף זומער און ווינטער, וועלכער האָט זיך ערהאלטען נאָך ביז דער לעצטער צייט. סוף זמן פלעגט דער ראש-ישיבה מיט זיינע תלמידים פאָהרען אויף די ירידען, סוף זומער קיין זאסלאוו און יאראָסלאוו, און סוף ווינטער קיין לעמבערג און לובלין. אויף אזא אופן פלעגען זיך צוזאַמענקומען טויזענדער, טויזענדער בחורים מיט זייערע ראשי ישיבות, וועלכע פלעגען זיך מפלפל זיין עפענטליך אין תלמוד. אויף די ירידען פלעגען אויך קומען רייכע בעלי-בתים און סוחרים, וועלכע פלעגען זיך אויסקלייבען פון די בחורים איידעמס פאר זייערע טעכטער. דען ריי-כע עלטערן האָבען געהאלטען פאר א כבוד און א יחוס, צו בעקומען פאר זייערע טעכטער א מאַן א תלמיד-חכם. דער תלמיד-חכם איז געווען א גרויסער חשוב אי ביי'ם פאָלק אי ביי דער מלוכה, נאָכדעם ווי ער פלעגט ווערען א רב. דער דאָזיגער צושטאנד האָט געבראַכט דערצו, אז אלע האָ-בען געשטרעבט צו לערנען תורה, און די גאנצע אידישע יוגענד אין פוי-

דעז, האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון תלמוד. צוזאַמען דערמיט האָט דער איד אין פּוילען בכלל בעקומען אַ ספּעציפישען כאַראַקטער; יעדע בעוועגונג זיינע, יעדער קעהר, יעדע מינע האָט געטראָגען אויף זיך דעם שטעמפּעל פון דער ישיבה. יעדעס וועלטליכע, אָדער אפילו אויך געשעפטליכע געשפּרעך האָט געטראָגען אַ כאַראַקטער פון אַ פּלפּול אין תלמוד. תלמודישע ווערטער און אויסדריקען, גאַנצע פראַזען, די גאַנצע תלמודישע טערמינאָלאָגיע איז אריינגענומען געוואָרען אין דער אידישער פאָלקס-שפּראַך, און אפילו פרויען און קינדער האָבען שוין דאָס אויך פערשטאַנען.

אָבער די דאָזיגע גוזמאות'דיגע בעשעפטיגונג מיט'ן תלמוד האָט דעם יודענטום קיין נוצען נישט געבראַכט, דען מען האָט דאָך סוף כל סוף זיך פערנומען מיט לערנען תלמוד אין פּוילען נישט באמת כדי צו פערטיפען זיך אין אַ גייסטיגען ענין, נאָר כדי צו זוכען דאָרט אַ פּשט'ל, אַ הו צאַה'לע, עטוואָס וויציגעס, פּיקאַנטעס, אַ זאַך, וואָס זאָל קיצלען דעם פערשטאַנד און ברענגען צו אַ געוויסער אויפרעגונג. דאָס האָט מען געקאָנט אָמבעסטען זעהען אויף די ירידען, וואוהין עס פלעגען זיך צוזאַמענקומען טויזענדער תלמידים מיט די ראשי ישיבות: יעדער פלעגט זיך בעמיהען איבערצוראַשען זיינע חברים, אָדער צו שטעלען זיי אין אַ שווערע לאַגע און צווינגען זיי אָנצוערקענען זיך פאַר בעזיעגט, נישט קימערענדיג זיך שטאַרק וועגען דעם אמת, נאָר וועגען דעם נצחון אין דעם נאָמען פון אַ שאַרפען מוח. די הויפּט-שטרעבונג פון די פּוילישע תלמידי חכמים איז געווען, אויפצוטהון עטוואָס נייעס אין תלמוד, עטוואָס צו ערפינדען (חדושים). די ראשי ישיבות אין זייערע „שיעורים“ (לעקציעס) פאַר די תלמידים האָבען געהאַט נאָר אָט דעם ציעל פאַר זיך, און דאָס זאָגען חדושים אָדער, ווי מען האָט עס גערופען אַ „חלוק“ איז געווען דאָס שענסטע און בעסטע מיט וואָס אַ גרויסער ראש-ישיבה האָט זיך אויסגעצייכענט. דאַדורך האָט אָבער דאָס גאַנצע דענקען פון די פּוילישע אידען בעקומען אַן אָיינגעאַרטיגען כאַראַקטער. מען האָט געאַרבייט נאָר מיט'ן קאָפּ און די זאַכען זענען דאַריבער אָפט אויסגעקומען קאַפּויר. בעזונדערס שטאַרק האָט דאַדורך געליטען די שפּראַך פון די פּוילישע אידען, וועלכע איז געוואָרען אַ געמיש פון פיעל אַלטע און נייע שפּראַכען, פיעל פאַרצייטיגע אויסדריקען, וועלכע איז נאָך דערצו פערפּעפערט געוואָרען מיט אַ ספּעציעלען ניגון—דעם גמרא-ניגון. די דאָזיגע שפּראַך האָבען געקאָנט פערשטעהען נאָר די היימישע אידען. פערלירענדיג אָבער די קלאָרע און שענע שפּראַך, אויף וועלכער זיי האָבען גערעדט, האָבען די פּוילישע אידען פערלוירען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס מאַכט ערשט דעם מענשען צום מענש—די שפּראַך, און האָבען זיך אליין געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר די נישט-אידען. אויב די ענטוויקלונג פון תנ"ך-וויסענשאַפט איז ביסלעכווייז ביי אידען דאַמאָלס בכלל פערלאָזען געוואָרען, איז אין

פוילען דער תנ"ך כמעט נאָר פערגעסען געוואָרען. טאָמער האָט שוין עמיצער זיך יאָ אָבגעגעבען מיט'ן תנ"ך, איז עס געווען בלויז, כדי צו מאַכען אין איהם אַ פּשט'ל.

די אומשטענדען זענען דאַמאָלס געווען אַזעלכע, אַז די אידען זענען אין פּוילען געזעסען „אַ מלוכה אין אַ מלוכה". פיעל מלכים האָבען איינער נאָכ'ן אַנדערען בעשטעטיגט די אידישע פּריווילעגיעס און, אויף וויפיעל דאָס איז געשטאַנען אין זייער מאַכט, האָבען זיי אויך מיטגעווירקט, אַז זיי זאָלען פערווירקליכט ווערען אין לעבען. נאָכ'ן טויט פון סטעפאַן באַטאָרי, ווען עס איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ קעניג דער שוועדישער פּרינץ, זיגמונד III (1587—1632), איז די אידישע לאַגע נאָך אַלץ געווען אין פּוילען פיעל בעסער, ווי מ'האָט עס געקאָנט ערוואַרטען פון אַ פאַנאַטישען קאַטוילישען מלך, וועלכער האָט זיך ערצויגען ביי די יעזויאַטען. חאָטש ער האָט די פּוילישע דיסידענטען גערודפט, האָט ער דאָך די אידען נישט בעזונדערס געדריקט. אויף דעם סיים אין ווארשאַ (1542) האָט ער בעשטעטיגט די אַלטע אידישע פּריווילעגיעס. נאָר איין נייע געזעץ האָט זיגמונד אַרויסגעגעבען, וועלכע האָט געשמעקט מיט זיין פאַנאַטישען גייסט: ער האָט פערגאָרדענט, אַז די אידען זאָלען דאַרפען נעהמען אַ'ערלויבניש ביי די גלחים, ווען זיי וועלען דאַרפען אויפבויען אַ נייע שוהל. דאָהערך האָט ער די אידישע רעליגיאָנס-ענינים געמאַכט אָבהענגיג פון דער קאַטוילישער קירכע, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען וועגען רדיפות.

אָבער דוקא אונטער אָט דעם קעניג האָט זיך דאָ ענטוויקעלט אַ נייע אינסטיטוציע, וועלכע איז ענטשטאַנען נאָך אונטער דער רעגירונג פון זיגמונד אויגוסט אָדער סטעפאַן באַטאָרי — אַ אינסטיטוציע, וועלכע די אידען האָבען נאָך ביז דאַמאָלס קיינמאָל נישט געהאַט און וועלכע האָט פערשאַפט די קהילות אַ זעלטענע אחדות, פעסטקייט און שטאַרקייט, פערגרעסערענדיג דאַדורך דאָס אידישע אָנזעהען אי פון אויסענווייניג, אי פון אינעווייניג. דאָס איז געווען דער „ועד פון די פיער מדינות". צוליעב דעם, וואָס די פּוילישע מלכים האָבען געגעבען די רבנים און די פּרנסים די מאַכט ביי אידען און פערלאַנגט אויך, אַז זיי זאָלען איינמאָהנען די מלוכה-שטייערען, האָבען די רבנים מיט די פּרנסים זיך אָנגעהויבען אָפט צוזאַמענפאָהרען אויף די גרויסע ירידען און בעראַטען זיך דאָרט וועגען אַלע וויכטיגע אידישע כללישע ענינים. אַזוי האָט זיך עס נוהג געווען נאָך פון די צייטען פון מלך זיגמונד. אויף די דאָזיגע ירידען פלעגט מען אויך בעטראַכטען וויכטיגע משפּטים, און שליסען געוויסע אָבמאַכען, אָדער איינפיהרען תקנות. די דאָמאָלדיגע פּרנסים זענען געווען בלי ספק געטריי די אַלגעמיינע אידישע אינטערעסען, אַז זיי האָבען מסכים געווען צו געהאָרכען די בעשלוסען פון די דאָזיגע צוזאַמענפאָהרען, וועלכע זענען דאָך נישט געווען סאַנקציאָנירט דורך דער מלוכה-מאַכט, און נאָר די אַלגעמיינע אחדות און איבערגעגעבענהייט פאַר די אידישע ענינים האָט זיי בעשאַפען און אויפגעהאַלטען. אָבער ענד-

ליך האט די רעגירונג אנערקענט די דאזיגע צוזאמענפאהרען, און דאמאלס האט מען געמאכט א תקנה צוזאמענצוקומען זיך אויף איינגעארדענטע צוזאמענפאהרען אין בעשטימטע צייטען אין די שטעדט: לובלין, פאזען, קראקוי און לעמבערג, לויט די פיער מדינות: וואהלין, גרוים־פוילען, קליין פוילען און רוסלאנד (פאדאליען און גאליציען). צו אט דעם „ועד פון די פיערלענדער“ האבען אלע הויפט־קהילות געשיקט זייערע דעפוטירטע, רבנים און פרנסים, וועלכע האבען געהאט א דעה אין די זיצונגען פון ועד. די דעפוטירטע פלעגען אויסקלייבען פון זיך א פארזיצענדען (ראש־הועד), וועלכער פלעגט שטעלען די וויכטיגע פראגען אויף דער טאג־ארדנונג און לאזען פראטאקאלירען דעם גאנג פון דער ארבייט, ווי אויך די אנגענומענע בעשלוסען און תקנות. דער ועד פלעגט בעטראכטען פאלגענדע ענינים: די פראגען וועגען בעשטימען די גרענעצען פון יעדער קהלה, כדי יעדע פערוואלטונג זאל האבען איהר אייגענעם ווירקונגס־קרייז און נישט משיג גבול זיין דער אנדערער; משפטים צווישען די קהילות אדער צווישען א קהלה און א יחיד; בעשטימען וויפיעל יעדע קהלה דארף געבען אבצאהל פאר דער מלוכה; איינארדנען די רעליגיעזע ענינים, די ענינים וועגען ישיבות און חדרים, ווי אויך די ביודזשעטען פון די קהלות און וועגען זייערע מסחרים; ענדליך שתדלנות פאר די מלכים און שרים, ווען אזעלכע זאכען וועלען נויטיג זיין. צייטענווייז פלעגט דער ועד אויך בעטראכטען פערוויקעלטע רעליגיעזע שאלות, אויף וועלכע ער פלעגט געבען „תשובות“ אין פסקים די וויטעסטע שטעדט. מען פלעגט זיך אויפ'ן ועד אויך פיעל אבגעבען מיט ענינים פון צדקה און פדיון שבויים. אויך א צענזור איבער ספרים פלעגט דער ועד אבהאלטען, ארויסגעבענדיג הסכמות און ערלויבנישען אויף נוצליכע ספרים און פערבאטענדיג שעדליכע.— שפעטער (נאכ'ן יאהר 1620) איז געגרינדעט געווארען אויך דער ועד פאר ליטא, אין וועלכען עס האבען תחילת אנטייל גענומען די רבנים און פרנסים פון די קהלות בריסק, גראדנא און פינסק און דערנאך אויך פון ווילנא און סלוצק. האבענדיג אנ'אייגענעם ועד, האבען די ליטווישע קהלות פונדעסטוועגען אויך געשיקט זייערע דעפוטירטע צום „ועד פון די פיער מדינות“, בשעת אויף דער טאגעס־ארדנונג זענען געשטאנען ענינים, וואס האבען א שייכות צו ביידע מדינות, ליטא און פוילען. א דאנק דער טעטיגקייט פון די דאזיגע ועדים, זענען די אידען אין פוילען און ליטא געווען פעסט פעראייניגט און געהאט כמעט אנ'אמת אינערליכע אויטאנאמיע. די ועדים האבען אויך געהאט א גרויסע מאראלישע בעדייטונג, פערהיטענדיג די קהילות פון מחלוקת, פון אונגערעכטיגקייטען און ווירקענדיג געגען דער קארגקייט און שלעכטסקייט סיי פון א יחיד, סיי פון א צבור, צווינגענדיג טיילמאל אי דעם ערשטען, אי דעם צווייטען, צו טהון די נויטיגע צדקה, אדער כללישע ארבייט. צוליעב דעם זענען די אידישע ועדים פון פוילען געווען אויך שטארק אנגעזעהען ביי די אויסלענדישע אידען. אפילו די וויטסטע

דייטשלענדישע קהילות אָדער פריוואַטע פערזאָנען פלעגען זיך אָפט ווענ-
דען מיט אַנ'אָנקלאַגע אויף אַנ'אונגערעכטיגקייט, אין דער זיכערהייט, אַז
דער אידישער ועד וועט שוין געפינען אַ מיטעל, ווי אזוי זיי צו בעשיצען.
צום גרויסען כבוד פון עהרליכע און ערגעבענע עסקנים, וועלכע האָבען אין
א משך פון העכער הונדערט יאָהר געאַרבייט אין די ועדים, דאַרף מען נאָך
צוגעבען אויך דאָס, וואָס זיי האָבען כלל נישט געזאָרגט וועגען דעם, אַז
זייערע נעמען זאָלען בלייבען בעוואוסט אויך פאַר די שפּעטערדיגע דורות;
זיי האָבען זייער אַרבייט געטהון אין דר שטיל און נישט געזוכט קיין
כבוד, חאָטש זייער אַרבייט איז אין דער ווירקליכקייט געווען אַ העכסט
פּרוכטבאַרע און זיי האָבען כשר פערדינט, אַז זייערע נעמען זאָלען פער-
אייביגט ווערען. אפילו די נעמען פון די ערשטע פּערזענליכקייטען, וועלכע
האָבען די ערשטע בעגרינדעט די אידישע אחדות אין די ועדים—אפילו זיי
זענען אויך געבליבען אונבעוואוסט. זייער אַרבייט איז, בלי ספק, געווען
א גרויסע און א שווערע, דען די אידען אין פּוילען זענען נאָך כלל נישט
געווען דיסציפּלינירט און פון די אַרומיגע פּאָליאַקען האָבען זיי קיין דיס-
צי'פּלין געוויס נישט געקאָנט לערנען.

דער ערשטער רב, וועגען וועלכען מיר ווייסען, אַז ער איז געשטאַנען
אין שפּיץ פון „ועד פון די פיער לענדער“, איז געווען רבי מרדכי יפה
(געבוירען אין פּראַג 1530, געשטאָרבען 1612), וועלכער האט, ווי עס שיינט,
דער ערשטער אָרגאַניזירט דעם „ועד“. אין דער יוגענד איז ער געקומען
קיין פּוילען, כדי צו לערנען תורה אין די ישיבות פון רמ"א און דעם
מהרש"ל; דערביי האָט ער אָבער אויך געלערנט פילאָזאָפיע און מאַטעמאַ-
טיק. קומענדיג צוריק קיין פּראַג, האָט ער געעפענט דאָרט א ישיבה פאַר
„בחורים“, אָבער צוליעב די רדיפות, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען דאָרט
געגען אידען, האָט זיין ישיבה פערלוירען אַלע תלמידים און רבי מרדכי
יפה האָט אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליען, וואו ער האָט זיך בעזעצט אין
ווענעדיג. ווי עס שיינט, האָט ער אָבער אויך דאָרט נישט געקאָנט זיין,
צוליעב די רדיפות פון דער אינקוויזיציע געגען דעם תלמוד, און ער איז
דאַריבער צוריק געקומען קיין פּוילען און איז געווען רב אין די קהלות פון
גראָדנא, לובלין און קרעמעניץ (וואָהלין). ווי עס שיינט, איז ער, אלס לובּ-
לינער רב, אויך געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון ועד, ווייל, ווי געזאָגט, פלעגט
דער ועד זיך פערזאַמלען אויך אין לובלין. מעגליך, אַז ער האָט דער ער-
שטער אויפגעטהון דעם פּלאַן וועגען דעם ועד, דען אין לובלין פלעגען זיך
צוזאַמענקומען זעהר פיעל אידען צו דער צייט פון יריד און עס פלעגען
דערביי אויך פאָרקומען פיעל משפטים, און אָט איז רבי מרדכי יפה געפאַ-
לען אויפ'ן פּלאַן איינצואָרדנען דאָרט א שטענדיגען צוזאַמענפאָהר. זיין
גרויסער נאָמען האָט געהאַט ביי אידען זעהר א הויכע אויטאָריטעט און
בען האָט דאַריבער זיין פאָרשלאַג אָנגענומען. נאָך איהם איז, ווי עס שיינט,
געווען פּאָרזיצענדער אין ועד רבי יהושע פאלק הכהן, ראש ישיבת

פון לעמבערג (1592—1616). עס איז זיכער, אז די ועדים זענען געווען נאָכגעמאַכט נאָך די פוילישע סיימען, וועלכע פלעגען פאָרקומען אין פער־שידענע שטעדט. נאָר וועהרענד דאָרט פלעגט מען זיך בעשעפטיגען מיט מחלוקת און רייסענישען איבער האַנאָר און פריוואטע ענינים, פלעגט מען אין די אידישע צוזאַמענפאָהרען בעשעפטיגען זיך מיט פראַקטישע פראַגען, וועלכע ריהרען אָן אלע צדדים פון אידישען לעבען.

אויך די קריסטען אין פוילען האָבען אין יענער צייט אָנגעהויבען איינ־צואָרדנען אָפטע צוזאמענפאהרען פון רעליגיאָנס־פאָרטשעהער, ווייל אין פוילען און ליטא האט זיך דאמאָלס אנגעהויבען א גרויסע רעפאָרמאַ־טאָרישע בעוועגונג, און מען האָט געקאָנט מיינען, אז עס האלט ביי'ם אויסוואַקסען א נייע אמונה. אין דער צייט וואָס אין דייטשלאנד האָט זיך שוין די רעפאָרמאַטאָרישע בעוועגונג בערוהיגט און די גלחים פון דער נייער רעפאָרמירטער רעליגיע זענען ביסלעכווייז פערשטיינערט געווארען און פאַנאַטיש געפיהרט זייער זאַך ניט ערגער פאַר די קאַטוילישע גלחים, האָט אין פוילען די נייע בעוועגונג זיך אָנגעהויבען און, לויט'ן טומעל, וואָס זי האָט אָנגעמאכט, האָט מען געקאָנט מיינען, אז דאָ וועט אויסוואַק־סען עטוואָס אייגנאַרטיגעס, פערשידען אי פון לוטהערס, אי פון קאַל־ווינס רעפאָרמאַציאָן. די ערשטע האָבען געבראַכט די נייע בעוועגונג אין פוילען די דייטשע קאָלאָניעס, און דער פוילישער אדעל האָט אויפגענומען דעם ענין, אלס א מאָדע־זאַך. און געהאַלטען דעריבער פאר זיין פליכט, אריפצוטהון עטוואָס נייעס און נישט צו געהאָרכען מעהר דעם פויפסט, בפרט נאָך, אז דאָס איז בכלל געווען לויט'ן כאראַקטער פון פוילישען אדעל, וועלכער האָט קיינעם נישט געוואָלט זיך אונטערגעבען, נישט דער וועלט־ליכער, נישט דער גלחיש'ער מאכט. דאָס קאַטוילישע קריסטענטום איז בכלל נאָך געווען צו־יונג אין פוילען און ליטא, אז עס זאָל קאָנען זיך פעסט איינ־וואָרצלען; די רעפאָרמאַציאָן איז דעריבער געשווינד אריינגעדרונגען אין די קרייזען פון אדעל און בירגער. דער קעניג זיגמונד אויגוסט האָט די זאַך נישט געשטערט. זייענדיג געשטיצט פון די פירשטען ראדזיוויל אין דער ליטא, וועלכע זענען געשטאנען די ערשטע ביי זיין טראָהן, האָט ער כמעט געהאַלטען ביי'ם אָבפאלען פון פויפסט. אזוי אַרום איז פוילן געוואָרען א פרייער אָרט, וואו די אגיטאַציע פאר דער רעפאָרמאַציאָן האָט זיך געפיהרט אָהן קיין שום שטערונג, און פיעל גערודפ'טע רעפאָרמאַטאָרען פון איטאליען זענען געקומען קיין פוילען, כדי דאָרט צו פיהרען פריי זייער טעטיגקייט, רען די פוילישע פריצים האָבען זיי דאָ אויפגענומען זעהר פריינדליך. אין פוילען האָט זיך געקאָנט דאמאָלס ענטוויקלען א נייע קריסטליכע סעקטע, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט דער לעהרע פון ס ע ר וו ע ט, וועלכען מען האָט פערברענט לעבעדיגערהייד אין גענף. א גאַנצע רייהע פון זיינע תלמידים. סאָצין, בלאנדראַטא, פאַרוטא און אַנדערע איטאַליענער זענען גע־קומען אין פוילען, וואו זיי האָבען עפענטליך גערעדט וועגען זייער לעהרע

און אריינגעוואָרפען אין די יסודות פון קריסטליכען גלויבען בכלל סיי אין די רעפאָרמאַטאָרישע, סיי אין די קאַטוילישע קרייזען. זייער הויפּט-לעהרע איז געווען די פאָלקאָמע אחדות הבורא (אז גאָט איז נאָר איינער) און דאריבער האָבען זיי זיך גערופען אוניטאַריער אָדער אַנטיטרי-ניטאַריער. די פיעל סעקטעס, וועלכע זענען ענטשטאַנען אויפ'ן דאָזי-גען באָדען פלעגען אין פוילען זיך צונויפקומען אויף די גלחיש'ע צוזאַמענ-פאַהרען, וואו זיי פלעגען פיהרען הייסע וכוחים וועגען רעליגיעזע פראַגען, אָבער מייסטענס פלעגט עס ביי די וכוחים בלייבען, ווייל צונויפריידען זיך און גרינדען עטוואָס ממשות'דיגעס האָבען זיי נישט געקאָנט

צווישען די אוניטאַריער זענען געווען אייניגע קריסטען, וועלכע האָ-בען זיך האַלב-אויף-האַלב דערנעהנטערט צום יודענטום. קריסטוס'ן האָבען זיי פערעהרט נאָר אַלס גרויסען לעהרער. זייערע געגנער האָבען זיי דארי-בער א נאָמען געגעבען האַלב-אידען (semi judaizantes) צו די עַבטע אוניטאַריער האָט געהערט אין פוילען סימאָן בודני פון מאָזאָ-וויען, א קאַלווינישער פּאַסטאָר (געשטאָרבען נאָך 1584), וועלכער האָט געגרינדעט א נייע סעקטע „די בודניער". ער איז געווען מעהר געלערנט ווי די איבעריגע סעקטאַנטען; ער האָט פערשטאַנען גריכיש, אויך עטוואָס העברעאיש, וואָס ער האָט ביי די אידען געלערנט. סימאָן בודני איז אין פוילען זעהר בעריהמט געוואָרען מיט זיין איבערזעצונג פון תנ"ך און דעם עוואַנגעליום אין פויליש. זייענדיג נאָהנט בעקאַנט מיט די אידען און זייער ליטעראַטור, האָט ער איבעראַל אַרויסגעזאָגט זיין טיפע האַכאַכטונג פאַר'ן תלמוד.

חאָטש בכלל האָט די רעפאָרמאַטאָרישע בעוועגונג זיך נישט איינגע-וואָרצעלט טיעף אין גאַנצען פוילישען פאָלק, האָט זי דאָך פונדעסטוועגען געהאַט עפּעס א ווירקונג אויך אויף די אידען אין פוילען. די אידען פלעגען זיך אַריינלאָזען אין אָפטע וכוחים מיט די סעקטאַנטען, נישט מיט'ן ציעל מגייר צו זיין זיי, נאָר כדי צו ערקלערען זיי דעם תנ"ך. רע-ליגיאָנס-געשפּרעכען צווישען די אידען און די דיסידענטען (אַזוי האָט מען גערופען אַלע כאַליאקען, וועלכע זענען אָבגעפאַלען' פון דער קאַטוילישער קירכע און צוגעשטאַנען צו די רעפאָרמירטע) פלעגען פאָר-קומען זעהר אָפט. איין אוניטאַריער מאַרטין טשעחאָוויץ (געבוי-רען 1530 געשטאָרבען 1613) פון גרויס-פוילען, וועלכער האָט ערקלערט, אז מען דאַרף די קריסטליכע קינדער נישט טויפען באַלד נאָך זייער גע-בירט און א קריסט דאַרף נישט אָננעהמען קיין מלוכה-שטעלע—אָט דער טשעחאָוויץ האָט אין זיינם א ווערק זיך בעמיהט צו בעווייזען די אידען, אז קריסטוס איז געווען א משיח, און זיי, די אידען, דאַרפען זיך דאריבער פעראייניגען מיט'ן קריסטענטום. געגען איהם איז אָבער אַרויסגעטרעטען דער רב, רבי יעקב נחמן פון בעלזשיצע (1581) מיט אַ'ענטפער,

וועלכער איז, משמעות, געווען אזא שאַרפער, אז טשעכאָוויץ האָט זיך
געזעהען גענויטיגט צו ענטפערן דם רב מיט א צווייט ווערק.

מעהר נאָך ווי דער בעלזשיצער רב, האָט זיך אריינגעלאָזען אין וכוחים
מיט די פּאָליאקען דער קאַראימער יצחק בן אברהם פון טראָקי
(נעבען ווילנאָ, געבוירען 1533 געשט. 1544). ער איז געווען א גרויסער
חשוב ביי די פּוילישע פּריצים און הויכע גלחים, גוט בעלעזען אין פּאָלע-
מישע ווערק, אין תנ"ך איז ער געווען א טיפער קענער און דעם וואנגעל-
יום האָט ער אויך גוט געקענט און דעריבער האָט ער פערשטאַנען צו גע-
בען ריכטיגע ענטפערען אויף אלע טענות מצד די קריסטען. זיינע דיספּו-
טען מיט די קריסטען האָבען איהם געגעבען מאַטעריאל אָנצושרייבען א
ספר „חזוק אמונה“ אָדער „בעפעסטיגונג פון גלויבען“, אין
וועלכען ער בעגניגט זיך נישט בלויז מיט'ן ענטפערען אויף די אָנפאַלען
פון די קריסטען אויפ'ן יודענטום, נאָר ער פאַלט אליין אָן אויפ'ן קריסטענ-
טום. דאָס איז דער איינציגער קאַראאימישער ספר, וועלכען מען קאָן
מיט פערגעניגען לייענען. קיין בעזונדער נייעס געפינט מען אפילו נישט
אין איהם, דען אלץ וואָס ער שטעלט ארויס צו פערטיידיגען דאָס יודענ-
טום, האָבען שוין פריהער אין שפּאַניען די רבנישע שריפטשטעלער ארויס-
געשטעלט אין א פיעל שענערער פאָרם, בעזונדערס דער „אפודי“ (רבי
פּראָפיאט דוראַן), אָבער טראָקי'ס ווערק האָט מעהר גליק געהאַט
ווי די אידישע פּאָלעמישע ספרים אין שפּאַניען. מען האָט איהם איבער-
זעצט אין שפּאַניש לאַטייניש, דייטש און פראַנצויזיש, און ער איז בע-
זונדערס גוט בערימט געוואָרען, צוליעב די פיעל ענטפערען, וואָס די
קריסטען האָבען אויף איהם געגעבען. איין הערצאָג פון ארלעאַן האָט
זיך גענומען שרייבען אַנ'ענטפער דעם קאַראימער, און שפּעטער אין דער
עפּאָכע פון די ענציקלאָפּעדיסטען איז פראַנקרייך (18 טער יאָהרהונדערט)
ווען די קריסטליכע פריידענקער האָבען אָנגעהויבען אליין אונטערצוגראָ-
בען דעם קריסטענטום, האָבען זיי פיעל אויסגענוצט דעם קאַראימערס
טענות געגען איהם.

דער פרייער גייסט, וועלכער האָט זיך דערוועקט ביי די איירפּעאישע
פּעלקער אין אָנפאַנג פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט מיט אַנ'אונגעוועהנ-
ליך שטאַרקער קראַפט געגען דער קאַטוילישער קירכע און געשטרעבט
דורכצוברעכען די קייטען, מיט וועלכע זי האָט אלע געמיטער פערקנעכ-
טעט, — דער גייסט, פון וועלכען מען האָט געהאָפט, אז ער וועט מיטברענ-
גען אויך פּאָליטישע פרייהייט — אָט דער פרייער גייסט איז אין דער צוויי-
טער העלפט פון זעכצעהנטען יאָהרהונדערט כמעט אין גאַנצען געפאַלען.
דאָס פּויפּסטום האָט זיך דערהאַלטען פון זיין דערשראָקענהייט. אויפ'ן קאָנ-
סיליום פון טריענט האָט מען אָנגעהויבען שמידען נייע קייטען פאַר דער
מענשהייט און די געטריי געבליבענע פעלקער האָבען זיך פון די קאַטולי-
שע גלחים געלאָזט לייכט פערקנעכטען נאָכמעהר ווי פריהער. דער אָרדען

פון די יעזואיטען, וועלכער האָט מיט זיינע גרויסע מיטלען, ריהרעוודיג־
קייט און ענערגיע בעוויזען נישט בלויז צוצונעהמען דאָס געוועהר ביי די
פיינד פון דער קאַטויל׳שער קירכע, נור אַפילו אויך צו מאַכען פיעל פיינד
פון דער קאַטוילישער קירכע פאר איהרע פריינד און אָנהענגער,— אַט
דער אָרדען האָט שריט פאר שריט אָבגערוימט פאַר דער קאַטוילישער
קירכע דעם באָדען, וועלכען זי האָט שוין געהאַט פערלוירען פון אונטער
זיך. איטאליען, א גרויסער טייל פון דרום־דייטשלאַנד און פון די עסטריי־
כישע לענדער, פראַנקרייך, וועלכע האָט דערוויל איבערגעלעבט די שרעק־
ל׳כע מערדערייען פון דער באַרטאָלאָמעאוס־נאַכט און דעם מאָרד פון צוויי־
מלכים, און, ענדליך, אויך פוילען און ליטא זענען ווידער געוואָרען קאַ־
טויליש, פאַנאַטיש־קאַטויליש, אַזוי ווי שפאַניען און פאָרטוגאל, וואו עס
האָבען געפלאַקערט די העלישע פלאַמען פון די קאָסטרעס און מען האָט
געבראַכט פייער־אָפּפער דעם קאַטוילישען קריסטענטום. אינם לוטהערישען
און רעפאָרמירטען דייטשלאַנד איז דערוויל אויסגעוואַקסען אַנ׳אַנדער
פּויפּסטום — דאָס פּויפּסטום פון דעם טרוקענעם קאַטעכיזים, און פון דער
קנעכטשאַפט ביי׳ם טרוקענעם בוכשטאַב פון אַלטען ספר. די פאַרצייטי־
גע ביזאַנטינישע מחלוקת איבער פרטים אין דער אמונה, האָבען זיך
בענייט איצט אין די עוואַנגעלישע געמיינדעס, צערשפּאַלטענדיג זיי אויף
אַזוי פיעל סעקטעס און אונטערסעקטעס, וויפיעל געמיינדעס עס זענען גע־
ווען, פאַראַליריזירענדיג דאדורך זייער קראַפט אויך אויפ׳ן פּאָליטישען
געביט. די קלאַסישע פילאָלאָגיע, וועלכע האָט פריהער געווירקט בעפריי־
ענד דעם גייסט פון זיין קנעכטשאַפט און בעפרוכטענדיג איהם מיט נייע
אידעען, איז איצט פערנאַכלעסיגט געוואָרען פון איין זייט דורך דער
שטרענגער אמונה אין וואָרט פון דעם תנ״ך און פון דער אַנדערער —דורך
דעם גלויבען אין אויטאָריטעטען; די בעשעפטיגונג מיט דער קלאַסישער
ליטעראַטור איז געוואָרען א טרוקענע וויסענשאַפט אָדער א ציעל צו
קענען שרייבען מליצות. אויך די בעשעפטיגונג מיט דער העברעאישער
שפּראַך האָט איצט גע׳דינט די קריסטען בלויז אַלס אַ מיטעל צו דיספּוּ־
טירען איבער די אונענדליכע טהעאָלאָגישע פראַגען; דאַגעגען אין די
שטרענג קאַטוילישע קרייזען האָט מען די קענטעניש פון העברעאיש נאָך
אַלץ געהאַלטען פאַר א טריפה אפיקורסות. ווען דער געלעהרטער שפּאַ־
נישער טהעאָלאָג א ר י אַ ש מ אָ נ ט אַ נ ו ס האָט אַרויסגעגעבען אין אַנט־
ווערפּען דעם ערשטען תנ״ך איז פיעל שפּראַכען אויפ׳ן חשבון פון שפּאַני־
שען קעניג פיליפּ II און דערביי האָט ער אויך בעאַרבייט הילפס־ווערטער
ביכער און גראַמאַטיקען אין העברעאיש, אַראַמיש און אַנדערע סעמיטישע
שפּראַכען, רעכענענדיג זיך צוגלייך אויך מיט די פירושים פון די עלטערע
אידישע מפרשים פון תנ״ך, האָט איהם די אינקוויזיציע חושד געווען אין
אפיקורסות און געשטעלט פאַר איהר געריכט, האָטש ער איז געווען אַ
חשוב ביי׳ם שפּאַנישען קעניג און זעהר בעליעבט ביי איהם. אין דער

קריסטליך אייראפעאישער געזעלשאפט האט זיך אלזא אנגעהויבען א רעאקציע, וועלכע האט געפיהרט נאך צו אנ'ערגערען פאנאטיזם, ווי דער פריהערדיגער איז געווען; אויב פריהער האט מען געגלויבט אין די פרינציפען פון דער קאטוילישער קירכע בלויז נאאיוו, האט מען איצט געקאנט בעגעגענען פערביסענע פאנאטיקער, וועלכע האבען, ווי אויף להכעיס נים געוואלט וויסען פון ריינעם פערשטאנד.

דער דאזיגער פינסטערער קירכליכער פאנאטיזם, וועלכער האט זיך שפעטער אויסגעגאסען אזוי פערדערבליך אין דעם דרייסיג־יאהריגען קריג, האט געמאכט דאס לעבען פון די אידען אין די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע לענדער פאר אנ'אמת'ען גיהנום. לוטהערס אנהענגער אין דייטשלאנד האבען איינגאנצען פערגעסען דאס, וואס לוטהער האט אין די ערשטע יאהרען פון זיין ארויסטרעטען געשריבען גוטס וועגען די אידען, און זיי האבען געדענקט נאר אלדאס בייז, וואס ער האט אויסגעגאסען אויף זיי אין דער לעצטער צייט, ווען זיין שנאה געגען די אידען האט זיך פערשטארקט. די אידען פון בערלין און פון בראנדענבורג האט מען גע־שטעלט די אויסזיכט אדער צו שמד'ן זיך, אדער אויסצוואנדערען, ווייל דער אידישער פינאנז־מיניסטער, דער בעליעבטער פון קורפירשט יאאכים II, האט זיך ארייגעלאזען אין פינאנציעלע שווינדלערייען און דער דאקטאר ליפאלד, וועלכען יאאכים'ס נאכפאלגער, יאהאן געארג, האט געהייסען פייניגען, האט זיך אונטער די גרויסע יסורים מודה געווען, אז ער האט פערסמ'ט דעם פערשטארבענעם קורפירשט יאאכים. שפעטער האט ער ערקלערט, אז ער האט מודה געווען, וואס מען האט פון איהם געפאדערט נור צוליעב די גרויסע יסורים, וואס מען האט איהם אנגעטהון, אבער דאס האט איהם ווייניג וואס געהאלפען, און די אידען האט מען ארויסגעטריבען פון לאנד. פון ברוינשווייג האט די אידען ארויסגעטריבען דער הערצאג הייריך יוליוס. די קאטוילישע פעלקער און פירשטען האבען פערשפארט צו מאכען א פארוואורף זייערע פראטעסטאנטישע געגנער, אז זיי זענען צו גוט און מענשליך פאר די אידען.

א שטיקעל גליק איז נאך געווען פאר די אידען פון דייטשלאנד אין די עסטרייכישע ירושה־לענדער, וואס דער דאמאלסדיגער קייזער רודאלף II, האט־ש ער איז געווען א תלמיד פון די יעזואיטען און ערצויגען אינ ם לאנד פון די שטענדיג רויכערענדע קאסטרעס פון דער אינקוויזיציע און אויך א פערביסענער פיינד פון די פראטעסטאנטען, איז ער פונדעסטוועגען געגען די אידען געווען גראד נישט שלעכט. און האט־ש, צוליעב זיין שוואכער לאגע, האט ער די אידען נישט געקאנט פערטיידיגען, האט ער דאך לפחות קיין רדיפות געגען זיי אויך נישט געמאכט. דעם בישאף פון ווירצבורג האט ער אפילו אויך געגעבען א בעפעהל נישט צו קרענקען די אידען דורכ'ן פערקלענערען זייערע פריווילעגיעס און דעם בישאף פון פאסאו האט ער בעפויהלען, נישט צו לאזען פייניגען די אידען אין געריכט. כדי

אָבער ער זאָל נישט בעקומען אַ נאָמען פון אַנ'אוהב ישראל, האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל אַרויסצוטרייבען די אידען אין משך פון אַ האַלב יאָהר פון זיין ערצהערצאָגטום עסטרייך. אין דער דאָזיגער לאַגע פון רדיפות פון אַלע צדדים, פון גירושים און געלד־אויספּרעסונגען, זענען די אידען אין דייטשלאַנד זעהר געפאַלען אויך גייסטיג.

די אידען פון יענער צייט זענען שטאַרק נתפעל געוואָרען פון'ם גע־שפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעם קייזער רודאָלף און דעם רב רבי ליוואי (יהודה) בן בצלאל (מהר"ל מפּראַג, געבוירען 1525 געשטאָרבען 1609). דער מהר"ל איז נישט געווען אַזאַ גרויסער תלמודיסט, ווי די דאַמאָלסדיגע פּוילישע רבנים, און ער האָט על פּי רוב בעשעפטיגט זיך מיט די אגדתות איידער מיט די הלכות. ער האָט אויך עטוואָס געקאָנט פילאָזאָפיע און מאַטעמאַטיק, און דוקא צוליעב דעם איז ער געווען אַ גרויסער געגנער פון יעדען פרייען דענקען האַלטענדיג דאָס פאַר אַפּיקורסות. בעזונדערס שאַרף איז ער אָנגעפאַלען אויף רבי עזריה דמן אדומים (דעי ראָסי). די לעגענדע האָט דעם מהר"ל מפּראַג פערגעטערט פאַר זיין גרויסער פרומקייט און הייליג לעבען. מען האָט דערצעהלט וואונדערליכע מעשים וועגען דעם „גולם", וואָס ער האָט גע־מאַכט פון לייהם און אַריינגעבראַכט אין איהם לעבען דורך אַ שם המפורש וואָס ער האָט איהם איז מויל אַריינגעטהון. וועגען דעם אינהאַלט פון גע־שפּרעך צווישען איהם און דעם קייזער איז נישט בעוואוסט; ווי עס שיינט, איז דער רעזולטאַט פון'ם געשפּרעך נישט געווען גינסטיג פאַר'ן מהר"ל, ווייל ער איז באַלד נאָכדעם אַרויסגעטראָטען פון פּראַג און זיך בעזעצט אויף דער אָרעמער רבנות־שטעלע אין פּויזען.

דער קייזער רודאָלף האָט זיך בכלל נישט אויסגעצייכענט מיט איי־דעלקייט און פיינקייט פון כאַראַקטער, ווי מען קאָן דאָס זעהען פון זיין בענעהמען זיך מיט'ן בעריהמטען דאַמאָלסדיגען אידישען נדבן, רב מרדכי בר שמואל מייזעל, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין עשירות און וואוילטעטיגקייט (געבוירען 1528 געשט. 1601) צוליעב זיין גרויסער עשירות און די פיעל צדקות, האָט רבי מרדכי בעקומען אַזאַ שם, אַז דער קייזער רודאָלף האָט איהם בעשאָנקען מיט'ן טיטול „דער ראַט פון קייזער רודאָלף". זיינע פיעל צדקות האָט ער אויסגעטיילט סיי פאַר אידען, סיי פאַר קריסטען, און זיין איינפלוס איז ביי אידען געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז איהם געלונגען צו מאַכען שלום אין דער פּראַגער קהלה, וואו עס פלעגען תמיד פאָרקומען גרויסע מחלוקת. און אַט האָט דער קייזער רודאָלף געמאַכט אַ הלואה ביי רבי מרדכי און נים געוואָלט איהם בעצאָהלען, און ווען רבי מרדכי מייזעל איז גע־שטאָרבען אָהן קינדער, האָט דער קייזער איהם געלאָזט איינאָרדנען אַ גרויסע לויה, אויף וועלכער ער האָט געשיקט פיעל פון זיינע שרים; אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין ערקלערט פאַר רבי מרדכי מייזעל'ס יורש, ווייל

ער האט קיין זיהן נישט געלאזען, די ירושה האט בעטראפען זעקס מאל הונדערט טויזענד טהאלער באר, אויסער פיעל גאלדענע און זילבערנע כלים און ציערונג. לויט דער דאמאלסדיגער צייט איז עס געווען א געוואלדיג גרויסער פערמעגען.

י אידען אין איטאליען איז אין יענער צייט געגאנגען כמעט נאך ערגער, און אויך זיי זענען דאריבער אריינגעפאלען אין א טרויעריגער ־מפלות. אין איטאליען איז געווען דער מיטעלפונקט פון דער פערביסענער אונברחמנות'דיגער קירכליכער רעאקציע, וועלכע האט געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי צו פערניכטען די געגנער פון דער קאטולישער קירכע. פון וואטיקאן האט מען געווארפען די ברענענדיגע האלאוועשקעס, וועלכע האבען געדארפט אנצינדען די מלחמה צווישען די בירגער אין דייטשלאנד, פראנקרייך און נידערלאנד, ווייל אבער די אידען זענען געווען פערצייכענט אויף דער ליסטע פון די אפיקורסים נאך פון די צייטען פון די פויפסטען פאול IV און פיוס V, איז זייער לאגע איצט געווען זעהר א טרויעריגע. פערלירענדיג זייער זעלבסטשטענדיגקייט, האבען די איטאליענער אידישע קהלות אויך פערלוירען פיעל פון זייערע מיטגלידער. אין דרום־איטאליען האבען קיין אידען מעהר גאר נישט געוואוינט; אין צפון־איטאליען האבען די גרעסטע קהלות געהאט העכסטענס טויזענד פינף הונדערט אדער צוויי טויזענד נפשות. דער פויפסט פיוס V, איז בטבע געווען א מענש פון זעהר א פינסטערען חאראקטער, וועלכער האט נאר געטראכט וועגען רדיפות געגען עמיצען, די אידען האט ער בעהאנדעלט, ווי א געמיינע ראסע, די קינדער פון חם. נאך איהם איז פויפסט געווארען גרעגאר XIII (1572—1585), וועלכען די יעזואיטען האבען ערצויגען און געמאכט פאר א פינסטערען פאנאטיקער. פאר די אידען איז ער געווען זעהר שלעכט, פונקט, ווי די צוויי פויפסטען, וואס זענען געווען פאר איהם. נישט אכטענדיג אויף די שטרענגע קירכליכע פערבאטען, זענען אין איטאליען נאך אלץ געווען קריסטען, וועלכע האבען זיך בעסער געלאזט קורירען דורך אידישע דאקטוירים, איידער דורך קריסטליכע. אזעלכע אידישע דאקטוירים, ווי רבי אליהו מאנטאלטא און רבי דוד דעפאמים, זענען ביי די קריסטען געווען זעהר בעליעבט. דער פויפסט גרעגאר האט דאס אבער נישט געוואלט ליידען און ער האט דאריבער ארויסגעלעגט שטרענגע בעשטראפונגען אויף די קריסטען, וואס האבען זיך געלאזט קורירען דורך אידישע דאקטוירים; אויך די אידישע דאקטוירים האט ער שטרענג בעשטראפט, אויב עמיצער פון זיי האט זיך ערלויבט צו געבען הילף א קראנקען קריסט, ווען יענער האט איהם צו זיך איינגעלאדען. זיין שטרענגקייט האט דאס מאל געפועל'ט. אנ'אנדער געזעץ פונ'ם פויפסט גרעגאר האט געטראפען נישט בלויז א געוויסען קלאס, נאר אלע אידען בכלל: ער האט געשטעלט די אידען אונטער דער אויפזיכט פון דער אינקוויזיציע.

ווען א איד האט עפענטליך ארויסגעזאגט אנ'אפיקורסישע מיינונג, דאס הייסט אזעלכע, וואס געפעלט נישט דער קאטוילישער קירכע, אדער אויב ער האט געהאט וועלכע עס איז בעציהונגען מיט א קריסט, וועלכער איז צוגעפאלען פון דער קירכע און געגעבען איהם הילף, האט ער געקאנט איינגעלאדען ווערען פאר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע און בעשטראפט ווערען מיט'ן פערלירען זיין פערמעגען, ארויסגעשיקט ווערען אויף שווערע קאטארזשנע ארבייט אויף די שיפען, אדער אפילו אויך פער'משפט ווערען צום טויט. אויב אלזא א איטאליענישער איד האט ביי זיך אויפגענומען זיינעם א ברודער אנ'אנוסי פון שפאניען אדער פארטוגאל, אדער אויב ער האט איהם ווי עס איז געהאלפען מיט שפייז און געטראנק, האבען ביידע ברידער געקאנט אריינפאלען אין רשות פונ'ם גענעראל-אינקוויזיטאר. אויך געגען דעם תלמוד האט זיך אויסגעגאסען דער כעס פונ'ם פויפסט גרעגאר XIII. די אידען זענען ווידער מחויב געווען ארויסצוגעבען די גלחים, אדער דער אינקוויזיציע זייערע תלמודישע ספרים. די אינקוויזיציע און אנדערע גלחיש'ע פערוואלטונגען האבען ערהאלטען א בעפעהל צו מאכען ביי די אידען רעוויזיעס און זוכען ספרים. אויב מען האט נאך דער רעוויזיע ענטדעקט ביי א אידען ספרים אפילו אויך צענזורטע, האט ער געדארפט שטרענג בעשטראפט ווערען. מעהר פאר אלץ האט זיך גרעגאר XIII אבגעגעבען מיט'ן פיהרען די אידען צום שמד. דער דאזיגער פויפסט האט שטארק געשטיצט די יעזואיטען מיט זייערע שולען, און האט זיי געגעבען די מיטלען צו עפענען א סעמינאר פאר אלע נאציאנען, וואו מען האט געלערנט פינף און צוואנציג שפראכען; די אידען האט ער פערפליכטעט צו קומען הערען שבת און יום-טוב די דרשות פון די גלחים, וועלכע האבען געדארפט פאר זיי דרש'ענען, אויב נאר מעגליך, אויף העברעאיש וועגען דער קריסטליכער רעליגיע. צו הערען די דרשות האבען געמוזט לפחות א דריטעל פון אלע מיטגלידער פון דער קהלה, מאנסביל און פרויען, דערוואקסענע און קינדער איבער צוועלף יאהר. דאס וואס עס האט בעפויהלען א האלב אפיקורסות'דיגער פויפסט (בענעדיקט XIII) אין זיין ווילדער אויפרעגונג, דאס האט אלזא איצט בעשטעטיגט א פויפסט גאנץ קאלטבלוטיג—צו צווינגען די אידען צום שמד, פונקט, ווי אנטיוכוס עפיפאנעס האט זיי פארצייטען געצוואונגען אבצעפאלען פון יודענטום. כאראקטעריסטיש איז אויך פאר דער דאמאלדיגער צייט דאס, וואס דער פויפסט האט בעפויהלען, אז די אידען זאלען בעצאהלען די גלחים פאר זייער מיה, איינצורייידען זיי, אז זיי זאלען זיך שמד'ן. ווי דער פריהערדיגער פויפסט פיוס V, אזוי האט אויך גרעגאר געגעבען וויכטיגע שטעלעס און גרויסע טיטולען די משומדים, און אט האבען זיך פיעל אידען אין זיין צייט אין איטאליען אבגעשמד'ט, צי דערפאר וואס זיי האבען זיך נעקוועפעט אויף כבוד אדער עשירות, אדער דערפאר וואס זיי האבן מורא געהאט פאר רעפרעסיעס.

צווישען די משומדים זענען געווען אויך פיעל אזעלכע, וואָס האָבען שפּע-בער אָנגעטהון די אידען גרויסע יסורים. פיעל אידען האָבען אָבער פער-לאָזען רוים צוליעב די רדיפות.

אונטער'ן פּויפּסט, וואָס איז געווען נאָך איהם, סיקסטוס V (1585—1590), וועלכער האָט זיך דערהויבען פון א פּאַסטוך פון חזירים אזש ביז דעם פּויפּסטליכען טראָהן, און האָט זיך מיט זיין ענערגישער פערוואל-טונג אין דער פּויפּסטליכער מדינה אויסגעצייכענט מעהר פאר פיעל אנ-דערע פּויפּסטען, איז אין דער לאגע פון די אידען אין רוים פאָרגעקומען א פערענדערונג. ער האָט זיך בעצויגען טאָלעראַנט צו די אידען און אפילו אויך דערהויבען דעם אנוסי לאפעץ, וועלכער איז ענטלאָפען פון פּארטו-גאַל צו זיין יועץ, כדי ער זאָל איהם העלפען אויסבעסערען די פינאַנסען פון דער פּויפּסטליכער מדינה. ער האָט אַרויסגעגעבען א בולה (22-טען אָק-טאָבער 1536), דורך וועלכער ער האָט מבטל געמאַכט כמעט אלע אידי-שע בעגרענצונגען, וואָס עס האָבען איינגעפיהרט די פריהערדיגע פּויפּ-סטען. סיקסטוס האָט נישט בלויז ערלויבט אַלע אידען צו בעזעצען זיך אין זיין פּויפּסטליכער מדינה, נאָר אויך אַז זיי זאָלען קומען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט די קריסטען און געברויכען זיי פאר משרתים. ער האָט בעשיצט די אידישע רעליגיאָנס-פרייהייט מיט געוויסע פּונקטען פון גע-זעץ און אַמנעסטירט געוויסע „פערברעכען", ווי, למשל, פעראורטיילונגען פון אידען פאר'ן האַלטען ביי זיך אידישע ספרים א. ז. וו. ער האָט פער-באָטען דעם מאַלטעזער ריטער-אָרדען, צו פערקויפען פאר שקלאַווען די אידען, וועלכע דער אָרדען פלעגט חאַפּען אויף דער ים-רייזע צווישען אַזיען און אייראָפּא, אויפ'ן מיטעללענדישען ים, ווי די דאָזיגע „גאָטס-קעמפּפער" פלעגען געוועהנליך טהון. אדאַנק דעם דאָזיגען פערבאָט האָ-בען פיעל אידען, וועלכע מען האָט פריהער אַרויסגעטריבען פון דעם פּויפּסט'ס מדינה, גענקאָנט איצט צוריק קומען אין זייער אַלטער היים. אין דער רעגירונג פונ'ם פּויפּסט סיקסטוס V, איז די אידישע קהלה אין רוים ווידער אויסגעוואַקסען ביז צוויי הונדערט משפחות. דער דאָזיגער שטרענג גערעכטער פּויפּסט האָט פער'משפט דעם קריסט סעקכי פון רוים, וועלכער האָט זיך געוועט מיט'ן אידען סאַנסאָן (שמשון?) צע-נעדא, און אויב דער איד וועט פערשפּיעלט, האָט דער קריסט גע̇דראָפט ביי איהם אויסשניידען א פונט פלייש פון זיין לייב,— דעם דאָזיגען קריסטליכען שיילאָק (דער בעוואוסטער העלד אין שעקספּירס דראַמע: „דער קויפמאַן פון ווענעדיג") האָט דער פּויפּסט פער'משפט צום טויט. אויך דעם אידען האָט ער צום טויט פער'משפט פאר דעם, וואָס ער האָט אזוי לייכטזיניג געוואָלט אָבגעבען זיין לעבען, וועהרענד ער געהערט איהם, דעם פּויפּסט מיט לייב און לעבען. דעם טויט-אורטייל אויף ביידען האָט דער פּויפּסט דערנאָך פערביטען אויף א געלד-שטראָף. ענדליך האָט דער

פויפסט מבטל געמאַכט דעם פערבאָט, אז קריסטען זאָלען זיך נישט לאָזען קורירען דורך אַ אידישען דאָקטאָר.

די דאָזיגע טאָלעראַנץ געגען די אידישע דאָקטוירים, האָט דאַמאָלס אויפגעהויבען ביי'ם פויפסט, ווי עס שיינט, דער בעריהמטער אידישער דאָקטאָר דוד דע פּאָמיס (געבוירען 1525 געשטאָרבען 1585). דע פּאָמיס איז געווען, אויסער אַ גרויסער מעדיקער, אויך אַ טיעפער שפּראַך־קענער, און איז געווען גוט בעהאַוועגט אין דער אידישער און קלאַסישער ליטעראַטורען. ער האָט זעהר שען געשריבען העברעאיש און לאַטייניש. ער האָט אליין זעהר פיעל געליטען פון דער פריהערדיגער רעאַקציאָנערער שטימונג אין וואַטיקאַן. דורך די אידען־פיינדליכע בעפעהלען פון פויפסט פּאול IV, האָט ער פערלוירען זיין גאַנצען פערמעגען. דער פויפסט פיוס IV, האָט איהם ערלויבט צו פּראַקטיצירען ביי די קריסטען, אַ דאַנק זיין שענעם לאַטיינישען בריעף, וועלכען ער האָט פאָרגעלעזען פאַר'ן פויפסט און זיין קאלעגיום פון די קארדינאַלען. אונטער דעם פויפסט פיוס V, האָט ער ווידער פערלוירען די מעגליכקייט צו פּראַקטיצירען עפענטליך און איז געזוען געצוואונגען צו געהן אויף פּראַקטיק בשתיקה צו די קלענערע פריצים אין זייערע הויפען. כדי צו קעמפּפען געגען די שלעכטע מיינונגען, וואָס דער פאַנאַטיזם האָט בעשאַפען אַרום די אידען, און בעזונדערס אַרום די אידישע דאָקטוירים, האָט ער מחבר געווען אויף לאַטייניש אַ ספר: „דער אידישער דאָקטאָר“, אין וועלכען מען זעהט אַרויס קלאָר, וואָס פאַר אַ הומאַנישער און אַ הויך־געבילדעטער מענש ער איז געווען. מיט הייסער בערעדעוודיגקייט דערקלערט דע פּאָמיס, אז דער איד איז, לויט זיין רעליגיאָן, מחויב דעם קריסט צו ליעבען, ווי אַ ברודער, און אַז דער אידישער דאָקטאָר איז גאַנץ ווייט פונ'ם געדאַנק, צו ברענגען שאָדען דעם קריסטליכען חולה, פיעל מעהר איז ער זיך משתדל מיט זיין גאַנצער מעגליכקייט אויסצוקורירען איהם פון זיין מחלה. דערביי רעכענט ער אויס אַ גאַנצע רייהע פון אידישע דאָקטוירים, וואָס האָבען קורירט קאַרדינאַלען, פויפסטען און מלכים און האָבען זיי גליקליך אויסקורירט, ווערענדיג בעשאָנקען דערפאַר מיט גרויסע חסדים און כבוד סיי פון זיי אליין, סיי אויך פון גאַנצע שטעדט. לסוף ברענגט דע פּאָמיס געוויסע מאמרים פון תלמוד, כדי צו דערוויזען, אז דער דאָזיגער ספר, געגען וועלכען משומדים און פאַנאַטישע קריסטען האָבען אַזוי פיעל געשריבען, איז כלל נישט קיין פערדערבליכער ספר. דער דאָזיגער ספר, צו פערטיידיגען די אידישע דאָקטוירים און דאָס יודענטום, האָט דע פּאָמיס געווידמעט דעם פירשט פראַנציסקא מאַריאַ; די לאַטיינישע שפּראַך איז דאָרין אַזוי שען, אז דער ספר האָט נושא חן געווען ביי אַלע דאַמאָלדיגע קריטיקער און, ווי עס שיינט, האָט ער אויך געמאַכט אַ גוטען איינדרוק אויפ'ן פּויפּסט סיקסטוס. דע פּאָמיס איז, משמעות, בכלל געווען אַ גרויסער חשוב

ביים פייפסט דען ער האט איהם געווידמעט זיין צווייט ווערק—א תלמודיש ווערטער־בוך אין דריי שפראכען.

די גינסטיגע בעציהונג פונ'ם פויפסט סיקסטוס צו די אידען, האט דערוועקט אין זיי די האפנונג צו פועל'ן ביי איהם, אז ער זאל ארונטער־נעהמען דעם פויפסטליכען „חרם" פונ'ם תלמוד און פון די רבנישע ספר'ם אויף שטענדיג. אונטער די צוויי לעצטע פויפסטען האט מען נישט גע־מארט האלטען אין איטאליען אזעלכע ספרים, און די אינקוויזיציע פלעגט דערויף שטרענג אכטונג געבען. אויב מען פלעגט ביי עמיצען ענטדעקען א אידישען ספר, פלעגט מען איהם באלד שטעלען פאר'ן אינקוויזיציאנס־געריכט. אפילו גאר „כשר'ע" העברעאישע ספרים, ד"ה אזעלכע, געגען וועלכע די פויפסטען אליין האבען זיך קיינמאל נישט ארויסגעזאגט, איז געווען געפעהרליך צו האלטען, דען צוליעב דעם וואס דאס אינקוויזי־ציאנס־געריכט האט אין די אידישע ספרים נישט פערשטאנען, האט מען פערבאטען אלערליי ספרים אהן קיין שום אויסנאהם. האט א מוסר אנ־געוויזען דער אינקוויזיציע, אז ביי א אידען געפינט זיך א ספר, פלעגט מען דעם אידען באלד ארעסטירען, און דעם ספר פלעגט מען איבערגעבען „מבינים" אין די הענד—משומדים, אדער קריסטליכע לומדים, און אפט פון זיי איז אבגעהאנגען דער גורל פונ'ם אידישען פערברעכער אויב מען זאל ביי איהם קאנפיסקירען בלויז זיין פערמעגען, אדער אז מען זאל איהם אויך שיקען אויף שווערע ארבייט אויף די שיפען (גאלערען). כדי אלזא פטור צו ווערען פון אזעלכע יסורים און רדיפות, האבען די קהלות פון מאנטוא, מאילאנד און פערראַרא, אנגעגעבען א ביטע צום פויפסט סיקסטוס V, אז ער זאל ערלויבען די אידען, צו האלטען דעם תלמוד און אנדערע רבניש'ע ספרים, אויב זיי וועלען נאר פריהער צענזו־רירט ווערען. דערביי האבען די אידען זיך געקאנט פעררופען אויפ'ן בע־שלוס פונ'ם פריהערדיגען פויפסט פיוס IV, וועלכער האט ערקלערט, אז מען ברויך דעם תלמוד נישט פערארטיילען כתם, נור מען דארף איהם לאזען דורכקוקען דורך א צענזאר, וועלכער דארף דערוויטערען אלע שטעלען, וואס ער קאן דארט געפינען געגען דעם קריסטענטום. כדי דורכ־צופיהרען די השתדלות, האבען די אידען געשיקט א שתדלן, בצלאל מאַ־סערנא, וועלכען זיי האבען מיטגעגעבען צוויי טויזענד סקודי און גע־שיקט איהם קיין רוים, כדי דארט אונטערצוקויפען די גלחים, אז זיי זאלען שטעהן אויף זיין צד ביים אנגעבען די ביטע דעם פויפסט. די ביטע איז טאקי בעוויליגט געווארען דורך א בולה, סיקסטוס V האט ערלויבט ווידער צו דרוקען דעם תלמוד און אנדערע אידישע ספרים, נאטירליך, נאך א שטרענגער צענזור. די איטאליענישע אידען האבען זיך שוין געפרייט, צו האבען ווידער דעם תלמוד, חאטש אפילו אין א צוריסענער פארם דורך דער צענזור. אבער די צענזור האט נאר וואס געהאט געענדיגט איהר אר־בייט און א קאמיסיע האט געהאלטען אין בעטראכטען איהרע פאדערונ־

גען וועגען דעם אויסשטרייכען געוויסע ערטער, ווען דער קלוגער פויפּסט איז פּלוצלונג געשטאָרבען (7־טער אויגוסט 1590) און די דרוקעריי פֿון הלמוד, וואָס האָט זיך שוין נעהאַט אָנגעהויבען, איז צוריק אָבגעשטעלט געוואָרען.

דאָס, וואָס סיקסטוס V איז אָבער געווען עטוואָס נאָכגיבינגער פּאַר די אידען, איז נישט געווען צוליב זיין גערעכטיגקייט, נור צוליב זיין הייסען פערלאַנג, אָנצוזאַמלען פיעל גאָלד. זיין ביאָגראַף שרייבט וועגען איהם אַזוי: די קריסטען האָט ער בלוט געלאָזען דורך איין אָדער, די אידען דאַגעגען — דורך אַלע אָדערן מיט אַמאָל. זיי זענען אָפט געווען געצוואונגען צו שיקען אונגלויבליך גרויסע סומעס געלד אין אוצר פון פויפּסט. זייער לאַגע איז אָבער דערפון פאָרט דאָך עטוואָס לייכטער געוואָרען". — אינמער דעם פויפּסט קלעמענס VIII (1592—1605) האָט זיך צוריקגעקעהרט דאָס אַלטע סיסטעם: קיין געלד האָט מען שוין פון אידען מעהר נישט פערלאַנגט, אָבער דערפאַר איז מען פאַר זיי געוואָרען ווידער אַזוי שלעכט, ווי אין די צייטען פון פּאַול IV, פּיוס V און גרעגאָר XIII. מען האָט ווידער אַרויסגעטריבען די אידען פון'ם פויפּסט'ס מדינה און איבערגעלאָזען זיי בלויז אין די שטעדט אַנקאָנאַ אַביניאָן און רוים. אויב מען האָט בעגעגענט אַ אידען אין אַנדערע פויפּסטליכע שטעדט, האָט מען זיין פערמעגען קאָנפיסקירט און פערמשפּט איהם צו שווערע אַרבייט אויף די שיפען. די אידען, וואָס זענען געבליבען וואוינען אין די דערמאָהנטע דריי שטעדט, האָט מען בעגרעניצט אין זייערע רעכטען ווי פריהער.

ווי עס שיינט, האָט אַריינגענומען אין זיין מדינה די אידען, וועלכע זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון'ם פויפּסט'ס מדינה, פערדינאַנד דער הערצאָג פון טאָסקאַנאַ, אָנווייזענדיג זיי די שטאָדט פּיזא פאַר אַ אָרט אויף צו בעזעצען זיך (יולי 1593). ער האָט זיי אויך ערלויבט צו האָבען אַלערליי ספרים, אַלזאָ אויך דעם תלמוד; נור די געדרוקטע ספרים האָבען פריהער געמוזט דורכנעהן דורך אַ צענזור, וועלכע עס האָט בעשטימט פריהער סיקסטוס V. דער פאַנאַטיזם פון פויפּסט איז אַזוי גרויס געווען, אַז אפילו אַזעלכע הומאַנע פירשטען, ווי פערדינאַנד דע מעדיצי פון טאָסקאַנאַ און ביצענצא גאָנצאַגאַ פון מאַנטואַ האָבען זיך נישט געטאָרט ערלויבען עובר צו זיין אויף זייערע שטרענגע בעגרענצונגען נעגען די אידען. אויך דאָרט, וואו מען האָט די אידען ערלויבט כלומרשט, פון רחמנות וועגען, צו האָבען צענזורירטע ביכער, האָבען די אידען געהאַט אויסצושטעהן יסורים און געלד־אויספּרעסונגען. זיי האָבען געמוזט צאָהלען געלד די משומדים־צענזאָרען פאַר דער אַרבייט דורכצוקוקען און מויסטענס צו ברענגען שאָדען זייערע ביכער, דערביי זענען זיי אויך נישט געווען זיכער, אַז מען וועט זיי די ספרים נאָכדעם צוריק נישט קאָנפיסקירען און זיי נאָך בעשטראָפען דערצו, ווייל דאָס אָדער יענע וואָרט איז נאָך נישט אויסגעשטראָכען געוואָרען. די אידען אַליין

האבען זיך גענומען פאר דער משונה'דיגער ארבייט; כדי פטור צו ווערען
פ'נ'ם צענזור, האבען זיי אויסגעשטריכען אין זייערע ספרים אלע ערטער,
וועלכע האבען געהאט כאטש די ווייטעסטע שייכות צו די אידען אדער
צום קריסטענטום; אפילו די ערטער, וואס רעדען וועגען דער אידישער
האפנונג אויף משיח'ן, האבען זיי אויסגעשטריכען. ווייל אבער איטאליען
איז דאמאלס געווען דער הויפט־ארט, פון וואנען מען פלעגט בעקומען אי-
בעראל געדרוקטע ספרים, האבען די אידען אין אלע לענדער בעקומען
ספרים פערדרעהטע און אויסגעשניטענע, אין וועלכע מען האט שוין מעהר
נישט געקאנט געפינען קיין איינציג ווארט פון אידישען פאלק, וועלכעס
קלאגט זיך געגען די יסורים, וואס עס קומט איהם אוים צו ליידען פוי די
קריסטען.

אויב אבער עס איז אונטער דעם פויפסט קלעמענס VIII שווער גע-
ווען די אידישע לאגע אין די מדינות פון די געבילדעטע און הומאנע אי-
טאליענישע פירשטען, איז זי געווארען גאר אונערטרעגליך פאר יענע אי-
דען, וועלכע האבען געוואוינט אין יענע איטאליענישע פראווינצען, וואס
עס האט פריהער געהאט איינגענומען דער שפאנישער קעניג פיליפ דער
צווייטער. דער דאזיגער קעניג האט געוועלטיגט איבער גרויסע מדינות
אין אייראפא און אמעריקא, וואו עס האט זיך נישט געטארט געפינען קיין
איינציגער איד. נור אין מילאנא האבען זיך נאך געפונען אידען, און דע-
ריבער האבען זיינע שרים אין מאדריד זיך דערוועקט און אנגעוויזען איהם,
אז ער טאר נישט אבווייכען פון זיין אלגעמיינעם רעזשים נעגען די אידען
און ארויסטרייבען זיי אויך פון דארט. באלד האט זיך געפונען דערצו א
געלעגענהייט: אין קרעמאנא (קרימונה) האט א גוי דער'הרג'עט א אידען
און איז אנטלאפען אין קירכע אריין, כדי מען זאל איהם פון דארט נישט
טארען נעהמען צום משפט. אבער דער בישאף האט ערלויבט צו נעהמען
איהם אויך פון דארט און משפט'ן איהם; דערנאך האט מען איהם אויפ-
געהאנגען, לויט'ן אורטייל פון געריכט. די קריסטליכע בעפעלקערונג פון
קרעמאנא איז דערויף געווארען זעהר אויפגעבראכט און בעקלאגט זיך
ביים קעניג פיליפ טענה'ענדיג, אז אזוי דארף נישט טהון א מלך, וואס איז
אזוי פרום ווי ער, און ער דארף דערפאר די אידען ארויסטרייבען פון מי-
לאנא. אומזיסט האבען די ארטיגע שרים זיך משתדל געווען פאר די אידען,
אנווייזענדיג, אז בשעת דער מגפה האבען די אידען געטהון פיעל גוטס
פאר די קריסטען; אומזיסט איז אויך געווען די גרויסע בעמיהונג פון אי-
דישען שתדלן רבי שמואל הכהן פון אלוסאנדריא, וועלכער איז
קיין מאדריד געגאנגען און אנגעוויזען דארט פאר'ן קעניג מיט זיינע שרים,
וואס פאר א גרויסע נוצען די אידען ברענגען פאר'ן לאנד — די קריסטליכע
איינוואוינער פון קרעמאנא האבען אויך געשיקט זייערע שתדלנים מיט
פיעל געלד און זיי האבען געפועלט, אז דער קעניג פיליפ זאל ארויסגעבען
א בעפעהל, ארויסצוטרייבען די אידען פון די שטעדט אין צפון־איטאליא.

קוּעמאָנאַ, פּאַוויאַ, לאָדי און אַנדערע, לערך טויזענד פּערזאָן בסך הכל. די אויסגעטריבענע אידען האָבען געמוזט געהן בעטען זיך ביי די ממשלות פון די שטעדט מאַנטואַ, מאָדענאַ, רעדזשיאָ, ווערנאַ און פּאַדואַ, אַז מען זאָל זיי לאָזען דאָרט בעזעצען זיך. בשעת'ן גירוש האָבען די אכזריות'דיגע קריסטען זיי בערויבט נאָך זייער פערמעגען. אויך איבער די אידען פון פעררארא, וועלכע איז פאַר זיי שטענדיג געווען אַ מקום־מקלט און אַנ'אונ־גליקס־צייט און אפילו די אנוסים האָבען דאָרט זיך אָפּט געקאָנט בעהאַל־טען פון דער פערפאָלגונג, — אויך איבער זיי האָט איצט געשוועבט דאָס שווערד פון די גלחים. די הערצאָגליכע משפחה ד'עסטע, וואָס איהרע מיטגלידער האָבען קאָנקורירט אין מענשליכקייט און ליעבע צו קונסט און וויסענשאַפט מיט די מעדיצעס, איז איצט אויסגעשטאָרבען. די אידען זענען אַזוי שטאַרק געווען פערבונדען מיט דער דאָזיגער אידעלער משפּחה אַז זיי האָבען תפלה געטהון אין די בתי־מדרשים, ווען די לעצטע פּרינצע־סין פון'ם דאָזיגען הויז, לעאָנאָראַ, איז קראַנק געוואָרען, דען זי איז אויך געווען אַ אידען־פריינדין. ענדליך איז אָבער דער לעצטער הערצאָג ד'עסטע, אַלפאָנזאָ II, געשטאָרבען (1597) אָהן קינדער, און די שטאָדט פעררארא מיט איהר אומגעגענד איז, לויט זיין צוואה, איבערגעגאַנגען צום פּויפּסט און אריינגערעכענט געוואָרען אין זיין קירכליכער מדינה. די אידישע קהלה, וועלכע איז דאָרט על פּי רוב בעשטאַנען פון די פריהער איינגעוואַנדערטע אנוסים, האָט זיך שוין געהאַט צוגעגרייט אויסצוואַנ־דערען, ווייל פון פּויפּסט קלעמענס VIII האָט מען קיין רחמנות נישט געקאָנט ערוואַרטען. זיי האָבען נור געבעטען ביים פּויפּסטליכען בעאַמטען, וועלכער איז געשיקט געוואָרען צו פערנעהמען די שטאָדט, אַז ער זאָל זיי געבען אַ געוויסען טערמין, ביז זיי וועלען קאָנען צוגרייטען זיך צו דער אויסוואַנדערונג. דער בעאַמטער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז דער רוב מסחר פון שטאָדט געפינט זיך אין די אידישע הענדע, און, ממילא, האָט די שטאָדט איהר גאַנצע הכנסה אויך נור פון די אידען. ער האָט דעריבער ערלויבט די אידען צו בלייבען וואוינען אין שטאָדט נאָך פינף יאָהר און האָט דאָס געפועלט געגען דעם ווילען פון'ם פאַנאַטישען פּויפּסט, דען ער האָט איינגעזעהען, אַז מיט דער אויסוואַנדערונג פון די אידען, וועט דער מסחר פון דער שטאָדט אונטערגעהן. פאַר די אנוסים פון פאָרטוגאַל האָט פעררארא אויפגעהערט צו זיין פון דאַמאָלס אַ מקום־מקלט צו אנט־ליפען פון דער אינקוויזיציע, ווייל אויך דאָ האָט זיי ערוואַרט דאָס אינק־וויזיציאָנס־געריכט פון'ם פאַנאַטישען פּויפּסט. אַזוי אַרום האָבען די אנוסים פערלוירען דעם לעצטען אָרט, וואו זיי האָבען געקאָנט זיך בעהאַלטען פאַר דער בלוטדורשטיגער חיה, און אין גאַנץ מערב־ און צענטראַל־אייראָפּאַ איז פאַר זיי מעהר קיין רוהיג אָרט נישט געבליבען.

זעקסטעס קאפיטעל.

די קהלות פון די אנוסים
אין אמסטערדאם, האמבורג און באָרדא.

(1599 — 1648)

אין דער צייט, וואָס אין אייראָפּאַ און אזיען, אין דער קריסטליכער און אין דער מהמד'אַנישער וועלט האָבען די אידען פּערלוירען דעם באָדען אונטער זיך, האָבען אַ טייל אידען דוקא אינ'ם לאַנד פון זייער פערביטערטסטען פיינד, פון פיליפ דעם צווייטען פון שפּאַניען, בעקומען אַ פעסטען באָדען און מיט דער צייט גנעקאָנט דאָרט האָבען אַ געוויסע פרייע לאַגע. בעטראַכט מען די סבות און זייער ווירקונג, בעמערקען מיר, אַז אינ'ם לעצטען עטאַפּ איז עס געווען דוקא די בלוטיגע אינקוויזיציע, וועלכע האָט מיטגעווירקט דער אידישער פרייהייט אינ'ם דאָזיגען לאַנד. האָלאַנד, דאָס לאַנד, וועלכעס דער מענש האָט מיט געוואַלד אָבגעריסען ביים ים זיין באָדען, קעמפּפענדיג ביי איהם שריט ביי שריט מיט נישט מיעדווערענדיגער ענערגיע, — האָלאַנד איז געוואָרען אַ מקום-מנוחה פאַר די אידען, וועלכע די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט מיט איהר מערדעריי געטרודפט אין טויט אריין; אין האָלאַנד האָבען די אידען געקאָנט לייכט אָבאָטעמען און ענטוויקלען אפילו אויך זייער אייגענאַרטיגקייט אין פּולער פרייהייט. נישט לייכט איז אַזאַ זאַך פּאָרגעקומען; פיעל געשעהענישען האָבען געמוזט פּאַרקומען אין דער פּאָליטישער וועלט, ביז דאָס איז מעגליך געוואָרען. פון אַלטע צייטען האָבען זעהר ווייניג אידען געוואוינט אין יענעם לאַנד. דאָס ביסעלע אידען, וואָס זענען דאָרט געווען אין דער ערשטער העלפט פון די מיטעלאַלטערליכע יאָהרען, זענען אומגעקומען אין די טרויעריגע צייטען פון די קרייצצוגען און פון דער שוואַרצער מגפה.

ווען נידערלאַנד איז אריינגעקומען אין רשות פון דער גרויסער ממשלה פון קייזער קאַרל V און פעראייניגט געוואָרען מיט שפּאַניען איז די שפּאַנישע שנאה צו אידען אויך פערפלאַנצט געוואָרען אינ'ם דאָזיגען לאַנד. דער קייזער קאַרל האָט שטרענג בעפוילען, אַז מען זאָל אין נידערלאַנד קיין אידען נישט אריינלאָזען, און יענע ביסעלע אידען, וואָס זענען דאָרט געווען האָט ער בעפוילען אַרויסצוטרייבען. יעדער בירגער

איז מחויב געווען אָנצעווייזען, אויב עס געפינט זיך ערגעץ-וואו אַ איד. צוליב דער אינקוויזיציע מיט איהרע גרויסע רדיפות, האָבען זיך אָבער בעזעצט פיעל משפחות פון אנוסים מיט זייער גרויסער עשירות, פלייסי-קייט און פעהיגקייט. אין די נידערלאַנדישע שטעדט אַנטווערפען, ברישעל און גענט, כדי דאָרט צו קאָנען פערבלייבען אידען בשתיקה. אָט די געהיי-מע אידען האָט איצט געטראָפען קאַרל'ס בעפעהל נאָך שטרענגער. זיי ב'אגיסטראַטען האָבען אין'ם דאָזיגען פונקט שטרענג ערפילט דעם בע-פעהל פונ'ם קייזער, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט, אַז צוליב די אנוסים וועט מען אַריינברענגען דאָס אינקוויזיציאָנס-געריכט אויך אין נידערלאַנד. אַ זאַך, וועלכע זיי האָבען בעטראַכט, ווי אַ טויט און פערדערבען פאַר'ן גאַנצען לאַנד.

סוף כל סוף האָט דאָך אָבער נידערלאַנד נישט געקאָנט אויסמיידען די אינקוויזיציע, ווייל די בעפעלקערונג איז דאָרט געווען על פי רוב לוט-הערישׁ-רעפאָרמירט. דער דאָזיגער אומשטאַנד איז געווען די הויפּט-סבה, פאַרוואָס נידערלאַנד איז אָבגעפאַלען פון שפּאַניען — אַ געשעהעניש, וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ לאַנגער מלחמה. קליין איז געווען די מלחמה אין איהר התחלה, גרויס אָבער איז איהר ענטוויקלונג און רעזול-טאַטען. דאָס רייכע שפּאַניען איז דורך איהר פעראָרימט געוואָרען און די קליינע האָלאַנד דאַגעגען — גרויס און מעכטיג.

די פּאָרטוגעזישע אנוסים, וועלכע האָבען אַפילו אויך אין דריטען דור נישט געוואָלט און נישט געקאָנט אָבזאָגען זיך פון יודענטום, האָבען אַלץ מעהר זיך צוגעווענדעט זייער אויפמערקזאַמקייט דוקא צו יענע לענ-דער, וועלכע האָבען געהאַלטען אין קעמפען פאַר זייער פרייהייט, בפרט נאָך ווען די אינקוויזיציע האָט געהאַלטען אין איין פערגרעסערען איהרע תפיסות און פלאַמען-פייער פאַר זיי. זינט עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער סימן פון דער התחלה פון שפּאַניען'ס מפלה, ווען עס איז אונ-טערגעגאַנגען איהר גרויסער פלאָט (די אַרמאַדאַ), מיט וועלכער פיליפּ דער צווייטער האָט געוואָלט און געקאָנט ווערע געפעהרליך נישט בלויז פאַר ענגלאַנד, נור אויך פאַר גאַנץ אייראָפּאַ, אַריינברענגענדיג איבעראַל די קייטען פון מאַטעריעלער און גייסטיגער קנעכטשאַפט — זינט יענער צייט אַן האָבען די אנוסים געהאַלטען אין איין טראַכטען, ווי אַזוי פטור צו ווע-רען פון דער קנעכטשאַפט און דער שפּאַנישער טיראַניע און דערשלאָגען זיך צו אַ וועלכער עס איז פרייהייט. און ווייל איראַליען איז פאַר זיי פער-שלאָסען געוואָרען נאָך דער פערשטאַרקטער רעאַקציע פונ'ם פויפּסט פּאָול III און די פויפּסטען, וואָס זענען געווען נאָך איהם, האָבען זיי אָנגעהויבען לענקען זייער גאַנצע האָפנונג אויף נידערלאַנד.

אַן אָנגעזעהענער איד, שמואל פּאַלאַחי, וועלכען דער קעניג פון מאַראָקאָ האָט בעשטימט פאַר אַ קאָנסול אין נידערלאַנד (1591), האָט געמאַכט אַ פאָרשלאַג דעם מאַגיסטראַט פון מידעלבאָרג (פּראָווינץ זע-

ע'ראנד) אריינצוגעהמען אנוסים און געבען זיי רעליגיאנס־פרייהייט. דער־
פאר האט ער מבטיח געווען, אז זיי וועלען מיט זייער עשירות און גרויסען
בכהר מאכען די שטאדט פאר א וויכטיגען האנדעלס־פלאץ. די מייסטע
ראטמענער האבען איינגעשטימט אויפ'ן דאזיגען פארשלאג; אבער די
ליידענשאפטליכע מלחמה, וואס די רעפארמירטע קריסטען האבען גע־
פיהרט געגען דעם קאטוילישען שפאניען און זיין פאליטישען און רעלי־
גיעזען דעספאטיזם, האט געמאכט אויך די רעפארמירטע גלחים פאר־
פערביסענע פאנאטיקער, און אט זיי האבען עס נישט איינגעשטימט אויפ'ן
פארגעלעגטען פלאן.

די אנוסים האבען זיך אבער נישט אבגעזאגט פונ'ם פלאן, צו בעזע־
צען זיך און לעבען אין די נידערלענדישע פראווינצען, וועלכע האבען זיך
צוין אבגעריסען פון שפאניען. זיי האבען געשפירט, ווי עס ציהט זיי מיט
א שטארקער קראפט צו דער נייער בירגער־רעפובליק, וועלכע האט גלייך,
ווי זיי, געהאסט דעם שפאנישען דעספאטיזם פון פיליפ דעם צווייטען מי
די פייער־אפער פון דער אינקוויזיציע. דער גרויסער נידערלענדישער פרא־
טעקטאר, ווילהעלם פון ארא ניען, האט ארויסגעזאגט דעם גע־
דאנק וועגען א פריינדליכען און פרייען צוזאמענלעבען פון פערשידענע
רעליגיאנס־פארטייען און סעקטעס, און, אויב דער דאזיגער געדאנק — דער
ערשטער קעהר פון הומאניטעט — איז אפילו נאך לעת עתה נישט פער־
ווירקליכט געווארען, האבען דאך די אנוסים זיך נישט אבגעזאגט פון דע
האפנונג פטור צו ווערען אמאל אין האלאנד פון זייערע טעגליכע אונמענש־
ליכע יסורים און רדיפות. א מוטיגע פרוי פון די אנוסים מאיאר ראד־
ריגעז האט, ווי עס שיינט, אויפגעטהון דעם פלאן, צו בעזעצען זיך די
ערשטע מיט איהר משפחה אין האלאנד. זי און איהר מאן גאספאר
לאפעז האמעם, איהרע צוויי זיהן און טעכטער ווי אויך פיעל מיט
גלידער פון דער דאזיגער רייכער און אנגעזעהענער משפחה, זענען נאך
אלץ געטריי געווען דעם יודענטום, וועלכען זיי האבען אבגעהיט בשתיקה
זיי זענען שוין אבער מיעד געווארען אבצוהיטען די קריסטליכע מנהגים
וועלכע האבען זיי דאך סוף כל סוף נישט זיכער געמאכט דאס לעבען פא
דער אכזריות'דיגער אינקוויזיציע.

אין יענער צייט האט א טייל אנוסים זיך געלאזט אויף דער רייזע
מ'ט'ן ים צו ענטלויפען פון פארטוגאל און זענען אבגעפאהרען פון דארט
אויף א שיף אונטער דער פיהרונג פון יעקב טיראדא. ווי אזוי די
זאך איז מעגליך געווארען פאר זיי און וואס פאר מיטלען פון פארזיכ־
טיגקייט זיי האבען דערביי אנגענומען, איז איצט אונבעוואוסט. די דא־
זיגע שיף האט די פרוי מאיאר ראדריגעז אנגעטרויט איהר טאכטער,
די שענע מרים נונעס. ווי עס שיינט האט איהר מוטער געהאפט,
אז א דאנק דער זעלטענער שענהייט פון איהר טאכטער זאלען די רייז־
זענדע קאנען געראטעוועט ווערען פון פיעל אונגליקען. אין דער ווירק־

ליכקייט איז עס טאַקי אַזוי אויסגעקומען. אין יענער צייט האָט, נעמליך, ענגלאַנד געפיהרט מלחמה מיט פיליפ דעם צווייטען, דעם קעניג פון די פעראייניגטע שפּאַניען אין פּאָרטוגאַל, און אַט האָט אַן ענגלישער קאַפּיטאַן — אַ הערצאָג גענומען די שיף געפאַנגען און געלאָזט זיך אַבפיהרען עס קיין ענגלאַנד. די שענע מרים האָט בעצויבערט דעם הערצאָג און ער האָט געמיינט, אַז זי געהערט צו דער משפחה פון די גרויסע פּאָרטוגיעזישע מיוחסים, זיין ליעבע צו איהר איז אַזוי גרוים געוואָרען, אַז ער האָט איהר פאָרגעלעגט חתונה צו האָבען מיט איהר. די אידישע טאָכטער מרים האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט פון אַזאַ גרויסען שדוך, ערקלערענדיג אָפען, אַז זי איז אַ אידיש-קינד און וויל אַזעלכע בלייבען. ווען די שיף איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן מיט אַלע געפאַנגען גענומענע מאַנזביל, פרויען און קינדער פון די אַנוסים, האָט די זאַך געמאַכט דאָרט אַ גרויסען איינדרוק; בעזונדערס שטאַרק האָט מען אָבער גערעדט וועגען דער שענער מרים און איהר אָבזאָגען אַזאַ רייכע און גלענצענדע פּאַרטיי מיט'ן בעוואוסטען הערצאָג די ענגלישע קעניגין עליזאַבעטע האָט צו זיך איינגעלאַדען די אידישע מרים און איז פון איהר שענהייט אַזוי בעצויבערט געוואָרען, אַז זי איז מיט איהר געפאָהרען דורך די לאָנדאָנער גאַסען אין אַן אָפענער קאַרעטע. משמעות, אַ דאַנק דער ביטע פון מרים נונעס, האָט די קעניגין ערלויבט די אַנוסים צו פערלאָזען ענגלאַנד, כדי צו געהן קיין האָלאַנד. אויפ'ן וועג קיין האָלאַנד האָבען די אַנוסים געהאַט אויסצושטעהן אַ שרעקליכען שטורם-ווינד אויפ'ן ים; אין די צוויי שיפען, אויף וועלכע זיי זענען מיט זייער עשירות געפאָהרען, האָבען זיך בעוויזען שפּאַלטען און וואַסער. דער ים האָט זיך אָבער ענדליך בערוהיגט, און די רייזענדע איז געלונגען צו קומען קיין עמדען אין מערב-דייטשלאַנד, אָדער פריזלאַנד, וואו עס איז געוועזן אַ קליינע אידישע קהלה נאָך פון פאַרצייטען.

אַריינפאָהרענדיג אין שטאָדט, האָבען די אַנוסים נישט געוואוסט, ווי אַזוי אויפצוזוכען די דאָרטיגע אידען, דען זיי האָבען קיין אידען קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהען און נישט געוואוסט, ווי אַזוי זיי דערקענען. לאַנג האָבען זיי ארומגעבלאָנדזשעט אין די גאַסען פון שטאָדט, ביז זיי זענען אַריינגעקומען אין שמאָלע, ענגע געסלעך און דאָרט האָבען זיי דערזעהען איינוואוינער, וועלכע זענען געוועזן, לויט'ן פּנים און קליידונג, פערשידען פון דער איבעריגער בעפעלקערונג. אַרומבלאָנקענדיג אַזוי אין גאַס, האָבען זיי דערזעהען אויף די טהירען פון די הייזער קליינינקע שאַכטעלעך מיט העברעאישע אותיות; דערפון האָבען זיי פערשטאַנען, דאָס זיי געפינען זיך צווישען אידען, וועלכע קענען עפענטליך זייער גאָט דינען, דאַן איז דער מנהיג פון די אַנוסים, יעקב טיראַדאָ אַריינגעגאַנגען אין איינעם פון די אידישע הייזער אין, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען האָט ער געטראָפען צום רב פון דער קהלה רבי משה אורי הלוי (געבוירען 1542, געשט.

(1620). יעקב טיראַדאָ האָט ענטדעקט דעם רב, ווער ער מיט זיינע חברים זענען און ערקלערט, אַז זיי ווילען זיך מל'ה זיין און לעבען עפענטליך, אַלס אידען. רבי משה אורי איז אָבער געוועזען זעהר פאָרזיכטיג, דען אין אַ קליין שטעדטעל וואָלט די זאַך באַלד געוואָרען בעוואוסט און פאַר מגייר זיין קריסטען וואָלט מען דאָרט שטרענג בעשטראָפט. ער האָט דעריבער אַנעצה געגעבען די אַנוסים צו געהן קיין אַמשטערדאַם, וואו עס האָט געהערשט מעהר טאָלעראַנץ, צוזאָגענדיג זיי, אַז ווי נור זיי וועלען זיך איינאָרדנען, וועט ער קומען צו זיי מיט זיין גאַנצער משפחה, מל'ה זיין די מאַנזביל און לערנען זיי, ווי אַזוי צו זיין אידען. די אַנוסים איז טאַקי אויך געלונגען אַריינצוקומען אין אַמשטערדאַם, און דעם 22־טען אַפּריל 1593 האָט זיך בעזעצט די ערשטע אידישע קהלה פון די פּאָרטוגיזישע אַנוסים מיט יעקב טיראַדאָ בראש אין אַמשטערדאַם, וואו זיי האָבען זיך איינגעאָרדענט איינער נעבען דעם אַנדערען, און באַלד נאָכדעם האָבען זיי אַראָבגעבראַכט צו זיך דעם רב פון עמדען, רבי משה אורי הלוי מיט זיין משפחה, כדי ער זאָל זיי צוריקקעהרען צו יודענטום עפענטליך. דער ערשטער האָט זיך געלאָזט מל'ה זיין יעקב טיראַדאָ, וועלכער איז שוין געווען אַ מענש אין עלטערע יאָהרען; נאָך איהם האָבען עס געטהון אַלע מיטגלידער פון דער עדה, און רבי משה אורי מיט זיין זוהן אהרן האָבען פאַר די אַנוסים איינגעאָרדענט אַ שוהל און געדיענט דאָרט אַלס רב און חזן. אויסער יעקב טיראַדאָ האָבען פיעל מיטגעווירקט ביי דער גרינדונג פון דער נייער קהלה אויך דער מאַראָקאַנישער קאָנסול, רבי שמואל פאַלאַחי און אַ דיכטער פון די אַנוסים, וועלכער איז אַהין געקומען פון דער אינזעל מאַדעירא, רבי יעקב ישראל בעלמאָנטע, וועלכער האָט געשילדערט די ענוים, וואָס די אידען זענען אויסגעשטאַנען פון דער אינקוויזיציע אין אַ שיר מיט אַ פּאַסענדען נאָמען „איוב". באַלד זענען געקומען קיין אַמשטערדאַם נייע אַנוסים, וועלכע האָבען זיך צוריקגעקעהרט צום יודענטום, און די אידישע קהלה האָט דאָרט אָנגעהויבען וואַקסען און זיך פערשטאַרקען. אַן ענגלישער פּיראַט, וועלכער איז אונטער דעם גראַף עסעקס דאַמאָלס (זומער 1596) אָנגעפאַלען אויף די שפּאַנישע פעסטונג קאַדיקס און געמאַכט איהר פיעל שאַדענס, האָט איבערגעפיהרט פיעל אַנוסים קיין האָלאַנד, צווישען זיי אויך דעם אָריגינעלען אַנוסי אַלפאָנזאָ דע הערערא, וועלכער האָט געשטאַמט פון אידישען און אַלט־שפּאַנישען בלוט און איז שפּעטער געוואָרען זעהר וויכטיג פאַר'ן יודענטום. איינער פון זיינע עלטערזיידעס איז געווען דער גרויסער קאַפּיטאַן, גאָנזאַלווא דע קאָרדאָוואַ, וועלכער האָט איינגענומען נעאַפּאָל פאַר שפּאַניען. אַלפאָנזאָ איז געווען דער שפּאַנישער רעזידענט פון קאַדיקס און, בשעת די שטאָדט איז דורך די ענגלענדער איינגענומען געוואָרען, איז ער אַריינגעפאַלען אין געפענגניש ביי די ענגלענדער. ווען די לעצטע האָבען איהם צוריקגעגעבען די פרייהייט, האָט ער זיך אָבער נישט אומגעקעהרט קיין שפּאַניען, נור

אַבגעפאַהרעז קיין האָלאַנד, וואו ער איז קיין אַמשטערדאַם געקומען און אנגעקומען צוריק דאָס יודענטום מיט'ן נאָמען אברהם דע הערערא. דאָרט האָט ער זעהר פיעל תורה געלערנט; בעזונדערס שטאַרק האָט ער זיך עוסק געווען מיט קבלה פונ'ם בעל מקובל רבי ישראל סרוק, דער תלמיד פונ'ם אריז"ל. רבי אברהם הערערא האָט מחבר געווען אין קבלה עטליכע ספרים אויף שפּאַניש, וועלכע רבי יצחק אבוהב האָט איבערזעצט אויף העברעאיש מיט'ן נאָמען „בית־אלהים ושער־השמים“ (Puerto del Cielo) דעם אריז"ל'ס קבלה ווערט דאָרט ערקלערט אין דיאַלאָגען, ווי די פילאָסאָפיע פלאַטאָ. רבי אברהם הערערא איז געוואָרען אַ גרויסער חשוב אין האָלאַנד און נאָך זיין טויט זענען געגאַנגען אויף זיין לויה דער פרינץ פון אָראַניען מיט פיעל שרים.

פונדעסטוועגען איז אָבער פאַר די אנוסים אין אַמשטערדאַם כלל נישט געווען קיין לייכטע זאַך אָבצוהיטען עפענטליך די אידישע רעליגיע. ווען די ערשטע פאָרטוגיעזישע קהלה האָט בשתיקה אָבגעריכט צום פיערטען מאָל יום־כפור (אָקטאָבער 1596) און די קריסטליכע שכנים האָבען דערזעהען ווי מענשען געהען בגנבה אַנגעטהון אין ווייסען אין אַ זייטיגע געסעל, האָבען זיי געמיינט, אַז דאָס זענען די פערשוואָרענע פּאַפּיסטען, און מודיע געווען וועגען דעם דעם מאַגיסטראַט. ווערענד די געוועזענע אנוסים זענען פערטיעפט געווען אין דער יום־כפור'דיגער תפלה, זענען אריינגקומען בעוואַפענטע קריסטען אין שוהל, וואַרפענדיג אויף אַלעמען אַנ'אימה. דאָס רוב געוועזענע אנוסים האָבען נאָך גוט געדענקט אַזעלכע איבערפאַלען מצד דער אינקוויזיציע אין פאָרטוגאַל און דעריבער האָבען זיי געמיינט, אַז דאָ אין אַמשטערדאַם קומט אויך פּאַסיט זיי דאָס אייגענע. זיי האָבען אַלזאָ געפּרובט ענטלויפען, אָבער דאָס האָט נאָך פערגרעסערט דעם חשד, אַז זיי זענען פערשטעלטע קאַטוילען, וועלכע האַלטען אָב אַ פערזאַמלונג געגען דער האָלענדישער רעגירונג. די בעוואַפענטע בעאַמטע האָבען לאַנג געזוכט אין שוהל צלמים און קירכענקליידער און לסוף האָבען זיי אָבגעפיהרט אין תפיסה רבי משה אורי מיט זיין זוהן. יעקב טיראַדאָ אָבער, וועלכער האָט גוט געקאַנט לאַטייניש האָט דערווייל ערקלערט אין מאַגיסטראַט, אַז דאָ קומט פאַר אַ מיספערשטענדניש, ווייל די פערזאַמעלטע זענען נישט קיין פּאַפּיסטען, נור אידען, וועלכע זענען ענטלאָפען פון די פייער־מזבחות פון דער אינקוויזיציע; ער האָט אויך דערצעהלט, אַז זיי האָבען אריינגעבראַכט מיט זיך אין לאַנד אַ גרויסע עשירות און נאָך זיי וועלען נאָך אויך קומען פיעל אַנדערע אנוסים פון פאָרטוגאַל מיט זייער גרויסער עשירות און וועלען דאַדורך דערהויבען דעם מסחר פון האָלאַנד. טיראַדאָ'ס רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק: מען האָט די אַרעסטירטע באַלד אַרויסגעלאָזען. און די געוועזענע אנוסים האָבען זיך געקאָנט דאַוונען נאָך דעמזעלביגען יום־כפור ווייטער. דער דאָזיגער פאַל איז געוואָרען זעהר וויכטיג פאַר דער אידישער קהלה

אין אַמשטערדאַם, דען נאָכדעם, ווי עס ~ אַזוי אַרום אַנערקענט געוואָ-
רען אָפּיציעל אין אַמשטערדאַם די אידישע קהלה, האָט מען זיך אָנגעהויי-
בען משתדל זיין וועגען אַן ערלויבניש אַ שוהל צו בויען, און די השתדלנות
איז נאָך אַ לאַנגען ישוב־הדעת ערלויבט געוואָרען. יעקב טיראַדאָ האָט
באַלד געקויפט אַ פּלאַץ און געלאָזט אויפבויען די ערשטע אידישע שוהל
אין האָלאַנד „בית יעקב“ (1598) און די חנוכת־הבית איז געפייערט
געוואָרען מיט גרויסער התלהבות.

די פרעהליכע בשורות, וועלכע עס האָבען ערהאַלטען די אנוסים אין
שפּאַניען און פּאָרטוגאַל פון דער נייער אַמשטערדאַמער אידישער קהלה,
האָבען באַלד צוגעצויגען נאָך פיעל אנוסים צו קומען אַהין און עפענטליך
צוריקקעהרען זיך צום יודענטום. די קהלה האָט דאַדורך אָנגעהויבען גע-
שווינד צו וואַקסען. אויך די ערשטע אויפטהוערין פונ'ם פּלאַן צו גרינדען
די אַמשטערדאַם'ער קהלה, די פרוי מאַיאָר ראָדריגעז, האָט גע-
פונען די געלעגענהייט, צו ענטלויפען פון פּאָרטוגאַל, כדי זיך צו פעראיי-
ניגען אין אַמשטערדאַם מיט איהר שענער טאָכטער, מרים נונעס.
(1593). אין דערזעלביגער צייט איז געקומען קיין אַמשטערדאַם אויך אַנ-
אַנדערע אָנגעזעהענע פּאָרטוגיעזישע משפחה, וועלכע איז שוין געווע-
זען געווידמעט די פלאַמען פון דער אינקוויזיציע; דאָס איז געווען די
משפחה פראַנקאָ מענדעס, פאָטער און מוטער און צוויי זיהן,
פראַנציסקא מענדעס מעדעיראָס, וועלכער איז געווען ליטע-
ראַריש געבילדעט און האָט נאָכ'ן מל'ה זיין זיך אָנגענומען דעם נאָמען
יצחק, און קריסטאָבאַל מענדעס פראַנקאָ, וועלכער האָט אָנגענומען
דעם נאָמען מרדכי. זיי ביידע האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין
דער אַמשטערדאַם'ער קהלה, אָבער שפּעטער האָבען זיי אַריינגעבראַכט
אין איהר אַ שפּאַלטונג.

פיליפּ דער צווייטער האָט נאָך דערלעבט די מפּלה, זי-
זעהען, ווי ביידע פעלקער, די האָלענדער און די אידען, וועלכע ער האָט
אַמשטאַרקסטען פיינד געהאַט, האָבען זיך פעראייניגט, כדי צו פעריע-
בען זיינע שעפונגען. דען אַמשטערדאַם און בכלל די האָלענדישע מלוכה
האָט געהאַט גרויס נוצען פון די איינגעוואַנדערטע פּאָרטוגעזישע אידען.
פריהער איז האָלאַנד געווען אַן אָרימע מדינה. די פערביטערטע מלחמה,
וואָס האָלאַנד האָט געפיהרט געגען שפּאַניען, האָט איהר גאָר בדלות גע-
שטעלט; דעריבער זענען די קאַפּיטאַלען, וואָס די אנוסים האָבען אַהין
אַריינגעבראַכט פון פּאָרטוגאַל אין שפּאַניען פיעל נוצען געבראַכט דעם
לאַנד. די האָלענדער האָבען דאַדורך געקאָנט בעגרינדען זייער מסחר און
צוזיסריישען ביי פּאָרטוגאַל איהר פריהערדיגען מסחר מיט אינדיען. מיט
די קאַפּיטאַלען פון די אנוסים האָט מען געגרינדעט די גרויסע ים־געזעל-
שאַפטען און איינגעאָרדענט ווייטער האַנדעלס־עקספּעדיציעס. אויך די
פערבינדונגען, וואָס די פּאָרטוגיעזישע אידען האָבען געהאַט מיט די איני

דישע, האָבען מיטגעווירקט, אַז דער האָלענדישער מסחר זאָל זיך קאָנען גוט ענטוויקלען.

פיליפ דער צווייטער איז געשטאָרבען (סעפּט. 1598), אַלס אַן'אָבשרעקענדער ביישפּיעל פון אַ דעספּאָט, וועלכער האָט מיט זיין עקשנות רואינירט זיין גרויסע מלוכה. אָבער אויך זיין טויט איז געווען אַ שרעקליכער: געשווירען און ווערים האָבען בעדעקט זיין גאַנצען לייב און געמאַכט איהם פאַר אַן'אבשוי פאַר די אָרומיגע מענשען; אויך די שוואַכע מלוכה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזען זיין זוהן פיליפ III, האָט געטראָגען אין זיך געשווירען און וואונדען. די שפּאַנישע מלוכה איז קראַנק געוואָרען אויף שווינדזוכט און האָט פערלוירען איהר בעדייטונג, אַלס אַ גרויסע אייראָפּעאישע מאַכט. די רעגירונג האָט פערלוירען איהר קראַפט, און דאַדורך איז פאַר די אַנוסים אויך לייכט געוואָרען, צו ראַטעווען זיך דורך ענטלויפען פון די פייער-מזבחות פון דער אינקוויזיציע. איצט האָבען די אַנוסים שוין געוואוסט, וואוהין זיי האָבען צו געהען, און זיי זענען אַהין געגאַנגען ביי דער ערשטער געלעגענהייט.

אַ וואונדערליכער פאָרפאַל, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין ליסאַבאָן, האָט אויך בעוואויגען אפילו יענע אַנוסים, וואָס האָבען שוין כמעט געהאַט פערגעסען אָן זייער אידישער אַבשטאַמונג, צוריקצוקעהרען צום יודענטום. אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַך, פראַ דיעגאָ דע אַסומסאַאָ, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַן'אַלטער קריסטליכער משפחה, האָט זיך אַזוי שטאַרק פערטיעפט אין תנ"ך, דאָס ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס יודענטום איז די אמת'ע אמונה; זיין דאָזיגע איבערצייגונג האָט ער אַרויסגעזאָגט פאַר זיינע חברים אין פראַנציסקאַנער אָרדען. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט די זאַך באַלד איבערגעגעבען דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט דעם „שרעקליכען פערברעכער“ אַריינגעוואָרפען אין איהר תפיסה. קיין לאַנגע אויספאָרשונג האָט מען דאָ נישט געברויכט צו פיהרען, דען דער מאָנאַך האָט אָפען אָנערקענט, אַז ער האַלט די אידישע רעליגיע פאַר דער אמת'ער. דורך ענוים האָט די אינקוויזיציע נור געקאָנט פּרובען אַרויסבעקומען ביים מאָנאַך, אַז ער זאָל אָנווייזען, ווער עס איז שולדיג אין זיין אפיקורסות און צי האָט ער חברים, וועלכע האַלטען אויך גלייך מיט איהם, ווייל ער האָט נאָך תחילת ערקלערט, אַז פיעל מיטגלידער פון פראַנציסקאַנער אָרדען האָבען אויך די זעלבינע איבערצייגונג, ווי ער. צוויי יאָהר לאַנג האָט מען איהם אָבגעהאַלטען אין דער שרעקליכער תפיסה פון דער אינקוויזיציע און לסוף האָט מען איהם פייערליך פערברענט צוזאַמען מיט נאָך עטליכע חברים אין דער געגענוואַרט פונ'ם וויצע-קעניג (אויגוסט 1603). צווישען די פערברענטע פייער-אָפּפער איז אויך געווען אַ פרוי פון די אַנוסים, תמר באַראָסאַס, וועלכע איז, משמעות, געשטאַנען מיט איהם אין פערבינדונג.

די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף די אַנוסים, און עס האָט זיך אין זיי דערוועקט די אַלטע ליעבע צו זייער

פאָלק און דער רעליגיאָן פון זייערע עלטערן. די אינקוויזיציע האָט שוין פערלוירעז אין זייערע אויגען איהר אימה: זיי האָבען אָנגעהויבען עפענטליכער ארויסצווייזען, אַז זיי זענען אידען, נישט קימערנדיג זיך, אויב זיי געהען דאדורך צום טויט. אַ יונגער דיכטער, דוד ישורון, וועלכער איז געווען אַ דיכטער „פון גאָטעס גנאָד“ נאָך פון קינדווייז אָן און דאָס זעריבער געהאַט דעם נאָמען „דער קליינער דיכטער“, האָט בעזונגען אין פּאָרטוגיעזישער שפּראַך דעם העלדישען טויט פונ'ם מאָנאַך פרא דיעגאָ דע אַסומסאַאָ אין פערזען.

דער יונגער דיכטער ישורון איז געווען אַזוי גליקליך, אַז ער האָט נאָכ'ן פערעפענטליכען דאָס ליעד געקאָנט אנטלויפען פון די קלעבעדיגע לאַפּעס פון דער אינקוויזיציע און קומען קיין אַמשטערדאַם. דערזעהענדיג ר' דאָזיגע שטאָדט, איז ער אַריינגעקומען אין אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט אין אַ געדיכטעטען ליעד אָנגערופען איהר ירושלים. — אַ צווייטער יונגער דיכטער פון די אַנוסים, פּאַאול דע פּינה, וועלכער האָט שוין געוואָלט ווערען אַ מאָנאַך, איז, ביי דער ידיעה וועגען דעם העלדישען טויט פון פרא-דיעגאָ, אנטלאָפען קיין אַמשטערדאַם און צוריקגעקעהרט צום יודענטום (1604), אָננעהמענדיג דעם נאָמען רעואל ישורון; און געווען אַ ציערונג פאַר דער אַמשטערדאַמער אידישער קהלה.

די אונפאַרזיכטיגקייט, וואָס עס האָבען זינט יענער צייט ארויסגעוויזען די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל, האָט, נאַטירליך, פערגרעסערט די צאָהל פון די קרבנות, וואָס די אינקוויזיציע האָט ביי זיי אַרויסגעריסען. הונדערט און פופציג אַנוסים האָט די אינקוויזיציע באַלד נאָכדעם אַוועקגעשלעפּט אין איהרע תפיסות, וואו זי האָט זיי געלאָזט פייניגען און געצוואונגען מודה צו זיין זיך, אַז זיי זענען אין געהיים געטריי אידען. דעם פּאָרטוגיעזישען רעגענט אליין איז עפּעס די זאַך פאַרגעקומען שרעקליך, צו פערברענען מיט אַ מאָל אַזוי פיעל מענשען. אויסער דעם האָבען די פּאָרטוגיעזישע אַנוסים מיט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלען געהאַלטען אין זייער מאַכט אין איינפלוס דעם גאַנצען שפּאַנישען הויף, זינט שפּאַניען האָט זיך פעראייניגט מיט פּאָרטוגאַל. דער הויף איז זיי שולדיג געווען פיעל געלד, וואָס ער האָט נישט געקאָנט בעצאָהלען צוליעב דער פעראָרימונג פון ביידע פעראייניגטע מלוכות. די דאָזיגע רייכע אַנוסים האָבען פאָרגעלעגט דעם קעניג פיליפּ III, אַז זיי וועלען איהם מוחל זיין זייערע חובות און איסער דעם נאָך געבען איהם אַ מתנה פון אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזענד קרוזאדעס (לערך אַ מיליאָן רובל), אויב ער וועט בעפרייען די פערמשפּטע אַנוסים. די שרים פון קעניג האָט מען אויך אונטערגעקויפט מיט הונדערט און פופציג טויזענד קרוזאַדעס. דער הויף האָט זיך דעריבער געווענדעט מיט אַ ביטע צום פּויפּסט קלעמענס VIII, אַז ער זאָל בעפעהלען די אינקוויזיציע, דאָס זי זאָל דאָס מאָל נישט פאָדערן דעם טויט פון די אונגליקליכע. דער פּויפּסט האָט זיך דערמאָהנט, אָדער מען האָט איהם דערמאָהנט.

צו די פויפסטען קלעמענס VII און פאָול III האָבען געגעבען די פּאָרטו־גיעזישע אַנוסים סליחה־מחילה, און ער האָט דעריבער אַרויסגעגעבען אַ בולה, אין וועלכער ער האָט מוחל געווען זייער זינד די אַנוסים, וועלכע מען האָט געשלעפּט אין תפיסה פון דער אינקוויזיציע (23־טען אויגוסט 1604); די אינקוויזיציע האָט זיך דעריבער בעגנוגט מיט'ן אַרויפלעגען אויף די פערמשפּטע נור אַ לייכטע תשובה. איינעגע הונדערט אַנוסים האָט מען געפיהרט אין העמדלעך פון בעלי תשובה צום אויטאָ־דאָ־פע (10 יאַנואַר 1605), אָבער נישט אויף צו פערברענען, נור כדי זיי זאָלען עפענטליך מודה זיין זיך אויף זייערע עבירות. פון יענע אַנוסים, וואָס מען האָט בעפרייט פון די תפיסות זענען פיעל ענטלאָפען קיין אַמשטערדאַם. צווישען זיי איז אויך געווען דער אַנוסי רבי יוסף בן ישראל, וועלכער האָט דריי מאָל איבערגעליטען די געוואַלדיגע ענוים אין די תפיסות פון דער אינקווי־זיציע און פערלוירען אויך זיין גאַנץ פערמעגען. ער האָט מיט זיך גע־בראַכט קיין אַמשטערדאַם זיין זוהן מנשה נאָך אַלס קינד, וועלכער האָט שפּעטער אַריינגעשריבען איינע פון די שענסטע בלעטער אין דער אי־דישער געשיכטע.

רבי משה אורי הלוי האָט מל'ח און מגייר געווען צוויי הונדערט מיט אַכט און פערציג אַנוסים, און די אידישע קהלה אין אַמשטערדאַם איז געוואַקסען זעהר שנעל. די קהלה האָט אַראָבגעבראַכט אַ ספרדישען רב פון סאַלאָניקי, רבי יוסף פּאַרדאָ, וועלכען עס איז גוט בעקאַנט געווען די שטימונג פון דער האַלב־קאַטוילישער קהלה, און ער האָט פאַר זיי מחבר געווען אין שפּאַניש אַ בוך וועגען דעם יודענטום, — אַ בוך, וואָס איז מעהר עהנליך געווען צום קריסטענטום, לויט זיין טאָן, איידער צום יודענטום. באַלד איז די קהלה אַזוי אויסגעוואַקסען, אַז טיראַדאָ'ס שוהל „בית־יעקב" איז פאַר איהר געוואָרען צו קליין, און מען האָט געמוזט אויפבויען נאָך איין שוהל „נוה־שלום" (1608), וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אויפ'ן חשבון פון יצחק־פראַנצישקאָ מענדעס מע־דעיראָס און זיינע קרובים. פּונקט ווי מען פעראייביגט דעם נאָמען פון די ענטדעקער פון אַ נייעם לאַנד, אַזוי האָט די אַמשטערדאַמער קהלה מיט ליעבע און אַכטונג בעצויגען זיך צו אַלע יענע מיטגלידער איהרע, וועל־כע האָבען אַזוי אָדער אַנדערש מיטגעווירקט, אַז די קהלה זאָל קאָנען וואַק־סען און זיך ענטוויקלען.

אַ גליק פאַר דער דאָזיגער איינגעאָרטיגער קהלה איז געווען איהר רב רבי יצחק עוזיאל (געשט. 1620), וועלכער איז גוט געווען בעקאַנט מיט דער שטימונג פון די אַנוסים. ער איז געווען דיכטער, מדקדק און מאַטע־מאַטיקער, אָבער מעהר פאַר אַ טאַלענטירטער דרשן, וועלכער האָט זיך דער ערשטער דערוואויגען אויפצוועקען דאָס געוויסען פון די אַנוסים, וואָס די קאַטוילישע גלחים האָבען ביי זיי איינגעשלעפערט. ער האָט זיי געלערנט, אַז זיי דאַרפען נישט גלויבען, דאָס טיט'ן אַבחיטען מעבאַניש

די מצוות קאנען זיי בעקומען א מחילה-סליחה פאר זייערע זינד, ווי מען
גלויבט עס ביי די קאטוילען. אין זיינע שטראף-רעדעס האט רבי יצחק
עוזיאל אויך נישט געשוינט די עשירים און אנגעזעהענע מיטגלידער פון
דער קהלה און דאס האט געבראכט צו א שפאלטונג און א פירוד.

זעהר וויכטיג איז נאך געווען פאר דער קהלה דער מאמענט, ווען מען
האט געקאנט בעקומען א פלאץ פאר א בית-החיים נישט וויט פון שטאדט
(אפריל 1614). דער ערשטער מת, וועלכען מען האט דארט מקבר געווען
איז געווען עמנואל פימענטעל און איז אידיש יצחק אבויקר.
ער איז געווען זעהר בעפריינדעט מיט'ן פראנצויזישען קעניג הײנריך דעם
פיערטען און ער פלעגט מיט איהם אפט שפּיעלען אין שאך. דער קעניג
פלעגט איהם רופען: „דער קעניג פון די שאך-שפּיעלער". צוויי יאהר
שפּעטער האט מען אויפ'ן אמשטערדאמער בית-החיים געבראכט צו קבורה
פון א ווייטער שטאדט דעם בעריהמטען דאקטאר אין פראנצויזישען
קעניגליכען הויף, רבי אליהו מאנטאלטא, וועלכער איז פריי-
הער געווען אנ'אנוסי און דערנאך אנ'איבערצייגטער געטרייער איד; גע-
לעבט האט ער אין ליווארנא, ווענעדיג און לסוף אין פאריז, אלס דאקטאר
פון דער מלכה מאריא דע מעדיצי און געשטארבען איז ער אין
טור, זייענדיג אויף דער רייזע מיט'ן פראנצויזישען קעניגליכען הויף
(פעברואר 1616). די קעניגין האט געלאזען איהם איינבאלזאמירען און
אבגעשיקט צו קבר ישראל קיין אודערקערך (ביי אמשטערדאם) אונטער
דער בעגלייטונג פון זיין זוהן, פעטער און זיין תלמיד ישראל מא-
טירא. — די אמשטערדאמער אידען זענען אבער נאך געווען געצוואונגען
א געוויסע צייט, צו געבען א געוויסען אבצאהל פון יעדען מת פאר יעדער
קריסטליכער קירכע, פארביי וועלכער די לויה איז געגאנגען. — בכלל האט
מען די אידען אין אמשטערדאם אפיציעל נישט געליטען, מען האט זיך
נור געמאכט נישט וויסענדיג וועגען זיי. מען האט אפילו אויך אין אנפאנג
נישט געהאט קיין צוטרוי צו זיי, ווייל מען האט זיי חושד געווען, אז אונ-
טער דער אידישער מאסקע זענען גאר קאטוילישע שפּיאנען, וועלכע דינען
שפאניען און ווילען פעררעטען האלאנד. און אפילו אויך דאן, ווען די שרים
און דאס פאלק האבען זיך איבערצייגט, אז די אידען האבען פיינד די שפא-
ניער נישט ווייניגער, ווי זיי אליין, האט מען נאך אלץ זיי נישט אנערקענט,
אלס א זעלבסטשטענדיגע אומה מיט אנ'אייגענער רעליגיע. האלאנד איז
אפילו געווען דאס ערשטע לאנד, וואו די רעליגיאנס-פרייהייט איז אנער-
קענט געווארען פאר א מלוכה-פרינציפּ, אבער צווישען די דאמאליגע קאל-
ויניש-רעפארמירטע זענען געווען פיעל סעקטעס, צווישען וועלכע עס האט
בען זיך בעזונדערס אויסגעצייכענט מיט זייער איינפלוס די רעמאנסטראנטען
און קאנטרא-רעמאנסטראנטען. די ערשטע זענען געווען מעהר פריי אין
רעליגיאנס-פראגען פאר די לעצטע און אט די ביידע פארטייען האבען גע-
פיהרט צווישען זיך מחלוקת און נישט געקאנט צוזאמענרעדען זיך וועגען
דער אידישער פראגע און מען האט געמוזט בעשטימען א קאמיטעט צו

פערענטפערן איהר. לסוף האָט מען בעשלאָסען (1615, אז מען זאָל די זאַך איבערלאָזען די ראַטמענער פון יעדער שטאָדט, וועלכע האָבען אַזוי אַרום בעקומען דאָס רעכט אָנצוערקענען די אידען ביי זיי פאַר בירגער, אָדער נישט.

אַמשטערדאַם איז אָבער דאַמאָלס אליין נאָך נישט גענוג רייך און געבילדעט געווען, אז זי האָט געזאָלט קאָנען לייכט אָבזאָגען זיך פון דער אידישער עשירות און זייער גוטער בעקאַנטשאַפט מיט'ן וועלט־מסחר. די אַלטע אַבערגלויבענס און פאָראורטיילען, וואָס מען האָט געהאַט געגען די אידען, זענען דעריבער פערשוואונדען געוואָרען אלץ מעהר און מעהר, ווען די האָלענדער האָבען זיך נאָהענטער בעקענט מיט די אידען. די איינגעוואַנדערטע פּאָרטוגעזישע אידען (אנוסים) האָבען טאַקי מיט זייער הויכער בילדונג, גוטע מאַניערען און שענער שפּראַך באַלד אַלעמען איבערצייגט, אז זיי געהערען כלל נישט צו א נידעריגער ראַסע. די הויכשולען, וואָס זיי האָבען בעזוכט אין פּאָרטוגאַל און שפּאַניען, ווי אויך זייערע פריצישע נעמען, וואָס מען האָט זיי געגעבען בשעת'ן שמד, האָבען ביי האָלענדער געהאַט א גרויסע בעדייטונג. די אידען זענען אין אַמשטערדאַם ערשינען, ווי מענשען פון אדעל, און די בעקאַנטשאַפט, אָדער נאָהענטע בעציהונג מיט זיי איז פאַר די האָלענדער, אין א געוויסער מאָס, געווען א כבוד, אלס א בעווייז, אז מען געהערט אליין צום הויכען אדעל. מען האָט זיי דעריבער בעהאַנדעלט מיט א געוויסער אויסצייכנונג. באַלד איז די צאָהל פון די קהלה־מיטגלידער אויסגעוואַקסען ביז פיער הונדערט משפחות, וועלכע האָבען שוין געהאַט אייגענע דריי הונדערט הייזער אין אַמשטערדאַם. די קריסטליכע פירשטען האָבען זיך גאָר אָנגעהויבען רייסען איינער מיט'ן אַנדערן צוליב זיי: יעדער האָט זיי געוואָלט האָבען אין זיינע לענדער, דען יעדער האָט אין זיי געזעהען א קוואַל פון עשירות און בילדונג. עס האָט געדויערט נישט לאַנג, און די אַמשטערדאַמער אידען האָבען שוין געהאַט אַן אייגענע העבראַאישע דרוקעריי, וועלכע האָט נישט געדאַרפט אַזוי שטאַרק ציטערן פאַר די שנאה־אויגען פון דער קאַטוילישער צענזור. דער קעניג כריסטיאַן IV פון דענעמאַרק האָט זיך מקנא געווען אָן האָלאַנד און געשיקט א בריף צו דער אַמשטערדאַמער אידישער קהלה־פערוואַלטונג מיט אַן איינלאַדונג, צו בעזעצען זיך אויך אין זיין לאַנד, דערביי האָט ער זיי צוגעזאָגט פריהייטען און גאַטעסדינסט און נאָך אַנדערע פּריווילעגיעס. דער הערצאָג פון סאַוואָיען האָט איינגעלאַדען פּאָרטוגעזישע אידען צו קומען קיין ניצאַ און דער הערצאָג פון מאָדענאַ האָט זיי איינגעלאַדען צו זיך אין רעדזשיא; ביידע האָבען פערזיכערט די אידען צו געבען ברייטע און גרויסע פריהייטען. אַזוי אַרום זענען ענטשטאַנען אינמיטען די אייראָפּעאישע לענדער, וואו מען האָט געהאַלטען אין איין רודפ'ן די אידן — אָאַזען, וואו מען האָט די אידען געהאַלטען פאַר פריינדליכע געסט און בירגער און וואו די אידען האָבען זיך ווידער געקאָנט בעפרייען פון דער קנעכטשאַפט.

דאָס ווענדיג פון די צפון־לענדער, אַמשטערדאַם, איז אַזוי אַרום גע־

ווארען אין אנפאנג פון זיבעצענטען יאהרהונדערט א נייער מיטעלפונקט פאר אידען, וועלכע האבען עס מיט רעכט גערופען דאס נייע גרויסע ירושלים. מיט דער צייט איז אמשטערדאם געווארען א עיר־מקלט פאר אלע געפלאגטע און גערודפטע אידען. ביי יעדען אינקוויזיציאנס־פראצעס איבער די אנוסים אין שפאניען און פארטוגאל, נאך יעדער קאסטער, וואס מען האט אנגעצונדען פאר די אידישע פייער־אפער, האט זיך פער־גרעסערט די אידישע קהלה אין אמשטערדאם, און מען האט געקאנט מיי־נען, אז די קאטולישע פאנאטיקער האבען געהאלטען אין איין טראכטען, ווי אזוי צו־צוטרייבען די איינוואוינער אין זייערע אייגענע לענדער, כדי צו בעפעלקערן די אפיקורסישע לענדער און רייך צו מאכען זיי. די אמ־סטערדאמער אידען האבען געפיהרט זייער מסחר אין א גרויסען מאסשטאב, טיילנעהמענדיג אין דער אסט־ און וועסט־אינדישע קאמפאניע, אדער האל־טענדיג גרויסע באנק־הייזער. דאס געלד, וואס מען האט אנגעזאמעלט פון דער ענטדעקונג פון אמעריקא, איז טיילווייז אריינגעקומען אין די אידישע הענד.

אבער נישט בלויז צוליב זייער עשירות און גרויסען מסחר האבען די אמסטערדאמער אידען געשפילט א וויכטיגע ראלע, נור אויך צוליב זייער היכער קולטור. צווישען די איינגעוואנדערטע אנוסים זענען געווען פיעל דאקטוירים, יוריסטען, מלוכה־בעאמטע, אפיצירען, וועלטליכע און קליים־ערליכע גלחים; זיי האבען דעריבער אויך אזוי געקענט די לאטיינישע שפראך און ליטעראטור, ווי די שענע וויסענשאפטען. האלאנד איז געשטא־נען דאמאלס שוין אויף א היכער מדרגה פון קולטור מעהר פאר אלע איי־ראפעאישע לענדער, און די האלענדער מלוכה־לייט האבען געהאלטען פאר א וויכטיגע געשעהעניש פאר זייער פאטערלאנד דאס, וואס דער געלעהר־טער שקאליגער איז איינגעלאדען געווארען אלס פראפעסאר אין דער או־ניווערזיטעט פון ליידען. א שענע הומאניסטישע בילדונג, א גוטע קענטעניש אין דער קלאסישער ליטעראטור האט מען געהאלטען פאר דער בעסטער רעקאמענדאציע פאר יעדען מענשען אין דער העכערער געזעלשאפט. גע־בילדעטע אידען זענען דעריבער געשטאנען אין זעהר נאהנטע בעציהונגען מיט געלעהרטע קריסטען, וועלכע האבען זיי בעהאנדעלט, ווי זייער גלייכען. א טייל אידען זענען פון דארט געווארען בעוואוסט און בעריהמט אין גאנץ אייראפא און געשטאנען אין נאהנטע בעציהונגען מיט די דאמאליגע גרעסטע לייט. אברהם זכותא לוזיטאנא (געבוירען 1576, געשטארבען 1642), אן'אוראייניקעל פונ'ם היסטאריקער און אסטראנאם אברהם זכותא דעם מחבר פון „יוחסין“, איז געווען איינער פון די בעריהמ־טעסטע דאקטוירים פון זיין צייט. געבוירען אין א משפחה פון אנוסים אין ליסאבאן, האט ער בעקומען אן'אויסגעצייכענטע ערציהונג אין די הויכשו־לען פון סאלאמאנקא און קאאימברו און בעקומען דעם טיטול דאקטאר נאך אלס אכצעניעהריגער יונגער מאן. דרייסיג יאהר איז ער געווען א דאק־טאר און האט זיך ערווארבען א גרויסען נאמען. אבער דאס האט נישט

געשטערט דער אינקוויזיציע צו פערהאַפּען איהם אין איהר נעץ. עס איז איהם אָבער געלונגען צו ענטלויפען קיין אַמשטערדאַם שוין אלס מאַן אין די פופציגער יאָהרען און דאָרט האַט ער געקענט ענדליך לעבען עפענטליך אלס געטרייער איד און בעשעפטיגען זיך מיט דער וויסענשאַפט. זכותא לוזיטאַנאַ האַט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן פירשט פרידריק פון דער פפאַלץ און זיין געלעהרטער פרוי, נעמליך, מיט יענעם אונגליקליכען איין-טעגליכען קעניג פון בעהמען מיט וועלכען עס האַט זיך אָנגעהויבען די דרייסיגיעהריגע מלחמה. סיי קריסטען, סיי אידען האָבען געריהמט זכותא'ן אי אין פּראָזאַ, אי אין שירים. פון די בריעף, וועלכע די קריסטען האָבען איהם געשריבען איז נישט אַרויסצוזעהען, אַז דאַמאַלס זאָלען די געבילדעטע קריסטען האָבען אַ וועלכען ס'איז אָבערגלויבען געגען די אידען. די נידערלענדישע שטאַטהאַלטערס פון הויז אָראַניען-נאַסאַו: מאָריץ, היינריך און ווילהעלם II זענען, ווי זייער זיידע ווילהעלם I געווען גאַנץ פריינדליך פאַר די איינגעוואַנדערטע אידען און האָבען זיך בעצויגען צו זיי ווי צו פולבערעכטיגטע בירגער. אפילו אויך די פיינדער פון די אַנוסים אין זייערע לענדער, די שפּאַנישע און פּאָרטוגיעזישע מלכים, האָבען ביסלעכוויז געמוזט קומען אין פערבינדונג מיט די אייניקלעך פון יענע אידען, וועלכע זיי האָבען געלאָזט פייניגען און פערברענען לעבעדיגער הייד, און נאָך דערהויבען זיי פאַר קאָנסולען פון זייערע מדינות אין פערשידענע לענדער, אַנטרויענדיג זיי וויכטיגע מלוכה-געשעפטען.

די אַמשטערדאַמער אידען זענען געווען טיעף ערגעבען זייער אַלטער רעליגיאָן, פאַר וועלכער זיי האָבען זיך אַזוי פיעל מוסר-נפש געווען. דאָס האָט מען געקאָנט זעהען אין אַלע זייערע מעשים, ווי אויך אין די שירים, וואָס זיי האָבען געדיכטעט, נאַטירליך, אין דער שפּראַך פון זייערע פייניגער. דער דיכטער, וועלכער האָט שוין געהאַלטען צו ווערען אַ מאָנאַך, פּאַול דע פינה, אָדער ווי ער האָט געהייסען שוין אַלס גע'מל'הטער, רעואל ישורון, האָט געדיכטעט ביי דער געלעגענהייט פון דער פייערונג פאַר דער ערשטער שוהל „בית-יעקב" דיאַלאָג-געזאַנגען אין דער פּאָרטוגיעזישער שפּראַך (Wechselgesänge) וועלכע עס האָבען געדאַרפט זינגען זיבען יונגע לייט. די ארץ-ישראל'דיגע בערג: סיני, הר-ההר, הר-נבו, הר-גריזים, הר-הכרמל, הר-הזיתים און ציון זענען פּערזאָניפיצירט געוואָרען און אַרויסגעטראָטען אינ'ם ליעד מיט געזאַנגען לכבוד דער אידישער אמונה, דער אידישער תורה און דעם אידישען פאָלק.

אָבער אויך אין די פרעהליכסטע מאָמענטען האָבען די פּאָרטוגיעזישע אידען נישט געקאָנט פערגעסען די שוידערהאַפטע תפיסה, די גלחים פון מולך מיט זייערע מענשליכע פייער-אָפּפער און די אומענשליכע ענויים פון דער אינקוויזיציע. די דאָזיגע פרעהליכע אָבער אויך טרויעריגע שטימונג

פון די אמשטערדאמער אידען האט אבגעשפיגעלט אין זיינע ליעדער דער מיעפזיניגער און פארבענרייכער אידישער דיכטער רבי דוד אבן-עטר (1600—1625). געבוירען אין שפאניען אין א משפחה פון אנוסים, אבער געטרייע אידען בשתיקה, האט ער נאך אין דער פריהער יוגענד געפרובט איבערזעצען די מזמורים פון תהלים אויף שפאניש, נישט וויסענדיג, אז ער שפיעלט מיט זיין לעבען. די שפאנישע אינקוויזיציע האט איהם באלד חושד געווען אין געהערען צום יודענטום און וועקגעשלעפט אין איהר שוידער-האפטע תפיסה, וואו מען האט איהם אבגעהאלטען עטליכע יאהר, פייניגענדיג איהם אויף א שוידערהאפטען אופן. אבער דוקא אין דער תפיסה האט זיך געשטארקט זיין געטרייהייט דעם יודענטום און, ווען עס איז איהם ענדליך געלונגען צו ענטלויפען פון די העלישע מלאכי-חבלה, האט ער זיך געשטעלט אנ'אויפגאבע איבערצוזעצען דעם גאנצען תהלים אין שפאנישע שירים. זיין איבערזעצונג האט ער געווידמעט **אלע אידישע קהלות, וועלכע לעבען צוזייהעט או צושפרייט אין אלע עקען וועלט.** איבערזעצענדיג די לירישע מזמורים פון תהלים, האט ער זיך אבער אויך דערמאהנט אן דער שרעקליכער געגענווארט וועלכע ער שילדערט אין א טיעף ריהרענד ליעד:

„אין פינסטער גרוב האט מיך געשלעפט
„די שרעקענס-מאכט פון פאלשע ריכטער;
„מחבלים האבען איבער מיך געשוועבט,
„די צייהנער פון די ווילדע טיגער
„געריסען האבען זיי מיין לייב —
„דו אבער האסט די פרייהייט מיר געשיקט!
„אין פינסטער-קאלטען, נאסען קעלער
„געפייניגט האט מען מיך געריסען
„מיין פלייש אין שטיקער און צוביסען —
„געהאפט האב איך צו גאט!
„דאס האט די מערדער מעהר צורייצט,
„פערגרעסערט האבען זיי מיין פיין,
„מיך אויפ'ן פייער, חיים געהייצט,
„געבראטען האבען זיי, געפליקט
„מיין לייב מיט צוואנגען, טיעף אריין.
„פון אייזען איז דאך נישט קיין מענש:
„געשריען האב איך שרעקליך, וועה,
„געוויינט, געבעטען רחמים זיי —
„עס הערען מערדער קיין געשריי!
„ווי ווילדע חיות, אונפערבעסערט,
„אכזריות האבען זיי פערגרעסערט:

„דאָס צאַפּעלדיגע האַרץ פערחל'עשט,
„געדאַנקען, אויגען ווערען פינסטער —
„איך רוף שוין אָהן פערשטאַנד, איך שריי:
„לאָזט אָב! פערשרייבט איך בין שוין מודה,
„וואָס איהר פערלאַנגט אַלץ, נאָך פיעל מעהר...
„נור פּלוצים — אָה, מיין גאָט, ווי גוט
„איז מיר דיין חסד אין דער נויט!
„דו שיקסט מיר הילף פון העלער הויט;
„דו זעהסט און הערסט מיין רחמים-בעטען
„און מיט גענאַד טהוסטו מיך רעטען!"

אין דער דאָזיגער געהויבענער שטימונג, וואָס האָט געשטאַמט פון די זכרונות וועגען איבערגעליטענע יסורים, האָבען די אַמשטערדאַמער אידען געגרינדעט אַלערליי וואָוילטעטיגע אַנשטאַלטען מיט זעהר אַ רייכער האַנד — הייזער פאַר יתומים, פאַר אָרימע און אַלטע לייט און שפּיטאַלען, ווי דאָס איז שווער געווען צו געפינען אין אַנדערע קהלות; זיי האָבען דערצו אי מיטלען, אי אַ גוט האַרץ, דען דערין האָט זיך אַרויסגעזאָגט זייער פרומקייט, ווי אויך זייער איידעלער האַראַקטער אָבער ווי הויך עס איז געווען געהויבען זייער שטימונג, זענען זיי דאָך געווען מענשען, מענשען מיט ליידענשאַפטען, און דעריבער האָבען זיך ביי זיי אויך בעוויזען מחלוקת. פיעל מיטגלידער פון דער קהלה, וואָס זענען געבוירען געווען אין קאַטוילישען גלויבען, האָבען מיט זיך אַריינגעבראַכט אויך זייערע קאַטוילישע געוואוינהייטען און זיי האָבען געגלויבט, דאָס זיי וועלען זיי קאָנען בעראייניגען מיט'ן יודענטום. פון קינדווייז אָן זענען זיי געווען געוואוינט צו זעהען, ווי מען זינדיגט, ווי מען מעג אפילו זינדיגען אין דער האָפנונג, אַז מען וועט זיך דערויף קאָנען אַרויסבעקומען ביי אַ גלח אַ מחילה-סליחה און אַזוי אָרום פּטור ווערען פון דער מורא פאַר דער געטליכער בעשטראָפונג. אין די אויגען פון די אנוסים זענען די אידישע מצוות געווען דאָס אייגענע וואָס די געהיימע רעליגיעזע אַקטען אין דער קאַטוילישער קירכע, און די רבנים — דאָס אייגענע, וואָס די גלחים און דווי-פאַטערס. זיי האָבען דעריבער געגלויבט, אַז ווען זיי ערפילען די אָדער יענע מצוות, מעגען זיי זיך שוין ערלויבען אויך צו טהון, וואָס ס'איז פערבאָטען און אין יעדען פאַל האָבען זיי דאָך געקאָנט בעקומען מחילה-סליחה ביי אַ רב. און אָט דעריבער האָבען זיי זיך נישט אויסגעצייכענט מיט צניעות. די ערשטע צוויי אַמשטערדאַמער רבנים האָבען זיך געמאַכט ווי נישט זעהענדיג די בעציהונג פון די געוועזענע קאַטוילען און איצטיגע אידען צו פרויען, ווייל זיי האָבען פערשטאַנען, אַז מען קאָן נישט אויסוואָרצלען מיט אַ מאָל קיין שלעכטע מדות און רגילות. דער דריטער רב, רבי יצחק עוזיאל, דאַגעגען האָט זיך שוין נישט געוואָלט, אָדער טאַקי נישט געקאָנט איינ-

האלטען און בעטראכטען רוהיג די שלעכטע געוואוינהייטען; ער פלעגט
דעריבער שטראפען די זינדיגע זעהר שארף. די דאזיגע שטרענגקייט האט
אבער שטארק בעליידיגט די שולדיגע. פיעל פון זיי מיט איינעם דוד
עזריה בראש האבען זיך דעריבער אבגעטיילט פון דער קהלה און גע־
גרינדעט אנ׳איינענע קהלה (1618) מיט א חכם און מוכיח רבי
דוד פארדו, א זוהן פונ׳ם פריהערדיגען רב, רבי יוסף פארדו. אזוי
ארום האט די קהלה זיך צושפאלטען אויף צוויי פארטייע

אין דער זעלביגער צייט האבען אויך אשכנזישע אידען זיך אריינגע־
צויגען אין אמשטערדאם, בעזונדער׳ס פון די, וואס האבען פיעל געליטען פון
די מהומות פון דער דרייסיג־יעהריגער מלחמה. די ספרדים האבען אויפגע־
נומען די אשכנזים גאנץ פריינדליך (1636). די אמשטערדאמער ראט־מע־
נער, וועלכע האבען פריהער זיך געמאכט זיי נישט זעהענדיג, אז די אידען
האבען זיך אריינגעצויגען אין זייער שטאדט, האבען איצט אליין זיי ער־
לייכטערט דאס בעזעצען זיך דארט. פאר די אידען זענען נישט געווען קיין
שום בעגרענצונגען; איינע און דאסזלביגע געזעץ איז געווען אי פאר זיי, אי
פאר דער קריסטליכער בעפעלקערונג, נור צו קיין שטעלעס אין מאגיסטראט
האט מען זיי נישט צוגעלאזען, און זיי האבען דאס גאר אויך נישט פער־
לאנגט. צוליעב דעם שלום, וואס מען האט געשלאסען צווישען ניעדערלאנד
און שפאניען — פארטוגאל האבען די פערטרעטער פון ניעדערלאנד אפילו
אויך געפאדערט, אז די אידישע בירגער פון ניעדערלאנד זאלען אין שפא־
ניען — פארטוגאל האבען די זעלבע רעכטע, ווי די קריסטליכע און אז זיי
זאלען דארט האבען וואוינונגס־רעכט. — די איינגעוואנדערטע אשכנזישע
אידען האבען זיך, נאטירליך, נישט געקאנט פעראייניגען מיט דער ספר־
דישער קהלה, ווייל זיי זענען געווען פערשידען איינע פון די אנדערע נישט
בלויז דורך שפראך, נור אויך דורך מאניערען און הנהגות. א טיעפער תהום
איז געלעגען צווישען די פארטוגיעזישע און דייטשע אידען: די ערשטע
האבען בעטראכט די לעצטע, ווי בארבארען, האלב ווילדע מענשען אהן
קולטור; די צווייטע דאגעגען האבען געקוקט אויף די ערשטע, ווי אויף
האלבע אידען. ווי נור די אשכנזישע אידען האבען זיך איינגעארדענט אין
אמשטערדאם אין א היבשער צאהל, האבען זיי געגרינדעט אנ׳איינענע
קהלה מיט א בעזונדערען רב. די פארטוגיעזישע אידען האבען דעריבער
געשפירט זעהר שמערצליך דעם פירוד, וואס איז צווישען זיי פארגעקומען,
און איינער פון זיי, רבי יעקב קוריאל, וועלכער איז שפעטער גע־
ווארען געזאנדטער פון דער פארטוגיעזישער מלוכה אין האמבורג, האט
זיך שטארק משתדל געווען, צו מאכען א סוף מיט׳ן פירוד, און דאס איז
איהם ענדליך אויך געלונגען. ערשט ווען אלע דריי שוהלען (בית־יעקב, נוה־
שלום און בית־ישראל) האבען זיך אינגאנצען פעראייניגט (1639 אדר־שני)
האט זיך די פארטוגיעזישע קהלה פון אמשטערדאם דערהויבען אין איהר
גאנצען כבוד און גרויסקייט און איז אריבערגעשטיגען אלע אידישע

קהלות אין אייראָפּאַ, אזיען און אפריקאַ, דען אין איהר האָבען זיך פּער־איינינט אי עשירות, אי השכלה, אי וועלט־מסחר; נור וואָס אין דער הינזיכט פון תורה־לומדות איז די קהלה געשטאַנען זעהר נידריג, ווייל די אנוסים האָבען עטוואָס תורה געלערנט שוין זייענדיג בעיאָהרטע לייט.

אָבער אויך פאַר'ן לעצטען אומשטאַנד האָט די קהלה געזאָרגט. באַלד נאָכדעם, ווי עס איז פאָרגעקומען די פעראייניגונג, האָט מען געגרינדעט א תלמוד־תורה, וואו קליינע קינדער און בחורים האָבען זיך ערצויגען אין אַלע פאַכען פון דער תורה און דער אידישער רעליגיע. דאָס איז מעגליך געוועזען די ערשטע סיסטעמאַטישע שולע אין דער אידישער וועלט, וואו עס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַנ'אָרדנונג אין דער אידישער ערציהונג, און דאָס לערנען איז געפיהרט געוואָרען פון קלאָס צו קלאָס. אָנפאַנגענד האָבען דאָרט געקאָנט לערנען פון העברעאישען אלף־בית ביז דער העכסטער מדרגה פון תלמוד און פוסקים. אויך העברעאישע גראַמאַטיק, דרשנות און די נייע העברעאישע פּאָעזיע האָט מען דאָרט געלערנט, — אַ זאַך, וואָס איז נאָך פרעמד געוועזען אין אַלע אַנדערע אידישע שולען. אין די העכערע קלאַסען זענען לעהרער געוועזען די רבנים **רבי שאול מאָרטירא** און **רבי יצחק אבוהב**. די דאָזיגע צוויי רבנים, וועלכע האָבען זוכה געוועזען צו אַ גרויסען נאָמען גאַרנישט לויט זייער פערדינסט האָבען צוזאַמען מיט **רבי מנשה בן ישראל** און **רבי דוד פאַדרו** צוזאַמענגעשטעלט דעם ערשטען אַמסטערדאַמער בית־דין. די רייך־איינגעאָרדענטע שולע (תלמוד־תורה) האָט אַרויסגעגעבען רבנים פאַר אַמסטערדאַם און איהרע טעכטער־קהלות אין אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. פון איהר זענען אַרויסגעקומען רבנים און תלמידי־חכמים, וועלכע האָבען געהאָט אַ גאַנץ גרויסע און ווייטע ווירקונג. מען דאַרף בלויז דערמאָנען אלס ביישפּיעל דעם בעל מקובל **רבי משה זכותא** און דעם גרויסען פילאָזאָף **ברוך שפּינאָזאַ**.

פאַר דער אַמסטערדאַמער קהלה איז עס נישט געווען קיין גליק, וואָס איהרע רבנים און גייסטיגע מנהיגים זענען אין דער ערשטער צייט געווען קנאַפּע לומדים און נישט קיין גרויסע פּערזענליכקייטען. ביי די גרויסאַרטיגע מיטלען, וועלכע די רבנים האָבען געהאַט, ביי דער אלזייטיגער בילדונג און דעם גוטען ווילען פון די געמיינדע־מיטגלידער, האָבען גרויסע רבנים מיט אַ טיפען בליק און אַ שטאַרקען גייסט געקאָנט אויפטהון זעהר פיעל גרויסע מעשים. אויך די דאַמאָלדיגע צייט איז געווען זעהר גינסטיג דערצו: זיי האָבען געקאָנט דאַמאָלס בענייען דאָס יודענטום און געבען איהם יונגע כוחות. אָבער דער אַמסטערדאַמער בית־דין האָט זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכענט. רבי דוד פאַדרו האָט, ווי עס שיינט, געהאַט זעהר וועניג בעדייטונג; רבי שאול מאָרטיירא (געבוירען 1596 געשטאָרבען 1660) האָט, ווי עס שיינט, געשטאַמט פון פּאָרטוגעזישע עלטערן און ווי שוין דערמאָנט, איז ער געקומען קיין אַמסטערדאַם, כדי צו

ברענגען צו קבר-ישראל דעם בעריהמטען דאקטאר, רבי אליהו מאנטאל-טא; דאן האט מען איהם אין אמסטערדאם אויסגעקליבען פאר א דרשן (מגיד). מארטיירא איז אבער נישט געווען קיין אריגינעלער דענקער. נור ער איז געגאנגען אין אויסגעטראטענע וועגען.— נאך אונבעדייטענדער איז געווען זיין חבר, רבי יצחק אבוהב (1606—1693) דע פאנ-סעקא, וועלכער האט אויך געשטאמט פון פארטוגאל און איז פון דארט געקומען מיט זיין מוטער קיין אמסטערדאם, וואו ער האט זיך אויסגעביל-דעט אלס בעליעבטער און פעהיגער פרעדיגער (דרשן). אבער א שענע רעדע איז נישט שטענדיג די פרוכט פון א טיפען וויסען און קלארע איבער-ציינגונגען; ביי אבוהב'ן איז דער דאזיגער פאל געווים נישט געווען, דען ער האט קיין וויכטיגעס נישט אויפגעטהון. נישט קיין פעסטער הארא-קטער, ליכט אונטערפאלענד אונטער א פרעמדען איינפלוס, און ליעב הא-בענדיג א חניפה, איז ער נישט געווען קיין זעלבסשטענדיגער מענש. און אט אזא מענש איז געווען דער מנהיג פון דער קהלה אין א משך פון דריי דורות. איהם האבען זיך אפט פארגעשטעלט זעהר וויכטיגע פראגען, אבער ער האט זיך ארויסגעוויזען קליין געגוג. אויף צו קענען זיי פערענטפערן, ווייל זיין גייסט איז געווען צופיעל בעגרענעצט און עס האט איהם גע-פעהלט דער פערשטאנד פאר דער פערגאנגענהייט, ווי אויך א ריכטיגער בליק פאר דער צוקונפט.

בעדייטענדער איז, בלי ספק געווען רבי מנשה בן ישראל (1604—1657). א קינד פון דער אמסטערדאמער קהלה, וואוהין זיין פאטער האט איהם געבראכט, אנטלויפענדיג פון דער פארטוגעזישער אינקוויזיציע מיט א צעמארדעוועטען לייב און אהן פערמעגען האט דער יונגער מנשה געלערנט תורה ביי רבי יצחק אזיאל און איז געווארען א גוטער בקי אין תנ"ך, אין תלמוד מיט דער רבניש'ער ליטערא-טור, חאטש צו קיין גרויסע מדרגה פון לומדות האט ער דארין נישט דערגרייכט. צוליעב די דאמאלסדיגע אומשטענדען האט ער געמוזט לערנען די שפראכען—פארטוגעזיש אלס זיין מוטער-שפראך,— העברעאיש אלס א איד,— האלענדיש, אלס די לאנד-שפראך און—לאטייניש אלס די שפראך פון די געלעהרטע. ער האט אבער געלערנט נאך זעקס שפראכען און האט זיי אלע גוט געקענט אי שרייבען אי ריידען אין א געהויבענעם סטיל. זייענדיג פון דער נאטור זעהר בערעדעוודיג, איז ער געווארען א געשיקטער בעל-דרשן מיט אלע מעלות און הסרונות פונ'ם דאזיגען פאך. אלס דרשן איז ער ארויסגעטראטען שוין אלס פופצעהן יעהריגער אינגעל. אויך א פרוכט בארער שריפטשטעלער איז ער געווארען און, חאטש ער איז יונג געשטאר-בען, האט ער פיעל מעהר לאין ערך בעוויזען אויפצוטהון אלס די דרשנים פון זיין צייט. זיינע חברים האבען בעוואונדערט אין איהם נישט זיין טיע-פען גייסט, אדער זיין גרויסקייט, נאר זיין רוהיגע, עניוות'דיגע האלטונג זיך מיט אלעמען גלייך. ער האט קיין גרויסע און פרוכטבארע געדאנ-

קיין אין דער וועלט נישט אַרויסגעגעבען, נאָר געלערנט דאָס, וואָס אַנ־דערע האָבען געשאַפען און אנגעאייגנעט דאָס זיך. ער איז געווען מעהר בקי איידער דענקער. אליין פלעגט ער וועגען זיך זאָגען פאָלגענדעס: „איך בין אַ מענש מיט מיטעלע פעהיגקייטען, אָבער מיין פעהיגקייט איז צו זיין גליק ליכט פאַר די אַרומיגע מענשען, און געפינט אין יעדען ענין די געהעריגע אָרדנונג. איך בין מיר אַ מענש פון אַ סיסטעם, וואָס זוכט די ריכטיגע אָרדנונג אי אין מעשים, אי אין געדאַנקען אויף מיין שטייגער“. זייענדיג גוט בעהאַוועגט אין דער אַלגעמיינער ליטעראַטור און אין דער קריסטליכער טעאָלאָגיע, האָט ער זיך דאָך פונדעסטוועגען פעסט געהאַלטען ביים יודענטום, נישט בלויז ביי'ם רבנישען, נאָר אויך ביי דער קבלה און, ווי זיינע וועניגער געבילדעטע חברים, האָט ער בע־טראַכט יעדעס וואָרט אין תלמוד און אין „זוהר“ אַלס „תורה פון הי־מעל“. רבי מנשה בן ישראל האָט, ווי זיינע חברים אין אַמסטערדאַ־מער בית־דין, אויך געגלויבט אין שדים, רוחות און גלגולים, אָבער אָט דער גלויבען האָט איהם אָפט צוגעגעבען דעם מוט אַרויסצוטרעטען פאַר'ן כלל ישראל.

אָט דאָס זענען געווען די מנהיגים. וועלכע זענען געשטאַנען אין שפּיץ פון דער יונגער קאַטוילייזירענדער און געהאָרכזאַמער אַמסטערדאַ־מער קהלה, וואָס האָבען איהר געדאַרפט לערנען און פיהרען פאָרווערטס. זיי האָבען געהאַט אַ גרויסע מאַכט און געקאָנט פיעל אויפטהון. זעהר וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען האָט דער אַמסטערדאַמער בית־דין געהאַט צו בעטראַכטען און געבען אַ בעשלוס. אין רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען האָבען אַרויסגעגעבען פסק־דינים נור די „חכמים“, ווייל די בעלי הבתים האָבען זיך נישט ערלויבט צו זאָגען אַ דעה אין אַזעלכע ענינים, וואָס זענען זיי פרעמד געווען. די „פסקים“— בעשלוסען פון ראַבינאַט זענען געווען פער־פליכטענד פאַר אַלע מיטגלידער פון דער קהלה און קיינער האָט נישט געטאָרט עובר זיין אויף זיי. די רעגירונג האָט דעם אידישען בית־דין גע־געבען פאָלקאָמע פרייהייט צו משפט'ן די קהלה־מיטגלידער און צו בע־שטראָפען זיי, און די אידישע פאָרשטעהער האָבען ברייט אויסגענוצט דאָס דאָזיגע רעכט. פון שפאַניען און פאָרטוגאַל האָבען די אידען מיטגע־בראַכט די אונגליקליכע שטרעבונג צו זיין ריכטער אין ענינים פון אמונה און אויסצוואָרצלען אפיקורסות. דער אַמסטערדאַמער בית־דין האָט איינגעפיהרט אַ נייעס, וואָס איז ביי אידען קיינמאָל גאָרנישט געהערט געוואָרען, נעמליך: צו שטעלען פאַר'ן געריכט מענשען נישט בלויז פאַר זייערע מעשים, נאָר אויך פאַר זייערע געדאַנקען, מיינונגען און איבערצייי־גונגען; דאָס איז געווען אַ מין אינקוויזיציאָנס־געריכט, אַנ'אויטאָ־דע־פע (אַ גלויבענס־אַקט), אויב אפילו אויך נישט קיין בלוטיגער, אָבער דאָך אַ געגוג האַרטער פאַר די, וועלכע די זאַך האָט געטראָפען.— דער כאַראַק־טער און די אָרגאַניזאַציע פון דער פאָרטוגעזישער אידישער קהלה אין

אַמסטערדאַם האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער אידישער געשיכטע.

דען פון אַמסטערדאַם האָבען זיך איינגעאָרדענט נייע טאָכטער-קהלות, וועלכע האָבען איבערגענומען פון זייער מוטער נישט בלויז איהר פרומקייט, וואוילטעטיגקייט און ליעבע צו אָרדנונג, נאָר אויך איהרע שלעכטע מדות, וועלכע זי האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון די אינקוויזיציאָנס-לענדער. די צווייטע אידישע קהלה אין האָלאַנד האָט זיך ביסלעכווייז איינגעאָרדענט אין ראָטערדאַם. צוויי פרומע און רייכע ברידער פינטאָ, אברהם און דוד, האָבען געגרינדעט די ראָטערדאַמער קהלה און האָבען איינגעלאַדען אַ „חכם" און ראש-ישיבה אין דער שול, וואס זיי האָבען געגרינדעט אויף דעם אייגענעם חשבון אין ראָטערדאַם (Jesiba de los Pıntos) דאס איז געוועזען דער יונגער תלמודיסט רבי יאשיהו פּאַרדו, אַ זוהן פון רבי דוד פּאַרדו און אַנ'איידעם פון רבי שאול מאָרטיירא. דער דאָזיגער „חכם" האָט זיך אָבער נישט אויסגעצייכענט מיט קיין זאַך. — אויך ביי דער שטאָדט-פערוואַלטונג פון האַרטעם האָבען זיך די אידען משתדל געוועזען צו גרינדען דאָרט אַ קהלה. די הומאַניסטען, די פריינד פון דער טאָלעראַנץ, ווי אויך דער קעניג פון די דאַמאָלסדיגע פילאָזאָפען יאָזעף שקאַליגער, האָבען זיך שוין געפרעהט דערמיט; אָבער לסוף האָבען מנצח געוועזען די אָנהענגער פון דער אונטאָלעראַנץ, און פונ'ם נייעם ישוב איז נישט געוואָרען. דערפאַר אָבער זענען ענטשטאַנען פּאָרטוגעזישע קהלות אין צפון-דייטשלאַנד און אויף יענער זייט פון ים אוקינוס, און שפּעטער אויך פיעל קהלות אין די אנדערע נידערלענדישע שטעדט.

אין האַמבורג האָט זיך איינגעאָרדענט אַ בעדייטענדע קאָלאָניע פון דער אַמסטערדאַמער קהלה. אָבער וועהרענד די האָלענדער האָבען קיין גרויסע שוועריגקייטען נישט געמאַכט ביי'ם גרינדען די אַמסטערדאַמער קהלה, האָבען די דייטשען מיט זייער פּעדאַנטיזם און אַבערגלויבען זיך געשטעלט געגען דעם מיט די הענד און פיס. פאַר די איינגעפליישטע לובעראַנער, איז עס געוועזען אַ שרעקליכע זאַך אַריינצונעהמען די אידען אין זייער סביבה. אַ אידישער יובעליר יצחק זאַלצופעלען, וועלכער איז געוועזען געצוואונגען צו פערלאָזען זיין היים אין לופּע-דעטמאַלד, האָט געזאַכט די פּראָבע מיט נאָך צוועלף אידען, צו בעזעצען זיך אין האַמבורג. ער האָט אָנגעגעבען אַ ביטע צום האַמבורגער סענאַט, אַריינצונעהמען זיי אין שטאָדט אויף צוועלף יאָהר און פאָרגעלעגט צו געבען דערפאַר דריי טויזענד טאָלער ביי'ם אַריינציהען זיך און פיער הונדערט מאַרק יעהרליך אָבצאָהל. דער בעטענדער האָט דערביי אָנגעוויזען אלע מעגליכע מאָטיווען, ווי אזוי די זאַך לוינט פאַר דער שטאָדט און ערקלערט זיך בערייט אונטערצוגעבען אלע בעדינגונגען. אומזיסט. האַמבורג, וועלכע איז דאַמאָלס געווען שטאַרק פערנומען מיט דער מחלוקת

צווישען די פאפיסטען און די לוטהעראנער וועגען רעליגיעזע פראגען, האט
נישט געוואלט ווימען וועגען גערעכטיגקייט געגען די אידען.

עס קומט פאר לעכערליך, וואס וועהרענד די האמבורגער האבען זיך
אזוי גע'עקשנ'ט ארייננצונעהמען ביי זיך אידען, האבען זיי אליין נישט גע-
וואוסט, אז אזעלכע זענען צווישען זיי שוין געווען א היבש ביסעל און
זיי פלעגען טעגליך מיט זיי קומען אין בעציהונגען אין מסחר. דאס זע-
נען געווען די אנוסים, וועלכע זענען אנטלאפען פון די פייער-מזבחות פון
דער אינקוויזיציע און האבען נאך אלץ געטראגען די מאסקע פון פארטו-
געזישע פאפיסטען. זיי האבען זיך אין האמבורג בעשעפטיגט מיט גרויס-
האנדעל און שטארק מיטגעווירקט ביי דער ענטוויקלונג און אויפבליהען
פון דער שטאדט. דערוויסענדיג זיך, אז זייערע ברידער לעבען אין אמ-
סטערדאם עפענטליך אלס אידען, האבען אויך זיי אנגעהויבען ביסלעכ-
ווייז אבצוהיטען עפענטליך די אידישע דינים, אבער זייערע קינדער פלע-
גען זיי נאך פונדעסטוועגען אלץ לאזען אבטויפען ביי דער געבורט. די
שטרענג לוטהערישע בירגער האבען געמאכט א ליארם, ווען זיי האבען
זיך דערפון דערוואוסט און געפאדערט פון סענאט, אז מען זאל די רייכע
פארטוגעזישע אידען ארויסטרייבען. דער „סענאט", דאס הייסט: די גרוי-
סע סוחרים, האבען זיך עפעס געשעמט, צו בעגעהן זיך מיט רייכע
סוחרים און אדעליגע עשירים, ווי מיט געמיינע אידען, אדער גאר בראד-
יאגעס. די מייסטע פארטוגעזישע איינוואוינער (ד"ה די אנוסים) האבען
געבראכט בעדייטענדע קאפיטאלען און געפיהרט גרויסע מסחרים מיט'ן
ים אין די ניי-ענטדעקטע לענדער, אדער זיי זענען געווען פערטרעטער
פון גרויסע שפאנישע און פארטוגעזישע (ד"ה אידישע) האנדעלס-פיר-
מען. צו די געהיימע אידען אין האמבורג האט אויך געהערט דער בע-
ליעבטער דאקטאר ראדריגא דע קאסטרא (געבוירען 1560 געשט.
1627—8), וועלכער האט בשעת א מגפה געארבייט מיט מסירת-נפש און
געראטעוועט פיעל מענשען פון טויט. דערצו איז ער געווען א געשיקטער
פרויען-דאקטאר און זעהר געשעצט ביי די פרויען. גוטע דאקטוירים האט
בען דאמאלס בכלל געפעהלט אין דייטשלאנד, בעזונדערס אין די צפון-
קאנטען.— קורץ, דעם האמבורגער סענאט איז פארגעקומען אונמעגליך
ארויסצוטרייבען די דאזיגע פארטוגיזען (ד"ה די אנוסים); ער האט דע-
ריבער תחילת ערקלערט, אז צווישען די פארטוגיזען זענען קיין אידען
בלל נישטא. שפעטער האט ער ערקלערט, אז זייער צאהל איז אזוי קליין,
דאס עס לוינט נישט צו מאכען קיין טומעל. אין דער ווירקליכקייט אבער
זענען שוין דארט געווען הונדערט און פינף און צוואנציג פערזאן, צווי-
שען זיי—צוויי בעריהמטע דאקטוירים און צעהן גרויסע קאפיטאליסטען.

אבער אויב די בירגער האבען זיך דערמיט בערוהיגט, זענען געווען
אנדערע, וועלכע האבען זיך נישט געוואלט לאזען אב'פטר'ן מיט אזעל-
כע תירוצים. די הויפט דעה האט געהאט דאס מיניסטעריום, דאס הייסט:

די לוטהערישע גלחים, וועלכע זענען אלע געווען זעהר אידען-פיינדליך, און זיי האבען אנגעקלאגט דעם סענאט, אז ער איז אידען-פריינדליך. כדי צו בערוהיגען די עפענטליכע מיינונג, האט דער סענאט זיך געווענדעט מיט א שאלה צו די טעאלאגישע פאקולטעטען פון פראנקפורט אם אדר און יענא, אויב מען מעג ליידען ביי זיך די אידען לויט די פרינציפען פון קריסטליכען גלויבען. די יענא'ער אוניווערזיטעט האט געגעבען אזא ענטפער, אז מען וואלט גקאנט מיינען, אז דאס האבען געענטפערט פראפעסארען פון דאמיניקאנער-ארדען מיט האכסטראטען אין שפיץ מיט א יאהר פריהער נאך פאר דער רעפארמאציע. זיי האבען נעמליך ערקלערט, אז מען מעג די אידען אריינלאזען צווישען די קריסטען נאר בתנאי, דאס זיי זאלען נישט האבען קיין עפענטליכע שוהלען, אדער אפילו אויך נישט צוזאמענקומען זיך אין דער שטיל צו תפלה בצבור; דאס זיי זאלען נישט מלה זיין זייערע קינדער און נישט האלטען קיין קריסטליכע משרתים; אויסער דעם דארפען זיי נישט צוגעלאזען ווערען צו קיין עפענטליכער שטעלע. ווי די פאנאטישע פויפסטען, האבען אויך די לוטהערישע גלחים פערלאנגט, אז מען זאל קאנען צווינגען די אידען צו קומען הערען די גלחישע דרשות אין קירכע.

ווייל אבער אינ'ם דאזיגען ענטפער איז פארט געווען א שטיקעל היתר אריינצולאזען אידען (מיט גרויסע בעגרענצונגען), האט דער האמבורגער סענאט ערלויבט (פעברואר 1612) די פארטוגעזישע אידען עפענטליך צו פערבלייבען אין האמבורג, נאטירליך, מיט גרויסע בעגרענצונגען. אבער עס איז זיי ערלויבט געווארען מקבר צו זיין זייערע מתים אויף אנ'אייגענעם בית-עלמין נעבען אלטאנא, וואו א טייל משפחות האבען געקויפט דארויף א פלאץ. צוליעב דעם וואס די קהלה האט זיך באלד פערגרעסערט דורך נייע אנגעקומענע מיטגלידער, וועלכע זענען שוין געקומען נישט אלס פערמאסקירטע אידען, נאר אלס עפענטליכע, האט מען געמוזט אנהויבען פיהרען נייע אונטערהאנדלונגען מיט'ן סענאט און דער סוף דערפון איז געווען, אז די אידישע פריווילעגיעס פאר זייער מסחר זענען פערגרעסערט געווארען, דאגעגען זייערע בירגערליכע רעכט פערקלענערט. זיי האבען נישט געטארט האבען קיין אייגען הויז אדער גוט און אויב זיי האבען שוין געהאט געקויפט, האבען זיי עס געמוזט צוריק פערקויפען. נאר פאר'ן דאקטאר ראדריגא דע קאסטרא איז אין דער הינזיכט געמאכט געווארען אנ'אויסנאהמע.

אבער וואס מעהר די פארטוגעזישע אידען זענען מיט זייערע קאפיטאלען און געשעפטען געקומען אין פערבינדונג מיט די בעדייטענדע פירמעס, וואס א טייל פון זיי האבען געהאט זייערע מיטגלידער אין סענאט, אלץ מעהר האבען זיי דורכגעבראכען די בעגרענצונגען, וואס זענען פאר זיי געמאכט געווארען. בשעת מען האט געגרינדעט די האמבורגער האנדעלס-באנק (1619—1623), דורך וועלכער האמבורג האט שפע-

טער ענטוויקעלט איהר מסחר ביז דער העכסטער מדרגה, האָבען זיך אין איהר בעטייליגט, לפחות, צוועלף אידישע קאַפּיטאַליסטען. דעם בעדייטענדען מסחר מיט שפּאַניען און פּאָרטוגאַל האָבען בעגרינדעט די פּאָרטוגעזישע אידען. וויסענדיג, ווי נויטיג זיי זענען פאַר דער שטאָדט, האָבען זיי בשתיקה איינגעאָרדענט זיך א שוהל און אַראָבגעבראַכט א רב פון אַמסטערדאַם, רבי יצחק עטיאש, א תלמיד פון רבי יצחק אזיאל.

דאָס דאָזיגע קליינע שוהלעכעל פון צוויי צימערען סך־הכל האָט פערשאַפען דער קהלה פיעל עגמת־נפש. דער קייזער פערדינאַנד II, דער שרעק פון די פּראָטעסטאַנטען, האָט אין אָנפאַנג פון דער דרייסיג־יעהריגער מלחמה אַריינגעשיקט א שטרענגען בריעף צום האַמבורגער סענאַט (28 יולי 1627) מיט אַ פאָרוואורף, פאַרוואָס מען האָט די אידען ערלויבט צו עפענען א שוהל, ווערענד די קאַטוילען האָט מען פערבאָטען אָבצוהאַלטען גאָטעס־דינסט אין די קירכען. די לוטהערישע פאַנאַטיקער האָבען מעהר ווי דאָס נישט געברויכט; זיי האָבען זיך באלד דערהויבען מיט א טענה, אַז מען מוז די אידען זייער שוהל פערמאַכען, וויל אויב נישט, וועט מען זיין געצוואונגען צו ערלויבען דעם גאָטעס־דיענסט אויך די קאַטוילען אָדער די קאַלוויניסטען, און אזאַ זאַך איז פאַר זיי געוועזען נאָר שרעקליך! ווען די סעקציע פון די גלחים האָט דעם סענאַט איבערגעגעבען די דאָזיגע טענה, האָט דער סענאַט אַרויסגעפאָדערט די אידען, אַז זיי זאָלען ענטפערען אויף וועלכען סמך זיי האָבען זיך ערלויבט עובר צו זיין אויפ'ן אָבמאַך, וואָס מען האָט מיט זיי געמאַכט, אַז זיי זאָלען קיין שוהל נישט טאָרען עפענען. די אידען האָבען דאַרויף געענטפערט, אַז זיי האָבען כלל קיין שוהל נישט, נאָר אַנ'אָרט, וואו זיי פערזאַמלען זיך צו לערנען משה'ס חומש, צו זאָגען תהילים, צו לייענען די נביאים און אַנדערע ספרים פון תנ"ך, און אַלענפאַלס בעטען זיי דאָרט צו גאָט פאַר דער שטאָדט און דער רעגירונג. דער סענאַט האָט זיך דערמיט בערוהיגט, אָבער די גלחים האָבען נישט אויפגעהערט אויפצורייצען די איינוואוינער נעגען די אידען און דעם פערברעכערישען סענאַט. זיי האָבען געפאָדערט נישט מעהר און נישט וויניגער, ווי אַז מען זאָל פאַר די אידען בעשטימען א קריסטליכען ראַבינער, וועלכער זאָל פאַר זיי האַלטען דרשות אין דער שוהל אָדער אין אַנ'אַנדער אָרט און לערנען זיי צו זיין קריסטען. אויך די קריסטליכע דאָקטוירים האָבען שטאַרק גערייצט דאָס פאָלק נעגען זייערע אידישע קאָנקורענטען.

די האַמבורגער אידישע קהלה און איהר וואוילשטאַנד האָבען אָנגעהויבען וואַקסען פון יאָהר צו יאָהר, און דער סענאַט האָט פריינדליך אויפגענומען די נייע איינוואַנדערער מיט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלען און האַנדעלס - פערבינדונגען. אויב אפילו מען זאָל אָננעהמען, אַז די שילדערונג פונ'ם דאַמאָלסדיגען אידען־פיינד, יאָהאַנעס מילער, ווע־

גען דער אידישער עשירות זענען גוזמאות'דיג, קאָן מען זיך דורך איהר דאָך מאַכען אַ געוויסען בעגריף וועגען דעם. ער שרייבט נעמליך: „זיי — די פּאָרטוגעזישע אידען אין האַמבורג — געהען אַרום בעפּוצט מיט גאָלד און זילבער, מיט טייערע פּערל און דימענטען. אויף זייערע חתונות זע־נען זיי מכבד די געסט צו עסען פון זילבערנע כלים און פאָהרען זיך אין אַזעלכע קאַרעטען, וואָס נאָר רייכע מלוכה-לייט קאָנען זיך דאָס ערלוי־בען. פאַר זייערע קאַרעטען לאָזען זיי לויפען פיעל רייטער". אַ בעזונדערס רייכען, פירשטליכען לעבען האָט געפיהרט די געקומענע משפחה טעקסייראַ. דעם ערשטען גרינדער פון'ם דאָזיגען באַנקהויז, דיעגאָ טעקסייראַ דע מאַטאָס, האָט מען גערופען אין האַמבורג „דער רייכער איד". ער האָט געשטאַמט פון פּאָרטוגאַל, געהאַט אַ הויכען טי־טול און איז געווען פריהער שפּאַנישער קאָנסול אין פלאַנדערן. זייענדיג שוין אַ מאַן פון זיבעציג יאָהר האָט ער זיך מלה געווען און געוואָרען עפענטליך אַ איד. דורך זיין גרויסער עשירות און פערבינדונגען מיט פיעל שרים האָט ער געקאָנט שפּילען די ראָליע פון אַ גרויסען פריץ. אַ דייט־שער גלח, פאַרביי וועלכען טעקסייראַ איז געפאָהרען מיט זיין רייך געשפּאַן און סוויטע, האָט קנעכטיש זיך געבוקט פאַר איהם, מיינענדיג, אַז דאָס איז עפּעס אַ גרויסער שר. ווען אָבער ער האָט דערהערט, אַז דאָס איז אַ איד, האָט ער זיך זעהר פערשעמט און ערקלערט, אַז ווען ער וואָלט נאָר געהאַט די מאַכט, וואָלט ער אַלע אידען געמאַכט פאַר האָלץ-העקער און וואַסער-טרעגער, ווי יהושע האָט פאַרצייטען געמאַכט מיט די גבעונים.

אויך אַ קהלה פון אשכנזישע אידען האָט זיך ביסלעכוויז איינגעאָר־דענט אין האַמבורג און געגרינדעט אַ שוהל. אָזאַ זאַך האָבען שוין נישט געקאָנט פערטראָגען די פרומע לוטהעראַנער. די האַמבורגער לוטהעראַ־נישע גלחים האָבען דעריבער געפאָדערט פון סענאַט, אַז מען זאָל מעהר נישט סובל-זיין די אידען, און דערביי האָבען זיי אויך געהעצט געגען זיי דעם המון. צווישען די דאָזיגע גלחים האָט זיך געפונען דער שוין דער־מאָהנטער יאָהאַנעס מילער — אַ מין פּראָטעסטאַנטישער גרויס־אינקוויזיטאָר און אַ שופט פון אפּיקורסים. האַלטענדיג זיך פאַר אַ הויפּט-סלופּ פון לוטהערישען גלויבען, האָט ער עס געהאַלטען פאַר אַזעלבי־סטפערשטענדליכע זאַך, אַז מען מוז די אידען פיינד האָבען און דערני־דריגען. ער און זיינע חברים האָבען געהאַלטען אין איין פאָדערן, אַז מען זאָל די אידישע שוהל פערמאַכען (1631—1644). דער סענאַט האָט דערויף געענטפערט, אַז ער האָט דערויף קיין מאַכט נישט, דען די אידען זענען דאָרט מתפּלל צום אמת'ן איינציגען גאָט, וועלכער האָט בעשאַפען הימעל און ערד. צי זאָלען דען די אידען לעבען, ווי בהמות פון פעלד, אָהן קיין שום גאָט? מען קאָן דאָך זיי נישט פערבאָטען תפלה צו טהון און צו זי־גען קאַפּיטלעך תהלים! ענדליך — און דאָס איז דער עיקר — אויב מען

וועט זיי די שוהל פערמאכען, וועלען זיי זיך פון שטאדט ארויסציהען, און
דער שאדען דערפון וועט גרויס זיין, ווייל די שטאדט וועט א דארף ווע־
רען. דער סענאט און די אידען האבען זייער זאך דאס מאל אויסגעפיהרט.
ווייל דארט, וואו עס האבען נישט געווירקט נישט גערעכטיגקייט, נישט
פערשטענדיגע טענות, האט געהאלפען דאס אידיש געלד. — נור דער גלח
מילער האט נישט געוואלט נעהמען ביי אידען קיין שוחד, און דערפאר
האט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין גיפטיגקייט געגען די אידען. ער
האט געווידמעט זיין שנאה צו די אידען זיין פעדער און זיין שפראך;
ער האט אין זיינע דרשות און אין פריוואטע געשפרעכען, אין אפיצ־יעלע
ערקלערונגען און אין געדרוקטע זאכען געהאלטען אין איין אויפ־ווי־
זען, ווי מען טאר די אידען נישט סובל זיין און ווי שעדליך זיי זענען.
און אין זיין טעטיגקייט איז ער געשטאנען נישט אליין; דריי טהעאלאגישע
פאקולטעטען: די הויפט־לוטהערישע אין וויטענבערג, די שטראסבורגער
און די ראסטאקער, האבען אויף זיין אנפראגע ערקלערט, אז אידישע
דאקטוירים טארען בשום אופן נישט צוגעלאזען ווערען צו קריסטליכע
חולאים. אין זיבצעהנטען יאהרהונדערט, בשעת דער דרייסיגיעהריגער
מלחמה, ווען מען האט בעשיינפערליך געזעהען, ווי געפעהרליך עס איז
דער פאנאטיזם, וואס פאר אונגליקען עס קאן ברענגען פאר די פעלקער,
אייב מען נעהמט זיך געבען אנ'ענטפער מיט געוואלד אויף רעליגיעזע
פראגען — אין אט דעם יאהרהונדערט האבען די לוטהערישע גלחים גע־
וואלט אומקעהרען די וועלט צוריק און איינארדנען פארצייטיגע וועטי־
נאטישע קאנסיליען געגען די אידען! די צייט איז דאך פארט שוין גע־
ווען אנ'אנדערע. דער קעניג כריסטיאן IV פון דענעמארק, שלעזוויג
און האלשטיין, וואו עס האט זיך געפונען דער הויפט־בעשיצער פון די
פראטעסטאנטען נאך גוסטאוו אדאלף, דעם קעניג פון שוועדען, געראדע
ער האט פאר זיך איינגעלאדען א אידישען לייב־דאקטאר, האטש מילער
האט איהם געהאט געווידמעט זיין אידענפיינדליך בוך.

אין האמבורג גופא האט מילער'ס אגיטאציע געגען די אידען אויך
געהאט ווייניג ערפאלג. בשעת די אידען האבען דארט געוואלט בויען א
גרעסערע שוהל, האט ער און די איבריגע גלחים געמאכט א גרויסען ליארם
און פיעל געשטערט דערביי, אבער גאר נישט דערלאזען, אז מען זאל דעם
בנין אויספיהרען, האבען זיי דאך נישט געקאנט. די בעפעלקערונג האט
זיך ביסלעכווייז צוגעוואוינט צו די אידען און אויסגעלערנט זיך האבען
פאר זיי דרך ארץ. איינינע אידען זענען אפילו דורך הויכע קאטוילישע
מלכים בעשטימט געווארען פאר זייערע געשעפט־פיהרער, אדער קאנסו־
לען. דער קעניג פון פארטוגאל האט בעשטימט פריהער דוארטע נו־
נעז און יעקב קוריאל פאר זיינע אגענטען ביי די פרעמדע מלוכות,
און דער קאטוילישער קעניג פערדינאנד IV האט דערהויבען א אי־

דישען שריפטשטעלער פון פאָרטוגעזישער אָבשטאַמונג עמנואל ראָזאַלעס צום טיטול פפאלץ־גראַף.

אַ קאָלאָניע פון די אַמשטערדאַמער אידען האָט זיך אויך איינגעאָרדענט אין דרום־אַמעריקאַ, אין בראַזיליען, וועלכע די פאָרטוגיעזען האָבען ענטדעקט און בעזעצט, בעזונדערס, אין דער שטאָדט פערנאַמבוקאַ. אהין פלעגט די פאָרטוגעזישע רעגירונג אָבשיקען פריהער אידישע „פערברעכער", דאָס הייסט, אַנוסים, וועלכע זי ד״ט, צוליעב אַ וועלכער עס איז סבה, נישט געוואָלט פערברענען; צוזאַמען מיט די דאָזיגע פערברעכער, וועלכע האָבען דאָרט אַלע צוזאַמען געדאַרפט ווערען קאָלאָניסטען און דאָס לאַנד מיט זייער אַרבייט בעפרוכפערן. די דאָזיגע אַנוסים האָבען ערלייכטערט פאַר די האָלענדער דאָס איינגעהמען בראַזיליען, וועלכע האָט בעקומען אַנ'אייגענעם שטאָטהאַלטער יאָהאַן מאָריץ פון נאַסאַו (1636—1624). באַלד נאָכדעם איז די אַמשטערדאַמער אידישע קהלה געקומען אין בעציהונג מיט די בראַזיליאַנישע אַנוסים, וועלכע האָבען שוין געהאַט אַראָבגעוואָרפען די מאַסקע פון קאַטוילישען גלויבען און אין רעציפע נעבען פערנאַמבוקא האָבען זיי געגרינדעט אַ קהלה, וועלכע זיי האָבען אַ נאָמען געגעבען „קהל הקדוש". זייערע ערשטע פרנסים זענען געוועזן: דוד סענאָר קאָראָנעל, אברהם דע מאָנקאָרדאָ, יעקב מאָקאָטאָ און יצחק קאָתאַנהו. איינינע הונדערט פאָרטוגיעזישע אידען פון אַמשטערדאַם האָבען זיך געלאָזען אויף דער רייזע קיין בראַזיליע, צי ווייל זיי זענען געוועזן דערצו איינגעלאַדען, אָדער ווייל זיי האָבען געזוכט גוטע געשעפטען; זיי האָבען גענומען מיט זיך דעם „חכם" רבי יצחק אבוהב דע פאָנסעקאַ, כדי ער זאל בײ זיי זיין רב אין זייער נייער היים אין בראַזיליען (1642). רבי יצחק איז געוועזן דער ערשטער רב אין בראַזיליען. אויך אין טאַמאַריקאַ (Tamarica) האָט זיך איינגעאָרדענט אַ קהלה מיט אַ רב („חכם") רבי יעקב לאַגאַרטאָ, וועלכער איז געוועזן דער ערשטער תלמודישער שריפטשטעלער אין בראַזיליען. עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אַז די בראַזיליאַנישע אידען האָבען געהאַט פאָלקאָמע גלייכבערעכטיגונג דען זיי האָבען געדיענט אין דער מלוכה אָפט אַלס ראַטגעבער און קעמפפער אויף הויכע שטעלעס. ווען די דאָרטיגע קריסטליכע פאָרטוגיעזען האָבען געמאַכט אַ פערשווערונג געגען די האָלענדער, כדי אַראָבצוואַרפען פון זיך זייער יאָך, און האָבען געוואָלט אויסהרג'ענען אויף אַ מאָהלצייט אַלע האָלענדישע בעאַמטע און דערנאָך מאַכען אַ אָנפאַל אויף דער קאָלאָניע, נאָכדעם ווי זי וועט בלייבען אָהן אַ רעגירונג, האָט איין איד ענטדעקט די פערשווערונג די האָלענדער און געראַטעוועט דאדורך די גאַנצע קאָלאָניע פון אונטערגאַנג. ווען עס איז שפּעטער (1646) אויסגעבראָכען אַן אָפענע מלחמה צווישען די האָלענדער און די פאָרטוגיעזען, און די איינוואוינער פון רעציפע זענען געוועזן געצוואונגען דורכ'ן הונגער אונטערצוגעבען

זיך די פּאָרטוגיעזען, האָבען די אידען אָבגעהאַלטען דעם גובערנאַטאָר פון אַזאַ שריט און געפאָדערט, אַז מען זאָל די מלחמה פיהרען מוטהיג ווייטער. די ערגעבונג פון די אידען פאַר די האָלענדישע ענינים האָט זיי שטאַרק צוגעבונדען צו דער רעפּובליק און די האָלענדישע פריינדשאַפט פאַר די אידען האָט זיך דאַדורך בעפעסטיגט אויף אייביג. די אידען אין נידערלאַנד זענען שוין איצט געווען זיכער אויף שטענדיג מיט אַ רוהיגער עקזיסטענץ, אַלס אידען.

נישט אַזוי גליקליך זענען געווען די אַנוסים, וועלכע זענען, אַנטלויפענדיג פון דער אינקוויזיציע, געקומען קיין פראַנקרייך. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט זיי תחלת נישט ערלויבט, צו בלייבען אין לאַנד, אַלס געהיימע אידען, האָטש פיעל פון זיי האָבען פערנומען הויכע שטעלען אַלס דאָקטוירים, פּראָפעסאָרען פון יוריספּרודענץ און שריפטשטעלער. 1) ווייל זיי זענען אָבער געווען רייך און זיך אויסגעצייכענט מיט זייער קלוגער בעדייטונג פאַר'ן מסחר, האָבען די פערוואַלטונגען פון פיעל שטעדט זיי געוואָלט האָבען ביי זיך פאַר איינוואָהנער, כדי זיי זאָלען זייערע שטעדט אויפבויען און דערהויבען. דער קעניג היינריך II האָט דעריבער ערלויבט (1550) די אַנוסים, וואָס האָבען זיך בעזעצט אין באָרדאָ, צו וואוינען דאָרט אונטער'ן נאָמען ניי-קריסטען און אויך צוציהען אַהין נייע פּאָרטוגיעזישע אַנוסים. מיט דער צייט האָבען זיי דאָרט מיטגעהאָלפען די נייע אָנגעקומענע אַנוסים, אַז זיי זאָלען דאָרט קאָנען וואוינען אַלס אידען שפּעטער עפענטליך. אין די ערשטע צייטען אָבער האָבען זיי געמוזט פיהרען זיך עפענטליך אַלס קריסטען, לאָזען טויפען זייערע קינדער ביי דער געבורט, נעהמען חופּה און קדושין ביי אַ גלח און טראָגען קריסטליכע נעמען. דערפאַר האָבען זיי בשתיקה אָבגעהיט דאָס יודענטום אין אַ משך פון עטליכע דורות. אויף אַ וואונדערליכען אופן האָבען זיי זיך געראַטעוועט פון די שרעקליכע שחיטות געגען די אפּיקורסים אין דער נאַכט פון היילינגען באַרטאָלאָמייאוס, ווי אויך פון די אָנקלאַגען פון די פאַנאַטיקער געגען זיי, אַז זיי זענען נישט קיין אמת'ע קריסטען. אין יאָהר 1636 האָט די קהלה פון די אַנוסים געהאַט אין באָרדאָ צוויי הונדערט און זעכציג מיטגליד'ער. קלענערע קהלות זענען געווען אין באַיאָן און אין אַנדערע קליינע שטעדט. ערשט אַ יאָהר פופציג שפּעטער, אונטער לודוויג דעם פערצעהנטען האָבען די פּאָרטוגיעזישע אַנוסים זיך געקאָנט עפענטליך אָנערקענען פאַר אידען.

*) דער ערשטער עלעגאַנטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער, מישעל דע מאָנטעני, האָט געשטאַמט פון אַנוסים. זיין מוטער אַנטואַנעט דע לופּעז איז געווען אַ טאָכטער פון אַנ'אַנוסי, פּיער דע לופּעז, און זי האָט התנגה געהאַט פאַר אַ פראַנצויזישען פּריץ פּיער דע מאָנטעני.

זיבענטער קאפיטעל.

דער דרייסיג-יעהריגער קריג

און דער אויפשטאנד פון די קאזאקען.

(גזרות ת"ח ות"ט)

(1655 — 1618)

אין דער צייט, וואס אין האלאנד האט זיך בעוויזען דער ערשטער שטראהל פון א בעסערער צייט פאר די אידען, האט אין די איבעריגע מערב-אייראפעאישע לענדער נאך געהערשט פאר זיי א געדיכטער חושך. בעזונדערס אין דייטשלאנד איז דער איד נאך אין זיבצעהנטען יאהרהונדערט געווען אנ'עלענד בעשעפעניש, אויף וועמען מען ברויכט נישט רחמנות צו האבען, וועלכען מען דארף בעווארפען מיט בלאטע און בעהאנדלען ערגער, אלס א הונד. בעדייטענדע אידישע קהלות איז אין דייטשלאנד געווען העכסטענס דריי—פיער: פראנקפורט אם מאין מיט פיער—פינף טויזענד נפשות, ווארמס מיט טויזענד און פיער הונדערט, פראג מיט העכסטענס צעהן טויזענד און וויען מיט דריי טויזענד נפשות. אין די איבריגע קהלות זענען געווען ווייניגער אידען, און האמבורגער קהלה איז נאך געווען יונג. —

אין פראנקפורט און אין ווארמס האט געהערשט א שנאה צו אידען, וועלכע האט געשטאמט פון רעליגיאן, איידער פון קנאה און נישט פערגינען יענעם דאס לעבען, ווי מען פלעגט עס געפינען נור אין די מיטעלעלטערליכע צעכען פון בעלי מלאכות און קליינבירגערטום. ביידע פריישטעדט האבען בעטראכט די אידען אלס זייערע קאמער-קנעכט און האבען דאס ערקלערט גאנץ ערנסט אויפ'ן סמך פון א פריווילעגיע, וואס זיי האבען געהאט פון קייזער קארל IV, וועלכער האט זיי אבגעטראטען זיין זכות אויף די אידען אין די דאזיגע שטעדט, — זיין זכות אויף דעם אידישען לייב און לעבען און אויף זייער פערמעגען, א זכות, וואס ער האט, כלומרשט, געירשענט נאך אוש פון אספסינוס און טיטוס. ווען איינִיגע אמשטערדאמער (פארטוגיעזישע) אידען האבען זיך בעזעצט אין פראנקפורט און האבען מיט זייער וועלט-מסחר דערהויבען די שטאדט

צו א הויכער מדרגה גלייך מיט אמסטערדאם און האמבורג,— ווען אז די אידען האבען געבעטען ביי דער פראנקפורטער שטאדט־רעגירונג אנ־ערלויבניש א שוהל צו בויען, האט מען זיי דאס קורץ און שארף אבגעזאגט. וואס־זשע האבען געטהון די אידישע קאפיטאליסטען? זיי האבען זיך געווענדעט מיט זייער ביטע צו די שרים פון דער נאהענטער שטאדט דאנאו, וועלכע האבען זיי די ערלויבניש באלד געגעבען, און זיי האבען זיך אריבערגעצויגען אהין, דערהויבענדיג דאדורך די שטאדט מיט איהר מסחר.

די פערביסענע שנאה פון די פראנקפורטער געגען זייערע אידישע מיטבירגער האט זיך פערקערפערט אין א סעריע געזעצען, וועלכע געהערען צו די אונגעשמאקסטע און העסליכסטע. מען האט זיי א נאמען געגעבען „אידענשטעטיגקייט“, און זייער בעשטימונג איז געווען צו ערקלערען ביי וועלכע בעדינגונגען די אידען מעגען אטעמען די פערפעסטעטע און פער'עפוש'טע לופט אין דער פראנקפורטער גהעטא. אלע בעגרענצונגען, וואס עס האבען ארויסגעגעבען געגען אידען די פארציייטיגע קאמילישע גלחישע צוזאמענפאהרען (קאנסיליען), אנהויבענדיג פון פערבאט צו האלטען קריסטליכע משרתים און ענדיגענדיג מיט'ן בעפעהל, אז אידען זאלען מוזען טראגען אויף זייערע קליידער א שאנד־לאטע — דאס אלץ האט די פראטעסטאנטישע שטאדט על פי רוב אריינגענומען אין איהרע געזעצען געגען די אידען. די פראנקפורטער האבען בעהאנדעלט די אידען, ווי ארעסטאנטען, וועלכע דארפען אבקומען די בעשטראפונג פאר שווערע פערברעכען. אויסער „דער אידישער גאס“, האבען די אידען געקאנט אריינקומען אין שטאדט נאר אין זעהר וויכטיגע עסקים, אי דאס נישט זאלבענאנד, ווייל דאס האט שוין געהייסען א שפאציר־גאנג, וועלכער איז זיי שטרענג געווען פערבאטען; עס איז זיי שטרענג געווען פערבאטען צו קומען נאהנט צום „רוימער“, דאס הייסט דער אלטער בנין, וואו מען פלעגט קרוינען פארצייטען די מלכים; בעזונדערס איז זיי שטרענג געווען פערבאטען צו בעווייזען זיך אין די פראנקפורטער גאסען אין קריסטליכע חגאות, בשעת א התונה, אדער ווען די פירשטען האבען זיך געפונען אין שטאדט. אויך אין זייער געטהא האבען זיי זיך געמוזט פערהאלטען „מויזענשטיל“, כדי נישט צו בעליידיגען דורך א הויכען קול דאס קריסטליכע אויער. די אריינגעפאהרענע פרעמדע אידען האבען זיך געמוזט באלד אין אבענד לעגן שלאפען, און אהן דער ידיעה פון מאגיסטראט האט קיין פרעמדער איד בכלל נישט געטארט אויפגענומען ווערען אין שטאדט, אפילו נישט קיין חולה אין א שפיטאל אריין. עסענווארג האבען די פראנקפורטער אידען נישט געטארט איינקויפען אויפ'ן מארק אין איין צייט מיט דער קריסטליכער בעפעלקערונג, נאר ערשט נאכדעם, ווי די קריסטען האבען שוין געהאט אלץ איינגעקויפט פאר זיך, האבען די אידען אויך געמעגט קומען און קויפען, וואס זיי הא־

בען געהאט נויטיג. זייערע געשעפטען זענען געווען ארומגעשטעלט מיט פיעל בעגרענצונגען, אבער שטייערן האבען זיי געמוזט צאהלען פיעל גרעסערע, ווי די קריסטליכע בעפעלקערונג. ווי זיי זענען געווען מחויב צו טראגען אויף זייערע קליידער א שאנד-לאטע, אזוי האבען זיי אויך אויף זייערע קראמען (געוועלבער) געמוזט האלטען משונה'דיגע שילדען מיט אויפשריפטען. למשל: „צום קנאבעל", „צום עזעל", „צום גרי-נען, ווייסען שילד", ראטשילד, „שווארצשילד". לויט די דא-זיגע שילדען, האט מען די אידען אויך א נאמען געגעבען: מען פלעגט למשל זאגען—„דער איד ר. צום עזעל". ווען מען פלעגט ארייננעהמען א אידען פאר א בירגער אין פראנקפורט, פלעגט ער מוזען שווערען, לויט א העכסט ערנידעריגענדער צערעמאניע, אז ער וועט אבהיטען אט די אלע בעגרענצונגען און געזעצען. נאך אלעם דעם איז די ארעמע אידי-שע עקזיסטענץ אינגאנצען געווען אב העננינ פון מאגיסטראט, דען אין געזעצען וועגען די אידען איז געווען א פונקט, אז דער שטאדט-ראט האט דאס רעכט צוצונעהמען ביי אידען דאס וואוינונגס-רכט, אין וועלכער צייט ער וועט נאר וועלען. אין אזא פאל האט דער יחיד אדער זיין גאנצע משפחה געמוזט ארויסציהען זיך פון שטאדט אין בעשטימטען טערמין.

אויב דער מאגיסטראט האט געהאט דאס רעכט א יחיד, אדער א משפחה ארויסצוטרייבען, האט ער דאך אויך געקאנט ארויסטרייבען אלע אידען פון פראנקפורט, ווען ער האט נאר געוואלט. אזוי האבען עס טאַ-קי פערשטאנען די בירגער אדער בעלי-מלאכות, וועלכע פלעגען דאס אפט פאדערן ביי'ם מאגיסטראט. די בירגער און בעלי-מלאכות האבען נעמליך געשטרעבט אבצושוואכען די מאכט פון די פריצים און מאגיס-טראט, אדער גאר צו דערוויטערען זיי פון זייער ממשלה. די התחלה הא-בען זיי געמאכט מיט די טענות געגען די אידען. אין שפיץ פון די צעכען און בירגער איז דאמאלס געשטאנען דער צורר היהודים ווינצענץ פעטמילך, א קיכעל-בעקער, א מענש מיט א שרעקליכער חוצפה. וועלכער האט געמאכט צו טערן פאר זיך אלע ראטמענער אין מאגיס-טראט און זיך אליין האט ער גערופען גאנץ אפען „דער נייער המן". דער פראסטער המון האט אין איהם שטארק געגלויבט און מען האט איהם אויסגעקליבען פאר א פאלקס-פארשטעהער. פעטמילך האט באמת פערשטאנען צו זיין א „המן". צוערשט האט ער אנגעגעבען א ביטע דעם מא-גיסטראט און דעם קייזער אז „מען זאל בעפרייען די פראנק-פורטער קריסטען פון אידישען יאך". דערנאך האט ער אבגע-דרוקט אין א בעזונדערע בראשורע די געזעצען וועגען די אידען: „די אידענשטעטיגקייט" און געלאזט עס פערטיילען צווישען די בירגער און בעלי-מלאכות, כדי אויפצוקלערען אלעמען, אז די אידען זענען עובר אויף די געזעצען און דאריבער דארף מען זיי ארויסטרייבען פון פראנקפורט. דער מאגיסטראט האט אפילו געהאט בעפוילען, אז מען זאל די ביכלעך

קאָנפיסקירען, אָבער פעטמילך האָט געפועל'ט, אז מען זאָל זיי אָבגעבען צוריק, די דאָזיגע אָגיטאַציע האָט באלד בעוויזען איהרע גיפטיגע פרוכטען: די בעלי-מלאכות האָבען אָנגעהויבען ריידען פראַנק און פריי, אַז מען דארף אָנפאַלען אויף די אידען בערויבען זיי און אַרויסטרייבען. מען האָט אָפילו אויך בעשטימט אַ טאָג, ווען דער אָנפאַל האָט געדארפט פאָרקומען. באלד האָבען אָנגעהויבען פאָרקומען אייניציגע אָנפאַלען, ווען מען פלעגט אידען שלאָגען, מבזה מאַכען און שלעפען אין תפיסה. פעטמילך איז געוואָרען אלץ הוצפה'דיגער; ער און זיינע לייט האָבען ענדליך ארויסגעריסען די מאַכט ביי די ראטמענער און זענען אליין געוואָרען די מנהיגים פון שטאָדט, סטראַשענדיג די אידען מיט אַ'נאָנפאַל. דער קייזער האָט געשיקט שליחים אין שטאָדט, צו מאַכען שלום צווישען די ראטמענער און די בירגער, אויך דער לאַנד-גראַף לודוויג פון העסען-דארמשטאָדט האָט אזעלכע שליחים געשיקט, אָבער זיי האָבען נישט געקאָנט פועל'ן, אין דעם ערשטען טאָג שבועות (1664) האָבען פעטמילכ'ס לייט זיך אַריינגעריסען אין דער געטהאָ; נאָר דאָן האָבען זיך די אידען מקדים געווען און אַרויסגעשיקט פון שטאָדט זייערע פרויען און קינדער. די אגיטאַציע האָט מען דערווייל געפיהרט ווייטער; די אידען האָבען גוזר תענית געווען און געלעבט אין איין שרעק. אָבער ענדליך איז דער שרעקליכער טאָג געקומען.

דעם 27-טען אלול שע"ד (11 סעפטעמבער 1614), בשעת די פראַנקפורטער אידען זענען געווען פערזאַמעלט אין שוהל תפלה טהון צו גאָט, האָבען זיי דערהערט, ווי מען קלויבט זיך אין די טויערן פון דער געטהאָ. צווישען די אידען האָט זיך באלד אָנגעהויבען אַ מהומה; מען האָט אָנגעהויבען לויפען אהער און אהין, זוכענדיג אַ'נאָרט, וואו צו בעשיצען זיך פאַר די אָנפאַלער. דאָס יאָמער-געשריי פון די פרויען, קינדער און זקנים איז געווען הארצרייסענד; די יוגענד און בכלל די קרעפטיגערע אידען האָבען זיך בעוואָפענט, כדי צו קאָנען זיך פערטיידיגען פאַר די אָנפאַלער אָדער לפחות, שטארבען, ווי די גבורים און נישט פערשוועכען דעם אידישען נאָמען. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ'נאמת'ע מלחמה; פון ביידע צדדים זענען עטליכע מענשען דערהרג'עט געוואָרען און פיעל זענען פערוואונדעט געוואָרען. פעטמילכ'ס מחנה איז אָבער געווען גרעסער פאַר דער אידישער און זי איז אויך געווען געאיבט אין קאמף, דעריבער האט זי מנצח געווען, און אַ שוידערהאפטע צערשטערונג האָט זיך אָנגעהויבען: צו ראבעווען, צושטערען, צוברעכען אלץ, וואָס האָט נאָר אַ ווערט, שענדען די שוהלען און די ספרי-תורות מיט ווילדקייט פון רויב-חיות—אלץ ז'אַכ עס קאָן נאָר אויסטראַכטען די צעבושעוועטע ווילדע אינסטינקטען איז אויסגעבראָכען באלד נאָכ'ן פערשטויסען די אידען און האָט געדויערט אַ גאַנצען מעת-לעת. דאָס רוב אידען, וועלכע האָבען נישט געפונען קיין בארמהערציגען נפש ביי די קריסטליכע שכנים צו בעשיצען זיי און

זייערע הייזער, זענען געלעגען אויפ'ן בית־החיים, ווארטענדיג אויפ'ן שרעקליכען טויט. די ווילדע מחנה האט נישט ערקלערט פאראויס, וואס זי מיינט מיט זיי צו טהון, צי אויסהרגענען אלעמען, אדער ארויסטרייבען זיי פון שטאדט, דאריבער האבען די אידען געבעטען ביי גאט, אז עס זאל זיך האטש ענדיגען מיט א גירוש. ענדליך פארנאכט האט זיך פאר זיי געעפענט א קליין טהירעל צום פיש־מארק און מען האט זיי געגעבען די ערלויבניש ארויסצוציהען זיך פון שטאדט, נאטירליך, אהן זייער פערמעגען. אזוי ארום זענען אין מיטען העלען טאג פלוצלונג ארויסגעווארפען געווארען אויפ'ן גאס כמעט מוטער־נאקעט טויזענד מיט דריי הונדערט און אכציג פערזאן. פונדעסטוועגען האט מען אבער שוין אויך דאן געקאנט זעהען, ווי שטארק די צייט האט זיך פערענדערט: אין די פריהערדיגע צייטען וואלט מען ביי אזא אנפאל אלע אידען אויסגע־הרג'עט; איצט אבער האט מען זיי שוין געלאזט ארויסציהען זיך לעבעדיג פון שטאדט, און עס האבען זיך געפונען אויך גוטע הערצער צווישען די קריסטען, וועלכע האבען זיי פריינדליך אריינגענומען צו זיך אין די הייזער און געגעבען צו עסען און צו טרינקען. אין די ארומיגע דערפער און קליינע שטעדטלעך האט מען די ארויסגעטריבענע אויפגענומען מיט רחמנות, האטש פעטמילך האט געהאט אנגעזאגט, אז קיינער זאל זיך נישט דערוועגען אריינצונעהמען צו זיך די ארויסגעטריבענע אידען.

עס האט געדויערט א לאנגע צייט, איידער די פראנקפורטער אידען האבען געפועל'ט, אז מען זאל זיי צוריק אריינלאזען אין שטאדט און אומקעהרען זיי דעם שאדען. דער מאגיסטראט איז אפילו געשטאנען אינגאנצען אויפ'ן צד פון די אידען, אבער ער איז געווען אהנמעכטיג זיי צו העלפען; אויך דער קייזער מאטיאס האט נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו העלפען זיי. דער קייזער האט געהאט בעפוילען, אז מען זאל בעשטראפען די פאגראמשטשיקעס, אבער עס האט געפעהלט די מאכט, וואס זאל די בעשטראפונג פערווירקליכען. עס האבען זיך אפילו אויך געפונען געלעהרטע יוריסטען, וואס האבען זיך נישט געשעמט צו ערקלערען, אז מען ברויכט די אנפאלער כלל נישט בעשטראפען, ווייל זיי האבען דאך דעם אנפאל געמאכט נישט ביינאכט, בשתיקה, ווי גנבים, נאר אין מיטען העלען טאג.— דערווייל איז אבער פארגעקומען אַ'ן עהנליכער אנפאל אויך אין ווארמס, און ערשט דאן האט מען זיך געאיילט צו מאכען אנ'ענדע מיט די אנפאלען.— אין איינער פון די עלטסטע אידישע קהלות אין דייטשלאנד, אין ווארמס, איז דער אנפאל פארגעקומען אויף אנ'אנדער אופן, ווי אין פראנקפורט, נאר די סיבה איז אויך געווען די זעלביגע: קנאה און שנאה, צוליעב א שטיקעל ארעם ברויט. די אגיטאציע געגען די אידען האבען אין ווארמס געפיהרט נישט די בעלי־מלאכות, נאר א טייל פון די ראטסמענער אין מאגיסטראט, וועלכע האבען געפאדערט, אז מען זאל די אידען ארויסטרייבען פון שטאדט. אויך דער הויפט־

אנפיהרער פון די צוררים איז געוועזן נישט א פראסטער בעל-מלאכה, זוי פעטמילך, נאָר אַ חיטרער אדוואָקאַט, דאָקטאָר כעמניץ, וועלכער האָט דורכ'ן פערדרעהען די געזעצען און דורך שווינדעל געקאָנט אָנטהון די אידען מעהר שלעכטס, ווי די פראָסטע בעלי-מלאכות אין פראנקפורט מיט'ן גראָבען קולאַק. לויט זיין עצה, האָבען די בעלי-מלאכות געשיקט אַ דעפּוטאציע צו די אידען מיט אַ בעפעהל, אַז אין אַ משך פון איין שעה זאָלען זיי זיך אַרויסציהען פון שטאָדט „מיט האַק און פּאַק". דער מאַגיסטראַט האָט אפילו פּראָטעסטירט געגען דעם, אָבער קיין מאַכט, צו ווירקען לטובת די אידען האָט ער נישט געהאַט: די אידען האָבען דאַריבער געמוזט אום שביעי של פסח (אַפּריל 1615) זיך אַרויסציהען פון שטאָדט. דער ערצבישאָף פון מאַינץ און דער לאַנד-גראַף פון העסען-דאַרמשטאַדט האָבען זיי ערלויבט אויפצוהאַלטען זיך אין די קליינע שטעדטלעך און דערפער. אַזוי אַרום זענען זיי זיך צוזאַמענגעקומען מיט זייערע ברידער אין אונגליק פון פראַנקפורט.

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט די שמחה פון די אידען-פיינדליכע בירגער אין וואָרמס. דער קורפירשט פרידריך פון פּפאַלץ, דער פריינד פונ'ם אידישען דאָקטאָר זכותא ליזיטאַנוס, האָט אַריינגעפיהרט אין שטאָדט מיליטער פוס-געהער, רייטער און אַרטילעריע, און מיט דער ווילדער אגיטאַציע האָט עס געגומען אַ סוף. דעם דאָקטאָר כעמניץ מיט אַנדערע אגיטאַטאָרען האָט מען אַרעסטירט, אָבער עס האָט געדויערט נאָך דריי פירטעל יאָהר, ביז די וואָרמסער אידען האָבען אויפ'ן בעפעהל פון קייזער געקאָנט צוריק אַריינגעפיהרט ווערען אין שטאָדט אין זייערע וואוינונגען (19-ער יאַנואַר 1616). צוויי חדשים שפּעטער האָבען די קייזערליכע קאָמיסאַרען אַריינגעפיהרט אויך די פראַנקפורטער אידען אין זייערע וואוינונגען מיט גרויס פּאַראַד—מיט פּויקען און טרומייטען, פּונקט ווי אין טריאומף. דאָ האָט מען די אגיטאַטאָרען שטרענגער בעשטראָפט, ווייל זיי האָבען געמאַכט פיעל היזקות בשעת'ן אָנפאַל, און פערוואונדעט און אויך דער'הרג'עט נישט ווייניג מענשען. דעם „אידישען המן", ווי ער האָט זיך גערופען ווינצענץ פעטמילך, האָט מען פער'משפט צום טויט און צעריסען אויף פיער חלקים, וועלכע מען האָט אויפגעהאָנגען אין פערשידענע שטאָדט-טיילען. זיין פערמעגען און זיין הויז האָט מען פערניכטעט און זיין משפחה— פון שטאָדט אַרויסגעטריבען. דער קייזער האָט אויך בעשטראָפט די שטאָדט מיט אַ סומע פון הונדערט פינף און זיבעציג טויזענד ניין הונדערט ניינצעהן גאָלד-גילדען צו בעצאָהלען פאַר די שאָדענס, וואָס מען האָט די אידען אָנגעטהון אין ראַבונעק. צום אָנדענקען פון דער ישועה, וועלכע איז פאַר אידען בכלל געוועזן זעהר זעלטען אין דייטשלאַנד, האָבען די פראַנקפירטער אידען בעשטימט צו פייערן אַלע יאָהר דעם טאָג, ווען זיי האָבען זיך צוריק אַריינגעצויגען אין שטאָדט (20-טער אדר).

די אלטע געזעצען פאַר די אידען, „די אידענשטעטיגקייט“, האָט דער קייזער מאַטיאַס מבטל געמאַכט און איינגעפיהרט אַנייע אָרדנונג — אין מיטעלאַלטערליכען געשמאַק. די אידישע בעגרענצונג אין הלבשה אין מסחר און מלאכה איז געבליבען די אלטע, ווי אויך זייער רעכט אויף איבערצופאָהרען פון איין אָרט אויפ'ן אנדערען איז בעגרענעצט געבליבען און טיילווייז נאָך פערשארפט געוואָרען, „נור וויל דער קייזער האָט די אידען פריווילעגירט, דאַרף דער שטאָדט-ראָט זיי פערטיידיגען אין בעשיצען און דאָס רעכט צוצונעהמען ביי עמיצען זיין וואוינונגס-רעכט אין שטאָדט דאַרף ער שוין מעהר נישט האָבען“. יענע פראַנקפורטער אידען, וועלכע זענען דאמאָלס צוריק אריינגעפיהרט געוואָרען אין שטאָדט, האָבען דאריבער שוין מעהר נישט געברויכט צו בענייען אלע דריי יאהר, און זייער וואוינונגס-רעכט איז איבערגעגאַנגען בירושה צו זייערע קינדער. די צאָהל פון די אידישע איינוואוינער אין פראַנקפורט איז בעגרענעצט געוואָרען אויף פינף הונדערט. יעהרליך האָט מען געקאָנט געבען דאָס וואוינונגס-רעכט נייע אידען נישט מעהר ווי זעקס פערזאָן און חתונות האָבען אידען געקאָנט שטעלען אין יאָהר נישט מעהר ווי צוועלף. צו די אלטע שוץ-אָבצאָהלונגען זענען צוגעקומען נייע: די שטייערן פון ירושה און חתונות.— פאַר דער אידישער קהלה אין וואָרמס זענען די בעגרענצונגען געווען נאָך שווערערע. די קהלה האָט פערלוירען דאָס רעכט צו פאַשען די בעלי-הבתישע בהמות אויף שטאָדטישע ערד, אנשטאט דעם האָט מען זיי געגעבען פריווילעגיעס: „דאָס רעכט צו קויפען מילך פאַר זיך און זייער הויזגעזינד ביי די קריסטליכע בירגער און אריינברענגען די מילך צו זיך אין שטוב אריין“— אָט דאָס איז געווען די וויכטיגע „פריווילעגיע!“— עפּעס וואָס גוטס איז דאָך פאָרט געווען אין דער געשעהעניש פאַר די אידישע קהלות אין דייטשלאַנד, נעמליך: אַכ וואָס דער קייזער מאַטיאַס האָט פערטיידיגט דאָס מאָל די אידען נישט בלויז דורך בעפעהלען, וועלכע וואָלטען קיין ווירקונג נישט געהאַט, נאָר דורך געוועהר. דער קייזער פערדינאַנד דער צווייטער, ווי שטאַרק ער איז געווען ערגעבען צו די יעזואיטען און א פיינד פון די פראָטעסטאַנטען, האָט אויך בעשטעטיגט דאָס אידישע וואוינונגס-רעכט אין גאַנץ דייטשלאַנד און א דאַנק דעם, האָבען די אידען נישט אזוי שטאַרק געליטען פונ'ם אלגעמיינעם גרויסען חורבן אין דייטשלאַנד בשעת דער דרייסיג-יעהריגער מלחמה. זיי האָבען בלויז געליטען, ווי די דייטשע בעפעלקערונג פון שרפות, ראַבירונגען און חורבנות, וועלכע די אָנפיהרער פון דער אַרמעע טילי און וואַלענשטיין האָבען איינער נאָכ'ן אַנדערען געמאַכט אין דייטשלאַנד, אָבער ספּעציעל אַלס אידען, האָבען זיי נישט געליטען. א טייל אידישע קהלות זענען אָבער אין די מהומות פון די מלחמות אינגאַנצען אונטערגעגאַנגען; אָבער די אידען האָבען, לפּחות,

ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבען פאַר די אינערליכע שונאים און האָבען זיך געקענט אין זייער אַבגעזונדערטקייט אין דער געטהאָ פערטייידיגען זיך פאַר'ן אַלגעמיינעם שטורם. די קאַטוילישע אַנפיהרער פון די אַרמעען האָבען געהאַט בעקומען אַ בעפעהל פון קייזער, צו שוינען דאָס לעבען און פערמעגען פון די אידען, און די דאָזיגע בעפעהלען האָט מען בכלל אָבגעהיט, אַזוי אַז נישט זעלטען פלעגען די פראָטעסטאַנטען אַריינברענגען זייער האָב און גוטס צו די אידען אין דער געטהאָ, כדי דאָרט צו בעהאַלטען עס פאַר אַנ'אָנפאַל פון דער קאַטוילישער אַרמעע. אין דער הינזיכט האָט אָבער דער דייטשער קייזער נישט געהאַט אין זינען די מענשליכע בעציהונג צו די אידען; ער האָט פיעל מעהר געטראכט וועגען עטוואס אנדערש: כדי צו קאנען פיהרען די מלחמה מיט ערפאָלג, האָט מען געברויכט צו האָבען געלד, און מען האָט דאַריבער געמוזט שוינען די פינאַנציעלע אידישע קוואלען, כדי צו קאָנען זיי אויסנוצען אין דער נויט. צוליעב דעם האָט דער מיושב'דיגער קייזער פערדינאַנד אויך בעפויהלען זיינע פעלד־הערען, וועלכע האָבען אליין אויס.ע־האַלטען זייערע אַרמעען אויפ'ן חשבון פון פאָלק, אַז זיי זאָלען די אידען לאָזען צורוה, נישט פונאַנדערשטעלען ביי זיי קיין סאָלדאַטען און נישט פאָדערן פון זיי קיין קאָנטריבוציע. עס פערשטעהט זיך, אַז אידען האָט געקאָסט דער דאָזיגער חסד גענוג טייער.

דער ווינער הויף האָט געפונען נעמליך אַנ'אַנדער מיטעל, ווי אַזוי אַרויסצובעקומען ביי די אידען געלד אויף דער מלחמה. ער האָט בעשטימט די גרויסע אידישע קאַפּיטאַליסטען פאַר „הויף־אידען“, געגעבען זיי זעהר גרויסע זכיות אין האנדעל און בעפרייט זיי פון בעגרענצונגען, אונטער וועלכע עס האָבען געלעבט אַלע איבעריגע אידען, אפילו פון דער אידיישער שאנד־לאַטע האָט מען זיי בעפרייט און געגעבען בכלל זיי און זייער משפחה אַלערליי אויסנאַהם־זכיות. מען האָט אפילו געקאָנט כמעט מיינען, אַז אין יענער צייט האָט מען זיך בעגאַנגען מיט די אידען בעסער איידער מיט די קריסטען. אין מאַינץ וועניגסטענס האָבען די שוועדען אינ'ם משך פון די פיער יאָהר, וואָס זיי זענען דאָרט געוועזן (סוף 1631 ביז אָנפאַנג 1636) זיך בעגאַנגען מיט די אידען בעסער ווי מיט די קאַטוילען. די אידען זענען אויך נישט אַזוי שטאַרק פעראָרעמט געוואָרען, דען דריי יאָהר נאָכ'ן אַרויסציהען זיך פון די שוועדען האָבען זיי געקאָנט אויפבויען זיך אַ שוהל אין מאַינץ—אַ זאַך, וואָס זיי האָבען נישט געקאָנט אויספיהרען פונ'ם פריהערדיגען גירוש אָן, וועלכער איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָהר הונדערט און פופציג פאַר דעם. וועהרענד די קריסטליכע בעפעלקערונג האָט געקעמפפט מיט'ן דלות און מען האָט טאַקי נאָר צוליעב דעם געמוזט שליסען דעם וועסטפאַלישען שלום, האָבען די אידען דאָך געהאַט נאָך עפּעס וואָס אַרויסגעראַטעוועט: זיי האָבען אויפגעקויפט די גערויבטע זאַכען ביי די אַרמעען און, אויב זיי האָבען אפילו

ד׳ערביי אויך געהאַט צו צאָהלען גרויסע שטייערען, האָבען זיי דאָך אָבער אויך פיעל פערדינט. און אַט דאריבער איז עס געקומען, דאָס ווען ביי׳ם שליסען דעם שלום נאָך דער דרייסיג־יעהריגער מלחמה, זענען געקומען פון פוילען קיין דייטשלאנד פיעל ענטלאָפענע אידען, האָבען זיי געקאָנט זיי שטיצען מיט אלעם נויטיגען.

צווישען די „הויף־אידען”, וועלכע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער טעטיגקייט אין דער עפּאָכע פון דער דרייסיג־יעהריגער מלחמה, זענען געווען יאָסעל פינקהערלע פון געריץ, משה און יעקב געברידער מאַרבורגער פון גראַדיסקאַ, ווענטורא פּאַרענטע פון טריעסט, אליהו חלפן, דער ווינער דאָקטאָר, שמואל פון שלאַנגען־הויז און שמואל צום שטרויס; אויסער דעם האָט דער קייזער פערדינאַנד II דערהויבען צום עסטרייכישען אדעל דעם פּראַגער עושר רבי יעקב שמיעלעס (יאַנואַר 1622), אנאָמען געבענדיג איהם ריטער פון טרייענבורג מיט אהערב—א לייב מיט אַכט שטערענס. רבי יעקב שמיעלעס האָט געהערט צו דער קייזערליכער סוויטע און האָט אויך פיעל עוסק געווען אין אידישע כללישע ענינים. ער און זיינע חברים די „הויף־אידען” האָבען געדארפט בעקומען פאַר׳ן קייזער געלד די גאנצע צייט פון דער מלחמה און, א דאנק דעם האָבען זיי געקאָנט פיעל פועל זיין לטובת זייערע ברידער, די אידען אין דייטשלאַנד און איטאליען.— אין וויען איז דאַמאָלס געווען אגרויסע און רייכע אידישע קהלה, וועלכע דער קייזער האָט אָבגעגעבען א בעזונדערען אָרט אויף צו וואוינען אויסערן שטאָדט (דער שטאָדט־טייל, וועלכער הייסט איצט לעאָפּאָלד־שטאָדט). דאָרט זענען די אידען פריי געווען פון דער פליכט, צו טראָגען די שאנד־לאַטע און אויך פון דער הערשאפט פון ווינער מאַגיסטראט. וועהרענד אין האַמבורג האָבען די פּראָטעסטאַנטען נישט געוואָלט ערלויבען די ספרדישע אידען צו בויען זיך א שוהל, חאָטש יענע האָבען רייך געמאַכט די שטאדט דורך זייער מסחר, האָט דער פאַנאַטיש־קאַטוילישער דייטשער קייזער ערלויבט די ווינער אידען אויפצובויען אין וויען א גרויסע שוהל (דעצעמבער 1624). די ראטמענער פון מאַגיסטראט זענען געווען אידען־פיינדליך און געשטרעבט צו ארויסצוטרייבען די אידען פון וויען אינגאנצען. די דאָזיגע שטימונג האָט אויסגענוצט דער קייזערליכער הויף: פון איין זייט האָבען געוויסע שרים ערקלערט בשתיקה די ראטמענער, אז פאר צוואנציג טויזענד פלאָרין וועלען זיי פועלן, דאָס מען זאָל די אידען ארויסטרייבען פון וויען, פון דער אַנדערער זייט אָבער האָבען זיי דעם דאָזיגען סוד אויך אויסגעזאָגט די אידען, און, מען קאָן זיך לייכט משער זיין, אז די אידען האָבען זיך צוגעאיילט דאָס געלד צו געבען, אבי זיכער צו זיין מיט זייער עקזיסטענץ.— די רייכע ווינער קהלה האָט זיך אויך אראָבגעבראכט איינעם פון די דאַמאָלדיגע גרויסע רבנים, דעם ניקעלסבורגער

רב, רבי יום טוב ליפמאַן העלער (דער בעל „תוספות יום-טוב"),
וועלכער איז געקומען קיין וויען אין פעברואר 1625.

רבי יום טוב ליפמאַן העלער (געבוירען 1579 אין וואלער=
שטיין, געשטאָרבען אין קראַקוי 1654) איז געוועזען נישט גלייך צו די
דאַמאָלסדיגע גרויסע רבנים אין פוילען דערמיט, וואָס ער האָט אויסער
תלמוד אויך געקאָנט אַנדערע וויסענשאַפטען, בעזונדערס, מאַטעמאַטיק.
אין פלפול איז ער אפילו געשטאַנען פיעל נידעריגער פאַר די דאַמאָלסדי=
גע רבנים אין פוילען רבי שמואל איידעלש (מהרש"א) רבי
יהושע פאלק (סמ"ע) און רבי יואל סירקים (ב"ח), אָבער
דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט זיין קלאָרען לאָגישען פער=
שטאַנד און מיט זיין שענער שפראַך און דאָס האָט איהם אויך געגעבען
די מעגליכקייט צו האָבען בעקאַנטשאַפט מיט די דאַמאָלסדיגע גרויסע
נישט-אידישע חכמים. דערצו איז ער געווען אַ גרויסער עניו—אַ מדה,
וואָס איז זעהר זעלטען געווען דאַמאָלס צווישען די תלמידי חכמים אין
פוילען.— זייענדיג אַ יאָהר דרייסיג אלט, האָט ער מחבר געווען זיין
פירוש אויפ'ן משניות „תוספות יום טוב", אויף וועלכען ער האָט געאַר=
בייט דריי יאָהר. דער פירוש צייכענט זיך אויס מיט זיין קלאָרקייט און
פאָפולערע ערקלערונג, וועלכע ווייכט פון יעדען פלפול און פערדרעהט=
קייט. — אַלס רב אין וויען האָט ער איינגעפיהרט פיעל וויכטיגע תקנות
און דעריבער איז ער זעהר בעליעבט געווען ביי אַלעמען. — נישט לאַנג
איז ער אָבער פערבליבען אין ווין, דען מען האָט איהם איינגעלאַדען אויף
רבנות אין דער גרויסער פראַגער קהלה, וואו עס זענען געווען פיעל תלמידי
חכמים. — אין פראַג איז העלער געוואָרען רב אין יאָהר 1627, אין די רעכ=
טע מהומות פון דער דרייסיגיעהריגער מלחמה. נאָך אין אָנפאַנג פון דער
מלחמה האָט די רעגירונג אַרויפגעלעגט אויף די בעהמער אידען אַ הוב=
אָבצוזאָהלען יעהרליך מלחמה-שטייער פערציג טויזענד פלאָרין. די אי=
דען האָבען דעריבער איינגעאָרדענט אַ קאָמיטעט, וועלכער האָט געדאַרפט
פונאַנדערלעגען דעם שטייער צווישען די קהלות, ווי אויך צווישען די מיט=
גלידער פון דער פראַגער קהלה, לויט דער אייגענער אָבשעצונג פון יעדע=
פערמעגען. אין שפיץ פונ'ם דאָזיגען קאָמיטעט האָט, צו זיין גרויסען פער=
דרוס, געמוזט זיצען רבי יום טוב ליפמאַן העלער און איז דאַדורך פערוויי=
קעלט געוואָרען אין גרויסער מחלוקת, פון וועלכע ער איז בטבע געווען
גאַנץ ווייט. אומזיסט האָט דער גרויסער רב זיך בעמיהט צו בערוהיגען די
צדדים: די מחלוקת האָט זיך פערשאַרפט און געענדיגט זיך לסוף מיט אַ
מיאוסע מסירה אויפ'ן רב גופא, אַז ער איז נושא-פנים די עשירים און
דריקט די אָרימע לייט (מערץ 1629). רבי יום טוב העלער האָט אין זיין
תמימות גאָר נישט געוואוסט וועגען דער מסירה אויף איהם און דעריי=
בער איז ער זעהר איבערראשט געוואָרען, ווען דער קייזער האָט פלוצלונג
אַריינגעשיקט אַ שטרענגען פאַרוואורף איהם און די פרנסים מיט אַ

התראה, אז אויב זיי וועלען זיך ווייטער אויך נוהג זיין אויפ'ן פריהערדיגען שטייגער, וועט מען זיי שטרענג בעשטראפען. אויסער דעם האט דער קייזער בעפוילען אויסצוקלייבען א צענטראל-קאמיסיאן, וואס זאל זיך פערנעהמען מיט פונאנדערלעגען די שטייערן (2-טען מאי 1629). די שעדליכע מוסרים האבען זיך אבער דערביי נישט אבגעשטעלט און אנגעגעבען א נייע מסירה דעם קייזער, אז רבי יום טוב ליפמאן העלער האט אין זיינע פירושים צום רא"ש „לחם חמודות" און „מעדני מלך" אנגעריהרט דעם כבוד פון דער קריסטליכער רעליגיע, דערביי האבען זיי נאך אויך דערצעהלט, אז דער רב העלער איז זעהר רייך און ממילא האט די מסירה געהאט מעהר ווירקונג, ווייל מען האט דאך געקאנט קאנפיסקירען זיין פערמעגען.

די העסליכע מסירה האט געווירקט: פלוצלונג האט דער בעהמעשער שטאדטהאלטער ערהאלטען א בעפעהל פון וויען, אז ער זאל לאזען איינשמידען דעם פראגער רב אין קייטען און אבשיקען איהם קיין וויען (25 יוני 1629). אין א מלחמה-צייט איז אזא זאך געווען זעהר געפעהרליך, אבער די הויכע בעאמטע האבען רחמנות געהאט אויפ'ן העכסט אנגעזעהענעם רב און, אננעהמענדיג קויציע, האבען זיי איהם אבגעשיקט קיין וויען פריי. קומענדיג קיין וויען, האט רבי יום טוב ליפמאן העלער זיך פארגעשטעלט באלד ביים קאנצלער, כדי צו דערוויסען זיך, אין וואס מען בעשולדיגט איהם. דער קאנצלער אבער האט אויף איהם שטרענג אנגעשריען, ערקלערענדיג, אז ער האט זיך ערלויבט צו לעסטערן דעם קריסטליכען גלויבען. דעם פראגער רב האט מען אריינגעזעצט אין תפיסה צוזאמען מיט גנבים און מערדער און איינגעארדענט א געריכט, צו משפט'ן איהם אלס לעסטערער פון קריסטליכען גלויבען. די וויענער פרנסים האבען זיך אבער ממש מוסר-נפש געווען פאר זייער געוועזענעם בעליעבטען רב. מיט גרויסער מיה איז די שתדלנים געלונגען קודם-כל, אז מען זאל דעם רב ארויסנעהמען פון דער שרעקליכער תפיסה און אריינזעצען אין א בעקוועמערע. מען האט אויך געווירקט אויף די ריכטער-גלחים, אז זיי זאלען נישט אנערקענען איהם פאר א לעסטערער — א פערברעכען, פאר וועלכען מען וואלט געדארפט שטרענג בעשטראפט ווערען. די ריכטער האבען צוערשט ארויסגעשטעלט א בעשולדיגונג, אז „מען האט זיי געזאגט, דאס אין דער הקדמה צו זיין חבור האט דער רב שטארק געלויבט די גמרא". אזא זאך האט מען איהם אריינגערעכענט פאר א פערברעכען, „ווייל די פויפסטען האבען פיעל מאל פערמשפט דעם תלמוד צום פערברענען". רבי יום טוב העלער האט אבער דערויף געענטפערט, אז אלס רב מוז ער לויבען דעם פונדאמענטאלען ספר פון דער אידישער רעליגיאן און געגען דער קריסטליכער רעליגיאן האט ער קיינמאל קיין שלעכט ווארט נישט געזאגט. משמעות, דער ענין האט געקאסט אידען פיעל געלד, דען דאס געריכט האט ענדליך פריינעשפראכען דעם רב פון דער הויפט-בעשולדיגונג און ארויסגעגעבען אזא פסק-

דין: לויט'ן געזעץ האָט מען דעם רב געדראָפט פערמשפט'ן צום טויט, נור ווייל דער קייזער איז אַ מלך של חסד, דעריבער האָט ער איהם בעשטראָפט מיט צוועלף טויזענד טהאַלער, „וועלכע ער מוז באַלד בעצאָהלען מזומן". רבי יום טוב העלער האָט דערויף אָנגעגעבען אַ ביטע צום קייזער, אין וועלכער ער שרייבט: „איך דאַנק זעהר פאַר'ן חסד, וואָס דיין מאַיעס־טעט האָט מיר בעוויזען, אָבער וועגען די צוועלף טויזענד טהאַלער, וואָס איך דאַרף בעצאָהלען, איז אַלץ איינס, ווי מען וואָלט מיר בעפוילען אויפ'ן הימעל אַרויפצוגעהן". דער קאַנצלער האָט אָבער דעם רב נישט געגלויבט, אַז ער האָט נישט אַזאַ סומע, ווייל די מוסרים האָבען ערקלערט, אַז ער איז זעהר רייך. דער קאַנצלער האָט אויך געסטראַשעט, אַז אויב מ'וועט דאָס געלד נישט בעצאָהלען, „וועט ער לאָזען פיהרען דעם רב נאַקעט אין די הויפּט גאַסען און שמייסען איהם אין יעדער גאַס, דערנאָך וועט ער איהם אָבשיקען קיין פּראָג און דאָרט אויך טהון מיט איהם דאָס אייגענע, כדי דאָס זאָל זיין אַזאַ חרפה, וואָס זיי האָבען דאָס נישט געהאַט, זינט טיטוס האָט זיי פערטריבען פון ארץ ישראל". — נאָך אַ לאַנגען דינגען זיך, האָט דער קאַנצלער אַרונטערגעלאָזען צוויי טויזענד פלאָרין און פונאַנדערגעלעגט די טערמינען פון בעצאָהלען די שטראָף אויף אַ לענגערער צייט, נעהמענדיג דערביי ערבות פון רייכע אידען, אַז די שטראָף וועט בעצאָהלט ווערען. — די פּראַגער שונאים פונ'ם רב האָבען אָבער דערמיט זיך נאָך נישט בעגנוגט, און געפּועלט דורך נייע מסירות, אַז מען זאָל איהם פערבאָטען צו זיין אַ רב אין דער גאַנצער מלוכה פונ'ם קייזער. פון תפיסה האָט מען דעם רב בעפרייט, נאָכדעם ווי מען האָט איהם דאָרט אָבגעהאַלטען פערציג טעג (14 אויגוסט 1629) און אַ גרויסען טייל פון זיין שטראָף האָט בעצאָהלט דער אידישער ריטער רבי יעקב פאָן טרייענבורג, וועלכער האָט אויך געפּועלט, אַז מען זאָל פון איהם אָראָבנעהמען דעם פערבאָט רב צו זיין. נור אין פּראָג איז איהם פערבאָטען געוואָרען צו זיין רב. אָבער רבי יום טוב ליפּמאַן העלער האָט שוין מעהר אַליין נישט געוואָלט אומקעהרען זיך אַהין און איז אויסגעוואַנדערט קיין ליטא און פּוילען, וואו ער איז געווען רב אין פיעל קהלות.

די שענדליכע מסירה אויפ'ן פּראַגער רב האָט אָבער געבראַכט צו נאָך אַנדערע רעזולטאַטען. דער פאַנאַטישער דייטשער קייזער האָט פון דאַמאָלס אָן מעהר אָנגעהויבען צו אינטערעסירן זיך מיט דער בעציהונג פון די אידען צום קריסטענטום. מען האָט אויך בעשלאָסען צו פיהרען די אידען צום שמד. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז דער, פּויפּסט גרעגאָר XIII האָט איינגעפיהרט אין זיין מדינה, דאָס די אידען זענען מחויב צו קומען הערען די דרשות פון די גלחים און מען בעשלאָסען איינצופיהרען אַזעלכע דרשות אויך אין עסטרייך. דער קאַרדינאַל קלעזעל, וועלכער איז פריהער געווען יועץ ביים קייזער און האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף די מלוכה־ענינים, זייענדיג אַ מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט צו לעבען אַ גו־

מען טאָג, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַזעלכע דרשות געפאָדערט פאַר די אידען, נאָכדעם ווי ער איז אַליין געוואָרען אַ בעל־תשובה, פער־לירענדיג זיין איינפלוס אויף די מלוכה־ענינים. דער קייזער האָט זיין פאָדערונג נאָכגעגעבען און צוערשט בעפוילען, איינצופיהרען די דאָזיגע דרשות אין ווין און פראָג (פעברואַר 1630). און זיין בעפעהל ערקלערט דער קייזער פאָלגענדעס: מען דאַרף צווינגען די אידען, צו קומען הערען די גלחישע דרשות יעדען שבת פון אכט ביז ניין אזייגער אינדערפריה בשעת'ן דאַווענען; צו יעדער דרשה מוזען קומען נישט ווייניגער, ווי צוויי הונדערט אידען, מאַנזביל און פרויען, בחורים און מיידלעך פון פופצעהן יאהר אן. ווער עס וועט נישט קומען צו דער דרשה, דאַרף בעשטראָפט ווערען דעם ערשטען מאָל מיט איין טהאַלער, צום צווייטען מאָל דאַרף די שטראָף פערגרעסערט ווערען. בשעת דער דרשה טאָר מען נישט שלאָפען, אָדער שמועסן. דאָס געלד, מיט וועלכע מען וועט בעשטראָפען די נישט־געקומענע אידען, דאַרף פערטהון ווערען אויף צו שטיצען משומדים. דער קייזער האָט בכלל געשטרעבט אָבצושמד'ן פיעל אידען, די זאַך איז אָבער נישט לייכט געווען, ווייל די אידען האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי זייער רעליגיאָן; טאָמער איז אַ איד אַריינגעפאַלען אויף אַ וועלכען עס איז אופן און מען האָט איהם געצוואונגען צום שמד מיט געוואַלד, האָבען די אידען געגעבען שוחד די שרים, און מען האָט איהם געלאָזט צו־רוה. דער קייזער האָט געהאַט איבערגעגעבען די שמד־אַגיטאַציע צו די יעזואיטען, אָבער זיי האָבען זיך גענומען פאַר דער זאַך נים ווילענדיג, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז פיעל פרוכטען וועלען זיי פון זייער בעמיהונג נישט האָבען און, לויט יענער צייט, בשעת מען האָט געפיהרט די דרייסיגיעהריגע מלחמה, איז פאַר זיי געווען וויכטיגער אָנצושטרענגען אַלע זייערע כחות בעסער געגען די פראָטעסטאַנטען. דערווייל איז אויך דער קייזער אָבגעקיהלט געוואָרען פון זיין ברען געגען די אידען, ווייל אין יענער צייט איז דער שוועדישער גבור, דער קעניג גוסטאַוו אַדאָלף, אַראָבגעקומען מיט זיין קאַנצלער אין אַ גוטער אַרמעע צו הילף די פראָטעסטאַנטען געגען דעם קייזער, און אַלע דייטשע פראָטעסטאַנטישע מלכים און פירשטען האָבען זיך מיט איהם פעראייניגט. די הצלחה האָט זיך דאַדורך אָבגעווענדעט פונ'ם קייזער, און ער האָט געהאַט אַנדערע דאגות, ווי פיהרען אידען צום שמד; אויך זיין פעלד־הערר וואַלענשטיין האָט אַרויסגעוויזען אונגעטריהייט צו איהם. און מען האָט אפילו אָנגעהויבען רעדען, אַז ער מיינט נאָר, אַליין צו ווערען קעניג. דער ענין „גזרות־השמד“ איז דעריבער בטל געוואָרען.

אָבער אויב דער קייזער איז אין דער הינזיכט פון דער רעליגיע געווען תחלת זעהר נישט גינסטיג פאַר די אידען, איז ער אין אַנדערע הינזיכטען געווען זעהר גוט צו זיי און האָט זיך בעמיהט צו פערטיידיגען זיי בשעת די מלחמות און פערלייכטערען זייער לאַגע דאָרט, ווי די מלחמה האָט זיך נעהאַט געענדיגט. ווי בעוואוסט, איז דאָס דייטשע מיליטער אין

ו.אַלענשטיינ'ס אַרמעע בעשטאַנען פון געדונגענע סאָלדאַטען, וועלכע האָבען
געטראַכט נור וועגען רייך ווערען פון זייער פּראָפעסיע. די דאָזיגע סאָל-
דאַטען, ווי אויך דער המון, וואָס האָט זיך נאָך זיי געשלעפּט, האָט דערי-
בער איבעראַל געמאַכט רויב-אָנפאַלען אויף די אידען. — אַזאַ רויב-אָנפאַל
האָט מען אויך געמאַכט אין מאַנטאָבאַ, וואו עס האָבען געוואוינט אין געטאָ
העכער טויזענד אידען. די דייטשען האָבען בעלאַגערט די שטאָדט
אַכט מאָנאַטען. און די גאַנצע צייט האָבען די אידען צוזאַמען מיט דער
קריסטליכער בעפעלקערונג געקעמפּפט געגען זיי מיט אַ זעלטענער מסירות-
נפש, אַרבייטענדיג מיט דער ערלויבעניש פון די רבנים אויך אום שבת,
כדי צו בעפעסטיגען די שטאָדט. די דייטשען האָבען אָבער ענדליך די
שטאָדט איינגענומען. און די פּלינדערונג אין איהרע גאַסען האָט געדויערט
דריי טעג; אין דער געטאָ האָט אָבער דאָס ראַבעווען געדויערט נישט לאַנג,
ווייל די אָנפיהרער פון דער אַרמעע האָבען דאָס געהאַט פערבאָטען. פאַר-
וואָס? די אָנפיהרער האָבען געוואָלט דאָס אידישע האָב און גוטס צוגעה-
מען פאַר זיך אַליין און מודיע געווען די אידען (28 יולי 1630), אַז אין
דריי טעג אַרום מוזען זיי די שטאָדט פערלאָזען, נישט נעהמענדיג מיט זיך
קיין זאַך אויסער די מלבושים און דריי מטבעות. דאָס איבעריגע גאַנצע
פערמעגען האָבען די דייטשע אָנפיהרער צוגענומען פאַר זיך. אויף די
אַרויסגעהענדע אידען פון שטאָדט זענען בעפאַלען די סאָלדאַטען און צוגע-
נומען ביי זיי אויך זייערע מלבושים. די מאַנטאָבער קהלה האָט זיך גע-
לאָזען בלאָנדזשען אויף די וועגען נאַקעט און הונגעריג. נור זעכצעהן אי-
דען האָבען די דייטשען בעהאַלטען אין שטאָדט, כדי צו צווינגען זיי דורך
יסורים און ענוים, אַז זיי זאָלען אויסזאָגען, וואו די אידען האָבען בעהאַל-
טען זייער געלד. דריי פון די דאָזיגע אידען האָבען אָבער בעוויזען צו
ענטלויפען; דאָס זענען געווען: יעקב חיים קאָזים, שמואל
פאַנו און אברהם, וועלכע האָבען בעוויזען צו קומען צום קייזער
און בעקלאָגט זיך פאַר איהם אויף זיינע אַרמעע-אָנפיהרער. דער קייזער
איז העכסט בייז געוואָרען אויף די רויבערייען (דעם 2 סעפּטעמבער) האָט
געשיקט אַ בעפעהל איינצולאָזען די אַרויסגעטריבענע אידען צוריק אין
שטאָדט אַריין. נור אַ העלפט פון די מאַנטאָבאַ'ער אידען האָבען בעוויזען
צוריק אַריינצוקומען אין שטאָדט, די איבריגע זענען אומגעקומען אין
עלענד און דחקות.

דער קייזער פערדינאַנד III, וועלכער איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן
טראָהן נאָך זיין פאָטער פערדינאַנד II אין יאָהר 1637, איז אויך געווען
זעהר גנעדיג פאַר די אידען, און, ווען מען האָט אין יענער צייט געמאַכט
אין פערשידענע ערטער אויף די אידען בלוט-בלבולים, האָט פערדינאַנד
III (23 יוני 1638) אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז מען זאָל נישט בעשולדי-
גען די אידען אין ריטואַלע מאָרדען.— אין בעהמען האָבען די אידען אין
דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה אַרויסגעוויזען זייער ערגעבענהייט

און געטרייהייט פאר'ן קייזערליכען טראָהן, און דאריבער האָט פערדינאנד III (8 אַפּריל 1648) פערגרעסערט זייערע פריווילעגיעס, ערלויבענדיג זיי צו בעזעצען זיך איבעראל אין די קייזערליכע ירושה-לענדער און פערבאָטענדיג אַרויסצוטרייבען זיי אָהן זיין איינשטימונג. אויך מיט אלע כסחרים און מלאכות האָט ער זיי ערלויבט צו בעשעפטיגען זיך, אויכער מיט דער פאבריקאציע פון געוועהר. ער האָט אויך בעפרייט די פרנסים פון דער פעראנטוואָרטליכקייט פון די מלוכה-פערברעכענס פון פריוואטע פערזאָנען. בכלל איז די אידישע לאגע אין דייטשלאנד, בשעת מען האָט געשלאָסען דעם „וועסטפאלער שלום", געוועזען נישט שלעכט (1648). אונגליקליכע צייטען האָבען זיך אָבער דאמאָלס אָנגעהויבען פאר די פוילישע אידען.

די אידען אין פוילען און גזרות ת"ח ות"ט.[1]

די רעזולטאטען פון דער איבערקעהרעניש אין פוילען, וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט נאָכדעם ווי עס האָט זיך געענדיגט דאָס יאגעלאָנישע מלוכה-הויז (דינאסטיע), האָבען זיך אַרויסגעוויזען אין זייער פולער און קלאָרער וויכטיגקייט ביי די ערשטע צוויי מלכים פון דער שוועדישער דינאסטיע וואזא: זיגמונד III (1588—1632) און וולאדיסלאוו IV (1632—1648). צוליעב דער נייער אָרדנונג אויסצוקלייבען א מלך, איז דער לעצטער געוואָרען געשטעלט אין פאָלקאָמער אָבהענגיגקייט פון דער שליאכטע, וועלכע האָט פאקטיש פערוואלטעט דאָס לאנד, צופאסענדיג די געזעצגעבעריי פון סיים צו איהרע אייגענע קלאסען-אינטערעסען און פערנעהמענדיג אלע שטעלעס אין דער אדמיניסטראציע — אלס וואָיעוואָדעס, סטאראָסטעס און אַנדערע מלוכה-פונקציעס. עס האָט זיך אָבער אויך פערשטארקט די טעטיגקייט פון די יעזואיטען און ממילא אויך פון די קאטוילישע גלחים אין אלע ספערען פון לעבען. דאָס אויסוואָרצלען דעם רעפאָרמאטאָרישען גייסט, דאָס דריקען די פראוואָסלאוונע „פויערישע" קירכע, דאָס האלטען די אידען אויסגעשלאָסען פונ'ם מלוכה און געזעלשאפטליכען לעבען — אָט דאָס איז געוועזען דאָס פראָגראם פון דער קאטוילישער רעאקציע אין פוילען. אָבער אויב אַנדערע אומות האָט מען נאָר גערודפט, כדי צו פועל'ן דאדורך, אז זייערע מיטגלידער זאָלען ווערען קאטוילען, האָט מען די אידען פיינד געהאט און ערנידריגט, ווייל מען האָט פערלוירען די האָפנונג צו קאָנען זיי אָב'שמד'ן, און אויב עס איז דער רעאקציע נישט געלונגען, צו בעגייען אין פוילען די מיטעלאלטערליכע רדיפות נעגען די אידען, איז דאָס געוועזען נאָר דערפאר, וואָס צוליעב דעם שטענדיגען קלאסען-קאמף האָט זיך אין פוילען בכלל נישט געקאָנט איינ-

---

1) לויט דובנאָוו און אַנדערע קוועלען.

וואָרצלען און פערפעסטיגען א וועלכע עס איז בעשטימטע סיסטעם. „פויריען האלט זיך נור א דאנק די אונאָרדנונגען"--האָבען דאמאָלס שטאָלץ געטענה'ט די פאָליטיקער. די „גאָלדענע פרייהייט" איז דעגענערירט (ענטאַרטעט) געוואָרען; זי איז געוואָרען א געוועהר צו דריקען דורך איהר די מיטעלע און נידעריגע קלאסען לטובת די העכערע, פיהרענדיג דאָס לאנד צו א פאָלקאָמער אנארכיע, צום אבשוואכען די בעדייטונג פון סיים (liberum Veto) און צו אונענדליכע קלאסען-מחלוקת. איבריגענס, פאַר פוילען איז, ביי דער געוואלדיג פערדערבליכער קראפט פון דער קאטוילישער קירכע, אויך דארין געווען א שטיקעל ישועה. ווען פוילען וואָלט דאמאָלס געווען אַן אבסאָלוטע מאָנארכיע, וואָלט ביי דער קאטוילישער רעאַקציע פון איהר געוואָרען—א שפאניען פון פיליפ דעם צווייטענס צייטען. די אונאָרדנונג און דער קלאסען-קאמף האָבען געראטעוועט די[illegible] לאנד פון דער שרעקליכער „אָרדנונג" פון דער אינקוויזיציע מיט איהרע זעלבסטהערשענדיגע תליונים.

די אפוטרופסות איבער די אידען האָט אָנגעהויבען איבערצוגעהן פון דער מלוכה-מאכט צו דער רייכער סיים-שליאכטע, וועלכע פלעגט פערטיידיגען די אידען, האָטש זי איז געווען ערצויגען אין די יעזואיטישע שילען און אָנגעזאפט מיט גלחיש'ען גייסט, ווייל זי איז געווען פערבונדען מיט די אידען דורך עקאָנאָמישע אינטערעסען. דער אידישער טשינשצאָהלער אין די פריצישע שטעט און שטעדטלעך, דער אידישער ארענדאַר אין דאָרף, וועלכער פלעגט רעאליזירען פאר'ן פריץ די הכנסה פון זיין מאלקעריי, פון זיין מיהל, פון זיין בראָנפען און ביער-ברויז און אנדערע עסקים—אָט די אלע אידען זענען העכסט נויטיג געווען דעם פרעהליכען פריץ, וועלכער פלגט פערלאָזען זיין ווירטשאפט און ארומשלעפען זיך אויף די גרויסע און קליינע סיימען און קאָנפעדעראציעס, אָדער בכלל אויף פערשידענע פערוויילונגען. די „סיים-שליאכטא" פלעגט נישט דערלאָזען דער גלחיש'ער מאכט אריבערצוטרעטען געוויסע גרענעצען אין די רדיפות נעגען די אידען. אפילו דער פרומער קעניג זיגמונד III, וועלכער האָט זיך ערצויגען אין א יעזואיטען-שול און איז געווען אונטער זייער איינפלוס—אפילו ער האָט געשפּיעלט די ראָלע פון א אידישען בעשיצער, ווייל דאָס איז שוין געווען א טראדיציע (א מנהג) ביי די פוילישע מלכים. ווי שוין דערמאָנט, האָט ער אין יאָהר פון זיין ארויפשטייגען אויפ'ן טראָהן (1588) בעשטעטיגט דאָס רעכט פון די אידען אויף א פרייען האנדעל אין די שטעדט, מיט איינינע קליינע בעגרענצונגען, לויט ווי עס האָבען דאָס געפאָדערט די אידען-פיינדליכע קריסטליכע סוחרים.

דער פערביסענער עקאָנאָמישער קאמף צווישען די קריסטען און די אידען אין די שטעדט האָט זיך געפיהרט אין דער עפּאָכע אויך אזוי ווי פריהער, נאָר איצט האָט דער קאמף אָנגענומען אויך א פאָרם פון רעליגיעזער אונטאָלעראנץ. אין פיעל שטעדט האָבען די מאגיסטראטען אָנגענו-

מען דאס רעכט צו משפט'ן די אידען, האטש לויט די גרונד-געזעצען האָ-
בען געקאנט משפט'ן די אידען נאר די קרוין-ריכטער, די וואיעוואדאס
און אנדערע. ווען די אידען פלעגען זיך דארויף בעקלאגען ביי'ם קעניג,
פלעגט ער תמיד אנהוויזען דעם מאגיסטראט, אז די אידען ברויכט מען צו
משפט'ן נישט לויט די מאגדעבורגישע, נאר לויט די זעמסקע (היימישע
קעניגליכע) געזעצען און אויסער דעם האבען זיי נאך אנ'איינענעם בית-
דין פון רבנים און דיינים פאר זייערע אינערליכע משפטים און סכסוכים.
אזא ערקלערונג האט זיגמונד III געגעבען אונטער אנדערען, לויט דער
א קלאגע פון די בריסקער אידען געגען דער א"טיגער שטאדט-פערוואל-
טונג (1592). די אנקלאגע האט געשטיצט דער בריסקער פרנס שאול
יודיטש, דער ארענדאר פון דער קאמער-אבצאהל און פון אנדערע
מלוכה-הכנסות אין דער ליטא, וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב אין
קעניגליכען הויף. (ווי עס שיינט, האט עס איהם די לעגענדע אויסגעקלי-
בען פאר איהר העלד, דערצעהלענדיג, אז בשעת מען האט געדארפט
אויסקלויבען א מלך אין פוילען, איז דער איינפלוסרייכער שאול וואהל,
וועלכער איז געווען א גרויסער חשוב ביי'ם פירשט ראדזיוויל, ער-
קלערט געווארען, לויט'ן פערלאנג פון דער גאנצער שליאכטא, פאר א
קעניג איבער פוילען און האט געקעניגט איין נאכט.) שאול יודיטש
האט געהאט א טיטול דער „בעדינער פון מלך“ און פלעגט זעהר אפט
זיך משתדל זיין פאר זיינע ברידער פאר'ן קעניג און די שרים און פועל
זיין ביי זיי זעהר וויכטיגע ענינים. וואו אבער די אידען האבען נישט גע-
האט קיין איינפלוסרייכע שתדלנים, פלעגען זייערע גערעכטע אינטערעסען
תמיד ליידען. אין ווילנא האבען די מיעשטשאנעס-קאנקורענטען געוואלט
ארויסשטויסען די אידען פון מסחר און געמאכט געגען זיי א פאגראם,
פערניכטענדיג די שוהל און בערויבענדיג די אידישע וואוינונגען אין די
הייזער פון דער שליאכטא (1592). זיגמונד III איז שטארק אויפגערעגט
געווארען דורך די דאזיגע געוואלד-טעטיגקייטען און האט ארויסגעגעבען
די ווילנער אידען א פריווילעגיע אויף וואוינונגס-רעכט און פרייען האנ-
דעל אין ווילנא. די סכסוכים צווישען די אידען און די מיעשטשאנעס אין
דער הויפט-שטאדט פון דער ליטא האבען אבער נישט אויפגעהערט, און
עס פלעגט אפט קומען צו זעהר טרויעריגע צוזאמענשטויסען — בעזונ-
דערס שטארק האבען זיך אנגעליטען די אידען פון דייטשע מיעשטשאנעס
אין פאזען. די אנפאלען אויף די אידישע וואוינונגען און די „כשר'ע“
רדיפות מצד דעם מאגיסטראט זענען דארט געווען א געוועהנליכע ער-
שיינונג. מיט אייניגע מלאכות, ווי, למשל, שניידעריי, האט מען די אי-
דען ערלויבט צו בעשעפטיגען זיך נאר פאר זייער איינענער בעדערפעניש.
אין יאהר 1618 האט א מאלער, וועלכער האט געהאט די בעשטעלונג צו
בעמאהלען דאס ראטהויז אין פאזען, אויסגעמאהלט דארט פיגורען, וועל-
כע זענען געווען זעהר בעליידיגענד פאר די אידען, און דער גאסען-המון

האָט שטענדיג דאָס אויסגענוצט כדי צו מאַכען חוזק פון די אידען און אַנ־
פאַלען אויף זיי. צוויי יאָהר שפּעטער האָבען די גלחים אַרויסגעלאָזען אַ
קלאַנג, אַז אין איינעם פון די הייזער אין דער אידישער גאַס האָט מען
ענטדעקט אַ טיש, אויף וועלכען די אידען האָבען אַ מאָל געשענדעט דריי
האָסטיעס. דעם טיש האָבען די גלחים ערקלערט פאַר הייליג און מיט
גרויס פאַראַד און צערעמאָניעס האָט מען דאָס „הייליגטום" אַריינגעבראַכט
אין דער קאַרמעליטען־קירכע. אין דער פּראָצעסיע האָט אויך אַנטייל גענו־
מען דער בישוף מיט פיעל פון זיינע גלחים. די דאָזיגע דעמאָנסטראַציע
האָט, נאַטירליך, פערשטאַרקט די שנאה צו די אידען. ערצויגען דורך
אַזעלכע פּראָצעסיעס, האָט די קריסטליכע מאַסע פערלוירען דאָס לעצטע
ברעקעל געפיהל פון מענשליכקייט. די שילער פון די יעזואיטישע קאָלעג־
יעס פלעגען זיך אָפט אַריינרייסען אין די אידישע גאַסען, חוזק מאַכען
און מבזה זיין די אידישע איינוואוינער, איבערגעבענדיג זיך אויף אַזאַ אופן, ווי
אַזוי צו פערווירקליכען די „ליבע צו אַ פיינד", וועגען וועלכער זיי פלעגען
לערנען אין די קאָלעגיעס.

אויך די ריטועלע פּראָצעסען האָבען אין דער געגענוואַרטיגער עפּאָכע
זיך געמעהרט, אָננעהמענדיג אַ כאַראַקטער פון דער אינקוויזיציע. אַזעלכע
פּראָצעסען האָבען בעקומען אַ בעזונדערע וויכטיגקייט און מען פלעגט
זיי בעטראַכטען אין די העכערע קרוין־געריכטען אָהן יענע גאַראַנטיעס
פון גערעכטיגקייט, וועלכע זענען פאַר אַזעלכע פאַלען בעשטעטיגט גע־
וואָרען דורך די פריהערדיגע פוילישע מלכים, ווי אויך נאָך קורץ פאַר דעם
דורך סטעפאַן באַטאָרי. אין יאָהר 1598 האָט דער לובלינער טריבונאַל
פער'משפט צום טויט דריי אידען פאַר אַ בלבול, אַז זיי האָבען דער־
הרג'עט אַ קריסטליך קינד, וואָס מען האָט זיין קערפּער געפונען אין דאָרף
וואָזניקי אין אַ בלאָטע. כדי צו צווינגען די בעשולדיגטע, אַז זיי זאָלען זיך
„מודה זיין", האָט מען זיי אָנגעטהון ענוים, ווי אין שפּאַניען אין דער
אינקוויזיציע, און די פער'משפט'ע האָט מען געפערטעלט (צעהאַקט אויף
פיער חלקים) מיט גרויס פאַראַד אין לובלין. דאָס טויטע קינד, צוליעב
וועלכען מען האָט דער'הרג'עט דריי אונשולדיגע אידען, האָבען די יעזואי־
טען אַריינגעבראַכט אין אַ לובלינער קלויסטער, און די פרומע קאַטאָליקען
האָבען אָנגעהויבען קומען צו איהם מתפלל זיין. אַזעלכע פּראָצעסען
פלעגען זיך ווידערהאָלען מיט איינינע שנים אין פיעל ערטער אין פּוי־
לען און ליטאַ. די קלעריקאַלע (גלחיש'ע) פּאַרטיי האָט אויך אויפגעהיי־
בען אַ גרויסע אַגיטאַציע געגען די אידען. דער גלח מאַיעדקי האָט
אָבגעדרוקט (1598) אין קראָקוי אַ בוך וועגען „דער אידישער מערדערי"
(Okrucieństwa żydowskie) דער פּוילישער דאָקטאָר שלעשקאָווסקי
האָט בעשולדיגט די אידישע דאָקטוירים, אַז זיי פער'סמ'ען און פערניכ־
טען סיסטעמאַטיש די פרומע קאַטוילען, און אין דער שוואַרצער מגפה,
וואָס האָט געבושעוועט דאַמאָלס אין פּוילען, האָט ער בעשולדיגט די

אידען: „גאָט האָט געשטראָפט פּוילען דערפאַר, וואָס מען איז אין איהר אזוי גנעדיג צו די אידען“ (1623). מעהר פאַר אַנדערע האָט אָבער געבושעוועט נעגען די אידען דער פּוילישער שריפטשטעלער סעבאַסטיאַן מיטשינסקי, דער מחבר פון'ם ביכעל „דער שפּיגעל פון קרוין-פּוילען“ („Zwierciadło korony Polskiej." 1618) זייענדיג א תּלמיד פון די יעזואיטען, האָט מיטשינסקי אריינגענומען אין זיין ביכעל אַלץ, וואָס די שנאה און שלעכטסקייט האָט נאָר אמאָל געהאַט אויסגעטראכט געגען די אידען. ער האָט בעשולדיגט די אידען אין אַלע שרעקליכסטע פערברעכענס—אין פּאָליטישער פעררעטעריי, אין רויבעריי, אַבנאַרעריי, אין כשוף, אין מערדעריי, אין גאָטעס-לעסטערונג א. ז. וו. אין זיין פּאַמפלעט האָט ער זיך געווענדעט צום פּוילישען סיים מיט אַנ'אויפרוף, אז מען זאָל זיך בעגעהן מיט די אידען אין פּוילען, אזוי ווי מען האָט עס געטהון אין שפּאַניען, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד און אַנדערע קריסטליכע מלוכות, ד"ה: מען זאָל זיי פערטרייבען פון לאַנד. די העצע-אַגיטאַציע פון מיטשינסקי האָט אַרויסגערופען שטורמישע וכּוחים אויפ'ן סיים פון יאָהר 1618. איינינע דעפּוטאַטען האָבען דאָרט אַנגעוויזען, אז דער מחבר איז אַנ'אַפּאָסטאָל פון דער וואַהרהייט; אַנדערע—אז ער איז א פרידענס-שטערער, א געפעהרליכער אַגיטאַטאָר. דער סיים האָט אָבער אַרויסגעוויזען אזוי פיעל פערשטאַנד, אז ער האָט זיך נישט געלאָזט פיהרען פון א מאַניאַק א אידען-פיינד; זיינע מיינונגען האָבען זיך אָבער ביסלעכווייז איינגעוואָרצעלט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, צוגרייטענדיג דעם באָדען פאַר טרויעריגע צוזאַמענשטויסען.

וולאַדיסלאַוו IV וואַזאַ, וועלכער האָט געקעניגט נאָך זיגמונד III, איז נישט געוועזען אַזאַ פערברענטער קאַטאָליק און אַנהענגער פון די יעזואיטען ווי זיין פאָטער. ער איז געוועזען אין א געוויסער מאָס טאָלעראַנט צו אַנדערע גלויבענס; ער האָט אויך געוואָלט אָבהיטען די אַלטע אידישע פּריווילעגיעס און מאַכען שלום צווישען די פערשידענע קלאַסען. אָבער די שנאה צווישען די גלויבענס און קלאַסען אין פּוילען האָט זיך שוין אזוי טיעף איינגעוואָרצעלט, אז אפילו א מעהר ענערגישע נאַטור ווי וולאַדיסלאַוו IV וואָלט נישט בעוויזען צו בעזייטיגען איהר. וולאַדיסלאַוו אָבער האָט נישט געקאָנט שטעלען זיך אמאָל אויף איין צד, א מאָל אויפ'ן אַנדערען. אין יאָהר 1663 האָט וולאַדיסלאַוו IV בעשטעטיגט אין קרוין-סיים די אידישע פּריווילעגיעס, ערלויבענדיג זיי פריי צו פיהרען דעם מסחר מיט אויסלאַנד און בעשטימענדיג די גרענעצען פון דער אידישער געריכטס-אויטאָנאָמיע און האָט אויך בעפוילען דעם מאַגיסטראַט, אז זיי זאָלען אכטונג געבען דאָס מען זאָל אויף די אידען נישט מאַכען קיין אַנפאַלען; דערביי האָט ער אָבער אויך פערבאָטען די אידען, צו בויען נייע שוהלען און גרינדען נייע בית-עלמינ'ס אהן א ספּעציעלער קעניגליכער ערלויבניש. איבריגענס, די לעצטע בעגרענצונג האָט מען אויך

יען'אנט בעטראכטען אלס א פריווילעגיע, וויל אין זיגמונד דעם דריטענס צייטען האבען די אידישע קהלות, ווי שוין דערמאנט, געברויכט צו נעהמען דארויף אנ'ערלויבניש ביי די קאטוילישע גלחים. אבהיטענדיג בכלל די אידישע פריוויעגיעס, האט דער קעניג אין בעזונדערע פאלען זיך בעצויגען סימפאטיש צו דער השתדלות פון די שטעדט, צו בעגרענעצען די אידישע רעכטע און ער פלעגט אפילו אליין אויך אפט מבטל מאכען די רעכטע, וואס ער האט זיי אליין געגעבען. אין יוני 1642 האט דער קעניג ערלויבט די קראקויער אידען צו בעשעפטיגען זיך פריי מיט'ן מסחר פון ארויספיהרען סחורה קיין אויסלאנד; צוויי חדשים שפעטער האט ער אליין מבטל געמאכט די דאזיגע ערלויבניש, ווייל די קראקויער מיעשטשאנעס און די קריסטליכע סוחרים האבען זיך געקלאגט פאר איהם, אז די אידישע קאנקורענץ איז פאר זיי שעדליך. לויט דער ביטע פון די מיעשטשאנעס פון מאהילעוו (אויפ'ן דניעפר), האט ער בעשטעטיגט די פעראָרדנונג פון זיין פאטער, אז מען זאל דארט די אידען ארויסזעצען פון שטאדט הינטער'ן שטאדט, און דערנאך האט ער איינגעשטימט אויפ'ן בעשלוס פון מאגיסטראט, אז מען זאל די אידען נישט פערדינגען קיין דירות צווישען די קריסטען (1633—1646). צוליעב דעם וואס מען האט פערבאטען די אידען דעם קליין-האנדעל אויף די באזארען, איז אין פיעל שטעט געווארען א גרויסער יקרות אויף די נויטיגסטע פראדוקטען און סחורות. און די שליאכטא האט זיך דעריבער משתדל געווען, אז מען זאל די אידישע בעגרענצונג מבטל מאכען אין ווילנא. דער קעניג האט ערפילט די השתדלות, אבער דערביי האט ער אויך ערפילט דעם פערלאנג פון ווילנער מאגיסטראט און ארויסגעגעבען עטליכע וויכטיגע בעגרענצונגען פאר די אידען: ער האט בעשטימט, אז אין געלד-סכסוכים צווישען אידען און קריסטען דארף משפט'ן דער מאגיסטראט און בעגרענעצט דעם ראיאן פון איין וואוינונגס-רעכט אין ווילנא מיט דער „אידישער גאס"; ער האט אויך פערבאטען די אידען, צו בעשעפטיגען זיך מיט א טייל מלאכות, מיט וועלכע עס האבען זיך בעשעפטיגט פון אלטע צייטען די צעכען (1633).

וואוינענדיג ענג צוזאמענגעפרעסט אין די שטעדט, און זייענדיג בעגרעניצט אין זייערע רעכט, צו בעשעפטיגען זיך אין מסחר און מלאכה, הויבען אן די אידען אין פוילען אריבערצוציהען זיך אין די דערפער, וואו זיי נעהמען אן אין ארענדע די גיטער פון דער שליאכטא, אדער בעשעפטיגען זיך מיט שענקעריי אין די קרעטשמעס. נישט בלויז רייכע פריצים, נור אפילו אויך ביסקופען גיעבען אב זייערע גיטער אין ארענדע צו די אידען. דער ווארשאווער קירכען-סינאד האט שטארקע פארווירפע געמאכט די ביסקופען פאר אזעלכע „פערברעכענס", ווייל דורכ'ן אבגעבען די אידען גיטער אין ארענדע, גיבען זיי די אידען די ממשלה איבער די פויערן-(חלאפעס) קריסטען (1643). דער פאזענער סי-

נאד רעדט מיט גרויס כעס וועגען דער „אונערטרעגליכע הוצפה פון די אידען, וואס לא די זיי האבען פערהאפט פיעל מלאכות, פון וועלכע כשר'ע קריסטען האבען געצויגען זייער הויונה, האנדלען זיי נאך אויך אויף די מערק און באזורען אין די קריסטליכע הגאות. דער סינאד האט דעריבער בעשלאסען (1642), אז מען זאל זיך משתדל זיין, דאס די אידען זאל דורכאוים פערבאטען ווערען צו האנדלען אין די קריסטליכע תגאות.

די פוילישע גלחים מיט די יעזואיטען בראש האבען זיך געהאלטען געטריי ביי דער אלטער קאטוילישער טענדענץ, צו האלטען דאס פאלק אין טיעפען אבערגלויבען און איינשמועסן איהם וועגען די אידען אלערליי גראבע בלבולים און אבערגלויבענם. אפט פלעגען זיי אנווענדען דערצו גרויסע דעמאנסטראציעס. אין פריהלינג 1636, ווען אין לובלין איז פערשוואונדען געווארען א קריסטליך קינד, האבען זיי ארויסגעלאזען א קלאנג, אז די אידען האבען איהם געפייניגט און דער'הרג'עט, כדי אויסצונוצען זיין בלוט. דאס קרוין־געריכט האט בעטראכט די בעשולדיגונג און איינגעפונען, אז די בעשולדיגונג איז אונבעגרינדעט; די בעשולדיגטע אידען זענען פרייגעשפראכען געווארען. נישט צופרידען מיט'ן אורטייל, האבען די גלחים אויפגעטהון אן אנדער בלבול „מיט עדות". א מאנאך פון קארמעליטען־ארדען, פאול, האט ערקלערט, אז די אידען האבען איהם אריינגענארט אין א הויז, וואו זיי האבען ביי איהם בלוט געצאפט מיט דער הילף פון א דייטשען כירורג, און דאס בלוט האבען זיי געזאמעלט אין כלים, זאגענדיג דערביי פערשידענע תפלות. דאס געריכט האט געגלויבט אזא שענדליכע רכילות און, נאכדעם ווי מען האט געמאכט די געוועהנליכע אויספארשונג און געפייניגט די בעשולדיגטע, האט מען פערמשפט דעם אידען מ ר ד כ י צום טויט. די קארמעליטען האבען באלד פערעפענטליכט דעם פראצעס, כדי צו בעפעסטיגען אין פאלק דעם גלויבען אין די בלוט־בלבולים. — אין יאהר 1639 איז ענטשטאנען א נייער פראצעס. דאס קרוין־געריכט האט פערמשפט צוויי גבאים פון לענטשיצער קהלה, בעשולדיגענדיג זיי, אז זיי האבען דער'הרג'עט א קריסטליך קינד אינ'ם נאהענטען דארף ק א מ ז ש י צ י. נישט אכטענדיג דערויף, וואס דער לענטשיצער סטאראסטא האט פראטעסטירט געגען דעם, וואס דער טריבונאל האט זיך ערלויבט צו בעטראכטען אזא פראצעס, וועלכער געהערט גאר נישט צו זיין יוריסדיקציע, ווי אויך צוליעב דעם וואס די בעשולדיגטע האבען אפילו אין די גרעסטע ענוים, וואס מען האט זיי אנגעטהון, נישט מודה געווען אויפ'ן פערברעכען, פונדעסטוועגען האט מען דאך ארויסגעגעבן א טויט־אורטייל און די פרמשפטע האט מען צושניטען אויף פיעל חלקים, אויסהענגענדיג זיי אויף אלע וועגען, כדי די קריסטען זאלען זעהען דעם משפט געגען די אידען. די בערנאדינ'ישע מאנאכען האבען אויסגענוצט דעם פאל, צוויינברענגענדיג אין זייער קאסציאל דעם כלומר'שטען קדוש און אויסהענגענדיג א בילד, וואס שטעלט פאר, ווי אזוי די אידען

האבען ביי איהם אויסגעצאפט דאס בלוט און דער'הרג'עט איהם. די אבער-גלויבישע קאטוילישע מאסע איז געקומען תפלה טהון צום נייעם קדוש, און די הכנסה פון בערנארדישען קאסציאל איז לענטשיצע האט אנגעהויבען צו וואקסען — וואס די מאנאכען האבען בעזונדערס פערלאנגט, האלטענדיג זיך ביים כלל פון די יעזואיטען, אז אבגארען די וועלט מיט א פיינער מצוה איז אן אמת'ע מצוה.

ווי שוין דערמאהנט, איז איינער פון די ערשטע פארזיצענדע אין „וועד פון די פיער מדינות" געווען רבי מרדכי יפה (געשטארבען 1612). זייענדיג א תלמיד פון רבי משה איסרליש (רמ"א), האט בעדעסטוועגען רבי מרדכי יפה נישט געהאלטען זיין רבינ'ס הוספות צום שולחן-ערוך פאר'ן לעצטען וואָרט פון די פסקים אין אידישען רעליגיעזען לעבען, ווייל לויט זיין מיינונג פעהלען סיי אין שולחן-ערוך סיי אין דער „מפה" פון רמ"א די מאטיווירונג פון די דינים; דעריבער האט ער זיך אליין גענומען צוזאמענשטעלען אין דעם פאך א נייעם ספר אונטער'ן נאמען די „לבושים" („איינקליידונג"), וועלכער צייכענט זיך אויס דורך די ברייטע און אומשטענדליכע ערקלערונגען צו יעדען דין. אין דער ערשטער צייט האט מען די „לבושים" אנגענומען אזוי ווארים, אז מען האט ווקאנט מיינען, דאס מען וועט צוליעב זיי גאר פערנאכלעסיגען צו לערנען דעם שולחן-ערוך; לסוף אבער האט מען זיך ווידער צוגעווענדעט צום שולחן-ערוך טאקי צוליעב זיין קורצקייט און אבגעענדיגטקייט, וועלכע גיעט די מעגליכקייט בעסער צו אריענטירען זיך לויט איהם אין רעליגיעזען אידישען לעבען. אויסער דעם האט נאך רבי מרדכי יפה אונטער דעם זעלבינען נאמען „לבושים" אנגעשריבען א ספר אין פינף חלקים — דרשות, לויט די פרשות פון דער תורה, ווי אויך א פירוש צום „מורה נבוכים" און נאך עטליכע קבלה-ספרים.

נאך רבי מרדכי יפה איז געווען פארזיצענדער אינ'ם „וועד פון די פיער מדינות" רבי יהושע פאלק הכהן (געשט. 1616), וועלכער איז געווען רב אין לובלין און ראש-ישיבה אין קראקוי. בעריהמט איז ער געווארען מיט זיין שוין דערמאהנטען פירוש צום „חושן משפט" — „ספר מאיר-עינים" (סמ"ע). פאר'ן „וועד" האט ער אויסגעארבייט א רעגלאמענט, ווי אזוי צו בעפעסטיגען פרומקייט און מדות-טובות ביי אידען.

מעהר מפולפל'דיג איידער נאהנט צום לעבען זענען געווען די גרויסע רבנים פון זיין צייט רבי מאיר פון לובלין (מהר"ם — 1554—1616), וועלכער איז געווען רב אין קראקוי, לעמבערג און ענדליך אין לובלין און געהאלטען א גרויסע ישיבה פון תלמידים, פאר וועלכע ער פלעגט זאגען א שיעור אין תלמוד. זיין פירוש צום תלמוד „מאיר עיני חכמים" צייכענט זיך אויס מיט טיעפזיניגע שאלות און ענטפערן — המצאות, וועל-

בע פלענען שארפען און שלייפען דעם מח פון די תלמידים. פון איהם איז אויך געבליבען א גרויסער ספר, די שאלות ותשובות ווענען פערשידענע ענינים (שו"ת מהר"ם מלובלין). האלטענדיג בעזונדערס שטארק פונ'ם פלפול און שארפזיניגקייט אין ערקלערען דעם תלמוד, האט דער מהר"ם זיך בעציגען גרינגשעציג צו די סיסטעמאטיקער און פוסקים ווי דער רמ"א און רבי מרדכי יפה. — אין פלפול האט ער געהאט א קאנקורענט דעם רב פון די קהלות פאזען, לובלין און אוסטראה (װאהלין), רבי שמואל אליעזר ב"ר יהודה אידלש מהרש"א (1555—1631), וועלכער האט געמאכט פירושים צום ש"ס און זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אנאלימישען מעטאד אין לערנען און זעהר שארפען פלפול. דער מהר"ם און דער מהרש"א זענען געווארען א געגענשטאנד פון די שארפסטע און וויכטיגסטע למודים אין די חדרים און ישיבות, וואו מען לערנט זיי נאך עד היום. דעם מהרש"א'ס פירושים צו די אגדתות פון ש"ס צייכענען זיך אוים מיט זייער קאנסערוואטיווער ריכטונג, אבער פונדעסטוועגען זאגט ער זיך ארוים אין איין ארט 1) געגען יענע מענשען, וואס פערברענגען זייערע יאהרען אין קבלה, וועלכע ווערט נישט דערמאהנט אין ערגעץ אין תלמוד, און עס וואלט גלייכער געווען, דאס מען זאל איהר אינגאנצען דערהאלטען.

אין מיטען זיבצעהנטען יאהרהונדערט האט די אמונה אין דעם שולחן ערוך אזוי שטארק זיך פערפעסטיגט ביי אידען, דאס מען האט איהם אנגעהויבען לערנען אין די ישיבות אין פוילען גלייך מיט'ן תלמוד און מאכען צו איהם פירושים נאך מיט מעהר חשק, איידער צום תלמוד. דער אויבען דערמאהנטער בריסקער און קראקויער רב, רבי יואל סורקיש (געשט. 1641) האט אין זיין ישיבה געזאגט א שיעור אין די טורים אין שולחן-ערוך. צו די טורים האט ער אויך מחבר געווען א פירוש „בית-חדש" (ב"ח). זייענדיג אליין א געגנער פונ'ם פלפול, פלעגט ער פונדעסטוועגען גאנץ אפט אויך אריינפאלען אין פלפול. די „קבלה" האט ער געשעטצט זעהר הויך און די פילאזאפיע האט ער פעראורטיילט.

די יונגערע רבנים פון יענער צייט האבען זיך בעשעפטיגט כמעט אויסשליסליך מיט'ן מחבר זיין פירושים צום שולחן-ערוך, בעזונדערס, צו יענעם טייל, וועלכער בעהאנדעלט די דינים פון טריפות און כשרות („יורה-דעה"). אין יאהר 1646 זענען ערשינען מיט אמאל צוויי פירושים צום יורה-דעה: „טורי-זהב" און „שפתי-כהן". דעם ערשטען האט מחבר געווען רבי דוד בן רבי שמואל הלוי, רב אין לעמבערג און אוסטראה, דעם צווייטען—רבי שבתי בן רבי מאיר הכהן (געבוירען 1622 אין ווילנא, געשטארבען 1663 אין מעהרען, אין העלישוי). די דאזיגע ביידע פירושים, אדער ווי מען רופט זיי געקירצט „דער ט"ז און דער ש"ך, זענען אנגענומען געווארען זעהר שטארק ביי אלע אידען

1) חדושי אגדות, פרק „אין דורשין", חגיגה.

אין פוילען און מען האט אנגעהויבען דרוקען דעם שולחן־ערוך צוזאמען מיט אלס קאמענטאריען צום טעקסט.

די רבנישע ליטעראטור האט זיך בעזונדערס גוט געקאנט ענטוויק־לען אין פוילען א דאנק דער ענטוויקעלטער בוכדרוקעריי ביי אידען אינ'ם דאזיגען לאנד. דעם ערשטען „חומש“ האט מען אבגעדרוקט אין פוילען אין קראקוי אין יאהר 1530. אין דער צווייטער העלפט פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט האבען אין פוילען שוין געווירקט צוויי דרוקערייען: אין קראקוי און אין לובלין, וועלכע האבען געדרוקט פיעל אלטע און נייע רבנישע ספרים און מסכתות פון תלמוד. אין יאהר 1566 האט דער קעניג זיגמונד־אויגוסט געגעבען א פריווילעגיע דעם קראקויער אידען בענע־דיקט לעווימא אויף א מאנאפאל־איינפיהר פון אידישע ספרים פון אויסלאנד אין פוילען. אין 1578 האט דער קעניג סטעפאן באטארי געגעבען איינעם קלמן א פריווילעגיע אויף צו דרוקען אידישע ספרים אין לובלין, צוליעב דעם וואס דאס איינפיהרען ספרים פון אויסלאנד איז געווארען פערבאטען. איינע פון די הויפט־סבות, וואס האבען מיטגע־ווירקט ביים עפענען דרוקערייען אין פוילען, איז געווען די שטרענגע צענזור אויפ'ן תלמוד אין איטאליען אין יאהר 1564. פון יענער צייט אן האבען די אידישע דרוקערייען אין קראקוי, אין לובלין אנגעהויבען מיט הצלחה צו קאנקורירען מיט די דרוקערייען אין ווענעדיג און פראג און דער ביכער־מארק אין פוילען האט אלץ מעהר אנגעהויבען פערגרעסערט צו ווערען מיט ספרים פון די ארטיגע דרוקערייען.

די שטענדיגע בעשעפטיגונג מיט תלמוד און פוסקים האט געלאזען ווייניג פלאץ פאר דער בעשעפטיגונג מיט דער וויסענשאפט און קבלה אין פוילען. אין אנפאנג פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט, איידער נאך האט זיך נאך בעפעסטיגט די אליינהערשאפט פון דער רבנישער ריכטונג, בע־געגענט מען נאך אין פוילען וועלטליך געבילדעטע מענשען, מעדיקער און נאטור־קענער, בעזונדערס צווישען די איינציגע געצעהלטע אידען, וואס זענען אהין געקומען פון איטאליען און שפאניען. עס איז אפילו פארהאן ידיעות וועגען א גרופע יונגע פוילישע אידען, וועלכע האבען געשטודירט מעדיצין אין איטאליען אין דער אוניווערזיטעט אין פאדוא (1501). אין העלפט פון זעכצעהנטען יאהרהונדערט קלאגט זיך רבי שלמה לוריא, אז די בחורים אין די ישיבות בעשעפטיגען זיך בשתיקה מיט אריסטאטעלס פילאזאפיע, נאטירליך, לויט'ן רמב"ם. אזעלכע אויסנאהם־ערשיינונגען זע־נען פערשוואונדען געווארען נאכדעם ווי עס האט זיך פערפעסטיגט דער רעזשים פון די ישיבות.

מיט דער רעליגיעזער פילאזאפיע האט מען זיך עוסק געווען נור פערביי־גייענדיג, ווען מען האט זיך געוואלט אויסרוהען פון די טיעפע פלפולים אין תלמוד. דער רמ"א און רבי מרדכי יפה האבען געשריבען איבער־פלעכליכע פירושים צום מורה; רבי יעקב קאפעלמאן פון בריסק קויאווסקי האט געמאכט א פירוש אויף רבי יוסף אלבו'ס „עקרים“

„אוהל יעקב“ קראָקוי 1599) און ר ב י ג ד ל י ה ל י פ ש י ץ פון לובלין — א פירוש צום זעלביגען ספר „עץ שתול“ 1618). דער ערשטער איז געווען א ליבהאבער פון מאטעמאטיק און האָט דעריבער אריינגעטראָגען אין זיין פירוש פיעל געאָמעטרישע און אסטראָנאָמישע בעווייזען, זאָגענדיג, אז אויף אזא אופן קאָן מען בעקוועם דערווייזען פיעל רעליגיעז־פילאָזאָפישע טעזיסען, דער צווייטער האָט זיך אָבגעגעבען מעהר מיט מעטאפיזיק און מאראל. עס איז אָבער אינטערעסאנט צו בעמערקען, ווי אזוי ער בעמיהט זיך, אויסצוכשר'ן די פילאָזאָפיע פונ'ם שפאנישען אַרבו: דאָרט, וואו רבי יוסף אַרבו שרייבט, למשל: „דעם מענשענס גליק הענגט אָב פון זיין פאָלקאָמענהייט און זיין וועלט־אנשויאונג און זיינע הנהגות“ — שרייבט ליפשיץ: „אונטער דעם מענשענס גליק ברויכט מען צו פערשטעהען דאָס לעבען אויף י ע נ ע ר ו ו ע ל ט, ווייל דער עולם־הזה דיענט נור אויף אויסצואַרבייטען גליק פאַר'ן מענשען און עולם־הבא“. — רבי יואל סירקיש (דער ב"ח) שרייבט: „די פילאָזאָפיע איז די מוטער פון אפיקורסות; זי איז די זונה, וואס אלע, וועלכע קומען צו איהר, קאָנען שוין צוריק נישט געהען“. „ווער עס ווערט נתפעל פון דער פילאָזאָפיע און רעדט געגען דער קבלה דאַרף אריינגעלעגט ווערען אין חרם און אויסגעשלאָסען ווערען פון דער געזעלשאַפט“.

די קבלה, די קאָנטר־פילאָזאָפיע פון דער אָרטאָדאָקסיע האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערשפרייטען אין פוילען. אלס אריינברענגער פון דער קבלה אין פוילען ווערט בעטראַכט ר ב י מ ת ת י ה ו ד ע־לאַקרוטאַ, וועלכער האָט געשטאַמט פון איטאַליען. אין יאָהר 1594 האָט ער ארויסגעגעבען אין קראָקוי זיין ספר „שערי אורה“ — „די טויערען פון ליכטיגקייט“ — וואו ער ערקלערט דאָס קאַבאַליסטישע סיסטעם פון רבי יוסף גיקאַטילה. ער איז אויך געווען דער רבי אין קבלה פון רבי מרדכי יפה. אין אָנפאַנג פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט איז די טעאָרעטישע קבלה ארויסגעשטויסען געוואָרען ביסלעכווייז דורך דער פראַקטישער פון דער נייער שול פון א ר י ז"ל און ר ב י ח י י ם ו י ט א ל. ר ב י י ש ע י ה ה ל ו י ה ו ר ו ו י ץ (געבוירען 1570 געשטאָרבען 1625) געבירטיג פון פראָג און רב אין פראַנקפורט אם מאין, פאָזען און קראָקוי, האָט מחבר געוועזען זיין ספר „ש נ י ל ו ח ו ת ה ב ר י ת“, „שלה“, וועלכען ער האָט געענדיגט אין ארץ־ישראל. אינ'ם דאָזיגען ספר ערקלערט דער מחבר, אז אַנ'אמת פרום לעבען קאָן מען געפינען נאָר אין אסקעטיזם, עס הייסט, אין פאָלקאָמער אָבגעזונדערטקייט פון לעבען מיט זיינע פערגעניגענס. יעדע פרייד, יעדען וועלטליכען נחת האַלט ער פאַר א פערברעכען. דעם אריז"ל'ס קבלה דערהויבט ער און לויבט זעהר שטאַרק, ערקלערענדיג איהר פאַר העכסט הייליג. זיין זוהן, ר ב י ש ע פ ט י ל הורוויץ האָט דעם של"ה אָבגעדרוקט אין פאָזען (1641—1658) צוגעבענדיג זיין אייגענע ווערק „ווי העמודים“. א ספעציאַליסט אין קבלה איז געווען נ ת ן ב"ר ש ל מ ה

שפירא (1633—1585); דער מחבר פון ספר „מגלה עמוקות" (קראָקוי
1637), וואו עס ווערט ערקלערט משה רבינו'ם קומען צו ארץ־ישראל אין
צוויי הונדערט צוויי און פופציג אופנים. דער ספר איז פול פירושים און
ג מטריאות וועגען משה'ס תפלות, אז משיח בן יוסף און משיח בן דוד
זאָלען קומען, אז עס זאָל בטל ווערען דער רוח פון טומאה (די „סטרא
אחרא") און די עבירות פון אידישען פאָלק. רבי נתן שפּירא האָט אריינ־
געבראכט די מעטאָדע פון פלפול אין דער קבלה און האָט בעשאפען
א מיסטיק, וועלכע איז אויך אַזוי ווייט פון טעאָסאָפיא ווי פלפול פון לאָ־
גיק. אויך רבי שמעון אויסטראָפּאָליער האָט געלעבט אין דער
ערשטער העלפט פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט אין פולנאָה (Polonnoje
יאָם אין פּאָדאָליען און ער פלעגט זיך בעריהמען, דאָס ער האָט א
„מגיד", ווי רבי יוסף קארו האָט געהאָט, און דער „מגיד" ענטדעקט
איהם וואָס עס וועט זיין. איהם האָבען אין יאָהר ת"ח דער'הרג'עט די קאָ־
זאַקען בשעת'ן פּאָגראָם.

דער נאָהנטסטער שכן צו פוילען און ליטא, דער מאָסקווער רוס,
וועלכער האָט געלעבט אבגעזונדערט פון מערב־אייראָפּא, האָט אין זעכ־
צעהנטען יאָהרהונדערט זיך בעצויגען צו אידען זעהר אבערגלויביש און
מיט פיעל פּאָראורטיילען, נישט אריינלאָזענדיג זיי איבער די גרענעצען
פון איהר לאַנד. ווי שוין דערמאָנט, האָט דאָס געשטאַמט פון דער ענט־
וויקלונג פון א יודאַאיזירענדער סעקטע אין רוסלאַנד. די אידישע סוחרים
פון דער ליטא פלעגען א מאָל קומען קיין סמאָלענסק מיט סחורה, אָבער
פערבלייבען דאָרט לענגער האָבען זיי נישט געקאָנט. ארום יאָהר 1545
האָט מען אין מאָסקווע פערברענט די סחורות, וועלכע עס האָבען גע־
בראַכט אַהין די אידישע סוחרים פון בריסק, און דער מאָסקווער געזאַנד־
טער האָט געגעבען וועגען דעם אנ'ערקלערונג דער פוילישער רעגירונג,
אז די אידען האָבען פערבאָטענע סחורות, נישט האָבענדיג אפילו קיין
רעכט אַריינצופאָהרען אין שטאָדט. ביי אזא פּאָליטיק האָט די מאָסקווער
רעגירונג זיך געהאַלטען אויך שפּעטער. אין יאָהר 1610, ווען די מאָסקווער
באָיאַרען האָבען געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די פּאָליאַקען וועגען
אויסקלויבען דעם פוילישען פרינץ וולאַדיסלאַוו פאַר א מאָסקווער קעניג,
האָט מען צוזאמענגעשטעלט א נוסח פונ'ם נייעם אָבמאַך, לויט וועלכען
די באָיאַרען האָבען איינגעשטימט אויסצוקלויבען וולאדיסלאַוו'ן. דער
פיערטער פונקט פונ'ם אָבמאַך איז געווען פאָלגענדער: אין רוסלאַנד טאָ־
רען נישט זיין נישט קיין קאַטוילישע קירכען נישט קיין אַנדערע גאָטעס־
הייזער. „מען דארף קיינעם נישט אַנריידיין איבערצוגעהן אין דער קאָ־
טוילישער קירכע אוז די אידען (זשידאַם!) דארף מען נישט ערלויבען
אַריבערצוקומען קיין רוסלאַנד נישט צוליעב מסחר נישט צוליעב אַנדע־
רע ענינים". ביי אזעלכע בעדינגונגען האָבען די אידען זיך, נאַטירליך,
אָבגעזאָגט צו קאָלאָניזירען דורך זייער מסחר די פינסטערע מלוכה. אין

דער נאָהנטסטער צוקונפט האָט רוסלאַנד אליין געדאַרפט אריינרייסען ין אין זייער לעבען...

גזרת ת״ח ות״ט.

דער אידישער צענטער אין פוילען איז געווען א גאַנץ אָבגעזונדערטע וועלט, אונאָבהענגיג פון מערב־אייראָפּאַ. שטאַרק דורך זיין איינעצרטיגער מאַסע און אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע, איז ער ביז'ן מיטען פון זיבעצעהנטען יאָהרהונדערט געווען דער איינציגער פעסטער פונקט, וואו עס האָבען זיך געהאַלטען די צוזייעטע און צושפּרייטע אידען. אָבער אין יאָהר 1648 איז איבער דעם דאָזיגען רוהיגען צענטער אריבערגעפלויגען א שטורם, וועלכער האָט דערוויזען די אידען אין פוילען, אז אויך זיי מוזען דורכגעהן דעם בלוטיגען וועג, אויף וועלכען עס זענען געגאַנגען זייערע ברידער אין מערב־אייראָפּאַ,— א וועג, וואָס איז בעדעקט מיט הייליגע מערטירער און שוידערהאַפטע בילדער פון צושטערונג. די סיבה פון קריזיס איז געווען די פערשאַרפונג פון עקאָנאָמישען קאַמף, פון דער רעליגיעזער און ראַסען־שנאה, אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן ערשיינען אין קרייז פון דער אידישער געשיכטע פון א נייען פינסטערען פאַקטאָר—די האַלבווילדע דרום־רוסישע מאַסען.

ווי שוין ערקלערט, איז די אידישע לאַגע אין די צענטראַלע קאַנטען פון פוילען רעגולירט געוואָרען דורכ'ן קלאַסען־עקאָנאָמישען קאַמף פון די רעליגיעזע און פּאָליטישע אינטערעסען און האָט זיך געוואַקעלט, אָבהענגענדיג פון די פערשידענע קאָמבינאַציעס צווישען די קעמפּפענדע עלעמענטען. אויב דער קעניג און די שליאַכטאַ האָבען, צוליעב מאַטעריעלע אינטערעסען, די אינטערעסען פון דער מלוכה־קאַסע אָדער פון די פּרוצישיע גיטער, על פי רוב געשטיצט די אינדוסטריעלע אידישע טעטיגקייט, האָבען די שטאַדטישע קלאַסען, די מיעשטשאַנעס, סוחרים און צעכען, צוליעב קאָנקורענץ, געשטערט איהר און די אַלמעכטיגע קאַטוילישע גלחים האָבען גערודפט אידען, אלס אונגלויבער, וועלכע עס איז א מצוה צו פערניכטען. געגען דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ האָבען די אידען געקאָנט קעמפּפען, ווירקענדיג אויף די פוילישע געזעצגעבערישע ספערען, אָדער דורך זייער אייגענער אחדות און א פעסטער אינערליכער אָרגאַניזאַציע פון זייער זעלבסטפערוואַלטונג, וועלכע מען האָט זיי געגעבען אין זעהר א גרויסען מאַסשטאַב. אלענפאַלס איז דא געגאַנגען א קולטור־קאַמף צווישען צוויי עלעמענטען: דעם אידישען און פוילישען, דעם קריסטליכען און אידישען, דער קירכע און דעה שוהל. אין די דרום־מזרח־קאַנטען פון פוילען, אין אוקראַינאַ, איז דער דאָזיגער קאַמף געוואָרען פערוויקעלטער, צוליעב דעם, וואָס דאָרט האָט זיך געפו־

גען א נייער עלעמענט, וועלכער איז געוועזן אויך אזוי פרעמד די אידען, ווי די פאליאקען—די רוסישע פראוואסלאוונע בעפעלקערונג, מייסטענס לאנד-ארבייטער.

דער גרויסער קאנט צווישען די טייכען דניעפר און דניעסטר—דער גאנצער קיעווער קאנט, ווי אויך פאלטאווא, טשערניגאוו, א טייל פון פאדאליען און וואהלין—האט זיך געפונען אונטער דער פאליטישער ממשלה פון די פוילישע מלכים און דער עקאנאמישער הערשאפט פון די פוילישע פריצים. דא האבען גרויסע גיטער מיט פיעל דערפער, בעזעצט מיט רוסישע פויערן, געהערט צו די רייכע פוילישע מאגנאטען, וועלכע זענען געוועזן דארט אליינהערשענדע פירשטען. די פערקנעכטעטע פויערן, אדער די „חלאפעס", ווי די פריצים פלעגען זיי רופען מיט גרינגשעצונג, זענען געוועזן פרעמד זייערע פריצים אי לויט זייער רעליגיאן, אי לויט נאציאנאליטעט. דעם פראוואסלאוונעם גלויבען האבען די קאטוילישע גלחים און די פוילישע פריצים געהאלטען פאר פויערישע רעליגיאן, וועלכע מען דארף אויסווארצלען דורך דער „אוניע", ד"ה דער פעראייניגונג מיט דער רוימישער קירכע און רדיפות. אויף די רוסישע מענשען האבען די פאליאקען געקוקט, ווי אויף מענשען פון א נידעריגערער ראסע, וועלכע איז פיעל וויינינער קולטורעל ווי פוילען און שטעהט נעהנטער צו אזיען איידער צו אייראפא. ביי אזעלכע אומשטענדען, ווען צווישען די פריצים און די פויערן האט אפילו געפעהלט אויך די נאטירליכע קרובות'שאפט פון ראסע און רעליגיאן, וועלכע מאכען שטענדיג לייכטער און וועניגער קנעכטישער די בעציהונגען צווישען דעם פריץ און זיינע לייב-אייגענע, דאט די עקאנאמישע בעפרידיגונג זיך געדארפט נאכמעהר פערשארפען. אויסער דער געוועהנליכער ארבייט פאר די פריצים (פאנשטשיזנא), האבען די פויערים נאך געהאט פיעל אבצאהלונגען צו געבען דעם פריץ: פאר פאשע, פאר דער מיהל, די בינשטאקען א. ז. וו. די פוילישע מאגנאטען האבען געלעבט געוועהנליך ווייט פון זייערע גיטער אין אוקראינא, איבערגעבענדיג די ממשלה איבער זיי אדער דעם פערוואלטער, אדער דעם ארענדאר. צווישען די ארענדארען פון די דערפער זענען געוועזן זעהר פיעל אידען, וועלכע פלעגען בעזונדערס נעהמען אין ארענדע ביי'ם פריץ די „פראפינאציע", אדער דעם מסחר מיט בראנפען. מיט דער ארענדע פלעגט דער אידישער ארענדאר איבערנעהמען אויך א טייל פון יענע רעכט וואס דער פריץ האט געהאט איבער די רוסישע פויערן. דער אידישער ארענדאר פלעגט, נאטירליך, וועלען ארויסבעקומען וואס מעהר הכנסה פון זיין ארענדע; אזוי וואלט עס געטהון דער פריץ אליין אויך, ווען ער וואלט אליין פערוואלטעט מיט זיינע גיטער און געוואוינט אין זיי. אבער ביי דער ארדנונג פון לייב-אייגענטום (פאנשטשיזנא) איז אזא שטרעבונג געווען פערבונדען מיט'ן עקספלואטירען די פויערן. די גרינגשעצונג מיט וועלכע די קאטוילישע גלחים האבען זיך בעצויגען צו די חלאפעס, וו

אויך די שטרעבונג און פראבעס אבצוװענדען די פויערן פון זייער קיר-
כע, כדי צו מאכען זיי פאר קאטוילען—דאס אלץ האט געבראכט דער-
צו אז דער אינערליכער עקאנאמישער קאמף האט בעקומען אויך א רע-
ליגיעזע בעפארבונג. די געררודפ'טע און בעדריקטע פויערן פלעגען ענט-
פערען אויף די רדיפות און בעדריקונגען מיט א ווילדען, שלעכט בעדיי-
טענדען צארן און מיט אפטע אגרארישע אונרוהען. דער לייב-אייגענער
גריך-רוסישער פויער האט טיעף געהאסט זיין פוילישען פריץ, אי אלס
פאליאק (ליאך) אי אלס קאטאליק; נישט ווייניגער האט ער אויך פיינד
געהאט דעם אידישען ארענדאר, ווייל ער האט אין איהם געזעהען זיין
פערוואלטער און בעדריקער, ווי אויך אנ'אונגלויבער, וועלכער איז איהם
גאנץ פרעמד אי לויט'ן כאראקטער, אי לויט'ן לעבענס-שטייגער. דער
איך אין אוקראינא האט זיך דאריבער געפונען צווישען צוויי פיינדליכע
כחות—צווישען דעם פריץ מיט זיין פויער, צווישען דעם פאנאטישען
קאטאליק און דעם פראוואסלאוונעם, צווישען דעם פאליאק און דעם רוס.
דריי קלאסען, דריי רעליגיעס און דריי נאציאנאליטעטען האבען זיך צו-
זאמענגעשטויסען אויף איין געביט—און די קאטאסטראפע האט פריהער
אדער שפעטער געמוזט אויסברעכען.

די דרום-רוסישע בעפעלקערונג איז כלל נישט בעשטאנען פון אזעלכע
גרולדיגע בהמות, ווי עס האט איהר געוואלט מאכען די פוילישע פרי-
ציזאפט; פיעל אומשטענדען האבען ענטוויקעלט אין איהר א קריגערי-
שען גייסט. די נאהנטקייט פון די נאווראסישע סטעפעס און פון קרי-
מער כאן, פון וואנען די טאטערען פלעגען אפט מאכען זייערע ווילדע
רויב-אנפאלען אויף די עק-לענדער אין מזרח-קאנט פון פוילען, האט
געצוואונגען די בעפעלקערונג פון אוקראינא, צו פעראייניגען זיך אין קרי-
גערישע דרוזשינעס, כדי צו פערטיידיגען זיך געגען די אנפאלען. די פוי-
לישע רעגירונג האט דורך איהרע ארטיגע סטאראסטעס מיטגעהאלפען
דער איינארדנונג פון אזעלכע דרוזשינעס, וועלכע האבען פערטיידיגט די
עק-קאנטען פון דער מלוכה. אזוי ארום איז ענטשטאנען די אוקראינישע
קאזאקעריי, וועלכע איז ענטשטאנען אונטער אנ'אייגענער ממשלה פון א
העטמאן. דאס איז געווען א האלב-קריגערישער, א האלב-פויערישער קלאס
מיט אנ'אויטאנאמער אינערליכער ארדנונג. אויסער די אוקראינישע קא-
זאקען, וועלכע האבען געהערט צו פוילען, זענען געווען זאפאראזשער קא-
זאקען—א פאלקאמע פרייע דרוזשינא, וואס האט געוואוינט הינטער די
פאראגען אויפ'ן דניעפר (שטיינער אינמיטען טייך), אין די סטעפעס פון
איצטיגער נאווראסיע, און זייער בעליעבטע בעשעפטיגונג איז געווען,
צו מאכען רויב-אנפאלען אויף די טערקען און פיהרען מלחמה מיט די
קרימער טאטערען. אין די זאפאראזשער „סיעטש" פלעגען אוועקגעהען פיעל
פויערן פון אוקראינא, וועלכע האבען געוואלט בעסער פיהרען א פריי
ווילד לעבען, איידער צו בעארבייטען די ערד פאר די פריצים. די סיעטש

זי געוועזן א מין פרייע קריגערישע רעפובליק, וואו מען האט העכער פאר אלץ געשעצט די העלדישע בריות שאפט, פלינקהייט און די „ריטערליכע עהרע". דאס איז געוועזן א האלב ווילדע טאטערישע מחנה פון פראוואס־לאוונעם גלויבען און רוסישער אבשטאמונג מיט א גרויסער צומישונג פון באנגאלישען בלוט. די אוקראינער און זאפאראזשער קאזאקען זענען גע־שטאנען אין נאהנטער בעציהונגען איינע צו די אנדערע. די פויערישע בעפעלקערונג פון אוקראינא האט געקוקט מיט האפנונג און גאוה אויף איהר דאזיגער נאציאנאלער גווארדיע, וועלכע האט פריהער צי שפעטער איהר געדארפט העלפען בעפרייען זיך פון דער הערשאפט פון „די ליאכען און זשידעס". די פוילישע רעגירונג האט נישט בעמערקט, ווי אויף דעם עק־קאנט אין מזרח פון דער מלוכה וואקסט און פערשטארקט זיך א ברען־מאטעריאל, וואס סטראשעט אויפצערייסען די גאנצע פוילישע רע־פובליק; אויב די אידען האבען, בלי ספק, נישט פאראויסגעזעהען, אז פון דער זייט וואקסט פאר זיי א שרעקליכע געפאהר, וועלכע וועט פערשטי־רען מיט בלוט פיעל בלעטער פון זייער געשיכטע און וועט דינען פאר א שרעקליכען סימן פאר דער צוקונפט. די ערשטע התראה איז געגעבען געווארען די אידען אין יאהר 1638, ווען דער אנפיהרער פון די קאזא־קען פאוליוק איז אנגעפאלען פון דער סיטש אויף פאלטאווער קאנט און דערוועקט דארט די פויערן צו מאכען אנ'אויפשטאנד געגען די פוי־לישע פריצים און די אידען. די אויפשטענדישע פויערן האבען חרוב געמאכט עטליכע שוהלען אין לובנא און איהר אומגעגענד און אויס'גע־הרג'עט לערך צוויי הונדערט אידען. די אמת'ע קאטאסטראפע האט זיך אבער אנגעהויבען ערשט מיט צעהן יאהר שפעטער. מיט'ן אויפשטאנד פון די קאזאקען און די אוקראינישע פויערן אין יאהר 1648 (ת"ח) דאס אין דער געשיכטע פון מזרח־איירעפא זיך אנגעהויבען די עפאכע פון די רוסישע „פאגראמען". די פאליאקען האבען געדריקט און ערני־דעריגט די אידען, די רוסישע מאסען האבען זיי גע'שחט'ן און בעראבע־וועט, פערניכטענדיג מיט'ן פייער און שווערד הונדערטער אידישע קהלות. די דאזיגע פאליטיק פון פאגראמען האט דער זיבעצעהנטער יאהרהונדערט איבערגעגעבען בירושה צו די שפעטערדיגע יאהרהונ־דערטען.

אין פריהלינג 1648, בשעת עס האט נאך געקעניגט אין פוילען וולא־דיסלאוו IV, האט איינער פון די העכסטע פאפולערע קאזאקישע אנ־פיהרער דער טשיגירינער סאטניק, באהדאן חמיעלניצקי, אויפ־געהויבען די פאן פון אויפשטאנד אין זאפאראזשיע און אוקראינא. לויט ווי עס דערצעהלט די לעגענדע, האט דער פאדסטאראסטא טשאפלינ־סקי בעראבעוועט חמיעלניצקי'ס חוטאר (פאלווארק), אוועקגעפיהרט זיין געליעבטע און געשמיסען אין טויט אריין זיין זוהן. היסטאריש איז די זאך נישט דערוויזען, נאר זיכער איז, אז חמיעלניצקי איז שרעקליך אויפ־

נעווייצט געוואָרען דורך דעם בעגעהן זיך מיט איהם מצד דער פוילישער מאַכט און דאריבער אָנגעהויבען דערוועקען די אוקראַינישע קאָזאַקען, אַז זיי זאָלען מאַכען א בעוואָפענטען אויפשטאנד נעגען פוילען. די קאָזאַקען האָבען איהם אויסגעקליבען בשתיקה פאַר א העטמאַן און געגעבען איהם בעפולמעכטיגונג, צו פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט די זאַפּאָראָזשער קאָזאַקען. קומענדיג אין דער סיעטש, האָט ער דאָרט איינגעאָרדענט דרוזשינעס און געשלאָסען א בונד-מיט'ן קרימער כאַן, וועלכער האָט זיך פערפליכטעט צו שיקען די אויפשטענדישע קאָזאַקען צו הילף גרויסע מחנות טאָטערען. אין אַפּריל 1648 האָבען די פעראייניגטע מחנות פון די קאָזאַקען און די טאָטערען א לאָז געטהון זיך פון דער סיעטש צו דער אוקראַינאַ. ביי די „געלע-וואַסערען“ אין קאָרסון האָבען זיי געבראַכט א שטארקע מפלה דעם פוילישען מיליטער פון די אָנפיהרער קאַלינאָווסקי און פּאָטאָצקי (6—15 מאַי) און אָט דער נצחון האָט געדינט פאַר א סיגנאַל צו דערהויבען זיך און צוצושטעהען צום אויפשטאנד אין גאנצען קאַנט ארום דעם טייך דניעפּר. די רוסישע פּויערן און די שטאָדטישע בעפעלקערונג האָבען פערלאָזען זייערע וואוינונגען און פערזאַמעלט זיך באנדעס-ווייז, אָנפאַלענדיג אויף די פוילישע מאַיאָנטקעס און אויסמאָרדענדיג די פריצים, זייערע פערוואַלטער און די אידישע ארענדארען, בערויבענדיג דערביי דאָס פערמעגען. אין די קהלות פון די שטעדט פּערעיאַסלאַוו, פּריפּיאַטיץ, לאָחוויץ, לובנא און זייערע אומגעגענדען, האָבען די קאָזאַקען אונמענשליך אויסגעהרג'עט טויזענדער אידען און זייערע פערמעגענס האָבען זיי אדער פערניכטעט אָדער צורויבט. דאָס לעבען האָבען זיי געשאָנקען נאָר יענע אידען, וועלכע האָבען זיך גע'שמד'ט אויף פּראַוואָסלאַוויע. כדי נישט אריינצופאַלען אין די הענד פון די קאָזאַקען, זענען די אידען אין א טייל שטעדט פון קיעווער ראַיאָן אַנטלאָפען צו די מחנות פון די טאָטערען און איבערגעגעבען זיך זיי מיט'ן גוטען ווילען אין געפאַנגענשאַפט, ווייל די טאָטערען האָבען על פי רוב זיי נישט דער'הרג'עט, נאָר אָבגעשיקט מחוות-ווייז קיין טערקיי צו פערקויפען זיי פאַר שקלאַווען. דאָרט אָבער האָבען די אידען געקאָנט האָפען אויסגעלייזט צו ווערען דורך זייערע אידישע ברידער.

אין דער זעלביגער צייט (אין מאַי) איז פּלוצלונג געשטאָרבען דער פּוילישער קעניג וולאַדיסלאַוו IV, און אין פוילען האָט זיך אָנגעהויבען די צייט פון מהומות, ווען מען האָט געדאַרפט אויסקלויבען א נייען קעניג, דער קאָזאַקישער בונט האָט דערווייל זיך צעפלאַקערט און ארומגעראַפּט גאַנץ אוקראַינאַ, וואָהלין און פּאָדאָליען. גרויסע מחנות קאָזאַקען און רוסישע פּויערן אונטער'ן אָנפיהרער פון חמיעלניצקי'ס לייט—די הײַדע זאַפּאַראָזשצעס—האָבען זיך פערשפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און בערעריש אויסגע'שחט'ן די פּאָליאַקען און די אידען. „די מערדערייען—

דערצעהלט א רוסישער היסטאָריקער—זענען בעגליים געווען פון שרעק־ליכע ענויים: מען פלעגט אראָבשינדען די הויט פון לעבעדיגע מענשען, אָבהאַקען הענד און פיס און דער׳הרג׳ענען צום טויט מיט דובינעס, אָדער בראָטען אויף הייסע קוילען און אָבגיסען מיט זודיגען וואסער; מען האָט אויך נישט געהאָט קיין רחמנות אויף זויגעדיגע קינדער. די שרעקליכסטע רציחות האָט מען אָבער אַרויסגעוויזען געגען די אידען; זיי האָט מען פערוואורטיילט צו פערניכטען אינגאַנצען און יעדע רחמנות געגען זיי האָט מען געהאַלטען פאַר אַ פעררעט. די ספרי־תורה׳ס פלעגט מען ארויסנעהמען פון די שוהלען, טאַנצען אויף זיי, טרינקען בראָנפען, דערנאָך פלעגט מען אויף זיי אויסלייגען די אידען און שחט׳ן זיי אָהן קיין שום מענשליך געפיהל פון רחמנות. טויזענדער אידישע קינדער האָט מען אריינגעוואָרפען אין די ברונענס און פערשאָטען מיט ערד״. דער דאַמאַלסדיגער אידישער כראָניקער דערצעהלט דערצו, אז די מענ־שען־חיות פלעגען נישט דער׳הרג׳ענען מיט אַמאָל זייערע שרעקליכע מענ־שען־קרבנות, נאָר כדי זיי זאָלען זיך לענגער מאַטערען אין דער גסיסה, פלעגט מען זיי אָבהאַקען הענד און פיס; קינדער פלעגט מען צעריי־סען „ווי הערינג״, אָדער בראָטען אויפ׳ן פייער, ביי פרויען פלעגט מען צעשניידען די בייכער און, אַריינלאָזענדיג אַ לעבעדיגע קאַץ, צוריק פערנייהען. די גאַנצע ווילדקייט פון די שכור׳ע פראַיס האָט זיך אַרויס־געוויזען אין דער דאָזיגער אכזריות, אויף וועלכער עס זענען אפילו נים פעהיג געווען די טאַטערען...

בעזונדערס טראַגיש איז געווען דער גורל פון יענע אידען, וועלכע זענען אנטלאָפען פון די דערפער און שטעדטלעך אין די בעפעסטיגטע שטעדט, האָפענדיג צו געפינען דאָרט אַ בעשיצונג. דערוויסענדיג זיך, אז אין דער שטאָדט נעמיראָוו, אין פּאָדאָליען, האָבען זיך בעפעסטיגט עטליכע טויזענד אידען, האָט חמיעלניצקי אוועקגעשיקט אהין אַ מחנה קאָזאַקען אונטער׳ן אָנפיהרען פונ׳ם קאָזאַק גאָניא. די שטאָדט איז געווען זעהר רייך און גוט בעפעסטיגט; מיט׳ן שטורם איז איהר שווער געווען צו נעהמען. דאַן זענען די קאָזאַקען צוגעקומען צו די טויערען פון שטאָדט מיט פּוילישע פעהנער און געבעטען, אז מען זאָל עפענען די טויערען. די אידען האָבען געמיינט, אז דאָס איז פּויליש מיליטער און אַריינגעלאָ־זען זיי אין שטאָדט, ווייל די קריסטליך־פּוילישע בעפעלקערונג האָט דאָס פערלאַנגט. ווי נאָר אָבער די קאָזאַקען זענען אין שטאָדט אַריינגעקומען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ שוידערהאַפטע שחיטה (20־טען סיון 1648). די מאַנזביל און קינדער האָט מען אויסגעהרגעט, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אָנגעטהון אונמענשליכע ענוים; די פרויען האָט מען מטמא געמאַכט פריהער און דערנאָך דערהרגעט מיט אַ געוואַלדיגער, העסליכער רציחה. נעמיראָווער רב און ראש־ישיבה איז דאַמאָלס געווען רבי יחיאל מיכל בן אליעזר, וועלכער האָט מיט אַ שבת פאַר דעם פערזאַמעלט אַלע

נעמיראָווער אידען אין שוהל און געלערנט זיי, אַז אויב דער שונא וועט קומען זאָלען זיי אַלע מקדש השם זיין, און די קהלה האָט איהם הייליג געפאָלגט: זעקס טויזענד אידען זענען אין'ם שרעקליכען טאָג דערהרגעט געוואָרען. רבי יחיאל אַליין מיט זיין מוטער האָט זיך בעהאַלטען אויפ'ן בית עלמין, כדי חאָטש קאָנען דאָרט קומען צו קבר-ישראל, אָבער דאָרט האָט איהם געפונען איינער פון די פּאַגראָמשטשיקעס, עפּעס אַ שוסטער, וועלכער האָט איהם אָנגעהויבען צו שלאָגען מיט אַ שטעקען. דעם רב'ס אַלטע מוטער האָט זיך אָנגעהויבען בעטען בייפ מערדער, אַז ער זאָל בעסער איהר דערהרגענען, אנשטאָט איהר זוהן; אָבער דער שוסטער האָט, ווי אַנ'עכטער ווילדער אונמענש, פריהער דערהרגעט דעם זוהן און דערנאָך די גרייז-גראָהע מוטער. אַ טייל יונגע אידישע פרויען האָט מען געלאָזט לעבען, און די קאָזאַקען האָבען מיט געוואַלד געשלעפּט זיי צום שמד און דערנאָך גענומען זיי פאַר זיך פאַר פרויען. איין שענע אידישע מיידעל, וועלכע אַ קאָזאַק האָט געשלעפּט מיט זיך צום דאָזיגען ציעל, האָט איינגערעדט דעם קאָזאַק, אַז זי קאָן כשוף און זי פערצויבערט די קוילען פון די ביקסען אַזוי, אַז זיי שאַדען איהר נישט, דערביי האָט זי ביי איהם געבעטען, אַז ער זאָל מאַכען אויף איהר אַליין די פּראָבע. דער קאָזאַק האָט איינגעשאָסען, און דאָס מיידעל איז געפאַלען טוידט, זייענדיג צופרידען, וואָס זי איז נישט אַריינגעפאַלען אין די הענד פונ'ם מערדער. אַ צווייטע מיידעל, מיט וועלכער אַ קאָזאַק איז געגאַנגען חתונה האָבען, איז בשעת דער התונה-פּראָצעסיע אַראָבגעשפּרונגען פון בריק אין וואַסער און דערטרונקען געוואָרען.

די אידען, וועלכע האָבען בעוויזען זיך אַרויסצוראַטעווען פון דער נעמיראָווער שחיטה, זענען אַנטלאָפען אין דער בעפעסטיגטער שטאָדט טולטשין. דאָ האָט זיך אָבער אָבגעשפּיעלט נאָך אַ שרעקליכע דראַמע. זעקס הונדערט קעמפפער פון דער פּוילישער שליאַכטאַ זענען געווען אין שטאָדט און צוויי טויזענד אידען, וואָס צווישען זיי זענען געווען פיעל גבורים, וועלכע האָבען נישט געוואָלט לאָזען זיך דערהרגענען, ווי די שעפּסען, נור פערטיידיגען זיך העלדיש. די פּאָליאַקען און די אידען האָבען געשוואָרען איינע די אַנדערע צו פערטיידיגען זיך און קעמפּפען ביז'ן לעצטען טראָפּפען בלוט, נישט פעררעטענדיג איינע די אַנדערע. די אידען האָבען געשאָסען פון דער מויער פון שטאָדט, נישט צולאָזענדיג צו איהר די קאָזאַקען. נאָך אַ לאַנגער בעלאַגערונג אָהן ערפאָלג האָבען די קאָזאַקען אונטערגענומען בייצוקומען די אידען דורך פאַלשקייט: זיי האָבען מודיע געווען די פּאָליאַקען, וועלכע זענען געווען אין דער פעסטונג, אַז אויב זיי וועלען זיי אַרויסגעבען די אידען, וועלען זיי — די קאָזאַקען — נישט אָנריהרען די פּאָליאַקען. די פּוילישע פּריצים, וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען פירשט טשעטווערטינסקי, האָבען געשווינד פערגעסען אויף זייער שבועה צו די אידען און בעשלאָסען צו ברענגען אַ קרבן

זייערע אידישע מיטקעמפּפער און מיטבירגער, אַבי באַלד זיך אַרויסצוראַטעווען. ווען די אידען האָבען זיך דערוואוסט וועגען אַזאַ שענדליכער פעררעטעריי, האָבען זיי תחילת געהאַט בעשלאָסען אַנצופאַלען אויף די פּאָליאַקען, זייענדיג פיעל מעהר פאַר זיי. אָבער דער טולטשינער ראש-ישיבה, רבי אהרן, האָט דורך זיינע ביטעס אָבגעהאַלטען די אידען פון אַזאַ נעפעהרליכען שריט, דען ער האָט געטענהט, אַז דאַדורך קאָן מען שטעלען אין סכנה די אידישע עקזיסטענץ אין גאַנץ פּוילען. „בעסער — האָט ער אויסגערופען — לאָמיר שטאַרבען אַלע, ווי עס זענען אויסגעשטאָרבען אונזערע הייליגע ברידער אין נעמיראָוו, נאָר נישט אַריינברענגען אין סכנה אונזערע ברידער אין אַלע גלות-לענדער“.

די אידען האָבען איהם געפאָלגט. זיי האָבען אָבגעגעבען זייער גאַנץ פערמעגען דעם פירשט טשעטווערטינסקי, כדי ער זאָל עס אָבגעבען די קאָזאַקען אַלס אויסקויף פאַר'ן אידישען לעבען. אַריינקומענדיג אין שטאָדט האָבען די קאָזאַקען פריהער צוגענומען דאָס אידישע פערמעגען, דערנאָך האָבען זיי אַריינגעטריבען זיי אין אַ גאָרטען און אַרויסגעשטעלט דאָרט אַ פאָהן, ערקלערענדיג: „ווער עס וויל אָננעהמען דעם שמד, יענער זאָל זיך שטעלען אונטער דער פאָהן און מיר וועלען איהם שענקען דאָס לעבען!“ די רבנים האָבען מתרה געווען און געלערנט דאָס פאָלק, אַז מען זאָל בעסער דערהרגעט ווערען, ווי קדושים פאַר דער רעליגיע און דער נאַציאָנאַליטעט. קיינער האָט נישט איינגעשטימט אויף צו פעררעטען דעם יודענטום — און אַנדערטהאַלבען טויזענד אידען האָט מען אויסגעהרגעט אויף אַן אונמענשליכען אופן (4-טען תמוז ת"ח—1648). גלאַזט לעבען האָבען די קאָזאַקען נור צעהן רבנים, האָפענדיג, צו בעקומען פאַר זיי אַ גרויסען אויסקויף-געלד ביי די אידען. אָבער אויך די פעררעטערישע פּאָליאַקען האָבען דורך זייער שענדליכער פאַלשקייט דער שבועה צו זייערע מיטבירגער זיך נישט געראַטעוועט, דען באַלד נאָכדעם איז אַריינגעקומען אין שטאָדט אַ צווייטע מחנה פון קאָזאַקען און אויסגעשחט'ן זיי אַלעמען. פערטיידיגען זיך האָבען די פּאָליאַקען שוין איצט נישט געקענט, נאָכדעם ווי זיי האָבען געלאָזט אונמענשליך דערהרגענען זייערע אידישע פערטיידיגער. צווישען די אויסגעהרגעטע פּאָליאַקען איז אויך געווען דער פירשט טשעטווערטינסקי, ביי וועלכען די קאָזאַקען האָבען מיט אַ זעג צורייסען דאָס לייב. פיעל פּאָליאַקען האָבען זיך געבעטען, אַז מען זאָל זיי שענקען דאָס לעבען לויט דער הבטחה, אָבער די קאָזאַקען האָבען זיי דערויף געענטפערט: „איהר האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטען מיט די אידען, מיר זענען דעריבער נישט מחויב צו האַלטען וואָרט נעגען אייך!“ — די דאָזיגע געשעהעניש האָט געמאַכט איבעראַל אַ געוואַלדיגען איינדרוק אויף די פּאָליאַקען, און פיעל פון זיי האָבען בעשולדיגט די טולטשינער שליאַכטאַ, אַז זי האָט זיך שענדליך בעגאַנגען מיט די אידען. לויט ווי דער דאַמאַלסדיגער אידישער כראָניקער פערזיכערט, האָט דאָס געדיענט פאַר אַ גוטער לעק-

ציע: „פון דאמאלס האבען די פאליאקען איבעראל נעקעמפפט צוזאמען מיט די אידען און, ווען די קאזאקען פלעגען זיי שווערען, דאס זיי וועלען זיי נישט אנריהרען, נור זיי זאלען זיי מפקיר זיין די אידען, פלעגען די פאליאקען שוין זיי נישט גלויבען. און נור א דאנק דעם זענען די אידען דאמאלס נישט אונטערגעגאנגען אינגאנצען אין פוילען".

פון פאדאליען האבען די מחנות פון די קאזאקען זיך געלאזען געהען קיין וואהלין. דארט האבען די שחיטות געהיערט דעם גאנצען זומער און הערבסט פון יאהר 1648. אין פולנואה (פאלאנאיע) זענען דורך די קאזאקען אויסגעהרגעט געווארען און דורך די טאטערן גענומען געווארען געפאנגען ביז צעהן טויזענד אידען. צווישען די קדושים, וואס זענען דערהרגעט געווארען, איז אויך געווען דער בעל מקובל רבי שמשון אוסטראפאלער. דער דאזיגער קדוש האט צוזאמען מיט נאך דריי הונדערט אידען זיך אנגעטהון אין תכריכים און טליתים און אזוי זענען זיי אלע געשטאנען אין שוהל און תפלה געטהון צו גאט, ערווארטענדיג דעם טויט. די רוצחים האבען דארט זיי אויסגעהרגעט אלעמען ביז'ן לעצטען. אזעלכע שחיטות זענען פארגעקומען אויך אין זאסלאוו, אוסטראהא, אלט - קאנסטאנטינאוו, באר, נאראל, קרעמניץ און פיעל אנדערע שטעדט; גאנץ אוקראינא, פאדאליען און וואהלין זענען געווארען שוידערהאפטע שלאכט־פלעצער.

דאס פוילישע מיליטער, אונטער'ן אנפיהרען פונ'ם העלדישען פירשט יערעמיא ווישניעוועצקי, האט אין פיעל ערטער געקעמפפט מיט ערפאלג געגען די קאזאקען און פויערן, פערניכטענדיג בעזונדערע אבטיילונגען זייערע; די אידען זענען פון פיעל ערטער אנטלאפען צום פוילישען פירשט, וועלכער האט די אונגליקליכע נערן אריינגענומען אין זיין לאגער און, לויט ווי דער דאמאלסדיגער אידישער כראניקער שרייבט — געזארגט פאר זיי, „ווי א פאטער פאר זיינע קינדער". נאך דער נעמיראווער שחיטה דאס ער זיך אריינגעריסען מיט זיין מיליטער אין דער אונגליקס שטאדט אין אויסגע'הרג'עט דארט אלע קאזאקען, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער שחיטה. אבער ער אליין איז נישט געווען אימשטאנד צו פעדלעשען די פלאמען פון קאזאקישען בונט, און די הויפט־אנפיהרער פון פוילישען מיליטער — זאסלאווסקי, קאניעצפאלסקי און אסטראראג — האבען נישט ארויסגעוויזען קיין געהעריגע ענערגיע, ווי עס האט געפאסט פאר'ן ערנסטען מאמענט. דער קאזאקען־אנפיהרער כמיעלניצקי האט געהאט דאס פולע רעכט, צו געבען זיי די לעכערליכע נעמען: „פעדרינא" (פערצערטעלטער), „בחור'עץ" (איינגעל) און „לאטיינער" (מלומד).

די מחנות צובונטעוועטע קאזאקען, אדער די „היידאמאקען", זענען פון אוקראינא אריינגעקומען אויך אין די נאהענטסטע שטעדט פון ביע-

לאַרוסיע און ליטאַ. פון טשערניגאָוו און סטאַראָדוב, אז די מערדער האָבען אויסגע'שחט'ן די רוהיגע אידישע איינוואוינער, זענען זיי אריינגעקומען אין האָמעל (יולי אדער אויגוסט). דער דאָמאָלסדיגער כראָניקער דערצעהלט וועגען דער האָמלער שחיטה אין פאָלגענדע ווערטער: „די בונטאָווטשיקעס האָבען מיט געלד אונטערגעקויפט דעם נאַטשאַלניק פון שטאָדט... און ער האָט זיי מפקיר געווען די אידען. די יונים (עס הייסט: די קאָזאַקען) האָבען זיי אַרומגערינגעלט מיט בלויזע שווערדען, שפּיזען און פּיקעס און געזאָגט: „פאַר וואָס גלויבט איהר אין אייער גאָט, וועלכער האָט אויף אייך קיין רחמנות נישט און ראַטעוועט אייך נישט פון אונזערע הענד? זאָגט זיך אָב פון אייער גאָט און איהר וועט ווערען פּריצים!... אויב אָבער איהר וועט זיך האַלטען ביי אייער אמונה, וועט איהר אַלע אויסגעהרגעט ווערען, ווי עס זענען אויסגעהרגעט געוואָרען אייערע ברידער אין אוקראַינאַ, פּאָקוטיע און ליטאַ. — דאַמאָלס האָט אויסגערופען אונזער רבי און אַב-בית-דין, רבי אליעזר: ברידער, דערמאָנט אייך, ווי עס זענען געשטאָרבען על קדוש השם! לאָמיר אויך אויסשטרעקען אונזער האַלז צו דער שחיטה. קוקט אויף מיר און טוט ווי איך! — און טויזענדער מענשען האָבען זיך תיכף אָבגעזאָגט פון זייער לעבען און פון דער - וועלט און מקדש השם געווען. דער ראש-ישיבה האָט זיך דער ערשטער אָבגעגעבען פאַר אַ קרבן-עולם... זקנים און יונגינקע קינדערלעך, זקנות און יונגע מיידלעך האָבען געזעהען, ווי מען האָט געפּייניגט דעם אַלטען רב, וועלכער האָט נישט אויפגעהערט צוצורופען צו זיי, אַז זיי זאָלען שטאַרק זיין און אויך אַריבערטראָגען די [illegible]דיגע יסורים אין די לעצטע מינוטען פון לעבען. און אַלע האָבען, ווי איין מענש אויסגערופען: לאָמיר מוחל זיין איינע די אַנדערע אונזערע פערברעכענס און בעליידיגונגען, לאָמיר אָבגעבען אונזער נשמה צו גאָט און דעם לייב — די ווילדע חיות, אונזערע שונאים, די יונים!... דאַן האָבען די רוצחים זיך גענומען צו זייער שוידערהאַפטער אַרבייט: מען האָט דערהרגעט די אונגליקליכע מיט שטעקענס און דובינעס, כדי די גסיסה זאָל לענגער דויערן און פערשאַפען מעהר יסורים. הויפענס מענשען, מענער, פרויען און קינדער זענען געפאַלען איינע אויף די אַנדערע. און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל זיי מקבר זיין, און הינט און חזרים האָבען זייערע לייבער אויפגעפרעסען"...

אין סעפּטעמבער איז חמיעלניצקי מיט זיין קאָזאַקישער מחנה און די חברים-טאָטערן צוגעקומען צו דער הויפּט-שטאָדט פון גאַליציע לעמבערג און האָט איהר בעלאַגערט. די קאָזאַקען האָבען זיך אריינגעריסען אין די פאָרשטעדט און בעראַבעוועט זיי, אָבער אין שטאָדט גופא, וועלכע איז געווען גוט בעפעסטיגט, האָבען זיי נישט געקאָנט אריינקומען. חמעלניצקי האָט פאָרגעלעגט דעם לעמבערגער מאַגיסטראַט, אַז ער זאָל איהם אַרויסגעבען אַלע אידישע איינוואוינער מיט זייער פערמעגען פערזי-

כערנדיג, אַז דאַן וועט ער אַרונטערנעהמען די בעלאַגערונג פון שטאָדט. דער מאַגיסטראַט האָט געענטפערט, אַז די אידען געהערען דעם קעניג, און געפינט זיך נישט אונטער זיין שליטה. דאַן אַט חמיעלניצקי איינגעשטימט אָבצוטרעטען פון דער שטאָדט, בתנאי אַז מען זאָל איהם געבען אַ גרויסע סומע געלד קאָנטריבוציע. די דאָזיגע סומע האָבען מייסטענס געגעבען די אידען. פון לעמבערג איז חמיעלניצקי אָבגעגאַנגען צו זאַמאָשץ און לובלין, קומענדיג נאָהענטער צו וואַרשאַ, וואו מען האָט דאַמאָלס געהאַלטען אין אויסקלייבען אַ מלך איבער פוילען. אויסגעקליבען האָט מען דעם ברודער פון וולאַדיסלאַוו IV, דעם גניעזנער פרימאַס און קאַרדינאַל יאַן קאַזימיר (1648—1668). דער נייער קעניג האָט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן אָנפיהרער פון בונט חמיעלניצקי, נור צוליעב די גרויסע פאָדערונגען פון די קאָזאַקען האָט מען די אונטערהאַנדלונגען געמוזט איבעררייסען, און אין פריהלינג 1649 האָט זיך די אינערליכע מלחמה ווידער אָנגעהויבען, און פון דאָס ניי זענען פאָרגעקומען שחיטות אין אידישע קהלות. די פּאָליאַקען האָבען געהאַט אַ גאַנצע רייהע מפּלות און זענען געווען געצוואונגען צו שליסען שלום מיט די קאָזאַקען. דער שלום-אָבמאַך צווישען דעם קעניג יאַן קאַזימיר און דעם העטמאַן חמיעלניצקי איז געשלאָסען געוואָרען אין זבאָראָוו אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען פאַר די קאָזאַקען, וועלכע האָבען אויך אַריינגעשטעלט אַ פונקט, אַז עס ווערט פערבאָטען די אידען צו וואוינען אין אוקראַינאַ, דאָס הייסט אין די וואָיעוואָדסטוועס טשערניגאָוו, פּאָלטאַוואַ, קיעוו און אַ טייל פון פּאָדאָליען (אויגוסט 1649).

די אידען האָבען ענדליך נאָך שרעקליכע יסורים און שחיטות, וועלכע האָבען געדויערט אַנדערטהאַלבען יאָהר, פרייער אָבגעאָטעמט. דער קעניג יאַן קאַזימיר האָט ערלויבט יענע אידען, וואָס האָבען אונטער דער אימה פון טויט אָנגענומען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען, צו ווערען צוריק אידען. די אידישע פרויען, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד אָבגעשמד'ט און די קאָזאַקען האָבען מיט זיי חתונה געהאַט, זענען מאַסענוויז אַנטלאָפען פון זייערע מאַנען-קאָזאַקען און אומגעקעהרט זיך צוריק צו זייערע משפּחות. דער „ועד פון די פיער מדינות", וועלכער האָט זיך פערזאַמעלט אין לובלין אין יאָהר 1650 האָט אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע רייהע תקנות, ווי אַזוי צוריקצושטעלען די אָרדנונג אין אידישען געזעלשאַפטליכען און פאַמיליען-לעבען. דער טאָג פון נעמיראָווער שחיטה (כ' סיון), וועלכער איז אויסגעקומען אינ'ם טאָג פון אַנ'אַלטען אידישען תענית צום אָנדענקען פון די הריגות בשעת די קרייצצוגען, האָט מען בעשטימט אָנצוערקענען פאַר אַ טרויער-טאָג און אַ תענית-צבור. די דאַמאָלסדיגע רבנים האָבען אָנגעשריבען הארצרייסענדע קינות, וועלכע מען פלעגט לייענען אין די שוהלען אין יענעם טאָג.

אָבער נישט אויף לאַנג האָט מען געלאָזען די אידען אָברוהען פון די איבערגעלעבטע אונגליקען. דער זבאָרער אָבמאַך האָט נישט צופרידענגעשטעלט נישט די פּאָליאַקען, נישט די קאָזאַקען. די געגענזייטיגע שנאה האָט געבראַכט צו נייע צואַמענשטויסען, און אין יאָהר 1651 האָט די מלחמה אויפגעפלאַקערט פון דאָס-ניי. די פוילישע רעגירונג האָט צוזאַמענגענומען אַ גרויסע אַרמעע, אין וועלכע עס איז אַריינגענומען געוואָרען אויך אַ אידישע אָבטיילונג פון טויזענד מאַן. דאָס מאָל האָט די פוילישע ארמעע זיין מנצח געווען די קאזאקען—און די מלחמה האט זיך געענדיגט מיט אַ שלום-אָבמאַך, וועלכער איז געווען גינסטיג פאַר די פּאָליאַקען. לויט'ן בעלאַצערקאָווער אָבמאַך (סעפּטעמבער 1651), זענען אָבגעהאָלפען געוואָרען פיעל פאָדערונגען פון די קאָזאַקען, און צווישען אַנדערע האָבען די אידען צוריק בעקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין אוקראַינאַ („די אידען, ווי זיי זענען פריהער געווען בירגער און אַרענדאַרען אין די גיטער פון זיין קעניגליכער גנעדיגקייט און פון דער שליאַכטאַ דאַרפען אויך אויף ווייטער אַזוי פערבלייבען“). צווישען די קאָזאַקען און די פּראַוואָסלאַוונע אוקראַינער האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען אונרוהען. באָהדאַן כמיעלניצקי האָט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן מאָסקווער רוסישען צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש וועגען פעראייניגען אויף אויטאָנאָמע רעכט די קאָזאַקישע אוקראַינאַ אונטער'ן נאָמען מאַלאָרוסיע מיט דער מאָסקווער מלוכה. אין יאָהר 1654 איז מאַלאָרוסיע אַריינגענומען געוואָרען אין דער מאָסקווער מלוכה און אין'ם זעלביגען יאָהר איז די רוסישע ארמעע אריינגעטראטען אין ביאלארוסיע און ליטא, כדי צו פיהרען מלחמה מיט די פּאָליאַקען. איצט האָבען זיך אָנגעהויבען אונגליקען פאַר אידען אויך אין די קהלות פון צפון-מערב-קאַנט.

פיעל אונגליקען האָט געבראַכט פאַר די אידען די פעראייניגונג פון די קאָזאַקען מיט דער מאָסקווער רעגירונג, וועלכע האָט פון אייביג אָן אויסגעוויזען אַן'אָבערגלויבישע מורא „פאַר די אידען און באַסורמאַנעס“. די אידישע איינוואוינער פון ביאַלאָרוסיע און ליטאַ האָבען געמוזט צוזעהען, ווי עס האבען זיך אריינגעריכען די ווילדע מחנות פון די צפון- און דרום-כקיטען אין אַ לאַנד, וואָס איז זיי גאַנץ פרעמד געווען, און אין אַ משך פון צוויי יאָהר געמאַכט דאָרט אַ שרעקליכען חורבן (1654—1656). ווען די פעראייניגטע מחנות האָבען איינגענומען די הויפּט-שטעדט, האָבען זיי די ערשטע געמאכט שחיטות צווישען די אידען און ארויסגעטריבען די איבערגעבליבענע ביים לעבען. ווען מאהליב (אויפ'ן דניעפּר) האָט זיך אונטערגעגעבן די רוסען, האָט דער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש, לויט דער ביטע פון די דאָרטיגע רוסישע איינוואוינער, געהייסען אַרויסטרייבען פון דאָרט אַלע אידען און זייערע הייזער צוטיילט צווישען דעם מאַגיסטראַט און דער רוסישער ממשלה (1654). די אידען זענען אָבער באַלד נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט, האָפּענדיג, אַז די מהומות פון

די מלחמות וועלען איינגיכען אויפהערען. אבער זיי האבען געדארפט בע-
צאהלען אויף א שווידערהאפטען אופן פאר זייער דאזיגער האפנונג. אין
טיף יאהר 1655 האט דער נאטשאלניק פון דעם רוסישען מיליטער אין
מאהליב, פאלקאווניק פאלקאנסקי, זיך דערוואוסט, אז די פוילישע
ארמעע אונטער'ן אנפיהרען פון פירשט ראדזיוויל קומט צו נאהענטער
צו דער שטאדט. מורא-האבענדיג, אז די אידישע בעפעלקערונג זאל זיך
נישט פעראייניגען מיט די פאליאקען, האט ער זיי בעפוילען ארויסצוגעהען
הינטער'ן שטאדט, מבטיח זייענדיג צו געבען זיי בעגלייטער, וועלכע דאר-
פען זיי אבפיהרען אלס פוילישע אינטערטהאנען אין לאגער פון פירשט
ראדזיוויל. אבער ווי נור די אידען זענען מיט זייערע פרויען און קינ-
דער און דעם גאנצען פערמעגען ארויסגעגאנגען פון שטאדט, האבען די
רוסישע סאלדאטען, לויט פאלקאנסקי'ס בעפעהל געווארפען זיך אויף זיי
און אויסגע'הרג'עט כמעט אלעמען, צורויבענדיג זייער פערמעגען.

אין וויטעבסק האבען די אידען ענערגיש אנטייל גענומען אין פער-
טיידיגען די שטאדט געגען דער אנפאלענדער מאסקווער ארמעע: מען האט
געגראבען גריבער ארום דעם בעפעסטיגטען שלאס, בעפעסטיגט די וואנד,
געבראכט געוועהר פאר די קעמפפער, פולווער און פערד, מען איז געגאנגען
אויסקוקען דאס לאנד; ז'ערפאר האט זיי גוט בעצאהלט דער מאסקווער
באיארין שערעמעטיעוו, ווען ער האט די שטאדט איינגענומען.
די זאפאראזשער קאזאקען האבען זיי בעראבעוועט, גענומען געפאנגען און
פיעל פון זיי מיט געוואלד אבגעשמד'ט, אדער פערשיקט אין פסקאוו,
נאווגאראד און קאזאן. נישט ווייניג האבען די אידען אויך געליטען אין
פאגראם, וועלכער איז פארגעקומען אין דער הויפט-שטאדט פון ליטא —
אין ווילנא, וועלכע די רוסען האבען פערנומען אין אויגוסט 1655. א
גרויסער טייל פון דער ווילנער קהלה איז ענטלאפען 1) כ"ג תמוז 1655);
די איבריגע האט מען אויסגעהרגעט אדער פערטריבען פון שטאדט, אויפ'ן
בעפעהל פון צאר אלעקסיי מיחאילאוויטש, וועלכער האט געוואלט ער-
פילען די ביטע פון די ארטיגע סוחרים און מעשטשאנעס, וועלכע האבען
זיך געוואלט בעפרייען פון דער קאנקורענץ.

באלד האט געדארפט איבערלעבען דעם ביטערן גורל אויך דאס אי-
בעריגע פוילען, וואוהין די קאזאקען מיט דער מאסקווער ארמעע זענען
נישט אריינגעקומען. דער דריטער פיינד פון פוילען — שוועדען —
האט זיך אריינגעריסען אין מיטעלפונקט פון פוילישען לאנד (1655—8).
דער שוועדישער קעניג קארל X האט איינגענומען איין שטאדט נאך
דער אנדערער; אויך די הויפט-שטאדט ווארשא און קראקוי
האבען זיך איהם אונטערגעגעבען. א גרויסער טייל פון קליין- און גרויס-

1) דאמאלס זענען אנטלאפען פון ווילנא אויך רבי שבתי (דער ש"ך) און
רבי משה רבקש, דער „באר הגולה".

פּוילען איז אַריינגעפאַלען אין רשות פון די שוועדען; דער קעניג יאַן קאַזימיר אַליין האָט זיך געמוזט ראַטעווען דורכ'ן אַנטלויפען קיין סילעזיען. פון די שוועדישע אָנפאַלען האָבען די אידען געליטען גלייך מיט די קריסטען; פונדעסטוועגען האָבען זיי אויך געהאַט צו ליידען בעזונדערס פיעל אלס אידען. זייער לאַגע איז געווען, ווי דער אַמאָליגער אידישער כראָניקער דריקט זיך אויס, „ווי איינער, וואָס אַנטלויפט פון אַ לייב און פאַלט אריין אין די נעגעל פון אַ בער". דאָרט, וואו די שוועדען האָבען זיי געלאָזט צו־רוה, פלעגען אויף זיי אָנפאַלען די פּאָליאַקען, בעשולדיגענדיג זיי, אז זיי שטעהען אין בונד מיט די שוועדען. דאָס זעלביגע האָבען געטהון אויך די פּארטיזאַנישע פּוילישע אַבטיילונגען, וועלכע האָבען זיך בענאַנגען אויף אַ ווילדען אופן מיט אַלעמען נישט־פּאָליאַקען און נישט־קאַטאָליקען. צו דער אימה פון דער מלחמה איז נאָך צוגעקומען די פּעסט, וואָס האָט געבישעוועט דאַמאָלס אין פּוילען. די אידען פון די קאַנטען קראַקוי, פּאָזען, קאַליש, פּעטראָקאָוו און לובלין, זייענדיג אויסגעמאַטערט דורך די שחיטות און דער מלחמה, זענען געשטאָרבען פון דער מגפה מאַסענווייז. ערשט נאָכ'ן יאָהר 1658 האָבען די מלחמות ביסלעכווייז אויפגעהערט, און פּוילען האָט געקאָנט צוריקשטעלען די מלוכה־אָרדנונג אין לאַנד, נאָכדעם ווי זי האָט זיך ערנידריגט און פיעל נאָכגעגעבען די פאָדערונגען פון רוסלאַנד און שוועדען

שרעקליך זענען געווען די שאָדענס, וואָס עס האָבען איבערגעלעבט די פּוילישע אידען אין די לעצטע צעהן יאָהר (1648—1658) לויט ווי עס ערקלערט דער דאַמאָלסדיגער כראָניקער, זענען פון די אידען דאַמאָלס אויסגעהרגעט געוואָרען העכער אַ האַלבען מיליאָן מענשען. אויב אָבער כ'ען זאָל אפילו אָננעהמען, אַז די צאָהל פון די הרוגים איז געווען אויף אַ העלפט ווייניגער, איז די קאַטאַסטראָפע אויך געווען אַ פיעל גרעסערע, ווי אין די קרייצצוגען און דער שווארצער מגפה, וואָס איז געקומען נאָך איהר. לערך זיבען הונדערט אידישע קהלות האָבען איבערגעלעבט די שחיטות און חורבנות. אין די שטעדט פון די היידאַמאַקען, אויפ'ן לינקען ברעג דניעפּר. אין די איצטיגע גובערניעס טשערניגאָוו, פּאָלטאַווא. אין א טייל פון קיעוו זענען די אידישע קהלות אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. אין יענע געגענדען פון דער פּוילישער אוקראַינאַ, וואו די קאָזאַקען האָבען געבושעוועט, אין וואָהלין און פּאָדאָליען, איז נעבליבען גאַנץ נור אַ צעהנטעל פון דער אידישער בעפעלקערונג; די איבריגע זענען אָדער אויסגעשחט'ן געוואָרען דורך די קאָזאַקען, אָדער אָבגעביהרט געוואָרען אין קנעכטשאַפט דורך די טאַטערן קיין טערקיי, אָדער אַנטלאָפען קיין ליטאַ, אין טיעף פּוילען און אין די מדינות פון מערב־איירפּאַ. אין אַלע מדינות אין איירפּאַ און אַזיען האָט מען דאַמאָלס געקאָנט בעגעגענען אַנטלאָפענע אידען פון פּוילען, אָדער שבוים, וועלכע די אידען האָבען אויסגעקויפט פון דער טאַטערישער געפאַנגענשאַפט. אַי־

בעראל האבען די דאזיגע אונגליקליכע וואנדערער דערצעהלט וועגען די א־מות, וואס זיי זענען אויסגעשטאנען און וועגען די מיתות משונות איף קדוש השם פון פיעל גאנצע קהלות, מאכענדיג ציטערן די הערצער פון זייערע צוהערער.

די איבערגעלעבטע ענוים האבען געפונען א ווידער־קלאנג אין די אידישע תפלות און קינות. איינער פון די, וואס האבען אליין איבערגע־לעבט די שוידערהאפטע געשעהענישען, רבי נתן נטע האנאווער פון זאסלאוו, דערצעהלט עס אין זיין אויסגעצייכענטער היסטארישער כ אניק „יון מצולה“ (1653). דער ווילנער רב, רבי שבתי כהן (ש"ך) האט עס דערצעהלט פאר דער וועלט אין זיין „מגילת־עיפה“ די שרעקלי־כע מעשים פון די היידאמאקען, דערביי האט ער אויך צוגעגעבען בעזונ־דערע תפלות פאר די נשמות פון די קדושים. אויך רבי יום טוב ליפמאן העלער, דער פאזנער רב רבי שעפטיל הורוויץ, רבי מאיר פון שטשעברעשין („צוק - העיתים“ 1650) און רבי גבריאל שוסבורג („פתח־תשובה“ 1653) — זיי אלע האבען דערצעהלט פאר די קומענדיגע דורות אלץ, וואס דאס אידישע פאלק האט דאמאלס איבערגעלעבט אין פוילען, ליטא און אוקראינא, און עס שטעלען זיך די האר קאפויער לייענענדיג וועגען דער ווילדקייט פון די מערדער און דעם עלענד און שוואכקייט פון די אונגליקליכע. אין די אלע דאזיגע שריפטען שפיגעלט זיך אב אין געדאנק, אז דאס פוילישע אידענ־טום וועט זיך שוין מעהר נישט דערהאלען פון די שרעקליכע קלעפ, און אז דאס רוהיגע נעסט, וואו די אידען האבען געהאט א געוויסע מנוחה איז צושטערט געווארען אויף אייביג.

ווי עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען איז דאס געווען אן איבערטרי־בענע אימה. די אידישע בעפעלקערונג אין פוילען איז שטארק פערקלע־נערט געווארען און פעראריסט, אבער זי איז נאך אלץ געווען גרעסער פאר דער אידישער בעפעלקערונג אין אויסלאנד. דער הויפט־צענטער פון אידישען פאלק איז נאך אלץ געבליבען אין פוילען; האטש ער איז געווא־רען זעהר אנ'ענגער און אבגעזונדערטער. די אונגעוועהנליכע לע־בנדיגקייט און ריהרעוודיגקייט פון „אייביגען אידישען פאלק“ האט זיך ארויסגעוויזען דערין, וואס אין א קורצער צייט האט מען זיך ווידער דער־האלט פון די שרעקליכע קאטאסטראפעס. ווי נור עס האבען זיך געענדיגט די מהומות, האבען די אידען אנגעהויבען צוריקצוקעהרען זיך אין זייערע אלטע חרוב'ע נעסטען, און צוריק אויפשטעלען זייער צורודערטען עקאנאמי־שען לעבען און די פערוואלטונג פון די קהלות. דער קעניג יאן קאזימיר האט זיך צוריקגעשטעלט אין שפיץ פון דער מלוכה, ערקלערענדיג, אז זיין אינערליכסטער פערלאנג איז האטש פיעל וועניג צו בעשענקען דאס פאלק פאר די איבערגעליטענע יסורים און געבען איהם די מעגליכקייט צו קומען צו זיך פון דעם איבערגעלעבטען חורבן. די דאזיגע ערקלערונג האט ער גע־

מאַכט אין אַ גראַמאַטע. אין וועלכער ער האָט ערלויבט די אידען, פריי צו האַנדלען אין קראָקוי (1631). פערשידענע פערלייכטערונגען, ווי אויך הנחות ביים אויסצאָהלען די אָבצאָהלונגען דער מלוכה זענען דאַמאָלס גע־מאַכט געוואָרען פיעל אידישע קהלות, וואָס האָבען אַממייסטען געליטען פון די ווילדע קאָזאַקען און די אָנפאַלען פון די רוסען און שוועדען. דאָס האָט, נאַטירליך, געקאָנט בלויז עטוואָס לייכטער מאַכען דעם שווערען קריזיס, אָבער נישט דערוויטערען איהם איינגאַנצען. בעזונדערס שווער זענען גע־ווען די רעוואָלטאַטען פון קריזיס אין דרום־קאַנט, אינ'ם ראַיאָן פון אויפשטאַנד פון די קאָזאַקען. קיין פאָלקאָמע רוהיגקייט איז נאָך אַ לאַנגע צייט נישט צוריקגעשטעלט געוואָרען אין אוקראַינאַ. לויט'ן אַנדרוסאָווער אָבמאַך (1667) האָבען די רוסען און פאָליאַקען צוטיילט צווישען זיך אוקראַינאַ, מאַ־כענדיג פאַר אַ גרעניץ צווישען ביידע מלוכות דעם דניעפּער, אַזוי אַז דער רעכטער ברעג (וואָהלין און פּאָדאָליען) איז געבליבען ביי פּוילען און דער לינקער (פּאָלטאַווער, טשערניגאָווער און קיעווער גובערניעס מיט דער שטאָדט קיעוו) איז געבליבען ביי רוסלאַנד. אָבער צוליעב די שטענדיגע סכסוכים צווישען די קאָזאַקען און דאָס ציהען פון יעדען פון די העט־מאַנס צו אַ פערשידענעם צד, איז אוקראַינאַ נאָך לאַנג געווען אַ קאַנט, אי־בער וועלכען עס האָבען געקעמפּפט רוסלאַנד מיט פּוילען און טערקיי. די דאָזיגע מהומות האָבען געשטערט אי דער לאַנדאַרבייט, אי דעם אידישען מסחר. פון לינקען קאַנט פון אוקראַינאַ, פון מאַלאָרוסיאַ האָט מען די אידען כמעט אינגאַנצען אַרויסגעשטויסען; אין דער זייט, אין דער פּוילישער או־קראַינאַ זענען זיי זעהר פעראָרימט געוואָרען. דער דרום־מערב־קאַנט, וואו די אידען האָבען פריהער אַזוי לייכט און פריי געלעבט, איז אין עקאָ־נאָמישער הינזיכט געפאַלען אַלץ נידעריגער, אָבטרעטענדיג דעם אָרט און בכחר פאַר ביאַלאָרוסיאַ. און ליטא, וועלכע האָבען ווייניגער געליטען פון די מהומות און שחיטות. אַלס אַ כאַראַקטערישער שטריך אין יענער עפּאָ־כע איז, וואָס דער אידישער קולטור־צענטער איז אַריבערגעטראָגען געוואָ־רען פון דרום אין די צפון־קאַנטען.

מיכאַיל וויִשניעוועצקי, וועלכער איז אויסגעקליבען געוואָרען פאַר אַ קעניג נאָך יאַן קאַזימיר (1669—1673), האָט אויך געשטיצט די אי־דען, ווייל ביי איהם איז שוין דאָס געווען בירושה פון זיין פאָטער, דעם גבור יערעמיא ווישניעוועצקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט אין די מלחמות נעגען די היידאַמאַקען און האָט איבעראַל פערטיידיגט די אידען, אויף וויפיעל דאָס איז איהם געווען מעגליך. אויפ'ן קרוינונגס־סיים האָט ווישניעוועצקי בעשטעטיגט די פּריווילעגיעס פון די פּוילישע און ליטווישע אידען, „אויף וויפיעל זיי זענען נישט נעגען די אַלגעמיינע געזעצען און מנהגים". די דאָזיגע בעשטעטיגונג איז פאַרגעקומען, לויט דער השתדלות פונ'ם אידישען „גענעראַל־סינדיק", משה מאַרקאָוויטש, וועלכער האָט, ווי עס שיינט, געשפּיעלט אַ ראָליע פון אַ בעפולמעכטיגטען פון אַלע

קהלות פון די קרוין-לענדער פון דער פוילישער מלוכה. דער גוטער כונה
פונ'ם מלך האט אבער געשטערט דער סיים פון דער קלעריקאלער שליאכ-
טא, וועלכער האט אויסגעגעבען בעגרענצענדע געזעצען פאר די אידען. דער
װארשאווער סיים פון יאהר 1670 האט נישט בלויז איינגעפיהרט א נארמע
פאר'ן פראצענט, וואס די אידען קאנען נעהמען פון זייערע הלוואות (העכ-
סטענס 20 א יאהר), נור ער האט אויך בענייט די אלטע גלחישע געזעצען,
אז די אידען טארען נישט האלטען קיין קריסטליכע משרתים און נישט
ארויסגעהן פון זייערע וואוינונגען אין דער צייט פון קירכליכע פראצעסיעס.
בעזונדערס וויכטיג איז אבער די מאטיווירונג צום דאזיגען געזעץ: „כדי די
פיררעטעריי (perfidia) און די מוטווילינקייט פון די אידען זאלען זיך
נישט פערשטארקען"; דערין איז קענטיג די האנד פון די גלחים, וועלכע
האט זיך ווידער גענומען צו איהר אלטער אויפגאבע: דערוועקען די שנאה
צו די אידען, בעשולדיגענדיג זיי אין פיינדשאפט צו דער קאטוילישער
קירכע און צו די קריסטען.

ווי שוין דערמאנט, זענען פיעל אידען פון פוילען און ליטא אנטלא-
פען קיין מערב-אייראפא בשעת די שחיטות. די מערב-אייראפעאישע אי-
דען האבען זיך בעצויגען צו די אונגליקליכע מיט אמת-ברידערליכער
רחמנות. פיעל פון די אנטלאפענע זענען איבער דאנציג געקומען קיין
האמבורג, קיין אמשטערדאם, פון וואנען מען האט זיי פונאנדערגעשיקט
אין פיעל שטעדט אויפ'ן רהיין און אין פראנקפורט אם מאין. פיעל אידען
זענען אנטלאפען קיין מעהרען, בעהמען, עסטרייך און אונגארן; פון דארט
האבען זיי געוואנדערט קיין איטאליען. די איטאליענישע אידען האבען זיי
פיעל געשטיצט און אויך אויסגעקויפט פיעל געפאנגענע ביי די טאטערען.
די וואוילהאבענדע אידען פון ליווארנא האבען געשאנקען א פיערט-חלק
פון הונדערט פון זייערע הכנסות (פינף און צוואנציג פראצענט) אויף
פדיון שבוים און הכנסת-אורחים פאר זייערע עלענדע ברידער פון פוילען.
אויך די דייטשע און עסטרייכישע קהלות, האטש זיי האבען אליין פיעל
געליטען פון די מהומות פון דער דרייסיג-יעהריגער מלחמה, האבען גע-
טהון פיעל גוטס פאר די אונגליקליכע נישט מיט רייד, נאר מיט ממשות'די-
גער הילף. די צאהל פון די אומגעקומענע אידען איז אבער אזוי גרויס גע-
ווען, אז די אידישע קהלות אין דייטשלאנד האבען זיך געמוזט בעשלי-
כען צו פערטהון פאר זיי יענע געלד, וואס מען האט געהאט אנגעזאמעלט
פאר די אידען אין ירושלים.

פאר'ן יודענטום האבען די קאזאקישע שחיטות געהאט נאך איין וויכ-
טיגע בעדייטונג. אויב די ריכטונג און די מעטאדע פון לערנען תלמוד און
פוסקים האט שוין פריהער אויך געהאט אריינגעדרונגען אין דייטשלאנד
און איטאליען דורך די פיעל ספרים, וואס עס האבען מחבר געווען די
גרויסע רבנים אין פוילען, — האבען די איצטיגע אנגעקומענע פוילישע
איינוואנדערער, וועלכע זענען כמעט אלע געווען לומדים, פערשטארקט

זייער איינפלוס. די גרעסטע קהלות האָבען זיך גענומען רבנים פון די אָנגע־קומענע אידען פון פוילען און ליטאָ; אין מעהרען זענען געוואָרען רבנים רבי אפרים הכהן פון ווילנאָ (דער מחבר פון „שערי אפרים") און רבי שבתי כהן אויך פון ווילנאָ (דער ש"ך); אין אַמשטערדאַם איז אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ רב רבי משה רבקש; אין פירט (פאָר־דאָ) און שפעטער אין פראַנקפורט אַם מאַין איז אויפגענומען געוואָרען פאר אַ רב רבי שמואל אַהרן קאַידאַנאָווער (דער מחבר פון „ברכת הזבח" פון ווילנאָ) און דער רב רבי משה פון ווילנאָ—אין מעץ. די אלע דאָזיגע רבנים פון פוילען, האָבען זיך געפיהרט מיט גרויס תקיפות צוליעב זייער גרויסער לומדות און געקוקט מיט גרינגשעצונג אויף די דייטשע, פּאָרטוגעזישע און איטאַליעניש רבנים. גאנץ ווייט פונם געדאנק אָבצוזאָגען זיך פון זייער ריכטונג און מעטאָדע אין לערנען, האָבען זיי פיעל מעהר געפועל'ט, אז אלע האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען און לערנען ביי זיי תורה אויף זייער שטייגער. מען פלעגט לאַכען פון די „פּאָליאַקען", אָבער מען פלעגט זיי פאָלגען און שטעלען זיך אונטער זייער איינפלוס. ווער עס האָט נאָר געוואָלט גוט קענען לערנען, האָט געמוזט געהן אין זייער ישיבה אריין און לערנען ביי זיי תורה. אויך זייער פרומקייט האָבען זיי איינגעפלאַנצט צווישען די דייטשע און פאָרטוגעזישע רבנים. דורך זיי זע־נען אָבער געפאַלען די וויסענשאַפטליכע קענטנישען, ווי אויך די בעקאַנט־שאַפט מיט'ן תנ"ך, וועלכע האָט נאָך אַלץ געהאַלטען אין מערב־אייראָפּאַ. דוקא אינ'ם יאָהרהונדערט פון דעקאַרט 1) און שפינאָזאַ, ווען די דריי ציוויליזירטע פעלקער—פראַנצויזען, ענגלענדער און האָלענדער — האָבען געגעבען דם מיטעלאַלטער זיין לעצטען טויט־שטויס,— דוקא דאַמאָלס האָבען די אידישע אויסוואַנדערער פון פוילען, וועלכע עס האָבען פעריאָגט פון זייער היים די מערדערישע באַנדעס פונ'ם קאָזאַק חמיעלניצקי, גע־בראַכט א נייעם מיטעלאלטער איבער דער אידישער וועלט אין אייראָפּאַ— א מיטעלאלטער, וואָס האָט זיך געהאַלטען אין זיין גאַנצער קראַפט אין א משך פון מעהר אלס הונדערט יאָהר און האַלט זיך נאָך טיילווייז איצט אויך.

1) פראַנצויזישער מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף, געבוירען אין יאָהר 1596, גע־שטאָרבען 1650.

אכטעס קאפיטעל.

די איינוואנדערונג פון די אידען אין ענגלאנד.

(1666 — 1655)

דוקא אין דער צייט, וואס איבער די אידען אין פוילען האט זיך אריי-
בערגעטראגען א שטורם פון שחיטות, וועלכע האט פערניכטעט פיעל
קהלות און פונאנדערגעשליידערט פיעל אידען אין אלע עקען וועלט, האט
זיך פאר פיעל אידען ווידער געעפענט א לאנד, פון וועלכען זיי זענען גע-
ווען פערטריבען אין א משך פון דריטהאלבען יאהרהונדערט. ענגלאנד,
וועלכע די קלוגע מלכה עליזאבעטא און דער העלדישער פראטעקטאר
קראמוועל האבען דערהויבען צו דער מדרגה פון אנ'עכטער מאכט אין
אייראפא, וועלכע האט געהאט גאר אנ'אנדער בעדייטונג, ווי די איינפא-
לענדע מלוכה פון פוילען,— ענגלאנד האט ווידער ערלויבט די אידען אריינ-
ציהען זיך צו איהר, אמת, אפילו נישט דורך אפענע טהיר און טויערן,
נאר דורך א הינטער-טהיר; אבער די דאזיגע ערלויבעניש האבען גע-
מאכט אזא שטארקען איינדרוק אין דער וועלט, אז פאר'ן יודענטום איז
עס געוועזען עהנליך צו אנ'אמת'ען טריאומף. די אידען פון אמשטערדאם
און האמבורג האבען לאנג געקוקט מיט א פערשמאכט הארץ אויפ'ן דאזי-
גען אינזעל-לאנד, צו וועלכען זיי זענען געשטאנען אזוי נאהנט, זייענדיג
אין ענגער פערבינדונג מיט זיינע סוחרים, שיפס-קאפיטאנען און געלעהר-
טע, און אין וועלכען זיי האבען נעקאנט ערשט רעכט ענטוויקלען זייערע
כחות אויף אלע געביטען. אבער זייער איינוואנדערונג אהין האט זיך
בעגעגענט מיט אלערליי שטערונגען. די ענגלישע קירכע, וועלכע האט גע-
וועלטיגט איבער די געמיטער האט אויסגעוויזען צו זיין נאך וויינינער טא-
לעראנט, ווי פריהער דאס פויפסטום. זי האט ניט פערגינגען די קאטוילען
און דיסידענטען אפילו די לופט צו אטעמען, ווי אזוי אלזא האט מען גע-
קאנט האפען, אז זי זאל זיך בעציהען מיט טאלעראנץ צו די אידען, וועל-
כע מען האט אזוי בעוואשען מיט שמוץ אין די קריסטליכע ביכער? דאס
ענגלישע פאלק האט על פי רוב אין א משך פון פיעל יאהרהונדערטען שוין
נישט געהאט געזעהען קיין אידען אין די אויגען און געהאט וועגען זיי
אזא מיינונג, ווי עס האבען געהאט די ענגלישע נלחים. ווער האט אבער

געקאָנט אונטערנעהמען אזא שווערע אויפגאבע, צו פערניכטען און פערטרייבען דעם אבערגלויבען נעגען דעם אידישען פאָלק? ווער האָט געקאָנט אונטערנעהמען זיך, צו שטימען גינסטיג דאָס ענגלישע פאָלק פאַר די אידען?

די דאָזיגע שווערע אויפגאבע האָט אונטערגענומען איין איד, וועלכער האָט אפילו נישט געהערט צו די גרויסע גייסטער, צו די גאונים, וועלכער איז אָבער געבענשט געווען מיט דער רעכטער מאָס פון פערשטאַנד און א בעגרענעצטע וועלט-אַנשויאונג, א שטארקען ווילען און א וועלט-קענטניש, נעגוג וויסענשאַפט און פאַנטאַזיע, מסירת-נפש און נאַטירליכען שטאָלץ — מיט איין וואָרט: אלע מדות, וועלכע זענען נויטיג צו פערווירקליכען א גרויסע און שווערע אויפגאבע. רבי מנשה בן ישראל, דער צווייטער אָדער דריטער רב אין אַמשטערדאַם, וועלכער האָט אין זיין היים געשפּילט א קנאַפּע ראָליע; אַנ'אָרעמער בעל-דרשן, וועלכער האָט מיט זיין מגידות און אביסעל מסחר געדאַרפט שפּייזען זיין משפּחה און האָט געהאַלטען שוין דערביי אויסצוואַנדערען קיין בראַזיליען. ער האָט עס איינגענומען ענגלאַנד פאַר דער אידישער וועלט און פערקלענערט דאָרט דעם אָבערגלויבען געגען די אידען, אויב עס איז איהם אפילו אויך נישט געלונגען איינגאַנצען זיי צו פערניכטען. ווי געזאָגט, איז ער קיין גרויסע פּערזענליכקייט כלל נישט געווען. אָבער עס איז אין איהם געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געצווינגען צו איהם די הערצער פון די מענשען, א ליעבליכע פריינדליכקייט און חבר'שאַפט פאַר אַלעמען, און מיט דאָס האָט איהם מעגליך געמאַכט אַריינצוקומען אין די פערשידענסטע קרייזען, בעקומען איבעראַל פריינד און אין ערגיץ נישט קיין פיינד. זיין געמיט איז געווען טיפער פאַר זיין גייסט. זיין שטאַרקע זייט איז געווען: א געשיקטע בערעדעוודיגקייט, א לייכטקייט אין שילדערען און פאָרשטעלען א ענין און צו בעאַרבייטען יענע געדאַנקען, וועלכע זענען געלעגען אין זיין קליינעם קרייז אַרום און געדאַנקען, וועלכע ער האָט מעהר איבערגענומען ביי אַנדערע, איידער אַרויסגעגעבען איינענע.

אלס מוסטער פאַר זיין שריפטשטעלעריי, האָט ער זיך גענומען דאָן יצחק אברבנאל, וואָס ער איז געווען פערהייראַטעט מיט זיין אור-איינינקעל רחל סואיירא. רבי מנשה איז געווען זעהר שטאָלץ מיט זיין דאָזיגען יחוס-שדוך, ווייל ער האָט פעסט געגלויבט, אז אברבנאל שטאַמט פוי דוד המלך און אז זיינע קינדער וועלען דאַריבער זיין דוד המלך'ס אייניקלעך. גלייך, ווי אברבנאל, האָט ער אויך בעאַרבייט א ספר, אויף צו פערענטפערען די סתירות אין תנ"ך. זיין ספר, וואָס ער האָט געשריבען אויף שפּאַניש (דער „פשרה-מאַכער“ — "Conciliador") איז אפילו וויינינ אַיבערציינגענד, אָבער ער לייענט זיך לייכט און אַנגענעהם. רבי מנשה בן ישראל איז געווען א זעהר דאַנקבאַרער לעזער: ער האָט נישט בלויז מקבל געווען דעם אמת פון אַלעמען, וואָס עס האָט איהם דאָס געזאָגט, נאָר

אויך דאס וואס נישט־אמת איז און האט בכלל ווייניג זין. אזוי, למשל, האט ער געגלויבט אין מעשיות וועגען שדים און גלגולים אויך אזוי ווי אין די ספורים פון תנ"ך.

די מענשען פון זיין צייט האבען אבער געקוקט אויף זיינע ספרים מיט אנדערע אויגען. זיין גרויסע בקיאות אויף אלע געביטען פון דער ליטעראטור און שפראכען, ווי אויך זיין לייכטע פארם, האבען שטארק אונטערגעקויפט דעם לעזער. אויך דאמאלדיגע קריסטליכע געלעהרטע האבען איהם געשעצט זעהר הויך. אין האלאנד האט דאמאלס, א דאנק דער גרויסער געלעהרזאמקייט פונ'ם קעניג פון די פילאלאגען יאזעף שקאליגער, אויפגעבליהט די שפראך־וויסענשאפט, און די בקיאות האט זיך אנגעזאמעלט אין די גרויסע ספרים, וואס מען האט דאמאלס דארט ארויסגעגעבען. יעדער געבילדעטער מענש, אדער ווער עס האט נאר געוואלט בעקומען א שם אלס אזעלכער, האט געמוזט קענען די דריי אלטע שפראכען: גריכיש, לאטייניש און העברעאיש. די לעצטע, אלס די שפראך פון דער רעליגיאן, האט נאך געהאט א בעזונדערע חשיבות, און ווער עס האט זי נאר פערשטאנען, ווי די ערשטע צווייג, איז געווען זיכער, אז מען וועט איהם האלטען פאר א קענער. יאזעף שקאליגער, דער אנגעזעהענסטער געלעהרטער צווישען די פראטעסטאנטישע טהעאלאגען, האט זיך בעצויגען מיט דרך־ארץ נישט בלויז צו דער אלטער העברעאישער ליטעראטור, נור אויך צום תלמוד און צו דער רבניש'ער ליטעראטור. זיינע תלמידים האבען אים נאכגעטהון און מיט התמדה געלערנט דאס אלץ, וואס מ'האט מיט איין יאהרהונדערט פריהער בעטראכט מיט פעראכטונג און אימה.

יאהאנעס בוקסטארף, דער עלטערער, אין באזעל (געבוירען 1564 געשט. 1639) האט פאלקאם גוט געקענט העברעאיש און די רבניש'ע ליטעראטור, און ער האט מיט איהר בעקאנט געמאכט די קריסטליכע קרייזען. ער איז געשטאנען אין א שטענדיגער קארעספאנדענץ מיט די אידישע געלעהרטע אין דייטשלאנד, אמשטערדאם און קאנסטאנטינאפאל, אין זיינע בריעף פלעגט ער שרייבען צו זיי אין העברעאיש. אפילו דאמען האבען דאמאלס געלערנט העברעאיש און איהר ליטעראטור. די עקצענטרישע קעניגין קריסטיניע פון שוועדען, די געלעהרטע טאכטער פון גוסטאוו אדאלף, האט פערשטאנען העברעאיש. גאנץ פיעל און ערנסט האבען זיך דערמיט בעשעפטיגט מלוכה־לייט; דער האלענדער הוגא גראטיוס און דער ענגלענדער יאהאנעס זעלדען האבען געלערנט העברעאיש און תלמוד, וועלכע זיי האבען אויסגעניצט פאר זייערע טהעאלאגישע אדער געשיכטליכע שטודיען.

אבער קיין זעלבסטשטענדיגע לומדים אין דער רבניש ער ליטעראטור זיינען דאך די קריסטליכע געלעהרטע, נישט אכטענדיג אויף זייער התמדה, נישט געווארען; אהן דער אידישער הילף האבען זיי זיך דארין נישט געקאנט א ריהר טהון. דעריבער זענען די ספרים פון רבי מנשה בן ישראל

געוועזען אַן אמת'ע מציאה פאַר זיי, דען זיי האָבען דאָרט געפונען יענע
ערקלערונגען, וועלכע האָבען זיי געפעהלט. פיעל פון זיי זענען געקומען
צו איהם, זוכענדיג זיין פריינדשאַפט, כדי עטוואָס פון איהם צו לערנען,
אָבזאָגענדיג זיך דערביי ביסלעכווייז פון זייער אָבערגלויבען געגען די אי-
דען; קודם זענען דאָס געוועזען אַזעלכע פאָרשער, וועלכע שטרעבען צו
לערנען, וועלכע די קירכע האָט שטאַרק גע'רודפט, ערקלערענדיג זיי פאַ־
אַפּיקורסים; דאָס זענען אויך געוועזען פאַנטאַזיאָרען, וועלכע האָבען געטראַכט
אויינצוקומען אין דער פינפטער מלוכה אין הימעל, לויט דעם אויסדרוק
פון דניאל. די בלוטיגע דרייסיג-יעהריגע מלחמה, אין וועלכער דאָס לעבען
און פערמעגען פון די פעלקער איז געוואָרען הפקר פאַר די ווילדע לאַנדס-
קנעכט (סאָלדאַטען), האָט דערוועקט ביי די פאַנטאַסטען דעם געדאַנק,
אַז עס איז נאָהנט משיח'ס צייט, לויט ווי דניאל האָט זי פאָראויסגעזאָגט
און די מלחמה איז נאָר א פאָדער-שפּיעל צו דער נאָהנטער מלוכה פון הי-
מעל. די דאָזיגע התלהבות'דיגע פאַנטאַסטען האָבען אַרויסגעוויזען פיעל
פריינדשאַפט פאַר די אידען, דען זיי האָבען נישט געוואָלט ערשיינען ביי
די גרויסע וויכטיגע וועלט - פערענדערונגען אלס שונאים פון פאָלק, וועל-
מען די זאַך איז צוערשט פאָראויס געזאָגט געוואָרען דורך דעם נביא דניאל.
זיי האָבען אויך געגלויבט, אַז די אידען וועלען, בלי ספק, צוריקגעפירט
ווערען אין זייער היילינג לאַנד, און דאָס מוז פאָרקומען דורך גרויסע
מופתים. מען וועט ערשט מוזען אויסזוכען די פערשוואונדענע עשרת-
השבטים, אויב נאָר מען זאָל באמת גלויבען, אַז די רייד פון די נביאים
מוזען אַלע בוכשטעבליך מקוים ווערען. די שבטים, וועלכע וועלען זיך שוין
פערזאַמלען אינאיינעם, וועלען ערשט מוזען האָבען א משיח, א צווייג
פון ישי'ס משפחה. וואָס-זשע וועט אָבער ווערען מיט'ן קריסטענטום, אין
וועלכען די אידען גלויבען נישט? און אָט דאָ האָבען זיך געפונען אויך
אַזעלכע קריסטען, וועלכע האָבען מיט גרויס חסד איינגעשטימט, אַז די
אידען קאָנען נאָך האָבען אויך זייער משיח און אַז עס וועט זיך געפינען
עפּעס א מיטעל, ווי אַזוי צו מאַכען א פשרה איינצוטיילען דעם הימעל און
זיין מלוכה צווישען די אידען און די קריסטען...

אַזעלכע פאַנטאַסטערייען האָבען געפונען אויך א ווידערקלאַנג אין
רבי מנשה בן ישראל'ס האַרצען, דען ער האָט דאָך אויך געהאַלטען אין
איין וואַרטען אויף דער וואונדערליכער משיח'ס-צייט. דער זוהר האָט דאָך
געהאָט בפירוש פאָראויסגעזאָגט, אַז אין יאָהר 1643 דאַרף משיח קומען.
רבי מנשה בן ישראל איז דאַריבער געוועזען העכסט גליקליך, ווען ער האָט
דערהאַלטען א בריעף פונ'ם קריסטליכען פאַנטאַסט מאָרינגער פון דאַנ-
ציג, וועלכער האָט איהם געשריבען פאָלגענדעס: „פון מיר מעגסטו וויסען
און איבערצייגט זיין, אַז איך האַלט זעהר פיעל פון אייער תורה און ווינש
מיט אַנדערע קריסטען גלייך, אַז אויף דעם פאָלק ישראל זאָל ענדליך אַנ-
הויבען שיינען די גרויסע ליכטיגקייט און עס זאָל קומען צוריק צו זיין

אלטען כבוד און בעריהמטקייט". א צווייטער דייטשער מיסטיקער פון דאנציג, אברהם פון פראנקענבורג, א ריטער פון דער גע־געגנד אָעלס (סלעזיען), א תלמיד פון יאקאב בעהם, שרייבט גאנץ אָפען פאלגענדעס: „דאס וואהרע ליכט וועט קומען פון אידען; זייער צייט איז שוין איצט נישט ווייט; פון טאג צו טאג וועט מען הערען וואונדערליכע זאכען פון פערשידענע געגענדען וועלכע וועלען פארקומען פון זייערט־וועגען, און די אינזלען וועלען פאר זיי טאנצען פאר שמחה". נעבען זיך האט רבי מנשה געהאט צוויי קריסטליכע פריינד, וועלכע האבען מיט התלהבות גערעדט וועגען דעם צוקונפטיגען גרויסען כבוד פון אידישען פאלק; דאס זענען געווען היינריך מעסע און פעטרוס סעראר־יוס. אין פראנקרייך האט דאמאלס געלעבט אויף א שטעלע ביים הער־צאג פון קאנדע א הוגענאט א פאנטאסט, איזאק לא פּנירער פון בארדא, וועלכער האט אין א ביכעל: „דאס צוריקקעהרען פון די אידען" ערקלערט, אז די אידען פון אלע עקען מוזען צוריקגערופען ווערען אריינצוקומען אין זייער אמאליגען לאנד. דער קעניג פון פראנק־רייך, דער עלטסטער זוהן פון דער קאטוילישער קירכע, איז מחויב צוריק־צופיהרען דעם עלטסטען זוהן פון גאט, דאס פאלק ישראל, אין זיין אלטע היילינע לאנד.

בעזונדערס ווארימע פערעהרער פון „גאט'ס פאלק" זענען געווען דא־מאלס אין ענגלאנד און טאקי צווישען יענע, וואס האבען געהאט א דעה אין מלוכה־מאכט און אין דער ארמעע. אין דער צייט, וואס די דייטשען האבען מערדעריש געקעמפט איינער געגען דעם אנדערען צוליעב רעליגיעזע אידעען, און האבען פערלווירען דערביי זייער פרייהייט און מאכט, האט ענגלאנד זיך אויסגעקעמפט ביידע זאכען, אי רעליגיעזע, אי פאליטישע פרייהייט, און דאדורך איז זי געווארען דאס מעכטיגסטע און גליקליכסטע לאנד. נעבען עפיסקאפאלען (די אנגליקאנישע קירכע), פרעס־ביטעריאנער (קריסטען אָהן גלחים, וואס פיהרען זייערע רעליגיעזע אנגעלעגענהייטען דורך אויסגעקליבענע זקנים) און קאטוילען, האט זיך דערהויבען א פיערטע פארטיי, וועלכע האט אויפגעשריבען אויף איהר פאהן: פאלקאמע רעליגיאנס־פרייהייט פאר אלעמען גלייך. די דאזיגע, טיעף־אויפגעקלערטע און געזונדע פארטיי, די פּוריטאנער, האט ביסלעכ־ווייז דערגרייכט צו דער מאכט, א דאנק דעם דעספּאטיזם פון קעניג קארל I און דער עקשנות און שלעכטסקייט פון „לאנגען פארלאמענט"

איהר פארטיי־פיהרער אָליווער קראמוועל איז געווען אי דער גרויסער קאפּ, וועלכער האט געבוירען די נייע געדאנקען, אי דער שטארקער אָרעם, וועלכער האט זיי פערווירקליכט. מיט'ן שווערד האט ער מיט זיינע לייט אויסגעקעמפט פאר זיך און פאר אנדערע רעליגיאנס־פרייהייט. ער און זיינע אָפיצירען זענען נישט געווען, ווי די דייטשע לאנדסקנעכט, מענשען וואס האבען נור געדורשט נאך בלוט און רויבע־

רייען; דאָס זענען געווען דערהויבענע, גייסט־ערפילטע קעמפער, פול געטליכע גבורה, טרוימענדיג וועגען אַ נייער געטליכער מלוכה מיט אַ הויכער זיטליכער וועלט־אָרדנונג. ווי פאַרצייטען די „מכבים", האָבען די פוריטאַנישע קעמפפער געהאַלטען „דאָס שווערד אין דער האַנד און דאָס גאָט־לויבען אין זייער שטימע". קראָמוועל און זיינע סאָלדאַטען האָבען פאַרן קאַמף און נאָך איהם געלייענט אין תנ"ך. אין די גרויסע העלדען־געשטאַלטען פון דער אַלטער אידישער געשיכטע, וועלכע האָבען מיט אמת'ער גאָטספורכטיגקייט געקעמפט אַלס נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פערטיידיגער פון זייער פאָלק, האָבען די פוריטאַנער געזעהען פאַר זיך אַ מוסטער. די אידישע ריכטער (שופטים), וועלכע האָבען דאָס אונטערדריקטע פאָלק בעפרייט פונ'ם פרעמדען יאָך; שאול, דוד, יואב, וועלכע האָבען די פיינד פון זייער פאָלק פערטריבען און פערניכטעט; יהו, וועלכער האָט געמאַכט אַ סוף מיט אַ גאָטעסלעסטערליכע קעניגליכע דינאַסטיע — אַט וועמען די פוריטאַנער האָבען זיך גענומען פאַר אַ מוסטער אין זייער קאַמף געגען דעם פאַלש געוואָרענעם קעניג, געגען דער פאַלשער אַריסטאָקראַטיע און די אונהייליגע גלחים. אין יעדען פסוק פון „יהושע", „שופטים", און „מלכים" האָבען זיי געזעהען זיך אָבשפיגלען זייער אייגענע לאַגע; יעדעם קאַפּיטעל תהלים איז, ווי עס האָט זיי אויסגעוויזען, געווען געשריבען נור פאַר זיי. אָליווער קראָמוועל האָט געקוקט אויף זיך אַליין, ווי אויף אַ נייעם גדעון, וועלכער האָט תחלת געפאָלגט גאָטס שטימע נור ציטערנדיג, דערנאָך אָבער האָט ער מוטיג צוטריבען די מחנות פון די געצענדיענער, אָדער ווי אויף אַ יהודה מכבי, וועלכער האָט פון אַ קליינער צאָהל קעמפער געמאַכט גבורים.

דאָס פערטיפען זיך אין דער געשיכטע, אין די נביאים און פּאָעזיע פון תנ"ך, אין וועלכען זיי האָבען טיעף געגלויבט, אז ער איז אַ געטליכער ספר, האָט געמוזט דערוועקען און פערשטאַרקען דעם געדאַנק ביי די פוריטאַנער, אז דאָס פאָלק, וואָס האָט געבוירען און איבערגעלעבט אַזעלכע גרויסע מעשים, מוז זיין אַ געטליך פאָלק, וועלכעס גאָט האָט זיך באמת אויסערוועהלט פון אַלע פעלקער. צווישען די פוריטאַנער זענען דעריבער געווען זעהר פיעל בעוואונדערער פונ'ם „גאָטס פאָלק". זיי האָבען געזעהען אַן אונגעוועהנליך וואונדער דערין, וואָס אַט דאָס פאָלק, וועלכעס גאָט האָט אַזוי שטאַרק אויסגעצייכענט אי דורך זיין גרויסען חסד, אי דורך זיינע האַרטע בעשטראָפונגען, אז אַט דאָס פאָלק, אָדער, לפחות אַ רעשט פון איהם עקזיסטירט נאָך עד היום. אין די ביבליש־געשטימטע הערצער האָט זיך דערוועקט דער פערלאַנג צו בעקענען זיך מיט די אידען, צו זעהען מיט די אייגענע אויגען דאָס לעבעדיגע וואַנדעלנדע וואונדער און צו־צוציהען איהם צו דער נייער „גאָטס־געמיינדע", וועלכע די פוריטאַנער האָבען געוואָלט גרינדען, כדי דורך איהם אַרויסצולעגען דעם געטליכען כאַראַקטער אויף דער געמיינדע. שאַרף כאַראַקטעריסטיש זענען קראָמוועל'ס פאָלגענדע

דיערטער פאַר די געפיהלען, וועלכע די פוריטאַנער האָבען געהאַט פאַר די אידען: „גרויס איז מיין מיטלייד — האָט קראָמוועל ערקלערט — מיט'ן דאָזיגען אָרימען פאָלק (מיט די אידען), וועלכע גאָט האָט אויסערוועהלט און געגעבען איהם זיין תורה; זיי גלויבען נישט אין קריסטוס, ווייל זיי אַנערקענען איהם נישט פאַר אַ משיח". קראָמוועל האָט געחלומט וועגען אַ פעראייניגונג צווישען די אידען מיט די פוריטאַנער, כדי דאַדורך צו מאַכען שלום צווישען דעם „אַלטען טעסטאַמענט" און דעם „נייעם טעסטאַמענט". אַ בעזונדערס גלענצענדע שטעלע האָבען אַנגעוויזען דעם אידישען פאָלק אין דער צוקונפטיגער „הייליגער מלוכה" יענע טרוימער אין קראָמוועל'ס אַרמעע און אין פאַרלאַמענט, וועלכע האָבען זיך אַזוי שטאַרק פערטיעפט אין תנ"ך, אַז זיי האָבען באמת געמיינט, דאָס זיי האַלטען שוין אין גרינדען די פינפטע מלוכה, די הייליגע טויזענדיעהריגע, פאַר'ן הייליגען פאָלק, וועגען וועלכער עס רעדט דניאל אין זיינע זעהונגען. איינער פון די פוריטאַנער דרשנים, נתנאל האָלמס, האָט זיך געוואונשען צו ווערען „אַ קנעכט ביי אידען", ערפילענדיג בוכשטעבליך די נביאות פון תנ"ך; ער האָט געוואָלט דיענען דעם אידישען פאָלק שטעהענדיג אויף די קניע. דאָס עפענטליכע לעבען האָט, אויך אַזוי ווי די דרשות, בעקומען אַזוי צו זאָגען אַ כאַראַקטער פון די בני־ישראל. עס האָט נור געפעהלט, אַז די רעדנער אין פאַרלאַמענט זאָלען רעדען העברעאיש, אַז מען זאָל קאָנען גלויבען דאָס מען געפינט זיך אין אַ פאַרלאַמענט פון לאַנד יהודה. איין שריפטשטעלער האָט טאַקי אויך פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אַנהויבען אָבהיטען שבת, אַנשטאָט זונטאָג פאַר אַ הייליגען טאָג פון רוה. אַנדערע ווידער האָבען פערלאַנגט, אַז די געזעצען פון דער תורה זאָל'ען אַנערקענט ווערען פאַר מלוכה־געזעצען. דאָס פאַרלאַמענט האָט אפילו אַנערקענט אַזעלכע געדאַנקען פאַר אפיקורסות און די שריפטען, וואו אַזעלכע געדאַנקען זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען, האָט מען פערברענט, בעשטראָפענדיג אויך שטרענג די מחברים; אָבער דאַדורך איז די אַלגעמיינע פריינדליכע שטימונג פאַר די אידען נישט אָבגעשוואַכט געוואָרען

מיט אַ האַרץ, ציטערנדיג פאַר שמחה און ערוואַרטונג, האָט רבי מנשה בן ישראל בעאָבאַכטעט די געשעהענישען אויף דער בריטישער אינזעל, וועלכע האָבען מבטיח געווען אין אַ נעבעלדיגער פאָרמע, אַז אינגיכען וועלען די אידען דערהויבען ווערען. צי איז די דאָזיגע שטימע נישט אַ בשורה אויף משיח'ן? רב מנשה האָט דאָס געהאָפט און פיעבערהאַפט געאַרבייט צו ברענגען נאָהענטער די דאָזיגע צייט. ער איז אַריינגעקומען אין פערבינדונג מיט אייניגע אַנגעזעהענע פערזאָנען, וועלכע האָבען איהם פערזיכערט, אַז „די געמיטער פון די מענשען אין יענער צייט זענען געווען גינסטיג פאַר אידען און די ענגלענדער וועלען זיי פריינדליך אויפנעהמען". בעזונדערס שטאַרק האָט איהם געפרעהט אַ ביכעל, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבען אַן'איינפלוסרייכער קריסט, עדוואַרד ניקאָלאַס

„צו פערטיידיגען די איידעלע אידישע נאציאָן און די בני ישראל“. דאָס ביכעל האָט דער מחבר געווידמעט דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט און וועגען די אידען ווערט דאָרט איבעראַל גערעדט, ווי זיי זענען גאָטס אויסערוועהלטעס פאָלק, מיט אזא פריינדליכקייט צו וועלכע די אידען זענען כלל נישט געוואוינט געווען. דער פּערפאַסער ערקלערט לסוף, אַז ער שרייבט זיין ביכעל נישט אונטער'ן איינפלוס פון די אידען, נור צוליעב זיין ליעבע צו גאָט און צו זיין פאָטערלאַנד. דער דאָזיגער אפּאָלאָגעט (מלמד־זכות) ערקלערט ווייטער זיין מיינונג, אַז אלע יסורים, וואָס ענגלאַנד האָט איבערגעליטען דורך זיין רעליגיאָנס־ און בירגער־קריעג איז אַ גערעכטע שטראָף פון גאָט דערפאַר, וואָס די ענגלענדער האָבען געפּייניגט און גערודפט זיינע געליעבטע קינדער, דאָס הייסט: די אידען; דאָס דאַרף אָבער אויך דינען פאַר אַ ערמאַהנונג, אַז מען זאָל גוט מאַכען דאָס, וואָס מען האָט געזינדיגט, אַריינלאָזענדיג די אידען צוריק אין ענגלאַנד. אַלס בעווייז, אַז די אידען זענען באמת אַ פאָלק אויסערוועהלט פון גאָט, ברענגט דער מחבר פיעל פסוקים פון תנ"ך. ער האָט אויך דערמאָהנט די רעדע פון אַ דרשן, וועלכער האָט גענומען אין פּאַרלאַמענט, אַלס טעמא פאַר זיין דרשה, דעם פסוק: „ריהרט נישט אָן מיין געזאַלבטען און טהוט נישט קיין שלעכטס מיין נביא“ און ערקלערט, אַז דאָס גליק, אָדער אונגליק פון אַ פאָלק העננט אָב דערפון, אויב מען האָט בעהאַנדעלט דאָס אידישע פאָלק גוט, אָדער שלעכט. לויט זיין געהיימער כונה, האָט גאָט דערהאַלטען דאָס דאָזיגע פאָלק ביז דער לעצטער צייט, כדי איהם צו געבען אַ בעריהמטע און אַ גרויסע צוקונפט. „דעריבער איז אונזער פליכט, צו טהון אַלץ, וואָס מעגליך, כדי צו פערלייכטערען די אידישע לאַגע, צו טרייסטען זיי, צו בעצאָהלען זיי פאַר דאָס אונשולדיג פערגאָסען בלוט, און פריינדשאַפטליך צו פעראייניגען זיך מיט זיי“. מעהר פאַר אַלץ וואָלט, לויט דער מיינונג פון מחבר, אויפגערעגט זיין גענען דער פריינדשאַפט מיט אידען דער פּויפּסט און זיינע אַנהענגער, ווייל זיי ווייזען נאָך אַלץ אַרויס גרויסע אכזריות גענען די אידען און שטרעבען צו דערנידעריגען זיי. די פּויפּסטען האָבען געצוואונגען די אידען צו טראָגען אַ שאַנד־לאַטע אויף זייערע קליידער און פערבאָטען די קאַטוילען צו האָבען מיט זיי אַ מגע ומשא, דערפאַר וואָס די אידען האַסען דעם קולט פון דער געצענדינעריי. אָבער טאַקי דערפאַר דאַרף מען די אידען בעזונדערס דערהויבען.

דאָס דאָזיגע ביכעל האָט געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק אין ענגלאַנד און האָלאַנד. רבי מנשה בן ישראל האָט איהם געלעזען מיט דער גרעסטער התלהבות און האָט זיך באַלד גענומען צו דער אַרבייט ענטקעגענצוווירקען דעם גוטען פערלאַנג פונ'ם מחבר. אָבער גלייך, ווי די ענגלישע מיסטיקער, האָט ער זיך נישט געקאָנט בערוהיגען ביים געדאַנק: וואָס וועט אָבער פאָרט זיין מיט די עשרת השבטים? ווי אַזוי זוכט מען אויף יענע אידען, וועלכע עס האָט פערטריבען דער קעניג שלמנאסר? צוריקשטעלען

די אידישע מלוכה זוהן אַט די שבטים איז אין זיינע אויגען אַ גאַנץ אונמעגליכע זאַך. די פעראייניגונג פון יהודה און ישראל, וועלכע עס האָבען פאַראויסגעזאָגט איינינע נביאים, וואָלט דאַדורך געבליבען אונערפילט. פאַר רבי מנשה'ן איז דעריבער געווען העכסט וויכטיג צו דערוויזען, וואו עס געפינען זיך די עשרת השבטים

צום גליק האָט רבי מנשה בן ישראל געקאָנט דערווייזען, וואו איינינע פון די עשרת השבטים געפינען זיך. מיט אַ פּאַר יאָהר פאַר דעם האָט אַ אידישער רייזענדער אהרן לוי פון די אנוסים, וועלכער האָט געהייסען פריהער אַלס קריסט מאָנטעזינאָס, פערזיכערט מיט אַ פייערליכער שבועה, אַז ער האָט געזעהען אין אַ געגענד פון דרום-אַמעריקא איינגעבאָרענע אַמעריקאַנער — אידען פון שבט ראובן און מיט איינעם פון זיי האָט ער אויך געהאַט גערעדט. רבי מנשה בן ישראל איז געווען העכסט איבערציינגט, אַז די זאַך איז ריכטיג, און אויפ'ן סמך פון דער דאָזיגער ידיעה האָט ער מחבר געווען זיין ספר „מקוה ישראל“ (אַמשטערדאם 1650

— די „האָפנונג פון ישראל“, כדי מעגליך צו מאַכען דעם וועג פאַר משיח'ס קומען, גלויבענדיג באמת, אַז משיח'ס צייט איז שוין נאָהענט. ער האָט טאַקי אויך געזעהען פיעל סימנים פון משיח'ס צייט, לויט ווי די אידישע לעגענדע הייזט זיי אָן. די אידען האָבען שוין געהאַט איבערגעליטען די „חבלי-משיח“ — די מורא'דיגע יסורים און רדיפות, און דעריבער האָבען דאָך אויך געמוזט דערפילט ווערען די הבטחות טובות הנוגען די ישועות, וואָס דאַרפען נאָך די יסורים קומען. — אין זיין ספר בעמיהט זיך רבי מנשה צו דערווייזען, אַז די עשרת השבטים זענען צו ערשט פערטריבען געוואָרען אין מזרח-אַזיען ביז כינא אין דעם לאַנד פון די מאָנגאָלען און פון דאָרט זענען זיי געקומען איבער'ן שטילען ים — אוקיאַנוס קיין דרום-אַמעריקא אַרום דעם עקוואַטאָר. זיין השערה שטיצט דער מחבר מיט בעווייזען: די דאָרטיגע איינוואוינער פון אַמעריקא זענען מלח זייערע קינדער, זענען מקיים די מצוות פון מיבם זיין אַן אַלמנה, וואָס האָט נישט קיין קינדער, זיי צערייסען זייערע קליידער נאָך א מת, זיי היטען אָב שבת און יובל (דעם פופציגסטען יאָהר) און דערווייטערען זיך פון א פרוי אין איהר אומריינע צייט.— דערנאָך הויבט אָן דער מחבר אויסצורעכענען די גרויסע יסורים, וואָס די אידען זענען שוין אויסגעשטאַנען פון דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט פערברענט לעבעדיגערהייט מאַנסביל און פרויען, זקנים און קינדער, און אַזעלכע אכזריות'דיגע, שווידערהאַפטע קרבנות הערען נאָך איצט אויך נישט אויף. דערביי דערצעהלט דער מחבר פאָלגענדעס: אין יאָהר 1632 האָט פיליפ IV, קעניג פון שפאַניען געוואָלט דינען צו גאָט פון דער ליבע און רחמנות דורך מענשליכע קרבנות און האָט איינגעאָרדענט אזאַ פייערטאָג אין מאַדריד, אויף וועלכען עס זענען איינגעלאַדען געוואָרען אלע שרים פון דער מלוכה און דער קעניג מיט דער קעניגין זענען אויך געקומען אין דער בעגלייטונג פון

די געזאנדטע פון די פרעמדע קריסטליכע מלוכות. די קרבנות האָט מען בעקומען אויף אזא אופן: אין דער וואוינונג פון אַנ'אַלטע פאַר-פאָלק, מיגואל ראָדריגעז און איזאַבעלא אַלוואַרעז, האָבען זיך פער-זאַמעלט אַנוסים צו תפלה-בצבור. וועגען דעם האָט זיך דערוואוסט די אינק-וויזיציע און האָט באלד געשיקט איהרע מלאכי-חבלה, וועלכע האָבען דאָס הויז אַרומגערינגעלט און אוועקגעשלעפט אין תפיסה דריי און פופציג פער-זאָן. זיבען פון זיי האָט מען פער'משפט צום פערברענען און די איבעריגע— צו אייביגער תפיסה. כדי כלומרשט צו דערווייזען, אז דער משפט איז אַ גערעכטער, האָט דאָס געריכט אויסגעקלערט, אז מען האָט געזעהען, ווי די אנוסים האָבען געשענדעט דאָס גאָטעס-מוטער-בילד. דאָס הויז, וואו די אַנוסים האָבען גאָט געבעטען, האָט מען פערניכטעט און אויסגעבויט דאָרט אַ קלויסטער צו די נאָך הונדערטער קלויסטערס, וואָס געפינען זיך שוין דאָרט. צווישען די פערברענטע קרבנות זענען געווען אייניגע יונגע צאַרטע פרויען און צווישען די פער'משפט'ע צו אייביגער תפיסה—אַ מיידעלע פון צוועלף יאָהר. רבי מנשה בן ישראל האָט אויך געקאָנט דערמאָנען דעם משפט געגען אַכט און צוואַנציג אַנוסים אין וואַלאַדאָליד (22-טער יוני 1639), פון וועלכע מען האָט צעהן פערברענט און די איבעריגע פער'משפט צו אייביגער תפיסה. אַ קורצע צייט פאַר דעם (22-טען יאַנואַר 1639) האָט מען פערברענט אין פערו (דרום-אַמעריקאַ) זיבעצען אַנוסים. צווישען די דאָזיגע קדושים איז געווען איינער, וועלכער האָט אַרויסגערופען אַ גרויסע בעוואונדערונג דורך זיין שטאַרקער אמונה און זיין טויט על קדוש-השם; דאָס איז געווען דער קדוש רבי אליהו הנזיר, (Eli Nazareno)

וועלכער האָט געהייסען אַלס קריסט פראַנציסקאָ מאַלדאָנאַד דאַ סילוואַ—אַ בעוואוסטער דאָקטאָר אין לימאַ. זיין מסירת-נפש פאַרן אידענטום איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט עפענטליך ערקלערט, דאָס ער געהערט צום גלויבען פון זיינע אבות און האָט אויך פיעל געריהמט די אידישע רעליגיאָן פאַר זיינע צוהערער. אין תפיסה האָט ער זיך אַליין מלה געווען און זיין גאַנצען לעבען האָט ער זיך געפיהרט, ווי אַנ'אמת'ער נזיר, נישט עסענדיג קיין פלייש און נישט טרינקענדיג קיין וויין. פער-צעהן יאָהר לאַנג איז ער געזעסען אין תפיסה און טעגליך האָט מען איהם אינמענשליך געפייניגט. פאַנאַטישע גלחים פלעגען קומען מתוכח זיין זיך מיט איהם וועגען דער רעליגיאָן און, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אז מען וועט איהם נישט איבעררעדען, האָט מען איהם לעבעדיגערהייד פער-ברענט. אינ'ם זעלביגען יאָהר האָט מען אויך פערברענט על קדוש-השם טהאָמאַש טרעביניאָ, וועלכער האָט פערוואונדערט די וועלט דורך זיין גרויסער אמונה אין יודענטום.— רבי מנשה בן ישראל דערצעהלט ווייטער אַ וואונדערליכע מעשה וועגען אַ זוהן פון די גרויסע שפּאַנישע שרים, דאָן לאָפּע דע וועראַ אַלאַרקאָן, וועלכער איז אַזוי טיעף איבער-צייגט געוואָרען פון דער ריכטיגקייט פון יודענטום, דאָס ער האָט עס

עפענטליך ערקלערט אלעמען, וואס ער האט געוואוסט, דאס מען זיעט איהם דערפאר פערברענען. ער האט געשטודירט אין דער אוניווערזיטעט אין סאלאמאנקא, וואו ער האט אויך געלערנט העברעאיש. נאכדעם ווי ער האט געלעזען דעם תנ"ך אין העברעאיש האבען זיך בייא איהם געעפענט די אויגען און ער האט דערקענט דעם אמת׳ען איינציגען גאט פון ישראל. בעזונדערס שטארק האבען געווירקט אויף איהם די מזמורים פון תהלים און לסוף איז די ליבע צום יודענטום אזוי שטארק געווארען, אז ער האט עס ענטדעקט אויך פאר די גלחים. ווי נאר די אינקוויזיציע האט זיך וועגען דעם דערוואוסט, האט זי איהם געלאזט שלעפען אין תפיסה, וואו זי האט איהם אבגעהאלטען זעקס יאהר. דארט האט ער זיך אליין מלה געווען און זיך א נאמען געגעבען „יהודה המאמין“. די גרעסטע טהעאלאגען זענען געקומען מתוכח זיין זיך מיט איהם; אויך זיינע עלטערן האבען זיך בייא איהם געבעטען, אז ער זאל צוריק ווערען א קריסט, אבער ער האט זיך דערפון אבגעזאגט און דאריבער האט מען איהם פער׳משפט צום פערברענען. בשעת מען האט איהם אריינגעווארפען אין די פלאמען פייער (25־טען יולי 1644) האט ער נאך אלץ געזונגען הויך מזמורים פון תהלים און די צושויער זענען ערציטערט געווארען, ווען זיי האבען דערהערט זיין שטימע פון די פלאמען: „אין דיינע הענד, אָ גאט, גיב איך איבער מיין נשמה! דו האסט מיך אויסגעלייזט, דו אמת׳ער גאט!“ דער גענעראל־אינקוויזיטאר מאסקאזא האט דאמאלס געשריבען צו א בעוואוסטער פרוי: „מען האט נאך קיינמאל נישט געזעהען, אז א מענש זאל שטארבען מיט אזא חשק און פעסטקייט על קדוש השם. מיר האבען איהם געמוזט דאס מויל פערשטאפען, ווייל ווי נאר ער האט געקאנט רעדען, האט ער באלד אנגעהויבען לעסטערען אונזער אמונה (די קאטוילישע) און ריהמען משה׳ס תורה“.

א געוואלדיגען איינדרוק האט אויך געמאכט אויף די שפאנישע און פארטוגעזישע אידען אין האלאנד די ידיעה, אז מען האט פערברענט לעבעדיגערהייד דעם יונגען אנוסי, דעם חכם רבי יצחק דע קאסטרא, וועלכער איז געווען געבירטיג פון טארטאס (אין גאסקאני—פראנקרייך), און איז געקומען מיט זיינע עלטערן קיין אמשטערדאם, וואו די גאנצע מאראנישע משפחה האט זיך עפענטליך צוריקגעקעהרט צום יודענטום. דער יונגער דע קאסטרא איז געווען זעהר געלערנט אין גריכיש און לאטייניש און האט זיך מוסר־נפש געווען און אויסגעוואנדערט קיין בראזיליען, כדי אויפצוזוכען דארט די אנוסים און לערנען מיט זיי די אידישע אמונה, כדי זיי זאלען נישט פערגעסען זייער אבשטאמונג. אומזיסט האבען זיינע עלטערן געבעטען זיך בייא איהם, אז ער זאל זיך אבזאגען פון אזא אונטערנעהמונג, ווייל דאס הייסט, געהן אויף א זיכערען טויט. דע קאסטרא האט געזעהען פאר זיך נאר זיין הויכען ציעל און פאר׳ן טויט האט ער קיין מורא נישט געהאט. א פאר יאהר האט ער געלעבט אין באהיא און

געלערנט מיט די אנוסים די אידישע תורה. לסוף אָבער האָבען די שפּיאָנען פון דער אינקוויזיציע איהם פעסטגענומען און א געשמידטען אין קייטען האָבען זיי איהם אָבגעשיקט קיין ליסאַבאָן, וואו מען האָט איהם געשטעלט פאר'ן געריכט פון דער אינקוויזיציע, חאָטש דאָס איז געווען געגען דעם אינטערנאַציאָנאַלען רעכט, דען דע קאַסטראָ איז נישט געווען קיין פּאָרטוגעזישער אונטערטאַן. תחילת האָט די אינקוויזיציע זיך בעמיהט איהם איבערצוריידען, אז ער זאָל זיך אָבשמד'ן, אָבער דע קאַסטראָ האָט ערקלערט, אז ער וויל בעסער פערברענט ווערען אלס א קדוש, כדי דאדורך צו דערוייזען זיינע קרובים און זיין פאלק, ווי אזוי מען ברויך זיך מוסר נפש זיין אויף דעם יודענטום און בלייבען איהם געטריי. די אינקוויזיציע האָט זיך נישט דערשראָקען פאַר א יורידישער רציחה און מיט גרוים בּאַראַד האָט זי איהם געפיהרט צום פערברענען (22-טען דעצעמבער 1647) אין ליסאַבאָן. ווען דאָס פייער האָט איהם שוין געהאַט ארומגענומען האָט ער אויסגערופען מיט א געוואלדיגער שטימע: „שמע ישראל!" „שמע ישראל!" דער דאָזיגער אויסרוף האָט געמאַכט אזא שרעקליכען איינדרוק אויף די ארומיגע מענשען, אז אלע זענען ערציטערט געוואָרען און, ווי מען זאָגט, האָט די אינקוויזיציע געהאַט דאַמאָלס בעשלאָסען מעהר נישט צו פערברענען לעבעדיגערהייד קיין אידען. דער קדוש רבי יצחק דע קאַסטראָ האָט נאָך מיט א קורצער צייט פאַר זיין טויט געהאַט געשריבען צו זיינע עלטערען, אז ער פאהרט אָב קיין ריאָ דע זשאַניירא (הויפּט-שטאָדט פון בראַזיליען), כדי דאָרט צו דערוועקען זיינע קרובים, צו בלייבען געטריי דעם יודענטום און בעסער מוסר נפש זיין זיך און שטאַרבען על קדוש השם, איידער צו טראָגען א פאַלשע מאַסקע פון קריםבען. פּלוצלונג אָבער האָבען זיינע עלטערען דערהאַלטען די ידיעה וועגען זיין שרעקליכען טויט. דער רב רבי שאול מאָרטיירא האָט דאַמאָלס אָנגעריכט אויף איהם א גרויסען הספד, און די דיכטער האָבען געטרויערט נאָך זיין טויט אין קינות אויף העברעאיש און שפּאַניש. צוזאַמען מיט דע קאַסטראָ האָט מען פערברענט נאָך פינף פערזאָן און זעכציג האָט מען פערמשפּט אויף אייביגע תפיסה און שרעקליכע יסורים.

און אַט אונטער'ן איינדרוק פון די דאָזיגע ידיעות האָט רבי מנשה בן ישראל געשריבען זיין ספר „מקוה ישראל". ווי געזאָגט, האָט ער אויסגענוצט די אלע שרעקליכע ידיעות, כדי דאדורך צו דערוייזען, אַז משיח'ס צייט איז נאָהענט, דען וויל די יסורים זענען מקוים געוואָרען, דאַרפען אויך די ישועות ונחמות קומען פאַר אידען. זיין ספר „מקוה ישראל" האָט ער מחבר געווען אויף לאַטייניש און דערלאַנגט א הויכגעשטעלטער געעהערטער פערזענליכקייט אין ענגלאַנד, כדי ער זאָל עס איבערגעבען דעם פאַרלאַמענט און דעם מלוכה-ראַט, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער'ן איינפלוס פון קראָמוועל. אין א שריפט, וועלכע ער האָט צוגעגעבען צום ספר, ערקלערט רבי מנשה זיין בעליעבטע אידעע, אַז משיח'ס צייט איז

נאהענט, און די אידען וועלען דאמאלס אלע זיך צוריקקעהרען אין זייער אלטע הייליג לאנד; נור איידער דאס וועט פארקומען מוזען די אידען ערשט רעכט פערשפרייט ווערען אין אלע מדינות און לענדער, כדי עס זאלען קאנען מקוים ווערען אינגאנצען די רייד פון די נביאים. די אידישע צושפרייטונג דארף זיין „פון איין עק־וועלט ביז'ן אנדערען"; ענגלאנד אבער ליגט דאך „אין עקסטען צפון פון דער בעוואוינטער ערד", בכן מוזען די אידען זיין אויך דארט, בשעת משיח וועט קומען. ווייל אבער שוין כמעט דריי הונדערט יאהר זענען פאראיבער, זינט אין ענגלאנד איז נישטא קיין איינציגער איד, דערפאר בעט ער דעם פארלאמענט, אז ער זאל געבען די אידען אנ'ערלויבניש איינצוואנדערן אין ענגלאנד, לעבען דארט אין פרייהייט, ערפילענדיג זייער רעליגיאן און אויפבויענדיג פאר זיך שוהלען (1650). וועגען זיינע האפנונגען אויף משיח'ן האט רבי מנשה גערעדט דוקא אפען, ווייל ער האט דערויף געבויט זיין גאנצע ביטע, האפענדיג, אז די פוריטאנער פערלאנגען אליין צו זיין די „איינזאמלער פון גאטעס־פאלק אין זיין הויז" און זיי וועלען דעריבער מיטווירקען זיין פלאן.

רבי מנשה'ס רעכענונג איז געווען ריכטיג: דאס פארלאמענט האט פריינדליך אויפגענומען זיין ביטע און זיין געווידמעט ווערק. לארד מידלעקס האט איהם צוגעשיקט א דאנק־בריעף מיט דער אויפשריפט: „צו מיין טייערען ברודער, דעם פילאזאף מנשה בן ישראל". מען האט איהם אויך געשיקט א פרייען פאספארט, כדי ער זאל קומען קיין ענגלאנד. דערווייל אבער האט עס אויסגעוויזען, אז זיין ציעל דערווייטערט זיך פון איהם: צווישען ענגלאנד און האלאנד איז פארגעקומען א פערביטערטע מלחמה, און די פערבינדונג צווישען אמשטערדאם און לאנדאן איז איבערגעריסען געווארען.

אבער ווען אליווער קראמוועל האט פונאנדערגעלאזען דעם לאנגען פארלאמענט און פערכאפט פאלקאמען די מאכט אין זיינע הענד (אפריל 1653), ארויסווייזענדיג דערביי, אז ער איז נוטה צו שליסען שלום מיט האלאנד, האט רבי מנשה זיך ווידער גענומען פאר זיין פלאן. קראמוועל האט צוזאמענגערופען א נייעם פארלאמענט, דעם אזוי גערופענעם „קורצען פארלאמענט", וועלכער איז בעשטאנען פון לויטער „הייליגע לייט", דאס הייסט, פון פוריטאנער דרשנים, פון אפיצירען, וועלכע האבען געהאט געלייענט מיט התמדה דעם תנ"ך און פון טרוימער וועגען דעם טויזענדיעהריגען הייליגען מלכות. וואס פאר א סימפאטיע זיי האבען געהאט פאר דער פארצייטיגער אידישער ארדנונג און דער אידישער תורה, קען מען זעהען דערפון, וואס מען האט אין פארלאמענט געמאכט א גאנץ ערנסטען פארשלאג, אז דער מלוכה־ראט זאל בעשטעהן פון זיבציג פערזאן, אזוי ווי דער אידישער סנהדרין. אין פארלאמענט איז געזעסען דער אויבער־גענעראל טאמאש הארימאן, וועלכער האט מיט זיין פארטיי געוואלט איינפיהרען אין ענגלאנד משה'ס תורה. רבי מנשה האט זיך דערי־

בער געאיילט נאָך אַ מאָל אַנצוגעבען זיין ביטע, אַז מען זאָל ערלויבען די אידען אריינצוקומען אין ענגלאַנד און וואוינען דאָרט. מען האָט באַלד דערויף געשטעלט די אידען-פראַגע אויף דער טאָג-אָרדנונג אין פּאַרלאַמענט. דאָס פּאַרלאַמענט האָט געשיקט רבי מנשה'ן אַ פּאַס-פּאָרט, כדי ער זאָל קאָנען קומען אליין אין לאָנדאָן און געבען די נויטיגע ע־קלערונגען, ווען קראָמוועל האָט ענדליך בעקומען די קעניגליכע מאַכט א־נטער'ן טיטול פּראָטעקטאָר פון דער מלוכה און געשלאָ־סען שלום מיט האָלאַנד (אַפּריל 1654), האָט רבי מנשה שוין געהאַלטען, אַז עס איז צייט צו נעהמען זיך ענערגיש פאַר'ן פערווירקליכען זיין אויפ-גאַבע, בפרט נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דריי ענגלישע גענע-ראַלען פון פלאָט האָבען אַנגעגעבען אַ פּעטיציע צום פּאַרלאַמענט, דאָס מען זאָל די אידען אַריינלאָזען אין ענגלאַנד (אָקטאָבער 1654).

צי איז עס געווען דערפאַר, וואָס די אידען האָבען בכלל וועניג צו־טרויען געהאַט צו רבי מנשה'ן, וועלכער האָט זיך בעזונדערס פיעל פער־לאָזען אויף זיין פערזענליכקייט און געשיקטקייט, אָדער דערפאַר, וואָס מען האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיינע חלומות וועגען משיח'ן, וועלכע ער האָט אריינגעטראָגען אין דער השתדלות ביי דער ענגלישער מלוכה, — קורץ, איין אנוסי, מאַנואל מאַרטינעץ דאַרמידאַ איז איהם פערלאָפען דעם וועג קיין לאָנדאָן, כדי איינפאַך אַנצוגעבען דאָרט אַ ביטע אַז מען זאָל די אידען אַריינלאָזען אין ענגלאַנד. דאַרמידאַ האָט געהאַט אַ גרויסע שטעלע אין שפּאַניען און אָנגעזאַמעלט פיעל עשירות; אָבער אַ לאַנגע צייט האָט איהם די אינקוויזיציע געהאַלטען איינגעשלאָסען אין איהר תפיסה צוזאַמען מיט זיין שוועסטער; דערנאָך איז ער אַנטלאָ־פען קיין אַמשטערדאַם און איז עפענטליך אַ איד געוואָרען, אָבער זיין פער־מעגען האָט ער פערלוירען. קומענדיג קיין לאָנדאָן האָט ער זיך עפענטליך אויסגעגעבען פאַר אַ איד און אַנגעוויזען, וואָס פאַר אַ גרויסען נוצען ענג־לאַנד קאָן האָבען פון די שפּאַנישע און פּאָרטוגיעזישע אידען, וועלכע ווע־לען מיט זייער עשירות און האַנדעלס-פערבינדונגען רייך מאַכען דאָס לאַנד, ווייל זיי וועלען שוין מעהר נישט קומען קיין האָלאַנד נור אין ענגלאַנד. דאַרמידאַ האָט פאָרגעלעגט דעם פּראָטעקטאָר קראָמוועל, צו ווערען פער־מיטלער צווישען דער ענגלישער רעגירונג און די אידישע איינוואַנדערער. כאָטש דער פּראָטעקטאָר האָט זיין ביטע אַנגענומען און זי פאָרגעלעגט דעם מלוכה-ראַט צום בעטראַכטען, האָט זי דאָך קיין ערפאָלג נישט געהאַט (נאָוועמבער 1654). די אַנוסים האָבען דעריבער ווידער אַנגעהויבען האָפען, אַז רבי מנשה וועט די זאַך דורכפיהרען, דען אויב דער געשעפטס-מאַן דאַרמידאַ האָט נישט געקאָנט וואָס אויסהויבען ביי ענגלאַנד, וועט דער בריומער רבי מנשה אפשר דאָס קאָנען.

רבי מנשה האָט דערווייל אַרומגעשוועבט אין אַן'אמת'ן טומעל פון התלהבות וועגען דער נאָהענטער צייט פון משיח'ן. זיך אַליין האָט ער בע־

בראכט פאר א שליח פון גאט, צו ערפילען די פארבערייטונג צו דער גרויסער געשעהעניש. די קריסטליכע מיסטיקער אין ענגלאנד וועגען דער טויזענד-יעהריגער הימלישער מלוכה האבען איהם געשטארקט אין זיין דאזיגער האפנונג. דער האלענדער היינריך יעסע האט א קורצע צייט פאר דעם פערעפענטליכט א בוך: „וועגען דער נאהענטער גרויסקייט פון יה.דה און ישראל". — ווייטער פאר אנדערע איז נאך געגאנגען דער בעהמישער דאקטאר, מיסטיקער און אלכימיסט פאול פעלגענהויער, וועלכער האט איבערגעלעבט די דרייסיג-יעהריגע מלחמה מיט אלע איהרע ווידערהאפטע רציחות סיי מצד די קאטוילען, סיי מצד די פראטעסטאנטען. און דעריבער האט ער פיינד בעקומען ביידע גלייך און געגארט צו אן'אנדער וועלט-ארדנונג מיט א נייער גערעכטיגקייט, וועלכע ער האט ערווארטעט נור אין משיח'ן. אין דייטשלאנד האבען איהם גלייך גערודפט סיי די קאטוילען סיי די פראטעסטאנטען, דעריבער האט ער געזוכט א בעשיצונג אין אמסטערדאם און דארט האט ער זיך בעזעצט מיט רבי מנשה בן ישראל. ער האט מחבר געווען אן'אריגינעלען ספר (דעצעמבער 1654): „א פרעהליכע בשורה פאר'ן פאלק ישראל וועגען משיח'ן, דאס עס קומט נעמליך אן די גאולה פאר אידען פון אלע זייערע אונגליקען, די בעפרייאונג פון גלות און דאס בעריהמטע ערהאבענע ערשיינען פון משיח'ן צו דער טרייסט פון פאלק ישראל, פאר'ן אלט'ען און נייעם טעסטאמענט. פערפאסט דורך א קריסט, וואס ווארט אוי.ף דער גאולה צוזאמען מיט אלע אידען. אמש,טערדאם 1655". פעלגענהויער שטעלט זעהר הויך דאס אידישע פאלק וועלכעס ער רופט זרע אברהם', אבער אויך די אכת'ע מאמינים פון אנדערע פעלקער זענען די קינדער פון אברהם, לויט'ן גייסט. דעריבער דארפען אידען און קריסטען ליעבען איינע אנדערע. ווי יהודה און ישראל דארפען זיי זיך פעראייניגען אין גאט, און די דאזיגע פעראייניגונג איז נאהענט. א סימן דערויף איז די מלחמה פון דרייסיגיאהר, וועלכע איז געפיהרט געווארען אויפ'ן ים און דער יבשה, פון פאלק געגען פאלק, פון שטאדט געגען שטאדט און אויף דער גאנצער ערד, ווי דאס איז נאך פריהער קיינמאל נישט פארגעקומען. נאך אנדערע סימנים ווייזט אן דער מחבר, נעמליך, קאמעטען, וואס זענען ערשינען אין די יאהרען 1618, 1648 און 1652, ווי אויך די ציהיטות איינפוילען. — דאס בוך איז פול מיסטישע שגעונות, און דער מחבר האט עס געווידמעט רבי מנשה בן ישראל, וועלכער האט איהם געענטפערט מיט א דאנק-בריעף (1 פעברואר 1655) פאר זיינע בשורות טובות אויף אידען. וועגען די אותות ומופתים פערשוויינט אבער רבי מנשה זעהר קלוג.

מיט גרויס שמחה האט רבי מנשה ערהאלטען די איינלאדונג פון

ענגלישען פּאַרלאַמענט צו קומען קיין לאָנדאָן, און ער האָט אונטערגענומען
די, נאַטירליך, העכסט וויכטיגע רייזע קיין לאָנדאָן (שפּעטען הערבסט
1655), וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר אַ געוואַלדיג שווערע. אין זיין בע־
גלייטונג איז געווען דער העכסט געלעהרטער און געאיבטער אין בעגעגענען
זיך מיט הויכגעשטעלטע פּערזאָנען רבי יעקב ששפּורטס (Sasporte)
יע׳בער איז פריהער געווען רב אין פערשידענע קהלות אין אַפריקאַ. אויך
אַנדערע אידען האָבען איהם בעגלייטעט, אין דער האָפנונג, אַז מען וועט
די אידען באַלד אַריינלאָזען אין לאַנד און זיי וועלען קאָנען זיך דאָרט
שוין בעזעצען. אידען האָבען שוין אפילו דאָרט געלעבט אין לאַנד אונטער
דער קעניגין עליזאַבעט, אָבער נור אַלס פערשטעלטע קאַטוילען; דאָס זענען
געווען שפּאַנישע און פּאָרטוגיעזישע אַנוסים, ווי אין באָרדאָ. איין אידישער
דאָקטאָר, דער אנוסי לאָפּעז האָט געשפּילט זעהר אַ וויכטיגע ראָליע אין
די צייטען פון דער קעניגין עליזאַבעט, אַלס בעשיצער און טאַלמאַטש פון
אַ פּאָרטוגיעזישען ממזר־פּרינץ אַנטאָניע, וועלכער האָט געוואָלט צונעה־
מען ביים שפּאַנישען קעניג די מדינה פּאָרטוגאַל און האָט ערוואַרטעט, אַז
ענגלאַנד זאָל איהם דערין אונטערשטיצען. לאָפּעז איז אָבער דורך אַ פער־
ראַט אַנגעקלאָגט געוואָרען און דורך דער קעניגין פערמשפּט צום טויט.
פון יענער צייט אָן האָבען די אַנוסים אין ענגלאַנד נאָך מעהר אָנגעהויבען
בעהאַלטען זייער אמת׳ן גלויבען און זיך בעמיהט צו ערשיינען איבעראַל,
אַלס אמת׳ע קריסטען. אונטער די סטואַרט׳ס האָבען זיך אין ענגלאַנד בע־
זעצט נישט פיעל אַנוסים, וועלכע זענען דאָרט בעטראַכט געווען אַלס שפּאַ־
נישע און פּאָרטוגיעזישע סוחרים, וואָס האָבען מיט זייער עשירות און
גרויסען מסחר רייך געמאַכט דאָס לאַנד, און קיינעם איז גאָר נישט איינ־
געפאַלען אַנצונעהמען זיי פאַר אידען. דער אָנגעזעהענסטער צווישען זיי
איז געווען אַנטאָנאַ פערנאַנדעז קאַראַוואַיאַל, וועלכער האָט
געהאַט אייגענע שיפען און געפיהרט זעהר אַ גרויסען מסחר איבער׳ן ים.
איינמאַל האָט מען איהם אָנגעקלאָגט, אַז ער איז אָבגעפאַלען פון קריסטענטום;
אונטער די אָנגעזעהענסטע לאָנדאָנער סוחרים האָבען דערוויזען דער פּאַרלאַ־
מענט, וואָס פאַר אַ גרויסען נוצען ער ברענגט דער שטאָדט מיט זיין מסחר,
און דאַריבער האָט דער פּאַרלאַמענט, ווי די אויבערשטע פּאַלאַטע, געצוואונ־
גען דעם אָנקלאָגער צו שווייגען. אויסער איהם זענען אין לאָנדאָן אויך גע־
ווען אַנדערע רייכע סוחרים צווישען די אנוסים, ווי הענריקו געאָרג
מענדעס, אַנטאָניאָ ראָדריגעז ראָבלעס, וואָס זיינע עלטערן
זענען פערורטיילט געוואָרען דורך די אינקוויזיציע, און שמעון דע
קאַצערעס, וועלכער האָט פאָרגעלעגט דעם מלוכה־פּראָטעקטאָר קראָמ־
וועל אַ פּלאַן, איינצונעהמען מיט דער הילף פון די אנוסים דאָס געביט
טשילי (דרום־אַמעריקאַ) לטובת ענגלאַנד. אַלע דאָזיגע אַנוסים פלעגען זיך
צוזאַמענקומען לפנים אין דער קירכע פון פּאָרטוגעזישען געזאַנדטען, אַנ־
טאָניאָ דע סוזאַ, קראַוואַיאַל׳ס שוועהר, כדי אַנטייל צונעהמען אין

קאטוילישען גאטעס-דינסט; אין דער ווירקליכקייט אבער איז עס געווען א אידישע שוהל, וואו מען פלעגט דאוונען בצבור. קראמוועל און די מלוכה-לייט האבען דאס געוואוסט גאנץ גוט, נאר זיי האבען זיך געמאכט ווי ניט וויסענדיג. משמעות, אז די אנוסים האבען נישט געשפירט די אונגארמאלע לאגע, אין וועלכער זיי האבען זיך געפונען, דען זיי האבען גארנישט אונ-טערגענומען כדי ארויסצוגעהן פון איהר און צו קאנען ווערען עפענטליך אידען. רבי מנשה בן ישראל האט דורך זיין ריהרעוודיגקייט געמוזט זיי דערצו צווינגען.

אבער גאנץ געשווינד איז די זאך נישט צוגעגאנגען. צוערשט האט רבי מנשה דערלאנגט דעם פראטעקטאר אין א אודיענץ א געהעריג בעאר-בייטעטע ביטע (adress) ער האט דערצו בעקומען א פארמעלע בע-פאלמעכטיגונג פון פיעל אידישע קהלות אין פערשידענע לענדער, כדי נישט צו ערשיינען פאר דער ענגלישער רעגירונג אלס פריוואטע פערזאן, נאר אלס אפיציעלער פארשטעהער פון כלל ישראל, וועלכע בעטען די אי-דען אריינצולאזען אין ענגלאנד. אין דער זעלביגער צייט האט ער אויך פערעפענטליכט דורכ'ן דרוק אנ'ערקלערונג (deklaration) וואו ער האט דערוויזען מיט בעגרינדעטע ראיות, ווי עס לויהנט פאר ענגלאנד אריינ-צולאזען די אידען, ווי אויך מבטל צו מאכען אלע טענות פון די אידישע געגנער און אבצושוואכען דעם אבערגלויבען געגען די אידען. אלע זיינע מאטיוען האבען זיך צוטיילט אין צוויי קאטעגאריעס: מיסטישע און האנ-דעלס-פאליטישע. „אונזער נאציאן — ערקלערט רבי מנשה — לעבט געגענווערטיג צושפרייט אין אלע בליהענדע לענדער פון דער וועלט, אין אמעריקא, ווי אין אלע איבריגע דריי וועלט-טיילען, און נאר די בעדייטענ-דע און מעכטיגע ענגלישע אינזעל איז אין דער הינזיכט אנ'אויסנאהם. דא-ריבער מוזען מיר, איידער משיח זועט קומען און אויפשטעלען צוריק אונ-זער נאציאן, אויך וואוינען אינ'ם דאזיגען לאנד". נאכ'ן דאזיגען מיסטישען מאטא געהט דער האנדעלס-פאליטישער: דורך די אידען וועט דער ענגלי-שער מסחר זיך שטארק דערהויבען, דען די אידען וועלען פערגרעסערען דעם עקספארט און אימפארט פון אלערליי סחורות אין אלע וועלט-טיילען. דערביי האט רבי מנשה דערמאנט דעם גרויסען מסחר, וואס די פארטוגע-זישע אידען האבען געפיהרט אין האלאנד מיט מטבעות פון פערשידענע לענדער (באנקא-געשעפטען), מיט דימענטען, מיט קאשעניל, אינדיגא, וויין און אייהל. די געלד-געשעפטען, וואס זיי האבען געמאכט, האבען זיך נישט געשטיצט אויף פראצענט. די קאפיטאלען פון די האלענדישע און איטאל-יענישע אידען זענען דערפאר אזוי גרויס, וואס די אנוסים פון שפאניען אין פארטוגאל גיבען זיי איבער זייער בארעס געלד, צו פיהרען זייערע מסחרים, כדי צו פערזיכערען זיך אויף אזא אופן פון דער רויבעריי פון דער אינקוויזיציע.

קראמוועל האט אבסאלוט נוטה געווען אריינצולאזען די אידען אין

ענגלאַנד. מעגליך, אז ער האָט דערביי געהאַט אין זינען דעם נוצען, וואָס ענגלאַנד וועט בעקומען פון די גרויסע קאַפּיטאַלען פון די אַנוסים, און זי וועט קאָנען אַנהויבען קאָנקורירען אין מסחר מיט האָלאַנד—א זאַך, פאַר וועלכער ענגלאַנד איז דאַמאָלס נאָך געווען צו שוואַך. נישט קיין קליינע ראָליע האָט אָבער דערביי געשפּילט אויך זיין איניגסטער פערלאַנג, צו פערווירקליכען אין ענגלאַנד דעם פּרינציפּ פון פאָלקאָמער רעליגיאָנס-פרייהייט. אַמשטאַרקסטען האָט אָבער געווירקט אין איהם דאָס רעליגיעזע געפיהל: ער האָט נעמליך געהאָפט צו צוציהען די אידען צום קריסטענטום דורך אַ פריינדליכע בעהאַנדלונג. ער האָט געגלויבט, אז אין יענער פאָרם, אין וועלכער דאָס קריסטענטום איז געלערנט געווען אין ענגלאַנד, אָהן געצענדינעריי און אָבערגלויבען, מוז נושא-חן זיין אויך אין די אויגן פון די אידען און סוף כל סוף וועלען זיי צו איהם צושטעהען. קראָמוועל און רבי מנשה בן ישראל האָבען זיך בעגעגענט אויף איינעם און דעם זעלביגען געביט: אין דער טרוימעריי וועגען משיח'ן. נאַטירליך, האָט יעדער פון זיי געהאַט דאָרין אַן אַנדער כונה. כדי צוצונרייטען די ענגלישע געזעלשאַפט צום געדאַנק וועגען אריינלאָזען אידען אין ענגלאַנד, האָט קראָמוועל געהייסען אַרבייטען אין דעם זין צוויי פון זיינע אינדעפּענדענטען, דאָס הייסט פרייע פּוריטאַנער: דעם גלח הונאַ פּעטערס, זיין סעקרעטאַר, אין דעם התלהבות'דיגען פּוריטאַנער, מיטגליעד פון מלוכה-ראַט, הערריי מאַרטענס.

ענדליך איז געקומען די צייט ערנסטליך צו בעטראַכטען די פראַגע. פאַר דריי הונדערט פינף און זעכציג יאָהר (אָקטיאַבר 1290) האָט דער ענגלישער קעניג, עדוואַרד I, ארויסגעגעבען אַ דעקרעט אַרויסצוטרייבען אַלע אידען פון ענגלאַנד און פערבאָטען זיי, אויף אייביג אריינצוקומען אַהין צוריק. איצט האָט זיך דעריבער געשטעלט די פראַגע: צי האָט נאָך דאָס דאַמאָלסדיגע געזעץ זיין קראַפט אויך אין דער געגענווארט? קראָמוועל האָט בעשטימט אַ קאָמיסיע אין „ווייסען זאַל" (whitehall) כדי צו בעטראַכטען (4-טער דעצעמבער 1655) גרינדליך די פראַגע, ארויסשטעלענדיג פאַר דער קאָמיסיע צוויי פּונקטען: 1) צי איז עס געזעצליך, אַריינצולאָזען די אידען אין ענגלאַנד? און 2) אויב דאָס איז נישט געגען דעם געזעץ, אויף וועלכע בעדינגונגען דאַרף מען זיי אַריינלאָזען? — אין לאָנדאָן איז די אויפרעגונג וועגען דער זאַך געווען זעהר גרויס. מען האט געקעמפט פאַר און געגען דעם. פון איין זייט איז געשטאַנען די ליעבע פאַר'ן „פאָלק פון גאָט", פון דער אַנדער זייט — די בלינדע שנאה פאַר „קריסטוס'עס מערדער". אַ טייל ווידער האָבען מורא געהאַט פאַר דער אידישער קאָנקורענץ, וועהרענד דער אַנדער טייל דאַגעגען האָט געהאָפט מיט דער הילף פון די אידען, צו קאָנען בייקומען שפּאַניען און האָלאַנד אויפ'ן געביט פון מסחר; עס האָבען זיך אויך געלאָזט הערען אָבערגלויבישע שטימען, אז די אידען וועלען שחט'ן קריסט-

ליכע קינדער, כדי זייער בלוט צו פערנוצען; אז זיי וועלען ארומשניידען די מטבעות, כדי צו גנב'ענען גאלד און זילבער, און, ענדליך, אז זיי וועלען גאר מאכען די ענגלענדער פאר אידען! אין דער זאך האט זיך אויך ארייגעמישט די פארטיי-לײדענשאפט. קראמוועל'ס אנהענגער, בכלל די רעפובליקאנער זענען געשטאנען אויפ'ן צד פון די אידען; דאגעגען די ראיאליסטען און קאטוילען זענען געווען געגנער פון די אידען. דאס פאלק האט זיך געלאזט געהן צום זאל, וואו מען האט די אידישע פראגע געדארפט בעטראכטען צום ערשטען מאל עפענטליך. גלייך אין אנפאנג פון דער בעראטונג האבען ערקלערט די פערטרעטער פון מלוכה-רעכט, אז קיין אלט געזעץ שליסט נישט אויס די אידען פון ענגלאנד, ווייל דער גירוש, וואס איז פארגעקומען מיט פיערטהאלבען יאהרהונדערטער פריהער, איז געווען בלויז אויפ'ן בעפעהל פון קעניג, אהן דער צושטימונג פון פארלאמענט, ס'הייסט, פון פאלק. די פערטרעטער פון דער שטאדט האבען זיך פערהאלטען רוהיג; דערפאר זענען אבער העפטיג ארויסגעטראטען די גלחים, וועלכע האבען זיך נישט געקאנט בעפרייען פון זייער שנאה צו די אידען, וועלכע זיי האבען אין זיך איינגעזאפט פון דער קריסטליך-טעאלאגישער ליטעראטור. קראמוועל האט אבער געוואלט, אז די קאמיסיע זאל זיך ארויסזאגען גינסטיג פאר די אידען, און דעריבער האט ער איהר צוגעגעבען נאך דריי מיטגלידער-גלחים, פון וועלכע ער האט געקאנט ערווארטען, אז זיי וועלען זיך ארויסזאגען פריינדליך פאר די אידען. אין דער לעצטער פערזאמלונג (18-טער דעצעמבער 1655) איז ער אליין געווען פארזיצענדער, די מעהרהייט פון די גלחים איז אויך איצט געווען געגען דעם, אז מען זאל די אידען אריינלאזען אין ענגלאנד און נור וועניג פון זיי האבען ערקלערט, אז מען דארף זיי יא אריינלאזען, נור מיט גרויסער פארזיכטיגקייט. קראמוועל איז שטארק אונצופרידען געווען מיט די דעבאטען און האט דעריבער צוערשט געלאזען די גלחים ענטפערן אויף די טענות פון רבי מנשה בן ישראל, דערנאך האט ער אליין גערעדט מיט פיעל ווארימקייט לטובת די אידען און האט שארף געמוסרט די גלחים, ערקלערענדיג, אז ער האט פון זיי ערווארטעט, אז זיי זאלען איהם אויפקלערען און בערוהיגען זיין געוויסען און לסוף האבען זיי די פראגע אינגאנצען פערנעבעלט. זיינע הויפט-מאטיווען זענען געווען אז מען מוז מיט די אידען לערנען דאס ריינע עוואנגעליום (דאס פוריטאנישע), כדי צו געווינען זייערע הערצער פאר דער קירכע: „ווי אזוי אבער קאנען מיר דאס טהון — האט קראמוועל אויסגערופען — אויב מיר ווילען זיי נישט סובל זיין צווישען אונז?" דערויף האט קראמוועל געשלאסען די בעראטונג מיט דער ערקלערונג, אז ער וועט זיך די זאך נאך איבערלעגען.

דער מלוכה-ראט האט אין דער מעהרהייט בעשלאסען, אריינצולאזען די אידען אין ענגלאנד, נור אונטער בעגרענצענדע בעדינגונגען: זיי זאלען אפילו נישט טארען האבען דאס רעכט צו פערזאמלען זיך צו תפלה-בצבור און נישט טארען האלטען קיין קריסטליכע משרתים ביי זיך.

קראָמוועל האָט אָבער נישט געוואָלט וויסען פון אזא שלעכטסקייט, און האָט זיי ערלויבט צו פערזאַמלען זיך אין אַ פּריוואַטע הויז צום דאַווענען. מעהר הנחות האָט ער זיי אָבער נישט געקאָנט געבען, ווייל ער האָט געהאָט געגען זיך נישט בלויז די פאַנאַטישע גלחים, נור אויך דעם גרויסען המון, וועלכער האָט זיך בעצויגען אַבערגלויביש צו די אידען. די אונפערבעסערטע אידישע שונאים האָבען געמאַכט געוואַלדיגע אַנשטרענגונגען, כדי צו דערהויבען דעם המון געגען די אידען, פערשפּרייטענדיג געגען זיי די אונגלויבליכסטע מעשה'לעך און בלבולים.

אַמהעכסטען פאַנאַטיש אויפרעגענד געגען די אידען איז אַרויסגעטרעטען דער גלח וויליאַם פרינע, וועלכער האָט אָנגעמאַכט אַ'נאמת'ע מהומה מיט זיינע פאַמפלעטען. און אין ביכעל מיט'ן נאָמען: „געגען דעם אונגעזעצליכען אריינלאָזען אין ענגלאַנד" חזר'ט ער איבער פון דאָס נייע אלע אידענפיינדליכע דעקרעטען פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט געגען די אידען. אָבער אויך פון דער אַנדער זייט האָט מען נישט געשוויגען. משמעות, לויט קראָמוועל'ס פערלאַנג, האָט טהאָמאַש קאָליער אָנגעשריבען זיין ענטפער אויף פרינע'ס אָנקלאַגע געגען די אידען. זיין ביכעל האָט קאָליער געווידמעט דעם פּראָטעקטאָר קראָמוועל. ער שרייבט לויט'ן געשמאַק פון יענער צייט, פאָלגענדעס: „אָה, לאָמיר די אידען הויכשטעלען! לאָמיר ערוואַרטען דעם גרויסען טאָג, ווען זיי וועלען ווערען די גרעסטע נאַציאָן אויף דער וועלט! אָה, עס איז נאָהענט די צייט, ווען יעדער וועט זיך פיהלען גליקליך אָנצוריהרען זיך אָן די קליידער פון אַ אידען! אונזער ישועה (דאָס הייסט: די ישועה פאַר דער נשמה) קומט פון זיי. קריסטוס איז געווען אַ איד. מיר זענען אריינגענומען געוואָרען אין די גרויסע הבטחות, וואָס גאָט האָט זיי געמאַכט. די נאַטירליכע צווייגען זענען אָבגעשניטען געוואָרען, כדי מיר זאָלען קאָנען אריינגעשטעלט ווערען, אלס געזונדע צו-וואוקס-צווייגען. לאָמיר זשע, אוב גאָטעס ווילען, נישט בלייבען אונדאַנקבאַר. ניין, פאַר אונז וואָלט שוין גענוג זיין, ווען מיר זאָלען נור בעזיצען זייער גאַנצע גייסטיגע עשירות!"

און וועהרענד די השתדלות וועגען אריינלאָזען די אידען אין ענגלאַנד האָט זיך בעגעגענט מיט אַזעלכע גרויסע שוועריגקייטען, האָט די האָלענדישע רעגירונג דערוויל אָנגעהויבען צו קוקען מיט חשד אויף רבי מנשה'ס טעטיגקייט, דען זי האָט מורא געהאַט, אַז די אַמשטערדאַמער אידען מיט זייערע גרויסע קאַפּיטאַלען זאָלען זיך נישט אריבערציהען קיין ענגלאַנד. רבי מנשה האָט דעריבער געמוזט בערוהיגען דעם האָלענדישען געזאַנדטען אין ענגלאַנד, אַז זיינע השתדלות בעציהט זיך נישט אויף די האָלענדישע אידען, נור אויף די אנוסים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, וועלכע דאַרפען לעבען אונטער'ן חלף פון דער אינקוויזיציע, און וואָלטען געוואָלט זיך אריבערציהען אין אַ זיכער לאַנד, וואו זיי זאָלען קאָנען עפענטליך זיין אידען. ווייל אָבער קראָמוועל איז דאַמאָלס געווען פערנו-

מען מיט גרויסע און שווערע פאליטישע אינערליכע און אויסערליכע ענינים און האט זיך נישט געקאנט אבגעבען מיט דער אידישער פראגע. האט מען דעריבער געקאנט מיינען, אז פון דער גאנצער מיה און השתדלות וועט זיך גארנישט אויסלאזען. רבי מנשה'ס בעגלייטער, וועלכע האבען פערלוירען די האפענונג אויף א גוטען ערפאלג, האבען דעריבער פערלא- זען ענגלאנד; אנדערע, וועלכע זענען אנטלאפען פון שפאניען און פארטו- גאל, כדי צו קומען בעזעצען זיך אין ענגלאנד, און זענען שוין געווען אהינצו אין וועג, האבען זיך אומגעקעהרט צוריק און זיך בעזעצט אין איטאליען און גענף.

די אידישע פריינד זענען אבער נישט מיעד געווארען אין זייער טעה- טיגקייט און האבען נאך אלץ געהאפט ארויסצוהופען א גינסטיגערע שטי- מונג ביי די ענגלענדער לטובת די אידען. א הויכגעשטעלטע פערזענליכ- קייט, וועלכע איז געשטאנען נאהענט צו דער רעגירונג האט גערעטען רבי מנשה'ן, אז ער זאל געבען אנ'אומשטענדליכען ענטפער די אידישע שונאים אויף אלע טענות און בלבולים, וואס מען שטעלט ארויס געגען די אידען. די דאזיגע פערזענליכקייט האט אין דער פארם פון א בריף צו- זאמענגעשטעלט אלע דאזיגע טענות און אנקלאגען אויף אידען. דאס זענען געווען אלץ אלטע און פאלשע טענות, א שטייגער: אז די אידען געברויכען קריסטליך בלוט, אז זיי לעסטערען דעם קריסטליכען גלויבען און פערשילטען די קריסטען אין זייערע תפלות, און, ענדליך, אז זיי בוקען זיך צו דער תורה און צום ארון הקודש, ווי צו אנ'אבגאט. אויף די אלע דאזיגע בעשולדיגונגען האט רבי מנשה געענטפערט אין זיין ספר „תשועת ישראל" („די אידישע הילף"), וועלכען ער האט געשריבען זייענדיג אין לאנדאן (אפריל 1656), און דער ספר איז, מעגליך, דאס בעסטע, וואס איז ארויסגעגאנגען פון בן-ישראל'ס פעדער, דען ער איז געשריבען געווארען מיט זעהר א ווארים הארץ און דערפאר איבערצייגט ער דעם לעזער. גע- לעהרטע בעווייזען און לומדות פעהלען אפילו אינ'ם דאזיגען ספר אויך נישט, אבער נישט דאס איז דער הויפט-צוועק פונ'ם ספר. בשעת רבי מנשה האט זיין דאזיגען ספר געשריבען: איז ער, משמעות, געווען זעהר טרויעריג געשטימט ער איז געקומען קיין ענגלאנד פול מיט גוטע האפע- נונגען, א ער וועט אלס פערטרעטער פון אידישען פאלק, געווינען די סימפאטיע פון די קריסטען אדער נעהמען איהר אין שטורם, כדי צו מא- כען א וועג פאר דער הערויאפט פון די בני ישראל איבער די פעלקער פון דער ערד. לכוח האט מען די דאזיגע נאציאן (די אידישע) אוועקגעזעצט אזוי צו זאגען, אויף די בעשולדיגונגס-באנק און ער מוז ארויסטרעטען, אלס איהר פערטיידיגער. דעריבער איז דער טאן פונ'ם ספר נישט פון איי- נעם, וועלכער איז זיכער אין זיין נצחון, נור עלענדיש און טרויעריג. „צו- ערשט — שרייבט דער מחבר — מוז איך, מיט ביטערע טרעהרען און א פערקלעמטע הארץ, דערוויזען, ווי נישט ריכטיג און אונגערעכט עס איז יענע הארטע און שרעקליכע אנקלאגע געגען די צושפרייטע און שפל גע-

טאַכטע אידען, אז זיי (אָה, ווי ציטערט מיין פעדער, שרייבענדיג דאָס!) געברויכען קריסטליך בלוט צו באַקען אויף דעם די מצה און דעריבער דערהרגענען זיי קריסטליכע קינדער". דעם דאָזיגען שענדליכען בלבול איז געווידמעט א גרויסער טייל פון ספר, און די פערטיידיגונג איז זעהר א געלונגענע. דאָס, וואָס מען גלויבט אינם דאָזיגען בלבול, שטאַמט מייסטענס פון פאַלשע עדות, אָדער דערפון וואָס די אָנגעקלאָגטע אליין האָבען זיך, אין די שרעקליכע ענוים, וואָס מען האָט זיי אָנגעטהון, מודה געווען. די אונשולד פון די פעראורטיילטע איז על פי רוב שפעטער קלאָר געוואָרען פאַר אלעמען, אָבער מייסטענס שוין צו שפעט, ווען דער אונגליקליכער איז שוין געווען דערהרג'עט. דערביי דערוויזט דער מחבר, וואָס פאַר א ווערט עס קאָן האָבען דאָס מודה זיין זיך פון אַנ'אָנגעקלאָגטען, בשעת מען טהוט איהם אָן יסורים. אלס שלאַגענדען בעוויז דערצעהלט ער פאָלגענדען פאַל: א געוויסער שר אין פּאָרטוגאַל האָט געהאַט א דאָקטאָר, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען אין אינקוויזיציאָנס - געריכט, אז ער איז א איד. דער שר האָט זיך אָנגעהויבען משתדל זיין, אז מ'זאָל זיין בעליבטען דאָקטאָר בעפרייען, ווייל ער ווייס אויף זיכער, אז ער איז א געטרייער קריסט. די אינקוויזיציע האָט אָבער געלאָזט מערדעריש פייניגען דעם אָנגעקלאָגטען און דערשלאָגען זיך, אז ער זאָל זיך מודה זיין, דאָס ער איז א איד. דאַן האָט דער שר געלאָזט צו זיך רופען דעם גענעראַל-אינקוויזיטאָר, און ווען יענער איז אַריינגעקומען צו איהם אין צימער האָט ער די טהיר פערשלאָסען און איהם אָנגעהויבען סטראַשען מיט די גרעסטע יסורים, אויב ער וועט זיך באַלד נישט מודה זיין דאָס ער איז א איד. דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט זיך אָבגעזאָגט מירה צו זיין אין א זאַך, וואָס איז פאַלש. דאַן האָט מען געבראַכט אַנ'אָנגעגליטען רייף, וועלכען מען האָט איהם געוואָלט אָנטהון אויפ'ן קאָפּ. דער גרויס-אינקוויזיטאָר האָט זיך דערשראָקען און אָנגעשריבען אַנ'ערקלערונג, אז ער איז א איד און היט אָב בשתיקה די אידישע רעליגיע. — ענדליך אָבער שווערט רבי מנשה אין זיין ספר א הארבע שבועה, אז דער בלוט-בלבול איז פאַלש: „איך שווער, אַז איך האָב ביי אידען קיינמאָל אזא מנהג נישט געזעהען און אזא שענדליכקייט איז דורך די אידען קיינמאָל נישט בעגאַנגען געוואָרען". — נאָכדעם ווי ער איז מבטל אַלע בעשולדיגונגען נעגען די אידען, שליסט ער זיין ספר מיט א שענעם געבעט און אַנ'איפרוף צום ענגלישען פאָלק: „דו זעהר עהרווירדיגע ענגלישע נאַציאָן! איך בעט דיך גאַנץ אונטערטעניגסט, אויפצונעהמען מיינע בעוויזען אונפּאַרטייאיש, אָהן ליידענשאַפט און פאַר אויס אָנגענומענע פאַלשע מיינונגען; אפשר וועט גאָט געבען און עס וועט שוין קומען די צייט, וועלכע די נביאים האָבען פאָראויסגעזאָגט, אז מיר זאָלען אַלע גלייך דינען גאָט מיט א קלאָרען קאָפּ און הארצען און מיר זאָלען זעהען די נחמות און ישועות פון ציון".

דער דאָזיגער ספר פון רבי מנשה בן ישראל האָט געמאַכט דעם בעסטען איינדרוק, וואָס מען האָט זיך געקאָנט ווינשען. וואָרום אויב

קראָמוועל האָט אונטער דער פערגרעסערטער שוועריגקייט פון זיין רעגירונג נישט געקאָנט דורכפיהרען געזעצליך, אַז מען זאָל אריינלאָזען די אידען אין ענגלאַנד. האָט ער דאָך אָבער געמאַכט די גוטע התחלה דערצו. איין פאָרפאַל האָט בעוואויזען קראָמוועל'ס ארויסצוגעהן פון זיין אָבגעהאַלטענקייט אין דער אידישער פראַגע. דער רייכער ראָבלעס איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר'ן געריכט, אַז ער איז אַ פּאָרטוגעזישער פאַפּיסט (קאַטאָליק) און מען האָט זיין פערמעגען קאָנפיסקירט (1656), ווייל ענגלאַנד איז דאַמאָלס געשטאַנען אין מלחמה מיט פּאָרטוגאַל, און מען האָט די פאַפּיסטען בכלל נישט סובל געווען. אָבער דער מלוכה-ראַט האָט — בלי ספק אויף קראָמוועל'ס פערלאַנג — מבטל געמאַכט די קאָנפיסקאַציע, משמעות אויפ'ן סמך, וואָס דער אָנגעקלאָגטער איז כלל נישט קיין קאַטאָליק, נור אַ איד. אַזוי אַרום איז אַלזאָ געזעצליך אָנערקענט געוואָרען אין ענגלאַנד, אַז די אנוסים האָבען דאָס רעכט צו זיין אין ענגלאַנד, און די אנוסים, וועלכע האָבען אין לאָנדאָן געוואוינט, האָבען אָנגעהויבען אראָבצוּוואַרפען זייער קאַטוילישע מאַסקע. דורך דער השתדלות פון קאַרוואַיאַל און שמעון דע קאַצעראַס האָט מען זיי ערלויבט, צו גרינדען אַן אייגענעם בית-עלמין פאַר זייער קליינער קהלה (פעברואַר 1657). פון איצט האָבען זיי געקאָנט אָבהיטען עפענטליך זייערע יום-טובים, ווי אויך דאַווענען תפלה בצבור. מען האָט זיי אָבער בעטראַכט, אַלס פרעמדע, און גענומען ביי זיי דעריבער העכערע שטייערן. גאַנץ אָהן ערפאָלג איז דעריבער נישט געבליבען רבי מנשה'ס השתדלות. קראָמוועל האָט אָבגעלאָזען רבי מנשה'ן מיט גרויס כבוד און בעשטימט פאַר איהם (20-טען פעברואַר 1657) אַ יעהרליכע פענסיע פון הונדערט פונט שטערלינג פון דער מלוכה-קאַסע. קיין לאַנגע צייט אָבער האָט רבי מנשה נישט געהאַט קיין נוצען פון דער פענסיע, דען ער איז באַלד נאָכדעם געשטאָרבען, משמעות, פון גרויסער אָנשטרענגונג און פון גרויסער עגמת-נפש, וואָס פון זיינע גלענצענדע האָפנונגען האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזען. אפילו מיט זיין משפחה האָט ער זיך שוין מעהר נישט געזעהען, דען ער איז געשטאָרבען אויפ'ן וועג צוריק אַהיים אין מידעלבורג (נאָוועמבער 1657). זיין ארון האָט מען שפּעטער געבראַכט קיין אַמשטערדאַם, וואו מען האָט איהם מקבר געווען און געשטעלט אַ שענע מצבה.

אַ יאָהר שפּעטער איז געשטאָרבען קראָמוועל און מיט זיין טויט האָט די רעפּובליקאַנישע, ווי אויך די מיסטישע שטימונג אָבגעטראָטען דעם אָרט פאַר דער מאָנאַרכיסטישער ריכטונג. צוויי יאָהר נאָך קראָמוועל'ס טויט האָט דער פעלד-העהר מאָנק אריינגעפיהרט מיט טריאומף דעם קעניג קאַרל II אין ענגלאַנד. דער דאָזיגער לעבענסלוסטיגער און שטענדיג געלד-ברויכענדער קעניג האָט שוין פריהער געפיהרט אונטערהאַנדלונגען מיט די אַמשטערדאַמער אידען, און ער האָט זיי פערזיכערט, אַז, אויב זיי וועלען איהם שטיצען מיט געלד און געוועהר, וועט ער, ווערענדיג קעניג, אריינלאָזען זיי וואוינען אין ענגלאַנד. איצט האָט ער

וואָרט געהאַלטען. ער האָט ערלויבט פיעל אידען צו בעזעצען זיך אין ענגלאַנד, נישט רעגולירענדיג אָבער זייער בעציהונג צו דער מלוכה אויף א געזעצליכען אופן.

דערמיט איז אַלזאָ געמאַכט געוואָרען די ערשטע התחלה, צו בע־האַנדלען די אידען נישט ווי אויסוואורפען, נור ווי אנשטענדיגע מענשען. עס האָט אָבער געדויערט נאָך כמעט הונדערט און פופציג יאָהר, ביז מען האָט אין א טייל פון איירָאָפּאָ געזעצליך בעפרייט די אידען פאָלקאָמען פון זייער קנעכטישער איינשמיעדונג. אויך צו דער בעפרייאונג און לוי־טערונג פון יודענטום, וועלכעס האָט זיך ענטוויקעלט אין א משך פון דריי־טויזענד יאָהר און אריינגענומען פיעל נייע עלעמענטען, איז אויך געמאַכט געוואָרען א געוויסע התחלה אין דער איצטיגער עפּאָכע. אָבער נישט אין ענגלאַנד, נור אין אַנ'אַנדער לאַנד. דער דאָזיגער פּראָצעס האָט זיך אָבער געצויגען זעהר לאַנג און האָט זיך נאָך נישט געענדיגט עד היום. דאָס דרייטויזענד־יעהריגע יודענטום איז דאַמאָ"לס גלייך געווען צו אַנ'איידע־לען קערן, אויף וועלכען עס זענען אַנגעוואַקסען איינע אויף די אַנדערע פיעל שאָלעכטס־שיכטען, וועלכע זענען טיקהוייז פערשטיינערט געבליבען, טיילווייז האָבען זיי אריינגענומען און געלאָזט וואַקסען אין זיך פרעמדע קערנער; דער אינערליכער איז דעריבער אַזוי פערהילט געוואָרען, אז נור וועניג חכמים האָבען זיך געפונען, זעהר וועניג, וואָס האָבען איהם געקאָנט דערקענען פון אויסענוועניג. די קערנגעדאַנקען פון די נביאים זענען שוין לאַנג פערהילט געוואָרען אין א געדיכטען נעבעל פון פירושים, וואָס עס האָבען געמאַכט צו זיי די סופרים, און די תלמודיסטען, וועלכע האָבען זיי אַרומגעצוימט מיט טויזענדער צוימען. אין א משך פון טויזענד יאָהר האָבען זיך אויף זיי געלעגט נייע שיכטען פון די גאונישע, שפּאַנישע, פראַנצויזישע, דייטשע און פוילישע רבנים און אין דעם אַלעם האָט זיך נאָך איינגעוואָרצעלט אויך די קבלה, וועלכע האָט אַלץ אַרומגעוועבט מיט א נעץ פון גאַנץ נייע געדאַנקען. אַלע דאָזיגע אַנוואַקסונגען און צובוי־אונגען זענען פערהייליגט געוואָרען אינ'ם משך פון דער לאַנגער צייט; זיי־ער אַלטקייט האָט זיי נישט אָבגעשוואַכט, נור קראַפט געגעבען. אַנריהרען זיך אָן זיי האָט מען נישט געטאָרט. מען האָט בכלל שוין מעהר נישט גע־פרעגט: וואָס זאָגט וועגען דעם אָדער יענעם ענין די תורה, אָדער וואָס האָבען געהאַלטען וויכטיגער פאַר אַלץ די נביאים? מען האָט אפילו שוין אויפגעהערט צו בעאַכטען, וואָס דער תלמוד האַלט פאַר וויכטיג אָדער אונוויכטיג, מען האָט זיך שוין סומך געווען נור אויף דער אויטאָריטעט פון די רבנים אַליין, די לעצטע אינסטאַנץ איז געוואָרען רבי יוסף קארו און רבי משה איסרליש (בית יוסף און רמ"א), נור זיי האָבען געהאַט די איינציגע דעה צו זאָגען, וואָס איז אידישלעך און וואָס נישט. כמעט אַלע רבנים און מנהיגים פון די אידישע קהלות, אין דער גרויסער שטאָדט אַמשטערדאַם, ווי אין דער קלענסטער קהלה אין פוילען,

דער חכם רבי יצחק אבוהב דע פאנסעקא, ווי רבי
ישעיה הורוויץ (של"ה), וועלכער איז אויסגעוואנדערט קיין ארץ
ישראל — אלע זענען געווען גלייכע הייסע אנהענגער פון דער קבלה. די
רבנים, וועלכע האבען זינט דעם פיערצעהנטען יאהרהונדערט, מיט דער
פערטרייבונג פון דער וויסענשאפט, איבערגענומען די הויפט־ממשלה ביי
אידען, האבען געמאכט געוואלדיגע שריט פארווערטס, נישט זעהענדיג
פאר זיך קיין שום גרעניץ און קיין אבהאלט. דעם אריז"ל'ס לעהרע וועגען
גלגולים, וועגען דעם שורש פון די נשמות, וועגען דער פראקטישער קבלה,
וועגען אויסקויפען די חטאים דורך דעם אנשליסען זיך פון א פרעמדער
נשמה א. א. וו. האט נאך זיין טויט בעקומען אלץ מעהר אנהענגער און
פעראינטערעסירט אלץ גרעסערע קרייזען, ביז זי האט איינגענומען כמעט
איינגאנצען די אידישע וועלט. לוריא'ס תלמידים, די „גורי האר"י",
ווי זיי פלעגען זיך רופען, בעזונדערס רבי חיים וויטאל קאלאב
רעזע מיט זיינע זיהן האבען אנגעהויבען פיהרען א ממשות'דיגע נשמה־
פאנגעריי פאר זייער לעהרע, פערשפרייטענדיג וואונדערליכע ספורים און
איינהילענדיג זיך אין סודות און רמזים, וועלכע גאנץ ווייניג מענשען הא
בען געקאנט פערשטעהען. רבי חיים וויטאל האט אין א משך
פון כמעט פופציג יאהר (1572—1620) געווירקט אין ארץ־ישראל און אין
די ארומיגע לענדער; רבי ישראל סרוק האט פערשפרייט דעם
אריז"ל'ס קבלה אין איטאליען און אין האלאנד, און רבי אברהם דע
הערערא (געשט. 1639), וועלכער האט מצד זיין מוטער געשטאמט
פון א שפאנישען קאפיטאן און וויצע־קעניג פון נעאפאל, איז געווארען
א התלהבות'דיגער בעל מקובל און האט געשריבען א ספר אין דער „חכמת־
הנסתר". רבי מנשה בן ישראל און אלע אידישע חכמים פון זיין צייט,
די עלטערע, ווי די יונגערע, זענען געווען הייסע אנהענגער פון דער קבלה.
ס'זענען אבער אויך געווען אזעלכע חכמים ביי אידען, וועלכע זענען שטארק
מסופק געווען אין דער ריכטיגקייט פון דער קבלה, און אנדערע ווידער,
וואס האבען, צווייפלענדיג אין דער ריכטיגקייט פון דער קבלה, אויך אנ
געהויבען צו צווייפלען אין דער רבנישער ליטעראטור, בכלל אין יענער
פארמע פון יודענטום, וועלכע די רבנים און בעלי מקובלים האבען איה
געגעבען. אנדערע אבער האבען אנגענומען די ספקות פאר א געוויסהייט
און האבען אנגעהויבען אונטערגראבען דעם הויפט־בנין פון יודענטום.
עס פערשטעהט זיך, אז אזעלכע אפיקורסים האבען זיך בעוויזען נישט צווי
שען די דייטשע, פוילישע, אדער אזיאטישע אידען, נור אין די פארטו
גיעזישע און איטאליענישע קהלות, וועלכע זענען געשטאנען אין נאהענטע
בעציהונגען מיט די געבילדעטע געזעלשאפטליכע קרייזען. ווי שטארק די
אנוסים, וואס זענען אנטלאפען פון דער אינקוויזיציע, זענען געווען צוגע
בונדען צום יודענטום, האבען זיי דאך אבער, אלס מענשען מיט א הויכער
בילדונג, וועלכע זענען געקומען פון א פרעמדער סביבה, געמוזט באלד
איינזעהען, אז עס איז א גרויסער אונטערשיד צווישען דעם אלטען יודענ

טום, דעם ריינעס, און דעם נייעס, היסטאָריש ענטוויקעלטען. פאַר יענע
אידען, וואָס האָבען דאָס יודענטום קיינמאָל נישט געהאַט פערלאָזען און
זענען געווען מיט איהם צוזאַמענגעוואַקסען, זענען די חומרות, סיגים און
הוספות פון די רבנים געווען אַ גאַנץ נאַטירליכע זאַך, ווייל זיי האָבען
דאָך אַליין געוואָלט אָבהיטען די רעליגיע פון די אבות וואָס הייליגער און
וואָס בעסער; שווער איז דאָס פאַר זיי אויך נישט געווען, ווייל זיי זענען
דערמיט אויסגעוואַקסען און אפילו אויך די אויסטערלישע פאָרמען פון
דער רעליגיאָן זענען זיי פאָרגעקומען אַלס אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. נישט
אַזוי איז עס געווען מיט די אנוסים, וועלכע זענען מיט די חומרות כלל
נישט געוועהנט געווען און זיי זענען זיי פאָרגעקומען אַלס אַן'אומזיסטער
באַלאַסט אין דער רעליגיאָן. עס האָבען זיך צווישען זיי אָנגעהויבען בע-
ווייזען אַלערליי צווייפלען. איין האַמבורגער איד, למשל, וועלכער האָט
געשטאַמט פון די אנוסים, האָט אַרויסגעשטעלט פיעל בעווייזען געגען
דער ריכטיגקייט פון די תלמודישע הלכות. ביסלעכווייז האָט מען אין
די קרייזען פון די געוועזענע אנוסים אָנגעהויבען צו ריידען מיט אונצו-
פרידענהייט וועגען פיעל ענינים, וועלכע זענען געווען הייליג פאַר אַ פרו-
מען אידען אין דייטשלאַנד, אָדער אין פוילען. לסוף אָבער זענען צווישען
זיי אַרויסגעטראָטען דריי בעגאַבטע פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען
עפענטליך אַרויסגעזאָגט, דאָס, וואָס מען האָט פריהער ערלויבט זיך נור צו
טראַכטען פאַר זיך. דאָס זענען געווען אוריאל אקאָסטאַ, רבי
יהודה לעאָן מודינה (Modena) און רבי יוסף דעל-
מעדינאַ; מען קאָן נאָך צו זיי אויך צורעכענען שמעון לו-
צאַטאָ. זיי אַלע האָבען זיך בעמיהט צו בעווייזען די פעהלערן, וועלכע
האָבען זיך ענטוויקעלט אין יודענטום און דעם שאָדען, וואָס עס קומט
דערפון אַרויס; אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט אָנווייזען אויך,
מיט וואָס און ווי אַזוי אויסצובעסערען דאָס יודענטום, ווי זיי זע-
נען אויך נישט געווען אימשטאַנד אַליין צו פערווירקליכען די אויסבע-
סערונג.

אוריאל דאַ קאָסטאַ (גבריאל אַקאָסטאַ, געבוירען 1590,
געשט. 1640) איז געווען אַן'אָריגינעלע ערשיינונג, וואָס זיין אויסערער
לעבען און די אינערליכע איבערלעבונגען האָבען איהם מיט אַ געוויסער
נאַטירליכער נויטווענדיגקייט געמוזט פיהרען צו סתירות געגען דעם יו-
דענטום. ער האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון אנוסים אין אָפּאָרטאָ,
וועלכע האָט איבערגעליטען אַזוי פיעל יסורים און רדיפות פון דער אינ-
קוויזיציע, אַז זי איז ענדליך געוואָרען באמת געטריי ערגעבען דעם קאַ-
טוילישען גלויבען. זיין פאָטער האָט געהערט צו דער הויכער פּאָרטוגיע-
זישער אַריסטאָקראַטיע און פון איהם האָט גבריאל געלערנט צו זיין אַ
געטרייער קאַטאָליק און אַ טיכטיגער ריטער. אַלס צוועק אין לעבען האָט
ער זיך אויסגעקליבען דעם איינציגען וועג, וועלכער איז געווען מעגליך

פאר'ן בירגער-שטאנד — די יוריספרודענציע, וועלכער מען האט געקאנט קומען אויך צו א העכערער מדרגה — אריינצונעהן אין דער טעאלאגישער אקאדעמיע און ווערען א גלח. אין יוגענד-צייט האט דער יעזואיטען-ארדען שוין געהאט א געוואלדיגע קראפט איבער די געמיטער אין פארטוגאל, און די מיטלען, וועלכע דער יעזואיטען-ארדען האט אנגעווענדעט אויפצורייצען די פאנטאזיע פון דער יוגענד און צו פערקנעכטען איהר דאדורך ביי דער קירכע, געמליך: דאס שילדערן די שרעקליכע יסורים, וואס די זינדיגע נשמות האבען אויסצושטעהן אין גיהנם און די גרויסע הייליגקייט, וואס מען קאן דערגרייכען דורך תפלות — אט די מיטלען האבען זיך דערוויזען פאר זעהר גוטע. די יוגענד האט אנגעהויבען גלויבען, אז נור דורך א פינקטליכען מעכאנישען ערפילען אלע בעפעהלען פון דער קאטוילישער קירכע און דורכ'ן שטענדיגען מתודה זיין זיך פאר א גלח, קאן מען אויסמיידען די אימות פון גיהנם. גבריאל דא קאסטא האט, ווי אנדערע יונגעלייט, שטרענג ערפילט די עצות פון די יעזואיטען, אבער זיין געוויסען האט זיך דאדורך נישט בערוהיגט; עפעס וואס האט זיך בעוועגט און געגראבען זיך אין זיין אידישער נשמה, וועלכעם האט בשום אופן זיך נישט געקאנט צופאסען אינגאנצען צו די יסודות פון דער קאטוילישער אמונה. וואס מעהר ער האט זיך פערטיפט אין די דאגמאטען פון די יעזואיטען, אלץ מעהר ספקות האבען זיך דערוועקט אין איהם און נישט געלאזט איהם צו-רוה. כדי צו בעפרייען זיך פון די ספקות, האט ער זיך גענומען פאר די אלטע ספרים — פאר'ן תנ"ך. די נביאים האבען איהם געדארפט פערענטפערן אלע זיינע ספקות און רעטענישען, וועלכע די רוימיש-קאטוילישע קירכע האט איהם טאג-טעגליך אויפגעגעבען. דער פרישער גייסט, וועלכער האט אויף איהם אנגעהויבען וועהען פון דעם אידישען תנ"ך, האט איהם עטוואס בערוהיגט, האט'ש געלעזען האט ער דעם תנ"ך אין זיין לאטיינישער, בכיון פערדארבעטער איבערזעצונג. די יסורים פון יודענטום זענען איהם ערשינען בעזונדערס ריכטיג דערפאר, וואס אויך דאס עוואנגעליום און די קאטוילישע קירכע אנערקענט זיי פאר ריכטיגע. דא-קאסטא האט דעריבער זיך בעשלאסען, אבצוזאגען זיך פון קאטוילישען גלויבען און צוריקקעהרען צום יודענטום. זייענדיג פון דער נאטור א העפטיג לײדענשאפטליכער כאראקטער, האט ער זיך באלד גענומען פערווירקליכען זיין בעשלוס. נישט אבטענדיג אויף דער שטרענגער שטענדיגער בעאבאכטונג, וואס די אינקוויזיציע האט אויסגעשטעלט אויף די משפחות פון די אנוסים, איז עס דאך געלונגען דא-קאסטא צו בעקומען א שיף, וואס זאל איהם אריבערפיהרען קיין אמשטערדאם, וואוהין ער איז געקומען צוזאמען מיט זיינע ברידער, און זיי אלע האבען זיך געלאזט מל'ן און אנגענומען דעם יודענטום. ג ב ר י א ל האט אנגענומען דעם נאמען א ו ר י א ל.

א היים-בלוטיגע נאטור, פול פייערדיגע התלהבות, האט ער זיך פארגעשטעלט, צו געפינען אין אמשטערדאם א אידעאל פון א יודענטום,

ווי דאס איז אין דער ווירקליכקייט כלל נישט געווען בנמצא. אין דער
יונגער אמשטערדאמער קהלה האט ער געמיינט צו געפינען אנ׳ארדנונג,
ווי זי ווערט געשילדערט אין תנ״ך וועגען דעם אלטען אידישען פאטריאר-
כאלען לעבען; ער האט געוואלט דארט געפינען א הויכען, ערהאבענעם
גייסט, א ליכטיגע וועלט, וואס זאל איהם קאנען באלד געבען אנ׳ענטפער
אויף אלע ספקות, וועלכע עס האט אין איהם דערוועקט די קאטוילישע
אמונה. דא-קאסטא האט זיך געהאט אויסגעבויט אין זיין פאנטאזיע רע-
ליגיעז-דאגמאטישע לופט-שלעסער און איז נעווען העכסט ערביטערט, ווען
ער האט זיי אין דער ווירקליכער וועלט נישט געפונען. ער האט באלד
איינגעזעהן, אז דאס רעליגיעזע לעבען פון דער אמשטערדאמער אידישער
קהלה און די אידישע געזעצען שטימען כלל נישט איין מיט די בעפעהלען
און געזעצען פון משה׳ס ח ו מ ש. ווייל אבער ער האט געבראכט גרוי-
סע קרבנות פאר זיינע איבערצייגונגען, האט ער געמיינט, אז ער האט
דאס רעכט ארויסצוזאגען זיינע מיינונגען עפענטליך און אויפצעווייזען
דעם תהום, וועלכער ליגט צווישען משה׳ס תורה און דעם רבנישען אי-
דענטום. ער איז געווארען שרעקליך אויפגערעגט און שטארק צורייצט
און האט זיך שוין מעהר נישט בעגניגט מיט׳ן ארויסזאגען זיינע מיינונגען
פריי און אפען, נור ער האט אויך אין לעבען זיי אנגעהויבען צו פערווירק-
ליכען, נייט אבהיטענדיג פיעל געבאטען און דינים, וועלכע זענען, לויט
זיין מיינונג נישט געווען פערפליכטענד; דערביי האט ער געגלויבט, אז
ער טהוט אנ אמת׳ע מצוה דערמיט, וואס ער היט נישט אב די בעפעהלען
פון די פ ר ו ש י ם (קויט ווי ער איז געווען געוואוינט צו רופען די
רבנים, זייענדיג א קאטאליק און לייענענדיג אהן אויפהער דעם עוואנגעל-
יום) און טרעט ארויס געגען זיי. עס פערשטעהט זיך, אז דאדורך האט ער
זיך געשטעלט אין א שטענדיגען קאנפליקט מיט די ארומיגע אידען און
האט געהאט צו ליידען זעהר פיעל אונאנגענעהמליכקייטען, וועלכע הא-
בען זיין לאגע נאך מעהר פערערגערט. אבער צי האבען די אמשטערדא-
מער אידען, וועלכע האבען אזוי פיעל געליטען צוליב זייער רעליגיאן —
צי האבען זיי געקאנט רוהיג צוזעהען, ווי איינער פון זיי טרעט מיט די
פיס די דאזיגע רעליגיאן און שפאט-אב פון איהר, ווערענד זי איז דאך
געווען זיי אזוי ליעב און טייער ? דערצו נאך זענען זיי דאך געווען אמא-
ליגע בירגער פונ׳ם לאנד פון דער אינקוויזיציע און האבען כלל קיין בע-
גריף נישט געהאט וועגען דעם, וואס הייסט טאלעראנץ אין גלויבענס-זאכען.
די רבנים האבען דעריבער אנגעהויבען סטראשען דאקאסטא, אז זיי ווע-
לען איהם ארויסשטויסען פון זייער סביבה, (אריינלעגען אין חרם), אויב
ער וועט נישט אויפהערען עובר צו זיין אויף די געבאטען פון יודענטום.
די סטראשונקעס און דראהונגען האבען אבער דעם העפטיגען אקאסטא
אויפגעבייצט נאך מעהר: דורך די קרבנות, וועלכע ער האט געבראכט
אבזאגענדיג זיך פון א גלענצענדער קאריערע, האט ער זיך נישט געוואלט
האבען געקויפט נייע קייטען, וועלכע זענען פאר איהם געווען נאך שווע-

רער, ווי די קאַטוילישע. ער האָט זיך ווייטער נוהג געווען אויף זיין שטיי-
גער, און מען האָט איהם דעריבער אריינגעלעגט אין חרם. זיינע אייגענע
קרובים האָבען זיך פון איהם דערווייטערט און האָבען מיט איהם קיין
וואָרט מעהר נישט גערעדט. דאַקאָסטאַ האָט זיך פּלוצלונג דערזעהען
איינזאַם און אליין אין דער גרויסער שטאָדט. זייענדיג געשיעדען פון די
אידען, פון זיינע פריינד און קרובים, נישט האָבענדיג קיין פערבינדונג
מיט דער אָרטיגער קריסטליכער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט נאָך אפילו
איהר שפּראַך נישט פערשטאַנען, איז ער אריינגעפאלען נאָך אין א טיפע-
רער אויפגערייצטקייט. דאַן האָט ער געוואָלט מחבר זיין א ספר, כדי
אויפצעווייזען די גרויסע סתירות, וואָס ער האָט געפונען צווישען דעם
יודענטום און משה'ס חומש. אין זיין ספר האָט ער געוואָלט אָנווייזען, אַז
אין משה'ס תורה געפינט זיך נישט קיין איינציג וואָרט וועגען גיהנם און
גן עדן, וועגען בעשטראָפונג פאַר עבירות און בעצאָהלען שכר אויף יענער
וועלט, אין עולם-הבא, פאַר מצוות, ווי עס ווערט דאָרט אויך נישט דער-
מאָהנט וועגען דעם, אַז נאָכ'ן טויט פונ'ם גוף בלייבט לעבען די נשמה.
דער פרייער גדאנק האָט איהם געפיהרט נאָך ווייטער, און ער האָט בכלל
אָנגעהויבען אָבצולייקענען אין דער אמונה, אַז אינ'ם מענשען לעבט א
נשמה.— אָבער נאָך איידער אוריאל אַקאָסטאַ האָט אזאַ בוך אָנגעשרי-
בען, איז זיין כתה דערוואוסט געוואָרן די מנהיגים פון דער אַמשטער-
דאַמער קהלה, וועלכע האָבען דעריין דערזעהען א שריט מחלל שם צו זיין
דעם יודענטום עפענטליך. דאַן איז אַרויסגעטראָטען א אידישער דאָקטאָר:
ש מ ו א ל ד ע ס י ל ו א מיט א ווערק, געשריבען אין פּאָרטוגעזיש,
מיט'ן נאָמען: „וועגען דעם לעבען פון דער נשמה נאָכ'ן טויט פון גוף"
(1623). „דאָס בוך — ערקלערט דער מחבר — שרייבט ער, כדי צו ענט-
פערן אויף די רייד פון א געגנער. וועלכער פערשפּרייט אין זיין שנעין
פערדערבליכע מיינונגען". ד ע ס י ל ו א דערמאָהנט אָבער אויך
בפירוש אַקאָסטאַ'ס נאָמען אין זיין ספר און זידעלט איהם אלס א „פער-
בלענדעטען מענשען, וועלכער האָט נישט קיין פעהיגקייט". אוריאל
אַקאָסטאַ האָט אזאַ בעליידיגונג נים געקאָנט אריבערטראָגען און פער-
עפענטליכט זיין ווערק (5—1624), אויך אין פּאָרטוגעזיש, מיט'ן נאָמען:
„א פאָרשונג וועגען דער טראַדיציע פון די פּרושים". דורכ'ן דאָזיגען ספר
האָט ער פאָרמעל געבראָכען מיט'ן יודענטום און האָט דעריבער געמוזט
ליידען אויך די רעזולטאַטען פון אזאַ שריט. די אָפיציעלע פערטרעטער
פון דער אַמשטערדאַמער קהלה זענען אַרויסגעטראָטען געגען איהם מיט
אַנ'אָנקלאַגע צום מאַגיסטראַט, אַז ער לייקענט אָב אין דער אונשטערב-
ליכקייט פון דער נשמה און דאָדורך קעמפט ער נישט בלויז געגען דעם
יודענטום, נור אויך געגען דעם קריסטענטום און פערשפּרייט שעדליכע
אפיקורסות. באַלד נאָכדעם האָט מען אוריאל דאַקאָסטאַ ארעסטירט און
אָבגעהאַלטען איהם פיעל טעג אין תפיסה; ענדליך האָט מען איהם בע-
פרייט, אַרויפלעגענדיג אויף איהם א געוויסע געלד-שטראָף. פון יענער

צייט אן האט ער געלעבט, אלס א מוחרם, איינזאם און פערלאזען פון אלעסען איינער אליין. די איינזאמקייט האט איהם געדריקט זעהר שטארק, ער האט נישט געקאנט פערטראגען א לעבען, אבגעשיידט פון זיינע נאהענטע קרובים און פריינד, אלס אנ'אנגעשטעקטער מיט העסליכע קרעץ. דאקאסטא איז נישט געוועזען קיין שטארקער גייסט, וואס זאל זיך קאנען בעגעהן אהן דער וועלט. ער האט גאר געוואלט חתונה האבען, כדי זיך א הויז צו בויען; אלס א מוחרם, איז פאר איהם דאס געווען אונמעגליך. דעריבער האט ער ענדליך נאכגעגעבען די ביטע פון זיינע קרובים, צו מאכען שלום מיט דער קהלה. ער האט עפענטליך אנערקענט לפנים, בלויז מיט די ליפען, די יסודות פון יודענטום, דיקא אין א מאמענט, ווען ער האט אינערליך שוין געהאט אינגאנצען איבערגעריסען מיט איהם. אוריאל אקאסטא איז אליין דאמאלס געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אפילו דאס ביבלישע יודענטום שטאמט אויך נישט פון גאט. ער האט שוין דאמאלס פיעל מעהר נוטה געווען צו דער פילאסאפישער לעהרע, וועלכע אנערקענט גאט נור אין דער נאטור (Deismus) אבער נישט אין די רעליגיאנען, אדער אין די מאראלישע געזעצען.

אבער נישט אכטענדיג דערויף, וואס לויט זיין דענקען איז ער שוין געוועזען ווייט פון יודענטום, האט ער זיך בעשלאסען עפענטליך תשובה צו טהון, כדי דאדורך צו קויפען זיך די נויטיגע רוהיגקייט און בעקוועמליכקייט אין לעבען. דערביי האט ער פערגעסען אויף א ווייל זיין ליידענשאפטליכע נאטור, וועלכע האט גענגען זיין ווילען צוגעקומען ביי איהם אי דאס איינע, אי דאס אנדערע. ער האט נישט געקאנט אבזאגען זיך פון פיעל געוואוינהייטען, כדי צו פאלגען די בעפעהלען פון דער אידישער רעליגיאן, און האט אויף פיעל פון זיי עובר געווען בשתיקה. באלד האט זיך ווידער אנגעהויבען די מחלוקת צווישען איהם און די פערטרעטער פון דער קהלה. די רבנים האבען איהם איינגעלאדען צום צווייטען מאל, צו שטעלען זיך פאר זייער בית דין, שטראפענדיג איהם פאר זיינע עבירות און ערקלערענדיג, אז צום צווייטען מאל קאן ער אויסמיידען דעם חרם נור דאדורך, וואס ער וועט עפענטליך תשובה טהון. אזא זאך האט איהם אבער שוין נישט ערלויבט צו טהון זיין נאטירליכער שטאלץ,— און מען האט איהם ווידער ארייננעלעגט אין חרם, אבער אין שוין א פיעל שווערערער פארם. מיט דער גרעסטער הארטקייט אבער האבען זיך מיט איהם בעגאנגען זיינע קרובים, ווייל זיי האבען געהאפט דאדורך איהם צו צווינגען תשובה צו טהון.

דאקאסטא, וועלכער האט יערוויל שוין געהאט איבערגעלעבט די גרעסערע העלפט פון זיין לעבען און איז שוין מיעד געווען, האט געגארט נאך מעהר רוהיגקייט און דעריבער האט ער פון דאס ניי איינגעשטימט תשובה צו טהון עפענטליך. די אידישע רעליגיאן ווייסט אפילו בכלל נישט פון אנ'עפענטליכער תשובה, ווי זי האט אויך נישט קיין פעסט-

געשטעלטע דינים, ווי אזוי מען דארף אזא תשובה פערווירקליכען. לויט'ן יודענטום קאן און דארף די תשובה זיין א פריוואטע זאך, וואס דער מענש מאכט אליין דורך צווישען זיך און זיין גאט אין דער שטיל, נישט דעמאנסטרירענדיג דאס פאר דער וועלט. אבער די אמשטערדאמער „חכמים" און די מנהיגים פון דער קהלה, וועלכע זענען אלע געווען פריהערע אנוסים האבען געהאט וועגען דעם פארטיגע דינים, וועלכע זיי האבען גענומען ביי דער אינקוויזיציע און האבען שוין געוואוסט, ווי אזוי מען ארדענט איין „אנ'עפענטליכע תשובה".

ווי נור דא-קאסטא האט ארויסגעזאגט זיין פערלאנג תשובה צו טהון, האט מען איהם אריינגעבראכט אין שוהל, וועלכע איז געווען געפאקט מיט מאנזביל און פרויען, ווייל מען האט געוואלט די זאך מפרסם זיין — א נייער אויטא-דא-פע. עס הייסט א גלויבענס-אקט אויפ'ן אידישען שטייגער, — כדי זיין חרטה זאל בעקענט ווערען וואס מעהר מענשען, וועלכע דארפען זיך א מוסר ארויסנעהמען. אין שוהל איז אוריאל ארויפגעשטיגען אויפ'ן בימה און האט אנגעהויבען זאגען זיין ודוי: ער האט מחלל-שבת געווען, געגעסען טריפות, געלייקענט אין יסודות פון דער אמונה און געראטען מענשען, אז זיי זאלען נישט צושטעהען צום יודענטום. דערביי האט ער פייערליך ערקלערט, אז מעהר וועט ער שוין אזעלכע עבירות נישט טהון, נור ער וועט פרום זיין און לעבען אלס געטרייער איד. דערנאך איז ער אהינגעגאנגען אין א ווינקעל פון שוהל, וואו ער האט אראבגעווארפען פון זיך די קליידער „ביז'ן גארטעל", און מען האט איהם געגעבען נייען און דרייסיג מלקות. דאן האט ער זיך געמוזט זעצען אויף דער ערד, און ערשט דאמאלס האט מען פון איהם דעם חרם ארונטערגענומען. דערמיט האט זיך אבער די זאך נאך נישט געענדיגט: ער האט זיך ערשט געמוזט לייגען אויף דער שוועל פון שוהל אין טהיר, כדי אלע זאלען אריבערגעהען אויף איהם. דאס איז געווען א העכסט שטרענגע תשובה, לויט ווי די אנוסים, אדער זייערע עלטערן האבען עס געזעהען, אדער אליין דורכגעמאכט אין אינקוויזיציאנס-געריכט. די אמשטערדאמער רבנים האבען דערמיט כלל נישט געמיינט נקמה צו נעהמען פון זייער געגנער; זיי האבען בתמימות געוואלט, אז ער זאל אבקומען אויף דער-וועלט פאר זיינע עבירות, כדי די תשובה זאל איהם אבריינינגען און ער זאל זוכה זיין צו עולם-הבא. אבער די חרפה און בזיונות, וועלכע אקאסטא האט איבערגעלעבט, האבען איהם דערוועקט, צו נעהמען נקמה. ער האט בעשלאסען, צו שטארבען, אבער צוגלייך נעהמען נקמה פון זיין הויפט-רודף, זיין ברודער, אדער שוועסטער-קינד. כדי צו דערוועקען רחמנות פאר זיך ביי די מענשען פון זיין צייט און די שפעטערדיגע דורות, האט ער אנגעשריבען די טרויעריגע געשיכטע פון זיין לעבען, ווי אויך אנ'ערקלערונג וועגען זיינע מיינונגען. אינ'ם לעצטען טייל געפינען זיך אויך מאוסע אנפאלען אויפ'ן יודענטום, כדי צו פערשווארצען די אידען אין די אויגען פון די קריסטען, און די מלוכה זאל זיי נישט געבען קיין

פרייהייט פאַר זייער רעליגיאָן. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט שרייבען זיין ליידענשאַפטליכע צוואה, האָט ער אָנגעלאָדען צוויי ביקסען; מיט איי־נער האָט ער געשאָסען אויף זיינעם אַ קרוב, וועלכער איז געגאַנגען פאַרביי זיין וואוינונג, אָבער ער האָט נישט געטראָפען; מיט דער אַנדערער האָט ער זיך דערשאָסען (אַפּריל 1640). ווען מען האָט געעפענט זיין וואוינונג דערהערענדיג דעם שאָס, האָט מען געפונען אויפ'ן טיש זיין אויטאָביאָ־גראַפיע: „אַ ביישפּיעל פון אַ מענשליך לעבען". — פון זיין דאָזיגען בוך זעהט מען, אַז ער איז כלל נישט געווען קיין מענש מיט אַ בע־שטימטען סיסטעם, נור ער האָט פיעלמעהר געווירקט שטענדיג, לויט זיינע געפיהלען און ליידענשאַפטען. מיט זיינע אַלע מעשים האָט ער געווירקט, ווי אַ ווילדער אינגעל, וועלכער האָט אין זיין געביידע, וואָס ער האָט זיך אויס־געבוים, אויסגעבראָכען די פענסטער, כדי דורכצולאָזען דורך זיי פרישע לופט.

דער צווייטער, וואָס האָט זיך אונטערגעגראָבען אונטער דעם דע־מאָלינען יודענטום, איז געווען ר ב י י ה ו ד ה א ר י ה (לעאָן) ב ר י צ ח ק ד י מ ו ד י נ ה (געבוירען 1571, געשט. 1649); ער האָט געשטאַמט פון אַ געבילדעטער משפחה, וועלכע האָט, בשעת דעם אידישען גירוש פון פראַנקרייך, איבערגעוואַנדערט קיין איטאַליען, בעזעצענדיג זיך אין מאָדענאַ, פון וואַנען עס שטאַמט אויך דער פאַמיליען־נאָמען פון דער משפחה. זיינע עלטערן זענען געווען אפילו פיעלזייטיג געבילדעט, אָבער אויך מיט פיעל אָבערגלויבענס. זיין זיידע ר ב י מ ר ד כ י איז געווען אַ בעריהמטער דאָקטאָר אין זיין צייט, און דער פראַנצויזישער קעניג ק אַ ר ל V. האָט איהם בעשאָנקען מיט אַנ'עהרען־טיטול פון אַ ריטער: (Ritter des goldenen Vliesses) בשעת ער איז קראַנק געוואָרען, האָט ער געשיקט נאָך אַ חדר־אינגעל און געפרעגט איהם, וואָס פאַר אַ פסוק ער האָט ערשט אין חדר געלערנט, און ווען דאָס אינגעלע האָט גע־ענטפערט: „בית יעקב, לכו ונלכה באור ה'", וואָס הייסט: „קינדער פון יעקב, קומט, לאָמיר געהן אין גאָט'ס ליכטיגקייט" — האָט ער געזעהען דערין אַ סימן, אַז ער וועט שטאַרבען, און זיך גענומען שרייבען זיין צוואה. רבי יהודה'ס אַ פעטער האָט זיך עוסק געווען אין אַלכימיע, און זיין פאָ־טער איז געגאַנגען צו אַ „חכם" בעטען, אַז ער זאָל איהם פאָראויסזאָגען, אויב זיין שידוך וועט מצליח זיין; ווען דער „חכם" האָט איהם פאָראויס־געזאָגט, אַז ער וועט פון דער כלה האָבען פיעל קינדער געראָטענע, נור זיינע געשעפטען וועלען געהן שלעכט, האָט ער די כלה משנה־השם געווען, כדי איהר מערכה זאָל בעסער ווערען: אָנשטאָט ר ח ל האָט ער איהר אַ נאָמען געגעבען דיאַנאַ, און חתונה געהאָט מיט איהר. דער געהויבענ־סטער אין דער משפחה איז געווען ר ב י א ב ט ל י ו ן ד י מ ו ד י נ ה, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט, אויסער זיין גרויסער לומדות, אויך דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מלומד אין וויסענשאַפטען. ער האָט געערדט זעהר שעהן לאַטייניש, און אין יאָהר 1581 האָט ער זיך

פארגעשטעלט פאר'ן פויפסט גרעגאר XIII, כדי צו בעטען ביי
איהם, אז מען זאל נישט פערברענען דעם תלמוד און די אידישע ספרים
דורך דער אינקוויזיציע. אין דער דאזיגער אודיענץ האט ער צוויי שעה
נאכאנאנד גערעדט לאטייניש, און דערמיט האט ער אזוי נושא חן געווען
ביים פויפסט, אז ער האט זיין ביטע ערפילט — נור אויף א קורצע צייט;
אבער אויך אט דער רבי אבטליון האט זיך עוסק געווען אין פראקטישער
קבלה, כדי פועל צו זיין דורך השבעות, דאס עס זאל פאר איהם ערשיינען
אליהו - הנביא. — רבי יהודה לעאן די מודינא האט געירשנט פון זיין
משפחה איהרע גרויסע פעהיגקייטען. ער איז געווען א וואונדער-קינד:
דריי יאהר אלט האט ער שוין געהאט געלערנט די נביאים; צו צעהן יאה-
האט ער געזאגט א דרשה; צו דרייצעהן יאהר האט ער מחבר געווען דעם
ספר „סור מרע"—א דיאלאג וועגען דעם נוצען אדער שעדליכקייט פון
קארטען-שפיעל, און האט אויך געדיכטעט אנ'עלעגיע נאכ'ן טויט פון זיין
רבי'ן, דעם מקובל רבי משה באסולה אין העברעאיש און אי-
טאליעניש, וועלכע קלינגען כמעט גלייך — אנ'אמת'ע מייסטערווערק.
האטש אויך א קינדערשע. פונ'ם וואונדער-קינד איז אבער נישט אויסגע-
וואקסען קיין וואונדערמאן, קיין וויכטיגע פערזענליכקייט, וואס זאל ווע-
רען טאן-געבענד ביי אידען אדער בעשאפען א נייע ריכטונג. לעאן די מא-
דענא איז געווארען בלויז אנ'אלזייטיג געבילדעטער מאן, א יודע-הכל
(Polyhistor) אויך בעשעפטיגונגען האט ער פיעל געהאט, אבער אהן
הצלחה אין קיין איינציגער פון זיי. ער איז געווען דרשן, לעהרער
פאר אידען און קריסטען, חזן, טאלמאטש, שריי-
בער, קארעקטאר, מוכר-ספרים, מעקלער, סוחר,
ב, מוזיקאנט און שרייבער פון קמיעות. אזוי איז
עס ביי איהם אויך געווען מיט דער וויסענשאפט: ער האט זיך בעשעפ-
טיגט מיט אלע פון זיי און מיט קיינער בעזונדערס. ער האט דורכגעלערנט
די גאנצע תנ"כ'ישע, תלמודישע און רבנישע ליטעראטור, דאס הייסט, ער
איז געווען א בקי אין ש"ס און אין פוסקים; ער איז אויך גוט בעקענט גע-
ווען מיט דער קריסטליכער טעאלאגיע, מיט דער פילאזאפיע, מיט דער
פיזיק; ער איז געווען שטארק בעלעזען אין דריי שפראכען: העברעאיש,
לאטייניש און איטאליעניש און האט מיט זיין גוטען זכרון געדענקט אלץ,
וואס ער האט אמאל געלעזען. אבער ער האט נישט געפונען קיין בעפרי-
דיגונג נישט אין דער וויסענשאפט, נישט אין דער פאעזיע, און די ווי-
סענשאפט האט איהם אויך וועניג וואס דערהויבען, ווייל אלע ארבייטען
זיינע האט ער געטהון נור, כדי געלד צו פערדינען, און דאס פערדינטע
געלד האט ער באלד פערשפילט אין קארטען. ער איז געווען אונמעכטיג
צו קעמפען מיט זיין חשק צו קארטען-שפיעל. חאטש ער האט אליין גע-
שריבען א ספר געגען דער שעדליכקייט פון דער דאזיגער תאוה. אונצו-
פרידען מיט זיין גורל איז לעבען, זייענדיג שטענדיג אין איפרעגונג צו-
ליב זיין קארטען-שפיעל און קעמפענדיג מיט דער נויט, איז ער געווען

איינער פון די אונגליקליכסטע מענשען אין דער וועלט. די רעליגיאן האט ווייניג מאכט געהאט איבער זיין געמיט. ער האט געמוסרט אנדערע אין זיינע דרשות, אבער נישט זיך אליין. די אמונה און די כפירה האבען אין איהם געפיהרט אנ'איביגען קאמף. נישט האבענדיג קיין רעכטען ערנסטען זין פאר קיין זאך, האט ער אויך נישט געהאט קיין פעסטע איבערצייגונגען, אדער ער האט פיעל מעהר יעדען טאג געהאט א נייע איבערצייגונג, לויט דער שטימונג פון מאמענט, אדער לויט'ן קאפריז, נישט זייענדיג פונדעסטוועגען דערביי כלל קיין פאלשער מענש. ער איז געווען פעהיג היינט צו קעמפען מיט לייב און לעבען פאר'ן תלמוד און דעם רבנישען יודענטום און מארגען — מיט דער זעלביגער מסירת-נפש געגען איהם. דערביי איז ער ביידע מאל געווען אויפריכטיג און ערנסט. ער האט אליין חוזק געמאכט פון דער לעהרע פון די מקובלים וועגען גלגולים און איין מאל האט ער דערין אליין געגלויבט, ווייניגסטענס, אין יענעם מאמענט. לעאן מאדענא האט געהאט פיעל בעקאנטשאפט צווישען די קריסטען, ווי אויך בעריהמטע תלמידים צווישען זיי. דער פראנצויזישער בישאף יאקאב פלאנטאוויציום און דער האלב-משוגענער קריסט-ליכער בעל-מקובל, יאקאב גאפארעלי, זענען געווען זיינע תלמידים. הויכער אדעל און געלעהרטע האבען מיט איהם געפיהרט א קארעספאנדענץ. אין איטאליען האט לעאן מארענא פערנומען לערך אזא'ן ארט, ווי רבי מנשה בן ישראל אין האלאנד. אין שמועס'ן מיט ערנסטע קריסטען, אדער ביי'ם שפיעל אין קארטען האט ער אפט געהערט, ווי מען שפאט-אב פון יודענטום. תחלת האט ער זיין רעליגיאן פערטיידיגט; ביס-לעכווייז אבער האט מען איהם געבראכט דערצו, אז ער האט איינגע-שטימט, אז דאס און יענץ אין יודענטום איז נאריש, ער האט זיך טיילמאל נאר געשעמט מיט פיעל ריטואליען אין יודענטום און האט נישט געוואלט נעמען אויף זיך זיי צו פערענטפערן. זיין שטענדיג נויטיגען זיך אין געלד האט איהם ענדליך געבראכט דערצו, אז ער זאל נאכגעבען דעם פערלאנג פון איינינע קריסטליכע פריינד, בעזונדערס, פון אנ'ענגלישען לארד אויס-צושרייבען אין איטאליעניש א אידישען „שולחן-ערוך“, אין וועלכען ע-מאכט בעקענט די קריסטליכע וועלט מיט אלע אידישע דינים, אדער, לפחות, מיט א טייל פון זיי. זיין דאזיגען ספר האט ער געווידמעט דעם פראנצויזישען געזאנדטען אין ווענעדיג. מיט זיין דאזיגען ווערק, וועלכעס די קריסטען האבען געלעזען מיט גרויס חשק און אבגעשפאט פון די אידען פאר זייערע דינים אין ריטואליען, האט לעאן דע מארענא געמאכט ווי ־ ־ום, וועלכער האט אבגעדעקט די ערוה. פון זיין פאטער: ער האט דאס אי-נערליכע לעבען און הייליגטום פון די אידען ענטפלעקט פאר די קריסטען, וועלכע האבען ווייניג פערשטאנד געהאט פאר דער אמת'ער בעדייטונג ־ערפון און אבען נור פערגעניגען געהאט, צו קאנען אנ'איבריג מאל חוזק ־אבען פון די אידען. לעאן מאדענא ערקלערט געגני די קריסטליכע לע-ער, וואס פאר מנהגים, מצוות און דינים די אידען היטען אב ביי זי-

אין דערהיים, ביי זייער אויפשטעהן פון שלאף, ביי זייער ערפילען די גאטירליכע בעדערפעניששען, ביי זייער געפינען זיך אין שוהל, אדער אין בית-המדרש. געגען זיין ווילען סאכט דער מחבר יד-אחת מיט די פערבאכטער פונ'ם יודענטום, וועלכען ער האט דאך אליין אבגעהיט און געלערנט מיט תלמידים, זייענדיג א רב. אין דער הקדמה צום דאזיגען ספר ערקלערט ער אפען: „בשעת איך האב דעם ספר געשריבען האב איך גאנץ פערגעסען, אז איך אליין בין א איד; איך בין נור געווען אנ'אתפארטייאישער ערצעהלער און האב איבערגעגעבען דאס, וואס איך האב געוואוסט און געזעהען. איך בין אבער מודה. אז איך האב זיך בעמיהט צו פערטיידען דאס אבשפאטען פון געוויסע צערעמאניעס; איך האב אבער אויך נישט געוואלט זיי פערטיידיגען, ווייל איך האב נור געוואלט איבערגעבען דאס, וואס עס איז פארהאן ביי אידען אבער נישט איבערצייגען עמיצען אין דער ריכטיגקייט אדער אונריכטיגקייט".

עס וואלט אבער געווען א טעות צו מיינען, אז לעאן מאדענא האט אינגאנצען איבערגעריסען זיין שייכות צום רבנישען יודענטום. ער איז בלויז נישט געווען קיין מענש פון פעסטע איבערצייגונגען. כמעט אין דער זעלביגער צייט, ווען ער האט די אידישע ריטואליען ענטפלעקט פאר דער קריסטליכער געזעלשאפט און מעגליך געמאכט, אז זי זאל פון זיי אבשפאטען, האט ער געארבייט איבער א צווייטען ספר, אין וועלכען ער האט פערטיידיגט דאס יודענטום, די „תורה שבכתב" און „תורה שבעל פה" געגען די אנפאלער אויף זיי, בעזונדערס מצד די פריי געזאנענע אידען. איינער פון די שפאנישע אידען, וואס האט געשטאמט פון די אנוסים און געלעבט אין האמבורג, אלס עפענטליכער איד, האט געהאט אנגעשריבען עלף קריטישע טענות געגען דעם געגענווערטיגען יודענטום: ער האט אנגעוויזען, אז אין דער תורה ווערט נישט דערמאנט וועגען תפילין אין דער פארם ווי אידען טראגען זיי, דאס פייערען אנ'איבריגען טאג יום-טוב האט ער ערקלערט פאר א ברעכען די תורה; ער האט גע'טענה'ט, אז די הארבע גזירות און דינים פון די רבנים, אדער אפילו אויך פון תלמוד ברענגען פיעל אידען דערצו, אז זיי זאלען נישט אבהיטען די גרונד-געזעצען פון דער תורה און אז פיעל דינים זענען לגמרי געגען דער תורה, וועלכע האט בפירוש ערקלערט: „דו זאלסט נישט צולעגען צו די דאזיגע געזעצען!"— אויף די אלע דאזיגע טענות ענטפערט לעא מאדענא (רבי יהודה אריה די מודינא) אין זיין ספר „מגן וצינה" זיין ענטפער איז אבער געשריבען אזוי, אז עס איז שווער צו וויסען, צי ער מיינט עס ערנסט, אדער ער אליין שפאטעט אויך אב פון פיעל ענינים.— ענדליך האט רבי יהודה מחבר געווען א ספר, וועלכער איז דאס בעסטע, וואס איז פון זיין לייכטער פעדער ארויס. דער ספר בעשטעהט פון צוויי חלקים: דער ערשטער הייסט „קול סכל", וואו עס געפינען זיך אלע טענות געגען דעם רבניש'ען יודענטום, און דער צווייטער— „שאגת אריה", וואו ער גיט אנ'ענטפער אויף די טענות. די שווערע אנ-

קלאַגען ניעמ ער אַבער נישט אַרויס אין זיין אייגענעם נאָמען, נאָר אונ־טער אַ פאַלשען פרעמדען נאָמען. דער שאַרפער פירוד און צעבראָכענקייט אין זיין אינערליכער נשמה און די אָנשטענדיגקייט פון זיינע איבערצייגונגען ערשיינען אין'ם דאָזיגען ספר זעהר בולט. דעם געגנער פון יודענ־טום לאָזט ער זיך אַרויס־זאָגען מיט אַזאַ שאַרפקייט, ווי דאָס האָט זיך נמעט נישט ערלויבט אפילו אוריאל אַקאָסטאַ. ער גיעהט אַזוי ווייט, אַז ער וויזט אָן, אַז ווי אַזוי מען קאָן אַבריינגען דאָס אַלטע יודענטום אין זיין ערשטער פאָרם פון אַלעם דעם, וואָס האָט זיך אין איהם אָנגעזאַמעלט אין אַ משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען. דאָס איז דער ערשטער שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען אויפ'ן געביט פון דער אידישער רעפאָרם־בעוועגונג. ער פערלאַנגט, דאָס מען זאָל פעראיינפאַכען און פערקלענערען די אידישע תפילות, אַנשטאַט וועלכע ער לעגט פאָר אַ נוסח פון אַ קורצער תפילה; ער איז מבטל פיעל דינים פון שבת און יום־טוב, דעם צווייטען טאָג יום־טוב און ערקלערט, אַז דער תענית אום יום־כפור דאַרף בעשטעהן דאַרין, וואָס מען ברויכט ווייניגער צו עסען; „יעדער דאַרף פאַסטען נאָר לויט זיינע קערפּערליכע און גייסטיגע כוחות"; די שחיטה ובדיקה פון בהמות און עופות האָט ער גאָר געוואָלט מבטל מאַכען, אָדער לפחות אַ טייל פון די דינים, וואָס זענען שייך דערצו. ענדיגענדיג זיין ספר, שרייבט דע מאָדענאַ אַזוי: „איך ווייס אַפילו גאַנץ גוט, אַז ווען די רבנים מיט זייערע ראשי ישיבות וועלען דעם ספר דערזעהען, וועלען זיי מאַכען אַ ליאַרם, אַז נאָר אַן אַפּיקורס האָט געקאָנט אַזעלכעס שרייבען; זיי וועלען פערשעלטען אונז אריינלייגען אין חרם דעם מחבר... אָבער ווער ווייסט, אפשר וועט זיך געפינען איינער פון טויזענד, וועלכער איז געזונד פון דער מכה פון טפשות, פון רגילות און גאוה, איז מיר נענ... אַז איך וועל איהם העלפען"...

ווען לעאָן מאָדענאַ וואָלט טאַקי געמיינט דערמיט גאַנץ ערנסט אָ... ער וואָלט אַרויסגעטראָטען אַלס טיעף איבערצייגטער מענש, וואָלט ... בלי ספק אַרויסגערופען אַ שטאַרקע רעפאָרם־בעוועגונג ביי אידען. אָב... די גאַנצע זאַך איז פאַר איהם געוועזען בלויז אַ שפּיעל, אַ גייסטיגע גימנאַ־סטיק; באַלד נאָכדעם האָט ער אויך אָנגעשריבען אַן'ענטפער אויף אַלע זיינע אייגענע טענות און פערשלאָגען, און אַלץ צוזאַמען איז איבערגעבלי־בען אין זיינע כתבים. מיט מעהר ערנסט דאָגעגען האָט ער אונטערגענו־מען זיין קאַמף געגען דער קבלה, אויף וועלכער ער פאַלט אָן מיט זעהר אַ שאַרפער קריטיק. איינער פון זיינע תלמידים, דער רופא רבי יוסף חמיץ, איז געוואָרען אַ פערברענטער בעל מקובל און האָט זיך דערוויי־טערט פון איהם און זיינע דרכים. אויך זיין איידעם, רבי יעקב לוי, וועלכען ער האָט ליעב געהאַט, ווי אַ זוהן און געהאָפט צו זעהען פון איהם נחת, ווען ער וועט אַ גרויסער מאַן ווערען, לויט ווי מאָדענאַ האָט עס פערשטאַנען,— אויך ער האָט זיך פערטיעפט אין דער קבלה און פלעגט

אויף איהם אנפאלען מיט טענות און שאלות. לעאן דע מאדענא האט זיך שוין מעהר נישט געקאנט איינהאלטען און אנגעשריבען זיין ספר „ארי־נוהם" אדער „שאגת־אריה" געגען דער קבלה און דער אמונה אין גלגולים. אבער דעם דאזיגען ספר, ווי אויך דעם „קול סכל" האט ער נישט פער־עפענטליכט ביי זיין לעבען. ביז אין זיין שפעטען עלטער האט ער גע־פיהרט זיין אונרעגעלמעסיג לעבען, מאכענדיג זיך אליין פארוואורפען דערפאר אין זיין אויטאביאגראפיע און נישט אויסבעסערענדיג זיך פונ־דעסטוועגען אפילו אויף א האר. לעאן דע מאדענא איז געשטארבען מיעד פון קאמפנישט געגען אידען און מענשען, נאר געגען זיך אליין און געגען זיין ארעמקייט, וועלכע ער האט זיך אליין ארייגעבראכט אין שטוב.

מעט גלייך צו איהם, אבער דאך גרינדליך פערשיעדען איז געווען דער דריטער שוואכער מאמין פון יענער צייט, דער דאקטאר רבי יוסף שלמה דעלמעדיגא (יש"ר מקאנדיה, געבוירען 1591, געשטארבען 1655). פון זיין פאטערס צד האט ער געשטאמט פון א גרויסער משפחת פון חכמים און שריפטשטעלער, און פון דער מוטערס צד—פון דעם חכם רבי אליהו דעלמעדיגא, אבער ער איז אין זייערע דרכים נישט גע־גאנגען. תלמוד און פוסקים האט ער געלערנט ביי זיין פאטער, רבי אליהו, וועלכער איז רב געווען אין קאנדיה, און זיין וויסענשאפטליכע אויסבילדונג האט ער בעקומען אין דער אוניווערזיטעט אין פאדוא, אין וועלכער ער איז אריינגעטראטען אלס פופצעהן יעהריגער יונגערמאן און געענדיגט דארט דעם קורס אכצעהן יאהר אלט. מיט זיין קלארען פער־שטאנד האט ער מעהר נוטה געווען צו דער פראקטישער וויסענשאפט—מאטעמאטיק און אסטראנאמיע, און מיט רעכט האט ער זיך בערימט, אז ער איז געווען תלמיד פונם גרויסען גאלילעי, דעם ענטדעקער פון די הימעלס געזעצען, דעם חכם, וועלכער האט זיך מוסר נפש געווען און איז פערברענט געווארען ווי א קדוש פאר'ן אמת. פון גאלילעי האט דעלמעדי־גא געלערנט דאס קאפערניגאנישע אסטראנאמישע סיסטעם וועגען דער בעוועגונג פון דער ערד מיט אלע אנדערע פלאנעטען ארום דער זון. נישט דעלמעדיגא, נישט אנדערע אידישע חכמים מאמינים אין דער אידישער תורה, האבען איינגעזעהען אינ'ם דאזיגען סיסטעם א סתירה צו דער תורה און אנ'אפיקורסות (ווי דאס האט געטהון די קאטוילישע קירכע). דעלמע־דיגא האט אויך שטודירט מעדיצין, כדי צו פערדינען דאדורך זיין ברויט. זיין בעליעבטע בעשעפטיגונג איז אבער געבליבען די מאטעמאטיק. ער האט אבער אויך פול געמאכט זיין גייסט מיט אלע אוצרות פון די וויסענ־שאפטען און איז געווארען נאכמעהר „יודע הכל" (פאליהיסטאר) ווי לע־אן דע מאדענא, צו וועלכען ער איז, זייענדיג אין איטאליען געשטאנען אין דער בעציהונג פון א תלמיד צו א רבי'ן. געפינענדיג זיך אינ'ם קרייז פון די אידישע האלבע פריידענקער, האט ער פערלוירען זיין נאאיווע אמונה, וועלכע ער האט מיט זיך געבראכט פון זיין פאטערס הויז און

האָט אָנגעהויבען צווייפלען אין דער ריכטיגקייט פון תורה שבעל פה. האָט אָבער אין זיך נישט געהאַט גענוג קראַפט אין שטרעבונג צום אמת, בדי מנצח צו זיין זיינע ספקות, אָדער אינטע־צוגעבען זיך זיי. רבי יוסף דעלמעדיגא איז דאריבער אויך אַזוי ווי רבי יהודה אריה די מודינה נישט געוואָרען קיין קדוש, וואָס זאָל קעמפפען און ליידען פאַר זיינע אידעען; דער לעצטער איז עס נישט געוואָרען, צוליעב זיין אונבעשטענדיגען גייסט, דער ערשטער—צוליעב זיין קנאַפּער ליעבע צום אמת.

מיט א האַרץ פול ספקות, איז דעלמעדיגא געקומען צוריק פון איטאליען קיין קאַנדיה אין הויז פון זיין פאָטער, וואו ער האָט דערוועקט מיט זיין פרייען דענקען אזא שטאַרקע אונצופרידענהייט, אז ער איז געווען געצוואונגען צו פערלאַזען ווידער זיין פאָטערלאַנד. פון דאַמאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבען זיין וואַנדער־לעבען, וועלכעס האָט איהם, ווי רבי אברהם אבן־עזרא, געטריבען פון איין מדינה אין דער אַנדערער. ווי דער אבן־עזרא, האָט אויך דעלמעדיגא איבעראל געזוכט די בעקאַנטשאַפט מיט די קאַראאימען, וועלכע האָבען אויך שטאַרק פערלאַנגט צו האָבען איהם פאַר אַ פריינד. אין קאַירא (מצרים) האָט דעלמעדיגא געפייערט אַנ'אמת'ען טריאומף מיט זיינע מאַטעמאַטישע ידיעות, ווען דער אַלטער מחמדאנישער לעהרער פון מאַטעמאַטיק, עלי בן רחמדאן, האָט איהם אַרויסגעפאָדערט צו אַנ'עפענטליכען קאַמף אין דער מאַטעמאַטישער וויסענשאַפט, און דעלמעדיגא האָט אָבגעהאַלטען א גלענצענדען נצחון, אזוי אַז דער אַלטער געלעהרטער האָט אַליין אַנערקענט דעלמעדיגא'ן פאַר אַ גרויסען מלומד. דאָרט האָט דעלמעדיגא זיך אויך בעפריינדעט מיט'ן קאַראאימישען געלעהרטען יעקב אסכנדרי, וועלכער האָט געמאַכט א ספר אין דער מעכאַניק. פון מצרים האָט דעלמעדיגא געוואָלט פאָהרען קיין ארץ־ישראל, דערנאָך אָבער האָט ער זיך פונ'ם דאָזיגען פּלאַן אָבגעזאָגט און איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער האָט זיך ווידער אויפגעהאַלטען אין קרייז פון קאַראאימען. פון דאָרט איז ער אָבגעפאָהרען קיין מאָלדאַווע—וואַלאַכאַי (איצט—רומעניען) און דערנאָך איז ער געקומען אין פוילען. ווייל פון דער מאַטעמאַטיק קאָן מען קיין ברויט נישט פערדינען, האָט ער זיך איבעראל בעשעפטיגט אלס דאָקטאָר, האָטש ער האָט די מעדיצין געלערנט מעהר פון ביכער איידער פון דער פּראַקטיק ביי'ם בעט פון א חולה. אין פוילען האָט ער פונדעסטוועגען געגאָלטען פאַר אַ גרויסען מומחה אין מעדיצין און דער פירשט ראַדזיוויל האָט איהם איינגעלאַדען אלס דאָקטאָר צו זיך אין הויף ארום ווילנא (1616—1620). דאָ האָט דעלמעדיגא דערזעהען עטוואָס אזעלכעס, צו וואָס ער איז כלל נישט געוואוינט געווען: איבעראל האָט מען זיך עוסק געווען אין תלמוד און פוסקים, נישט העלענדיג וויסען פון קיין אַנדער וויסענשאַפט. באַלד האָבען זיך אַרום איהם פערזאַמעלט פיעל יונגע

לייט און אויך עלטערע מענשען, וועלכע האבען געגארט צו לערנען וויסענשאפטען; בעזונדערס שטארק האבען געזוכט זיין בעקאנטשאפט די קאראאימען; איינער פון זיי, זרח בן מנחם פון טראקי (נעבען ווילנא) האט געשריבען דעלמעדיגא'ן זעהר פיעל בריעף פול פערעהרונג, און אויך געשאנקען איהם א סייבעל־פוטער אין די גרויסע ווינטער־פרעסט, וועלכע זענען געוועזען זעהר בעלעסטיגענד פאר יוסף שלמה דעלמעדיגא, דעם איטאליענער.

אויך אין פוילען האט דעלמעדיגא, ווי עס שיינט, זיך נישט געשפירט אמבעסטען. צו פערברענגען מיט די פוילישע פריצים אויף זייערע הוליאנקעס האט ער נישט געהאט קיין חשק; אגב האט ער אויך מורא געהאט פאר די דארטיגע פרומע אידען, צו טהון דאס; געלד פערדינען אלס דאקטאר, אין פוילען האט ער נישט געקאנט, וויל דאס לאנד איז געוועזען זעהר ארעם; ער איז דאריבער ארויסגעפאהרען פון דארט קיין האמבורג אין דער נאך יונגער פארטוגיזישער קהלה. ווי עס שיינט אבער, איז מען אין דער דאזיגער גרויסער שטאדט ווייניג וואס נתפעל געווארען פון זיין מעדיצינישער קענטניש, און ער האט דאריבער זיך געמוזט בעשליסען צו ווערען דארט רב אדער דרשן. צוליעב א שטיקעל ברויט, איז ער אלזא געוועזען געצוואונגען צו ריהמען דאס רבניש'ע יודענטום, האטש ער איז געוועזען באמת זיין געגנער. נאכמעהר: כדי צוצושטויען דעם שם־רע, וואס מען האט אויף איהם אויסגעטראכט אין פוילען, אז ער איז אנ'אפיקורוס, האט ער מחבר געוועזען דעם ספר „מצרף לחכמה“, אין וועלכען ער טרעט ארויס אלס פערטיידיגער פון דער קבלה און, בעזונדערס, געגען דער שטרענגער קריטיק מצד זיין אייגענעם זיידען, רבי אליהו דעלמעדיגא. אבער מיט'ן דאזיגען ספר האט ער בלויז געמיינט צו שיטען זאמד אין די אויגען פון אונוויסענדען המון און גאנץ אפט רייסט זיך ארויס ביי איהם א סאטיריש ווארט געגען זיך אליין און זיין ארבייט.— פון האמבורג איז ער אבגעפאהרען קיין אמסטערדאם; געוועזען איז עס גראדע אין דער צייט, ווען די דארטיגע קהלה איז זעהר אויפגערעגט געוועזען געגען אוריאל אקאסטא און זיין אפיקורסות, און האט דאריבער נישט געהאט קיין צוטרוי צו די פילאזאפיש געבילדעטע מענשען בכלל. ווייל אבער דעלמעדיגא האט אויך דארט זיך געקאנט מפרנס זיין בלויז מיט רבנות אדער דרשנות, האט ער געפונען פאר נויטיג צו פערעפענטליכען א ספר, וואס זאל אראבוואַרפען פון איהם יעדען חשד אין אפיקורסות. דאס איז געוועזען דער ספר „האלים“, וועלכען ער האט אבגעדרוקט אין רבי מנשה בן ישראל'ס דרוקעריי. דער ספר איז אנ אמת'ע צומישעניש פון אלערליי חכמות: מאטעמאטיק, פיזיק, פילאזאפיע, טעאלאגיע, אהן קיין שום סדר און סיסטעם. געהאלפען האט אבער דער ספר צו זיין מאטריעלער לאגע ווייניג וואס: ער האט עפעס בעקומען א שטיקעל שטעלע אין אמסטערדאם גופא, אין דער סביבה אלס רב אדער דרשן, אבער איינ־

כען האָט ער געמוזט זיין שטעלע פערלאָזען. אין יאָהר 1629 האָט ער זיך געמוזט אריבערציהען קיין פראנקפורט, אָבער קיין רב האָט ער שוין דאָרט נישט געקאָנט ווערען, ווייל די דייטשע אידען זענען דאמאלס גע־ווען זעהר גוט ענטוויקעלט אין תלמוד און האָבען געהאַט תמיד גרויסע רבנים, געגען וועלכע דעלמעדיגא'ס לומדות האָט ווייניג וואָס ווערט געהאַט, און דעריבער איז ער דאָרט צוריק געוואָרען דאָקטאָר. משמעות אָבער, אז פיעל הכנסה האָט ער פון דער שטעלע נישט געהאַט, דען ער איז שפּעטער אריבערגעפאָהרען פון פראנקפורט קיין פראג (ארום 1648—1650), וואו ער איז שוין געבליבען ביז זיין טויט אין יאָהר 1656, נישט זוכה זייענדיג אפילו צו פערעפענטליכען זיינע ספרים, וועגען וועלכע ער האָט פריהער ערקלערט, אז ער האָט זיי בדעה ארויסצוגעבען. מיט זיין רעפאָרמירענדען גייסט האָט ער געווירקט בלויז אויף קליינע קרייזען.

צו די דאמאָלסדיגע פרייגייסטער קאָן מען אויך צורעכענען דעם ווע־נעציאנער רב, רבי שמחה (סימאָנע) לוצאטא (געבוירען לערך 1599 געשטאָרבען 1663). ווי רבי יהודה אריה דע מודינא און יוסף שלמה דעלמעדינא, האָט ער אויך געהאַט ווייניג איינפלוס אויף די אידען אין זיין צייט, אָבער ער האָט זיך אויסגעצייכענט געגען זיי דערמיט, וואָס ער איז גרינדליכער געווען פאַר זיי געלערנט; דעלמעדיגאָ, וועלכער האָט איהם געקענט פערזענליך, ריהמט איהם אלס גרינדליכער מאטעמאטיקער. אויך אין דער אלטער און נייער ליטעראטור איז ער געווען א טיעפער בקי. אָבער פיעל מעהר ווי זיין וויסען און קענען האָט איהם בע'חנ'ט זיין גרוי־סע ליעבע צום אמת. אין א פּאראבעל (משל), וועלכען ער האָט בעאר־בייט אין דער יונגענד אין דער איטאליענישער שפּראך, האָט ער אזוי קלאָר ארויסגעוויזען זיינע איבערצייגונגען, ווי אויך די פאָלקאָמע ענטוויקלונג פון זיין גייסט, אז מען האָט געזעהען דאָס ער האָט שוין אין פריהער יוגענד טיעף נאָכגעדענקט וועגען דער בעציהונג פון דער אמונה צו דער וויסענשאפט. זיינע געדאַנקען לאָזט ער ארויסזאָגען דורך דעם פאָטער פון דער גריכישער וויסענשאפט, דורך סאָקראטעס. דער אינהאַלט פונ'ם משל איז פאָלגענדער: אין גריכענלאַנד האָט זיך אין דער שטאָדט דעלפי געגרינדעט אַנ'אקאדעמיע, און אַט האָט דער פערשטאַנד אריינגעשיקט צו דער אקאדעמיע א ביטע פון תפיסה, וואו עס האָט איהם געהאלטען לאַנג פערשפּאַרט די אמונה אין די אויטאָריטעטען. איצט האָט דער פערשטאַנד געבעטען, אז די אקאדעמיע זאָל איהם בעפרייען. די פילאָזאָ־פען אריסטאָטעל און פּיטאַגאָרעס, זאָגען זיך אַרויס, אז מען דאַרף דעם פערשטאַנד נישט בעפרייען, ווייל ווי נאָר ער וועט זיך דערשפּירען פריי פון זיינע קייטען, וועט ער אויפהערען צו גלויבען אין אלץ. די אקאַ־דעמיע בעשליסט אָבער צו בעפרייען דעם פערשטאַנד, און באַלד ווייזט זיך אַרויס, אז צוליעב דער פרייהייט פון פערשטאַנד, ווערט פערשוואונדען די אמונה אין די אויטאָריטעטען. די אקאַדעמיקער שטעהען, ווי מבולבלים,

און קאָנען זיך נישט געבען קיין עצה, ווי אזוי צו בעוואָרענען זייער אויטאָריטעט פאר'ן פרייען פערשטאנד. דאן טרעט אַרויס סאָקראַטעס און ערקלערט אין אַ לאַנגער רעדע, אז כל זמן דער פריי'ער פערשטאנד, אדער די אמונה אין אויטאָריטעטען וועלען זיין אליינהערשער אָהן קיין שום בעגרענצונגען, וועלען זיי בעשאפען נאָר פעהלערען און טעותים, אויב אָבער איינע די אנדערע וועט בעגרענעצען: די אמונה וועט שטעלען א גרענעץ פאר'ן פערשטאנד—א גרענעץ, וועלכע עס טאָר נישט אַריבערגעהן און דער פערשטאנד פון זיין זייט, וועט שטעלען דער אמונה א גרענעץ, וועלכע זי טאָר נישט אַריבערגעהן, דאן וועלען זייביידע מצליח זיין און בעשאפען די נויטיגע הארמאָניע.— די דאָזיגע מיינונג איז געווען אַ הערשענדע אין דער אויפלעבונגס-עפּאָכע פון אידישען געדאנק, אין די צייטען פון רמב"ם און אבן-עזרא; איצט אָבער, אין דער עפּאָכע, ווען עס האָט געהערשט די קבלה פון אריז"ל און זיינע תלמידים, האָט מען שוין דאָס געהאלטען פאר אַנ'אפיקורסות.

רבי שמחה לוצאטאָ האָט נישט געהערט צו די בעלי מקובלים און, זייענדיג א פרומער און גוט-גלויביגער איד, האָט ער זיך פונדעסטוועגען נישט אָבגעזאָגט אויך פונ'ם פערשטאנד. מייסטערהאַפט איז זיין ספר, וועלכען ער האָט געשריבען אין איטאַליעניש צו פערטיידיגען דאָס יודענטום און די אידען: „אַ מאַמר וועגען דעם צושטאַנד פון די אידען". אינ'ם דאָזיגען ספר בעשווערט ער די פריינד פונ'ם אמת, נישט גרינג צו שעצען דאָס יודענטום און נישט צו שטעלען עס נידעריגער פאר אַנ'אַלט קונסט-ווערק פון די פארצייטיגע קינסטלער פידיאַס און ליזיפּוס, די אויב דאָס איצטיגע יודענטום האָט דורך גרויסע ענוים און רדיפות פערלוירען זיין אמאָליגע פראַכט, זענען דאָך אָבער אלע מודה, אז גרויסע מייסטער און קינסטלער האָבען דאָס אידישע פאָלק פארצייטען געלערנט און געפיהרט פאָרווערטס און דער גרעסטער געזעצגעבער איז געווען זיין ערשטער מנהיג. דער צוועק פונ'ם דאָזיגען פערטיידיגונגס-ספר איז געווען, צו ארבייטען געגען דער שלעכטסקייט פון די ווענעציאנישע פּאַטריציער (פּריצים) פאר די אידען. דאָס פאָלק איז אין דער דאָזיגער יםשטאָדט וועניגער פיינדליך געווען געשטימט נעגען די אידען. דאָס פאָלק האָט געהאַט אַרבייט אין די אידישע פאבריקען; אָבער צווישען די מיטגלידער פון דער רעגירונג און זייערע אָנהענגער זענען געווען פיעל פאַנאַטיקער און בעלי-קנאָה, וועלכע האָבען געפאָדערט, אז מען זאָל די אידען בעגרעניצען אין זייערע רעכט, אדער גאר ארויס-טרייבען. אין זייערע אויגען איז נעמליך גרויס געווען די אידישע עשירות און דער אידישער מסחר, בעזונדערס אָבער דאָס, וואָס כאָטש די אידען זענען איינגעשפּאַרט אין זייער ענגען גהעטאָ און האָבען נישט קיין רעכט צו קויפען אונבעוועגליכע גיטער, פונדעסטוועגען פערגרעסערט זיך זייער אינדוסטריע און קאָנקורירען מיט ערפאָלג געגען די קריסטען סיי אין באנק-געשעפטען, סיי

אויפ'ן געביעט פון דער אינדוסטריע. די האנדעלס־שטאדט ווענעדיג איז שוין דאמאלס ביסלעכווייז ארויסגעשטויסען געווארען פון וועלט־מסחר דורך די ניי־אויפבויענדע מלוכות, האלאנד און ענגלאנד; איהרע מערק אין די מזרח־לענדער זענען געווארען אלץ קלענער און קלענער; פיעל פון איהרע שטאלצע האנדעלס־הייזער האבען זיך געפונען אין א'נעלענדען צושטאנד, וועהרענד די אידישע קאפיטאליסטען האבען זייער ארט פערנומען און ארויסגעריסען ביי זיי דעם מסחר מיט די מזרח־לענדער. — געגען אט דער שנאה און קנאה צו די אידען האט רבי שמחה לוצאטא געקעמפט. מיט א דיפלאמאטיש פיינער שפראך האט לוצאטא געגעבען צו פערשטעהן די ווענעציאנישע פאליטיקער, אז זיי זענען אליין שולדיג אין זייער נעפאלענקייט: די ווענעציאנישע סוחרים האבען אויפגעהערט ערנסט צו בעשעפטיגען זיך מיט זייער מסחר; זיי טראכטען נור וויגען ערהאלטען זייער פערמעגען און וועגען אויסגעלאסענע פערגעניגענס, פערנאכלעסענדיג זייערע געשעפטען געבען זיי אליין איבער בידים דעם ווענעציאנישען מסחר די פרעמדע פעלקער. די ווענעציאנישע אידען זענען דעריבער געווארען א ברכה פאר דער ווענעציאנישער רעפובליק, ווייל זיי קאנקורירען נאך דורך זייער פעהיגקייט און פלייסיגקייט מיט'ן אויסלענדישען מסחר און לאזען נישט ארויסרייסען ביי ווענעדיג איהר מסחר מיט די מזרח־לענדער. די רעפובליק דארף דעריבער בעסער בעשיצען און שטיצען די ווענעציאנישע אידען, איידער צו זעהען, ווי די פרעמדע מלוכות רייסען ביי איהר ארויס איהר מסחר, אדער ווי די קריסטליכע אונטערטאנען פון פרעמדע מלוכות, וועלכע וואוינען אין ווענעדיג און האבען דארט זייערע אייגענע פריווילעגיעס, זייענדיג א „מלוכה אין א מלוכה", ווערען רייך אויפ'ן חשבון פונ'ם ווענעציאנישען מסחר און שיקען ארויס זייערע עשירות און קאפיטאלען אין די פרעמדע לענדער, אין זייער פאטערלאנד. לוצאטא האט סטאטיסטיש אויסגערעכענט, אז די אידען גיעבען יעהרליך הכנסה דער רעפובליק העכער א פערטעל מיליאן דוקאטען, אז זיי גיעבען אין זייערע געשעפטען ברויט פיער טויזענד קריסטליכע ארבייטער, ארבייטען אויס בילינג סחורות פאר'ן לאנד און פיהרען אריין בילינגע סחורות פון די וויטעסטע לענדער. — די דאזיגע פאליטיש־עקאנאמישע ערקלערונג האט געדארפט ערשט מאכען דער רעגירונג גאר א רב, וועלכער בעשעפטיגט זיך נור מיט'ן תלמוד און די פוסקים, אבער די ווענעציאנישע רעגירונג איז דאמאלס געווען אזוי פערבלענדעט, אז זי האט זיך אין אזא לעקציע גענויטיגט. דער רב ווייזט אויך אויף דער רעגירונג, וואס פאר א גרויסען נוצען די אידישע קאפיטאלען האבען איינגעבראכט דער רעפובליק בשעת דער מגפה, ווען עס האט אויפגעהערט אין לאנד די פאליציי־ארדנונג; ווי די אידען האבען דאמאלס אליין פארגעלעגט א הלואה דער רעפובליק, כדי זי זאל נישט אריינפאלען אין פערלעגענהייט.

אבער רבי שמחה האט פערשטאנען צו בלייבען נאיז אויפריי־
איש אין דער אידישער פראגע: אנווייזענדיג אויף די ליכטיגע זייטען אין

אידישען לעבען, פערשוויינט ער אויך נישט די שאמענם. וועלכע פערפינ-סטערען זיי. „ווי שטארק — שרייבט ער — די הענעציאנישע אידען זאָ-לען נישט זיין פערשידען פון די טערקישע, דייטשע און פוילישע אידען, געפינט זיך דאך אבער עטוואס אלגעמיינעס אין זייער כאראקטער מיט'ן כאראקטער פון גאנצען אידישען פאלק: זיי זענען גרויסע פחדנים און נישט פעהיג אין דער געגענווארט צו א זעלבסטשטענדיגער פאליטישער רעגי-רונג. זיי גיעבען זיך אב יעדער נור מיט זייערע פערזענליכע אינטערעסען און טראכטען ווייניג וועגען כללישע ענינים. די אידען בעגניגען זיך מיט נישט-פיעל אין זייערע פריוואטע הוצאות, דאס שטאמט אבער פיעל מעהר פון קארגקייט. זיי האלטען אין איין בעוואונדערען די אלטע צייט און האבען נישט קיין פערשטאנד פאר דער געגענווערטיגער. פיעל פון זיי פעהלט בילדונג, זיי זענען נישט בעקענט מיט די וויכענשאפטען און שפרא-כען. דאס אבהיטען פון די געזעצען פון דער רעליגיאן פיהרט זיי צו אונ געוועהנליכע חומרות און גוזמאות. זיי האבען אבער אויך זעלטענע שענע מדות און אייגענשאפטען: זיי צייכענען זיך אוים מיט זייער פעסטקייט און בעשטענדיגקייט אין זייער רעליגיאן, פאר וועלכער זיי זענען זיך מוסר נפש און ליידען די גרעסטע יסורים און ענוים. זיי קענען גרינדליך דעם תנ"ך מיט זיינע ערקלערונגען און זענען גרויסע בעלי צדקה און מכניסי-אורחים. דער פערסישער איד ליידעט ווארים די יסורים, וועלכע עס האט אויסצושטעהן דער איטאליענישער איד. אויסער דעם צייכענען זיך די אידען אוים מיט זייער צניעות און שענעם פאמיליען-לעבען. זיי זענען זעהר געשיקט אין אויפזוכען און געפינען נייע דרכים, כדי ארויסצוגעהען פון דער שווערסטער לאגע. זיי זענען ענוים און אונטערטעניג געגען יעדען פרעמדען פאלק, נור נישט געגען זייערע אייגענע ברידער" — וועגען זיין בעציהונג צום תלמוד מאכט רבי שמחה נור לייכטע אנווייזונגען, ערקלע-רענדיג, אז ער האלט די תורה שבעל פה פאר דעם ריכטיגען יודענטום, דאגעגען די קבלה און די סתרי תורה האלט ער פאר א פרעמד געזויקס אין יודענטום, וואס שטאמט פון נעא-פלאטאניזם.

די דאזיגע פיער אידישע דענקער (אקאסטא, רבי יהודה אריה דע מודינא, יוסף שלמה דעלמעדגא און רבי שמחה לוצאטא). וועלכע זענען מעהר אדער ווייניגער געווען אונצופרידען מיט'ן געגענווערטיגען יודענטום און זענען געווען בעוואפנט מיט גייסט און קענטניש מיט טאלענט און בערעדעוודיגקייט, האבען פונדעסטוועגען געהאט ווייניג איינפלוס אויף די אידען פון זייער צייט און עס איז זיי נישט געלונגען צו מאכען אפילו א דין שפעלטעלע אינ'ם דיקען שאלעכטס, וואס איז אויסגעוואקסען אויפ'ן יודענטום אין א משך פון כמה דורות. אבער פון צוויי אנדערע זייטען, פון צוויי גאנץ פערשידענע פערזענליכקייטען האט זיך אנגעהויבען א געוואל-דיג שארפער קאמף געגען דעם רבניש'ען יודענטום — א קאמף, וועלכער האט געשטעלט אין סכנה דעם גאנצען בנין פון יודענטום. איין איד אין

מערב איירָאָפּאָ, וועלכער איז אויפגעטרעטען. אלס דער פערקערפערטער פערשטאַנד און אַ צווייטער אין טערקיי — דער פערקערטער אבערגלוי־בען — האָבען איינער דעם אַנדערען די האַנד געגעבען אונטערצוגראָבען דעם יודענטום און צו פערניכטען איהם.

פערלאג „יהודיה"

אידישע פאלקס-געשיכטע

פון

פראפעסאר צבי גרעטץ

איבערזעצט דורך י. שפירא.

דרייצעהנטער באנד

ווארשא, תרפ"ז

אינהאַלטס-פערצייכניס פון דריטען באַנד.

די הומאַניסטישע און רעפאָרמאַציאָנס-צייט-עפּאָכע.

ניינטעס קאַפּיטעל

זייטען:

ברוך שפּינאָזאַ און שבתי צבי (1666—1678) — — 3—58

צעהנטעס קאַפּיטעל

ליכט און שאָטען (1677—1720) — — — — 58—89

עלפטעס קאַפּיטעל

די פערוואַלדערונג (1700—1760 — — — — 90—159

Druk. „POPĘD", Warszawa,
Dzielna 7, tel 11.48.26

די הומאניסטישע און רעפארמאציאנסצייט-עפאכע.

ניינטעס קאפיטעל.

ברוך שפינאזא און שבתי צבי.

(1678 — 1666)

וועהרענד רבי מנשה בן ישראל האט געהאלטען אין ארבייטען ביים אויפבויען די אויבערשטע קרוין פון יודענטום, דאס הייסט, צו פערענדיגען זיין גאנצען בנין דורכ'ן אראבברענגען משיח'ן און בענייען די וועלט, האט איינער פון זיינע תלמידים זיך עוסק געווען אין פערפערטיגען א געדאנק-אינסטרומענט אונטערצוגראבען זיך אונטער'ן אלטען בנין, צו ווארפען איהם און מאכען פון איהם צובראכענע שארבענס און שטויב, דאס זאל שוין מעהר נישט האבען קיין תקומה אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. דאס וואס איז פאר יהודה אריה דע מאדענא געוועזן בלויז א שפיעל, איז פאר איהם געווארען א גאנץ טרויעריגער ערנסט. דאס אידישע פאלק האט ווידער געגעבען דער וועלט א טיעפען דענקער, וועלכער האט געדארפט היילען די מענשהייט און איהר גייסט פון די טיעף איינגעוואר-צעלטע פעהלערען און טעותים און געבען איהר א נייע ריכטונג, כדי בעסער צו פערשטעהען דעם צוזאמענהאנג צווישען הימעל און ערד, צווישען גייסט און קערפער. ווי זיין עלטער-פאטער, אברהם אבינו, האט דער אידישער פילאזאף געוואלט צוברעכען אלע אבגעטער, צו וועלכע די מענשען האבען געדיענט און געבויגען פאר זיי די קניע אין זייער געוואוינהייט, אדער פאנאטישער אימה, ווי אויך פוילהייט פון געדאנק, און ענטדעקען זיי א נייעם גאט, וועלכער רוהט שוין אבער נישט אין די הימלען, נור אין זיי גופא. דער דאזיגער דענקער האט געווירקט, ווי א שטורם-ווינד איבער-ראשענדיג און צושמעטערנדיג, אבער אויך רייניגענדיג און אבפרי-שענדיג.

דער דאזיגער גרויסער, אדער ריכטיגער, דער גרעסטער דענקער פון

זיין צייט, האָט מעהר פאַר אַלץ אָנגעריהרט דאָס, וואָס איז איהם אַמנאָ־
הענטסטען — דעם יודענטום. אינ'ם געפאַלענעם צושטאַנד, אין וועלכען
דאָס יודענטום האָט זיך געפונען אין יענער צייט, אָדער ריכטיגער אין
דער עלענדער לאַגע, אין וועלכער עס האָבען זיך דאַמאָלס געפונען די
אידען, איז אויך פאַר אַט דעם גרויסען דענקער שווער געווען צו דערקע־
נען דאָס אמת גרויסע און שעהנע, וואָס געפינט זיך טיעף אין יודענטום,
און דאָס איז געווען די סבה, פאַר וואָס ער האָט ביידען אזוי טיעף אַנגע־
ריהרט. דער גרויסער דענקער האָט געהייסען ברוך שפינאָזא (גע־
בוירען אין שפאַניען 1632, געשטאָרבען אין האָלאַנד 1677), וועלכער האָט
געשטאַמט פון א משפחה, וואָס האָט זיך נישט אויסגעצייכענט נישט מיט
עשירות, נישט מיט לומדות, און אין דער יוגענד האָט מען אין איהם נישט
געזעהען קיין שום סימן, אַז ער וועט נאָך איבער צוויי הונדערט יאָהר שפע־
טער זיין דער קעניג אין דער מלוכה פונ'ם געדאַנק. אַלס זעקסיעהריגען
אינגעל האָבען זיינע עלטערן איהם אָבגעגעבען אין זיבען-קלאַסישען חדר
„כתר-תורה", וואָס די ספרדישע אידען האָבען געהאַט געגרינדעט נאָך אין
דער ערשטער צייט פונ'ם אידישען ישוב אין אַמשטערדאַם. צו „בר-מצוה"
איז ער אריינגענומען געוואָרען אין דער ישיבה פון רבי מנשה בן ישראל,
וואו ער האָט געלערנט תלמוד, דקדוק און רעטאָריק. שפעטער האָט ער
זיך פערפאָלקאָמט אין תלמוד אין דער ישיבה „עץ-חיים" פון רבי שאול
מאָרטיירא, וואו ער האָט געהאַט חברים, וועלכע האָבען זיך דערנאָך
קונה-שם געווען אין דער אידישער געשיכטע. צוליעב זיין גרויסען חשק
צום לערנען, האָט ער זיך נישט געקאָנט בעגניגען מיט דעם, וואָס עס האָט
איהם געגעבען זיין רבי מאָרטיירא אין דער ישיבה „עץ-חיים". ער האָט
זיך אָנגעהויבען פערטיעפען אין די ספרים פון די אידישע דענקער, פון
וועלכע עס האָבען איהם בעזונדערס צוגעצויגען דריי: דער אבן-עזרא
מיט זיין פרייען געדאַנק און זיינע סודות, רבי משה בן מיימון
(רמבם) — מיט זיין קינסטליכען סיסטעם צו פעראייניגען דאָס יודענטום
מיט דער אַלגעמיינער פילאָזאָפיע, מיט זיין שטאַרקער אמונה און גרויסער
היסענשאַפט, און רבי חסדאי קרשקש מיט זיין שנאה צו דער
אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע. אויך מיט דער קבלה האָט זיך שפינאָזא
בעקענט. אָבער אַט די אַלע מקורים האָבען נור אריינגעבראַכט א מהומה
אין זיין קלאָרען גייסט דערוועקענדיג אין איהם ביטערע און טרויעריגע
ספקות. שוין אַלס פופצעהן-יעהריגער אינגעל איז שפינאָזא געקומען מיט
שווערע שאלות צו זיין רבי'ן, רבי שאול מאָרטיירא, וועלכער האָט איהם גע־
וואָלט בערוהיגען מיט שוואַכע תירוצים; באַלד אָבער איז שפינאָזא'ס
גייסט פול געוואָרען מיט נייע ספקות, וועלכע האָבען זיך אין איהם דער־
וועקט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך בעקענט מיט די נישט-אידישע קוועלען.
שפינאָזא האָט, נעמליך, געלערנט, ווי עס איז דאַמאָלס געווען מאָדע, אויך
לאַטייניש, אָבער ער האָט זיך נישט בעגניגט מיט'ן קענען די שפראַך
אויבערפלעכליך. ער איז דעריבער געגאַנגען הערען די לעקציעס פון איי־

נעם פון די בעדייטענדסטע פילאָזאָפען פון יענער צייט, דעם דאָקטאָר פראַנץ וואַן דען ענדען, וועלכער פלעגט האַלטען פאָרלעזונגען פאַר געצעהלטע מיוחסים, יונגעלייט פון אמשטערדאַם. פון די געבילדעטע יונגע קריסטען האָט ער זיך בעקענט מיט אַנדערע אַנשויאונגען, אויסער די אידישע, און וואַן דען ענדען האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף איהם, דערוועקענדיג זיין פרייען גייסט צום פאָרשען און זוכען. אויסער די קלאַסישע שפראַכען, גריכיש און לאַטייניש און זייערע ליטעראַטורען, האָט שפינאָזאַ געלערנט מיט גרויס חשק אויך די נאַטורוויסענשאַפטען, די מאַטעמאַטיק און פיזיק, ווי אויך די נייע פילאָזאָפיע פון רענע דעקאַרט (קאַרטעזיוס), וועלכע איז בעזונדערס צוגעפאַסט געווען צו זיין איינענעם גייסט. שפינאָזאַ'ס געזיכטס־קרייז האָט זיך פערגרעסערט, זיין אורטיילס־קראַפט האָט זיך פערשטאַרקט. וואָס מעהר עס איז אריינגעשוואומען אין זיין געדאַנק פרישע מאַטעריאַלען דורך פערשיעדענע קאַנאַלען און וואָס מעהר שאַרפער זיין פערשטאַנד איז געוואָרען און זיין דענקען לאָגישער, אַלץ מעהר האָט ער זיך דערווייטערט פון יודענטום אין זיין רבנישער איינקליידונג און דער קבליסטישער אָרומבויאונג.

דער זעלבסטשטענדיג אורטיילענדער פערשטאַנד, וועלכער וויל זיך נישט אונטערגעבען קיין שום איבערגענומענע מיינונגען, וואָס זענען געהייליגט געוואָרען דורך דער צייט, — דער פערשטאַנד, וועלכער אַנערקענט נור זיין אייגענעם אויטאָריטעט און מאַכט זיך זיינע אייגענע געזעצען — אָט דאָס איז געוואָרען זיין געליעבטע, זיין גאָטהייט, פאַר וועלכער ער האָט זיך איינציג און אַליין געבוקט. אַלץ, וואָס לאָזט זיך נישט פערענטפערן פאַר'ן שטרענגען געריכט פון גלייכען מענשליכען פערשטאַנד, איז פאַר איהם געווען אָדער נעבעלדיגע איינזייטיגקייט, אָדער אבערגלויבען. זיין שטאַרקע תשוקה צום אמת, צום ריינעם אמת און דער געוויסהייט האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אינגאַנצען איבעררייסען זיין בעציהונג צו דער רעליגיאָן, וועלכע איז איהם אין דער פריהער יוגענד געווען אַזוי ליעב און טייער. ער האָט זיך אָבגעזאָגט נישט בלויז פונ'ם תלמודישען יודענטום, נור ער האָט אויך אָנגעהויבען בעטראַכטען דעם תנ"ך בלויז אַלס אַ ווערק פון דער מענשליכער ליטעראַטור. שפינאָזאַ איז געווען אויך אַזאַ טיעפע זיטליכע נאַטור, ווי אַ טיעפער דענקער. האַלטען עטוואָס פאַר נישט ריכטיג און דאָך טהון עס, צוליב מורא, געוואוינהייט, אָדער נוצען — דאָס איז פאַר איהם געווען אוממעגליך. לויט שפינאָזאַ'ס כאַראַקטער, האָט יעדע האַנדלונג געברויכט צו זיין אַ געטריע קאָפּיע פון זיין פערשטאַנד. זוי באַלד שפינאָזאַ האָט מעהר נישט געקאָנט געפינען די וואַהרהייט אין יודענטום, האָט ער שוין נישט געקאָנט פועל'ן ביי זיך אָבצוהיטען זיינע ריטועלע פאָרשריפטען און געבאָטען: ער האָט אויפגעהערט צו געהען אין שוהל אריין, האָט מעהר נישט געהיט קיין שבת און יום־טוב און האָט פערנאַכלעסיגט די דינים וועגען כשרות. זיינע איבערצייגונגען האָט ער אויך געלערנט מיט

די תלמידים, וועלכע זענען געקומען צו איהם לערנען.

ווען די פערטרעטער פון דער אַמשטערדאַמער קהלה האָבען זיך דערוואוסט אַז שפינאָזאַ פאַלט אָב פון יודענטום, האָבען זיי דערשפירט אַנ'אמת'ן ווערהטאָג אין האַרצען, דען אויפ'ן דאָזיגען, העכסט פעהיגען יונגען מאַן האָבען זיי געהאַט אַרויפגעלעגט גרויסע האָפנונגען; אין אַ צייט, וואָס דאָס יודענטום האָט זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט אין פערטיידיגערנעגען די פיעל פיינד פון אויסענווייניג, האָט אַזאַ הויכבעגאַבטער מענש, ווי שפינאָזאַ געקאָנט פיעל אויפטהון פאַר אידען, און מיט אַ מאָל דאַרפען זיי גאָר מורא האָבען, אַז ער זאָל נישט אַריבערגעהן אין לאַגער פון זייערע פיינד, מעגליך גאָר, אַז ער וועט זיך שמד'ן און אַנווענדען זיינע גרויסע בעגאַבונגען, כדי צו קעמפפען נעגען דער רעליגיאָן פון זיינע עלטערן. צי האָבען דען די פאָרשטעהער פון דער קהלה און דער בית-דין געקאָנט בלייבען גלייכגילטיג, צוזעהענדיג, ווי די צושטערער פון זייער רעליגיאָן נעהמען אונטער אַ פלאַנמעסיגע אַרבייט, כדי איהר צו פערניכטען? עס פלעגען נאָך דאַמאָלס אַלץ אָנקומען אַנטלאָפענע אנוסים פון שפאַניען און פאָרטוגאַל, וועלכע פלעגען זיך אָבזאָגען פון זייער הויכער שטעלע אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט, פון זייער גרויסען פערמעגען און מיט מסירות-נפש זוכען צו פעראייניגען זיך מיט זייער פאָלק, צוריקקעהרענדיג צו זייער אַלטער רעליגיאָן; אַנדערע האָבען זיך געלאָזט איינשפאַרען אין די פינסטערע תפיסות פון דער אינקוויזיציע, אָדער זענען מוטיג געגאַנגען אין פייער, פערברענט צו ווערען לעבעדיגערהייד אינ'ם נאָמען פון דער הייליגער רעליגיאָן. „אין שפאַניען און פאָרטוגאַל — דערצעהלט אַ דאַמאָלדיגער כראָניקער — זענען די קלויסטערס פון די מאָנאַכען און מאָנאַכינעס געווען פול מיט אידען. נישט ווייניג פון זיי בעהאַלטען זייער אידישקייט טיעף אין האַרצען און נור צוליעב די וועלטליכע גיטער האָבען זיי זיך געהאַלטען פערשטעלט פאַר קריסטען. פיעל קאַנאָניקער און אינקוויזיציאָנס-ריכטער שטאַמען פון אידען. צווישען אַט די אַלע לייט געפינען זיך איינינע, וואָס פיהלען טיעף אין האַרצען דעם ווערהטאָג פאַר זייער געצוואונגענהייט צו זיין אָבגעזונדערט פון יודענטום און, ווי נאָר זיי בעקומען די מעגליכקייט, אַנטלויפען זיי קיין אַמסטערדאַם, כדי צו ווערען עפענטליך אידען. אין אַמסטערדאַם און פיעל אַנדערע געגענדען זענען פאַרהאַן מאָנאַכען—אויגוסטינער, פראַנציסקאַנער, יעזואיטען און דאָמיניקאַנער, וועלכע האָבען שוין איצט פערלאָזען דעם קאַטוילישען גלויבען. אין שפאַניען זענען געווען בישאָפען און ערנסטליך פייערליכע מאָנאַכען, וואָס זייערע עלטערן, ברידער און שוועסטער וואוינען אין אמסטערדאַם אָדער אין אַנדערע שטעדט אלס עפענטליכע געטרייע אידען". דוקא אין די יאָהרען, אין וועלכע שפינאָזאַ האָט זיך אָבגעריסען פון יודענטום, האָבען זיך אָנגעצונדען פיעל פלאַמען פייער אין פיעל שטעדט אין שפאַניען און אין פאָרטוגאַל און מען האָט אויך זיי פערברענט די אידישע קדושים. אין קועֶנקאַ, גראַנאַדאַ, סענט-יאַגאָ, קאָרדאָוואַ און אין ליסאַבאָן — איבעראַל

האט מען דאמאלס געשטעלט מזבחות צו גאט פון דער קאטוילישער ליבע און געבראכט איהם מענשליכע קרבנות. אין ליסאבאן האט מען ארעסטירט איינעם פון די אנגעזעהענסטע אנוסים, מאנואל פערנאנדא ווילארעאל, וועלכער איז געווען מלוכה-מאן, פאליטישער שריפטשטעלער און דיכטער און אין פאריז האט ער געפיהרט די קאנסולאט-געשעפטען פון פארטוגעזישען קעניגליכען הויף. ווען ער איז געקומען געשעפטסהאלבער פון פאריז קיין ליסאבאן, האט די אינקוויזיציע איהם געלאזט פעסטנעהמען דורך איהרע מלאכי חבלה, איינשמידען אין קייטען און שלעפען אין איהר פינסטערער תפיסה אריין און לסוף האט זי איהם פער'משפט און אבגעפיהרט צום פערברענען (1-טען דעצעמבער 1651). נאך א דאנק דעם, וואס ער איז געווען א הויכער שר אויף א מלוכה-שטעלע האט די אינקוויזיציע מיט איהם געטהון א חסד: זי האט איהם נישט פערברענט נאך דערווארגען. אין קוענקא (שפאניען) האט מען אין איין טאג (29-טען יוני 1654) געשלעפט זיבען און פופציג אנוסים צום אוטא דע פע; צעהן פון זיי האט מען פערברענט און די איבעריגע האט מען פער'משפט צו שרעקליכע פייניגונגען און מלקות; זייער פערמעגען האט מען קאנפיסקירט, צווישען די פערברענטע איז אויך געווען אן'אנגעזעהע-נער מאן, דער זאטעל-פאבריקאנט פון קעניגליכען הויף, באלטהאזאר לאפעץ פון וואלאדאליד, וועלכער האט געהאט א פערמעגען פון הונדערט טויזענד דוקאטען. ער האט געהאט אויסגעוואנדערט אין די נאהענטע פראנצויזישע שטאדט באיאן (Bayonne) וואו ער האט געגרינדעט א קליינע קהלה פון אנוסים, וועלכע זענען צוריק געווארען אידען, נישט גאנץ עפענטליך, וואס איז אין פראנקרייך געווען פערבאטען אבער דאך אהן אזא געצוואונגענהייט צו פערדעקען דאס, ווי אין שפאניען. שפעטער איז ער געקומען קיין שפאניען צוריק, כדי איבערצורעדען זיין ברודערס ווהן אויסצוואנדערען מיט איהם צוזאמען אין דער נייער קהלה און אבצוהיטען אידישקייט. און אט דאן האט איהם די אינקוויזיציע געלאזט פעסטנעהמען און שרעקליך געפייניגט, דערנאך האט מען איהם פער-משפט צום פערברענען. ווען מען האט איהם געפיהרט צום אוטא דע פע, האט ער דעם גאנצען וועג חוזק געמאכט פון די קאטוילען מיט זייער גלויבען. דער תליון האט איהם געוואלט דעם מויל פערשטאפען, אבער ער האט ערקלערט: „ווען דו וועסט מיר דעם מויל פערשטאפען, וועל איך אויך נישט אויפהערען צו לעסטערען אין הארצען אויף דיין גלויבען“. פינף מאנאטען נאכדעם האט מען פערברענט צוועלף אנוסים אין גראנאדא און א קורצע צייט נאכדעם (מערץ 1655) האט מען פערברענט צוויי אנוסים מיט'ן נאמען בערנאל, אין א קורצער צייט איינעם נאכ'ן אנדערען: פריהער האט מען פערברענט דעם צוואנציג יעהריגען מארקוס דעאלמיידא בערנאל (אין יודענטום: יצחק) און צוויי חדשים נאכדעם (3-טען מאי 1655) — אברהם נונעץ בערנאל אין קארדאווא. די דאזיגע מעדעריי האט ארויסגערופען א געוואלדיגען טרויער אין דער אמסטערד-

דאמער קהלה און ווער עס האָט נאָר געקאָנט שרייבען קינות (שירים) אין שפאניש, פאָרטוגעזיש, אָדער לאטייניש, האָט בעקלאָגט אָט די צוויי קדושים.— און אָט די אַלע קדושים און נאָך טויזענדער אנדערע געהעצטע און געיאָגטע אידישע קרבנות פון דער אינקוויזיציע האָבען, לויט שפינאָזא'ס אַנשויאונג, געליטען נאָר נאָכיאָגענדיג זיך נאָך א שאָטען? צי האָבען דען די פערטרעטער פון דער אידישער קהלה געקאָנט לאָזען אונבעשטראָפט דעם מענשען, וועלכער ערקלערט עפענטליך, אז דאָס יודענטום, פאַר וועלכע אידען ליידען אזוי פיעל איז נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי א דריי טויזענד יעהריגער טעות?...

דער בית=דין פון דער אַמסטערדאַמער קהלה האָט צוערשט געזוכט ריכטיגע און זיכערע בעווייזען וועגען שפינאָזא'ס כפירה, דערנאָך האָט מען איהם איינגעלאַדען און אויסגעפרעגט גענוי וועגען זיינע איבערצייגונגען און געמוסר'ט איהם, אז ער זאָל זיך צוריקקעהרען צו זיין פריהערדיגער פרומקייט און ערגעבענהייט דעם יודענטום. קיין שטרענגע מיטלען האָט דער בית=דין געגען איהם נישט אָנגענומען. אויסצייכענענדיג זיך מיט אַן'אייזענפעסטען האראַקטער, האָט שפינאָזא נישט געוואָלט איינשטימען אויף דער פאָדערונג, וואָס דער בית=דין האָט איהם געשטעלט, אָבצוזאָגען זיך פון זיינע פרייע מיינונגען, טענענדיג, אז דער מענש האָט די פולע פרייהייט פון דענקען און אויך צו לעבען לויט זיין אייגענעם פערשטאנד און איבערצייגונג. די רבנים האָבען אין זיין פעסטקייט געזעהען בלויז עקשנות און נצחון, פונדעסטוועגען האָבען נישט זיי נישט די מנהיגים פון דער קהלה געוואָלט אָנווענדען געגען איהם די שטרענגקייט פון א חרם, כדי איהם נישט צו טרייבען אין שמד אריין. וואָס פאַר א שאָדען האָט געקאָנט זיין פאַר דער יונגער קהלה פון אַנוסים דער פערלוסט פון דעם געניאַלען „בחור שפינאָזא!" וואָס פאַר אַן'איינדרוק וואָלט עס געמאַכט אויף די אַנוסים אין שפאניען און פאָרטוגאל! מעגליך, אז דער שלעכטער איינדרוק פון אַקאָסטאַ'ס טויט האָט דאָ נאָך אויך געשפילט א וויכטיגע ראָליע—קורץ, די רבנים האָבען מן הצד פאָרגעלעגט שפינאָזא'ן א יעהרליכע פענסיע פון טויזענד גילדען מיט דער בעדינגונג, אז ער זאָל נישט אונטערנעהמען קיין פיינדליכען שריט געגען דעם יודענטום, און ווען נישט ווען זאָל ער אויך אריינקומען אין שוהל אריין. שפינאָזא איז אָבער כלל נישט געווען דער מענש, וואָס מען האָט ביי איהם געזאָלט קאָנען אָבקויפען פאַר געלד זיין פרייהייט צו דענקען ער האָט זיך פעסט געהאַלטען ביי זיין מיינונג, אז ער האָט דאָס רעכט אויף דער פרייהייט צו פאָרשען און דענקען, ווי ער פערשטעהט אליין און האָט ווייטער געלערנט מיט תלמידים, פערשפרייטענדיג אידעען, וועלכע האָבען אונטערגעגראָבען דאָס יודענטום. די בעציהונג צווישען די פערטרעטער פון יודענטום אין דער אַמסטערדאַמער קהלה און צווישען דעם בחור=שפינאָזא איז געוואָרען ערגער פון טאָג צו טאָג. עס האָט זיך געפונען א

זאנא־קער, וועלכער האט זיך געוואלט נוקם זיין אן דעם כופר אויף אַנדער אופן, שוין גארנישט קיין אידישען: ער האט אבגעוואַרט שפינאזא'ן ווען יענער איז אַרויסגעגאנגען פון טעאטער און זיך געוואָרפען אויף איהם מיט א מעסער... דער אטענטאט האט זיך נישט איינגעגעבען און שפינאזא האט דעריבער פערלאזען אמסטערדאם, כדי נישט זיין תמיד אין סכנה מיט'ן לעבען. ער האט זיך בעזעצט ביי א פריינד אין א גוט נישט ווייט פון שטאדט, — א פריינד, א קריסט, וועלכער איז אויך אלס פריידענקער, אבגעפאלען פון קאטוילישען גלויבען און האט געהערט צו דער סעקטע פון די רהינסבורגער, אדער קאלעקטאנטען, וואס פלעגען איינאָרדנען זייער גאטעס־דינסט אָהן א בעשטימטער אָרדנונג און אָהן א גלח. פון דאמאלס אן האט מען שוין נישט געקאנט רעדען וועגען א שלום צווישען שפינאזא'ן און דער אידישער קהלה. די רבנים און די מנהיגים פון אמסטערדאם האבען איהם אריינגעלעגט אין א הארבען חרם, וועלכען זיי האבען פערעפענטליכט אין שוהל אין דער פארטוגעזישער שפראך (זעקסטען אב—27 יולי 1656), שטעהענדיג אויף דער בימה פאר אנ'אפענעם ארון־קודש. דער אינהאלט פון חרם איז געווען פאלגענדער: „שוין א לאנגע צייט האבען די מנהיגים פון דער קהלה מיט'ן בית־דין (דער „מעמד" פון דער קהלה) דערהאלטען א ידיעה וועגען דער שלעכטער אויפפיהרונג און די אפיקורסישע מיינונגען פון ברוך דעספינאזא, וועלכע פערשטארקען זיך פון טאג צו טאג, נישט אכטענדיג אויף די בעמיהונגען איהם דערפון אבצוהאלטען. ער לערנט נעמליך מיט תלמידים שרעקליכע אפיקורסות, און דערויף זענען פאראן עדות, וועלכע מען קאן גלויבען און זיי האבען ארויסגעזאגט זייער עדות געגען שפינאזא'ן אין זיין געגענווארט. דאס אלץ האט דער „חכם" אונטערגעזוכט און געפונען ריכטיג, און דעריבער האט מען בעשלאסען אריינצולעגען איהם אין חרם און אבצוזונדערען איהם פון קהל־ישראל". — דערנאך האט מען ארויסגענומען די ספרי־תורה און געלעזען לויט דין ומנהג די קללות מיט די חרמות געגען ברוך שפינאזא און לסוף האט מען מתרה געווען אלע מיטגלידער פון דער קהלה, אז מען טאר נישט פיהרען מיט איהם קיין קארעספאנדענץ, נישט ארויסווייזען איהם קיין שום גנאה אדער מיטגעפיהל, נישט וואוינען מיט איהם אונטער איין דאך, אדער שטעהען אין זיינע ד' אמות (פיער איילען), אדער לעזען א זאך, וואס ער וועט שרייבען אדער דרוקען. דעם חרם האט מען געגען שפינאזא'ן בעזונדערס פערשארפט, כדי אבצוהאלטען און בעווארענען די יוגענד נישט אריינצעפאלען אין דער נעץ פון זיין אפיקורסות.

ווי מען דערצעהלט, האט שפינאזא אויפגענומען גאנץ גלייכגילטיג די ידיעה וועגען דעם חרם געגען איהם און ער זאל דערביי האבען בעמערקט: מען צווינגט איהם צו א זאך, וואס ער וואלט סיי ווי סיי געטהון (דאס הייסט, אבצושניידען זיך פון כלל־ישראל). שפינאזא האט זעהר געליעבט די איינזאמקייט און איהם איז דאריבער נישט שווער גע־

ווען צו ליידען דאָס. וואָס מען האָט איהם אָבגעזונדערט פון אַלעמען, אָבער גאָר אָהן רעזולטאַטען איז די זאַך פאַר איהם נישט פאַראיבער. די פאָרשטעהער פון דער אידישער קהלה האָבען זיך משתדל געווען ביי דער רעגירונג, אז מען זאָל איהם פערבאָטען צוריק אריינצוקומען אין שטאָדט. דער מאַגיסטראַט האָט איינגעפונען, אז די פראַגע איז אַ טהעאָלאָגישע און דריבער פאַרגעלעגט די זאַך די גלחים, וועלכע האָבען, ווי מען זאָגט, פאָרגעשלאָגען דאָס מען זאָל שפינאָזאָ'ן פערבאָטען אריינצוקומען אין שטאָדט אין אַ משך פון עטליכע מאָנאַטען. בלי ספק איז אָט דאָס געווען די סבה, וואָס האָט בעוואויגען שפינאָזאָ'ן אריינצושיקען אַ בריעף אין מאַגיסטראַט, אין וועלכען ער ערקלערט, אז ער האָט נישט געטהון קיינעם קיין שלעכטס און נישט עובר געווען אויף די געזעצען פון דער מלוכה, נור אז ער האָט אויסגענוצט זיין נאַטירליך רעכט נאָכצודענקען וועגען דער רעליגיאָן פון זיינע אבות, אָדער וועגען רעליגיאָן בכלל און אַרויסזאָגען וועגען דעם אַנדערע אנשויאונגען ווי די הערשענדע זענען. די געדאַנקען, וועלכע שפינאָזאַ האָט אַרויסגעזאָגט, שרייבענדיג דעם דאָזיגען בריעף, האָבען איהם בעוואויגען בכלל אָבצוגעבען זיך מיט דער פראַגע וועגען דער פרייהייט פונ'ם מענשען צו דענקען און צו פאָרשען און דער רעזולטאַט פונ'ם דאָזיגען נאָכדענקען איז געווען אַ ספר, וועלכער האָט פערשאַפען שפינאָזאָ'ן אַן'אונשטערבליכען נאָמען. וואוינענדיג איינזאַם און אַליין פריהער אין דאָרף (1656—1660) און דערנאָך אין רהינסבורג (1660—1664), האָט זיך שפינאָזאַ בעשעפטיגט מיט'ן שלייפען אָפטישע גלעזער, כדי צו פערדינען זיין אָרעם שטיקעל ברויט; זיין הויפט-בעשעפטיגונג אָבער איז געווען די פילאָזאָפיע פון דעקאַרט, ווי אויך דאָס בעאַרבייטען זיין „טהעאָלאָגיש-פּאָליטישען טראַקטאַט“. ער האָט קודם כל געוואָלט דערווייזען און פערשפרייטען די איבערצייגונג, אז די פרייהייט פון דענקען קאָן נישט זיין שעדליך נישט פאַר דער רעליגיאָן נישט פאַר דער מלוכה און איהר אינערליכע אָרדנונג; וואָרום אויב מען וואָלט די פרייהייט פערבאָטען וואָלטען נישט געקאָנט עקזיסטירען נישט די רעליגיאָן, נישט די אָרדנונג אין דער מלוכה.

•

נישט קיין לייכטע זאַך איז געווען פאַר שפינאָזאָ'ן צו פערטיידיגען די פרייהייט פון דענקען, דען דוקא, לויט זיין גרויסאַרטיגען געדאַנקען-בנין, האָט די מלוכה יאָ געקאָנט צונעהמען ביי'ם מענשען דאָס דאָזיגע רעכט. שפינאָזאַ האָט אין זיין סיסטעם געמאַכט „די מענשען אין אַ געוויסער מאָס גלייך צו די פיש פון ים, צו די ווערים, וועלכע האָבען נים קיין הערשער“. די גרויסע פיש האָבען דאָס רעכט איינצושלינגען די קליינע, ווייל זיי האָבען דערצו די קראַפט. אויך דאָס רעכט פונ'ם מענשען געהט נאָר אַזוי ווייט, ווי ווייט עס דערגרייכט זיין קראַפט, זיין מאַכט. דאָס דאָזיגע נאַטור-רעכט אנערקענט כלל נישט דאָס גוטע אָדער דאָס שלעכטע, די צדקות אָדער די רשעות, די מסירת-נפש

און געוואַלד-טעטיגקייט. ווייל אַבער אַזאַ צושטאַנד, וואו יעדער
קאָן מיינען, אַז ער איז תמיד דער גערעכטער, מוז פיהרען צו אַ
שטענדיגען קאַמפּף פון אַלעמען געגען אַלעמען, צו אַ פאָלקאָמער אַנאַרכיע,
האָבען די מענשען, צוליעב מורא, אָדער צוליעב האָפנונג און פערשטע-
הענדיג זייער געגענזייטיגען נוצען, שטילשווייגענדיג איינגעשטימט, אַז יע-
דער פון זיי זאָל אָבגעבען זיין רעכט אַ קאָלעקטיווער אינסטי-
טוציע, אָדער דער מלוכה. אַזוי אַרום קומט אויס, אַז די מלוכה
האָט דאָס הויפּט-רעכט אין דער מענשהייט, ווייל זי האָט די מאַכט.
יעדער מענש איז אַלזאָ מחויב צו געהאָרכען דער מלוכה, דען דערין ליגט
זיין איינענער נוצען; מען מוז איהר פאָלגען אויך אפילו, ווען זי בעפעהלט,
צו בערויבען דעם צווייטען זיין לעבען. יעדע מרידה געגען דער מלוכה איז
נישט בלויז אַ טהאַט, וואָס דאַרף בעשטראָפט ווערען, דאָס איז
אויך געגען דעם געזונדען פערשטאַנד. די מלוכה האָט אָבער
נישט בלויז די מאַכט איבער וועלטליכע מעשים, נאָר אויך איבער גייס-
טיגע, אָדער רעליגיעזע אַנשויאונגען, ווייל אָהן אַזאַ מאַכט וואָלט די
מלוכה נישט געקאָנט זיך האַלטען, ווען יעדער וואָלט אונטער דער מאַס-
קע פון דער רעליגיע געמעגט שטרעבען מבטל צו מאַכען, אָדער אונטער-
צוגראָבען זיך אונטער דער מלוכה. דער מלוכה-געוואַלט אַליין געהערט
דעריבער דאָס רעכט צו אָרדנען די אַנגעלעגענהייטען פון דער רעליגיאָן
און צו בעשטימען, וואָס הייסט רעכטגלויביגקייט און וואָס —
אפיקורסות. — די שטרענגע אויסגעהאַלטענקייט (קאָנסעקווענץ) פון
שפינאָזאַ'ס דענקען האָט איהם געבראַכט דאָס מאָל אָנצוערקענען דאָס
רעכט פון דער מלוכה כמעט אויפ'ן ערגסטען מין דעספּאָטיזם — אויף דאָס
רעכט צו דענקען. די דאָזיגע טעאָריע פון שפינאָזאַ אָנערקענט נישט דאָס
זיטליכע רעכט (נור וועך עס האָט כח, יענער איז גערעכט!), נישט דעם
יושר און די געטרייהייט' וועלכע אַ גוטער בירגער דאַרף האָבען פאַר'ן
צבור און פאַר דער מלוכה, דען ווי נור די רעגירונג ווערט שוואַך און פער-
לירט איהר מאַכט, פערלירט זי אויך דאָס רעכט צו פאָדערן, דאָס מען זאָל
איהר פאָלגען; יעדערער קאָן זיך פון איהר אָבזאָגען, אָדער אַרויסטרעטען
געגען איהר, כדי צוצושטעהן צו איהרע פיינד, וועלכע בעזיצען די מאַכט.
לויט זיין דאָזיגער טעאָריע, איז שפינאָזאַ'ן זעהר שווער געווען, צו פער-
טיידיגען דאָס רעכט פון פרייען געדאַנק און נור דורך פערשידענע פשט'לעך
(סאָפיסטיק) האָט ער געקאָנט ראַטעווען. ווי עס איז דעם דאָזיגען
העכסט וויכטיגען פּרינציפּ. יעדער מענש האָט פון דער נאַטור אַליין בע-
קומען דאָס רעכט צו דענקען, ווי ער אַליין פערשטעהט, און דאָס דאָזיגע
רעכט איז ער נישט מחויב דער מלוכה אָדער דער רעליגיאָן אָבצוטרעטען,
ווייל דאָס איז נישט פון די זאַכען, פון וועלכע אַ מענש קאָן זיך אָבזאָ-
גען, נישט פערלירענדיג דערביי זיין מענשליכען ווערטה. דאָס איז טאַקי
אונמעגליך אויך: פונקט, ווי מען קאָן זיך נישט אָבזאָגען פון די אייגענע

פינף חושים — פון זעהען, הערען א. א. וו. — אזוי קאָן מען זיך נישט אָבזאָגען פון דענקען, ווייל דער מח פרעגט זיך כלל נישט אָן וועגען אָנ־ערלויבניש דערויף און ער דענקט כמעט מעכאַניש. יעדער מענש האָט דעריבער דאָס רעכט צו דענקען רעדען, לערנען און אורטיילען אויך געגען דער רעליגיאָן און דער הערשענדער אָרדנונג, אויב נור ער טהוט עס מיט'ן ריינעם פערשטאַנד, אָהן רמאות, כעס, שנאה, אָדער אָהן כונה ארויסצו־רופען אַ פערענדערונג מיט געוואַלט אין דער עקזיסטירענדער אָרדנונג. — מיט אַלעבע שוואַכע מאָטיווען אָט שפינאָזאַ זיך בעמיהט צו פערענטפערן זיין קאַמף געגען דעם יודענטום און זיינע פילאָזאָפישע אָנפאַלען אויפ'ן תנ"ך, וועלכען עס האָט אויך אָנערקענט פאַר היילג די האָלענדישע מלוכה. קענטיג, אַז שפינאָזאַ איז שטאַרק אויפגערעגט געווען פון די ארויסטריטען געגען איהם מצד דער אַמשטערדאַמער אידישער קהלה, דען זיין געוועהנליך קלאָרער פערשטאַנד איז דאָ צומישט געוואָרען און נור דורך שנאה און כעס צו אידען און צום יודענטום האָט ער געקאָנט אין דער פראַ־גע דענקען אַזוי שוואַך. ווי אַקאָסטאַ, האָט אויך שפינאָזאַ גערופען די רבנים נישט אַנדערש ווי מיט'ן נאָמען די „פרושים", חושד זייענדיג זיי אין נאָכ־יאָגען זיך נאָך כבוד און אין געמיינע נטיות און פניות, וועהרענד זיי האָ־בען אין דער ווירקליכקייט געוואָלט נור פערטיידיגען זייער אַלטע, טייערע געוואָרענע ירושה געגען זיינע אָנפאַלען.

שטאָלץ מיט'ן פרייעם פערשטאַנד, וועלכען די קאַטוילישע קירכע האָט אין אַ משך פון פיעל יאָהרהונדערטע געדריקט און גערודפט און וועל־כער האָט ענדליך אין יענער צייט אָנגעהויבען בעפרייען זיך פון זיינע קיי־טען און ארויסטרעטען קרעפטיג, האָט שפינאָזאַ געשטעלט פאַר זיין ריכ־טער־שטוהל די טהעאָלאָגיע און, בעזונדערס, דאָס גראַה־אַלטע יודענטום, אונטערזוכענדיג זיינע דאָגמאַטען און אַלטע קוועלען און ארויסזאָגענדיג אַ פעראורטיילונג געגען איהם. אין זיין קאַמף האָט ער אויפגעשטעלט אַ גע־דאַנקען־טורם, פון וועלכען ער האָט אין אַ געוויסער מאָס געוואָלט אונטער־נעהמען אַ קאַמפף־שטורם געגען דעם הימעל. שפינאָזאַ'ס גייסט האָט, ווי קיין דענקער פאַר איהם, דערקענט אייזערנע געזעצען, אייביגע, אונפערענ־דערליכע אינ'ם וועלטאל (דאָס הייסט: נישט בלויז אויף דער ערד, נור אויך אין יענע ווייטע אונענדליכע וועלטען, וואו עס בעוועגען זיך די פּלאַ־נעטען און די שטערן), אין דער בעוועגונג פון די פּלאַנעטען און שטערן און קרייזען, אין דער רעגעלמעסיגקייט פון מאַטעמאַטישען דענקען, ווי אויך אין דער בעשיינפערליכער אונרעגעלמעסיגקייט פון די ווילדע ליידענ־שאַפטען. דאָס גאַנצע וועלטאַל, אַלע איינצעלנע זאַכען און זייערע טעטיג־קייטען, זענען לויט שפינאָזאַ, נישט בלויז פון גאָט נור אויך אין גאָט; זיי זענען אַנ'אונענדליכע רייהע פון פאָרמען און געשטאַלטען, אין וועלכע גאָט ענטפּלעקט זיך און דורך וועלכע ער ווירקט, לויט זיין אייביגער נאַטור: ער איז אין אַ געוויסער מאָס די נשמה פון

אַלע דענקענדע גופים און דער גוף פון דער גרויסער נשמה, וועלכע לעבט אינ'ם גאַנצען וועלט־אַל. גאָט איז, לויט שפינאָזאָ'ס פילאָזאָפישען געדאַנק, די הויפּט־סבה, וועלכע לעבט און ווירקט אין אַלע זאַכען, אָבער נישט אויסער זיי: אַלץ איז אין גאָט, און בעוועגט זיך אין איהם. אַלס דער שעפער און ערצייגער פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט אין וועלט־אַל, איז גאָט אַליין די ערצייגענדע נאַטור, וועלכע פערווירקליכט זיך אַליין. אַלץ, וואָס עקזיסטירט, האָט דעריבער נישט געקאָנט האָבען אַנ'אַנדער פאָרמע און כאַראַקטער, ווייל אַלץ איז די אייביגע ערשיינונג פון גאָט, וועלכער ענטפּלעקט זיך אי אין דער מאַטעריע, אי אין איהר פאָרמע, אָדער אין דער איניגער פערבינדונג פון דענקען און פערשפּרייטען זיך.

וואָס פאַר אַנ'אָרט פערנעהמט דער מענש אינ'ם דאָזיגען אָבגערונדעטען פילאָזאָפישען סיסטעם? ווי אַזוי דאַרף ער ווירקען און נוהג זיין זיך אין לעבען? אויך דער מענש איז מיט זיין גאַנצער גרויסקייט און קליינהייט, מיט זיין קראַפט און שוואַכקייט, מיט זיין גייסט, וועלכער שטרעבט צום הימעל און מיט זיין גוף, וועלכער איז געבונדען דורך זיינע בעדערפנישען, וועלכע ער מוז בעפרידיגען — אויך דער מענש איז בלויז אַ בעזונדערע פאָרמע, אָדער אַנ'אופן (Modus) פון דער געטליכער ערשיינונג. יאָהרען געהען, יאָהרען פערשווינדען, מענשען ווערען געבוירען, מענשען שטאַרבען, אַ דור נאָך אַ דור, אַ יאָהרהונדערט נאָך אַ יאָהרהונדערט פערשווינדעט, ווי אַ טראָפּען אינ'ם אייביגען שטראָם, אָבער די אייגענטליכע נאַטור פונ'ם מענשען, די געזעצען, לויט וועלכע ער בעוועגט זיך קערפּערליך און גייסטיג אין דער דאָזיגער אייגענאַרטיגער פערבינדונג פון גייסט און פאָרמע — דאָס אַלץ שפּיעגעלט אָב אין זיך די געטליכקייט, נעמליך, דער מענשליכער גייסט, אָדער ריכטיגער, די פערשידענע דענקונגס־אופנים, די געפיהלען און די אנשויאונגען פון אַלע מענשען צוזאַמען — אָט דאָס איז דער אייביגער געטליכער געדאַנק. אָבער גלייך ווי אַלע אַנדערע זאַכען, ווי, למשל, דער שטיין, וואָס קייקעלט זיך אַרונטער פון באַרג, איז דער מענש אויך נישט פריי, נור ער ווירקט לויט אויסערליכע און אינערליכע סבות, וועלכע זענען זיין הויפּט־קראַפט. דער צדיק, ווי דער רשע, דער קדוש, וואָס איז זיך מוסר נפש צוליעב אַנ'ערהאַבענעם ציעל, ווי דער רשע און מערדער — אַלע זענען נור — מאַטעריע אין דער האַנד פונ'ם געטליכען שעפער, דאָס הייסט, זיי מוזען ווירקען לויט זייער נאַטור: איינער מוז טהון גוטס, דער אַנדערער מוז טהון שלעכטס. זייער ווירקונג איז די אייגענע נויטווענדיגקייט. קיינער דאַרף אָבער נישט מאַכען גאָט קיין פאָרוואורף, פאַר וואָס ער האָט איהם געגעבען אַ שוואַכע נאַטור אָדער אַ טעמפּיגען פערשטאַנד, פונקט ווי דער קרייז (די רונדע ליניע) קאָן זיך נישט קלאָגען, פאַר וואָס גאָט האָט איהם נישט געגעבען די נאַטור און די אייגענשאַפט פון אַ קוגעל (אַ קויל).

על פי רוב איז דער מענש נישט פריי אין זיינע מעשים צוליעב זיינע

תאוות: ליעבע און שנאה, כעס און די תאוה נאָך כבוד אָדער נאָך געלד — דאָס אַלץ מאַכט איהם פאַר אַ קנעכט ביי דער אויסערליכער וועלט. די אַלע דאָזיגע תאוות שטאַמען פונ׳ם מיש־מאַש, וואָס עס הערשט אין זיינע געדאַנקען, אין זיין נשמה. וואָס מעהר ערהאַבען און טיעף עס איז די נשמה ביים מענשען צו פעךשטעהען דעם צוזאַמענהאַנג אינ׳ם וועלט־אַל, צווישען די סבות און זייערע ווירקונגען, ווי אויך די נויטווענדיגקייט פון די ערשיינונגען, אַלץ מעהר קאָן זיך דער מענש בעפרייען פון זיינע תאוות און לעבען אין צופרידענהייט און רוהיגקייט, פערוואַנדלענדיג די יסורים אין נחת. דורך אַ העכערען פערשטאַנד, אויב דער מענש לאָזט זיך נור פיהרען דורך איהם, קאָן דער מענש דערגרייכען צו אַ שטאַרקען ווילען און, נאָך מעהר, צו ליעבע צו גאָט. דאָס הייסט, צו שפירען דעם אייביגען צוזאַמענהאַנג אין דער נאַטור. די דאָזיגע „ליעבע צו גאָט" גיעט דעם מענשען פון איין זייט אַנ׳אײדעל געמיט, אַז ער זאָל וועלען שטיצען די מענשען און צוציהען זיי צו זיך דורך זיין ליעבע און וואוילטעטיגקייט, פון דער אַנדער זייט פערשאַפט דאָס איהם אַנ׳ערהאַבענעם נחת, אַ פרייד און גליק. דער מענש וואָס איז געבענשט מיט דער העכסטער ערקענטניש פון גאָט, לעבט אין גאָט און גאָט לעבט אין איהם. אַזאַ ערקענטניש איז אַ צדקות, פונקט ווי די אונוויסענהייט איז רשעות. די העכסטע צדקות איז, לויט שפינאָזאַ׳ס סיסטעם — דאָס אָבזאָגען זיך פונ׳ם אייגענעם נוצען דורך ערקענטניש. דאָס דערווייטערן זיך פון די געוואַלדיגע, פערניכטענדע כחות אין לעבענס־קאַמף, אויסצומיידען זיי, ווען זיי קומען נאָהענט, אָדער אונטערצוגעבען זיך זיי, ווען זייער ווילדע יאַגד דערגרייכט עמיצען. — דער מענש האָט אַלזאָ גאָר קיין ציעל נישט אין לעבען, פונקט ווי עס האָט דאָס נישט די אייביגע מאַטעריע. שפינאָזאַ׳ס זיטענלעהרע (די עטהיק אין ענגערן זין) איז אויך אַזוי אונפערזכטבאַר, ווי זיין לעהרע וועגען דער מלוכה. אי דאָ, אי דאָרט אַנערקענט ער דאָס אונטערגעבען זיך אַלס אַ העכסט פערשטענדיגע זאַך. די גרויסע קראַפט, וועלכע שטעהט אינ׳ם מענשענס ליידענשאַפט, זיין שטענדיג שטרעבען און יאָגען פאָרווערטס, דורך וועלכע דער מענש האָט בעשאַפען די ציוויליזאַציע און קולטיווירט די נאַטור ארום זיך און אין זיך — דאָס אַלץ האָט פערזעהען דער אַמשטערדאַמער פילאָזאָף. דער פראָגרעס עקזיסטירט, לויט זיין סיסטעם אַזוי גוט ווי גאָר נישט, עס לויפען בלויז די צייטען אייביג און לאַנגווייליג, עס חזר׳ן זיך איבער די מחשבות און די מעשים, וואָס עס איז געווען, דאָס קומט ווידער פאָר און די מענשהייט שטעהט תמיד אויף איין אָרט.

ביי אַזאַ בעגרייפען די גאָטהייט און די נויטווענדיגקייט, אָדער געצוואונגענהייט פונ׳ם מענשענס מעשים, איז עס קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס יודענטום האָט אין שפינאָזאַ׳ס אויגען נישט נושא חן געווען. דאָס יודענטום שטעלט דאָך אַרויס גראַדע ענטגעגענגעזעצטע פרינציפען. שפי־

נאזא'ן האט געפעהלט בכלל דער טיעפער בליק אין דער געשיכטע, וועלכע איז אין פיעל הינזיכטען נאך וואונדערליכער פאר דער נאטור און דערבער האט ער נישט געקאנט אנערקענען די גרויסע בעדייטונג פונ'ם יודענטום. ער האט עס נאך מעהר גערינגגעשעצט, צוליעב דעם, וואס די אמשטערדאמער רבנים האבען איהם אויסגעשלאסען פון דער אידישער געזעלשאפט, חאטש אין די דאמאלסדיגע אומשטענדען האבען די רבנים געהאט דאס פאלקאמע רעכט אזוי צו טהון; שפינאזא'ס צארן און ערביטערונג האט איהם געבראכט אויסצולאזען זיין כעס אויף אלע אידען און אויפ'ן יודענטום.

דעם קריסטענטום שטעלט שפינאזא פיעל העכער פאר'ן יודענטום, ווייל ער האט דאס יודענטום בעטראכט מיט די אויגען פון א שונא, וועלכער זעהט נור פעהלערן, וועהרענד ער האט דאס קריסטענטום בעטראכט מיט סימפאטיע און האט זיינע שוואכע זייטען נישט געזעהען. און דערבער, חאטש שפינאזא האט בכלל געשטרעבט צו דער וואהרהייט, האט ער, רעדענדיג וועגען דעם יודענטום, ארויסגעזאגט פיעל פאלשע געדאנקען, געמישט מיט פיעל ריכטיגע בעמערקונגען, כדי צו דערנידעריגען דאס יודענטום און צונעהמען ביי איהם זיין הויכע בעדייטונג, אלס א רעליגיאן פון געטליכער ענטפלעקונג, האט שפינאזא ערקלערט, אז אין תנ"ך געפינען זיך פיעל שרייב-פעהלערן, צוגעשריבענע און איבערגעמאכטע זאכען און זיי זענען כלל נישט געשריבען געווארען דורך יענע מחברים, וואס אויף זייער נאמען רופען זיי זיך אן. אזא שווערען אורטייל זאגט ארויס שפינאזא נישט בלויז אויף די ספרים פון די נביאים, נור אויך אויפ'ן „חומש“, אויפ'ן גרונד-קוואל פון יודענטום. „מעגליך — ערקלערט שפינאזא — אז עזרא האט ערשט נאכ'ן גלות בבל געזאמעלט די פערשידענע פרשיות פון דער תורה און איינגעארדענט זיי. דער אמת'ער „ספר“, וואס משה האט געשריבען, עקזיסטירט שוין מעהר נישט, אפילו נישט די „עשרת הדברות“ אין זייער ערשטער פארמע, ווי משה האט זיי געגעבען אויפ'ן בארג סיני. משה, די נביאים און בכלל אלע הויכע פערזאנען פון תנ"ך האבען געהאט זעהר א שווערען, נישט קיין קלארען בעגריף וועגען גאט און נאטור, זיי זענען נישט געוועזען קיין פילאזאפען און האבען זיך נישט בעדיענט מיט דער נאטירליכער ליכטיגקייט פונ'ם פערשטאנד. פיעל העכער פאר זיי — ערקלערט ווייטער שפינאזא — איז געשטאנען ישו; ער האט געהאט א קלארען פערשטאנד, דען ער האט נישט בלויז זיין נאציאן געוואלט אויפקלערען, נור די גאנצע מענשהייט דורך די מאטיוון פון ריינעם פערשטאנד“, אויך די אפאסטאלען שטעלט ער העכער פאר די נביאים, ווייל זיי האבען איינגעפיהרט, לויט זיין מיינונג א נאטירליכען וועג פאר דער רעליגיעזער לעהרע. נור די ערביטערטקייט געגען די רבנים האט איהם געקאנט אזוי פערבלענדען, אז ער זאל דאס גייסטיגע אייגענטום פון יודענטום אזוי פערקלענערען און אזוי הויך שטעלען דאס קריסטענטום.

אַבלייקענדיג אין אַלע נסים, וועלכע ווערען דערמאָהנט אין דער תורה, אַנערקענט ער פונדעסטוועגען אַלץ וואָס געפינט זיך אין עוואַנגעליום.

שפינאָזאַ האָט באמת געקאָנט ווערען געפעהרליך פאַר'ן יודענטום, ווייל ער האָט געגעבען זיינע שונאים דאָס געוועהר פונ'ם פערשטאַנד, ווי אַזוי צו קעמפפען געגען איהם מיט אַ גרעסערען ערפאָלג. ער האָט דאָך אויך אָנערקענט, אַז יעדע מלוכה האָט דאָס רעכט צו פערבאָטען די דאָזיגע רעליגיאָן און צווינגען די אידען אָבצוזאָגען זיך פון איהר, ווייל אַלע זענען דאָך מחויב צו געהערען דער מלוכה. די פייער-פלאַמען פון דער אינקוויזיציע געגען די אנוסים זענען, לויט זיין פילאָזאָפישען סיסטעם, געווען גאַנץ גערעכטפערטיגט, ווייל די בירגער האָבען נישט קיין רעכט צו שטעלען זיך געגען דער עקזיסטירענדער אָפיציעלער רעליגיאָן און ווייל עס איז אַ שגעון אָנצוערקענען דאָס יודענטום און מוסר-נפש צו זיין זיך פאַר איהם. שפינאָזאַ האָט אָבער געהאַט אַנ'אייגענשאַפט אין זיין האַראַקטער, וועלכע איז דעם יודענטום שטאַרק צונוצען געקומען. ער האָט צו-שטאַרק געליעבט די רוהיגקייט און דעם שלום, אַז ער האָט געזאָלט קאָנען ווערען אַנ'אַגיטאַטאָר און גרינדען ארום זיך אַ נייע שול פון תלמידים, וואָס וואָלטען זיין צושטערונגס-ווערק געפיהרט ווייטער. „גרייט צום שלום און רוהיג צו פערהאַלטען זיך" — אָט דאָס איז געווען זיין אידעאַל אין לעבען, און ביז זיין לעצטען טאָג איז ער געטריי געבליבען דעם דאָזיגען אידעאַל, לעבעדיג, ווי אַנ'אמת'ער פילאָזאָף, וואָס זעהט זיין גאַנצען גליק אין זיין דענקען און בעשאַפפען נייע וועלטען. סיי אין עסען און טרינקען, סיי אין קליידער און דירה האָט ער זיך בעגניגט מיט וועניג, מפרנס זייענדיג זיך מיט'ן שלייפען אָפטישע גלעזער. אויך מתנות האָט ער פון קיינעם נישט געוואָלט אָננעהמען, כדי נישט צו פערלירען דאַדורך זיין פרייהייט, זייענדיג שולדיג עמיצען אַ דאַנק. ווען דער געבילדעטסטער פירשט פון זיין צייט, דער פפאַלץ-גראַף קאַרל לודוויג, וועלכער איז געווען אויך זעהר פריינדליך פאַר די אידען, האָט פאָרגעלעגט שפינאָזאַ'ן דעם „פּראָטעסטאַנטישען אידען", ווי מען האָט איהם דאַמאָלס גערופען, אַז ער זאָל פערנעהמען די קאַפעדרע פון פילאָזאָפיע אין דער היידעלבערגער אוניווערזיטעט אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען, האָט זיך שפינאָזאַ דערפון אָבגעזאָגט, ערקלערענדיג, אַז ער ליעבט די איינזאַמקייט און רוהיגקייט. צוליעב דעם דאָזיגען טעם האָט ער אויך נישט מפרסם געווען זיינע אידעען און אַרויסגעבענדיג זיין „טעאָלאָגיש-פּאָליטישען טראַקטאַט, האָט ער אפילו נישט געשטעלט אויף איהם זיין נאָמען און אָנגעוויזען, אַז דער ספר האָט זיך געדרוקט אין האַמבורג, און נישט, ווי דער אמת איז געווען, אין אַמשטערדאַם, כדי מען זאָל זיך נישט אָנ-שטויסען, ווער דער מחבר איז געווען און ער וועט דאַדורך בעאונרוהיגט ווערען.

ווי מען האָט געקאָנט פאָראויסזעהען, האָט דער דאָזיגער ספר ביי

זיין ערשיינען (1670) געמאכט א שטארקען רושם. אזוי שארף, אזוי טיעף קלאר און פעסט האט נאך ביז יענער צייט קיינער נישט געשריבען ווע־גען דער בעציהונג פון דער רעליגיאן צו דער פילאזאפיע און צו דער מלוכה־געוואלד און, בעזונדערס, נישט ארויסגעזאגט זיך אזוי שארף געגען די גייסטליכע (פריסטער, כהנים) פון אלע רעליגיעס. אלע גלחים פון אלע רעליגיעס זענען שטארק אויפגערודערט געווארען דורכ'ן דאזיגען „אפיקורסות'ן" בוך, וועלכעס האט אבגעלייקענט, אז „די תורה שטאמט פון הימעל". שפינאזא'ס איינפלוסרייכע פריינד האבען נישט געהאט קיין מעגליכקייט צו פערטיידיגען עם פון רדיפות, און די גענעראלשטאטען (די האלענדישע רעגירונג) האבען ארויסגעגעבען א דעקרעט, וואס האט פער־באטען דאס בוך צו פערקויפען. נאטירליך, איז דאס געווארען די סבה פאר וואס מען האט דאס בוך נאך פלייסיגער געלעזען. שפינאזא האט אבער פון דאמאלס אן נאך מעהר מורא געהאט צו פערעפענטליכען זיינע ווערק, בעזונדערס, זיין אייגענטליך פילאזאפיש סיסטעם. שפינאזא איז בטבע נישט געווען קיין קעמפער און דאס עפענטליכע ארויסטרעטען מיט זיינע מיינונגען און פערטיידיגען זיי איז איהם געווען צו ווידער, ווי ער איז אויך נישט געווען קיין גבור, וואס האט געקאנט מוסר־נפש זיין זיך פאר יענע געדאנקען, וועלכע ער האט געהאלטען פאר די ריכטיגע און אמת'ע.

און אין אט דער אייגענשאפט זיינער ליגט אויך די סבה, פאר וואס ער האט נישט ארויסגערופען קיין שטארקע בעוועגונג אין דער אידישער וועלט דורך זיינע שווערע און וויכטיגע טענות, וועלכע ער האט ארויס־געשטעלט געגען דער אידישער רעליגיאן. אין שפינאזא'ס צייט זענען אין דער פארטוגיעזישער קהלה די בילדונג און די וויסענשאפטען נאך נישט געווען אויסגעלאשען אינגאנצען; געבילדעטע און אלזייטיג געלעהרטע אידען איז דאמאלס געווען דארט זעהר פיעל מעהר, ווי פריהער און שפע־טער, אין דער אמשטערדאמער קהלה און אין איהרע קאלאניעס האט גע־הערשט א שטארקע ריהרעוודיגקייט און פרוכטבארקייט; איהרע מנהיגים זענען מייסטענס געווען געבילדעטע אנוסים, וועלכע זענען אנטלאפען פון די שפאנישע און פארטוגיעזישע אינקוויזיציאנס־געריכטען, כדי צו קאנען לעבען אין האלאנד פריי, לויט זייער אינערליכער איבערצייגונג און אמונה. דאס זענען געווען דענקער, דאקטוירים, מאטעמאטיקער, שפראכפארשער, דיכטער און אויך דיכטערינס. אייניגע אנוסים האבען געהאט איבערגע־לעבט שווערע נסיונות און יסורים, איידער זיי האבען זיך דערשלאגען צו זייער פרייהייט. איין מאנאך פון וואלענסיא ברוי (ברודערט ווי־צענטי דע ראקאמארא (געבוירען 1601, געשט. 1684) איז גע־ווען אזוי הויך געלערנט אין דער קאטוילישער טעאלאגיע, אז ער האט זיך דערדינט ביז דער הויכער מדרגה פון א ודוי־פאטער פון דער שפאנישער קעניגליכער טאכטער, פרינצעסין מאריא, וועלכע איז שפעטער גע־ווארען קייזערין פון דייטשלאנד און האט שטארק גערודפט די אידען. און

בלוצלונג ענטלויפט אַט דער הויכער גלח פון שפּאַניען און קומט קיין אַמשטערדאַם, וואו ער איז זיך אַליין מל'ה און ענטפּלעקט זיך אַלס פערמאַסקירטער איד יצחק דע ראָקאַמאָראַ. דאַמאָלס איז ער שוין געוועזן אַ מאַן פון פערציג יאָהר אַלט, האָט ער זיך גענומען שטודירען מעדיצין, איז געוואָרען אַ דאָקטאָר און חתונה געהאַט מיט אַ אידישער פרוי און געבוירען קינדער, ווערענדיג איינער פון די ערשטע מנהיגים אין די אַמשטערדאַמער אידישע צדקה-אַנשטאַלטען. דער דאָזיגער פריהערדיגער מאַנאַך און איצטיגער פאָרשטעהער פון דער אידישער אַמשטערדאַמער קהלה האָט געדיכטעט געלונגענע שפּאַנישע און לאַטיינישע שירים.

אַנ'אַנדער וועלט'ל האָט דורכגעמאַכט דער אידישער קאַלדעראָן 1), ענריקו ענריקעז דע פּאַז (געבוירען 1600, געשטאָרבען 1660), וועלכער האָט געהאַט זעהר אַ הויכע בילדונג און איז יונג אַריינגעטרעטען אין שפּאַנישען מיליטער, וואו ער האָט זיך אַזוי שטאַרק אויסגעצייכענט דורך זיין גבורה און פעהיגקייט, אַז ער איז בעשאָנקען געוואָרען מיט אַנ'אָרדען סאַן-מיגואל און זיך דערדיענט ביז אַ קאַפּיטאַן. אויסער דעם שווערד, האָט ער אָבער אויך געהאַט אַ שעהנע פּעדער און אונטער'ן נאָמען אַנטאָניאָ ענריקעז דע גאָמעז האָט ער געשריבען מעהר אַלס צוויי און צוואַנציג קאָמעדיעס, פון וועלכע מען האָט עטליכע געשטעלט אויף דער מאַדרידער ביהנע; דאָס פּובליקום האָט געמיינט, אַז דער מחבר איז באמת קאַלדעראָן און האָט זיי שטאַרק אַפּלאָדירט. אָבער נישט דער גאָט פון מלחמה, נישט די געטין פון דער דיכטונג האָבען איהם געקאָנט בעשיצען פון דער אינקוויזיציע, און נור דורך געשווינדען אַנטלויפען האָט ער זיך געקאָנט ראַטעווען פון איהרע מערדערישע הענד. אַ לאַנגע צייט האָט ער געלעבט אין פראַנקרייך, וואו ער האָט מיט זיין פרוכטבארער פעדער בעזונגען אין זיינע לידער דעם קעניג לודוויג XIV, די קעניגין פון פראַנקרייך, דעם ערשטען מיניסטער רישעליע און אַנדערע הויכגעשטעלטע פערזאָנען פון קעניגליכען הויף. ער האָט בעקלאָגט אין עלעגיען זיין אייגענעם טרויעריגען גורל, וואָס ער האָט געמוזט פערלירען זיין פאָטערלאַנד, וועלכע ער האָט היים געליעבט, חאָטש זי האָט זיך מיט איהם בעגאַנגען, ווי אַנ'אכזריות'דיגע שטיעפמוטער, חאָטש ער איז שטאַרק רייך געווען, האָט דאָך ענריקעז דע פּאַז זיך געשפּירט אונגליקליך, ווייט פון די בלויע בערג און פון דער מילדער לופט פון שפּאַניען. אין פראַנקרייך האָט ער געלעבט אַלס אַ קריסט, ער האָט אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ער נעהמט אַנטייל אין יודענטום, בעטרויערנדיג אין אַנ'עלעגיע דעם טויט פון דעם גר צדק לאָפּע דע וועראַ אי אַלאַרקאָן. לסוף האָט ער זיך בעזעצט אין דער הויפּט-שטאָדט פון די אנוסים, אין אַמשטערדאַם, און איז עפענטליך געוואָרען אַ איד. אין

1) אַ נאָמען פון אַ בעוואוסטען שפּאַנישען דיכטער אין זיבצעהנטען יאָהרהונדערט.

בעווילא האט מען דאמאלס עפענטליך פערברענט אינם אויטא דאפע זיין בילד (1660) אינ'ם זעלביגען יאהר האבען די שפאנישע גלחים ווידער געפייערט זייערע העסליכע יום־טובים און געבראכט מענשליכע קרבנות: פון זעכציג געמשפט'ע אנוסים האט מען פיער דערווארגען און דערנאך פערברענט, דריי האט מען פערברענט לעבעדיגער'הייד און די איבריגע האט מען בעשטראפט מיט אימה'דיגע ענוים. בשעת דער פראצעסיע מיט די אונגליקליכע קרבנות, וועלכע מען האט צו די פלאמענדיגע קאסטרעס געפיהרט, האבען די גלחים אויך געטראגען די בילדער פון יענע אנוסים, וועלכע האבען בעוויזען צו אנטלויפען פון זייערע מערדערישע הענד. די בילדער האט מען פערברענט מיט די קדושים צוזאמען. צווישען אט די בילדער איז אויך געווען דאס בילד פון ענריקעז דע פאז. איינער פון די אנוסים, וועלכער האט געזעהען די דאזיגע העסליכע פראצעסיע און בעוויזען צו אנטלופען קיין אמשטערדאם, האט דארט בעגעגענט ענריקעז דע פאז אין גאס און אויסגערופען: „אי, הערר ענריקעז! איך האב געזעהען, ווי מען האט אייער בילד פערברענט אין סעווילא!" ענריקעז האט דערויף געענטפערט, לאכענדיג: „הלואי וואלטען זיי אונז ערגער קיינמאל נישט בעשטראפט!" — צווישען זיינע אונצעהליגע וועלטליכע ליעדער האט ענריקעז אויך געשריבען א העלדען־געדיכט, וואס האט א אידיש־נאציאנאלען האראקטער: „שמשון הנזיר" (Samson Nazareno) דער גרויסער כבוד, וואס עס האט בעקומען דער דיכטער מיכאל סילווייראַ, וועלכער האט אויך געהערט צו די אנוסים, פאר זיין עפאס „די מאקאבייער", האט נישט געלאזט צו־רוה דעם דיכטער דע פאז און געטריבען איהם צו דיכטען זיין „שמשון הגבור". דער דיכטער לאזט ארויסזאגען דעם געבלענדעטען אידישען פארצייטיגען העלד, וועלכער האט מיט זיין טויט געוואלט נקמה נעהמען אן די פלשתים, די געפיהלען, וועלכע ער האט אליין טיעף געשפירט אין הארצען:

„איך שטארב פאר דיין תורה, רעליגיע און פאלק,
„ערוועהלט פון נאציאנען צו ליעבע און רחמנות;
„פאר מצוות, געבאטען. גערעכטיגקייט הויכע,
„פאר פאטערלאנד־ליעבע, דאס שענע און רייכע

פון אנ'אנדער זייט ערשיינען פאר אונז צוויי אנוסים, וועלכע האבען זיך צוריקגעקעהרט צום יודענטום אין יענער צייט: דער פאטער און זוהן פון דער משפחה פענסא. דער פאטער איז געווען רייך אין גיטער און א גוט הארץ צו טהון פיעל צדקות און דער זוהן — מיט זיין דיכטערישען טאלענט. ביידע זענען אנטלאפען פון דער אינקוויזיציע און נאך פיעל וואנדערונגען, זענען זיי סוף כל סוף געקומען קיין אמשטערדאם, וואו זיי האבען זיך צוריקגעקעהרט צו זייער רעליגיאן און פאלק. דער פאטער, יצחק פענסא איז געווען א רייכער באנקיר און „מעשר" (א צעהנטעל) פון זיין פערמעגען פלעגט ער אבגעבען פאר ארימעלייט. פאר זיין

טויט האָט ער אָבגעזאָגט אויף צדקה פערציג טויזענד גאָלד־גילדען — אַ געוואַלדיגע סומע פאַר יענער צייט. נאָך זיין טויט האָט איהם טיעף בעטרויערט די ספרדישע קהלה אין אַמשטערדאַם. זיין זוהן, יוסף פענסאָ (געבוירען 1650, געשטאָרבען 1703), איז אויך געווען אַ רייכער סוחר, אָבער ער האָט זיך אויך פיעל אָבגעגעבען מיט דער דיכטונג. שוין אַלס זיבצעהן־יעהריגער בחור האָט ער אָנגעהויבען שרייבען העברעאישע ליעדער, אין ניי־העברעאישען סטיל. מיט אַן'אמת יוגענדליכען מוט האָט ער זיך אונטערגענומען צו שרייבען אַ העברעאישע דראַמאַ. זינט דעם רוימישען העברעאישען דיכטער עמנואל איז די העברעאישע דיכטונג, צוליב פערשידענע סבות, פערשוויגען געוואָרען; נישט ווייניג שולדיג איז דערין געווען די שלעכטע צייטען, וואָס די אידען האָבען איבערגעלעבט. פענסאָ'ס אונטערנעמונג איז וויכטיג דערמיט, וואָס זי איז געווען די ערשטע פראָבע צו דיכטען אין העברעאיש אַ דראַמע. אפילו די גרויסע קינסטלער פון העברעאישען וואָרט, רבי יהודה הלוי און רב שלמה בן גבירול, האָבען נור געדיכטעט לירישע ליעדער און זיך נישט דערהויבען ביז אַ דראַמאַ. יוסף פענסאָ האָט זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון דער שפּאַנישער פּאָעזיע, וועלכע האָט נאָך געקלונגען מיט די מעכטיגע טענער פון קאַלדעראָן און לאָפּע דע וועגאַ, און אָט האָט ער זיך גענומען איינפלאַנצען אין העברעאיש די הויכע שפּאַנישע דיכטונגס־פאָרם, דאָס דראַמאַ. ער האָט גליקליך נאָכגעמאַכט אַלערליי אייראָפּעאישע ווערז־מאָסען אין העברעאיש. זיין דראַמאַ האָט ער אַ נאָמען געגעבען „אסירי־התקוה" — די „געפאַנגענע פון דער האָפנונג". שפּאַנישע ליעדער האָט יוסף פענסאָ געדיכטעט זעהר פיעל — געלעגענהייטס־פּאָעזיע, מאָראַליש־פילאָסאָפישע בעטראַכטונגען (דידאַקטיק) און אָדען. בעליעבט זענען געווען זיינע נאָוועלען: „די געפעהרליכע נסיעות"

מיטעלמעסיגע דיכטער צווישען די אנוסים איז געווען אַזוי פיעל אין אַמשטערדאַם אין יענער צייט, אַז איינער פון זיי, עמנואל דע בעלמאָנטע, אָדער יצחק נונעס, וועלכען די שפּאַנישע רעגירונג האָט בעשאָנקען מיט'ן טיטול פפאלצגראַף און בעשטימט פאַר איהר געזאַנדטען אין נידערלאַנד, האָט געגרינדעט אַן'אַקאַדעמיע אויף צו לערנען דאָרט פּאָעזיע. אין דער אַקאַדעמיע פלעגען געלעזען ווערען פּאָעטישע ווערק אין אַלערליי שפּראַכען און עס זענען דאָרט בעשטימט געווען ריכטער־מבינים, וועלכע האָבען בעדאַרפט אַרויסזאָגען זייער מיינונג וועגען צוגעשיקטע נייע דיכטערישע ווערק אין די שפּראַכען: העברעאיש, לאַטייניש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש. פאַר ריכטער זענען בעשטימט געוואָרען דער פריהערדיגער ודוי־פּאָעטער, דער גר־צדק דע ראָקאַמאָראַ, און דער אנוסי יצחק גאָמעז דע סאָסאַ, וועלכער פלעגט לייכט שרייבען לאַטיינישע שירים. פּאָרטוגיעזישע און לאַטיינישע שירים פלעגט דאַמאָלס שרייבען ניקאָלאַס דע אָליווער אי פולאַנאַ, וועלכער איז פריהער געווען פּאָלקאָווניק אין שפּאַנישען מיליטער, און

דערהויבען געוואָרען צום ריטער, דאָ איז ער אַנטלאָפען פון שפּאַניען קיין האָלאַנד, וואו ער איז אַריינגעטראָטען אין אַ רעגירונגס-שטעלע אַלס צייכ-נער פון געאָגראַפישע מפּות און קאָסמאָגראַף. נאָך איין אנוסי, יוסף סמך אַריאַס, וועלכער האָט אויך געהאַט פערנומען אַ הויכע שטעלע אין שפּאַנישען מיליטער און האָט איבערגעזעצט דעם ספר פון יוסף פלא-וויוס „געגען אַפּיאָן“ — פון גריכיש אין שפּאַניש, — אַ ספר, וועלכער פער-טיידיגט דאָס אידישע פאָלק געגען אַלע שקרים, וואָס די שונאים האָבען אויף איהם אויסגעטראַכט. פון די דיכטערינס, וועלכע האָבען געשטאַמט פון די אנוסים דארף דערמאָהנט ווערען, לפחות, די שענע און גייסטרייכע דאָנא איזאַבעלאַ קאָרעאַ (רבקה — אַלס אידענע), וועלכע האָט געדיכט אַ פּרעכטיגען בלומען-קראַנץ פון פערשידענע ליעדער און איבערגעזעצט אין שענע שפּאַנישע פערזען דאָס איטאַליענישע דראַמאַ: „דער געטרייער פּאַסטוך“.

נאָר צו אַנ'אַנדער קאַטעגאָריע האָט געהערט דער אנוסי טהאָמאַס דע פינעדאַ (אַלס איד — יצחק. געבוירען 1614 געשט. 1679) פון פּאָרטוגאַל, וועלכער איז ערצויגען געוואָרען אין מאַדריד אין אַ יעזואיטען-קאָלעגיום. ער איז בעסער געווען בעהאַוונט אין דער קלאַסישער ליטעראַטור, אַלס אין דער העברעאישער, און האָט זיך געווידמעט אַזאַ פאַך, וועלכער איז ווייניג געווען בעאַרבייט אין יענער צייט אין שפּאַניען, נעמליך, אויף דער אַלטער געאָגראַפיע. אויך איהם האָט די אינקוויזיציע געוואָלט פעסטנעה-מען, און ער איז גליקליך געווען צו קאָנען אַנטלויפען פון דאָרט חאָטש מיט'ן לעבען. זיינע לעצטע יאָהרען האָט ער געלעבט אין אַמשטערדאַם אַלס עפענטליכער איד און געדרוקט דאָרט זיין געלעהרטעס גרויס ווערק וועגען דער געאָגראַפיע פון אַלטערטום. — נאָך איין בעריהמטער איד האָט געלעבט דאַמאָלס פריהער אין מידעלבורג, נאָכהער אין אַמשטערדאַם: יעקב יהודה לעאָן (געבוירען 1603 געשטאָרבען נאָך 1671). ער איז אַליין קיין אנוסי נישט געווען, נור ער האָט געשטאַמט פון אנוסים. ער איז געווען מעהר קינסטלער, איידער דענקער און זיין גאַנצען טאַלענט האָט ער פערווענדעט אויף אויפצובויען אַ מיניאַטור פון בית-המקדש מיט אַלע זיינע כלים, לויט'ן תנ"ך און דעם תלמוד. זיין ארבייט האָט דאַמאָלס געפונען זעהר פיעל בעוואונדערער אויך צווישען די קריסטען, און פיעל געלעהרטע און געקרוינטע פערזאָנען האָבען געגאַרט מיט איהם צו בעק-קענען זיך.

צום געבילדעטען קרייז פון שפּינאָזאַ'ס צייט האָבען געהערט נאָך צוויי פערזאָנען, וועלכע האָבען געוואוינט אַ מאָל אין אַמשטערדאַם, אַ מאָל אין האַמבורג: רבי דוד ברבי יצחק כהן דע לאַראַ (1610 — 1674) און רבי בנימין מוספיא (Dionys Musaphia) ביידע זענען געווען פילאָזאָפען, אָבער נישט מעהר. רבי דוד כהן איז אויך מגיד און מוכיח. ער פלעגט זיך אָפט צוזאַמענקומען מיט'ן פּראָטעסטאַנטישען

פרעדיגער עזראס עדזארדוס, וועלכער האט זעהר שטארק גע-
וואלט פיהרען אידען צום שמד, און ער האט דעריבער ארויסגעלאזען א
שם רע אויף רבי דוד כהן, אז ער איז נאהענט געווען אין זיינע לעצטע
יאהרען צום שמד. רבי בנימין מוספיא (1616—1675) איז געווען דאקטאר
און נאטור-פארשער און א לאנגע צייט איז ער געווען אויף א שטעלע ביים
דענעמארקישען קעניג כריסטיאן IV ביז'ן קעניג'ס טויט; ער איז געווען
פילאזאפיש געבילדעט און פלעגט זיך ערלויבען אין פיעל זאכען אין תלמוד
און תנ"ך צו האבען א ספק. פונדעסטוועגען איז ער אויף דער עלטער גע-
ווען רב אין אמשטערדאם. דע לארא און מוספיא האבען מיט זייער פילא-
לאגישער קענטניש ערקלערט די בעדייטונג פון פיעל ווערטער אין תלמוד
און מדרשים, דער ערשטער, אין זיין ספר „כתר כהונה", און דער צוויי-
טער — אין זיינע הוספות צום „ערוך".

דער בעדייטענדסטער פון אלע ספרדישע אנוסים, וועלכע זענען צו-
ריק געווארען אידען, איז געווען אין יענער צייט דער דאקטאר באלטהא-
זאר ארוביא און אלס איד — רבי יצחק, דע קאס-
טרא (געבוירען 1620, געשט. 1687). אויך ער האט געשטאמט פון אנוסים,
וועלכע פלעגען נאך בשתיקה אבהיטען יום-כפור, דאס הייסט, זיי
פלעגען יענעם טאג פאסטען. אין אזא האלב-יודענטום איז דע קאס-
טרא ערצויגען געווארען. בעגאבט מיט זעהר א קלארען פערשטאנד, האט
דע קאסטרא שטודירט די אלטע פילאזאפיע אין יענער עלענדער פארמע,
ווי מען האט זי נאך געלערנט אין יענער צייט אין די שפאנישע הויכ-
שולען, און איז געווען פראפעסאר פון מעטאפיזיק אין דער אוניווערזי-
טעט אין סאלאמאנקא. שוין אלס דערוואקסענער מענש האט ער פערלא-
זען די פילאזאפיע און שטודירט מעדיצין, אין וועלכער ער האט געהאט
מעהר הצלחה. ער איז באלד געווארען א מפורסם אין סעווילא, איז אנ-
גאזשירט געווארען אלס לייב-דאקטאר ביים הערצאג פון מעדינא-צעלי, ווי
אויך ביי א רייכער משפחה, וועלכע איז געשטאנען אין נאהענטע בעצי-
הונגען מיט'ן הערצאגליכען הויף. די דאזיגע שטעלעס האבען איהם איינ-
געבראכט א גרויסע עשירות. דע קאסטרא איז שוין געווען א בעיאהרטער
מענש, מיט ווייב און קינדער, ווען די אינקוויזיציע האט אויף איהם אנ'-
אויג געווארפען. ענדליך האט מען איהם ארעסטירט און אוועקגעשלעפט
אין אנ'ענגע פינסטערע תפיסה, אנקלאגענדיג איהם, אז ער איז א איד.
זיין תפיסה איז געווען אזוי ענג, אז ער האט זיך נישט געקאנט בעוועגען
פריי אין איהר. אין דער דאזיגער תפיסה האט מען איהם געלאזט זיך
פייניגען קערפערליך און גייסטיג דריי יאהר נאכאנאנד. טיילמאל פלעגט
מען איהם ארויספיהרען א ווילע פון זיין ענגער תפיסה, אבער בלויז אויף
אנצוטהון איהם מורא'דיגע ענוים. די גאנצע צייט האט דע קאסטרא תחלת
פערבראכט דארט אין פילאזאפישען דענקען, אבער ביסלעכווייז איז זיין
געדאנק פון גרויס יסורים אזוי שטארק מבולבל געווארען, אז ער האט זיך-

אנגעהויבען פרעגען: „צי בין איך דאס באמת דאן באלטהאזאר אראביא, וועלכער פלעגט ארומגעהען אין די גאסען פון סעווילִיא, אלס פרייער מאן, געלעבט אין וואוילשטאנד און געהאט א פרוי מיט קינדער?“ זיין גאנץ פריהערדיג לעבען איז איהם איצט פארגעקומען, ווי א חלום. אין די ענוים, וואס מען פלעגט איהם אנטהון, האט מען פון איהם געפאדערט, אז ער זאל זיך מודה זיין, דאס ער איז בשתקה געווען א איד, און דערביי האט מען איהם געסטראשעט נאך צו פערגרעסערען זיינע יסורים, אויב ער וועט זיך ניט מודה זיין. ער האט אבער איבערגעלעבט אלע ענוים און קיין זאך נישט מודה געווען. דאן האט מען איהם צוריק אבגעפיהרט אין תפיסה און לסוף האט מען איהם פערמשפט צו טראגען צוויי יאהר דאס שאנד־קלייד (San Benito) און ענדליך האט מען איהם ארויסגעטריבען פון שפאניען. דאן איז ער ארויסגעפאהרען קיין טולוזא, וואו ער איז געווארען פראפעסאר פון מעדיציז אין דער אוניווערזיטעט. חאטש ער איז אויף זיין נייעד שטעלע געווען הויך געאכטעט, האט ער דאך שוין מעהר נישט געקאנט אריבערטראגען דעם אייביגען שקר, אין וועלכען ער איז געווען געצוואונגען צו לעבען; ער האט דעריבער זיך אריבערגעצויגען קיין אמשטערדאם, וואו ער איז עפענטליך א איד געווארען (ארום 1666). עס איז קיין וואונדער נישט, ווען נאך אזעלכע יסורים איז ער געווארען א ערביטערטער פיינד פון קריסטענטום. רבי יצחק דע קאסטרא איז געווארען איינער פון די טיעף איבערצייגטע אידישע חכמים, וועלכע זענען ארגעבען דעם יודענטום מיט פערשטאנד און נישט בלויז מיט'ן געפיהל. ער האט געקעמפפט פאר'ן יודענטום מיט דער הילף פון דער לאגיק און דער פילאזאפיע און איז אזוי שארף אנגעפאלען אויפ'ן קאטוילישען גלויבען, אז איינער פון די פראטעסטאנטישע טעאלאגען, פראפעסאר פיליפ לימבארק, האט געפונען פאר נויטיג ארויסצוגעבען א גאנצען בוך, כדי צו ענטפערען אויף זיין קריטיק געגען דעם קריסטענטום.

די אלע אויסגערעכענטע דיכטער און געלעהרטע האבען גוט געקענט שפינאזא'ן און געלעזען זיינע ווערק, אויך דע קאסטרא איז מיט איהם געווען תחלת זעהר בעפריינדעט. אבער שפינאזא'ס טענות האבען נישט אבגעשוואכט זייער געטרייהייט צום יודענטום און נישט דערוועקט אפילו קיין ספקות אין זיינע וואהרהייטען.

נישט קוקענדיג דאס, האט שפינאזא געהאט א פערבונדעטען אין מזרח־לאנד, וועלכער האט גאר פון אנ'אנדער זייט זיך אונטערגעגראבען אונטער'ן יודענטום און געארבייט אויף דעם אריינברענגען אין איהם א וויסטען חורבן, — א מענש, וועלכער האט אריינגעבראכט א שרעקליכע מהומה אין אידישען לעבען און ארויסגעפיהרט פיעל אידען פון וועג. פיעל מעהר בעזונדער האט דער דאזיגער מענש געהאט צווישען די אידען, איי־

דער דער גרויסער דענקער ברוך שפינאָזאַ, און אַ לאַנגע צייט איז ער גע־וועזן דער אָבגאָט פון דער גאַנצער אידישער וועלט. און עד היום זענען פאַר־האַן זיינע אָנהענגער, וועלכע האַלטען זיך צוזאַמען אין איין סעקטע. דער דאָזיגער מענש איז געווען שבתי צבי (געבוירען תשעה באב שפ"ו, געשטאָרבען יום כפור תל"ז 1626—1676) פון סמירנא אין קליין־אַזיען, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ ספרדישער משפחה און איז געווען דער אויפטהוער פון אַ נייעם משיח'ישען שגעון, ווי אויך גרינדער פון אַ נייער סעקטע. שבתי־צבי איז כלל נישט געווען קיין אונגעוועהנליכער מענש, און דאָס פאָלק האָט אין איהם נעגלויבט, אָדער האָט זיך געשפּירט צוגעצויגען צו איהם, נישט אַ דאַנק זיין גרויסען גייסט, נור צוליעב זיין זעלטענער שעני־הייט און דער געהיימניספולער קראַפט, וועלכע מען האָט געגלויבט צו זעהען אין זיין עוסק זיין זיך אין פּראַקטישער קבלה. שבתי־צבי איז גע־וועזן הויך־געוואַקסען, שעהן פון געשטאַלט; ער האָט געהאַט אַ שעהנעם שוואַרצען באָרד און געדיכטע שוואַרצע האָר אויפ'ן קאָפּ, דערצו זעהר אַנ־אַנגענעהמע שטימע, וועלכע פלעגט ווירקען בעצויבערנד אין רעדען און, בעזונדערס, אין זינגען. זיין גייסט איז אָבער געווען פערנעבעלט דורך דער רייכער פאַנטאַזיע, וועלכע האָט אין איהם געווירקט מיט אַ שטאַרקער קראַפט און געטריעבן צו איבערנאַטירליכע אויפטהועכצען. שוין אין זיין פריהער יוגענד האָט שבתי־צבי אויסגעמיעדען דאָס שפּיעלען מיט חברים, נור ער פלעגט זיך אויפזוכען ערגעץ וואו אַנ'איינזאַם ווינקעל, כדי צו זיין אַליין, נישט טהוענדיג בכלל קיין זאַך, וואָס האָט פיעל חן אין קינדערשע אויגען. נאָך נאָר יונג האָט מען איהם אַריינגעבראַכט אין דער ישיבה פון רבי יוסף אישקאַפאַ, ביי וועלכען ער האָט געלערנט תלמוד, אָבער נישט דערגרייכענדיג דערין צו אַ גרויסער ידיעה; דאַגעגען האָט ער זיך שוין פריה אָנגעהויבען אָבצוגעבען מיט קבלה און סתרי־תורה און איז גע־וואָרען גוט בעהאַוועגט אין זוהר, וועלכען ער האָט ערקלערט, לויט דער קבלה פון אריז"ל. אין יענער צייט האָט שבתי־צבי זיך נאָך געהאַלטען ביי דער דאַמאַלסדיגער אַלגעמיינער מיינונג, אַז אין דער קבלה קאָן מען דער־גרייכען צו אַ גרויסער מדרגה נור דורך תעניתים און פייניגען זיך. ער פלעגט דעריבער פערברענגען זיין גאַנצע צייט, זיצענדיג איינזאַם ביי זיך אין צימער, פאַסטענדיג און מאַכענדיג אָפטע טבילות אין ים סיי זומער, ביי ווינטער, אין פריהלינג, ווי אין הערבסט, אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט. אויך דערין האָט זיך שבתי־צבי אונטערגעשיידעט פון די יונגע לייט פון זיין עלטער, וואָס ער האָט געוויכען פון פרויען. לויט'ן דאַמאַלסדיגען מנהג האָבען זיינע עלטערן איהם פריה חתונה געמאַכט; ער האָט אָבער אויסגע־מיעדען זיין שענע פרוי אינגאַנצען מיט אַזאַ עקשנות, אַז די פרוי האָט זעפּאַדערט פון איהם אַ גט, און ער האָט איהר גערן געגעבען גט. דאָס זעלבע איז שפּעטער פאָרגעקומען אויך מיט אַ צווייטער פרוי, מיט וועל־כער זיינע עלטערן האָבען איהם חתונה געמאַכט. אין די מזרח־לענדער

ציכענען זיך אוים די מענשען בכלל מיט א הייסען טעמפעראַמענט, און
דעריבער האָט דער דאָזיגער אומשטאַנד דערוועקט די אַלגעמיינע אויפ=
מערקזאַמקייט אויף שבתי=צבי, בפרט נאָך ווען מען האָט זיך דערוואוסט,
אַז ער פיהרט א לעבען פון אַנ'אָבגעזונדערטען מענשען און איז זיך עוסק
אין תעניתים, טבילות און לערנען „סתרי=תורה". עס האָבען זיך אָנגעהויבען
פערזאַמלען אַרום איהם תלמידים; צו צוואַנציג יאָהר איז ער שוין געווען
אַרומגערינגעלט פון א גאַנצען קרייז תלמידים, וואָס האָבען ביי איהם
געלערנט קבלה. בעזונדערס שטאַרק האָט ער צוגעשמיעדעט צו זיך זיינע
תלמידים דורך די שענע וואונדערליכע לידער, וואָס ער פלעגט זינגען אין
זיין צימער אין העברעאיש אָדער שפּאַניש, — לידער, וועלכע ער האָט גע=
פונען אין די קבלה=ספרים פון אריז"ל, אָדער וועלכע ער האָט אַליין געדיכ=
טעט. נאָך אַנ'אומשטאַנד איז פאָרגעקומען דאַמאָלס, וועלכער איז בעזונ=
דערס געווען פאַר איהם גינסטיג. נאָכ'ן טויט פונ'ם סולטאַן מוראַד IV.
איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן טערקישען טראָהן דער קאַמפף=לוסטיגער איב=
ראַהים, און צווישען דער טערקיי מיט דער ווענעציאַנישער רעפובליק איז
אויסגעבראָכען א העפטיגע מלחמה, צוליעב וועלכער דער גאַנצער מסחר
מיט די מזרח=לענדער איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען פון קאָנסטאַנטינאָ=
פאָל קיין סמירנאַ, וועלכע איז ביז יענער צייט געווען אַנ'אונבעדייטענדע
שטאָדט. שבתי=צבי'ס פאָטער, מרדכי=צבי, געבירטיג פון גריכענ=
לאַנד, איז געווען פון דער היים אָרים; איצט איז ער געוואָרען אַגענט פון
אַנ'ענגלישען האַנדעלס=הויז אין סמירנאַ, און אויספיהרענדיג עהרליך אַלע
בעשטעלונגען, איז ער געוואָרען א גרויסער חשוב ביי זיין פרינציפּאַל,
און זיינע אייגענע געשעפטען האָבען אָנגעהויבען וואַקסען. דער פרומער
מרדכי=צבי האָט געגלויבט, אַז גאָט האָט איהם אַריינגעשיקט די ברכה
אין שטוב, צוליעב זיין זוהן, וואָס האָט זיך עוסק געווען אין קבלה און
סתרי=תורה; אין זיינע אויגען איז זיין זוהן שוין געוועזען א געטליכער מאַן,
א קדוש. אין שטוב פון זיין ענגלישען פרינציפּאַל האָט מרדכי=צבי אָפט
געהערט רעדען וועגען דער נאָהענטער טויזענד=יעהריגער הימלישער מלוכה.
דאָס יאָהר 1666 איז נעמליך געהאַלטען געוואָרען פון די קריסטליכע פאַנ=
טאַסטען פאַר א מיסטישע משיח=יאָהר, לויט'ן פאָראויסזאָגען פונ'ם אַפּאָס=
טעל יאָהאַן און זיין אַפּאָקאַליפּס (א טייל פון עוואַנגעליום); אינ'ם דאָזי=
גען יאָהר האָט, לויט דער אמונה פון די קריסטען געדאַרפט קומען משיח
און פערזאַמלען אַלע אידען אין ירושלים, וואו ער האָט זיי אַלעמען גע=
דאַרפט אָבשמד'ן. מרדכי=צבי האָט איבערדערצעהלט ביי זיך אין
דער היים וועגען דער דאָזיגער ערוואַרטונג פון די ענגלענדער. די ערצעה=
לונג האָט אויף קיינעם נישט געמאַכט אַזאַ געוואַלדיגען איינדרוק, ווי אויף
זיין זוהן שבתי. די שוין אָהן דעם אויך צוהיצטע פאַנטאַזיע פונ'ם יונגען
מאַן האָט זיך צופלאַקערט; ער האָט אָנגעהויבען צו פאַנטאַזירען וועגען
משיח'ן, זוכענדיג אין אריז"ל'ס קבלה וועלכע עס איז אָנווייזונגען וועגען

דעם ווען און ווי אזוי משיח דארף קומען, און ענדליך האבען זיך אין איהם אויפגעוועקט וואונדערליכע שאלות: צי איז ער אליין נישט בעשטימט פון גאט, צו זיין דער אויסלייזער פון אידישען פאלק, דער משיח? ווער איז דען מעהר ווערט פאר איהם אויסצופיהרען אזא גרויסע שליחות? ווער איז דען אריינגעדרונגען אזוי טיעף. ווי ער אין די סודות פון דער קבלה? און וועמען דען, אז נישט א בעל מקובל, וועלכער איז גוט בעקענט מיט די געטליכע סודות, וועט דען גאט אנטרויען די הויכע שליחות, צו זיין א משיח?

דער מיטעלפונקט פון דער קבלה, לויט איהר נייעסטער ענטוויקלונג דורכ'ן אריז"ל און זיינע תלמידים, איז געווען דער „קץ (עס הייסט: דער סוף פון גלות, די צייט, ווען משיח דארף קומען). אבער לויט דער תורה פון אריז"ל דארף פאר משיח'ס קומען אבגעשוואכט ווערען דער כח פון דער טומאה אויף דער וועלט דאדורך, וואס אלע הייליגע פונקען וועלען ארויסגעבראכט ווערען פון די קליפות, די הייליגע ריינע נשמות וועלען זיך אבזינדערן פון די אונריינע, און די וועלט וועט בעקומען איהר „תקון" (איהר אויסבעסערונג), אויפנעהמענדיג די מדה פון חסד, פון געטליכער גנאד, וואס וועט בעהערשען אלע הערצער. דעם תקון וועלען פארבערייטען די צדיקים, וואס זענען זיך עוסק אין קבלה און פעראייניגען זייערע נשמות אין גאט. אויספיהרען די דאזיגע גרויסע אויפגאבע וועט אבער משיח בן דוד, וועלכער וועט צונויפזאמלען אלע נשמות, וועלכע בלאנדזשען ארום נאקעט אין דער וועלט און קאנען נישט דערהויבען ווערען דורך מעשים טובים. משיח בן דוד וועט אט די נשמות צוריק פעראייניגען אין זיך, לויט ווי זיי זענען געווען פעראייניגט אין „אדם קדמאה" (אין אדם הראשון). — אט די לעהרע פון די בעלי מקובלים האט איינגאנצען פערטומעלט דעם מוח פונ'ם יונגען פאנטאסט, און איהם האט זיך אנגעהויבען אויסדוכטען, אז די זאך איז פאר איהם א גאנץ לייכטע: ער קאן עם אליין מתקן זיין אלע נשמות און ממילא וועט דערנאך פארקומען אויך דער תקון אדער די אויסלייזונג פונ'ם גוף און פון עולם השפל (פון דער נידעריגער וועלט). שבתי־צבי איז נישט געווען דער ערשטער פאנטאסט, וואס האט זיך ארומגעטראגען מיט די געדאנקען, אז מען זאל קאנען דורך דער קבלה ברענגען א נייע בעסערע ארדנונג אויף דער וועלט דער זוהר. האט די זאך פאראויסגעזאגט שוין פריהער, נעמליך: „אין זעקסטען יאהר־טויזענד אין יאהר ת"ח (1640) וועלען אלע מענשען אויפשטעהן תחית המתים"... און אין אט דעם יאהר האט שבתי־צבי זיך ענטפלעקט פאר זיינע פערעהרער און תלמידים, אז ער איז דער משיח, און זיין ענטפלעקונג האט ער אנגעהויבען דאדורך, וואס ער האט אנגעהויבען ארויסצוזאגען דעם שם המפורש, לויט זיינע פיער אותיות און נקודות, האטש דער תלמוד האט דאס שטרענג פערבאטען, ערקלערענדיג, אז דאס איז געווען ערלויבט נור דעם כהן גדול, ווען ער איז געשטאנען ביי דער עבודה אין בית־המקדש. אזא זאך האבען זיך די אי־

דען נישט ערלויבט אין א משך פון העכער אנדערטהאלבען טויזענד יאהר, און דער בית-דין אין סמירנא מיט רבי יוסף אישקאפא בראש האט דעריבער געפאדערט ווענען דעם אנ'ערקלערונג פון יונגען שבתי-צבי. ווען ער לעצטער האט ערקלערט, אז איהם איז דאס ערלויבט, ווייל ער איז דער משיח, געשיקט פון גאט, האט איהם דער בית-דין ארייגעלעגט אין חרם, איהם מיט אלע זיינע אנהענגער. אין דער קהלה האבען זיך אנגעהויבען צוליעב דעם גרויסע מחלוקת, און לסוף האט מען שבתי-צבי מיט זיינע תלמידים ארויסגעטריבען פון שטאדט (1651). מען האט אבער געהאט א טעות, אויב מען האט אין סמירנא געמיינט, אז דערמיט האט זיך די זאך געענדיגט; די משיחישע בעוועגונג האט זיך געטליהעט אונטער'ן אש א לאנגע צייט, ביז עס איז אויפגעפלאקערט א יאהר פופצעהן שפעטער אין העלע פלאמען. די רדיפות האבען נעמליך נישט אבגעשוואכט די התלהבות ביי שבתי-צבי, פיעל מעהר זענען זיי אין זיינע אויגען געווען דער ריכטיגער בעוויז, אז ער איז באמת משיח, ווייל ס'איז שוין פון קריסטענטום אריבערגעטראגען געווארען דער גלויבען אין די אידישע קרייזען, אז דער משיח מוז פריהער ליידען גרויסע יסורים און ערנידערונגען איידער ער וועט דערהויבען און אנערקענט ווערען איבעראל. שבתי-צבי האט אנגעהויבען גלויבען אין זיין בעשטימונג, אלס משיח, און דאסזעלביגע האבען אויך געגלויבט זיינע תלמידים, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען רבי משה פינהיירא, שוין אנ'עלטערער איד, א גרויסער למדן און אנ'אנגעזעהענער מאן. ווען דער נייער משיח וואלט געדארפט אנקומען צו עמיצענס נדבות, וואלט זיין אילוזיע זיך נישט לאנג געהאלטען און מען וואלט זיך פון איהם סוף כל סוף אבגעווענדעט. זיין פאטער האט איהם רייך געשטיצט מיט געלד, און ער איז דעריבער געווען גאנץ אונאבהענגיג פון דער וועלט און געקאנט לייכט זאמלען תלמידים און אנהענגער ארום זיך, פערשטארקענדיג אנדערע און זיך אליין אין דער אמונה, אז ער איז משיח. אין קאנסטאנטינאפאל, וואו עס איז דאמאלס געווען א גרויסע אידישע קהלה, אין וועלכער עס האבען זיך נעבען רייכע און גוטע אידישע עלעמענטען, געפינען, ווי אין יעדער גרויסער שטאדט, אויך פיעל אונריינע און שלעכטע עלעמענטען, האט יעדער אוואנטוריסט געקאנט געפינען זיך אנהענגער. דארט האט שבתי-צבי זיך בעקענט מיט'ן בעל-דרשן אברהם יאכיני, וועלכער האט איהם פערשטארקט אין דער אמונה, אז ער איז באמת משיח. דאס איז געווען אנ'ארימער מענש, א גרויסער שווינדלער, „א בעל תחבולות“. ער פלעגט זיך בעשעפטיגען מיט'ן אבשרייבען רבנישע און קאראאימישע ספרים פאר אנ'ענגלישען קריסט, א ליעבהאבער פון מזרח-ספרים. און אט האט ער זיך בעשלאסען דורכצופיהרען א מיסטיפיקאציע מיט שבתי-צבי: ער האט איהם אונטערגערוקט א געפעלשטע אלטע מגלה, געשריבען מיט כלומר'שט אלטע, פארצייטיגע אותיות און צייכענס, און אין דער מגלה איז געווען א בפירוש'ע עדות וועגען שבתי-צבי'ס ערשיינען אלס משיח; אין דער מגלה

איז געווען געשריבען פאָלגענדעס: „איך אברהם בין געווען פערציג יאָהר פערשלאָסען אין אַ הייהל און שטאַרק פערוואונדערט, פאַר וואָס עס קומען שוין נישט פאַר די גרויסע נסים, וואָס דאַרפען זיין אין דער וואונדערליכער צייט. פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ שטימע, וואָס האָט מיר ערקלערט: אַ זוהן וועט געבוירען ווערען אין יאָהר 5386, זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען (1626) און ער וועט הייסען שבתאי־צבי. ער וועט אונטערטעניג מאַכען דעם גרויסען שלאַנג און זיין דער אמת'ער משיח, וועלכער וועט קעמפפען אָהן געוועהר". די דאָזיגע מגלה האָט שבתי־צבי, משמעות, אויפגענומען אַלס אַן'אמת'ע נבואה, און זי איז מיט דער צייט געוואָרען דער הויפט־קוואַל פון אַלע שווינדלערייען און רמאות, שגעונות און ווילדקייטען, וועלכע זענען דאַמאַלס פאָרגעקומען ביי אידען. שבתי־צבי האָט אָבער דערוויל איינגעפונען, אַז פאַר זיין אונטערנעהמונג איז סאַלאָניקי נאָך אַ בעסערער אָרט, איידער קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין סאַלאָניקי האָט ער אין דער ווירקליכקייט געפונען פיעל מעהר אַנהענגער, און איז אַרויסגעטרעטען פיעל אָפטער עפענטליך מיט זיינע משונה'דיגע מעשים. דאָרט האָט ער אויך דורכגעפיהרט איינע פון זיינע שטיק, דורך וועלכע ער האָט שפּעטער אַזוי שטאַרק געווירקט אויף דער פאַנטאַזיע פון די בעלי־מקובלים: ער האָט געמאַכט זיין מיסטישע חתונה מיט דער תורה. דערצו האָט ער איינגעלאַדען זיינע תלמידים אויף אַ גרויסער סעודה און געלאָזט ברענגען אַ ספר־תורה, ערקלערענדיג, אַז על פי קבלה מאַכט ער איצט זיין חתונה מיט דער תורה. עס הייסט, אַז ער, דער זוהן פונ'ם הימעל, דער משיח, נעהמט זיך פאַר אַ פרוי די טאָכטער פון הימעל, די תורה און פעראייניגט זיך מיט איהר, אָדער, דאָס ער איז געוואָרען די מענשליכע פערקערפערונג פון דער תורה. די דאָזיגע סצענע האָט דערוועקט אַן'אונצופרידענהייט ביי פיעל מיושב'דיגע בעלי־בתים, ווי אויך ביי די רבנים, וועלכע האָבען דעריבער געפועלט, אַז מען זאָל איהם אַרויסטרייבען פון שטאָדט. פון דאָרט איז שבתי־צבי אַבגעגאַנגען קיין גריכענלאַנד; די אידען פון דער קהלה אין אַטהען איהם האָבען אָבער נישט לאַנג געלאָזען פערבלייבען צווישען זיי, נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז מען האָט איהם אַריינגעלעגט אין חרם. נאָך אַ געוויסער אַרומוואַנדערונג אין גריכענלאַנד איז ער געקומען קיין קאַאירא (מצרים) און דאָרט האָט זיך פאַר איהם געעפענט די אויסזיכט אויף צו קאָנען פערווירקליכען זיינע חלומות. אין דער הויפט־שטאָדט פון מצרים האָט פון אַלטע צייטען אַ איד געהאַלטען אין אָרענדע די פאַבריק צו גיסען מטבעות, און דעם מלוכה־אַבצאָהל, וועלכער האָט געהאַט דעם עהרען־טיטול סרף באַשי און האָט בעדייטעט אַזוי פיעל, ווי פאָרציטען דער אידישער אַראַבאַרק אין אַלעקסאַנדריען, אין דער צייט ווען שבתי־צבי איז געקומען קיין מצרים איז דאָרט געווען סרף באַשי דער איד רפאל יוסף כעלעבי (פון אַלעפּפּאָ), וועלכער איז געווען אַ גרויסער עושר און אַ בעל צדקה, דערצו אָבער אויך אַ לייכטגלויביגער מענש און אַ שטאַרקער אַנהענגער פון אַי־

בערנאטירליכער מיסטיק און פון אנ'אסקעטישען לעבען. ער אליין פלעגט אויך פאסטען פיעל תעניתים און זיך פייניגען, כדי ארצבצוברענגען דא־דורך משיח'ן. ער פלעגט אויסהאלטען פופציג תלמידי־חכמים און מקובלים, וועלכע האבען געגעסען ביי זיין טיש און געהאט פון איהם זייער גאנצע פרנסה. וועהרענד ער פלעגט פאהרען אין א פרעכטיגער מלוכה־קארעטע, געקליידעט אין א פרעכטיגען אוניפארם מיט א שווערד, פלעגט ער אונטער די קליידער טראגען א זאק, פאסטען תעניתים און ביינאכט לאזען שמיי־סען זיין לייב. רבי שמואל וויטאל, א זוהן פון רבי חיים ווי־טאל, דעם אר"יזל'ס תלמיד, פלעגט איהם דארין ביישטעהן, העלפענדיג תשובה טהון, לויט די קבליסטישע פארשריפטען. און אט אין דעם קרייז איז שבתי צבי באלד אריינגענומען געווארען און איז דארט געווארען א גרויסער חשוב, בפרט נאך ווען ער האט צוליעב זיין אייגענעם גרויסען פערמעגען, נישט פערלאנגט קיין שטיצע פונ'ם רייכען מאן. ווי עס שיינט, האט שבתי צבי זיך ענטפלעקט אויך פאר רפאל יוסף אלס א משיח. דער־וויל איז אונטערגעקומען דאס קריטישע יאהר 1666, אויף וועלכע אלע האבען נביאות געזאגט, אז אין איהם וועט משיח קומען.

גלויבענדיג פעסט אין זיין אייגענער משיחות, האט שבתי־צבי אין יאהר 1663 געמאכט א רייזע קיין ירושלים, האפענדיג, אז דארט אינ'ם הייליגען לאנד, וועט גאט איהם בעווייזען א מופת, וואס זאל איהם צווענ־דען די אמונה פון אלע אידישע הערצער. די ירושלי'מער קהלה האט זיך דאמאלס געפונען אין א זעהר טרויעריגען צושטאנד, סיי מאטעריעל סיי גייסטיג. דורך די רדיפות און געלד־אויספרעסונגען מצד די טערקישע בע־אמטע זענען די דארטיגע אידען זעהר פעראָרעמט געווארען, בפרט נאך אין די יאהרען ת"ח ות"ט (1648—9), ווען צוליעב די שחיטות אין פוי־לען, האבען אויפגעהערט אנצוקומען די נדבות פון די אייראפעאישע קהלות. דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז די בעסערע אידען האבען זיך פון דארט ארויסגעצויגען און די מנהיגים פון דער קהלה זענען געבלי־בען פערברענטע בעלי מקובלים פון די תלמידים פון אריז"ל און רבי חיים וויטאל, אדער גאר שלעכטע מענשען, וואס האבען נאר געטראכט ווענען רייך ווערען פון דער אידישער ארעמקייט. אין שפיץ פון דער קהלה איז געשטאנען רבי יעקב בן צמח פון די פארטוגעזישע אנוסים, וועלכער איז מיט איין שפרונג אריבער פון דער קאטוילישער קירכע אין בית־מדרש פון די בעלי מקובלים אין צפת; צוזאמען מיט איהם איז אויך געווען רבי אברהם אמיגא. וויכטיגער פאר זיי ביידען איז געווען רבי יעקב חגיז פון איטאליען (געבוירען 1620 געשט. 1674), א חשוב'ער תלמודיסט, וועלכער האט אויך גוט געשריבען שפאניש. קיין אפיציעלע שטעלע האט ער אבער אין דער ירושלי'מער קהלה נישט געהאט.— דעם געפאלענעם מאראלישען צושטאנד פון דער דאמאלסדיגער ירושלי'מער קהלה קאן מען ארויסזעהען פון פאלגענדען פאל:

די ירושלי'מער רבנים האָבען געהאַט ארויסגעשיקט פאַר א משולח איינעם ברוך גד אין די מדינות פרס ומדי אויף צו זאַמלען נדבות פאַר דער קהלה. דער משולח האָט פערבראַכט אויף דער רייזע פיעל יאָהר און, קומענדיג צוריק, האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ פעקעל כתבים, פול בשורות טובות פאַר אידען. לויט ווי ער האָט דערצעהלט, זענען אויף איהם בעפאַלען אין וועג אין פערסיען רויבער און, צונעהמענדיג ביי איהם אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָבען זיי איהם איבערגעלאָזען אין וויסטען מדבר איינעם אַליין. צעהן טאָג האָט ער אַזוי ארומגעבלאָנדזשעט, ביז ער איז אַנידערגעפאַלען און גע'חלש'ט פון גרויס שלאָפּקייט. ווען ער האָט צוריק די אויגען געעפענט, האָט ער דערזעהען א הויכען שטאַרקען מענשען שטעהען נעבען איהם מיט א שווערד אין דער האַנד, וועלכער האָט ביי איהם געפרעגט אויף העברעאיש, צו וועלכען פאָלק ער געהערט. אין גרויס פערוואונדערונג האָט ער דאַן אויסגעשריען: „שמע ישראל“ און דערצעהלט אַז ער איז א ירושלים'ער משולח. ווען דער גבור האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך דערפרעהט און געגעבען איהם עסען און טרינקען, ערקלערענדיג: „האָב נישט קיין מורא: איך בין אַ איד פון שבט נפתלי און מיין נאָמען איז מלכיאל. איך וואוין זעהר ווייט פון דאַנען. וואַרט דאָ אויף מיר. איך וועל דורך „קפיצת־הדרך“ (דאָס הייסט: בעשווערענדיג די מלאַכים, פליהט מען געשווינד מיט זייער הילף) געהן אָנזאָגען מיין שבט די בשורה, אַז איך האָב געפונען א אידען פון ירושלים און קומען באַלד צוריק“. דערביי האָט מלכיאל אויפגעשריבען אויף פאַרמעט א הייליגען שם־המפורש און אָנגעהאָנגען דעם משולח ברוך גד אויפ'ן האַלז, כדי צו היטען איהם דאַדורך פון רויב־חיות, שלאַנגען און עקדישען, און איבערגעלאָזען איהם אויך ברויט מיט וואַסער. אויפ'ן פיערטען טאָג איז דער מענש פון שבט נפתלי, מלכיאל, ווידער ערשינען, ערקלערענדיג: „אין די דריי טעג בין איך דורכגעגאַנגען א מהלך פון דריי חדשים. איך בין געוועזען ביי אַלע שבטים און דערצעהלט זיי וועגען אַלץ, וואָס איהר ליידעט אוים אין די גלות־לענדער. איך בין אויך געוועזען ביי די בני מנשה, וואָס אויף יענער זייט פון טייך סמבטיון און ביי די בני יהודה ובנימין און זיי האָבען מיר געגעבען אַט דעם כתב, איבערצושיקען איהם דורך דיר צו דער קהלה פון ירושלים“... דער דאָזיגער כתב איז געוואָרען געשריבען דורכ'ן מלך פון די בני משה אחיטוב בן עזריה און זיינע צוויי ערשטע שרים יהוצדק בן עוזה און אוריאל בן אביאסף און ער איז געווען פול פאַנטאַסטישע ידיעות, אַ שטייגער אַזוי: די בני־משה וואוינען אין א בעזונדערער מדינה, וואָס איז אַרומגערינגעלט דורכ'ן טייך סמבטיון. זיי האָבען איינענע מלכים און שרים און אַ בעפעלקערונג פון העכער א מיליאָן דערוואַקסענע מענשען. דאָס לאַנד איז געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס, קיין ליכט ברויכען זיי נישט, ווייל זיי האָבען פיעל דימענטען, וואָס לייכטען בעסער ווי ליכט, קיין שום טמא בעשעפעניש, חיות, בהמות אָדער עופות און

שרצים זענען דאָרט נישטאָ. די זיהן און טעכטער שטאַרבען נישט ביים לעבען פון זייערע עלטערן. זיי היטען אַלע אָב שטרענג די תורה און לערנען תנ"ך, משניות, הלכות און אגדות. ווען זיי האָבען זיך דערוואוּסט, אַז די אידען ליידען צרות אין גלות, האָבען זיי ביטערליך געטרויערט און דורכ'ן געגענווערטיגען בריעף ווילען זיי טרייסטען די אידען, אָנזאָגענדיג זיי די בשורה טובה, אַז אינגיכען וועט קומען משיח. געשריבען איז דער כתב כלומרשט געווען אין יאָהר 1646 און ברוך גד האָט איהם געבראַכט קיין ירושלים מיט עלף יאָהר שפּעטער...

מען קאָן זיך פאָרשטעלען, ווי אבערגלויביש עס זענען געווען די דאָמאָלסדיגע רבנים אין ירושלים, אַז זיי האָבען געגלויבט אין דער דאָזיגער מעשה'לע, וואָס זייער משולח האָט זיי אָנדערצעהלט און אין זיין כתב וואָס מען האָט איהם צוגעשטעלט דורך „קפיצת־הדרך". די רבנים האָבען אָראָבגענומען אַ קאָפּיע פונ'ם כתב און אונטערגעחתמעט זיך אויף איהם זאַלבעצעהנט מיט'ן רב רבי יעקב צמח בראש; די קאָפּיע האָבען זיי אָבגעשיקט קיין איטאַליען צו די דאָרטיגע אידישע קהלות.

שבתי־צבי האָט שוין אַלזאָ געפונען אַ פאַרטיגען מופת אין דער הייליגער שטאָדט. די איינוואוינער זענען דאָרט געווען אָבערגלויביש און לייכטגלויביגע און געלעבט אין איין וואַרטען אויף נסים ונפלאות; ווי די ווילדעסטע פעלקער, וועלכע זענען נוטה צו זעהען אין יעדער געוועהנליבער ערשיינונג אַן איבערנאַטירליכע קראַפט און גלויבען אין יעדע דומהייט, וואָס עס וועט איינפאַלען אין מח אַ שווינדלער זיי צו דערצעהלען, האָבען די ירושלים'ער אידען אָנגענומען ברוך־גד'ס שווינדעל פאַר אַ כשר'ע מטבע. — דער סמירנאַ'ער פאַנטאַסט, שבתי־צבי, האָט אין דער ערשטער צייט זיך פערהאַלטען אין ירושלים גאַנץ רוהיג. ער האָט זיך נוהג געווען לויט דער קבלה פון אריז"ל, געפאַסט הפסקות און אָפט פערבראַכט אויף די קברים פון די צדיקים, כדי צו פעראייניגען זיך מיט זייערע נשמות. דערמיט, ווי אויך דורך זיין שענהייט און שענער שטימע, האָט ער ביסלעכווייז צוגעצויגען צו זיך אויך דאָ אַ קרייז פון אָנהענגער און פערעהרער, וועלכע האָבען אין איהם בלינד געגלויבט. זיינע מעשים און הנהגות זענען דערצו געווען אויך גאַנץ אונגעוועהנליכע: ער פלעגט זינגען שפּאַנישע ראָמאַנסען (ליעבעס־ליעדער), ערקלערענדיג זיי מיסטיש אויפ'ן שטייגער פון דער קבלה; ער האָט געזונגען וועגען דער שענער פּרינצעסין מעליזעלדע מיט איהרע קאָראַלען־ליפּען און אַ לייב, וואָס איז ווייס ווי מילך, ווען זי געהט אַרויס נאַקעטערהייד פון טייך נאָכ'ן באָדען זיך. די פּרינצעסין פלעגט ער ערקלערען אַזוי, ווי די בעלי מקובלים עקרלערען דעם שיר־השירים. געהענדיג אין די גאַסען פלעגט ער אויסטיילען די קינדער צוקערלעך; די קינדער פלעגען איהם נאָכלויפען און מיט די קינדער פלעגען איהם נאָכגעהן די עלטערן. — באַלד איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ פּאַרפאַל, וועלכער האָט צוגעפיהרט דעם פאַנטאַסט נאָהענטער צו זיין

ציעל: איבער ירושלים און איהרע איינוואוינער איז פאָרגעקומען איינע פון די אָפטע געשעהענישען, וועלכע פלעגען פערשאַפען פיעל יסורים די דאָרטיגע אידען און ברענגען אויך אָפט אייניגע פון זיי דעם טויט: די אָרטיגע בעאַמטע האָבען אַרויפגעלעגט אויף זיי אַ גרויסע סומע געלד איינצוצאָהלען אין אַ קורצען טערמין. די פעראָרימטע קהלה איז נישט געווען אימשטאַנד די סומע צו בעצאָהלען און האָט געלעגט איהר איינציגע האָפנונג אויפ'ן מצרים'ער מינץ-מייסטער רפאל בעלעבי אין קאַירא. וויסענדיג, אַז שבתי-צבי איז ביי איהם געווען אַ גרויסער חשוב, האָט די קהלה איהם געבעטען, אַז ער זאָל זיין איהר שליח, צו בעקומען פאַר איהר הילף ביים רייכען אידען. שבתי-צבי האָט איבערגענומען דעם דאָזיגען פאָרשלאַג זעהר גערן, ווייל ער האָט דאָדורך בעקומען די געלעגענהייט צו שפיעלען די ראָלע פון אַ רעטער פאַר די איינוואוינער פון דער הייליגער שטאָדט. אָנגעקומען אין קאַירא האָט ער באַלד בעקומען ביי רפאל בעלעבי די נויטיגע סומע און נאָך דערצו די געלעגענהייט צו קאָנען בעשטעטיגען זיינע חלומות וועגען דעם, אַז ער איז אַ משיח.

בשעת דער שחיטה פון די קאָזאַקען אין פוילען דורך חמיעלניצקי אין יאָהר 1648, האָבען די קריסטען געפונען אַ פעריתומט אידיש מיידעלע פון אַ יאָהר זעקס, וואָס די קאָזאַקען האָבען איהרע עלטערן אויסגעשחט'ן. די קריסטען האָבען דאָס מיידעלע אַריינגענומען אין אַ קאַטוילישען קלויסטער און ערצויגען זי דאָרט, אַלס קריסטין. די זכרונות, וואָס דאָס קינד האָט אָבער געהאַט פון זיינע ערשטע יאָהרען אין דערהיים ביי די עלטערן, האָבען איהם נישט געלאָזט צו-רוה, און דער קריסטליכער גלויבען האָט אויפ'ן מיידעלע קיין איינדרוק נישט געקאָנט מאַכען. די קלויסטערליכע צערעמאָניעס און די גאַנצע סביבה האָט דאָרט שטאַרק געווירקט אויף איהר פאַנטאַזיע. דאָס מיידעלע האָט זיך ענטוויקעלט און געוואָרען אַ שעהנע יונג-פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען אין איין טראַכטען, ווי אַזוי צו אַנטלויפען פון קלויסטער. אין אַ געוויסען טאָג האָבען די אידען, וועלכע האָבען נאָך די שחיטות זיך ווידער בעזעצט אינ'ם שטעדטעל, געפונען איהר זיצענדיג אין איין העמד אויפ'ן אָרטיגען אידישען בית-עלמין. די אידען זענען זעהר פערוואונדערט געוואָרען און געפרעגט ביי איהר פון וואַנען זי קומט. דאָס מיידעל האָט זיי דערצעהלט איהר געשיכטע און צוגעגעבען, אַז איהר פערשטאָרבענער פאָטער איז מיט אַ נאַכט פאַר דעם געקומען צו איהר אין חלום און, אָנגעדמעענדיג איהר ביים לייב, האָט ער איהר אַרויסגעפיהרט פון קלויסטער און געבראַכט אויפ'ן בית-עלמין. דערביי האָט זי בעוויזען די אָרומיגע פרויען די צייכענס, וואָס איהר פאָטערס נעגעל האָבען אין איהר לייב געלאָזען. ווי עס שיינט, האָט זי אין קאַטוילישען קלויסטער גוט אויסגעלערנט די קונסט צו מאַכען זיך צייכענס אין לייב און פערשטעלען זיך. קורץ, די אידען האָבען איהר געגלויבט, אָבער זיי האָבען מורא געהאַט איבערצולאָזען איהר אין שטעדטעל און אָבגעשיקט איהר

דעריבער קיין אַמשטערדאַם, וואוהין איהר ברודער איז ענטלאָפען נאָך דער
אידישער שחיטה. זייענדיג פון דער נאַטור נערוועז און עקסצענטריש און
נאָך דערצו שטאַרק אויפגערעגט פונ'ם איבערגעלעבטען, האָט דאָס מיידעל
געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז זי איז בעשטימט צו זיין די פרוי פונ'ם
מלך־המשיח, וועלכער דאַרף אינגיכען ערשיינען. דאָס מיידעל האָט מען
אַריינגעבראַכט אין יודענטום און אַ נאָמען געגעבען שרה, דערנאָך האָט
מען זי אָבגעשיקט קיין ליוואָרנאָ. דאָרט האָט זי, ווי עס האָבען שפּעטער
פערזיכערט בעגלויבטע עדות, זיך געהאַט פערקויפט צו זנות, דעריבער אָבער
האָט זי נישט אויפגעהערט צו טענ'הן, אַז זי איז בעשטימט צו זיין אַ פרוי
פאַר משיח'ן און טאָר מיט קיינעם נישט חתונה האָבען, דאַגעגען איז איהר
נישט פערבאָטען צו פיהרען אַ פרייע לעבען. די וואונדערליכע געשיכטע
פונ'ם שענעם מיידעל האָט זיך באַלד פערשפּרייט צווישען די אידען און
געמאַכט אַ געוויסען איינדרוק. די געשיכטע איז דערגאַנגען אַזש קיין קאַ־
אירא אין מצרים. ווען שבתי־צבי האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער
ערקלערט, דאָס מען האָט איהם מגלה געווען אין חלום, אַז אַ אידישע מיי־
דעל פון פּוילען איז בעשטימט צו ווערען זיינע אַ פרוי. ער האָט דעריבער
געשיקט אַ שליח קיין ליוואָרנאָ און אַראָבגעבראַכט צו זיך שרה'ן, כדי צו־
זאַמענצורעדען זיך מיט איהר.

דאָס פאַנטאַסטישע פרייע וועזען און די שענהייט פונ'ם מיידעל האָט
געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף שבתי צבי מיט זיינע חברים. ער
אַליין האָט זיך געשפּירט פאָלקאָם איבערצייגט, אַז דאָס איז די ריכטיגע
פרוי, וועלכע פּאַסט פאַר איהם אין דער ראָליע פון אַ משיח. אי ער, אי
זיינע פריינד האָבען געוואוסט, אַז זי האָט זיך בעשעפטיגט מיט זנות,
אָבער דאָס האָט פאַר זיי קיין בעדייטונג נישט געהאַט; פערקעהרט, דאָס
איז זיך געווען אַ וויכטיגער סימן אויף דער משיחית פון שבתי צבי, וואָ־
רום אויך דעם נביא הושע האָט דאָך גאָט צוערשט ערקלערט: „גיה, נעהם
דיר אַ זנות־פרוי“— קיינער האָט זיך אָבער דעריבער נישט געשפּירט אַזוי
גליקליך, ווי דער עושר רפאל יוסף כעלעב, וואָס ביי איהם אין שטוב
האָט דער משיח געפייערט זיין חתונה מיט שרה'ן. זיין גאַנץ פערמעגען
האָט ער איהם אָבגעגעבען און איז געוואָרען איינער פון זיינע ערשטע
מאמינים און הייסע אַנהענגער. די אמונה און איבערגעבענהייט פון אַזאַ
אָנגעזעהענער פערזאָן האָט געהאַט פאַר שבתי צבי אַ גרויסע בעדייטונג
און האָט איהם געבראַכט פיעל נייע אַנהענגער. מיט רעכט האָט מען דאַ־
מאָלס געזאָגט: „אַלס שליח איז ער געקומען קיין מצרים און אַלס משיח
איז ער פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען“.— שרה, די שענע משיח־פרוי האָט איהם
אויך צוגעפיהרט פיעל אַנהענגער. זי האָט אַריינגעבראַכט אין זיין סביבת
אַ ראָמאַנטיש־אויסגעלאַסענע שטרעמונג. מיט איהר שעהנהייט און חציפות
האָט זי צוגעצויגען פיעל יונגע לייט און אפילו אויך בעיאָהרטע מענשען,
וועלכע האָבען פריהער וועניג סימפּאַטיע געהאַט פאַר די מיסטישע מעשים

און לעהרען פון שבתי צבי. מיט א פיעל גרעסערער סוויטע, ווי ביי'ם אָבפאָהרען פון ירושלים, איז שבתי־צבי געקומען איצט אהין צוריק, ברענגענדיג מיט זיך צוויי טייערע קמיעות, וועלכע האָבען געווירקט פיעל בעסער, ווי אלערליי קבלה־מיטלען מיט מופתים, נעמליך: שרה'ס שענהייט און רפאל'ס פערמעגען. אויפ'ן וועג צו ירושלים האָט ער אין עזה זיך געפונען א דריטען מיטהעלפער, וועלכער האָט פאַר איהם געברויכט אויסצוגלייכען דעם וועג און פערשפרייטען דעם קלאַנג וועגען איהם, אלס א משיח.

אין ירושלים האָט מיט א געוויסער צייט פריהער געלעבט א משולח אלישע לוי, וועלכער פלעגט ארומפאָהרען אין צפון־אפריקא, אמשטערדאם, האמבורג און פוילען, כדי צו זאמלען נדבות פאַר די ארץ־ישראל אידען ביי די דאָרטיגע קהלות. ער האָט געהאַט א זוהן נתן בנימין הלוי (געבוירען 1644 געשטאָרבען 1680), וועלכער האָט זיך געוואלגערט אין ירושלים און געלערנט דאָרט אין תלמוד־תורה. שפּעטער האָט ער געלערנט אין דער ישיבה פון רבי יעקב חאגיז, אָבער ער האָט געקאָנט תלמוד זעהר ווייניג. דאַגעגען האָט ער זיך אנגעאייגענט די דאמאלסדיגע רבניש'ע שפּראך מיט די אויפגעבלאָזענע פוסטע מליצות, אונטער וועלכע עס איז לייכט געווען צו בעהאלטען די פוסטקייט פון געדאנק. פולצלונג איז דער אָרעמער איינגעל דערהויבען געוואָרען, דען א רייכער ספרדיש'ער איד פון עזה האָט איהם גענומען פאַר אנ'איידעם אָבגעבענדיג איהם זיין שענע טאָכטער, וועלכע איז געווען בלינד אויף איין אויג. די פלוצלונגע עשירות האָט איהם גאָר מבלבל געמאַכט דעם מוח, און, ווען שבתי־צבי איז דורכגעפאָרען דורך עזה, ערקלערענדיג זיך שוין טיילוויז אלס משיח, איז נתן פון עזה צוגעשטאנען צו איהם און איבערגענומען אויף זיך די ראָליע צו זיין זיין נביא. ווי עס שיינט, האָט שבתי־צבי איהם געהאַט אונטערגערוקט די מגלה, וואָס ער האָט בעקומען פון אברהם יאכיני, וואו עס ווערט פאָראויסגעזאָגט זיין משיחות. עס איז איצט שווער צו וויסען, אויב נתן פון עזה איז געוואָרען שבתי צבי'ס אָנהענגער און נביא טאקי צוליעב זיין תמימות'דיגער אמונה אין איהם, אָדער דאָס איז געווען א קלוג אויסגערעכענטער פּלאַן.

זינט דער בעקאנטשאפט צווישען דעם פערציג־יעריגען שבתי־צבי און דעם צוואנציג־יעהריגען נתן פון עזה האָט זיך אין דער פסידאָ־משיחישער בעוועגונג אנגעהויבען אנ'עפּאָכע פון נבואה, נאַטירליך, פון פאַלשער נבואה. נתן פון עזה האָט אָנגעהויבען אויסרופען איבעראל, אז ער איז אליהו הנביא, וועלכער איז אויפגעשטאנען אָבצורוימען דעם וועג פאַר משיח'ן. ער האָט ערקלערט, דאָס אין א יאָהר מיט עטליכע חדשים אַרום וועט זיך משיח אנטפּלעקען אין זיין גאנצען כבוד און נעהמען דעם סולטאן געפאנגען אָהן געוועהר, נאָר דורך לידער און געזאנג און וועט פערשפרייטען די הערשאפט פון פאָלק ישראל איבער אלע פעלקער פון דער

וועלט. דאס משיח־יאהר דארף פארקומען אין 1666. די דאזיגע נביאות
האט דער עזה'ער נביא אויסגעפויקט אין אלע קהלות, צולעגענדיג דערביי
נאך פיעל פערשידענע פאנטאזיעס. וואס מעהר ווילד און משונה'דיג די
דאזיגע נביאות זענען געווען, אלץ מעהר מאמינים האבען זיי געפונען. אנ־
אמת'ער מישמאש איז אריינגעקומען אין די שוואכע מוחות פון די
ירושלי'מער אידען און אין אלע נאהנטע קהלות. דא שטעהט א נביא, וועל־
כער איז פריהער געווען א רוהיגער אינגעל, א שטיקעל פחדן; דארט
שטעהט משיח אליין אין זיין שענער געשטאלט. ווער קאן זשע האבען א
ספק, אז עס איז נאהנט די צייט, ווען גאטס חסד דארף זיך ענטפלעקען?
יענע מיושב'דיגע אידען, וועלכע האבען זיך דערוואויגען, צו האבען א ספק
אין דער ריכטיגקייט פונ'ם נייעם משיח מיט זיין נביא—יענע האט מען
פשוט אויסגעלאכט. די ירושלי'מער רבנים, בעזונדערס רבי יעקב חאגיז,
האבען אפילו קלאר געזעהען דעם גאנצען שווינדעל, וואס עס האט זיך
ארום זיי אויסגעוועבט; רבי יעקב חאגיז האט מיט זיין בית־דין מתרה גע־
ווען שבתי־צבי, אז ער זאל אויפהערען טרייבען זיינע שגעונות, סטראשענ־
דיג אריינצולעגען איהם אין חרם. שבתי צבי האט זיך אפילו דערפאר ווייניג
וואס דערשראקען, ווייל דאס רוב בעפעלקערונג איז שוין געווען מיט איהם.
ער האט אבער איינגעזעהען, אז ירושלים איז בכלל נישט דער ארט, וואו
ער זאל קאנען אויפטהון עטוואס וויכטיגעס, און האט זיך בעשלאסען צו
קומען צוריק אין זיין געבורטס־שטאדט, סמירנא, וועלכע איז דאמאלס גע־
ווען א מיטעלפונקט פאר אייראפעער און אזיאטען. זיינע רייכע ברידער,
וועלכע האבען געהאט אויסגעטיילט פיעל צדקה צווישען דער ארעמער
בעפעלקערונג, האבען איהם שוין געהאט צוגעגרייט א שענעם קבלת־פנים,
און די נביאה־בריף פון נתן פון עזה האבען שטארק אויפגערודערט די
פאנטאזיע פון די סמירנא'ער איינוואוינער. איידער אבער שבתי־צבי האט
פערלאזען די שטאדט ירושלים, האט ער זיך בעווארענט מיט גוטע שליחים
און שווינדלערישע נביאים, וועלכע ער האט פאראויסגעשיקט צו די גרוי־
סע קהלות, כדי צו פערשפרייטען די וואונדערליכסטע קלאנגען און ידיעות
וועגען איהם, אויפרודערען די געמיטער און מאכען פאפולער זיין נאמען.
שבתי־רפאל—א קבצן — א שווינדלער פון מארעא (גריכענלאנד) האט
זיך געלאזען איבער דער וועלט אויסשרייען איבער אלע וועגען דעם משיח
שבתאי־צבי; אנ'אשכנזישער בעל מקובל, מתתיהו בלאך האט געטהון
אויך דאס אייגענע צוליעב תמימות'דיגער טפשות.

אזוי ארום איז עס געקומען, אז ווען שבתי־צבי איז ארויסגעגאנגען
פון ירושלים מיט'ן גוטען ווילען (לויט ווי ער האט געזאגט), אדער מען
האט איהם דערצו געצוואונגען (לויט ווי אנדערע האבען דערצעהלט), איז
ער אויפגענומען געווארען מיט גרויס כבוד אין דער אזיאטישער קהלה
אלעפא. נאך גרעסער איז געווען דער קבלת־פנים, וואס מען האט איהם
איינגעארדענט אין סמירנא (הערבסט 1665). וועגען דעם פריהערדיגען חרם

געגען איהם האָבען שוין איצט אַלע געהאַט פערגעסען. צוזאַמען מיט איהם זיין סעקרעטאר, דער ירושלים'ער איינוואוינער שמואל פרימו, וועלכער איז געוואָרען איינער פון זיינע פלייסיגסטע מיטארבייטער. שמואל פרימו האָט נעמליך פערשטאַנען גוט די קונסט, ווי אזוי צו מאַכען פון די נישטיגסטע ענינים א גרויסען וועזען און געבען זיי אַנ'אָפיציעלע ערנסטקייט; אזוי ארום האָט ער אויך געשילדערט אין זיינע בריעף שבתי-צבי'ס שווינדעל אלס אַ וויכטיגע וועלט-געשעהעניש. אָבער אין אַלגעמיינעם טומעל פון „שגעונות" איז ער זיך געבליבען אַליין גאַנץ קאַלטבלוטיג און גלאַטען, געבענדיג דער בעוועגונג א געהעריגע ריכטונג און אַ ציעל. שבתי-צבי האָט געהאַט געגנוג טאַקט, נישט אַרויסצוטרעטען אין סמירנאַ באַלד אַלס משיח; ער האָט פיעל מעהר בעפויהלען זיינע מאַמינים, אז זיי זאָלען נאָך וועגען דעם נישט ריידען, ביז עס וועט קומען זיין צייט נתגלה צו ווערען. אָבער דוקא אָט די צוריקגעהאַלטענקייט צוזאַמען מיט אַנדערע אומשטענדען, ווי, למשל, די בריעף פון נתן פון עזה, דאָס אַנקומען פון איינינע ירושלים'ער אידען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט א בעגריסונג פון דער הייליגער שטאָדט — נאַטירליך, האָט זיי קיינער דערויף נישט בעפאָלמעכטיגט — די תעניתים, וועלכע א טייל פון זיינע אַנהענגער האָבען אָבגעהיט, כדי זוכה צו זיין דורך תשובה צו משיח'ס צייט,— דאָס אַלץ האָט געווירקט אויפרעגענד אויפ'ן המון, וועלכער האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטען דעם טאָג, ווען ער וועט זיך ענדליך ענטפלעקען עפענטליך, אַלס משיח. די מקובלים זענען שוין אַלע געשטאַנען אויף זיין צד און האָבען אַנגעוויזען, אז אין זוהר און אין אַנדערע קבלה-ספרים געפינען זיך וועגען איהם פיעל רמזים. ענדליך אום ראש-השנה (התכ"ו—10-טער סעפּטעמבער 1665) האָט שבתי צבי אויסגערופען אין שוהל אויף זיך מיט א פייערליכען שופר-בלאָזען, אז ער איז דער מלך-המשיח, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגערופען מיט התלהבות: „לעבען זאָל אונזער מלך! לעבען זאָל אונזער משיח און אויסלייזער!"—

דאָס שפריכוואָרט, אז דער נביא ווערט תמיד וועניגער פאַר אַלץ אַנערקענט אין זיין געבורט-שטאָדט, האָט זיך דאָס מאָל נישט אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג. דער שגעון פון די סמירנאַ'ער אידען איז געווען אונבעשרייבליך. מען האָט אַרויסגעוויזען שבתי-צבי די העכסטע פערעהרונג און א התלהבות'דיגע ליעבע. די פרעהליכע איבערראַשונג, אז דער לאַנג ערוואַרטעטער און געהאָפטער משיח איז ענדליך ערשינען אין זייער שטאָדט, האָט אַריינגעבראַכט די סמירנאַ'ער איינוואוינער אין א ווילדער התלהבות אַלעמען גלייך, גרויס ווי קליין. די התלהבות איז באַלד איבערגעגאַנגען אין היסטעריע. פרויען, מיידלעך און קינדער האָבען בעקומען קראַמפּפען, זענען געפאַלען אין די גאַסען און געזאָגט נבואה אין דער שפּראַך פון זוהר, אז שבתי-צבי איז דער אמת'ער אידישער גואל. די ווערטער פונ'ם נביא: „גאָט וועט אין יענע צייטען זיין גייסט אויסגיסען אויף יונגע קינדער"—

האָט אויסגעוויזען מקוים צו ווערען. אַלע האָבען זיך צוגעגרייט צום וועג
קיין ארץ־ישראל צוזאמען מיט משיח'ן. די סוחרים האבען פערנאכלעסיגט
זייערע עסקים און האָבען געהאַלטען אין איין טראכטען נור וועגען דער
נאָהנטסטער מלוכה פון משיח'ן. די צומישונג אין די מוחות האָט זיך
ארויסגעוויזען אינ'ם אופן, ווי אזוי פערשידענע סמירנאָ'ער אידען האָבען
געוואָלט זוכה זיין אַנטייל צונעהמען אין דער נאָהנטער משיחישער מלוכה.
אויף איין זייט האָט מען געטהון תשובה דורך אונגלויבליכע תעניתים און
ענוים: מען האָט געפאַסט פיעל טעג נאָכאַנאַנד און טובל געווען זיך ווינ־
טער אין דער גרעסטער קעלט אין ים אָדער געוואלגערט זיך נאַקעטערהייד
אין שנעע. ביינאַכט פלעגט מען נישט שלאָפען און אָבריכטען תקון־חצות,
כדי אויסצובעטען ביי גאָט א סליחה־מחילה אויף די עבירות דורך פער־
שידענע תפילות, וועלכע מען פלעגט צואמענשטעלען, לויט די קבלה־ספרים.
איינינע פלעגען זיך איינגראָבען ביז'ן האַלז אין דער ערד און בלייבען
דאָרט אזוי לאנג, ביז דאָס לייב פלעגט ביי זיי דורכגענעצט און פערגלי־
ווערט ווערען; אנדערע ווידער פלעגען זיך צורייסען דעם לייב מיט ריטער־
שמיץ און דערנער. פון דער אַנדערער זייט דאַגעגען האָט מען זיך איבער־
געגעבען אַנ'אויסגעלאַסענער שמחה און איינגעאָרדענט יום־טוב־סעודות
לכבוד דעם משיח, וועלכער פלעגט אָפט אַרומגעהן אין די גאַסען זינגענדיג
קאַפּיטלעך תהלים, בעזונדערס דעם פסוק: „די רעכטע האַנד פון גאָט האָט
זיך דערהויבען, גאָטס רעכטע האַנד פערשטארקט זיך". אָפט פלעגט ער
דרש'ענען אין שוהל פאר'ן עולם און ברענגען ראיות פון זוהר און דער קבלה,
אז ער איז דער משיח. יעדעס וואָרט זיינס פלעגט מען איבער'חזר'ען און
אויסטייטשען אויף פערשידענע אופנים, ווי א געטליך וואָרט; אלץ, וואָס
ער האָט געטהון איז בעטראַכט געוואָרען, ווי א מופת און מען פלעגט זיך
וועגען דעם דערצעהלען פלא־פלאים און גלויבען אין זיין געטליכקייט. דער־
שגעון איז געגאַנגען אזוי ווייט, אז פיעל אידען האָבען זיך געאיילט חתונה
צו מאַכען זייערע יונגע קינדער צו צוועלף יאָהר און יונגער (אַזעלכע
חתונות זענען פאָרגעקומען אין סמירנא אליין זיבען הונדערט), כדי דאַ־
דורך וואָס גיכער אראָבצוברענגען אויף דער וועלט דעם גאנצען זאַפּאַס פון
נשמות און דאַדורך מיטווירקען, אז די גאולה פון דער מענשהייט זאָל קאָ־
נען פאָרקומען, לויט ווי עס לערנט דעם אר"יזל'ס קבלה. — אין דער זעלבי־
גער צייט האָט שבתי־צבי'ס פרוי, די זונה שרה, געווירקט אויף דער יוגענד
דורך איהר שענהייט און אויסגעלאַסענהייט; די גרענעצען פון צניעות, וועל־
כע זענען אין די מזרח־לענדער שטרענגער פאר די פרויען איידער אין איי־
ראָפּאַ, זענען דורכגעבראָכען געוואָרען. אין דער שכרות דורך דער שמחה
מיט'ן נייען משיח האָבען מאַנסביל און פרויען געטאנצט צוזאַמען און
אין גרויסער התלהבות זענען, ווי מען גיט איבער, פאָרגעקומען אויך אונ־
ציכטיגע מעשים. דער פערשטאַנד איז פערשטומט געוואָרען, יעדע שטימע
פון א מיושב'דיגערען. אידען האָט מען דערשטיקט; אַלע זענען אַריינגערי־

סען געוואָרען אין גרויסען שגעון, און די, וועלכע האָבען זיך ערלויבט נישט צו גלויבען, האָט מען געמאַכט אונשעדליך. דעם רב אהרן דעלאַפּאַפּאַ, וועלכער איז תחילת אַרויסגעטרעטען געגען דעם אלגעמיינעם שגעון און האָט אַריינגעלעגט שבתי־צבי אין חרם, האָט איצט שבתי־צבי אין זיינע דרשות אויסגעלאַכט, ווי אויך אַלע רבנים זיינע חברים אין בית־דין. לא פּאַפּאַ האָט מען דערוויטערט פון דער רבנות און לסוף געצוואונגען צו פערלאָזען סמירנאַ. די אידישע בעפעלקערונג פון סמירנאַ איז געוואָרען אין די הענד פון שבתי־צבי א ווייכער וואקס: וואָס ער האָט נאָר געוואָלט, האָט ער געקאָנט פון איהר מאַכען. די דאָזיגע שטימונג האָט געדויערט עטליכע חדשים, וועהרענד וועלכע די אידישע בעפעלקערונג איז ביי זיך אזוי זיכער געוואָרען אין דעם משיח'ס הילף, אז מען האָט אפילו אויך אויפגעהערט מורא צו האָבען פאַר דער טיראַניי פון טערקישען קאַדי, וועלכע פלעגט תמיד וואָרפען אויף אַלעמען אַנ'אימה. אויב דער טערקישער קאַדי האָט געוואָלט עפּעס וואָס טהון געגען דער אלגעמיינער שטימונג, פלעגט מען איהם געבען שוחד, און ער פלעגט זיך בערוהיגען.

די געשעהענישען אין סמירנאַ האָבען אָנגעהויבען אַרויסרופען אַ פערוואונדערונג אין אַלע גרעסערע קרייזען. פון די קהלות אַרום סמירנאַ האָבען אָנגעהויבען קומען מענשען קיין סמירנאַ, צו זעהען אַליין די וואונדערליכע מעשים און צו הערען ריידען די נייע נביאים און נביאות. באַלד האָט דער שגעון אַרומגענומען אויך די אָנגעקומענע, און אויך זיי האָבען אָנגעהויבען זאָגען נביאות. קומענדיג צוריק אַהיים, האָבען זיי אָנגעשטעקט מיט זייער שגעון אויך די דאָרטיגע רוהיגע אידישע בעפעלקערונג. דער געהיים־סעקרעטאַר פון שבתי־צבי, שמואל פרמו, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אז די געשעהענישען זאָלען בעוואוסט ווערען אין די וויטעסטע קהלות און דער פאָלקאָמער איינדרוק פונ'ם נייעם משיח זאָל דאָרט אָנקומען פריש און פערגרעסערט דורך גוזמאות. נתן פון עזה און די רייזענדע נביאים־דרשנים, שבתי רפאל און מתתיהו בלאך האָבען דערצעהלט איבעראַל זייערע צוהערער אותות ומופתים פונ'ם נייעם משיח. אפילו אויך קריסטען האָבען מיטגעווירקט ביים פערשפּרייטען די משונה'דיגע ידיעות: די קאָנסולען פון די פרעמדע מלוכות, די פאָרשטעהער און סעקרעטאַרען פון אויסלענדישע האַנדעלס־הייזער, בעזונדערס, ענגלישע און האָלענדישע, און די עוואַנגעלישע גלחים אין סמירנאַ — זיי אַלע האָבען מודיע געווען אין זייערע מדינות וועגען די געשעהענישען, וואָס קומען פאָר אין סמירנאַ; זיי האָבען אפילו דערביי אָבגעשפּאָטעט פון די אידישע שגעונות, אין טיעפען האַרצען אָבער האָבען זיי אַליין אויך געגלויבט, אז דאָ קומט פאָר עפּעס אונגעוועהנליכעס, איבערנאַטירליכעס. דאָס חלש'ן און נביאות־זאָגען פון דער יוגענד וועגען שבתי־צבי און זיין משיחות האָט אויף זיי אויך געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אין די הויפּט־קרייזען פון אייראָפּא האָט מען גערעדט וועגען שבתי־צבי ווי יוע־

נען א מערקווירדיגער ערשיינונג און מען האט אבגעווארט געשפאנט אויף יעדער ידיעה, וואס איז געקומען פון קאנסטאנטינאפאל, אדער פון סמירנא. די אידען אין אייראפא זענען תחלת ווי בעטויבט געווארען פון די פלוצלונגע ידיעות וועגען משיח'ן; ווען אבער די ידיעות האבען אנגעהויבען אנצוקומען אפטער און מעהרער, האבען זיך דארט אנגעהויבען איבערחזר'ן די מעשים פון סמירנא: מען האט אנגעהויבען תשובה־טהון דורך תעניתים און ענוים, אדער דורך אויסטיילען צדקה; פיעל מענשען האבען בעקומען היסטערישע אנפאלען און נבואה געזאגט נישט בלויז דער טעמפיגער המון, נור אפילו פיעל רבנים, געבילדעטע מענשען און פילאזאפען האבען אנגעהויבען גלויבען. די קבלה האט דא ארויסגעוויזען, ווי שטארק עס איז איהר ממשלה איבער די גייסטער. עס איז אין יענער צייט נישט געווען ביי אידען קיין איינציגער למדן, אדער געלעהרטער, וועלכער זאל נישט זיין בעקענט מיט דער קבלה, אדער גאר זיין איהר הייסער אנהענגער. רבי יעקב ששפורטש, וועלכער איז דאמאלס געווען אין האמבורג (שפעטער — רב אין לאנדאן) — א מענש מיט א שטארקען מוט און א שטרענגער, אמת פרומער מאן, וועלכער איז ביי אידען שטארק פערעהרט געווען, צוליב זיין גרויסער לומדות, האט אין דער ערשטער צייט ענערגיש געקעמפפט געגען דעם משיחית'ען שגעון פון שבתי־צבי און זיינע אנהענגער. נישט מיעד ווערענדיג האט ער געשריבען בריעף איבער בריעף צו די קהלות און זייערע מנהיגים אין אייראפא, אזיען און אפריקא, כדי אראבצורייסען די מאסקע פון די שווינדלער און מתרה זיין די אידען נישט אריינצולאזען זיך אין א געפעהרליכע אוואנטורע. אבער אויך ער איז געווען א הייסער אנהענגער פון דער קבלה און, לויט די ספרים פון דער קבלה, זענען די אלע, געגען וועלכע ער האט געקעמפפט, געווען מעהר גערעכט, ווי אונגערעכט. — היינריך אלדענבורג, א בעריהמטער דייטשער געלעהרטער אין לאנדאן, האט געשריבען דאמאלס (דעצעמבער 1665) צו שפינאזא'ן: „דא ריידען אלע וועגען דעם אומקעהרען זיך פון אלע אידען אין זייער אלט פאטערלאנד צוריק, פון וואנען זיי זענען פערטריבען געווארען שוין העכער צוויי טויזענד יאהר און פערשפרייט אין דער גאנצער וועלט. נישט פיעל מענשען גלויבען דערין, אבער פיעל פערלאנגען דאס... אויב די דאזיגע ידיעה וועט זיך בעשטעטיגען, וועט זי ארויסרופען אנ'איבערקעהרעניש אויף דער וועלט". שפינאזא אליין האט אויך אנערקענט די מעגליכקייט, אז ביי אזא געלעגענהייט און ביי דער גרויסער פערענדערליכקייט, וועלכע קומט אפט פאר אין דער מענשהייט, איז גאנץ מעגליך, אז די אידען זאלען ווידער גרינדען א מלוכה און וועלען ווערען דאס אויסערוועהלטע פאלק פון גאט. די צאהל פון די מאמינים איז טעגליך געוואקסען אין אמשטערדאם און לאנדאן צווישען די ספרדישע אידען, ווי צווישען די אשכנזישע. אויך דא האבען זיך די מאמינים צוטיילט אין צוויי מחנות: איינע האט זיך עוסק געווען אין תשובה און

מעשים טובים, כדי זוכה צו זיין אַנטייל צו נעהמען אין דער געטליכער גנאָד פאַר די אידען, און די אַנדערע האָט איינגעאָרדענט סעודות מיט מו־זיק און טענץ, פרעהענדיג זיך מיט דער גרויסער ישועה. די דרוקערייען זע־נען געווען פערוואָרפען מיט בעשטעלונגען אויף געבעט־ביכער אין העב־רעאיש, פּאָרטוגיעזיש און שפּאַניש פאַר די מאמינים אין שבתי־צבי. אין די ביכער זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט ודוים, על פי קבלה, פאַר די בעלי־תשובה, ווי אויך ספּעציעלע תפלות און יחודים, ווי אַזוי צו פועל'ן ביי גאָט, דאָס מען זאָל זוכה זיין אַנטייל צו נעהמען אין דער משיח'ישער מלוכה. אין אייניגע געבעט־ביכער האָט זיך אויך געפונען דאָס בילד פון שבתי־צבי צוזאַמען מיט'ן בילד פון דוד המלך, מיט די פאַהנען פון די אידישע מלכים און געהעריגע פּסוקים.

אין האַמבורג האָט דער שגעון זיך ענטוויקעלט נאָך שטאַרקער. דאָרט האָבען די אידען פיעל געליטען פון די קריסטען, וועלכע האָבען, אויסער די באַטעריעלע רדיפות, נאָך געצוואונגען זיי, צו קומען הערען די דרשות פון זייערע גלחים. און אָט האָבען די אידען איצט, אויף להכעים זייערע בע־דריקער און שונאים, געוואָלט מאַכען אַ דעמאָנסטראַציע. ווער עס איז דאַמאָלס אריינגעקומען אין אַ אידישע שוהל און געזעהען, ווי די אַנגע־זעהענע ספרדישע אידען טאַנצען מיט די ספרי־תורה מיט אַ'ן עכט שפּאַ־נישער גדלות, האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען נישט אַנדערש משוגע געוואָרען. עמנואל טעקסייראַ (1630—1695), וואָס ביי איהם אין שטוב פלעגען זיך תמיד געפינען די אָנגעזעהענסטע מענשען פון שטאָדט, הויכע שרים און גלחים, וועלכע פלעגען דאָרט שפּיעלען אויף גרויסע סו־מעס געלד, — אויך אָט דער אידישער „קאַוואַליער" האָט מיטגעמאַכט אַלע משוגענע טענץ, גלויבענדיג אין שבתי־צבי. דער בעריהמטער בע־יאהרטער דאָקטאָר, בענדיטאַ דע קאַסטראָ, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען לייב־דאָקטאָר פון דער מלכה כריסטיאַנאַ פון שוועדען און דאַמאָלס — פּרנס פון דער ספרדישער קהלה אין האַמבורג, איז אויך גע־ווען פון די מאמינים און, לויט זיין ערליבניש, האָט מען עס איינגעאָר־דענט די טענץ מיט די ספרי־תורה אין די שוהלען. אין האַמבורג האָבען די קריסטען דאַמאָלס אויך פיעל פאַנטאַזירט וועגען דער טויזענד־יעהריגער הימלישער מלוכה און אָט דעריבער האָט די אידישע אמונה אין שבתי־צבי געזעהען דערין אַ גרויסען וויכטיגען בעווייז, אַז שבתי־צבי איז דער אמת'ער משיח. וואונדערליכע קלאַנגען האָבען זיך דאַמאָלס פערשפּרייט. מען האָט דערצעהלט אַז ביי די ברעגען פון צפון־שאָטלאַנד האָט זיך בעוויזען אַ שיף מיט זיידענע זעגלען און שטריק און די שיפסלייט האָבען אויף איהם גע־רעדט נור העברעאיש; אויף דער פאַהן פון שיף זענען געווען אויפגעשרי־בען די נעמען פון די צוועלף אידישע שבטים. די לאָנדאָנער מאמינים אין שבתי־צבי האָבען אויפ'ן ענגלישען אופן זיך געוואָטען אויף גרויסע סומעס, אַז שבתי־צבי וועט אין אַ משך פון צוויי יאָהר געזאַלבט ווערען מלך אין

ירושלים; אויף די געוואָטענע סומעס האָט מען אויסגעשטעלט פּאָרמאַלנע וועקסלען. איבעראַל, וואו די אידען האָבען געוואוינט איז אַריינגעדרונגען די בשורה וועגען דעם משיח פון סמירנאַ, און איבעראַל האָבען זיך איבערנע'חזר'ט די זעלביגע ערשיינונגען—די היסטעריע מיט די נביאות און דאָס תשובה־טהון מיט די שמחות. אין דער פּויפּסטליכער מדינה אַוויניאָן, וואו די פּויפּסטליכע בעאַמטע האָבען זיך בעגאַנגען מיט די אידען נישט מיט איבריגע פריינדשאַפט, האָבען די אידען זיך מכין געווען אַרויסצוגעהען פון לאַנד אין פריהלינג, אויף צו בעזעצען זיך אין דער אידישער מלוכה.

אויב אפילו שבתי צבי וואָלט ביז דאַמאָלס אליין נישט געהאַט געגלויבט, אַז ער איז בעשטימט פון גאָט צו זיין אַ משיח, האָט אָט די אַלגעמיינע התלהבות פון אַלע אידישע קהלות פאַר זיין פּערזאָן געמוזט איהם שטאַרקען אינ'ם דאָזיגען גלויבען. טעגליך זענען צו איהם אָנגעקומען דעפּוטאַציעס און שליחים, וועלכע האָבען איהם בעגריסט אַלס דעם אידישען מלך און משיח, איבערגעבענדיג איהם גרויסע מתנות און ערקלערענדיג, אַז מען איז גרייט איהם אָבצוגעבען האָב און גוטס און מקריב זיין דאָס לעבען פון זיינעטוועגען. ווען ער וואָלט געווען אַ מענש מיט אַ פעסטען פּלאַן און מיט אַ שטאַרקען ווילען, האָט ער דורך דער דאָזיגער אמת'ער התלהבות און דער גרייטקייט צו ברענגען די שווערסטע קרבנות, וואָס זיינע מאמינים — כמעט דאָס גאַנצע פאָלק — האָט איהם אַרויסגעוויזען, געקאָנט אויפטהון עפּעס וויכטיגעס פאַר אידען. שבתי־צבי האָט זיך אָבער געקוויקט אינ'ם זיסען ריח פון די בשמים, וואָס מען האָט פאַר איהם גערויכערט, וואָס מען האָט איהם גערופען מלך און משיח און אָבגעגעבען גרויס כבוד, און מעהר האָט ער, משמעות, נישט פערלאַנגט אליין אויפצוטהון, גלויבענדיג פיליכט, אַז די גרויסע ישועות וועלען שוין אליין קומען דורך נסים ונפלאות. גאָר אַנדערע פּלענער האָט אָבער געהאַט זיין סעקרעטאַר ש מ ו א ל פ ר י מ ו און אייניגע פון זיינע נאָהענטע לייט: זיי האָבען געוואָלט דורכברעכען דאָס רבנישע יודענטום אָדער איהם מבטל מאַכען אינגאַנצען. דעם גרונד־געדאַנק דערצו האָבען זיי געפונען אין זוהר, וועלכער איז דער פונדאַמענט־ספר פון די בעלי־מקובלים, נעמליך: „ווען די אידען וועלען זיך בעפרייען פון גלות, וועלען די געזעצען פון יודענטום, די ריטואַלען איבער „מעגען און נישט־טאָרען", טומאה און טהרה, מעהר נישט הערשען ביי אידען"... לויט די מאמינים פון שבתי־צבי, האָט זיך די דאָזיגע צייט פון גאָטס גנאַד פאַר אידען שוין געהאַט אָנגעהויבען און דעריבער האָט מען דעם ריטואַלען קאָדעקס (דעם שולחן ערוך) געדאַרפט מבטל מאַכען. אין שבתי־צבי'ס קרייז האָט בכלל געהערשט אַ גערינגשעצונג פאַר'ן תלמוד און זיין מעטאָדע. „אויב שבתי־צבי'ס געגנער פּלעגען זיי אָנווייזען ביי וועלכע בעדינגונגען משיח קאָן קומען, לויט'ן תלמוד, און טענה'ן דערביי, אַז אַזעלכע בעדינגונגען זענען איצט כלל נישטאָ, פּלעגען ענטפערען שבתי־צבי'ס לייט, אַז די חכמי־התלמוד האָבען נישט פערשטאַ־

נען קיין סודות התורה און דער זוהר אליין האָט פערגליכען די משנה און
דעם תלמוד צו א טרוקענעם, אונפרוכטבארען שטיין און די קבלה דאנג־
גען צו א געטליכען שטראָם, וואָס בעפייכטעט דעם גייסט פון דער תורה.
די שבתי'אַנער (שבתי צבי'ס אַנהענגער) האָבען זיך בעמיהט אראָבצורייס־
סען פון תלמודישען יודענטום איין קניפעל נאָכ'ן אַנדערען, כדי מיט דער
צייט צו בעפרייען זיך פון זיין גרויסער נעץ אינגאַנצען. אפילו א גאָטהייט
האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט א נייע: אַנשטאט דעם אַבסטראקטען גאָט פון
פאָלק ישראל, האָבען זיי זיך אויפגעשטעלט א גאָט־מענשען. שפּילענדיג זיך
מיט ווערטער און טערמינען, האָבען זיי אזוי לאנג מאָדעלירט דעם בעגריף
פון גאָט, ביז ער איז ביי זיי פערשוואונדען אינ'ם „נישט“, און פון דער
אַנדערער זייט דאַגעגען האָבען זיי אַזוי שטאַרק דערהויבען די פּערזאָן פונ'ם
משיח, אז ער איז ביי זיי געוואָרען דאָס „אלץ“—די נאָהנטסטע מדרגה צו
דער גאָטהייט. די שבתי'אַנער האָבען אויפגעשטעלט א גאָטעס־לעסטערליכע
טעאָסאָפיע: די גאָטהייט בעשטעהט, לויט זיי, אינ'ם אייביג אלטען
(עתיק־יומין), אינ'ם הייליגען קעניג (מלכא קדישא) און א הייליגער
ווייבליכער פּערזאָן (שכינתא קדישא). דער הייליגער קעניג, דער משיח,
איז דער אמת'ער גאָט, דער אויסלייזער און בעפרייער פון דער וועלט, דער
גאָט פון ישראל; צו איהם אליין דארף מען דינען און תפלה טהון, דאַגעגען
דער אייביג־אלטער (עתיק־יומין) האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער וועלט,
איבערגעבענדיג די ממשלה צו זיין שטעלפערטרעטער, צו שבתי־צבי. און
אָט דאָס ווייזט אָן דער פסוק אין שיר השירים: „דומה דודי לצבי“—
„מיין פריינד איז עהנליך צו א שלאנקען הירש“ (צבי, שבתי־צבי...).—
שבתי־צבי'ס סעקרעטאר, שמואל פרימו, וועלכער פלעגט אויספערטיגען
און אָבשיקען כתבים און רעגירונגס־בעפעהלען אין שבתי - צבי'ס נאָמען,
פלעגט זיך אָפט אונטערשרייבען: „איך דער הערר, אייער גאָט, שבתי־צבי“.

דאָס מבטל מאַכען פון פּראַקטישען יודענטום האָבען די שבתי'אַנער
אַנגעהויבען מיט דעם מבטל מאַכען דעם תענית עשרה־בטבת און פער־
וואנדלען איהם אין א פייער־טאָג. דעם בעפעהל וועגען דעם האָט שמואל
פרימו געשריבען אינ'ם נאָמען פון זיין אָבגאָט אין אַנ'אָפיציעלע פאָרם
צום כלל ישראל: „דער איינציגער און ערשט־געבוירענער זוהן (בכור) פון
גאָט, שבתי־צבי, דער משיח און אויסלייזער פון פאָלק ישראל צו אלע זיהן
פון ישראל, שלום! נאָכדעם ווי גאָט האָט אייך מזכה געווען צו זעהען זיין
גרויסען טאָג און די ערפילונג פון זיין וואָרט דורך די נביאים, קאָנען אייערע
קלאָגען אין טרויער פערוואנדעלט ווערען אין פרייד און אייער פאסטען—
אין פרעהליכע טעג. פרעהט אייך מיט לידער און געזאַנג און דעם טאָג,
וועלכען איהר פלעגט שטענדיג איבערלעבען אין טרויער, אין א יום־טוב,
ווייל איך בין צו אייך ערשינען“. די פרומע אידען, זענען נאַטירליך, אונאַנ־
גענעהם איבערראשט געוואָרען דורך דעם דאָזיגען בעפעהל. זיי האָבען זיך
פאָרגעשטעלט דעם משיח נישט אַנדערש, ווי אין דער געשטאַלט פון א

שטרענג פֿרומען רב, וועלכער וועט, ווּאו עס וועט נאָר מעגליך זיין, ערפֿינ־דען נאָך נייע חומרות און דינים, חאָטש זיי האָבען אליין געלייענט פֿיעל מאָל אין זוהר און אין די ספרים פון די מקובלים, אז די מצוות וועלען בטל ווערען אין משיח'ס ציימען און די תעניתים וועלען פערוואנדעלט ווערען אין יום־טובים, אָבער ווען זיי האָבען איצט דערזעהען, אז מען געהט עס שוין פערווירקליכען אין לעבען, זענען זיי פערציטערט געוואָרען און האָבען דערהויבען זייער שטימע געגען א משיח'ן, וואָס וויל מבטל מאַכען די תורה. די הייסע אנהענגער שבתי־צבי'ס דאגעגען האָבען באלד אנגענומען זיין בעפעהל און געפייערט דעם נייען יום־טוב אנשטאט דעם תענית. אזוי ארום איז אין יעדער קהלה געוואָרען צוויי פארטייען: שבתי'אנער מאַמינים און „תלמודיסטען־אפיקורסים“, דאָס הייסט, וואָס האָבען אויפגעהערט גלויבען אין שבתי צבי, וועלענדיג פערטיידיגען די אלטע אידישע תורה.

דאָס רבנישע יודענטום און די קבלה, וועלכע זענען ביז דער צייט גע־גאנגען ענג פערבונדען האנד ביי האנד, האָבען אנגעהויבען קעמפפען איינע געגען דער אנדערער. די קבלה האָט זיך ענדליך ארויסגעוויזען אלס פיינ־דין פונ'ם רבניש'ען יודענטום, אָבער די דאזיגע ענטדעקונג, וועלכע די רבנים האָבען געמאַכט, האָט זיי דאָך נישט אָבגעריסען פון דער קבלה, ווייל זיי האָבען ערקלערט, אז די צושטערער פון יודענטום זענען נישט די מקובלים און די קבלה, נאָר די שבתי'אנער און שבתי־צבי'ס פאלשע משיחות. די רבנים האָבען דאריבער געמאַכט אליארם געגען שבתי־צבי, נאָר זייער אליארם האָט שוין איצט וועניג וואָס געווירקט, ווייל דאָס פאָלק איז גע־ווען געגען זיי. אזוי, למשל, ווען רבי שלמה אלגאזי מיט זיין בית־דין האָט פראָטעסטירט געגען דעם מבטל מאַכען דעם אלטען אידישען תענית, האָט דאָס פאָלק זיי געוואָלט פערשטיינען, און זיי האָבען געמוזט אנטלוי־פען פון שטאָדט.

אייביג האָט דאָך אָבער דער נייער גואל נישט געקאָנט פערבלייבען אין זיין פאלאץ און בעגנוגענען זיך בלויז מיט הערען, ווי מען ריהמט און דערהויבט איהם שיער נישט פאר גאָט. מעגליך, אז זיינע מאַמינים גופא האָבען איהם געצוואונגען צו געהן ענדליך קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל כדי דאָרט „אָבצונעהמען די קרוין ביי'ם סולטאן“. אנדערע ווידער האָבען דערצעהלט, אז דער סמירנא'ער קאָדי האָט פון איהם געפאָדערט, אז ער זאָל געהן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל, פאַרצושטעלען זיך פאר דער העכערער מאַכט, און ער האָט איהם געגעבען דערצו נאָר דריי טעג צייט, ווען ער האָט געמוזט זע־צען זיך אויפ'ן שיף, כדי צו געהן קיין קאָנסטאנטינאָפּאָל. ווי עס שיינט, האָט שבתי־צבי מיט א געוויסער כונה זיך געלאָזען אויף דער רייזע אנפאנג יאָהר 1666 ווענען וועלכען עס זענען געווען אזוי פיעל נבואות פון די מיסטיקער און ער האָט באמת געהאָפט, אז עס וועלען פאר איהם פאָרקו־מען נסים. אויף דער רייזע האָבען איהם בעגלייטעט זיין סעקרעטאַר שמואל פרימו און אנדערע אנהענגער. דאָס שיף, אויף וועלכער ער איז

געפאָהרען האָט געהאַט אויסצוהאַלטען אַ שווערען שטורם אויפ'ן ים,
וועלכען עס איז אַריבערגעקומען בשלום. דאָס האָט געגעבען די געלעגענ-
הייט שבתי-צבי'ס בעגלייטער צו דערצעהלען נסים ונפלאות וועגען דעם,
ווי אַזוי דער שטורם האָט געפאָלגט משיח'ן. ווען דאָס שיף איז אַריינגע-
קומען אין ים-דורכגאַנג דאַרדאַנעלען, איז שבתי-צבי מיט זיינע בעגליי-
טער געווען געצוואונגען אַרויפצושטייגען אויף דער יבשה, וואו עס האָ-
בען איהם שוין אָבגעוואַרט די טערקישע סאָלדאַטען, כדי איהם צו אַרעס-
טירען. דער גרויס-וויזיר אַחמעד קעפרילי האָט שוין געהאַט גע-
הערט וועגען דער אידישער אויפרעגונג אין סמירנאַ, און ער האָט דערי-
בער געוואָלט מאַכען אַ סוף מיט דער בעוועגונג דורכ'ן אַרעסטירען שבתי
צבי. די סאָלדאַטען האָבען ערהאַלטען אַלזאָ אַ בעפעהל איינצושמיעדען
דעם פאַלשען אידישען אויסלייזער אין קייטען און אָבפיהרען איהם קיין
קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דערפאַר זאָגען זיי אַרויסגעקומען בעגעגענען. דאָס
שיף. זיי האָבען איינגעשמיעדט שבתי צבי אין קייטען און געוואָלט אָב-
פיהרען איהם באַלד קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, נור ווייל עס איז געווען
ערב שבת, האָבען זיי איהם געבראַכט אין אַ נאָהענטע קליין שטעדטעלע.
ווען זיינע מאמינים אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען זיך דערוואוסט וועגען
זיין אָנקומען, האָבען זיי געאיילט אַרויסצוקומען צו איהם, כדי צו בעג-
גריסען איהם. דעם זונטאָג נאָכדעם (פעברואַר 1666) האָט מען איהם גע-
בראַכט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל — גאַר אַנדערש ווי זיינע מאמינים האָ-
בען געחלומט! זיין קומען האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק, און אויפ'ן
ברעג ים איז דער המון פון טערקען און אידען געווען אַזאַ גרויסער, אַז
מען האָט געמוזט אַרויספאָדערן פאָליציי, כדי צו האַלטען אָרדנונג. אַנ-
אונטער-פאַשאַ האָט בעגריסט דעם „גאָטמענשען“ מיט אַ שאַרפען פאַטש
אין באַק. ווי מען דערצעהלט אָבער, האָט שבתי צבי קלוגערהייד איהם
אונטערגעשטעלט די צווייטע באַק: נישט קאָנענדיג שפּיעלען די ראָליע
פון אַ משיח אין טריאומף, האָט ער וועניגסטענס געוואָלט שפּילען די
ראָליע פון אַ ליידענדען משיח. בשעת מען האָט איהם געבראַכט פאַר
דעם שטעלפערטרעטער פון וויזיר מוסטאַפאַ-פאַשאַ, האָט ער נישט אויס-
געהאַלטען גלענצענד זיין ערשטע פּראָבע. דער פאַשאַ האָט ביי איהם
געפרעגט, צוליעב וואָס פאַר אַ ציעל ער האָט אַריינגעבראַכט די אידען
אין אַזאַ שטאַרקער אויפרעגונג. שבתי צבי האָט געענטפערט, אַז ער איז
נישט מעהר, ווי אַ ירושלים'ער חכם, וועלכער איז געקומען זאַמלען נדבות
פאַר די דאָרטיגע אידען. אויב אָבער די אידען ווייזען איהם אַרויס אַזוי
פיעל הכנעה און פערעהרונג, איז ער דערין כלל נישט שולדיג. דאַן האָט
מוסטאַפאַ פאַשאַ געהייסען אָבפיהרען איהם אין תפיסה. זיינע אָנהענגער
אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זענען אָבער דערפון ווייניג וואָס נתפעל געוואָרען,
ווייל זיי האָבען פעסט געגלויבט, אַז דער משיח מוז ליידען יסורים, און
דאָס איז אַ נויטוועדיגע בעדינגונג פאַר זיין התגלות דורך גרויסע מעשים.
זיינע נביאים און דרשנים האָבען אויך נישט אויפגעהערט צו רעדען ווע-

גען דער באַלדיגער גאולה פון משיח'ן און פון פאָלק ישראל. אויך א טער-קישער דערוויש (א גייסטליכער) האָט זיך געפונען, וועלכער האָט אין די גאַסען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל נבואה געזאָגט וועגען דער באַלדיגע ערשיינונג פון משיח. טויזענדער מענשען האָבען דעריבער זיך טעגליך פערזאַמעלט אַרום שבתי צבי'ס תפיסה, כדי כאָטש א וואָרט פון איהם צו הערען אָדער זוכה צו זיין צו דערזעהען זיינעם א בליק. אויך די טער-קען זענען שטאַרק איבערראַשט געוואָרען פון זיין גאַנצען וועזען, ווי אויך פון דער נביאות פון קינדער און פרויען. סוחרים, וועלכע האָבען נישט געקאָנט אַרויסבעקומען זייערע חובות ביי אידען, פלעגען זיך ווענדען צו שבתי צבי, וועלכער האָט זיי באַלד בעפוילען אָבצוגעבען די חובות, ווייל אָהן דעם וועלען זיי נישט אויסגעלייזט ווערען. שמואל פרימו האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז די פערעהרונג פון די טערקען צו שבתי-צבי זאָל ווערען בעקענט צווישען די אידען. דאַדורך זענען די אידישע האָפ-נונגען נאָך מעהר פערשטאַרקט געוואָרען. שוין דאָס אַליין האָט מען גע-האַלטען פאַר א גרויסען מופת, וואָס די געוועהנליך געשווינדע טערקישע יוסטיץ אין אַזעלכע פאַלען האָט דעם אידישען בונטאָווטשיק געלאָזען לעבען. אין דער ווירקליכקייט האָט די טערקישע רעגירונג אין א געוויסער מאָס געשראָקען זיך פאַר'ן אידישען משיח. די טערקיי האָט דאַמאָלס גע-האַלטען ביים פיהרען א קריעג איבער דער אינזעל קאַנדיא, און דאָס האָט געפאָדערט די אָנשטרענגונג פון אַלע טערקישע כחות, וועלכע זענען דאַ-מאָלס געווען זעהר אָבגעשוואַכט. דער קלוגער גרויס-וויזיר קעפּרילי האָט עס דעריבער געהאַלטען געפעהרליך איבערצולאָזען שבתי צבי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין דער צייט, ווען ער וועט דאָרט נישט זיין און איהם וואָלט לייכט געווען צו געבען די געלעגענהייט צו אַן'אויפרעגונג. ער האָט דעריבער בעפוילען אַריינצוברענגען איהם אין דער דאַרדאַנעלען-פעסטונג קאָסטיא, וואו מען פלעגט געוועהנליך האַלטען די מלוכה-געפאַנגענע. דאָס איז געווען א תפיסה מיט א לייכטען רעזשים, וואוהין עס האָבען געמעגט בעגלייטען שבתי צבי איניגע פון זיינע פריינד. אַזוי אַרום איז זיין סעקרעטאַר שמואל פרימו געבליבען ביי שבתי-צבי. דער פעסטונג האָבען די שבת'אַנער א נאָמען געגעבען „מגדל עוז“ — דער טהורם פון דער מאַכט“.

אויב שבתי-צבי האָט איין אויגענבליק אָנגעהויבען צוויי פ-לען אין זיין משיחות, איז ער איצט ווידער געשטאַרקט געוואָרען אין זיין גלויבען, זעהענדיג, ווי די טערקען שוינען איהם און די אמונה פון די אי-דען אין איהם האַלט אין וואַקסען. ער האָט זיך ווידער געשפּירט אַלס א משיח. אַריינקומענדיג אין דער פעסטונג אום ערב-פסח, האָט ער פאַר זיך און זיינע בעגלייטער געשחט'ן א קרבן-פסח און אָבגעבראָטען עס אין זיין חלב, כאָטש דאָס איז, לויט'ן תלמוד, געווען פערבאָטען. דאַדורך האָט ער אָנגעוויזען, אַז דאָס תלמודישע רבנישע יודענטום ווערט בטל. פאַר'ן עסען

דעם שעפס האָט ער געמאַכט אַ ברכה: „ברוך מתיר אסורים“. אין דער פעסטונג האָט ער זיך איינגעאָרדענט רייך, אויפ׳ן קעניגליכען שטייגער, פערנוצענדיג דערצו דאָס געלד, וואָס ס׳האָבען איהם געבראַכט זיינע ברידער און די רייכע אַנהענגער. זיין פרוי שרה איז אויך געווען מיט איהם, און זי האָט געפיהרט אַ ראָליע ווי אַנ׳אמת׳ע קעניגין, די פרוי פון משיח׳ן, בעצויבערנדיג דעם המון דורך איהר שענהייט. די גאַנצע אומגעגענד איז געווען פיעל שיפען, וועלכע האָבען געפיהרט צו שבתי צבי זיינע אַנהענגער. די פרייזען פאַר׳ן פאָהרען אויף די שיפען זענען געשטיגען פון טאָג צו טאָג, דען פון אַלע לענדער האָבען אָנגעהויבען קומען צו איהם אידען, אויף צו בעגריסען איהם אין זיין געפאַנגענשאַפט. דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג איז דערמיט געווען זעהר צופרידען, ווייל פון יעדען פרישען אורח פלעגט ער בעקומען בעזונדער בעצאָהלט פאַר׳ן אַריינלאָזען צו משיח׳ן. אויך די איינוואוינער פונ׳ם דערבייאיגען שטעדטעל זענען העכסט צופריעדען געווען מיט׳ן אידישען משיח, דען זיי האָבען בעקומען רייך בעצאָהלט פאַר זייערע וואוינונגען און פאַר לעבענסמיטעל. אין קאָסטיאַ איז פאָרגעקומען אַנ׳אמת׳ער גאָלד-רעגען. שבתי-צבי׳ס מקורבים האָבען זיך משתדל געווען, אַז די אַלע דאָזיגע פאַקטען זאָלען בעוואוסט ווערען מיט פיעל גוזמאות, און דער אַלגעמיינער איינדרוק אין אייראָפּאַ, אַזיען און אַפריקאַ איז געווען אַ גוואַלדיגער. מיט אַ גאַנץ קליינער אויסנאַהמע זענען כמעט אַלע אידען געווען פעסט איבערצייגט, אַז שבתי צבי איז דער אמת׳ער משיח, און אַז די אידישע גאולה מוז פאָרקומען שפּעטסטענס אין פערלויף פון צוויי יאָהר. אין די גרויסע האַנדעלס-שטעדט, וואו די אידען האָבען געשפּיעלט די הויפּט-ראָלע אויף דער בערזע, אין אַמשטערדאַם, ליוואָרנאַ און האַמבורג, האָבען די געשעפטען כמעט זיך אָבגעשטעלט, ווייל אַלע אידען האָבען ערוואַרטעט, אַז אינגיכען וועט פאָרקומען אַ גרינדליכע פערענדערונג אויף דער וועלט. אין אייראָפּאַ האָבען אַלע אידישע קהלות געקוקט אויף דער אַמשטערדאַמער, וואָס זי וועט זאָגען און טהון, און די מנהיגים פון דער אַמשטערדאַמער קהלה זענען על פי רוב געווען שבתי-צבי׳ס אַנהענגער. יעדער פּאָסט-טאָג, וועלכער האָט זיי געבראַכט נייע בריעף פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, איז פאַר זיי געווען אַנ׳אמת׳ער יום-טוב. אין ווענעדיג איז אום שבת אויסגעבראָכען אַ שטאַרקע מחלוקת און אַ געשלעג צווישען די שבת׳אַנער און זייערע געגנער, און איינער פון די לעצטע איז שיער נישט דערהרגעט געוואָרען. ווען מען האָט געפרעגט, ווי אַזוי מען דאַרף זיך בעציהען מיט די „כופרים“—דאָס הייסט, מיט די וואָס לייקענען אין זיין משיחות, האָט ער, אָדער זיין סעקרעטאַר שמואל פרימאָ געענטפערט: מען דאַרף אפילו אום שבת זיי דערהרגענען, און די וואָס וועלען אַזאַ בעשטראָפונג אויספיהרען, מעגען זיכער זיין אין זייער בעלוינונג אין עולם הבא. אין פיעל שוהלען האָט מען אויבען-אָן אויפגעשטעלט די אותיות „ש. צ.“ (שבתי צבי) בעפוצט מיט בלומענקרענץ און כמעט

אין אלע שוהלען אין די גרויס-מערב-אייראפעאישע קהילות האט מען מתקן געווען א ספעציעלע ברכה פאר'ן מלך-המשיח שבתי צבי. די תפלה איז אויך אריינגענומען געווארען און געדרוקט אין די סדורים. די האמבורגער פרנסים האבען מתקן געווען, אז מען זאל די ברכה פאר שבתי צבי זא-גען נישט בלויז אום שבת אין שוהל, נור אויך אום מאנטאג און דאנער-שטאג נאך קריאת-התורה. די „כופרים" האבען געמוזט שטעהען און אויס-הערען די ברכה און ענטפערן „אמן". — די אמונה אין שבתי צבי האט זיך אויך פערשטארקט צווישען קריסטען. אין האמבורג זענען געקומען פרומע פראטעסטאנטען מיט א שאלה צום גלח עדזארדאס עדזארד, וואס זיי זאלען טהון: „מיר האבען ערהאלטען בריעף נישט בלויז פון אידען, נור אויך פון קריסטען פון סמירנא, אלעפא, קאנסטאנטינאפאל און אנדע-רע טערקישע שטעדט, פון וואנען מען שרייבט אונז, אז דער נייער אי-דישער משיח בעוויזט אזוי פיעל מופתים און די אידען פון דער גאנצער וועלט פערזאמלען זיך ארום איהם. וואס זשע וועט איצט ווערען פון דעם קריסטענטום?" — דער פאקט, אז די קריסטען גלויבען אין שבתי צבי, אז ער איז דער משיח, איז פאר די אידען געווען דער ריכטיגסטער בע-וויז, אז ער איז א משיח. בכלל האט יעדער נייער פאקט פערשטארקט די אמונה אין שבתי צבי'ס משיחות. פון אלע רבנים פון יענער צייט איז נור איין רבי יעקב ששפורטש ארויסגעטראטען מיט א התראה, נישט צו לאזען זיך פערפיהרען דורכ'ן אונערהערטען שווינדעל, אבער ער האט ווייניג וואס געקאנט אויפטהון גענען דעם אלגעמיינעם שגעון. רבי יעקב ששפורטש האט זיך געווענדעט מיט אן אנפראגע צום ירושלים'ער רבי אברהם אמיגא וועגען שבתי צבי און זיין נביא נתן פון הזה. דער דאזיגער רב האט פריהער אליין מיטגעווירקט, אז מען זאל דעם פאלשען משיח ארויסטרייבען פון ירושלים, איצט אבער האט ער געשוויגען, ווייל ער האט מורא געהאט, דאס דורך זיין ארויסטרעטען גע-נען שבתי צבי וועט ער ברענגען שאדען ירושלים, דען מען וועט איהר אויפהערען שיקען נדבות. דער בית-דין פון ווענעדיג האט זיך אויך גע-ווענדעט מיט אן אנפראגע צו די רבנים פון קאנסטאנטינאפאל, וועלכע זענען געווען בעוואוסט אלס געגנער פון שבתי-צבי. אויף זייער אנפראגע האבען זיי אבער בעקומען אן ענטפער מיט די געפעלשטע חתימות פון די רבנים, אז שבתי צבי איז דער אמת'ער משיח.

אזוי ארום זענען געווארען אלץ גערדיכטער די נעבעל, וואס דער אל-געמיינער שגעון האט ארויסגעגעבען פון זיך, און קיינער האט נישט גע-קאנט דערגעהען דעם ריכטיגען אמת. שבתי צבי האט דערווייל שוין גע-פיהרט אין דער דארדאנעלען-פעסטונג א נ'אמת פירשטליכען לעבען און האט נור געטראכט וועגען זיין אייגענער פערגעטערונג. נאכ'ן מבטל זיין דעם תענית עשרה בטבת האט שבתי צבי אדער זיין סעקרעטאר שמואל פרימו מבטל געמאכט אויך דעם תענית שבעה עשר בתמוז און בעפוילען

אַז תשעה-באב זאָל מעהר נישט זיין קיין טרויער-טאָג, נור אַ יום-טוב מיט רייכע שפייז און געטראַנק, ווייל אין דעם טאָג איז שבתי צבי געבוירען געוואָרען. אין דעם טאָג האָט ער פערבאָטען צו אַרבייטען, ווי אין אַ שטרענגען יום-טוב און די תפלה בצבור האָט געדאַרפט פאָרקומען אויך, ווי יו"ט לויט אַ ספּעציעל אויסגעאַרבייטען נוסח לכבוד שבתי צבי און בעזונדערע מזמורים פון תהלים, וועלכע מען האָט געדאַרפט זינגען אין בעגלייטונג פון כלי-זמר אין די שוהלען. ענדליך האָט ער שוין אויך געהאָט בעשלאָסען מבטל צו מאַכען אַלע אַנדערע אידישע יום-טובים, אפילו אויך יום-כפור, בעשטימענדיג אַנשטאָט זיי אַנדערע, נייע. אָבער איידער ער האָט דאָס פערווירקליכט, האָט ער בעגאַנגען אַ נאַרישקייט, וועלכע האָט איינגעוואָרפען זיין גאַנצע משיחישע פּאַפּירען-הייזעל.

צווישען די פיעל טויזענדער געסט, וועלכע זענען געקומען איהם בעזוכען פון נאָהענט און ווייט, זענען אויך געוועזען צוויי פּוילישע אידען פון לעמבערג, גרויסע תלמידי חכמים, וועלכע זענען געקומען דערגעהן דעם אמת וועגען דעם נייען משיח. איינער פון זיי איז געוועזען ר ב י י ש ע י ה, אַ זוהן פון ר ב י ד ו ד, דעם מחבר פון „טורי-זהב" (דער ט"ז) און אַן'אייניקעל פון ר ב י י ו א ל ס י ר ק י ש (דער ב"ח), און דער צווייטער איז געוועזען זיינס אַ נאָהענטער קרוב ר ב י ל י ב. פון זייער געבורטס-שטאָדט לעמבערג זענען זיי איבער וויען געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן נייען משיח אין דער פעסטונג. פון זיי האָט שבתי-צבי זיך דערוואוסט, אַז אין פּוילען האָט זיך אויך בעוויזען אַ נביא, נ ח מ י ה כ ה ן, וועלכער האָט פאָראויסגעזאָגט, אַז משיח'ס צייט איז נאָהענט. שבתי-צבי האָט דעריבער איבערגעגעבען די פּוילישע אידען אַ קורצען בריעף, אין וועלכען ער איז מבטיח, אַז ער וועט נקמה נעהמען פאַר די שחיטות פון די פּוילישע אידען, דערביי לעגט ער צו אַ פּאָר ווערטער: „נחמיה זאָל באַלד צו מיר קומען". די פּוילישע אידען זענען אָבגעפאָהרען אַהיים און איבערגעגעבען דעם בריעף, און נחמיה האָט זיך באַלד געלאָזען אין וויטען וועג אריין. שבתי-צבי אָבער האָט די גאַנצע צייט נבואה געזאָגט פאַר זיינע מקורבים, אַז באַלד וועט קומען צו איהם אַ נביא פון פּוילען, אַ געטליכער מאַן, וואָס האָט נישט זיין גלייכען. ווען נחמיה איז אין דער ווירקליכקייט צו איהם געקומען, האָבען אַלע דאָס געהאַלטען פאַר אַ נייען מופת. נחמיה איז באַלד פאָרגעשטעלט געוואָרען דעם פאַלשען משיח. דער פּוילישער איד, דער פאַלשער נביא, און דער סמירנא'ער משיח האָבען נישט אויסגעלאָכט איינער דעם אַנדערן אין די אויגען ביים בעגעגענען זיך, נור זיי האָבען זיך באַלד אַריינגעלאָזען אין אַ טיפען קבליסטישען וכוח וועגען די פאָראויסזאָגער און סימנים פון משיח'ן, נעמליך, וועגען משיח בן יוסף, אויב ער איז שוין ערשינען און דער'הרג'עט געוואָרען, אָדער נישט. דער לאַנגער וכוח האָט נחמיה'ן נישט איבערצייגט, אַז שבתי-צבי איז דער אמת'ער משיח, און ער האָט די זאַך אַרויסגעזאָגט גאַנץ קלאָר. פאַר

שבתי־צבי איז דאָס געווען זעהר אונאַנגענעהם, ווייל ער האָט אַליין פריהער פּאַראויסגעזאָגט, אַז נחמיה איז אַ געטליכער מאַן און אַ גרויסער נביא. שבתי־צבי'ס מקורבים האָבען זיך אָנגעהויבען סוד'ען, אַז מען דאַרף דעם געפעהרליכען פוילישען איד דער'הרג'ענען. נחמיה איז אָבער גליקליך אַנט־לאָפען פון דער פעסטונג און איז אַוועקגעגאַנגען צום קאַימקאַם מוסטאַפאַ אין אַדריאַנאָפּאָל וואו ער האָט אָנגענומען דעם מחמד'אַנישען גלויבען און אַרויסגעגעבען די פאַנטאַסטישע פּלענער פון שבתי־צבי, ווי אויך זיין כונה צוצונעהמען די קרוין ביים סולטאַן. דערביי האָט ער ערקלערט, אַז די דאָ־זיגע פּלענער זענען נור דערפאַר געבליבען געהאַלטען בסוד, ווייל דער אויפ־זעהער איבער דער דאַרדאַנעלען־פעסטונג איז מאסף ממון דאַדורך, וואָס פיעל אידען קומען בעגריסען זייער פאַלשען משיח, וועלכען זיי פערעהרען ווי אַ מלך.

דער קאַימקאַם האָט באַלד מודיע געווען די זאַך דעם סולטאַן מחמד IV, און מען האָט באַלד זיך אָנגעהויבען בעראַטען, וואָס צו טהון מיט שבתי־צבי. אין דער בעראַטונג האָט אויך טיילגענומען דער מופטי וואַני (העכסטער מחמדאַנישער רעליגיאָנס־ריכטער). צו מאַכען די זאַך אויפ'ן טערקישען אופן און לאָזען קורץ דער'הרג'ענען שבתי־צבי, האָט מען נישט געהאַלטען פאַר קלוג, ווייל ער האָט געהאַט פיעל מאמינים, צווישען וועלכע עס זענען אויך געווען טערקען, און מען האָט מורא געהאַט, אַז שבתי־צבי וועט ערשט דורך זיין געוואַלט־טויט ווערען אַ רעכטער קדוש, מעגליך גאַר אַ גאָט, וועלכער וועט האָבען פיעל פערעהרער פון אַ נייער רעליגיעזער סעקטע. וואַני האָט דעריבער פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל מאַכען אַ פּראָבע אָבצושמד'ן שבתי־צבי אין מחמדאַנישען גלוי־בען. די עצה איז געפעלען געוואָרען און, אַלס פערמיטלער, צו פערווירקלי־כען דעם פּלאַן, האָט מען אָנגעווענדעט דעם סולטאַנס לייב־דאָקטאָר דידאָן, אַ געוועזענער איד, וועלכער האָט אָנגענומען דעם מחמדאַנישען גלויבען. שבתי־צבי האָט מען פּלוצלונג ווידער איינגעשמידט אין קייטען און אָבגע־פיהרט קיין אַדריאַנאָפּאָל, וואו ער האָט זיך בעגעגענט מיט'ן דאָקטאָר די־דאָן. דער לעצטער האָט פאָרגעשטעלט דעם פאַלשען משיח, וואָס פאַר אַ שטרענגע שטראָף עס ערוואַרטעט איהם, אויב ער וועט נישט שטילען דעם צאָרן פון סולטאַן דורכ'ן שמד'ן זיך. צי האָט דערביי שבתי־צבי איבערגע־לעבט אַ שווערען אינערליכען קאַמף, איז אונבעוואוסט; קיין שטאַרקען מוט האָט ער געוויס נישט געהאַט, און דאָס יודענטום אין זיין איצטיגער גע־שטאַלט האָט איהם אויך ווייניג וואָס צוגעבונדען צו זיך, בפרט אַז ער האָט שוין אַליין געוואָלט פיעל זאַכען אין איהם מבטל מאַכען. שבתי־צבי האָט אָנגענומען דידאָנ'ס עצה. ווען מען האָט איהם פאָרגעשטעלט פאַר'ן סולטאַן, האָט ער באַלד אַראָבגעוואָרפען מיט פעראַכטונג אויף דער ערד דאָס אידי־שע היטעל פון קאָפּ, צום צייכען, אַז ער איז גרייט אָנצונעמען דעם מחמדא־נישען גלויבען. אַ בעדינטער האָט איהם דערלאַנגט אַ טערקישען ווייסען

טורבאַן און אַ גרינעם איבערקלייד, און אַזוי אַרום איז ער אָבגעשמד'ט געוואָרען, אַלס מחמדאַנער. דער סולטאַן איז זעהר צופרידען געווען, וואָס די בעוועגונג האָט זיך געענדיגט אויף אַזאַ אופן, און האָט אַ נאָמען געגעבען שבתי-צבי מ ע ה ע מ ע ד - ע פ ע נ ד י, בעשטימענדיג איהם פאַר זיין טהיר-היטער — ק אַ פּ י ג י ב אַ ש י אָ ט אַ ר אַ ק — מיט אַ היבשער מאָנאַטליכער פּענסיע, כדי ער זאָל זיך שטענדיג געפינען אונטער די אויגען פון'ם סולטאַן. די משיח-פרוי שרה, די שענע, אָבער אונציכטיגע אידישע פרוי פון פּוילען איז אויך געוואָרען אַ מחמדאַנערין, מיט'ן נאָמען פ אַ אַ ־ מ אַ ק אַ ד י ן, און האָט בעקומען פון'ם סולטאַנ'ס פרוי גרויסע מתנות. איינינע פון די נאָהענטסטע מקורבים פון שבתי-צבי האָבען, גלייך ווי ער אָנגענומען דעם מחמדאַנישען גלויבען. דער מופטי וואַני האָט געלערנט מיט שבתי-צבי און זיינע לייט די יסודות פון מחמד'ס גלויבען. מיט שענד־ליכער חוצפה האָט שבתי-צבי געשריבען אַפּאָר טעג נאָך זיין שמד צו זיינע ברידער אין סמירנא פאָלגענדעס: „גאָט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ ישמעאלי (אַ טערק); ער האָט בעפוילען און עס איז געשעהן. אַם נייענטען טאָג צו מיין נייען געבורט (צום שמד), לויט ווי גאָט האָט געוואָלט" — אין דער זעלבער צייט האָט אין אַמשטערדאַם פערזאַמעלט דער פילאָסאָפיש געביל־דעטער ב נ י מ י ן מ ו ס פ י א די פאָרשטעהער פון זיין גרופּע אין דער קהלה, כדי צוזאַמענצושטעלען אַ בעגריסונגס-בריף פאַר'ן משיח, שבתי־צבי (כ"ד אלול 1666). אַ וואָך שפּעטער האָבען פיער און צוואַנציג פון די אָנגעזעהענסטע לייט פון דער קהלה ווידער געשיקט אַ בריף צו שבתי-צבי מיט אַ בעגריסונג, אַלס צום „מלך-המשיח", ווען שבתי-צבי האָט שוין דאַמאָלס געהייסען מחמד עפענדי. אין האַמבורג האָט מען נאָך שפּעטער, אום יום-כפור, געמאַכט „מי שברך" דעם מלך-המשיח זעקס מאָל. אין שוהל איז דאַמאָלס געווען אַן'אָנגעזעהענער זקן, וועלכער איז פאַר יעדען „מי שברך" אַרויסגעגאַנגען פון שוהל. דער פּרנס ב ר ו ך ק אַ ס ט ר אָ האָט איהם דערפאַר געגעבען פּעטש און אין שוהל איז אויסגעבראָכען אַ מאוסער סקאַנדאַל.

נאָכדעם אָבער ווי עס האָט זיך פערשפּרייט די ידיעה וועגען שבתי-צבי'ס שמד און מען האָט עס שוין מעהר נישט געקאָנט אָבלייקענען, איז אַנשטאָט דעם בטחון אַריינגעדרונגען ביי אידען אַ שרעקליכער יאוש און בעשעמונג. „דער העכסטער פערטרעטער פון יודענטום, דער משיח אַליין— זאָבען קריסטען געטענה'ט—האָט עס פערלאָזען!" קריסטען און מחמדאַנער האָבען אויף די „נאַרישע" אידען מיט די פינגער געטייטעלט, אָבשפּאָ־טענדיג פון זייער לייכטגלויביגקייט. מיט'ן שפּאָט אַליין האָט זיך אָבער די זאַך ניט געענדיגט. אַזאַ גוואַלדיגע בעוועגונג האָט זיך ניט געקאָנט ענ־דיגען, נישט איבערלאָזענדיג קיין שום רושם. דערפאַר וואָס די טערקישע אידען האָבען זיך אַרומגעטראָגען מיט מלוכה-פעררעטערישע האָפנונגען, האָט דער טערקישער סולטאַן געוואָלט פערטיליגען אַלע אידען אין זיין

לאנד און די אידישע קינדער אונטער זיבען יאהר צו לאזען ערציהען אין מחמד'אנישען גלויבען. נור צוויי יועצים צוזאמען מיט זיין מוטער האבען איהם דערפון אבגעהאלטען, פערענטפערנדיג די אידען דאדורך, וואס זיי זענען געוועזען אליין אבגענארט דורך א שווינדלער. דערפאר אבער האט ער דורכאוים געוואלט בעשטראפען מיט'ן טויט פופציג הויפט־רבנים פון קאנסטאנטינאפאל, סמירנא און אנדערע שטעדט, דערפאר וואס זיי האבען דאס פאלק נישט מתרה געווען בעצייטענס נישט אריינצולאזען זיך אין אוואנטורעס. די אידען האבען עס דאמאלס בעטראכט פאר א „נס מן השמים" וואס אויך דער דאזיגער בעשלוס פון סולטאן איז נישט אויסגע־פיהרט געווארען און „דער סולטאן האט אפילו קיין גראשען שטראף נישט ארויפגעלעגט אויף די אידען". ערגער איז עס אבער געווען מיט די מחלוקת און סכסוכים, וואס האבען זיך באלד אנגעהויבען אין די אידישע קהלות, ווען די פריהערדיגע „כופרים" האבען איצט אנגעהויבען אבצושפאטען פון די געוועזענע „מאמינים". כדי אז די מחלוקת זאל זיך נישט פער־שארפען, האבען זיך פערזאמעלט אין פיעל קהלות אין טערקיי די רבנים און בעשלאסען אריינצולעגען אין חרם יעדען, וואס וועט אויפווארפען א פריהערדיגען שבת'אנער זיין לייכטגלויביגקייט, זידלען זיי, אדער וועלען זיך נוקם זיין אן זיי.

די הייסע אנהענגער פון שבתי־צבי אין סמירנא האבען זיך אבער אויך נאך זיין שמד נישט געקאנט זיך בערוהיגען, אז זיי זענען ווירקליך נאכגעלאפען נאך א שאטען. „עפעס וואס איז דאך געווים גע־ווען אין שבתי צבי" — האבען זיי געטראכט. פיעל בעלי מקובלים הא־בען באלד געפונען אנ'ערקלערונג: שבתי צבי איז כלל נישט געווארען אין דער ווירקליכקייט קיין מחמד'אנער, נור ער האט זיך ארונטערגעלאזען אין די נייען און פערציג טיעפע מדרגות פון דער טומאה, כדי ארויפצו־ברענגען פון דארט „די הייליגע פונקען"; אנדערע ווידער האבען ערקלערט אז געשמדט האט זיך נישט שבתי צבי, נור עפעס אנ'אנדערער אין זיין געשטאלט; ער אליין אבער איז גאר ארויפגעשטיגען אויפ'ן הימעל, כדי מקבל צו זיין דארט די קעניגליכע קרוין פון גאט איבער דער גאנצער וועלט; אנדערע האבען אויך ערקלערט, אז ער איז בלי ספק אבגעגאנגען צו די עשרת השבטים און וועט איינגיכען צוריקקומען צו פערווירקליכען די אידישע גאולה. בעזונדערס שטארק האבען זיך נאך איצט אויך גע־האלטען אן שבת צבי יענע לייט, וועלכע האבען געוואלט מיט זיין הילף מבטל מאכען דאס רבנישע יודענטום, ווי, למשל, שמואל פרימא, יעקב פאלאגיו און ישראל דוהאן. דעם גרעסטען אינטע־רעס האבען געהאט אויפצוהאלטען די אמונה אין שבתי צבי זיינע נביאים, וועלכע זענען דורך זיין שמד געווארען צו ליגנער. נתן פון עזה האט די גאנצע צייט פון שבתי צבי'ס טריאומף געלעבט אין ארץ ישראל און געשיקט פון דארט בריעף אין אלע עקען וועלט. אויך איצט, נאך זיין שמד, האט ער זיך מכין געווען צו דער רייזע אין סמירנא און געשיקט

דערווייל זיינע אויפגעבלאָזענע מליצה־בריעף, דורך וועלכע ער האָט די לייכטגלויביגע פון דאָס־ניי געשטאַרקט אין זייער אמונה אין שבתי צבי און אין סמירנא האָט מען נאָך אַלץ געהאַלטען אין מאַכען „מי שברך“ פאַר שבתי צבי בשעת קריאת התורה, געגען דעם זענען אַרויסגעטראָטען די רבנים און פערבאָטען דאָס צו טהון מיט שטרענגע חרמות און קללות. מען האָט אויך מחרים געווען דעם פאַלשען נביא **נתן פון עזה**, פערבאָטענדיג אַריינצולאָזען איהם אין אַ אידיש הויז אָדער צו שטעהן אין זיינע ד' אמות. אָבער אינגאַנצען צו פערניכטען דעם וויסטען שווינ־דעל האָבען דאָך די רבנים נישט געקאָנט. איינער פון די פערברענטעסטע אָנהענגער פון שבתי צבי, מעגליך, דער קלוגסטער צווישען זיי, **שמואל פרימו**, האָט ערפונדען אַ נייע ערקלערונג פאַר שבתי צבי'ס שמד; „דאָס האָט געמוזט פאַרקומען — האָט ער געזאָגט — דוקא דורכ'ן אַני־נעהמען דעם מוחמד'אַנישען גלויבען האָט שבתי צבי אַרויסגעוויזען, אַז ער איז דער עכטער משיח, און דאָס איז איינם פון די גרויסע סודות פון דער קבלה, וואָס זענען שוין פון פריהער פאָראויסגעזאָגט געוואָרען פונקט, ווי משה האָט פריהער געמוזט לעבען אַלס מצרי אין פרעה'ס קעניגליכען הויף, איידער ער איז אַ אידישער אויסלייזער געוואָרען, אַזוי האָט אויך דער לעצטער אידישער אויסלייזער געמוזט פריהער ווערען אַ טערק — אויסערליך אַ משומד, אָבער אינערליך נאָך בעסער דאָדורך“. די דאָזיגע ערקלערונג האָט געהאַט ערפאָלג. די הערצער האָבען זיך אָנגעצונ־דען פון דאָס־ניי און דער שווינדעל האָט זיך געפיהרט ווייטער. די שבתי־אָנער האָבען דאָדורך געפונען אַ פערענטפערונג פאַר זייערע פערזאַמלונ־גען און מעשים.

אויפגעמינטערט דורך **נתן פון עזה** און דורך זיינע מקורבים, האָט **מעהמעד** עפענדי (שבתי־צבי) בעקומען נייע האָפנונגען, און אויך די צאָהל פון זיינע פערעהרער איז געוואָרען גאָר גרעסער. דער משומד האָט זיך אפילו אין דער ערשטער צייט געמוזט לאָזען לערנען פון דעם מופטי **וואַני** די מהמד'אַנישע רעליגיאָן, האַלטענדיג זיך דערביי ווייט פון אידען און דעם יודענטום און שפּיעלענדיג די ראָליע פון אַ פרו־מען מחמד'אַנער. ביסלעכווייז אָבער האָט ער זיין פריהייט צוריק בעקו־מען און זיך ווידער גענומען פאַר זיינע קבלה־שגעונות. מיעד געוואָרען צו שפּיעלען אַ שטיל לעבען און גאַרענדיג צוריק עולה לגדולה צו זיין ביי אידען, האָט ער ערקלערט, אַז דער רוח הקודש האָט זיך ווידער אַרונ־טערגעלאָזען אויף איהם און געמאַכט איהם וויכטיגע ענטדעקונגען. ער, אָדער איינער פון זיינע פערעהרער האָט פערשפּרייט אַ מיסטישען כתב אין אַן אויפגעבלאָזענער שפּראַך, פול סודות מיט רמזים, אַז דער אמת'ער משיח איז נור שבתי־צבי און אַז פאַר איהם וואָלט געווען אַ קליינינקייט די אידען באַלד די גאולה צו ברענגען; אין מחמדאַנישען גלויבען איז ער איבערגעגאַנגען נור לפנים, כדי מגייר צו זיין טויזענדער און צעהנטויזענ־

דער נישט־אידען. דאגעגען פאר'ן סולטאן און דעם מופטי האט שבתי צבי ערקלערט, אז ער איז זיך ווידער מתקרב צו די אידען, כדי צו פיהרען זיי צום שמד. ער האט דעריבער בעקומען די ערלויבניש, צוזאמענצוקומען ווידער מיט אידען און אין אדריאנאפאל אפילו האט שבתי צבי געשפּיעלט א דאפּעלטע ראָליע: אלס איד און אלס מחמד'אנער. אויך ביי זיין צוזאמענקומען זיך מיט די אידען זענען געווען טערקישע שפּיאָנען, האט ער און זיינע צוהערער זיך בעמיהט זיי אָבצונארען. א טייל אידען האבען ביי דער דאזיגער געלעגענהייט גאנץ ערנסט אָנגענומען דעם מחמד'אנישען גלויבען און ארום שבתי צבי איז אויסגעוואקסען א נייע אידיש־טערקישע סעקטע. מען האט זיך אפילו אויפגעהערט צו שרעקען פאר'ן שמד; מען האט פשוט ערקלערט: דער אָדער יענער האט אנגעטהון דעם טורבאן.

ווען די מנהיגים פון דער אידישער קהלה אין קאנסטאנטינאפאל האבען דערזעהען, אז דער פאלשער נביא נתן פון עזה געפונט זיך ארום דעם פאלשען משיח שבתי צבי, האבען זיי זיך דערשראקען, מורא האבענדיג, אז דער שגעון וועט זיך ערשט רעכט אויפפלאקערן פון דאס ניי. זיי האבען דעריבער געשיקט דריי אנגעזעהענע שליחים צום פאלשען נביא, נעמליך: רבי דוד קוריאל, רבי אשר אשכנזי און דעם חכם יהודה בן משולם, וועלכע זענען צו איהם געקומען קיין איפסאלא (נעבען אדריאנאפאל) און געפאדערט פון איהם, דאס ער זאל עפענטליך ערקלערען, אז אלע זיינע נבואות וועגען שבתי צבי זענען געווען פאלש. נתן האט זיי דערויף געענטפערט, אז ער האט געהאט א נבואה, דאס דער משיח וועט קומען אין א יאהר מיט עטליכע חדשים ארום, וויפיעל חדשים, ווייס ער אבער נישט בעשטימט, און דעריבער וועט ער אבווארטען ביז סוף אלול תכ"ז (1667), און אויב זיין נבואה וועט נישט מקוים ווערען, וועט ער ערקלערען, אז זי איז פאלש. ענדליך האבען די שליחים ביי איהם געפועלט, אז ער זאל נישט שרייבען מעהר קיין בריעף צו שבתי צבי, ארויספאהרען פון אדריאנאפאל און נישט פערזאמלען מעהר קיין צוהערער, אויב ווידער זיין נבואה וועגען משיח וועט נישט מקוים ווערען ביז סוף אלול, מוז ער ערקלערען עפענטליך, אז זי איז געווען פאלש. נתן פון עזה האט די זאך ערקלערט און מבטיח געווען שריפטליך (ח' סיון תכ"ז).

זיין הבטחה האט ער אבער נישט געהאלטען. בעזעצענדיג זיך ווייט פון אדריאנאפאל, האט ער געשיקט א בריעף קיין אדריאנאפאל צו די דארטיגע אנהענגער פון שבתי־צבי, כדי צו שטארקען זיי אין זייער גלויבען אינ'ם פאלשען משיח; אויסער דעם האט ער אויך געשיקט בריעף צו פיעל פערשידענע קהלות מיט א בעפעהל צו פייערן שבעה־עשר בתמוז מיט געזאנג און פרעהליכע סעודות. צווישען די שבת'אנער האט איצט פערנומען א גרויסען ארט איינער פון שבתי־צבי'ס תלמידים, משה כהן,

וועלכער פלעגט איינאָרדנען פערזאַמלונגען און האַלטען דרשות פאַר'ן עולם, דער המון האָט איהם געפאָלגט מעהר, ווי די רבנים. נתן פון עזה האָט זיך ווידער געלאָזען אויף זיינע רייזען צו פיהרען די אַגיטאַציע אין שבתי-צבי'ס נאָמען, און געפונען דערביי נישט ווייניג אַנהענגער. אַ בעזונדערען ערפאָלג האָט זיין אַגיטאַציע געהאַט אין גריכענלאַנד. פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט אויף דער רייזע קיין איטאַליען, וואו ער האָט געהאָפט, צו האָבען גרויס ערפאָלג.

צוליעב דער מלחמה, וואָס ווענעדיג האָט דאַמאָלס געפיהרט מיט טערקיי פלעגען די ידיעות צווישעןביידע מדינות איבערגעשיקט ווערען זעהר זעלטען, און דעריבער האָט מען אין איטאַליען נישט געהאַט ערך האַלטען קיין בעשטעטיגונג, אַז שבתי-צבי האָט זיך באמת געשמד'ט, מען האָט דעריבער געגלויבט, אַז דער קלאַנג איז אַ פאַלשער, בפרט נאָכדעם, ווי רפאל יוסף כעלעבי פון מצרים האָט צוגעשיקט אין איטאַליען אַ בריעף און אָבגעלייקענט די ידיעה וועגען שבתי-צבי'ס שמד. אויך פון פיעל אַנדערע קהלות אין די מזרח־לענדער זענען אין איטאַליען ערהאַלטען געוואָרען בריעף, צו פערשטאַרקען די אמונה אין שבתי-צבי; די פאַלשע נביאים און די אַגיטאַטאָרען האָבען ווידער פערשפרייט פיעל פערשידענע ווערסיעס וועגען דעם שמד, ווי אויך פערשידענע שקרים, אַ שטייגער, אַז דער סולטאַן האָט אַליין אָנגעטהון אַ קרוין דעם נייעם משיח און האָט איהם געשיקט מיט צוויי הונדערט טויזענד מאַן קיין פוילען, כדי נקמה צו נעהמען פאַר די שחיטה אויף אידען—אויך אין אמשטערדאַם האָבען זיך נאָך דאַמאָלס געפונען פיעל מאמינים אין שבתי-צבי צווישען די רבנים און פילאָזאָפען, ווייל אַ טייל פון זיי האָבען זיך פשוט געשעמט אַנצוערקענען, דאָס מען האָט זיי אָבגענאַרט און זיי האָבען געהאַט געגלויבט אין אַ פאַלשען מענשען. רבי יעקב ששפורטש האָט דאַמאָלס געפונען די געלעגענהייט אָבצולאַכען פון דעם פילאָזאָפיש געבילדעטען פריידענקער בנימין מוספיא, ערקלערענדיג: „וואָס האָט מוספיא'ן געהאָלפען זיין פילאָזאָפיע און שטרעבונג צו ערקלערען אַלץ על פי חכמת-הטבע, אויב ער קאָן גלויבען אין אַזאַ טפשות, ווי די משיחות פון שבתי-צבי?"

דער פאַלשער נביא נתן פון עזה האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געפיהרט זיין אַגיטאַציע אין פערשידענע שטעדט אין איטאַליען. אין אַ טייל שטעדט האָט ער אפילו געהאַט בעגעגענט אַ שאַרפע שטערונג מצד די רבנים. אָבער די פיעל אַנהענגער האָבען איהם געשטיצט און געגעבען די מעגליכקייט צו טרייבען זיינע שגעונות. אין רוים האָט ער זיך אָבגעראַזירט די באָרד און אָנגעהויבען נבואה זאָגען, אַז רוים וועט איינגיכען אונטערגעהען. ענדליך אָבער האָט זיך דאָס אידישע פאָלק פון איהם אינגאַנצען אָבגעווענדעט, פערגעסען אָן איהם. ווי מען זאָגט, איז ער

געשטארבען אין סאפיא אין יאהר 1680. נאך זיין טויט האבען זיך אין שפּיץ פון די שבת'אנער געשטעלט אנדערע לייט, וועלכע האבען געהאט אין זינען שוין עטוואס גאר אנדערש.

אין יענער צייט איז צוגעשטאנען צו די שבתי'אנער אן'איירא־פעאיש געבילדעטער טאלענטפולער מאן אברהם מיגואל קארדאזא. דאס איז געווען אן'אריגינעלע פערזענליכקייט, אין וועלכען עס האט זיך אבגעשפּיגעלט דאס גאנצע לעבען פון די פּארטוגיעזישע אידען פונ'ם לעצטען יאהר הונדערט, זינט זייער געצוואונגענעם שמד און דעם צוריקקעהרען צום יודענטום. געבוירען אין פּארטוגאל אין א משפּחה פון אנוסים, האט ער, ווי זיין עלטערער ברודער פערנאנדא, שטודירט מעדיצין. אבער וועהרענד פערנאנדא האט זיך ערנסט בעשעפטיגט מיט זיין פאך, האט מיגואל פערבראכט די צייט אין מאדריד אין זיסען לעדיגגעהען, זינגענדיג סערענאדעס אונטער די באלקאנען פון די שענע דאמען און טראכטענדיג דערביי זעהר ווייניג וועגען דעם יודענטום, אדער דער קבלה. זיין ערנסטער ברודער האט זיך דערווייל שוין געהאט געמאכט א בעריהמטען נאמען דורך זיינע ווערק אין דער מעדיצין און נאטורוויסענשאפט און, ענדליך, איז ער צוליעב ליעבע צום יודענטום אויסגעוואנדערט קיין ווענעדיג, וואוהין מיגואל איז איהם נאכגעפאהרען. אבער אויך דא איז דער עלטערער ברודער פערנאנדא, אדער ווי מען האט איהם שוין איצט גערופען: רבי יצחק קארדאזא (געבוירען 1615, געשטארבען 1680) בעריהמט געווארען ביי אידען דורך זיינע שענע מעשים און מאראלישען לעבען, וועהרענד אברהם מיגואל (געבוירען 1630, געשט. 1706) האט געפיהרט א נישט־רעגעלמעסיגען לעבען און איז געווארען א חרפּה פאר זיין פאלק.

נאכדעם ווי מיגואל קארדאזא איז א איד געווארען און אנגענומען דעם נאמען אברהם, האט ער זיך אנגעהויבען בעשעפטיגען מיט קבלה און איז געווארען א שטארקער אנהענגער פון שבתי־צבי. פון יענער צייט אן האט ער, לויט ווי ער האט דערצעהלט, אנגעהויבען זעהען חלומות אין שלאף און אויפ'ן וואהר. דער שמד פון שבתי־צבי האט אויף איהם געמאכט א קנאפּע ווירקונג; ער איז געבליבען זיין געטרייער אנהענגער, און האט זיך בעמיהט צו פערענטפערן שבתי־צבי'ס פערראט דאדורך, אז עס איז געווען נויטווענדיג, דאס דער משיח זאל צוגערעכענט ווערען צו די זינדיגע מענשען, כדי ער זאל דאדורך איבערנעהמען אויף זיך די זינד פון אידישען פאלק, וואס האט געדיענט צו אבגעטער, און אבקומען פאר איהר. די בעוואוסטע נביאה פון ישעיה (קאפּיטעל נ"ג), וועלכע דאס קריסטענטום ווענדעט אן אויף קריסטוס, האט אברהם קארדאזא אנגעהויבען ערקלערען, אז דאס בעציהט זיך אויף שבתי־צבי. אומזיסט האט איהם מתרה געווען און אויסגעלאכט פון איהם זיין ברודער רבי יצחק קארדאזא, פרעגענדיג ביי איהם איראניש, אויב ער האט בעקומען

זיין נבואה פון די פריהערדיגע ליעדער און האַרפען־שפּיעל פאַר די שענע דאַמען אין שפּאַניען. אברהם קאַרדאָזאָ איז אָבער דערפון וועניג וואָס נתפּעל געוואָרען און אָנגעהויבען אויפצווייזען זיין ברודער פון זוהר און אַנדערע קוועלען פון דער קבלה, אַז שבתי־צבי איז דער אמת'ער משיח. דורך זיין אַגיטאַציע זענען אין אַפריקאַ פיעל אידען צוגעשטאַנען צום שגעון פון שבתי־צבי. לסוף אָבער האָט ער געמוזט פערלאָזען די אַפריקאַנישע קהלות און זיך געלאָזען רייזען אין די שטעדט פון מזרח־לאַנד — אין סמירנא, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין די גריכישע אינזלען און לסוף אין מצרים. אַ דאַנק זיין אייראָפּעאישער בילדונג, האָט ער פערשטאַנען צו בעפוצען זיינע שגעונות אין קבלה מיט אַ שענער פאָרם און פיהרענדיג אַזוי די משונה'דיגע אַגיטאַציע, האָט ער דערפון געצויגען זיין חיונה. די בילדונג האָט איהם געהאָלפען צו פערבלענדען די אויגען פיעל אויפגעקלערטע אידישע קרייזען און אין דער הינזיכט האָט ער געהאַט אַ פיעל גרעסערע ווירקונג פאַר אַלע איבעריגע אַגיטאַטאָרען פון שבתי־צבי.

אין אפריקאַ האָט קאַרדאָזא איבערגעלאָזען נאָך זיך פיעל מאַמינים אין שבתי־צבי: אין מאַראָקא, סאַלע און אין אַנדערע קהלות האָט מען נאָך עטליכע יאהר נאָך זיין שמד געפייערט תשעה־באב אלס אַ פרעהליכען יום־טוב און איינער פון די שבתיאַנער רבנים, יעקב בן סעדון האָט געלאָזט אויסרופען אין די שוהלען אין זיין קהלה, אַז ווער עס וועט פאַסטען אום תשעה־באב וועט נישט זוכה זיין צו זעהען אין ישועות, וואָס וועלען קומען אויף ציון. אין יענער צייט האָבען די אידען אין מאַראָקאַ בעליטען זעהר פיעל ענוים און רדיפות. אויף די איינוואוינער פון דער קהלה תודעלאַ, למשל, האָט מען גוזר געווען, אַז זיי זאָלען נישט טאָרען טראָגען קיין שיך, נאָר זיי מוזען געהען באָרוויס. פיעל שוהלען האָט מען דאַמאָלס חרוב געמאַכט, פיעל אידיש פערמעגען פערניכטעט. די גערודפטע קהלות האָבען זיך צוליעב די רדיפות געהאַלטען נאָך פעסטער אָן זייער אמונה אין שבתי־צבי.

ווען שבתי־צבי האָט איינגעזעהען, אַז פיעל אידען גלויבען אין איהם פעסט אויך נאָך זיין שמד, האָט ער ווידער אָנגעהויבען שפּילען זיין ראָליע אלס אַ משיח. נאַטירליך, האָט זיין שוואַכער קאָפּ פיעל געליטען פון די געשעהענישען, וואָס עס איז איהם אויסגעקומען איבערצולעבען, און ער האָט פערלוירען יעדע מאָס. טיילמאָל פלעגט ער אָבשפּאָטען פון יודענטום און פון אידישען גאָט מיט די געמיינסטע ווערטער; אַנ'אַנדערס מאָל פלעגט ער פראַווען צוזאַמען מיט זיינע מאַמינים תפלה־בצבור, זינגען קאַפּיטלעך תהלים און, זייענדיג אַ בעל־קורא, אום שבת פלעגט ער אָפט אויפרופען עולה־לתורה צו זיין זיבען מיידלעך. ווען זיין פרוי שרה איז געשטאָרבען, האָט ער חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אַ אידישען חכם (רב) אין סאַלאָניקי יוסף פילאָסאָף. ווען די פּאָליציי פונ'ם גרויס־וויזיר האָט איהם אָבער איינמאָל געפונען אין אַ דאָרף נעבען קאָנ־

סטאנטינאפאל זיצענדיג ארומגערינגעלט פון זיינע מאמינים און זינגענדיג תהילים, האט דער וויזיר בעפויהלען ארויסצושיקען איהם קיין אלבאניען אין שטעדטעל דולציניא, וואו עס זענען קיין אידען נישט געוועז. דארט איז ער געשטארבען איינזאם און אליין ערב יום־כפור, און די מחמד'אנער האבען איהם מקבר געוועז אום יום־כפור (1676).

דער אידישער פילאזאף ברוך שפינאזא, וועלכער איז אויך כמעט איינגאנצען אבגעפאלען פון יודענטום און האט אין שבתי־צבי'ם צייטען געלעבט פון דערוויטענס פון די דאזיגע שגעונות, האט בלי ספק געקוקט אויף זיי מיט פעראכטונג. אויב ער האט באמת געהאט געוואלט אונטערגראבען דאס יודענטום, האט ער קיין בעסערע מיטהעלפער ווי שבתי־צבי מיט זיין חבר, שמואל פרימו און זיינע נביאים, נישט געברויכט צו האבען. די מיסברויכער פון דער קבלה האבען נאכמעהר שאדען געבראכט דעם יודענטום ווי די פילאזאפיע און די, וואס האבען געשטרעבט צו לעבען מיט'ן ריינעם פערשטאנד. אבער נישט די איינע נישט די אנדערע האבען ניט בעוויזען אבצורייסען פון דער רעליגיאן פון זייערע עלטערן די פיעל געבילדעטע אידען פון לאנדאן, אמשטערדאם, האמבורג און בארדא. דוקא אין דער צייט, ווען די דערמאנטע צוויי פיינדליכע כוחות האבען זיך אונטערגעגראבען אונטער'ן יודענטום, האט די פארטוגעזישע קהלה אין אמשטערדאם, וועלכע איז שוין בעשטאנען פון פיער טויזענד משפחות, זיך אויסגעבויט א גרויסע און א פרעכטיגע שוהל, און (3־טען אויגוסט 1675) געמאכט א חנוכת־הבית מיט אזא פייערליכקייט און שמחה, כמעט ווי בשעת'ן חנוכת־הבית אין ירושלים. דיכטער האבען עס בעזונגען, אלס א העכסט וויכטיגע געשעהעניש, און קינסטלער האבען צו די לידער געמאכט שענע קופער־שניצונגען, וועלכע מען האט פערשפרייט צווישען די אידען. אין די שווערע צייטען האבען קריסטען אנטליהען די אידען געלד אויף צו ענדיגען דעם בנין, און דער האלענדישער דיכטער ראמיין דע הוגה האט בעזונגען די שוהל און דאס אידישע פאלק אין שענע לידער אין לאטייניש, האלענדיש און פראנצויזיש.

שפינאזא האט נאך דערלעבט אויף די דאזיגע שמחה פון דער אידישער קהלה, פון וועלכער ער האט זיך אבגעווענדעט. מעגליך, אז ער האט זיך אויסגעלאכט פון דער שמחה, אבער דער פאקט, אז מען האט אויפגעבויט א גרויסע שוהל, א פרעכטיגען בנין, אין א קריסטליכער שטאדט, וואו מען האט מיט הונדערט יאהר פאר דעם נישט ערלויבט אריינצוקומען אידען און נאר מיט גרויסע שוועריגקייט האט מען אזא ערלויבניש געגעבען נאר אזעלכע אידען, וועלכע זענען שוין פריהער געוועזן א לאנגע צייט קריסטען — אט דער פאקט אליין האט בעסער גערעדט, ווי יעדע אבסטראקטע פילאזאפיע. — שפינאזא איז געשטארבען א קורצע צייט נאך שבתי־צבי (21 פעברואר 1677); רוהיג און שטיל, ווי ער האט געלעבט, אבגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט, איז דער אידישער פילאזאף גע-

שטאַרבען. דאָס יודענטום האָט ער ביי זיין לעבען אונגערעכט פערשפּאָטעט, אָבער מ י ט זיין לעבען האָט ער איהם אליין דערהויבען. זיין געוואלדיגע גייסטיגע קראַפט און שטאַרקהייט פון חאַראַקטער ווערען שטענדיג אַנערקענט אַלס עכט-אידישע אייגענשאַפטען, לויט'ן בלוט ווי אויך לויט דער אידישער ערציהונג.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

ליכט און שאטען.

(1720 — 1667)

פון די פירשטען און פעלקער אין אַזיען און אייראָפּאַ איז עס געווען גאַנץ פריינדליך, וואָס זיי האָבען געגעבען אין יענער צייט די אידען פאָלקאָמע רוהיגקייט און די מעגליכקייט צו שפּילען זיך מיט זייער משיחישען שגעון, ווערענדיג דאדורך צו שאנד און שפּאָט אין די אויגען פון דער וועלט. אין יענער צייט איז גראָד פאָרגעקומען איינע פון יענע זעלטענע פויזען צווישען איין רדיפה און דער צווייטער אויף די אידען. די פויזע האָט אָבער דאָס מאָל לאַנג נישט געדויערט. באלד האָבען זיך אָנגעהויבען איבערחזר'ן די אמאָליגע בלבולים, גזירות און רדיפות, ווי אויך גירושים, וועלכע זענען געוואָרען טאָג-טעגליכע מעשים אין דער אידישער געשיכטע. דערביי ווארפט זיך אין די אויגען דער אונטערשייד צווישען די קריסטליכע און מחמד'אַנישע פעלקער. די מחמד'אנער האָבען ניט אָנגעריהרט אַ האָר אויפ'ן אידישען קאָפּ, נישט אַכטענדיג אויף די שגעונות און דער אויפרעגונג פון דער אידישער משיחישער בעוועגונג. דאגעגען צווישען די קריסטען האָט מען די אידען געאַכטעט אלס מענשען נאָר אין האָלאַנד און אין ענגלאנד, אין די איבעריגע אייראָפּעאישע מלוכות אָבער האָט מען זיי געהאלטען ווי אויסוואורפען, פאר וועלכע עס עקזיסטירט נישט קיין רעכט, נישט קיין רחמנות.— די אונמענשליכע התחלה האָט ווידער געמאכט שפּאַניען. דאס דאזיגע אונגליקליכע לאנד, וואס האט דורך פאַנאַטיזם, דעספּאָטיזם און דער אינקוויזיציע פערלוירען אלץ מעהר פון איהרע בירגער, האָט זיך געפינען אין יענער צייט אונטער דער הערשאפט פון אַ ווייניג קלוגער און פאַנאַטישער פרוי, די אלמנה—רעגענטין, מאַריאַ אננא פון עסטרייך, וועלכע האט בעשטימט איהר ודוי-פּאָטער, דעם דייטשען פאַנאַטישען גלח-יעזואיט נ יידהאַרד, פאר אַ גענעראל-אינקוויזיטאָר און פאר אַנ'אַלמעכטיגען מיניסטער. נאַטירליך, האָט מען אונטער אַזאַ רעגירונג נישט געקאָנט סובל זיין קיין אַנדערש גלויביגע ווי די קאַטוילען. און אַט האט שפּאניען נאָך געהאַט אַביסעל אידען

אין איהרע ווייטע מדינות אין צפון־מערב פון אפריקאַ: אין אָראַן, מאַ־
צאַרקיווי, און אנדערע שטעדט. פיעל פון די דאָזיגע אידען האָבען
אַרויסגעוויזען זייער וויכטיגען דינסט דער שפּאַנישער מלוכה סיי אין
מלחמה סיי אין שלום־צייט. די משפחות קאַנזינאַ און שפּאַרטאַש, וועלכע
זענען געווען קעניגליכע טאָלמאַטשען פאַר די דאָזיגע מדינות, האָבען זיך
בעזונדערס אויסגעצייכענט דורך זייער געטרייהייט פאַר דער שפּאַנישער
מלוכה, און אַננאַ מאַריאַ'ס מאַן, דער קעניג פיליפּ IV, האָט עס אַליין
אָנערקענט אין א בעזונדערען רעסקריפּט. די קעניגין־אלמנה האָט זיך
אָבער דערמיט וועניג וואָס גערעכענט און אַרויסגעגעבען א בעפעהל
אַרויסצוטרייבען פון דאָרט די אידען, ווייל זי האָט פּשוט נישט געקאָנט
סובל זיין דאָס אין איהר מלוכה זאָלען זיך געפינען אידען. ווען די אָרטי־
גע אידישע שרים האָבען זיך געווענדעט מיט א ביטע צום גובערנאַטאָר,
אַז ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען, האָט ער זיי געגעבען אכט טאָג א
הנחה, כדי זיי זאָלען קאָנען פייערן דעם יום־טוב פּסח (1669) און דערביי
האָט ער זיי אויך אַרויסגעגעבען א צייגניש, אַז מען טרייבט זיי אַרויס
פון זייער היים נישט צוליעב פעררעטעריי אָדער בירגערליכע פערברע־
כענס, נאָר ווייל די קעניגין־רעגענטין קאָן נישט סובל זיין קיין אידען, צו־
ליעב זייער רעליגיאָן. זייערע נחלאות האָבען די אידען אין איילעניש גע־
מוזט פערקויפען פאַר א שפּאָט־פּרייז. די אַרויסגעטריבענע אידען האָבען
זיך בעזעצט אין ניצאַ און ווילאַפראַנקאַ, אין דער געגענד פון סאַוואָיען.

און ווי די מוטער אזוי די טאָכטער. אין דער זעלביגער צייט האָט
מען אויך אַרויסגעטריבען די אידען פון וויען און פון ערצהערצאָגטום
עסטרייך, און טאַקי לויט דער פאָדערונג פון אַננאַ־מאַריאַ'ס טאָכטער,
דער קייזערין מאַרגאַרעטע מיט איהרע לייט, די יעזואיטען. זינט דער
קייזער לעאָפּאָלד I איז אַרויפגעשטיגען אויפ'ן דייטשען טראָהן, האָבען
די יעזואיטען בעקומען א גרויסען איינפלוס אי אַלס דרשנים אין די קירכען,
אי אַלס לעהרער אין די שוהלען. לעאָפּאָלד איז געווען זייערער א תלמיד און
האָט אליין אויך געהערט צום אָרדען פון די יעזואיטען און דעריבער האָט
ער זיי געמאַכט פאַר די הויפּט־געוועלטיגער איבער דער עסטרייכישער
מלוכה. די יעזואיטען האָבען אויפגעהעצט דעם קייזערליכען הויף און די
בעפעלקערונג געגען די פּראָטעסטאַנטען און הוגענאָטען, ווי אויך געגען די
דיסידענטען אין פּוילען. די אידען, וועלכע האָבען לערך א יאָהר פופציג
פאַר דעם זיך בעזעצט צוריק אין וויען, האָבען דערביי אויך געמוזט ליי־
דען פונ'ם מלוכה־פאַנאַטיזם. די קנאה פון די קריסטליכע סוחרים און די
תאוה צו געשלעג מצד די יעזואיטיש ערצויגענע סטודענטען, האָבען די
יעזואיטען קונציג אויסגענוצט, כדי צו מאַכען די אָנפאַלען אויף אידען.
טאָמער האָט מען נאָך דערצו געפונען א טויטען קריסט ערגיץ וואו אין
וואַסער, האָבען די אידישע פיינד באַלד אויסגעפּויקט אין צייטונגען, אויפ־
רופען און ליעדער אָדער אין פערשידענע בילדער, אַז די אידען שחט'ן

קריסטען, כדי צו פערנוצען זייער בלוט. דער קייזער לעאָפּאָלד האָט א לאַנגע צייט זיך געשטעלט געגען דער אלגעמיינער שנאה צו אידען, אָבער לסוף האָט ער געמוזט נאָכגעבען און (דעם 14־טען פעברואר 1670) האָט מען בעקאַנט געמאַכט דורך טרומייטען, אז אין א משך פון איניגע חדשים דארפען די אידען אַרויסגעהען פון וויען און איהר אומגעגענד און, ווער עס וועט דערנאָך בלייבען דאָרט, וועט בעשטראָפט ווערען מיט לייב און לעבען. אין קעניגליכען הויף האָבען די אידען נישט געהאַט קיין שום אויסזיכט אויף צו פועל'ן עטוואָס גוטס, ווייל דאָרט האָבען געוועלטיגט די יעזואיטען דורך די קייזערין און איהר ודוי־פאַטער. דאַן האָבען די אידען זיך געווענדעט מיט א בריעף פול טרעהרען צו איינעם פון די אייג־פלוסרייכסטע און, מעגליך אויך, דער רייכסטער פון די דאַמאַלסדיגע אי־דען יצחק עמנואל טעקסיירא, געזאַנדטער פון דער שוועדישער מלכה כריסטינאַ אין האַמבורג, כדי ער זאָל אויסנוצען זיין איינפלוס אויף די הויכע גלחים און שרים לטובת די אידען. טעקסייראַ האָט שוין פאַר דעם אליין געהאַט געשריבען צו איניגע שפּאַנישע שרים מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פערבינדונג, און געבעטען זיי, אז זיי זאָלען ווירקען לטובת די אידען ביי'ם ודוי־פאַטער פון דער קייזערין. אויך צום קאַרדינאַל אזאָלינאַ אין רוים, וועלכער איז געוועזען א פריינד פון דער קעניגין כריסטינאַ (זי פלעגט איהם טיילמאָל רופען „מלאך" און טיילמאָל „טייוועל"), האָט טעקסייראַ זיך געווענדעט. די קעניגין כריסטינאַ, וועלכע איז אויף א ראָמאַנטישען אופן איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישען פון פראָטעס־טאַנטישען גלויבען און איז דערפאַר געווען שטאַרק חשוב ביי'ם פּויפּסט, האָט נעגעבען טעקסייראַ'ן די האָפנונג, אז דורך איהר בריעף צום פּויפּסט־ליכען נונציוס וועט זי פועל זיין, דאָס מען זאָל דעם גירוש אָבשטעלען. אָבער אלע גרויסע השתדלות האָבען נישט געבראַכט קיין שום נוצען. דער קייזער, אָדער פיעל מעהר די קייזערין האָבען זיך געהאַלטען פעסט ביי זייער גזירה און נאָך איידער די אידען זענען פון וויען ארויסגעגאַנגען, האָט מען געלאָזט פערקויפען זייערע הייזער בחצי חנם צו די מיטגלידער פון ווינער מאַגיסטראַט. זייער מענשליכקייט האָבען דער קייזער און די קיי־זערין נאָר אַרויסגעוויזען דערמיט, וואָס זיי האָבען שטרענג פערבאָטען צו טהון די אידען שלעכטס בשעת זייער אַרויסציהען זיך.

די ווינער אידען האָבען אלזאָ געמוזט זיך אונטערגעבען דער אייזער־נער נויט און נעהמען זיך פאַר'ן וואַנדער־שטעקען. טויזענד מיט פיער הונ־דערט ווינער אידען זענען פלוצלונג געוואָרען געמאַכט צו בעטלער און גע־מוזט זיך שלעפּען אויף אַלע וועגען נישט וויסענדיג וואו איבערצולעבען א טאָג און א נאַכט. די יעזואיטען האָבען זיך געריבען די הענד פון שמחה און אַרויסגעגעבען ספּעציעל א ביכעל, אין וועלכען זיי האָבען זיך געריהמט מיט גאָט'ס חסדים פאַר די קריסטען. דעם שטאָדט־טייל, וואו די אידען האָבען אין ווין געוואוינט, האָט דער מאַגיסטראַט אָבגעקויפט ביי'ם קיי־

ער פאר הונדערט טויזענד גולדען, א נאמען געבענדיג איהם לכבוד דעם קייזער „לעאפאלד־שטאדט“, ווי ער הייסט נאך עד היום. דעם פלאץ פון דער שוהל האט מען בעשטימט אויף צו בויען דארט א קאטוילישע קירכע, און דער קייזער האט אליין געלעגט דעם פונדאמענט־שטיין צום דאזיגען בנין (18־טען אויגוסט 1670), וועלכען מען האט א נאמען געגעבען לעאפאלדס־קירכע און אריינגעבראכט דארט א גאלדענעם טאוועל מיט דער פאלגענדער אויפשריפט: „נאכדעם ווי מען האט די אידען פאלקאם פערטריבען פון דאנען, האט דער קייזער זייער שוהל, אלס א מערדער־גרוב פערוואנדעלט צו א גאטעס־הויז“. א אידישען בית־המדרש, וואו עס איז געווען א ישיבה, האט מען אויך איבערגעמאכט אויף א קירכע מיט'ן נאמען פון דער קייזערין „די הייליגע מארגאריטע“. נאך דעם וויענער בית־הקברות איז געלונגען צו פערזיכערען פון די יעזואיטען: די אידען האבען בעצאהלט דעם מאגיסטראט פיער טויזענד גולדען, בתנאי, אז מען זאל די מצבות אויף די קברים נישט אנריהרען און אויסבויען ארום בית־הקברות א פארקאן. די אויסגעוואנדערטע אידען האבען זיך צושפרייט אין מעהרען, בעהמען און בייערן, וואו מען האט זיי אויף דערוויל ערלויבט צו בעזעצען זיך; נאר אין אונגארן האבען זיי נישט געטארט אריינקומען.

די דאזיגע שאטען־זייט האט אבער אויך געהאט איהר ליכטיגע זייט: די נייע־אויפוואקסענדע פרייסיש־בראנדענבורגישע מלוכה, וועלכע האט ביז יענער צייט זעהר ווייניג סובל געווען די אידען, האט איצט זיי אנגעהויבען אריינלאזען, חאטש אפילו נישט מיט גאט ווייס וועלכער הכנסת־אורחים. פרידריך ווילהעלם דער „גרויסער קורפירשט“ פון מארק־בראנדענבורג, וועלכער האט דער ערשטער געלעגט דעם פונדאמענט פאר דער קינפטיגער שטארקער פרייסישער מלוכה, האט אריינגענומען אין זיין לאנד פופציג משפחות פון די ארויסגעטריבענע עסטרייכישע אידען. ער איז אפילו נישט געווען מעהר טאלעראנט, ווי אלע אנדערע אייראפעאישע פירשטען פון לודוויג דעם פיערצעהנטעם יאהרהונדערט. ער האט אבער בעסער פאר'ן קייזער לעאפאלד פערשטאנען וואס פאר א גרויסען פינאנציעלען נוצען ער קאן האבען מיט דער צייט פון די אידען און אז די פינאנסען זענען דער הויפט־נערוו אין דער מלוכה. אין דער מארק־בראנדענבורג האבען די אידען נישט גוטארט וואוינען שוין אין א משך פון א יאהרהונדערט, אבער פרידריך ווילהעלם האט איינגעזעהען, אז פאר איהם לויהנט בעסער די אידען צוריק אריינצולאזען אין זיין לאנד. זייענדיג א מענש, וואס האט פיינד געהאט האלבקייטען, איז ער געגאנגען אויך ווייטער אויף זיין נייען וועג און האט זיך נישט געווענדעט צו די אנקלאגען און פראטעסטען פון די פראטעסטאנטישע פריצים און בירגער, וועלכע האבען פשוט נישט פערגונען די אידען דאס לעבען. לויט'ן וועסטפאלישען שלום האט דער בראנדענבורגער קורפירשט בעקומען די שטאדט האלבערשטאדט מיט איהר אומגעגענד. דארט האבען געוואוינט אפילו ניט

מעהר ווי צעהן אידישע משפחות, אָבער גלייך אַרויסטרייבען זיי האָט ער אויך נישט געקאָנט. דער קורפירשט האָט דאריבער געגעבען די דאָזיגע אידען א פּריווילעגיע, וועלכע איז געוועזן נישט פיעל בעסער, אָבער אויך נישט פיעל ערגער ווי אלע טאָלעראַנץ-פּריווילעגיעס פון יענער צייט. ווי עס שיינט, האָבען דאמאָלס אויך אין נ י י מ א ר ק געוואוינט אייניגע אידישע משפחות. אין קאָנט ק ל ע ו ו ע, נעמליך, אין די שטעדט: ע מ ע ר י ך, ו ע ז ע ל, ד א ו י ס ב ו ר ג און מ י נ ד ע ן, וועלכע זענען אָבגעגעבען געוואָרען דעם קורפירשט, זענען אויך געוועזן קליינע אידישע קהלות פון גאַנץ אַלטע צייטען אָן. אין עסטרייך האָט פרידריך ווילהעלם געפונען א רייכען בעגאבטען אידען, ר ב י א ל י ה ו ג ו מ פ ע ר ט ס, אָדער א ל י ה פון ע מ ע ר י ך, וועלכער האָט איהם בשעת דער מלחמה אַרויסגעוויזען גרויסע דיענסטען, צושטעלענדיג געוועהר, ביקסען און פּולווער, ווי אויך אַלס קלוגער דיפּלאָמאטישער אגענט. דער קורפירשט האָט איהם אויסגעקליבען פאר זיך פאַר א ראַטמאַן און האָט איהם געשיקט קיין האָלאַנד, דורכצופיהרען דאָרט א הלואה אויף די מלחמה-אויסגאַבען, ווי אויך אויף צו פיהרען דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען. די האָלענדער האָבען זיך בעצויגען מיט גרויס רעספּעקט צו רבי אליהו עמעריך די גאנצע צייט, וואָס ער איז געוועזן אין האָלאַנד.

ווייל אָבער די אידען האָבען שוין אלזאָ געוואוינט אין קלענערע קהלות אין זיין מלוכה, האָט דער קורפירשט נישט געזעהען קיין מניעה פאַרוואָס ער זאָל זיי נישט אַריינגעהמען נאָכמעהר, כדי צו דערהויבען דעם מאַטעריעלען צושטאנד פון זיין מדינה. וועגען דעם האָט ער דאָך געטראכט מעהר פאר אַלץ, און די אידען ווידער וועלען דאָך בלי ספק אַריינברענגען אין לאנד אויך געוויסע קאַפּיטאלען, דען נאָר אזעלכע האָט ער דאָך בדעה אַריינצולאָזען אין זיין לאנד! און דער וויענער געזאנדטער האָט אויף זיין בעפעהל אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט אייניגע רייכע ווינער אידישע משפחות וועגען זייער איינוואנדערונג אין מאַרק-בראַנדענבורג. די בעדינגונג, וועלכע מען האָט זיי פאָרגעלעגט, זענען אין עטליכע פּונקטען געוועזן זעהר שווערע, אָבער דאָך גינסטיגערע, ווי אין אנדערע פּראָטעסטאנטישע לענדער. פופציג משפחות פון די עסטרייכישע אידען האָבען זיך געמעגט בעזעצען אין בראַנדענבורג אָדער אין ערצאָגטום קראָסען און איבעראַל האנדלען אונגעשטערט. יעדע משפחה האָט געדארפט בעצאָהלען יעהרליך אכט טהאָלער שוץ-געלד, איין גאָלד-גולדען פון יעדער חתונה און אויך אזאַ סומע פון יעדע לויה. דערפאַר אָבער זענען זיי געוועזן פריי אין דער מלוכה פונ'ם לייב-צאָל. זיי האָבען געמעגט קויפען און בויען הייזער, מיט דער בעדינגונג אָבער, אז נאָכ'ן פערלויף פון א געוויסען משך צייט זאָלען זיי פערקויפען זיי צו קריסטען. קיין שוהלען האָבען זיי נישט געטאָרט האָבען, נאָר בתי-תפילה (געבעט-הייזער), א מלמד און א שוחט. דעם דאָזיגען שוץ-בריעף האָט מען

די אנגעקומענע אידען געגעבען בלויז אויף א צייט פון צוואנציג יאהר, אבער מען האט זיי געשטעלט אין דער אויסזיכט, אז נאכ'ן פערלויף פון דער דאזיגער צייט וועט דער קורפירשט, אדער זיין יורש פערלענגערען דעם טערמין. פון די דאזיגע איינגעוואנדערטע פופציג משפחות האבען זיבען זיך בעזעצט אין בערלין, צווישען זיי אויך די משפחות ריעס, פייט און לאצארוס, וועלכע זענען געווארען דער פונדאמענט פון דער שפעטערדיגער גרויסער אידישער קהלה אין בערלין. נאכ'ן ערשטען שריט האט דער קורפירשט געמאכט א צווייטען, אריינגעהמענדיג אויך איניגע אידישע משפחות פון האמבורג און גלאגאו: אזוי ארום זענען ענטשטאנען די קהלות אין לאנדסבערג און פראנקפורט אם אדער. דער גרויסער קורפירשט האט אויך טיילמאל ארויסגעוויזען זיין אייגעננוציגע פריינדשאפט פאר די אידען. ווען דער קורפירשט האט, לויט'ן פארשלאג פון שוועדישען מלוכה-ראטמאן סקיט, בעשלאסען צו גרינדען אין דער מארק, אין טאנגערמינדע, אנ'אוניווערסאל-אוניווערזיטעט און א מקום-מקלט (אזיל) פאר גע'רודפ'טע געלעהרטע, האט ער, לויט זיין פראגראם, אהין געדארפט אריינגעהמען אויך אידישע געלעהרטע, ווי אויך אראבער און פריי-גייסטער פון אלערליי אמונות, בתנאי נאר, אז זיי זאלען נישט פערשפרייטען אין דער מדינה זייער אפיקורסות. בעזונדערס דארף דא דערמאנט ווערען די שענע טהאט פונ'ם קורפירשט אין בעציהונג צו צוויי אידישע יונגע לייט, פאר וועלכע ער האט זיך אנגענומען און ארויסגעגעבען א ספעציעלען בעפעהל, אז מען זאל זיי אריינגעהמען אין דער אוניווערזיטעט פון פראנקפורט אם אדער. רבי טוביה הכהן, דער דאקטאר, וועלכער האט שפעטער מחבר געווען פיעל ספרים אין מעדיצין (1729—1653) איז געווען א זוהן פון רבי משה נאראל, וועלכער איז אנטלאפען פון פוילען אין די שחיטות-יאהרען ת"ח ות"ט און אויפגענומען געווארען פאר א רב אין מעץ. ווען רבי משה איז געשטארבען, איז זיין זוהן טוביה געווען אלט נור זיבען יאהר. ער איז באלד נאך זיין פאטער'ס טויט, צוריק אבגעגאנגען קיין פוילען, כדי צו לערנען דארט תורה אין די ישיבות צוליעב זיין גרויסער תשוקה צו וויסענשאפטען, איז ער מיט זיינעם [illegible] אבער שפעטער ארויסגעפאהרען פון פוילען, כדי צו דערשלאגען זיך קיין איטאליען און אנקומען דארט אין אוניווערזיטעט. אויפ'ן וועג האבען זיי זיך אבגעשטעלט אין בראנדענבורג און געוואלט אנקומען אין דער אוניווערזיטעט אין פראנקפורט אם אדער, אבער די פראטעסטאנטישע מנהיגים פון דער אוניווערזיטעט האבען זיי נישט געוואלט אריינגעהמען, ווייל זיי זענען אידען. די צוויי יונגע לייט האבען זיך דאן פארגעשטעלט דעם קורפירשט און געבעטען ביי איהם, אז ער זאל זיי ערלויבען אנגענומען צו ווערען אין דער אוניווערזיטעט. דער קורפירשט האט באלד בעפוילען די מנהיגים אריינצונעהמען די צוויי אידען פריינדליך אין דער אוניווערזיטעט און האט זיי נאך בעשטימט אויך

אַ יעהרליכע פּענסיע די גאַנצע צייט פון זייער שטודיום.

איין אויגענבליק האָט מען דאַמאָלס געקאָנט מיינען, אַז די אונגליקליכע פון די אונגליקליכסטע אידען, די אַנוסים אין פּאָרטוגאַל לפּחות, וועלען בעפרייט ווערען פון זייער שוידערהאַפטע לאַגע און די מאַכט פון דער פערשאָלטענער אינקוויזיציע וועט געבראָכען ווערען. העכער הונדערט-פופציג יאָהר, לפּחות, פיער דורות, זענען שוין געוועזען פאַראיבער, זינט דאָס בלוטיגע געריכט איז איינגעפיהרט געוואָרען אין פּאָרטוגאַל, נישט האָבענדיג דערויף קיין געזעצליכע בעשטעטיגונג אפילו פון רוים. אין דער דאָזיגער צייט האָט דאָס פּאָרטוגיעזישע פאָלק, זיין אדעל, אויך די פירשטליכע הייזער, זיך שוין לאַנג פערמישט דורך חתונות מיט די אַנוסים; די קלויסטערס זענען פול געוועזען מיט מאַנאַכען און מאַנאַכינעס פון אַנוסים, אָדער האַלב-אַנוסים. די אַנוסים האָבען אָבער נאָך אַלץ געטראָגען דעם נאָמען ניי-קריסטען און די אינקוויזיציע האָט נישט אויפגעהערט זיי צו משפט'ן מיט איהר אונמענשליכער אכזריות; דאָס פאָלק ווידער האָט נאָך אויך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אַנוסים, שפּירענדיג אינסטינקטיוו, אַז די אידען וועלען זיך קיינמאָל מיט די קריסטען נישט פעראייניגען אינגאַנצען און, ביי דער ערשטער געלעגענהייט וועלען זיי אָראָבוואַרפען פון זיך די אמונה, וועלכע זיי האָבען געטראָגען נור, ווי אַ שווערען יאָך. די אינקוויזיציע האָט פון איהר זייט געטהון אַלץ, וואָס זי האָט נור געקאָנט, כדי צו פערשטאַרקען די שנאה פון די אַלט-קריסטען צו די אַנוסים, ווייל זי האָט דערפון געהאַט מאַטעריעלען נוצען. קוים פלעגט מען עמיצען פון די רייכע אַנוסים אַנקלאַגען אין אינקוויזיציאָנס-געריכט, פלעגט מען באַלד קאָנפיסקירען זיין פערמעגען לטובת דער קאַטוילישער קירכע און די אינקוויזיציע איז דערפון נתעשר געוואָרען. דער פּאָרטוגעזישער קעניג יואַן IV בראַגאַנצאַ, וועלכער האָט צוריק אָבגעריסען פּאָרטוגאַל פון שפּאַניען, האָט זעהר געוואָלט מבטל מאַכען די אינקוויזיציאָנס-געריכטען, ווייל ער האָט נישט געקאָנט צוזעהען, ווי די אינקוויזיציע פערנעהמט אין איהר רשות די גרעסטע עשירות פון לאַנד. צווישען דעם קעניג און דער אינקוויזיציע האָט זיך אָנגעהויבען אַ זעהר נישט-שענער קאַמפּף איבער דעם אידישען פערמעגען, וועלכען יעדער האָט געוואָלט בעקומען פאַר זיך; דער קאַמפּף האָט זיך געפיהרט מיט אַזאַ פערביסענקייט, אַז די אינקוויזיציע האָט געפועלט, דאָס ווען דער קעניג איז געשטאָרבען, האָט מען איהם נישט מקבר געוועזען, איידער מען האָט געמוזט מאַכען אַ צערעמאָניע פון סליחה-מחילה, אַ שטייגער, ווי דער קעניג וואָלט געווען אַ גרויסער פערברעכער. וועלכער איז געשטאָרבען אָהן ודוי. נאָך יואַן IV, אין דער רעגירונג פונ'ם רעגענט דאָם פּעדראָ, האָט די אינקוויזיציע געמאַכט אַ בלבול אויף די אַנוסים, אַז זיי האָבען אָנטיילגענומען אין אַ גנבה אין איינער פון די ליסאַבאָנער קירכען; ביי פיעל אַנוסים האָט מען געמאַכט רעוויזיעס, פיעל האָט מען אוועקגעשלעפּט אין

די תפיסות, קאָנפיסקירענדיג זייער [illegible]ען. די אויפרעגונג פון המון
איז געווען זעהר שטאַרק געגען די אַנוסים; נישט וועניגער שטאַרק איז
אָבער געווען אויך די אויפרעגונג געגען דער אינקוויזיציע.

סיי אין קעניגליכען הויף, סיי אין רוים האָט מען אָנגעהויבען פיה-
רען אַ שאַרפע אינטריגע געגען דער אינקוויזיציע. דער הויפּט־אינטרי-
גאַנט איז דאָס מאָל געווען אַ יעזואיטישער גלח, אַ נ ט אָ נ י אָ פ י אַ י י-
ר אַ, דער העכסטער חיטרעץ צווישען די חיטרע מענשען; פיאיירא האָט
אויף אַנ'אונערקלערליכען אופן געהאַט אַ בעזונדערס ווארימע סימפּאַטיע
פאַר אידען און פאַר'ן יודענטום. זייענדיג אין אַמשטערדאַם, איז ער גע-
קומען אין שוהל אַריין הערען די אידישע דרשות און האָט פיעל פער-
בראַכט מיט די רבנים, ר ב י מ נ ש ה ב ן י ש ר א ל א ו ן ר ב י
י צ ח ק א ב ו ה ב. אָט דעם יעזואיט האָט די אינקוויזיציע איינמאָל גע-
לאָזט אַרעסטירען און בעהאַלטען גאַנץ לאַנג אין אַ תשובה־געפענגניש,
פערמשפט'ענדיג איהם צו פערלירען זיין שטימע אין יעזואיטישען אָרדען,
ווי אויך דאָס רעכט צו האַלטען דרשות. ווי נור פיאיירא האָט זיך בע-
פרייט פון זיין תפיסה, איז ער אָבגעפאָהרען קיין רוים, כדי דאָרט צו
פועל'ן, אַז די אינקוויזיציע זאָל ערנידעריגט ווערען און פערלירען איהר
קראַפט. זיינע חברים אין יעזואיטען־אָרדען האָבען איהם געשטיצט דערין.
אין רוים האָט ער דערוועקט געגען דער אינקוויזיציע אַלע געהיימע כחות
האָבענדיג אַ שטאַרקען צד צווישען די העכערע גלחים — אין יענער צייט
האָט דער יעזואיטען־פּראָווינציאַל פון מאַלאַבאַר, ב אַ ל ט ה אַ ז אַ ר ד אַ
ק אָ ס ט אַ, פאָרגעלעגט דעם פאָרטוגעזישען רעגענט דאָס פּעדראָסאָ
פּלאַן, איינצונעהמען צוריק מזרח־אינדיען, וועלכע פאָרטוגאַל האָט געהאַט
פערלוירען. צו אַזאַ אונטערנעהמונג האָט מען אָבער געברויכט צו האָבען
געלד, זעהר פיעל געלד. וואו זאָל אָבער נעהמען געלד דאָס אָרימע פאָר-
טוגאַליען? און אָט האָט דער יעזואיט געגעבען אַנ'אָנצוהערעניש דעם רע-
גענט, אַז די אַנוסים אין פאָרטוגאַל וועלען איהם געבען פיעל געלד, אויב
ער זאָל נור פערלייכטערען זייער לאַגע און געבען זיי אַנ'אַלגעמיינע סליחה־
מחילה. דאָס פּעדראָ האָט דערויף אָנגעוויזען זיין ודוי־פאָטער, אויך אַ
יעזואיט און אַ געגנער פון דער אינקוויזיציע, אַז ער זאָל אָנהויבען פיה-
רען אונטערהאַנדלונגען מיט די אַנוסים. פאָרגעקומען איז עס גראָד אין
דער צייט, ווען די אינקוויזיציע האָט שטאַרק אויפגערייצט דעם המון
געגען די אַנוסים, בעשולדיגענדיג זיי אין דער דערמאָהנטער גנבה אין דער
קירכע. כדי צו מאַכען אַ סוף מיט דער געפעהרליכער אויפרעגונג, האָבען
אַ טייל מיטגלידער פון מלוכה־ראַט פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל די אַנוסים
גאָר אַרויסטרייבען פון פאָרטוגאַל. פאַר דער אינקוויזיציע וואָלט דאָס גע-
זוען אַנ'אמת'ע קאַטאַסטראָפע, ווייל זי וואָלט געבליבען אָהן אַרבייט און,
דער עיקר, אָהן הכנסה; דעריבער האָט די אינקוויזיציע געאַרבייט געגען
דעם דאָזיגען פאָרשלאַג, נישט שעמענדיג זיך דערביי אַרויסצושטעלען

אפילו אויך דעם פרינציפ פון רחמנות אויף די עלענדע אנוסים — אַ פרינציפ, וועלכער איז דער אינקוויזיציע אזוי פרעמד געווען בכלל און בפרט נאָך אין בעציהונג צו די אנוסים. די אינקוויזיטאָרען האָבען אויך געפונען אַ מאָטיוו פאַר זייער אַננעהמען זיך דאָס מאָל כלומרשט פאַר די אנוסים: „מען דאַרף דאָך נישט בעשטראָפען דעם כלל — האָבען זיי געטענה'ט — פאַר דער זינד פון אַ יחיד; מען קאָן דאָך, חלילה, נאָך ברענגען דערצו, אַז די אנוסים וועלען אויפהערען גלויבען אין דעם פרינציפ פון אייביגער רחמנות אין קאַטוילישען גלויבען"...

אין רוים האָט מען דערווייל ענערגיש געפיהרט די אַרבייט געגען דער אינקוויזיציע. איינער פון די סעקרעטאַרען פון דער אינקוויזיציע איז דאַמאָלס אַנטלאָפען קיין רוים פון פאָרטוגאַל, און דאָרט האָט ער ענטדעקט די שוידערהאַפטע מעשים פונ'ם בלוטיגען געריכט פון דער אינקוויזיציע. אויך דער ודוי־פאַטער פון רעגענט, וועלכער האָט געפיהרט מיט די אנוסים די אונטערהאַנדלונגען וועגען שטיצען די מלוכה מיט זייער געלד, כדי איינצונעהמען צוריק מזרח־אינדיען, האָט פון די אנוסים זיך דערוואוסט וועגען דער מורא'דיגער אכזריות פון די אינקוויזיציאָנס־געריכטען. מען האָט דעם פויפסט איבערגעגעבען וועגען אַלע שענדליכע מעשים פונ'ם געריכט, וועלכעס ווירקט אין זיין נאָמען, און אויך דעם פויפסט האָט עס אַ שוידער געטהון, דערהערענדיג, וואָס עס קומט פאָר אין די אינקוויזיציאָנס־קעלערס, וואו זיי האָבען זייערע תפיסות. ווי נור מען פלעגט וואַרפען אַ חשד אויף איינעם פון די אוראייניקלעך פון די אנוסים, אַז ער פוילט זיך מקיים צו זיין אַלע געבאָטען פון דער קאַטוילישער קירכע, פלעגט מען איהם באַלד אַוועקשלעפען אין תפיסה, וואו מען פלעגט איהם פייניגען מיט מורא'דיגע יסורים און דאָס מודה זיין אויף דאָס, וואָס מען האָט פון איהם פערלאַנגט, אונטער אַעלכע יסורים האָט מען געהאַלטען פאַר אַנ'אמת'ן בעוויז פון דער שולד און דעם אַנגעקלאַגטען פלעגט מען פערמשפּט'ן אָדער צו אייביגער שווערער אַרבייט אויף די שיפען, אָדער צו אייביגער תפיסה אונטער דער ערד, אָדער צום פערברענען. אין אַלע פאַלען פלעגט מען, נאַטירליך, דאָס פערמעגען פון אַנגעקלאַגטען קאָנפיסקירען. די עדות, וואָס פלעגען אַרויסטרעטען געגען די אַנגעקלאַגטע פלעגט מען סטראַשען מיט שרעקליכע שטראָפען אויף דער וועלט און אויף יענער, כדי זיי זאָלען עדות זאָגען אַזוי, ווי די ריכטער־אינקוויזיטאָרען האָבען פערלאַנגט. יענע אַנגעקלאַגטע וואָס פלעגען אַריבערטראָגען די מורא'דיגע יסורים און אין קיין זאַך נישט מודה זיין זיך, אַזוי אַז מען האָט זיי געמוזט פריישפּרעכען, פלעגט מען נאָך אויך אָבהאַלטען אַ לאַנגע צייט אין דער פינסטערער נאַסער תפיסה, כדי צו פיהרען זיי צום פייער־פּלאַץ צוזאַמען מיט יענע אונגליקליכע, וואָס מען פלעגט פיהרען פערברענען, און ערשט דאָרט פלעגט מען זיי בעפרייען. אַזוי אַרום פלעגט מען פערגרעסערען די יסורים אפילו אויך פון גאָר אַנ־

אונשולדיגען, כדי אנצושרעקען די אנוסים, ווי אויך כדי צו דערוויזען דעם המון, ווי גוט די קאטוילישע קירכע איז, ווען זי איז מוחל די זינד א פערברעכער און לאזט איהם ארויס פריי. ביי די ארעסטירטע אנוסים פלעגט מען באלד קאנפיסקירען דאס גאנצע פערמעגען, און זייערע פרויען און קינדער פלעגען מוזען געהען בעטלען.

דורך דער בעשרייבונג פון אלע דאזיגע און נאך פיעל אנדערע מערדערישע מעשים פון דער אינקוויזיציע האט דער יעזואיט אנטאניא פיאיירא מיט זיינע חברים בעוויזען ענדליך ארויסצורופען אין רוים א פיינדליכע שטימונג געגען דער אינקוויזיציע. ענדליך האט דער פויפסט קלעמענס X געשיקט א בעפעהל (ברעווע) קיין פארטוגאל, אז מען זאל די אנוסים ערלויבען צו שיקען זייערען אנ'אדוואקאט קיין רוים, כדי דארט אנצוגעבען און פערטיידיגען זייערע אנקלאגען געגען דער אינקוויזיציע. דער פויפסט האט געטהון נאך מעהר: ער האט (3-טען אקטאבער 1674) גאר אבגעשטעלט אויף דערווייל די טעטיגקייט פון די אינקוויזיציאנס-געריכטען אין פארטוגאל און פערבאטען זיי, צו פערמשפט'ן אנוסים צום טויט אדער צו שווערער ארבייט אויף די שיפען, ווי אויך צו קאנפיסקירען זייער פערמעגען, בעפעהלענדיג, אז מען זאל איבערשיקען די פראצעסען פון די אנוסים, וועלכע געפינען זיך אין די תפיסות פון דער פארטוגיזישער אינקוויזיציע, — קיין רוים צו דער גענעראל-אינקוויזיציאן. דער פויפסטליכער נונציוס (געזאנדטער־שליח) האט באלד פערעפענטליכט די דאזיגע פויפסטליכע בולא אין פארטוגאל; די יעזואיטען האבען פאר'ן מאמענט געהאט געוואונען זייער שפיעל. אבער די פארטוגיזישע אינקוויזיטארען האבען דערווייל אויפגערייצט דאס פאלק געגען די אנוסים. אין די גאסען פון ליסאבאן האט א גרויסער המון געמאכט א דעמאנסטראציע, אויסרופענדיג: „א טויט אלע אידען און אנוסים!" — ווען דער פויפסט האט דורך א צווייטער בולא אראבגעווארפען אלע פארטוגיעזישע אינקוויזיציאנס-ריכטער פון זייער שטעלע און בעפוילען זיי, אבצוגעבען זיין נונציוס די שליסלען פון זייערע תפיסות — האבען „די גליעדער זיך אבגעזאגט דעם קאפ צו געהארכען". די פארטוגיעזישע גלחים האבען לא די וואס נישט געוואלט פאלגען דעם פויפסט, זייער אויבערהאר; זיי האבען אפילו אויך געמסר'ט אויפ'ן פויפסט פאר'ן קעניג, אז דער פויפסט מישט זיך אין די אינערליכע פארטוגיעזישע ענינים און אנגעוויזען, אז אויב דער קעניג וועט געהארכען דעם פויפסט, וועט ער דאדורך פערקנעכטען זיין מלוכה צו א פרעמדער מאכט, און ער וועט אויך ברענגען דערצו, אז דער פויפסט זאל אויך ארויספאדערן אלע אנדערע פארטוגעזישע מלוכה-פראצעסען צו זיך קיין רוים.

אין שפאניען האבען די אינקוויזיטארען בעאבאכטעט מיט גרויס פערדרוס דאס אריינמישען זיך פונ'ם פויפסט אין די אינערליכע אינקוויזיציאנס-געריכטען, דען זיי האבען זיך געשראקען, אז דער פויפסט וועט

אויך ביי זיי פאָדערן די כתבים וועגן זייערע פראָצעסען. זיי האָבען דע־
ריבער בעשלאָסען דעמאָנסטראַטיוו צו דערוויזען דעם פויפסט, אז אין
שפאַניען שטעהט די אינקוויזיציע פעסט, בעזיצענדיג די סימפּאַטיע פון
פאָלק און פון קעניג, און מען דאַרף איהר דעריבער נישט אָנריהרען. צום
דאָזיגען ציעל האָבען זיי אויסגענוצט דעם שוואַכקעפּיגען קעניג קאַרל
II, וועלכען זיי האָבען איינגעשמועסט, אז ער איז מחויב איינצואָרדנען אַ
גרויסען יום־טוב לכבוד זיין יונגער פרוי, די פּלעמיעניצע פון לודוויג XIV;
קיין שענערער און בעסערער יום־טוב איז אָבער נישטאָ פאַר די שפּאַניער
ווי אַנ'אויטאָ דאַ פע, וואו מען זאָל פערברענען מאַסען אַפּיקורסים. דער
נאַרישער קעניג האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פּלאַן, אז מען זאָל לכבוד
זיין פרוי איינאָרדנען דאָס שוידערהאַפטע שוישפּיעל מיט מענשען־
קרבנות אין מאַדריד. דער פינף־אונצוואַנציגסטער גרויס־אינקוויזיטאָר
דיעגאָ דע קאַרמיענטאָ האָט דאַן אַרויסגעלאָזען אַ צירקולאַר
צו אַלע שפּאַנישע געריכטען פון דער אינקוויזיציע, אז מען זאָל צושיקען
קיין מאַדריד אַלע צום פערברענען פערמשפּטע אידען, כדי איינצואָרדנען
דעם אויטאָ דאַ פע מיט מעגליכסט מעהר מענשען־קרבנות. פיער וואָכען
פאַר'ן בעשטימטען טאָג האָט מען געלאָזט אויסרופען אין די גאַסען פון
מאַדריד דורך העראָלדען, אז אין דעם און דעם טאָג וועט פאָרקומען אַ
גרויסער אויטאָ דאַ פע. מען האָט געוואָלט נישט בלויז איינאָרדנען אַ
גרויסאַרטיגען שוישפּיעל פאַר די שפּאַניער, נור אויך אָנשרעקען דעם
פויפסט מיט זיינע קאַרדינאַלען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען זיך בעציהען
עטוואָס מענשליכער צו די אָנוסים און דערזעהען די אינקוויזיציע אין
איהר אמת ער געשטאַלט פון אַ בלוט־דורשטיגער און אַ רויבערישער אינ־
סטיטוציע, וועלכע איז מעהר געפעהרליך, איידער נוצליך פאַר דער רע־
ליגיאָן. זעכצעהן מייסטערס מיט זייערע געזעלען האָבען געאַרבייט פיער
וואָכען נאָכאַנאַנד אויפצובויען אויף אַנ'עפענטליכען פּלאַץ די עסטראַדען
און לאָזשעס פאַר'ן קעניגליכען הויף, פאַר די שרים, גלחים און גאַלעריעס
פאַר'ן פאָלק.

אַזאַ גרויסע צאָהל קרבנות פון דער אינקוויזיציע האָט מען אין
שפּאַניען שוין לאַנג נישט געהאַט געזעהען, ווי דאָס מאָל. הונדערט מיט
אַכצעהן פערזאָן פון פערשיעדענעם עלטער, מאַנזביל און פרויען! זיבציג
מענשען־קרבנות, אָדער נאָך מעהר האָבען געהאַט צוגעשיקט די פּראָווינץ־
געריכטען. פון פריהען מאָרגען האָט מען די דאָזיגע אונגליקליכע געלאָזט
פיהרען באָרפוס'ערהייד דורך די גאַסען צום אויטאָ דאַ פע, אָנגעטהון אין
קליידער פון בעלי תשובה מיט ליכט אין די הענד און בעגלייט פון גלחים
און מאָנאַכען פון אַלערליי אָרדענס, ווי אויך פון ריכטערס און פאַמיליאַ־
רען פון דער אינקוויזיציע מיט פונאַנדערגעלאָזטע פאָהנען און קרענץ,
וועלכע האָבען געזונגען הייליגע ליעדער לכבוד דער אמונה. פאַר דער
פּראָצעסיע זענען, לויט'ן אַלטען שפּאַנישען מנהג, געגאַנגען קוילען־ברע־

נער מיט שפּיצען און מען האָט געטראָגען צום פערברענען די בילדער פון די אַנטלאָפענע אידען, אָדער פון די פערשטאָרבענע; מען האָט אויך געפיהרט ארונות מיט מתים, וועגען וועלכע מען האָט זיך דערוואוסט נאָך זייער טויט, אַז זיי זענען געווען געהיימע אידען. דער שוואַכקעפּיגע קעניג קאַרל II מיט זיין יונגער פרוי, מאַריאַ לואיזע פון אָרלעאַן, הויפדאַמען, הויכע שרים, די העכערע און נידעריגערע פריצים — אַלע דאָזיגע לייט האָבען זיך פערזאַמעלט אויפ'ן שויפּלאַץ שוין פון פריהמאָרגען און זענען דאָרט פערבליבען, נישט אַכטענדיג אויף דער גרויסער היץ, ביז שפּעט אין אָווענד. ווער עס וואָלט פון די הויכע פערזאָנען נישט געקומען זעהען דאָס עקעלהאַפטע און שוידערליכע שוישפּיעל, וואָלט דאַדורך דערוועקט געגען זיך אַ חשד אין אפּיקורסות. דערזעהענדיג די אונגליקליכע קרבנות, האָט דאָס פאָלק אויסגערופען מיט התלהבות: „לעבען זאָל די אמונה!" — פּלוצלונג האָט זיך נישט ווייט פון דער קעניגין געלאָזט הערען אַ יאָמערליך געוויין פון אַ קוים זיבצעהן־יעהריגען מיידעל פון זעלטענער שענהייט, וועלכע איז אויך געווען צווישען די פערמשפּט'ע צום פערברענען. דאָס מיידעל האָט מיט אַ האַרצרייסענדער שטימע געבעטען זיך: „גרויסמוטיגע קעניגין! דערבאַרימט זיך אויף מיינע יונגע יאָהרען. ווי אַזוי קאָן איך זיך אָבזאָגען פון אַ רעליגיאָן, וועלכע איך האָב איינגעזויגען מיט דער מילך פון מיין מוטער'ס ברוסט!" — מאַריאַ לואיזע, וועלכע איז אַליין געווען נישט פיעל עלטער פאַר דער אונגליקליכער האָט אָבגעווישט אַ טרעהר, וואָס האָט זיך ביי איהר אַרויסגעגנב'עט פון די אויגען. דער גרויסאינקוויזיטאָר האָט אויך אויסגענוצט די דאָזיגע געלעגענהייט, צו דערמאָהנען דעם קעניג, אַז ער איז מחויב געטריי צו זיין דעם עוואַנגעליום און דעם הייליגען צלם. דער קעניג האָט, אויף דער פייערליכער דערמאָהנונג פון גרויסאינקוויזיטאָר, ערקלערט, אַז ער געדענקט עס גאַנץ גוט, און האָט דערביי געשוואָרען ביי זיין עהרע און זיין מלכות, שטענדיג צו פערפאָלגען די אפּיקורסים. דער גרויסער המון אַרום האָט געענטפערט „אמן" אויף דער דאָזיגער שבועה, און דאַן האָט דער קעניג מיט זיין אייגענער האַנד אָנגעצונדען דעם פלאַם פייער, אין וועלכען מען האָט געדאַרפט פערברענען אַכצעהן פערזאָן, וועלכע האָבען זיך פייערליך אָנערקענט פאַר אידען. צווישען זיי איז געווען אַ זעכציגיעהריגע אלמנה מיט איהרע צוויי טעכטער און אַ זעקס־אונדרייסיגיעהריגען איידעם, וועלכען מען האָט אָבגעהאַלטען אַכט יאָהר לאַנג אין דער שרעקליכער תפיסה אונטער דער ערד. נאָך צוויי פרויען זענען דאָרט געווען, פון וועלכע איינע איז אַלט געווען סך הכל דרייסיג יאָהר. אַלע איבריגע זענען על פי רוב געווען מענשען אין די בעסטע יאָהרען, צווישען 27 און 38 יאָהר אַלט, — אַלץ איינפאַכע מענשען: טאַבאַק־אַרבייטער, גאָלד־שמידען אָדער סוחרים. זיי אַלע זענען געשטאָרבען ווי די אמת'ע גבורים על קדוש השם. איינינע פון זיי זענען אַליין אין די פלאַמען אַריינ־

געשפּרונגען — „איך האָב נישט געהאַט דעם מוט צו זעהען, ווי מ'וועט אויספיהרען דעם שרעקליכען אורטייל אויף די אונגליקליכע אידען. דאָס איז געווען אַנ'אימה'דיג שוישפּיעל, ווי מען האָט מיר דערצעהלט. בעפרייט ווערען פון דער פליכט צו קומען צום אויטאָ דא פע האָט מען געקאָנט נאָר לויט א צייגניש פון א דאָקטאָר. די אכזריות, וועלכע איז ארויסגעוויזען געוואָרען ביי'ם פערברענען די אונגליקליכע, קאָן איך אייך גאָרנישט בעשרייבען" — אָט אזוי האָט בעריכטעט די מאַרקיזא דע ווילאר צו איהר מאַן וועגען דעם אויטאָ דאַפע; א צווייטע פראנצויזישע דאמע שרייבט אזוי: איך בין נישט געגאַנגען זעהען, ווי מען וועט דעם אורטייל אויספיהרען, איך האָב שוין געליטען אויך גענוג שמערצען, ווען איך האָב די פער'משפּט'ע געזעהען פיהרען צום טויט... מען דארף אָבער נישט גלויבען, אז אזא שרעקליכער ביישפּיעל וועט מיטווירקען צו מאַכען די אידען פאר געטרייע קריסטען. די אידען ווערען דאדורך ווייניג וואָס נתפּעל, און אין מאדריד זענען פאַרהאַן נישט ווייניג שרים, וועגען וועלכע מען ווייסט, אז זיי זענען געהיימע אידען. מען לאָזט זיי אָבער איבער אויף זייערע שטעלעס אלס פינאַנץ־בעאמטע". — פיער און פופציג פון די פער'משפּט'ע האָט מען אָבגעשיקט טיילוויז אויף אייביגע שווערע ארבייט אויף די שיפען, טיילוויז אויף פיער יאהר אָבצוקומען אין תּפיסה און אַנדערע — אויף אייביגע תּפיסה אין קעלערס אונטער דער ערד.

דאָס דאָזיגע גרויסע אויטאָ דא פע אין מאדריד (1680) האָט משמעות, געמאַכט א געוואַלדיגען רושם אין רוים. דער פּויפּסט איננאָצענץ XI האָט באלד נאָכדעם נאָכגעגעבען דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאל, בענוגענדיג זיך נאָר דערמיט, וואָס די אינקוויזיטאָרען זאָלען איהם בלויז לפנים בלייבען אונטערטעניג. די אכזריות פון דער אינקוויזיציע איז געבליבען די זעלביגע וואָס פריהער. מיט א יאָהר שפּעטער (10־טען מאַי 1682) האָט מען אין ליסאַבאָן ווידער פערברענט דריי אַנוסים על קדוש השם. צוויי פון זיי האָבען געהייסען מיט'ן זעלביגען נאָמען און פאמיליען־נאָמען גאַספּאַר לאָפּעץ פּערייראָ (אַהרן הכהן און אַברהם, אלס אידען) און דער דריטער איז געווען דער געלעהרטער יצחק ענריקאָ דע פּאָנסעקאָ. — דורכ'ן שטענדיגען פערברענען און רודפ'ן די רייכע אַנוסים, וועלכע זענען דערפאַר ביסלעכוויז אַנטלאָפען פון פּאָרטוגאל, איז די מלוכה זעהר פעראָרעמט געוואָרען. א יאָהר פופציג שפּעטער האָט איין מלוכה־מאַן ערקלערט דעם פּאָרטוגעזישען קרוינפּרינץ: „ווען אייער האָהייט וועט קעניג ווערען, וועט איהר געפינען פיעל דערפער און שטעדטלעך, וואָס שטעהען וויסט און לעדיג פון מענשען; אפילו די שטעדט לאַמעגאָ, גוארדאַ און בראַגאַנצאַ זענען געבליבען אָהן מענשען. און אויב איהר וועט פרעגען, ווי אזוי די דאָזיגע בליהענדע ערטער זענען חרוב געוואָרען און זייערע פאבריקען פערניכטעט, וועלען זיך געפינען גאנץ ווייניג מענשען, וועלכע וועלען זיך דערוועגען אייך צו

זאגען דעם אמות, אז שולדיג איז אינ'ם אונגליק די אינקוויזיציע, וועלכע
האט דורך איהרע אכזריות געבראכט דערצו, אז פיעל זאלען מוזען אנט-
לויפען פון אונזער לאנד, כדי צו ראטעווען זייער לעבען און פערמעגען
און פיעל האט זי אליין אומגעבראכט אין איהרע תפיסות און דורך די
פלאמען פייער".

אין אנדערע לענדער אויסער שפאניען האבען די קריסטליכע סוחרים
גענומען אויף זיך די ראליע פון די דאמיניקאנישע גלחים געגען די אידען,
כדי פטור צו ווערען פון דער אידישער קאנקורענץ, האבען זיי אויסגענוצט,
אדער אויך אליין אויסגעטראכט אלערליי בלבולים אויף אידען, א שטוי-
נער, אז די אידען גנב'ענען קריסטליכע קינדער צו פערקויפען זיי אדער
צו פערנוצען זייער בלוט אויף פסח. נישט קיין צופאל איז עס געווען,
וואס אין איינער און דער זעלביגער צייט האבען זיך דערוועקט אזעלכע
בלבולים געגען אידען אין מעץ, בערלין און פאדוא. דאס איז געווען א
שלעכטער סימפטאם פאר יענער צייט.— א שווערע צייט האט דאמאלס
איבערגעלעבט די אידישע קהלה אין פאדוא. די מאטעריעלע לאגע פון די
אידען אין דער דארטיגער גהעטא איז געווען נישט קיין שלעכטע, און אט
האבען די קריסטען זיי מקנא געווען און געוואלט פאר יעדען פאל אונ-
טערגראבען זייער לאגע דורך פערשידענע בלבולים. לסוף האבען זיי אנ-
געהויבען בעשולדיגען די אידען, אז זיי סימפאטיזירען מיט טערקיי, וועל-
בע האט דאמאלס געפיהרט מלחמה געגען די קריסטליכע פעלקער און איז
געווען צוגעטראטען צו ווין. מען האט אפילו אויך פערשפריים קלאנגען,
אז די אידען זענען זיך נוקם אן די געפאנגען גענומענע קריסטען; זיי שינ-
דען פון זיי אראב די הויט לעבעדיגערהייט און שניידען אויף שטיקער א.
א. וו. די דאזיגע אגיטאציע געגען די אידען האט געהאט איהר ווירקונג.
אום תשעה באב (1684), ווען די פאדוא'ער אידען האבען זיך פערזאמעלט
אין שוהל קינות זאגען, האבען די קריסטען פערשפרייט א קלאנג, אז די
אידען האבען זיך פערזאמעלט מתפלל זיין פאר טערקיי, אז זי זאל האבען
א נצחון איבער די קריסטען. באלד האט זיך דער המון אריינגעריסען אין
גהעטא, כדי אויסצוהרג'ענען אלע אידען. תחלת האבען די שטאדט-בע-
אמטע זיך געהאט אנגענומען פאר די אידען און צוטריבען דעם המון.
אבער ווען איין קריסטין האט געמאכט א געשריי, אז די אידען האבען
ביי איהר גע'גנב'עט א קינד, וועלכעס זיי האבען גע'שחט'ן און פערברענט,
האבען זיך אויך די אנגעזעהענסטע קריסטען פעראייניגט מיט'ן המון, און
אלע צוזאמען האבען זיי געמאכט דעם אנפאל אויף דער גהעטא, אונ-
טערצינדענדיג די הייזער און שלאגענדיג די אידען מיט געוועהר אין די
הענד. דער אנפאל האט זיך געקענט ענדיגען פאר די אידען זעהר שלעכט,
ווען עס וואלט נישט געלונגען דאמאלס דעם פרעזידענט פון דער שטאדט
אבצושטויסען די אנפאלער. באלד איז אויך ערהאלטען געווארען א בע-
פעהל פונ'ם דאזש (פרעזידענט) פון דער ווענעציאנישער רעפובליק, צו

וועלכער פּאדוא האָט דאמאָלס געהערט; דער דאָזש האָט שטרענג בע־
פוילען, צו פערטיידיגען די אידען, און אַזוי אַרום איז עס געלונגען פֿו־
נאנדערצוטרייבען דעם המון. נאָכ'ן דאָזיגען אָנפאַל האָט מען חדשים
לאנג געמוזט האַלטען בעוואָפענטע שומרים ביי די טויערן פון דער געט־
טאָ, כדי נישט צו דערלאָזען דעם המון אַריינצורייסען זיך אהין, און די
אידען האָבען מורא געהאַט אַרויסצוגעהן פון געטאָ, וויל דער המון
פלעגט באלד אויף זיי אָנפאלען. — אין אזא אימה האָבען אויך געלעבט
די אידען פון דער גאנצער סביבה.

אָבער אויב די רדיפות און אָנפאלען, גזרות און גירושים, פאַלשע
ב׳בולים און געשלעגען האָבען אין יענער צייט נאָך נישט אויפגעהערט
אויף אידען, האָט זיך דאָך פערקלענערט זייער צאָהל, ווי אויך דער מאָס־
שטאָב, אזא גינסטיגע ערשיינונג האָט געשטאַמט פונ'ם אויסבעסערן פון
די מדות אין דער אייראָפּעאישער שטאָדטישער בעפעלקערונג, ווי אויך
דערפון וואָס עס האָט זיך פערשטאַרקט דער אבשיי פאַר'ן אידישען פאָלק,
וועלכעס האָט, איבערלעבענדיג אַזוי פיעל רדיפות און ענוים, זיך נאָך
אלץ געהאַלטען געטריי ביי זיין אַלטער רעליגיאָן און איז נישט אונטער־
געגאַנגען צווישען די אייראָפּעאישע פעלקער. געבילדעטע קריסטען, קאַטוי־
לען און פּראָטעסטאַנטען, מענשען וועלכע האָבען זיך נור עטוואָס אויס־
געניכטערט פון דער שכרות פון פאַנאַטיזם, זענען געוואָרען שטאַרקע
בעוואונדערער פון אידישען פאָלק. ווי אַזוי האָט אַט דאָס פאָלק נאָך
געלעבט נאָך די גרויסע רדיפות, וואָס מען האָט געמאַכט אויף איהם,
נאָך די פיעל בלוטיגע אָנפאלען, ווען מען האָט איהם מיט די פיס גע־
טרעטען, ווי אַ גיפטיגע שלאַנג, אָדער געיאָגט און פערפאָלגט, ווי אַ וויל־
דע חיה, — אַ פאָלק אָהן אַ פאָטערלאַנד, אָהן אַ בעשיצער, וועלכע אַלע
פעלקער האָבען געשלאָגען און גערודפט — אַזאַ פאָלק עקזיסטירט נאָך!
אָבער נישט בלויז עקזיסטירט, עס האָט נאָך אויך זיין אחדות
און איז נאָך שטאָלץ אפילו אין זיין גרויסער שפלות, נאָך צו־שטאָלץ, צו
וועלען זיך פערמישען מיט אַנדערע פעלקער — ווי אַזוי איז אַזאַ וואונ־
דער פאָרגעקומען? קריסטליכע שריפטשטעלער האָבען אָנגעהויבען אַרויס־
טרעטען אַלץ מעהר אַלס אידישע פערטיידיגער, פאָדערנדיג, אַז מען זאָל
די אידען בעהאַנדלען מלדער, כדי דאָס דאָזיגע וועלט־וואונדער נישט צו
פערניכטען, אָדער, לפּחות, נישט צו ערנידעריגען און פערענדערן זיין גע־
שטאַלט. אַנדערע קריסטליכע שריפטשטעלער זענען געגאַנגען נאָך ווייטער
אין זייער התלהבות פאַר די אידען. דער הוגענאָטישער דרשן פיער
יוריע אין ראָטערדאַם האָט אָנגעשריבען אַ בוך (1685): „די ערפי־
לונג פון די אידישע נבואות“, אַז גאָט האָט זיך אויסער־
וועהלט דאָס דאָזיגע פאָלק, כדי צו דערווייזען נאָך פיעל גרעסערע
מופתים. דער אמת'ער שונא פון קריסטענטום (דער „אַנטיקריסט“) איז די
אַכזריות'דיגע רדיפות פון די אידען. — דער דענעמאַרקער שריפטשטע־

לער אָליגיער, פּאַאולי האָט אָנגעהויבען פּראָפּאַגאַנדירען די אי־דעע, אַז מען דאַרף די אידען אָבגעבען צוריק ארץ ישראל און העלפען זיי זיך דאָרט איינאָרדנען. ער איז אַזוי שטאַרק געווען א פריינד פון די אי־דען, אַז ער האָט אויסגעגעבען מיליאָנען פאַר זיין פאַנטאַזיע, אָבצופיהרען די אידען צוריק אין ארץ ישראל, און געשיקט בריעף צום ענגלישען קעניג ווילהעלם III און צום פראַנצויזישען קרוינפּרינץ געשריבען על פּי קבלה און מיסטיק. דעם פראַנצויזישען קרוינפּרינץ האָט ער ערקלערט, אַז נור דורך אַזאַ טהאַט קאָן די פראַנצויזישע קרוין געפונען א כפרה פאַר איהר בלוט־פערגיסען אין דער באַרטהאָלאָמייאוס־נאַכט (1572). נאָך ווייטער איז געגאַנגען אין זיין התלהבות פאַר'ן אידישען פאָלק און פאַר'ן יודענטום יאָהאַנעס פעטרוס שפּעעט, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַן־אַלט־קאַטוילישער משפחה. נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעשריבען א בוך לכבוד דעם קאַטוילישען גלויבען, איז ער צוגעשטאַנען צו די סאָציניאַנער און מענאָניטען (סעקטעס, וועלכע לייקענען אָב אין פערשידענע יסודות פון דער קריסטליכער אמונה), און לסוף איז ער געקומען קיין אַמשטער־דאַם, וואו ער האָט זיך געלאָזט מל'ה און מגייר זיין, אָננעהמענדיג דעם נאָמען משה גערמאַנוס (געשטאָרבען 17־טען אַפּריל 1702). ווי ער האָט אַליין דערצעהלט, האָבען איהם צוגעפיהרט צום יודענטום דוקא די שטענדיגע בלבולים, בעזונדערס, די ליגנערישע בלוט־בלבולים, וואָס מען מאַכט אויף אידען. „נאָך עד היום קומען פאָר אַזעלכע שענדליכע בלבולים אין פוילען און אין דייטשלאַנד און, דערצעהלענדיג וועגען אַזעל־כע נאַרישע בלבולים בפרטיות, זינגט מען אויך וועגען דעם לידער אויף די גאַסען, ווי אַזוי די אידען האָבען א קריסטליך קינד ערמאָרדעט און זיין בלוט אין פעדערן איינגעזאַפּט און פונאַנדערגעשיקט צו די קהלות, בדי נישט אַנטייל צו נעהמען אין אַזעלכע מערדערישע בלבולים געגען אונשולדיגע מענשען, האָב איך בעשלאָסען צו ווערען א איד“. משה גער־מאַנוס איז נאָך זיין מגייר זיין זיך געוואָרען א פערביסענער פיינד פון קריסטענטום. איבריגענס, ער איז נישט געווען דער איינציגער קריסט, וועלכער האָט אין יענער צייט זיך מגייר געווען און בעגאַנגען אויף זיך די שווערע אָפּעראַציע פון מל'ה זיין זיך. אין אַמשטערדאַם האָבען דאַ־מאָלס כמעט אין איין צייט זיך מגייר געווען דריי קריסטען, וואָס צווי־שען זיי איז געווען איינער א סטודענט פון דער פּראָגער אוניווערזיטעט.

כמעט נאָך מעהר, ווי דאָס וואָס די קריסטען האָבען אָנגעהויבען שפּי־רען די אמת'ע גרויסקייט פון פאַרצייטיגען אידישען פאָלק, האָט צוגעצוי־גען צו זיך די געלעהרנטע קריסטען די רייכע אידישע ליטעראַטור; מען האָט אָנגעהויבען סימפּאַטיזירען מיט'ן פאָלק, וואָס האָט בעשאַפען אַזעל־כע רייכע גייסטיגע אוצרות. אין ענדע פון זיבצעהנטען יאָהרהונדערט האָט מען די העברעאישע שפּראַך ליטעראַטור אָנגעהויבען לערנען צווישען די קריסטען נאָך מעהר, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין אָנפאַנג פונ'ם זעכציגען

יאָהרהונדערט. מען האָט אָנגעהויבען פלייסיג זיך בעקענען מיט דער רבנישער ליטעראַטור און איבערזעצען זי אין לאַטיינישע אָדער אין די מאָדערנע אייראָפּעאישע שפּראַכען. די „לומדות אין העברעאיש“ איז שוין איצט נישט געווען, ווי פריהער, בלויז א השלמה, א ציערונג; דאָס איז געוואָרען א נויטווענדיגער עלעמענט פון יעדער הומאַנער ווּיסענשאַפט און בילדונג. פאַר א קאַטוילישען אָדער א פּראָטעסטאַנטישען טהעאָלאָג איז עס געווען א חרפה, צו זיין אונוויסענד אין דער רבנישער ליטעראַטור, און די אונוויסענדע האָבען זיך געקאָנט פערטיידיגען אין זייער אונוויסענהייט נור דאדורך, וואָס זיי האָבען געזידעלט די קריסטליכע לומדים מיט'ן נאָמען „האלב־רבנים“. איין גוטמוטיגער, אָבער שווערקעפּיגער קריסטליכער שריפטשטעלער פון יענער צייט (יאָהאַן געאָרג וואַרטער) האָט ביטערליך געזיפצט, זעהענדיג, ווי קריסטען לערנען אידיש: „ווען די, וועלכע רופען זיך קריסטען, זאָלען נור אמאל שוין אויפהערען צו לערנען מיט אזא חשק די אידישע רעליגיאָן, צום גרויסען שאָדען און פערדערבען פון קריסטענטום! פונקט, ווי די „אביונים“ אין ערשטען יאָהרהונדערט, בעמיהען זיי זיך אלץ איבערצונעהמען ביי די אידען“.

זעהר פיעל האָט מיטגעווירקט ביי דער הויכאַכטונג פאַר די אידען און דער אידישער ליטעראַטור דער ערשטער ביבעל־קריטיקער, דער פאַטער ריש אַר סימאָן (Richard) פון דער קאָנגרעגאַציאָן דע־זאָראַטואַר (Kongregation des oratoire) אין פאַריז. לעגענדיג דער ערשטער דעם פונדאַמענט צו א ווּיסענשאַפטליכען, פילאָלאָגישען שטודיום פון תנ"ך און פון עוואַנגעליום, האָט ער מיט גרויסער עמקות זיך בעקענט מיט דער אידישער ליטעראַטור, אויסנוצענדיג איהר צו זיין צוועק. רישאַר סימאָן איז געווען א טיעפדענקענדער קאָפּ מיט א שאַרפען פערשטאַנד, וועלכער איז געגען זיין ווילען אַרויסגעטרעטען וויית איבער'ן קאַטוילישען גלויבען. די ביבליש־קריטישע בעמערקונגען פון שפּינאָזא האָבען איהם דערוועקט צו מאַכען גרינדליכע פאָרשונגען. מיט עקעל האָט רישאַר סימאָן זיך בעצויגען צו דער קנעכטישער צוגעבונדענקייט צו דער ערקלערונג פון תנ"ך פון די פּראָטעסטאַנטען. ער האָט דעריבער אונטערגענומען צו דערווייזען, אז די גאַנצע לומדות פון די פּראָטעסטאַנטען, וועלכע האָבען אזוי שטאַרק שטאָלצירט געגען די אידען און קאַטוילען מיט זייער לומדות און תנ"ך איז: א פּוסטע נאַרישקייט און אַנ'אונוויסענדער טעות. „איהר פּראָטעסטאַנטען — האָט רישאַר סימאָן אויסגערופען — קעמפט געגען דער קאַטוילישער „תורה שבעל פה“ (איבערליפערונג) און ברענגט ראיות פונ'ם טרוקענעם וואָרט פון תנ"ך; איך וועל צונעהמען ביי אייך אָט דעם פעסטען באָדען און איהר וועט בלייבען הענגען אין דער לופטען מיט אייער כלומרשטער תורה!“ רישאַר סימאָן איז געווען דער וועגווייזער פאַר די שפּעטערדיגע קריטיקער ר יי מ אַ ר ו ס און ד ו ד ש ט ר ו י ס. די קאַטוילען האָבען מיט גרויס פרייד אַפּלאָדירט רישאַרד

סימאָנ'ס אַרויסטריט געגען די פּראָטעסטאַנטען, נישט שפּירענדיג, אַז זיי ווארימען אַ שלאַנג אין זייער בוזעם, ווייל סימאָנ'ס חקירות האָבען זיך אונטערגעגראָבען אונטער דעם קאַטוילישען גלויבען. זיינע שריפטען האָט רישאַר סימאָן מחבר געווען נישט, ווי מען פלעגט עס דאַמאָלס טהון, אין לאַטייניש, נור אין אַ שענער מאָדערנער פראַנצויזישער שפּראַך, און דע-ריבער האָבען זיי געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען רושם. אַלע געבילדעטע קלאַ-סען, אפילו אויך די דאַמען האָבען זיי פלייסיג געלייענט. דאַדורך האָט ער די רבנישע ליטעראַטור אַריינגעפיהרט אין דער געבילדעטער אייראָ-פּעאישער געזעלשאַפט פיעל מעהר, ווי פריהער רייכלין, שקאַלי-גער אין די ביידע בוקסטארף פאָטער און זוהן, וועלכע האָבען אַלע געשריבען אין לאַטייניש. כדי זיך אַליין גוט צו בעקענען מיט דער רייכער רבנישער ליטעראַטור, האָט רישאַר סימאָן געמוזט, ווי פריהער רייכלין, זיך בעקענען און בעפריינדען מיט די אידען; ביי דער דאָזיגער בעקאַנטשאַפט האָט ער פערלוירען אַ טייל פון זיין אבערגלויבען געגען די אידען, וועלכער איז דאַמאָלס געווען נאָך זעהר שטאַרק אין פראַנק-רייך. רישאַר סימאָן איז גאַנץ ווייט געווען פון יענער פוסטער גדלות פון פיעל קריסטען, וועלכע מיינען אַז דאָס קריסטענטום שטעהט לאין ערך העכער פאַר'ן יודענטום און ער איז גרונדליך פערשיעדען פון איהם. ער האָט פיעל מעהר געהאַט דעם מוט אַרויסצוזאָגען, אַז דאָס קריסטענ-טום איז נישט בלויז ענטשטאַנען פון יודענטום, נור ער האָט זיך אויס-געבילדעט לויט זיין אינהאַלט און פאָרם נאָכ'ן מוסטער פון יודענטום און מוז מיט דער צייט צו איהם ווידער ווערען עהנליך. „ווייל די קריסט-ליכע רעליגיאָן — האָט סימאָן ערקלערט — איז ענטשטאַנען פון יודענ-טום, קאָן מען איהר ערקלערען נור אין בעציהונג צום יודענטום. אויך שטאַמען אַ טייל פון אונזערע צערעמאָניען נור פון די אידען“. — רישאַרד סימאָן האָט זיך אַרויסגעזאָגט מיט פערדרוס געגען דעם פריהערדיגען אידישען גירוש פון פראַנקרייך, וועהרענד די אידען אין פראַנקרייך זענען אַזוי געלערנט געווען, אַז פּאַריז איז געווען פאַר זיי אַ נייע אַטהען (די הויפּט-שטאָדט פון גריכענלאַנד, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהרע פילאָזאָפען). ער האָט אויך פערטיידיגט די אידען געגען דער בעשולדיגונג, אַז זיי האָבען פיינד די קריסטען, ווען אין מעץ איז ענט-שטאַנען אַ'עלילת-דם, אָדער ביי אַנדערע געלעגענהייטען איז רישאַר סי-מאָן שטענדיג אַרויסגעטרעטען אַלס אידישער פערטיידיגער. זיין שענע פראַנצויזישע שפּראַך האָבען איהם זעהר בעליעבט געמאַכט ביי דער פראַנצויזישער געבילדעטער געזעלשאַפט און ער האָט דעריבער פיעל מיטגעווירקט צו פערטרייבען פיעל אבערגלויבען און שנאה צו אידען און אפילו אויך צו געווינען נייע פריינד פאַר'ן יודענטום און פאַר די אידען. די אָפיציעלע קאַטוילישע וועלט איז, נאַטירליך, דערמיט ווענ יג וואָס געווען צופרידען און אונטער איהר שווערען איינפלוס האָט ער גע-

מוזט ווערען איינגעהאלטענער אין זיין לויבען אידען. ליעבענדיג די רו־הינקייט, האט ער לסוף אויך אפילו צוליעב מורא פאר רדיפות מצד דער גלחישער וועלט, געמוזט ערקלערען, אז ער האט געהאט א טעות אין די אידען און זיי זענען בכלל נישט ווערט, אז מען זאל זיי ליעב האבען.

ניט איז עס נישט א וואונדערליכע ערשיינונג, וואס בשעת די קריסט־ליכע געבילדעטע קרייזען האבען אין דער אידישער ליטעראטור געזוכט די קוואלען פון דער העכסטער חכמה און האבען זיך בעשעפטיגט מיט'ן גרעסטען דרך ארץ און הויכאכטונג אפילו אויך מיט דער קבלה און אין דערזעלבער צייט האבען זיי געהאלטען פאר פעהיג די אידען צו טהון די גרעסטע פערברעכענס. אלע שענדליכע און נארישע בלבולים, וועלכע מען פלעגט פריהער מאכען אויף די אידען צוליעב אונוויסענהייט און אבער־גלויבען און שפעטער פלעגט מען עס איבערחזר'ן מיט א שלעכטער כונה צו טהון אידען שאדען — אט די אלע בלבולים האבען איצט איבערגע־חזר'ט דוקא געבילדעטע קריסטען. אפריזישער פראטעסטאנט, גלח און דאקטאר, יאקאב געזיוס, האט פערעפענטליכט צוויי פיינדליכע בראשורען געגען די אידען: „ענן און כופאס, וועלכע זענען אנטלאפען פון גיהנם“ און „מענשען־קרבנות“, וואו ער שטעלט צוזאמען אלערליי בלבולים און שקרים, וועלכע מען האט נאך א מאל אויסגעטראכט אויף אידען פון דער צייט פון די אלטע שריפטשטע־לער־אידענפרעסער אפיאן און טאציטוס ביז דער נייער צייט, ווען דער פראנציסקאנער מאנאך בערנארד פון פעלטרע האט אויסגעטראכט דעם שקר וועגען דעם הייליגען קינד סימאן פון טריענט. אבער איצט האבען שוין די אידען נישט געמוזט דוקא שווייגען און ליידען, ווען מען האט אויף זיי פאלשע בלבולים געמאכט, נור זיי האבען געקאנט די בלבולים אבלייקענען. א האלענדישער געבילדעטער און בע־רעדעווידיגער איד, יצחק וויוואַ, האט מחבר געווען א געלונגענעם ענטפער געגען יאקאב געזיוס, א ביכעל מיט'ן נאמען „דער בלוט־נקמה־נעהמער“. צוויי פונקטען בעטאנט יצחק וויווא אין זיין ווערק: ערשטענס, אז נאך נישט קיין איינציגער בלוט־בלבול איז ריכטיג דערוויזען געווארען און, צווייטענס, אז אין די ערשטע יאהרהונדערט פון קריסטענטום פלע־גען די געצענדיענער בעשולדיגען די קריסטען אינ'ם זעלביגען פערברעכען.

אויך רבי יצחק קארדאזא אין ווערנאַ, דער ברודער פונ'ם שבתיאנישען שווינדלער אברהם מיגואל קארדאזא איז ארויסגעטראטען אין דער צייט מיט א ווערק צו פערטיידיגען די אידען און דאס יודענטום געגען פערשידענע בעשולדיגונגען, אבער ער האט פערשטאנען צו געבען זיין ווערק זעהר אנ'אנציהענדע פארם: „די שענע מעלות פון אידישען פאלק“ האט ער ארויסגעשטעלט און געשילדערט אזוי בולט, אז די בע־שולדיגונגען זענען ממילא בטל געווארען. „דאס פאלק ישראל איז פאקטיש דאס פון גאט אויסערוועהלטע פאלק, כדי צו דיענען איהם; עס איז א

לעבעדיגער עדות פון גאָטעס אחדות און דעריבער איז עס אַבגעשיידעט פון די פעלקער דורך פערשידענע אייגענאַרטיגע געזעצען. דריי מדות זענען געוואָרען ביי אידען אַ צווייטע נאַטור: רחמנות, צדקה און צניעות. עס היט אַב געטריי זיין רעליגיאָן, וועלכע גאָט האָט איהם ענטפּלעקט און זיינע אבות האָבען איהם איבערגעגעבען פון דור צו דור, נישט ודרך פילאָזאָפישע אויבערחכמות, וועלכע זענען פאַר איהם איינגאַנצען איבריג. די חכמים פון די פרעמדע פעלקער בעוואונדערן דעריבער די אידישע פעסטקייט און עקשנות. דאָס אידישע פאָלק איז אַליין זוכה געווען צו נבואה. און אָט דאָס פון גאָט געליעבטע, אויסערוועהלטע פאָלק, וואָס איז בעגאַבט מיט אַזעלכע זעלטענע אייגענשאַפטען און בעשאָנקען מיט בעזונדערער גנאַד פון גאָט, ווערט שטענדיג בעגאָסען מיט חרפות און זלזולים און מען טראַכט אויף איהם אוים אַלערליי בלבולים, טיילמאָל לעכערליכע, טיילמאָל שוידערהאַפטע, אַ שטייגער: אַז די אידען האָבען אַ שלעכטען ריח, אַז זיי האָבען אַ רעגעלמעסיגען בלוט־פלוס, ווי פרויען, אַז זיי פערשילטען אַנדערע פעלקער אין זייערע תפלות, אַז זיי זענען אכזרים און אָהן מיטגעפיהל פאַר אַנדערע פעלקער, אַז זיי האָבען געפעלשט זייער אייגענעם תנ"ך, צוליעב שנאה נעגען דעם קריסטענטום און, ענדליך גאַר, אַז זיי שחט'ן קריסטליכע קינדער, כדי צו פערנוצען זייער בלוט"... די פאַלשקייט פון אַלע דאָזיגע בעשולדיגונגען דערוויזט רבי יצחק קאַרדאָזאָ אויפ'ן סמך פון געשיכטליכע דאָקומענטען. — אַלס צייכען פון דער נייער צייט דאַרף אויך דערמאָהנט ווערען, אַז פירשטען, וועלכע האָבען דאַמאָלס אַרויסגעוויזען חסדים פאַר די אידען שוין נישט בלויז, צוליעב זייער אייגענעם נוצען. נור צוליעב זייערע בעסערע געפיהלען און שענער אויפקלערונג, האָבען אויך אָנגעהויבען אינטערעסירען זיך מיט דער העברעאישער ליטעראַטור, אַנערקענענדיג על כל פנים. אַז פיעל בלבולים און אַבערגלויבענס געגען די אידען האָבען נישט קיין גרונד. דער פירשט כריסטיאַן אויגוסט פון פפאַלץ שולדבאַך, וועלכער האָט מיט ליעבשאַפט זיך בעשעפטיגט מיט דער העברעאישער ליטעראַטור און אַפילו אויך מיט דער קבלה (משמעות. דער מיסטיקער קנאָר פאָן ראָזענראָט האָט איהם מיט איהר בעקענט געמאַכט), האָט מתרה געווען אין זיין מדינה, בשעת מען האָט צוויי מאָל געמאַכט עלילת־דם אויף אידען (1682—1692). אַז ווער עס וועט מאַכען אַזעלכע פאַלשע בלבולים אויף אידען, וועט שטרענג בעשטראָפט ווערען. אויך אַזוי וועלען בעשטראָפט ווערען די, וואָס וועלען אַזעלכע פאַלשע קלאַנגען פערשפרייטען וועגען אידען אָדער רעדען וועגען זיי; בפרט אַבער האָט ער שטרענג פערבאָטען אַנצופאַלען אויף אידען צוליב אַזעלכע פאַלשע בלבולים.

די אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס האָבען אַרויסגעוויזען די קריסטליכע געלעהרנטע און פירשטען פאַר די אידען און דער אידישער ליטעראַ־

מור, האָט אָפט געבראַכט צו גאַנץ לעכערליכע ערשיינונגען. אינם פאַנאַטיש פראָטעסטאַנטישען לאַנד שוועדען האָט קיין איד נישט געטאָרט וואוינען, אָבער אויך די קאַטאָליקען איז דאָרט פערבאָטען געווען צו זיין. און פונדעסטוועגען האָט דער שוועדישער קעניג, קאַרל XI, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די אידען און נאָך מעהר מיט קאַראַאימען. איהם האָט נעמליך אינטערעסירט די פראַגע, אויב עס וואָלט אפשר לייכט געווען אָבצושמד'ן די קאַראַימען, וועלכע זענען נישט געווען אַזוי צוגעבונדען צום יודענטום דורך דעם תלמוד, ווי די רבנישע אידען. ער האָט דעריבער געשיקט איינעם פון זיינע מלומדים אין העברעאיש, דעם פראָפעסאָר פון אופסאַלאַ, גוסטאַוו פערינגער פון ליליענבלאַד, קיין פוילען (1690) כדי דאָרט צו בעקענען זיך מיט די קאַראַאימען, מיט זייער לעבענסשטייגער, מנהגים און בעזונדערס, מיט זייערע ספרים. פערינגער האָט מיט זיך גענומען רעקאָמענדאַציאָנס־בריעף צום קעניג פון פוילען און איז אָבגעפאָהרען קיין ליטאָ, וואו עס זענען געווען איניגע קליינע קאַראַאימישע קהלות. אָבער די פוילישע אָדער ליטווישע קאַראימען זענען דאמאלס נאך געווען עלענדער ווי זייערע ברידער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, קרים, אָדער מצרים. דורך די הריגות מצד די קאָזאַקען איז זייער צאָהל געוואָרען זעהר קליין און זייער ליטעראַטור צושטריט. עס זענען געווען צווישען זיי זעהר וועניג מענשען, וועלכע האָבען געוואוסט עטוואָס וועגען זייער אָבשטאַמונג, ווי אויך וועגען דער געשיכטע פון זייער סעקטע; געווי האָט עס צווישען זיי קיינער נישט געוואוסט. גראָד אין יענער צייט האָט דער פוילישער קעניג יאַן סאָביעסקי איינגעלאַדען (מען ווייס נישט, צוליעב וועלכער סבה) דורך זיין בעליעבטען קאַראַאימישען דיכטער אברהם בן שמואל פון טראָק פיעל קאַראַאימען, אַז זיי זאָלען זיך בעזעצען אין פערשידענע שטעדט אין פוילען און ליטאָ פון זייערע הויפּט־ערטער טראָק, לוצק און האַליץ. די קאַראַאימען האָבען זיך דעריבער צושפּרייט נאָך מעהר אין די קליינע שטעדטלעך פון זאַמוט. לעבענדיג אַזוי אַרום אָבגעשיעדעט פון זייערע גרעסערע קהלות, אויסמיידענדיג דאָס צוזאַמענקומען זיך מיט די רבנישע אידען און בעגעגענענדיג זיך תמיד נור מיט די פוילישע אונוויסענדע פויערן, זענען די קאַראַאימען אין פוילען אליין אויך געוואָרען זעהר אונוויסענד. צווישען די קאַראַאימען און די רבנישע אידען איז דער אונטערשיד דאַדורך געוואָרען בעזונדערס גרויס און אויפפאַלענד. די קאַראַאימען האָבען נישט געהאַט יענע שאַרפזיניגקייט און ענטוויקעלטקייט אין דער רעליגיאָן, מיט וועלכער עס האָבען זיך אויסגעצייכענט אַזוי שטאַרק די רבנישע אידען אין פוילען; דאַגעגען האָבען די רבנישע אידען נישט געהאַט יענע פשוטע איינפאַכע מדות, מיט וועלכע עס האָבען זיך אויסגעצייכענט די קאַראַאימען. —

אַ פּאָר יאָהר שפּעטער האָבען צוויי שוועדישע געלעהרנטע, משמעות, ווידער לויט'ן פאָרשלאַג פון קעניג קאַרל XI, געמאַכט פון דאָס ניי

צוליעב דעם זעלביגען צוועק. א רייזע אין דער ליטאַ. דערביי האָבען זיי געמאַכט אַ פריינדליכען פאָרשלאַג די קאַראַאימען צו קומען קיין שוועדען, כדי אַליין צו ערקלערען דאָרט וועגען זייער אמונה. איין יונגער קאַראַאים, שמואל בן אהרן, וועלכער האָט געהאַט אַ שטיקעל ידיעה אין לאַטיין, האָט זיך בעשלאָסען צו קומען קיין ריגאַ, כדי צו האָבען דאָרט אַנ'אונטערערדונג וועגען דער זאַך מיט'ן קעניגליכען בעאַמטען יאָהאַן פופענדאָרף. אָבער נישט האָבענדיג מיט זיך קיין ספרים און וויסענד אַליין זעהר ווייניג וועגען דער געשיכטע פון דער קאַראַאימישער סעקטע, האָט שמואל געקאָנט געבען נור זעהר קנאַפּע ידיעות דעם בעאַמטען. אויך פון אַנ'אַנדער זייט האָט מען שטאַרק אָנגעהויבען נאָכפאָרשען וועגען די קאַראַאימען. איין פּראָפעסאָר פון לייַדענער אוניווערזיטעט יאַקאָב טריגלאַנד, וועלכער האָט געהאַט אַ היבשע ידיעה אין העברעאיש, האָט געוואָלט שרייבען וועגען די אַלטע אידישע סעקטעס. כדי צו דערגעהן אַלזאָ עטוואָס וועגען די קאַראַאימען אין פּוילען, האָט ער געשיקט אַ בריעף צו די קאַראַאימען (1698) מיט בעשטימטע פראַגען, בעטענדיג, אַז מען זאָל איהם געבען אויף זיי ענטפערן. דער בריעף איז צופעליג אַריינגעפאַלען אין די הענד פון אַ לוצקער קאַראַאים מרדכי בן ניסן, אַנ'אָרימען בעאַמטען פון דער קאַראַאימישער קהלה, וועלכער האָט אַליין געוואוסט גאַנץ ווייניג וועגען דעם, ווען און ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען דער פּירוד צווישען די רבנישע און קאַראַאימישע אידען. אָבער ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַנ'עהרען זאַך, צו בעקומען און אָבשיקען אַ געניויען ענטפער, כדי צו בעקענט מאַכען די אייראָפּעאיש געבילדעטע וועלט דורכ'ן לײדענער פּראָפעסאָר מיט די קאַראַאימען, און דאַדורך צו ברענגען שאָדען די רבנישע אידען. ער האָט דעריבער מיט גרויס מיה צוזאַמענגעשטעלט אַ היסטאָרישע קאָמפּילאַציע וועגען די קאַראַאימען, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבען „דוד מרדכי“ און אָבגעשיקט צום פּראָפעסאָר. אין אַ משך פון אַנדערטהאַלבען יאָהרהונדערט איז דער דאָזיגער ספר געווען די איינציגע קוועלע, פון וועלכע די קריסטען האָבען געשעפּט זייערע ידיעות וועגען די קאַראַאימען, האָטש די דאָזיגע ידיעות זענען געווען זעהר קנאַפּע און אויך נישט גאַנץ ריכטיגע. מרדכי בן ניסנ'ס ספר האָט אָבער געהאַט אויך אַ געוויסע טענדענץ — די שנאה צו די רבנישע אידען און צום תלמוד, פון וועלכען ער האָט זעהר אָבגעשפּאָט און מבזה געווען איהם!

די אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכע די קריסטליכע געלעהרנטע האָבען געווידמעט דער אידישער ליטעראַטור, האָט געבראַכט די אידען אויך געוויסע אונבעקוועמליכקייטען און פערדרוס. זעהר בעלעסטיגענד זענען געוואָרען די דייטש-פּראָטעסטאַנטישע געלעהרנטע, וועלכע האָבען געוואָלט נאָכטהון די האָלענדער און דעם פראַנצויז רישאַר סימאָן: זיי האָבען אָנגעזאַמעלט זעהר פיעל בקיאות, נישט האָבענדיג גענוג טאַלענט

איבערצואַרבייטען עס אין זייער מח, אָדער, לפּחות, צו קאָנען עס אַרויס־
געבען מיט געשמאַק, פערשטעהענדיג די זאַך ווי עס געהער צו זיין;
דערביי זענען זיי געווען אויך גאַנץ ווייניג פריינדליך פאַר די אידען גופא.
כמעט אין איין צייט האָבען דריי דייטשע העברעאיסטען: װ י ל פ ע ר,
װ אַ ג ע נ ז י י ל און א י י ז ע נ מ ע נ ג ע ר אויסגענוצט זייערע ידיעות אין
העברעאיש, כדי אָנצופאַלען אויפ'ן יודענטום. ווילפער האָט געזוכט אַלטע
אידישע כתב־יד'ן אין סדורים, כדי צו קענען בעגרינדען זיינע אָנקלאַגען.
אַ טייל אידען האָבען נעמליך אין דער תפלה נאָכ'ן דאַווענען „עלינו לשבח“
אַריינגעשטעלט די ווערטער: „ווייל זיי די געצענדיענער) בוקען זיך צו
נישטיגקייט און פוסטקייט (הבל וריק), צו אַ גאָט, וואָס קאָן נישט העל־
פען“ — און אָט האָבען די נייע אידענפיינד אָנגעהויבען ערקלערען, אַז
אונטער'ן וואָרט „וריק“ פערשטעהען די אידען קריסטוס. געדרוקט זענען
די דאָזיגע ווערטער אין סידורים כלל נישט געווען, אָבער אין אַ טייל
אויסגאַבען איז אָנשטאָט זיי געווען אַ לעדיגער אָרט איבערגעלאָזען. די
פרומע פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך נישט געקאָנט בערוהיגען, ביז זיי
האָבען דערגאַנגען די בעדייטונג פונ'ם לעדיגען אָרט; ווילפער האָט
אָבגעזוכט אין די ביבליאָטעקען און געפונען ענדליך אַן אַלטען געשרי־
בענעם סדור מיט די דערמאָהנטע ווערטער, וועלכע ער האָט בעטראַכט
אַלס אַן אמת גליקליכע מציאה, און האָט זיך צוגעאיילט אַריינצונעהמען
זיי אין זיין בוך, אַלס אַ בעשולדיגונג געגען אידען. דעם הערצאָג געאָרג
פון העסען האָט ווילפער שטאַרק געלויבט דערפאַר, וואָס ער האָט גע־
צוואונגען זיינע אידען צו שווערען אַ האַרבע שבועה, אַז זיי וועלען די
ווערטער אין „עלינו“ נישט זאָגען. פון דער אַנדער זייט אָבער איז ווילפער
געווען געצוואונגען מודה צו זיין, אַז דאָס עלילת־דם איז אַ פאַלשע
אויסגעטראַכטע זאַך, ווייל אין דער אידישער ליטעראַטור איז וועגען דעם
קיין איינציג וואָרט נישטאָ, אין די ערקלערונגען פון די משומדים טאָר
מען נישט גלויבען, ווען זיי זענען געגען די אידען.

דער יוריסט י אָ ה אַ ן ק ר י ס ט אָ ף װ אַ ג ע נ ז י י ל, פּראָפעסאָר
אין אַלטאָרף, זעהר אַ גוטמוטיגער מענש בכלל און פאַר אידען זעהר
פריינדליך, האָט זיך אָבער בעגאַנגען נאָך ערגער אין דער הינזיכט, ווי
דער טהעאָלאָג ווילפער. ער האָט געמאַכט נאָך ווייטערדיגע נסיעות, ווי
יענער; איבער שפּאַניען איז ער געקומען קיין צפון־אַפריקא און האָט
אויפגעזוכט אַזעלכע כתב־יד'ן, אין וועלכע די אידישע מחברים האָבען
געקעמפט געגען קריסטענטום מיט דער הילף פון תנ"ך אָדער פונ'ם ריי־
נעם פערשטאַנד (אַנטיקריסטיאַנישע שריפטען). מיט דער דאָזיגער מציאה
האָט ער אָנגעפילט זיין ספר: „ד י פ י י ע ר ־ ק ו י ל ע ן פ ו נ ' ם ט י י ־
ו ע ל“. וואַגענזייל האָט געהאַט אַ פרומע כונה: ער האָט געוואָלט, אַז
די פּראָטעסטאַנטישע פירשטען זאָלען גרינדען ווירקענדע אַנשטאַלטען,
וואו מען זאָל די אידען לערנען צו ווערען קריסטען. ער האָט זיך אפילו גע־

האט איבערצייגט אין רוים, אז פיעל ערפאלג קאן מען דערין נישט
האבען: זינט דעם פויפסט גרעגאר XIII איז דארט געווען איינגעפיהרט
א מנהג, אז אין בעשטימטע שבתים מוזען די אידען קומען הערען די
דרשות פון די דאמיניקאנער מאנאכען. די לעצטע פלעגען זייער דרשה
אבזאגען האלב שלאפעדיג און די אידען פלעגען זיי קוקען אין די אוי-
גען, גענעצענדיג, אדער מיט א קלוגען שמייכעל, וועלכער בעדייטעט
מעהר, ווי די ערגסטע אבשפאטונג. וואגענזייל האט אבער גערעכענט, אז
שולדיג זענען דערין נור די קאטוילישע מאנאכען, וועלכע זענען אליין
קנאפע קריסטען; די פראטעסטאנטישע פירשטען וועלען אבער פער-
שטעהן בעסער, ווי אזוי אזא זאך אויסצונוצען. דערביי אבער איז וואַ-
גענזייל אויך שארף ארויסגעטראטען געגען די רשעות, וואס מען טהוט
די אידען. ער האט ערקלערט, אז מען טאר נישט מארדען, נישט פער-
ברענען, אדער בערויבען און ארויסטרייבען מיט ווייב און קינד פון
לאנד. עס איז אויך א גרויסע אכזריות, וואס מען שמד'עט אב אין דייטש-
לאנד אידישע קינדער געגען דעם ווילען פון זייערע עלטערן און מען
צווינגט זיי מיט געוואלד, צו לערנען די קריסטליכע רעליגיאן. ווייטער
שטראפט וואגענזייל שארף די קריסטען, פארוואס זיי שלאגען די אידען
אהן רחמנות אום פסחא. א וויכטיגען פערדיענסט האט געהאט וואגענזייל
מיט זיין בוך, וואס ער האט געשריבען געגען עלילת-דם. פאר'ן דאזיגען
בוך קאן מען איהם מוחל זיין די פיעל נארישקייטען, וואס ער האט גע-
גען די אידען געשריבען. אין איין ארט רופט אוים וואגענזייל אין זיין
דאזיגען בוך מיט פייער: „מיר וואלטען געשוויגען, ווען אט די נא-
רישע און אונזיניגע בעשולדיגונג געגען אידען וואלט געבליבען בלויז
אויפ'ן פאפיר; ווען מיר זעהען אבער, אז צוליב דעם דאזיגען פערשאל-
טענעם שקר שלאגט מען און מען פייניגט אונשולדיגע אידען, מען
דערהרג'עט זיי און פערברענט גאר אהן רחמנות — א שטיינערנע הארץ
מוז דאך אויך ערציטערט ווערען און ביטערליך אויפשרייען".

דוכט זיך, אז נאכדעם ווי די צוויי דייטשע געלעהרנטע וואגענ-
זייל און ווילפער האבען מיט אזא פעסטער איבערצייגונג ער-
קלערט, אז דאס עלילת-דם האט קיין שום גרונד נישט, האט מען דאך
שוין נישט געקאנט מעהר ערווארטען, דאס די דאזיגע בלבולים זאלען פון
דאס-ניי אויפגעפרישט ווערען אין דייטשלאנד, בפרט נאך, אז מען קאן
די דאזיגע געלעהרנטע כלל נישט חושד זיין אין איבעריגער פריינדשאפט
צו די אידען און זייער ערקלערונג האבען זיי געהאט געמאכט נור דער-
פאר, ווייל זיי זענען גוט בעקענט געווען מיט די אידישע ספרים און
האבען אויך פיעל פערבראכט מיט אידען, בעקענענדיג זיך גוט מיט זיי-
ערע מנהגים און דינים. און דאך האט זיך געפונען א געלעהרנטער דייטש,
וועלכער האט דאמאלס דוקא אט דעם שענדליכען שקר-בלבול פון דאס-
ניי אבגעפרישט. א פראטעסטאנט, פראפעסאר פון די אריענטאליסטישע

שפראכען, יאהאן אנדרעאס אייזענמענגער האט ווידער איבער־ געחזר'ט די דאזיגע טויזענדער מאל אבגעלייקענטע בעשולדיגונג געגען די אידען און צונויפגעזאמעלט א גאנצען פאק פאלשע בעווייזען און ראיות, אז דער שקר איז אמת. אייזענמענגער האט גע־ הערט צו יענעם מין שעדליכע בעשעפענישען, וועלכע האבען א טבע אויך פון בלומען נור גיפט ארויסצוזויגען. ער האט פיעל פערבראכט מיט די אידען, געלערנט זייער ליטעראטור און געווען כלומרשט בעפריינדעט מיט זיי, און דערביי האט ער בשתיקה געזוכט מיטלען, ווי אזוי זיי צו פער־ דערבען. דאס מאטעריאל, וואס ער האט אנגעזאמעלט און צוגעגרייט, ווי־ עם האט איהם געפאסט, כדי צו פערשטארקען דעם שקר־בלבול, איז איבערגעבליבען אויף לאנגע צייטען פאר די שפעטערדיגע דורות פון פערשידענע אידענפיינד, כדי זיי זאלען איהם קאנען אויסנוצען געגען די אידען

אייזענמענגער האט צוזאמענגעשטעלט אנ'אומפאסענד בוך אין צוויי גרויסע בענדער פול גאל און גיפט געגען די אידען און דעם יודענטום. דער נאמען פון בוך איז שוין אליין געווען אנ'אויפרוף צו מאכען אנפאלען אויף אידען. ער איז זעהר לאנג און האט אנ'אומ־ שטענדליכע ערקלערונג, נעמליך: „דאס ענטדעקטע יודענטום" אדער א גרינדליכער און ריכטיגער בעריכט, אויף א וועלכען אופן די פערשטאפטע און פערדעקשנ'טע אידען לעסטערן שרעקליך דעם קריסט־ ליכען גלויבען און ווארפען אויף איהם אנ'אונכבוד, ווי אזוי זיי שפאטען אב פון דער הייליגער גאטעסמוטער, פון עוואנגעליום, פון די עוואנגע־ ליסטען און אפאסטעלען, ווי זיי פעראכטען און פערשילטען די קריסט־ ליכע רעליגיאן און דאס גאנצע קריסטענטום. דערביי נאך פיעל אנדערע זאכען, וועלכע זענען ענטוועדער גאר נישט, אדער וועניג בעקענט, ווי אויך די פאלשע אידעען פון דער אידישער רעליגיאן און טהעאלאגיע און זייערע לעכערליכע מעשיות און לעגענדעס. דאס בוך איז געזאמעלט און מחבר געווארען פאר די געטרייע קריסטען". וואגענזייל'ס „פייער - קוילען פונ'ם טייוועל האט אייזענמענגער געוואלט שליידערן אויף די אידען און ברענגען זיי טויט און פערדערבען. אלע ליגנערישע מעשיות וועגען דעם, ווי די אידען האבען דערהרג'עט קריסטען, חזר'ט ער איבער אין זיין בוך, ווי אויך אלע בלבולים, אז די אידען האבען פערסמ'ט די ברונענס אין דער צייט פון דער שווארצער מגפה. איינגע אידען האבען זיך דערוואוסט, אז אייזענמענגער דרוקט אזא שעדליך בוך אין פראנקפורט אם מאין און האבען זיך שטארק דער־ שראקען פאר דער נאהענטער סכנה, וואס שטעהט זיי פאר. אין דייטש־ לאנד איז דער אבערגלויבען געגען די אידען נאך געווען זעהר שטארק סיי צווישען די קאטוילען, סיי צווישען די פראטעסטאנטען, און מען האט געקאנט לייכט פאראויסזעהען, אז אזא בוך, געשריבען אין דער אלעמען

פערשטענדליכער דייטשער שפראך, וועט מוזען ארויסרופען אויף פאקטישע אנפאלען אויף אידען. די פראנקפורטער אידען האבען דעריבער אונטערגענומען (1700) צוזאמען מיט די וויענער הויף־אידען, בעזונדערס מיט'ן באנקיר שמואל אפענהיים, וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין איידעלען כאראקטער און שענעם גייסט, — צו ווירקען געגען אייזענמענגערס בוך און אבצווענדען די סכנה, וואס ער קאן ברענגען איבער זיי. אפענהיים האט זיך ענערגיש גענומען פאר דער זאך. ער און די איבריגע אידען האבען געהאט דאס פולע רעכט צו ערקלערען, אז דאס פערעפענטליכען פון אזא גיפטיג בוך אין דער דייטשער שפראך וועט דערוועקען די דייטשען צו מערדערייען און שחיטות געגען די אידען, דאס בוך איז אפילו געוועזען געשריבען אין א קלאציגער שפראך, אהן געשמאק און פארם, אבער דאס געזאמעלטע און געפעלשטע מאטעריאל איז געוועזען — אמת'ער פולווער. אויף דער השתדלות פון די אידען האט דער קייזער לעאפאלד II פערבאטען דורך אנ'עדיקט, צו פערשפרייטען אייזענמענגערס בוך. דאדורך איז אייזענמענגער דאפעלט געפלאגט געווארען: ער האט נישט געקאנט אויפטהון מיט זיין ווילדער שנאה צו אידען און דערביי נאך פערלוירען נישט בלויז זיין אייגענעם פערמעגען אויף די הוצאות דאס בוך צו דרוקען, נור ער האט נאך געמאכט אויך פיעל חובות. אלע עקזעמפליארען פון זיין אויסגאבע, אויסער אייניגע געצעהלטע, זענען פעסטגענומען געווארען דורך דער רעגירונג און פערשלאסען אין א זיכערען ארט. אייזענמענגער האט דאן, כדי ארויסצוגעהען פון דער קלעהם, געפאדערט ביי די אידען דרייסיג טויזענד טהאלער פאר'ן פערניכטען זיין בוך. אבער די אידען האבען איהם נישט געוואלט געבען אויך אפילו די העלפט דערפון. פון גרויס שברות־לב איז אייזענמענגער קראנק געווארען און געשטארבען.

אבער מיט'ן טויט פון צורר היהודים איז זיין גיפט נישט פערניכטעט געווארען. דער ניי־געקרוינטער פרייסישער קעניג, פרידריך I, האט זיך ווארים אנגענומען פאר'ן מענשענפרעסערישען מחבר און זיין ווערק. די אויפמערקזאמקייט פונ'ם דאזיגען קעניג איז דערוועקט געווארען געגען די אידען פון פערשידענע צדדים. משומדים להכעיס האבען זיך בעמיהט אויסצונוצען די פאנאטישע שטימונג פונ'ם נייען קעניג און דער קריסטליכער בעפעלקערונג, כדי צו טהון אידען שאדען. מען האט פון דאס ניי דערוועקט די אנקלאגע אויף די אידען, אז זיי לעסטערן די קריסטליכע אמונה אין זייער תפלה „עלינו לשבח“. די צעכען פון די בעלי מלאכות, וועלכע זענען פון שטענדיג אן געוועזען אידענפיינדליך, צוליעב קאנקורענץ, און זיי האבען דעריבער אויסגענוצט די דאזיגע אויפרעגונג צו מאכען נייע העצערייען; אין די שטעדט און דערפער האט זיך אויפגעהויבען אזא ערביטערטע שטימונג געגען די אידען, אז זיי זענען נישט זיכער געוועזען מיט'ן לעבען. (לויט ווי די אידען האבען זיך געקלאגט,

מעגליך, איבערטרייבענדיג די לאַגע גוזמאות'דיג). דער קעניג פרידריך האָט אָבער אויסגעקליבען זיך אַ וועג, וועלכער צייכענט זיך אויס מיט מילד־קייט און גנאָד. ער האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו אַלע רעגירונגס־פּרעזידענטען (1702), אַז זיי זאָלען צונויפרופען די רבנים און אַבשטימען אַ טאָג און, וואו עס זענען נישטאָ קיין רבנים— די זקנים פון דער קהלה און די מלמדים און פרעגען ביי זיי, אונטער אַ שטרענגער שבועה, אויב זיי מיינען, אָדער זאָגען אמת דאָס וואָרט וריק („הכל וריק“ און „עלינו לשבח“) אויף קריסטוס'ן. די געפרעגטע האָבען איבעראַל פייערליך בע־שטעטיגט מיט אַ הארבער שבועה אַז זיי האָבען כלל נישט אין זינען דעם קריסטליכען גלויבען מיט דער תפלה „עלינו לשבח“. דער דייטשער טעהאָלאָג יאָהאַן היינריך מיכאַעליס פון האַלע, ביי וועלכען מען האָט געפרעגט זיין מיינונג וועגען דער פראַגע, האָט אויך ערקלערט, אַז די אידען מיינען בשום אופן נישט צו לעסטערן אין דער דאָזיגער תפלה דאָס קריסטענטום, ווייל אָבער דעם קעניגס חשד געגען די אידען האָט זיך דאָדורך נאָך אַלץ נישט אָבגעטהון אינגאַנצען, האָט ער אַרויסגעגע־בען 1703) אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישען בעפעהל מיט דער פאָלגענדער הקדמה: „זיין בעסטער וואונש איז תמיד געווען, אַז דאָס פאָלק ישראל, וועלכעס גאָט האָט אַ מאָל אויסגעקליבען און געמאַכט פאַר אַנ'אויסגע־צייכענט פאָלק דורך זיין ליעבע, זאָל זיך פעראייניגען מיט די קריסטען אין זייער גלויבען. פונדעסטוועגען נעהמט ער נישט אויף זיך, צו וועלען הערשען אויף די געמיטער פון די מענשען און ער וויל דעריבער איבערלאָ־זען דער צייט אַליין, אַז די אידען זאָלען זיך צווענדען צום קריסטענטום. אָבער ער פערבאָט זיי ביי שטרענגער בעשטראָפונג, אַז זיי זאָלען אין דער תפלה „עלינו“ נישט זאָגען קיין ווערטער אין דער שטיל און זאָלען דערביי נישט „אויסשפייען“. די רעגירונג האָט דערביי בעשטימט אויפ־זעהער, וועלכע האָבען געדאַרפט אָפט אַריינקוקען אין די שוהלען און אַכטונג געבען, אַז מען זאָל נישט זאָגען די תפלה „עלינו“ אין דער שטיל און נישט אויסשפייען דערביי. — דער השתדלות פון אַנ'איינפלוסרייכען אידען, רבי יששכר בערמאַן פון האַלבערשטאַדט, וועלכער איז געווען הויף־אַגענט פון זאַקסישען קורפירשט און קעניג פון פוילען און אויך אַ חשוב אין קעניגליכען הויף אין בערלין. איז עס געלונגען צו פועל'ן, אַז מען זאָל די פאָליציי־אויפזיכט איבער דער אידישער תפלה פערלייכטערן.

אייזענמענגער, ווי אויך זיין יורש, האָבען גוט געקענט די שטי־מונג פון פרייסישען קעניג. דעריבער האָט ער זיך געווענדעט פאַר זיין טויט צום קעניג מיט אַ ביטע, אַז ער זאָל פועל'ן ביים קייזער לעאָפּאָלד, דאָס מען זאָל אַרונטערנעהמען דעם אַרעסט פון זיין בוך „דאָס ענטדעק־טע יודענטום“. די זעלביגע ביטע האָט אויך געמאַכט נאָך אייזענמענגערס טויט זיין יורש. פרידריך I האָט זיך אָנגענומען פאַר'ן יורש זעהר וואַ־רים און האָט געשיקט דעם קייזער (1705) אַ מין ביטע מכח דעם ענין.

אָבער דער קייזער לעאָפּאָלד האָט זיך נישט געלאָזט בעווענגען נאָכצוגע-בען און אַראָבצונעהמען דעם אַרעסט פון'ם שעדליכען בוך. דאַן האָט פרידריך I ערלויבט אַז מען זאָל מאַכען אין אַ קעניגסבערגער דרוקעריי אַ צווייטע אויפלאַגע פון'ם גיפטיגען בוך, דען אין קעניגסבערג האָט די צענזור פון'ם דייטשען קייזער נישט געהאַט קיין שליטה. פאַר'ן מאָמענט האָט דאָס בוך גראָד נישט געמאַכט אַזאַ געפעהרליכען איינדרוק, ווי עס האָבען געהאָפט די שונאי ישראל און ווי עס האָבען מורא געהאַט די אידען. אָבער אין דער צוקונפט, דאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם אַנערקענען ענדליך די אידען פאַר מענשען, פאַר בירגער, פאַר פולבערעכטיגטע מיטגלידער פון דער מלוכה — דאַן האָט זיך דאָס בוך אַרויסגעוויזען אַלס אַ גוטער אַרטילעריע-מאַגאַזין, פון וועלכען די אידישע געגנער האָבען גענומען געוועהר, צו קעמפפען געגען די אידען.

נאָך פיל מאָל האָבען די אידישע פיינד זיך בעמיהט צו דעקען זייער געמיינהייט מיט'ן אויטאָריטעט פון קעניג פרידריך I. די ליכט-און שאָטען-זייטען אין דער בעאַמטער פון דער אידישער ליטעראַ-טור האָט זיך דאָ אויך אַרויסגעוויזען רעכט בולט. אין פּראָטעסטאַנטי-שען האָלאַנד האָט אין דערזעלביגער צייט אַ קריסטליכער געלעהרטער אַרויסגעוויזען אַנ'אמת'ע התלהבות פאַר'ן פונדאַמענט פון תלמוד — פאַר דעם „משנה". דער יונגער ווילהעלם סורענ-הויזען פון אַמשטערדאַם האָט געאַרבייט אַ משך פון פיעל יאָהר איבערצוזעצען אין לאַטייניש די משנה מיט צוויי פירושים (1698 — 1703). ער האָט פערלאַנגט אַז די קריסטליכע יוגענד, וועלכע האָט זיך מכין געווען צום גלחישען לעבען, זאָל זיך גוט בעקענען מיט דער משנה, כדי, אַזוי צו זאָגען, צו בעקומען דערין איהר הייליגונג. „ווער עס וויל זיין אַ גוטער און אַ ווערטער תלמיד פון קריסטוס, מוז פריהער אַ איד ווערען, אָדער ער מוז פריהער גרינדליך קענען די שפּראַך און די קול-טור פון די אידען; ער מוז זיין פריהער משה'ס אַ תלמיד, איידער ער געהט ווערען אַ תלמיד פון די אַפּאָסטעל". אין דער דאָזיגער פייערדי-גער התלהבות פאַר'ן הויפּט-שטיין אין בנין פון יודענטום, האָט סורענהויזען אויך איינגעשלאָסען דאָס פאָלק. דעם טרעגער פון די געזעצען פון דער תורה. מיט'ן פולען הארצען האָט ער געדאַנקט דעם האָלענדישען סענאַט דערפאַר, וואָס יענער בעשיצט די אידען, ווי דעם שוואַרצאַפּפעל פון אויג. „איהר ווערטע לייט! — רופט ער אויס צו די שרים פון האָלאַנד — איהר דערהויבט דאָס דאָזיגע פאָלק אין דער זעלבער מאָס, אין וועלכער עס איז אַ מאָל אַליין געווען דערהוי-בען איבער אַלע פעלקער פון דער וועלט. דער אַלטער כבוד און גרוי-סער נאָמען, וואָס די בירגער פון ירושלים האָבען אַ מאָל געהאַט, דאָס געהערט איצט אייך. — דען די אידען געהערען אייך איינגיג; נישט דורך געוואַלד און געוועהר האָט איהר זיי געצוואונגען דערצו, נאָר דורך

מענשליכקייט און תמיד האט איהר זייער פריינדשאפט געוואונען. זיי קומען צו אייך און זענען גליקליך צו געהערכען אייער רעפובליקאנישען דעזשים". סורענהואיס האט ארויסגעזאגט זיין העכסטען כעס געגען יענע, וואס פערשפאטען די אידישע ליטעראטור און פערווארפען זי מיט בלאטע, נאכדעם ווי זיי האבען אליין דאס בעסטע פון איהר ארויסגעלערנט, פונקט, ווי וואלד-גזלנים, וועלכע בערויבען פריהער דעם רייזענדער און נעהמען ביי איהם צו זיין גאנץ האב און גוטס, דערנאך שמייסען זיי איהם און פערטרייבען פון זיך א נאקעטען מיט שפאט און חרפה". און וועהרענד סורענהואיס איז געשטאנען אזוי שטאל און אייזען פאר דער אידישער ליטעראטור, (און ער איז אין דער הינזיכט נישט געוועזן אין האלאנד קיין בן יחיד!), האט א געמיינער משומד ווידער אנגעקלאגט דעם תלמוד, אז ער לעסטערט די קריסטליכע ליטעראטור און צו זיין אנקלאגע האט מען זיך צוגעהערט (1707) אין פרייסען. די אידענפיינד האבען געוואלט מאכען פון דער פרייסישער מלוכה א מין קירכען-מלוכה און דעם ערשטען קעניג פאר א פויפסט, וועלכער האט געדארפט פערמשפט'ן אפיקורסים. די צייט איז אבער שוין איצט געווען אנ'אנדערע: זייענדיג פרום געשטימט, האט דער קעניג פרידריך שוין נישט געקאנט זיין קיין פאנאטיקער.

די ליעבע פון קריסטליכע געלעהרטע פאר דער אידישער ליטעראטור האט געבראכט א שענע פרוכט. אנ'אנציהענדע „געשיכטע" פון אידישען פאלק און פון יודענטום, — א בוך, וועלכע שליסט אב אין א געוויסער מאס די אלטע צייט און הויבט אן פיהרען א נייע עפאכע. יאקאב באסנאזש (געשטארבען 1723) און געווען א גוטער פראטעסטאנטישער טהעאלאג, א גרינדליכער געשיכטע-קענער, אנ'אנגענעהמער שריפטשטעלער און איבערהויפט א בכבוד'יגע פערזענליכקייט; דעם יודענטום האט ער דערוויזען זעהר א גרויסען דיענסט דערמיט, וואס ער האט קריטיש דורכגענומען אלע פארשונגען פון די חכמים וועגען די אידען און דעם יודענטום און אומגעארבייט זיי פאלקסטימליך, כדי אלע שיכטען פון פאלק זאלען קאנען זיך בעקענען מיט זיי. בעשעפטיגענדיג זיך מיט זיינע חקירות אין דער היסטאריע, נעמליך, אין דער עפאכע פון דעם ענטשטעהען אין דער ערשטער ענטוויקלונג פון דער קריסטליכער קירכע, האט באסנאזש כמעט אויף יעדען שריט און טריט זיך אנגעשטויסען אן אידען. און אין איהם איז ענטשטאנען דער געדאנק אז עס איז פאלש די מיינונג פון אלטאנס-טהעאלאגען וועלכע ערקלערען, אז דאס אידישע פאלק איז אבגעשטארבען אינ'ם מאמענט, ווען עס האט פערלוירען זיין מדינה און די פאליטישע מאכט און דאס קריסטענטום האט זיך אנגעהויבען פערשפרייטען; איצט אבער עקזיסטירען די אידען נור אלס אמת, וועלכער איז נאך נישט אינגאנצען פערפוילט געווארען. באסנאזש האט פערקעהרט איינגעזעהען, אז

אָס אידישע פאָלק איז גאָר קיינמאָל נישט געשטאָרבען. זיין רייכע ליטעראַטור און די גרויסאַרטיגע מסירת־נפש פאַר זיין הייליגטום, פאַר זיין רעליגיאָן זענען די בעסטע עדות, אַז דאָס פאָלק לעבט נאָך; באַסנאַזש איז פול בעוואונדערונג פאַר'ן אידישען פאָלק בעטראַכטענדיג. וואָס פאַר גרויסע און שעהנע גייסטיגע וועלטען עס האָט בעשאַפען, לעבענדיג אין אַזעלכע שווערע בעדינגונגען. באַסנאַזש האָט אין דער געשיכטע געליעבט בעזונדערס שטאַרק דעם אמת, און דעריבער האָט ער זיך נישט ערלויבט אָבצו'פטר'ן די דאָזיגע פאַקטען מיט אַ וועלכען עס איז פשט'ל, אָדער אַ המצאה'לע. ער האָט פיעל מעהר זיך גענומען ערנסט בעאַרבייטען די אידישע געשיכטע גאַנץ ערנסט, פון אָנפאַנג קריסטענטום ביז דער לעצטער צייט. אויף וויפיעל די זאַך איז אין יענער צייט מעגליך געווען פאַר אַ פּראָטעסטאַנט אַ מאמין, האָט ער בעטראַכט די געשעהענישען אונפּאַרטייאיש, דערביי פערענטפערט ער זיך מיט פאָלגענדע ווערטער: „עס דאַרף דעם קריסט נישט קשה זיין, וואָס מיר פריישפּרעכען אָפט דעם אידען פון פיעל בעשולדיגונגען, אין וועלכע ער איז באמת גאָרנישט שולדיג, דען די גערעכטיגקייט פאָדערט עס. עס הייסט כלל נישט זיין פּאַרטייאיש ווען מען קלאָגט אָן אין אונגערעכטיגקייט און אין געוואַלדטעטיגקייטען יענע, וועלכע האָבען אין דער ווירקליכקייט אַזוי געהאַנדעלט. מיר ווילען נישט אָנריהרען דעם אידישען כבוד און בעשולדיגען זיי אָהן אַ בעוויז, אָבער מיר ווילען זיי אויך נישט חנפ'ענען. — מען האָט אָנגעקלאָגט די אידען, אַז זיי זענען די סבה פון אַלע אונגליקען, וועלכע האָבען זיך אויף דער וועלט געטראָפען, און אַרויפגעלעגט אויף זיי חטאים, וועלכע זיי האָבען קיינמאָל נישט בעגאַנגען און אפילו נישט געטראַכט וועגען זיי. מען האָט אויסגעטראַכט פיעל מופתים, כדי צו איבערצייגען די ריכטיגקייט פון די בעשולדיגונגען געגען די אידען, אָדער פיעלמעהר כדי צו פערשטאַרקען די שנאה אונטער דער מאַסקע פון דער רעליגיאָן. מיר האָבען אַ זאַמלונג פון געזעצען געמאַכט, וועלכע די גלחישע קאָנסוליען און די פירשטען האָבען געגען די אידען אַרויסגעגעבען; פון די דאָזיגע געזעצען קאָן מען קלאָר אַרויסזעהען די שלעכטסקייט פון איין צד און דעם עלענד פון דעם אנדערען. אבער דורך א וואונדער פון דער געטליכער השגחה — אַ וואונדער, וואָס מוז דערוועקען די התפעלות פון אַלע קריסטען, לעבט נאָך איצט אויך דאָס אַזוי שטאַרק גערודפטע און פעהאַסטע פאָלק אין אַ משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען". — און ווייטער שרייבט דער דאָזיגער גערעכטער מחבר: „די פעלקער און די מלכים, די געצענדינער, די קריסטען און די מחמדאַנער — אַלע האָבען זיך פעראייניגט אין איין פונקט, כאָטש אין פיעל אַנדערע פונקטען זענען זיי אַזוי שטאַרק פערשידען, אַלע האָבען זיי איין כונה געהאַט: צו פערטיליגען דאָס אידישע פאָלק. דאָס איז אָבער זיי נישט געלונגען. משה'ס דערנער־בוים אין פלאַ־

מען האָט געברענט און געברענט הונדערטער און טויזענדער יאָהרען און
פערברענט געוואָרען איז ער נישט. די אידען לעבען נאָך, נישט אכטונ-
דיג אויף דער גרויסער שנאה און חרפה, וואָס מען האָט זיי אָנגעטהון
איבעראל, וועהרענד יענע שטאַרקע מלוכות, וואָס האָבען זיי געפּייניגט
און גערודפט זענען שוין איצט לאַנג פערשוואונדען, און מיר ווייסען נור
זייער נאָמען". באסנאזש אליין האָט געהערט צו יענע פּראָ-
טעסטאַנטען, וועלכע האָבען פיעל געליטען פון דער אונטאָלעראַנץ. צו-
ליעב דעם, וואָס דער קעניג לודוויג XIV איז געוואָרען קאַטוילישפרום
און האָט מבטל גמאַכט דעם עדיקט פון נאַנט, וואָס האָט געהאַט ארויס-
געגעבען קעניג הייגריך IV, אינ'ם נאָמען פון דער טאָלעראַנץ, האָט באַס-
נאזש געמוזט פערלאָזען זיין געליעבט פאָטערלאַנד און אויסוואנדערן
קיין האָלאַנד, וואו ער האָט פערזוכט דעם טעם פון אידישען גלות; ער
איז דעריבער פעהיג געווען צו פיהלען דעם אידישען פּיין אינ'ם משך
פון די לאַנגע פינסטערע יאָהרהונדערטען, וואָס זיי האָבען איבערגע-
לעבט אין פערשידענע לענדער אין אייראָפּאַ. ער איז אָבער נישט געווען
גענוג קינסטלער צו קאָנען שילדערן מיט די ריכטיגע פאַרבען די ער-
האַבענע אָדער טראַגישע סצענעס און בילדער אין דער אידישער גע-
שיכטע, וועלכע טראָגען זיך אָפט פאַר אונזערע אויגען האַטש אין
שנעל פערשווינדענע נעבעל-בילדער. ער האָט אויך ווענינ פערשטאַנען,
ווי ריכטיג צו פערשטעהען די געשיכטליכע פּערספּעקטיווע און דאָס
היסטאָרישע וואַקסען פון אַ פאָלק און זיין לאַנגזאַמער ענטוויקלונג
וועלכע מען זעהט דוקא ארויס אַזוי בולט אין דער פערגאַנגענהייט פון
אידישען פאָלק. די אידישע קנאים, וועלכע האָבען אונטערגענומען
אַ קאַמף מיט'ן רוימישען קאָלאָס (געוואַלדיגער גרויסער מאַכט) אויף
טויט און לעבען; די אָנהענגער פון בר כוכבא, וועלכע האָבען
געמאַכט ערציטערן דעם טראָהן פון רוימישען קייזער אָדרינוס; די
אראבישע אידען, וועלכע האָבען אָבגעוואָרפען פאַר די
זיהן פונ'ם מדבר נור אַ שאָטען פון זייער תורה און בעשאַפען פאַר זיי
דערפון אַ נייע רעליגיאָן; די אידישע דיכטער און
דענקער אין שפּאַניען און פּראָוואַנס, וועלכע האָבען געבראַכט צו
די קריסטען אַ נייע קולטור; די אנוסים אין שפּאַניען און פּאָרטוגאַל,
וועלכע האָבען, אונטער די קליידער פון מאָנאַכען און גלחים, געהאַלטען
וואַך דעם פלאַם פון זייער רעליגיאָן און איבערצייגונג און אונטערגע-
גראָבען די מעכטיגע מדינה פון פיליפּ דעם ערשטען —
אָט דאָס אַלץ האָט געהאַט פאַר באָסנאַזש איינע און די זעלביגע פיזיאָ-
נאָמיע און זענען גאַנץ עהנליך איינע צו די אַנדערע. ער האָט בכלל גע-
לעזען אין דער אידישער געשיכטע נור דורכ'ן געדיכטען נעבעל פון די
קירכענגעשיכטע; און האַטש ער האָט זיך באמת געהאַט בעשלאָסען
עהרליך צו בלייבען אונפּאַרטייאיש, האָט ער דאָך נישט געקאָנט ז-

מתגבר זיין אויף זיין אינערליכען אבערגלויבען אינגאנצען און אויך ער האט זיך ארויסגעזאגט, לויט'ן בעוואוסטען קאטוילישען מאמר: „די אידען זענען פערשאלטען, ווייל זיי האבען פערווארפען קריסטוס“. קורץ באסנאזש'עס „געשיכטע פון דער אידישער רעליגיאן“ האט טויזענדער פעהלערן און, אויב מען זאל זי בעטראכטען פון אלע זייטען, וועט מען דארט נישט געפינען קיין איין איינציגען מאמר, וועלכער זאל זיין גאנץ ריכטיג.

און פונדעסטוועגען איז דאס ערשיינען פון דער דאזיגער געשיכטע געווען א וויכטיגע געשעהעניש פאר די אידען. זי האט פערשפרייט א גרויסע מאסע פון היסטארישען מאטעריאל אינ'ם קרייז פון דער געבילדעטער וועלט, ווייל די „היסטאריע“ איז געווען געשריבען אין דער פראנצויזישער שפראך, וועלכע איז דאמאלס אריין אין דער מאדע. דאס מאטעריאל איז טייל מאל געווען רויה און נישט בעארבייט, טיילמאל אויך נישט גאנץ ריכטיג, אבער דאך האט עס אלעמען פעראינטערעסירט, און מיט דער צייט האבען די זאמען, וועלכע באסנאזש האט פערשפרייט, געבראכט שענע פרוכטען. נישט ווישענדיג און אויך נישט ווערענדיג דאס, האט באסנאזש אויסגעגלייכט דעם וועג און דערהויבען איהם פאר'ן אידישען פאלק, חאטש ער האט איהם טיילמאל אויך פערווארפען מיט א שאנד-פלעק. די ביידע ביכער-פרעסער, די געלעהרטע כ ר י ס ט י א ן ט ע א פ י ל א ו נ ג ע ר, גלח אין הערענלוישוטץ (שלעזיען) און י א ה א ן כ ר י ס ט א פ א ר ו ס וואלף, פראפעסאר פון די מזרח-שפראכען אין האמבורג (געשטארבען 1739), וועלכע האבען זיך בעשעפטיגט ערנסט און זעהר פלייסיג מיט דער אידישער ליטעראטור און געשיכטע, זענען געווען זיינע תלמידים און וואלטען אהן זיין ארבייטען נישט געקאנט אזוי פיעל אויפטהון אויפ'ן דאזיגען געביעט. זיי ביידע, בעזונדערס וואלף, האבען אויסגעפילט יענע פעהלערן, וועלכע באסנאזש האט געמאכט, אדער דאס, וואס ער האט נישט בעוויזען אריינצונעהמען אין זיין געשיכטע; זיי האבען אויך מיט מעהר גרונדליכקייט און ווארימקייט געטהון זייער ארבייט.

די ליעבע צו דער אידישער ליטעראטור און דאס אינטערעסירען זיך מיט איהר האט אין יענער צייט אויך בעוויזען דעם קאמפפער געגען דעם פערשטיינערט געווארענעם קאטולישען גלויבען, ד ז ש א ן ט א ל א נ ד, צו פאדערן, אז מען זאל אידען געבען אין ענגלאנד און אין אירלאנד גלייכבערעכטיגונג. דאס איז געווען די ערשטע קריסטליכע שטימע, וועלכע האט עפענטליך געזאגט פאר די אידען א גוט ווארט, אבער די אידען, וואס פון זייערטוועגען איז די דאזיגע שטימע דערהויבען געווארען, האבען אויף א מערקווירדיגען אופן אמוועניגסטען וועגען דעם דאמאלס געוואוסט. זיי האבען גארנישט געשפירט, אז אין איירא־פא האבען זיך די ווינטען געענדערט, און עס הויבט זיך אן אנייע עפאכע.

עלפטעס קאַפּיטעל.

די פערווילדערונג.

(1760—1700)

דוקא אין דער צייט, ווען די אויגען פון דער געבילדעטער וועלט האָט זיך אָנגעהויבען צו ווענדען צום אידישען פאָלק מיט אַ געוויסען געפיהל פון רחמנות און טיילווייז אויך בעוואונדערונג פאַר זיין גרויסער היסטאָריע; דוקא אין אָנפאַנג פונ'ם, אַזוי גערופענעם, פילאָזאָפישען יאָהרהונדערט (XVIII), ווען דער אַבערגלויבען האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז פערשווינדען און די קאַטוילישע קירכע האָט אָנגעהויבען ווערען שוואַכער — דוקא אין אָט דער צייט איז דאָס אידישע פאָלק געוואָרען זעהר שפל און הער רושם, וואָס עס האָט געמאַכט סיי מיט זיין אינערליכען, סיי מיט זיין אויסערליכען לעבען אויף דער אויסענוועלט איז כלל נישט געווען קיין גינסטיגער. ווען מען האָט אָנגעהויבען דאָס אידישע פאָלק אַבצוועגען, וועלענדיג געפינען זיין געוויכט שווער, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז עס איז זעהר לייכט. אין קיין צייט האָבען די אידען, אין זייער צושטאַנד און האַלטען, נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ עלענד בילד, ווי צום סוף פון זיבצענטען יאָהרהונדערט ביז אין דער מיט פון אַכצעהנטען, אַ שטייגער, ווי דאָס וואָלט בכיון איינגעאָרדענט געוואָרען אַזוי, כדי אַז דאָס אידישע געזונד און דערהויבען ווערען זאָל ערשיינען ווידער, ווי אַ וואונדער. די אַמאָליגע לעהרער פון אייראָפּאַ זענען דורכ'ן טרויעריגען גאַנג פון די יאָהרהונדערטען קינדיש געוואָרען, אָדער נאָך ערגער: זיי זענען געוואָרען קינדישע זקנים. אַלץ וואָס דער אידישער צבור אָדער כלל האָט אין יענער צייט געהאַט אויפגעטהון אין עפענטליכען, אַזוי צו זאָגען. געשיכטליכען לעבען, טראָגט אַ כאַראַקטער פון פערווילדונג און פון קינדישער נאַרישקייט, קיין איין איינציגע געשיכטליכע ערשיינונג, וואָס זאָל ווערט זיין אויף איהר אָבצושטעלען זיך, כמעט קיין איינציגע גרויסע פערזענליכקייט, וואָס זאָל קאָנען ווי געהעריג, פערטרעטען דאָס אידישע פאָלק, זעהט מען נישט אין יענער צייט. פונ'ם פריהערדיגען דור האָט נאָך געלעבט דער גרויסער שטאַרקער מאַן: ר ב י י צ ח ק אָ ר אָ ב י אַ ד ע ק אַ ס ט ר א (געשטאָרבען 1687), וועלכער האָט פון די טורעמס פון דער אינקוויזיציע זיך דערשלאָגען צו פרייהייט און מיט זיין פעסטער איבערצייגונג, מיט זיין שענער אויסערליכער און אינערליכער האַלטונג, ווי אויך מיט זיין שאַרפגעשליפענער דיאַלעקטיק האָט ער געצוואונגען אַפילו אויך די ערגסטע געגנער פון יודענטום צו בעציהען זיך צו איהם מיט אַכטונג. אָבער אפילו אויך אין דער געבילדעטסטער אידישער קהלה, אין דער אַמשטערדאַמער, האָט ער נישט איבערגעלאָזען נאָך זיך קיין ממלא מקום. ווענען אַנדערע

קהלות. וואו עס האבען געפעהלט די בעדינגונגען פאר א הויכער בילדונג און ענטוויקלונג, איז שוין אודאי קיין רייד נישטא. די מנהיגים פון די אידישע קהלות האבען אליין געבלאנדזשעט אין דער פינסטער; ווי לו־נאטיקער, אדער מענשען, וואס וואנדלען ארום אין חלום, זענען זיי ארומגעגאנגען אויפ'ן וואהר שטרויכלענדיג ביי יעדען קלענסטען אומ־שטאנד, וואס האט זיך פאר זיי אויפ'ן וועג געשטעלט. נור געצעהלטע עטליכע רבנים האבען זיך אבגעגעבען מיט אנדערע וויסענשאפטען, אויסער דעם תלמוד. אינ'ם תלמוד גופא זענען אויך געוועזען זעהר ווייניג רבנים, וואס זאלען ארויסטרעטען זעלבסטשטענדיג, מיט אנ'אייגענעם וועג. כמעט דורכשניטליך זענען זיי אלע נאכגעגאנגען איינער נאכ'ן אנ־דערען. א געבילדעטער רב איז געוועזען דער רב פון דער ספרדישער קהלה אין לאנדאן, רבי דוד ניעטא (געבוירען אין ווענעדיג 1654 געשט. אין לאנדאן 1728). ער איז אויך געוועזען דאקטאר און האט פערשטאנען מא־טעמאטיק; ער איז געוועזען גענוג געשיקט ארויסצוטרעטען אלס פערטיי־דיגער פון יודענטום גענען זיינע אנפאלער און האט געשריבען, ביי פיעל קליינינקייטען, נישט טיעפע ענינים, אויך זעהר פיעל קלוגע געלונגענע זאכען.

א בעדייטענדע ערשיינונג איז אויך געוועזען דער איטאליענישער רב, רבי יהודה ברבי אליעזר בריאלי, רב אין מאנטוא (געבוירען 1643 געשט. 1722) — א מענש פון א געזונדען פער־שטאנד און אנשויאונגען, געניט אויך אין פילאזאפישע ידיעות. ער האט געשריבען שעהן איטאליעניש און פלעגט אפט ארויסטרעטען אין א פא־לעמיק געגען די שונאי־ישראל. בריאלי האט, זייענדיג א רב, געהאט דעם מוט צו טהון צוויי זאכען, וועלכע זענען אין די אויגען פון די אמאליגע פרומע אידען געוועזען א גרויסע עבירה: ער איז כל ימיו געבליבען זיצען א בחור און האט אלזא נישט מקיים געוועזען די ערשטע מצוה פון דער תורה, און האט נישט געטראגען קיין בארד. זיין איינפלוס אויף די אי־דען פון זיין צייט איז געוועזען זעהר קליין. ער האט גוט געזעהען די שוואַ־כע זייטען פון קריסטענטום, אבער ער האט נישט פערשטאנען אבצושע־צען, ווי געהעריג איז, אויך די פעהלערן, וואס האבען זיך ארייגעקליבען אין יודענטום. נור פון דער קבלה און פונ'ם זוהר איז ער געוועזען א געג־נער און ער פלעגט זאגען תמיד, אז עס וואלט פיעל גלייכער געוועזען, ווען מען וואלט אזעלכע ספרים כלל נישט געשריבען און געדרוקט. ווייטער אבער האט זיין בליק נישט דערגרייכט.

א וויכטיגע פערזענליכקייט איז אויך געוועזען אין יענער צייט דער רב פון ווארמס און דערנאך פון פראנקפורט רבי שמעון יאיר חיים בכרך (געבוירען 1629 געשט. 1702), וועלכער האט געהאט א חיבשע ידיעה אין מאטעמאטיק און אין זיין לערנש

תלמוד איז ער זיך געגאנגען מיט א'איינענעם דרך. מיט'ן זעלביגען חא־ראקטער האט זיך אויך אויסגעצייכענט ר ב י ח ז ק י ה ו ב ר ב י ד ו ד ד ע ס י ל א (געבוירען אין איטאליען 1659 געשטארבען אין ירושלים 1698). צוליעב דעם וואס ער איז שארף ארויסגעטראטען געגען די איבערגעטריבענע חומרות, וואס די רבנים האבען געמאכט, האט מען זיינע ספרים פערברענט אין קאירא און איהם ארייגעלעגט אין חרם.

אויסער אט די עטליכע רבנים מיט א בולט'ער פערזענליכקייט, בע־גענענט מען אין יענער צייט נישט צווישען די רבנים אין פוילען און דייטשלאנד קיין איינציגען מוסטער־רב. איבעראל זעהען מיר נור יאמער־געשטאלטען, קעפ פול מיט אונפרוכטבארער בקיאות, אונוויסענד און אונבעהאלפען, ווי קליינע קינדער. די פארטוגיעזישע רבנים זענען אפילו אויסערליך ארויסגעטראטען מיט ווירדיגקייט, אימפאנירענד, אבער אי־נערליך זענען זיי געווען פוסט; די איטאליענישע רבנים זענען מעהר ענהליך געווען צו די דייטשע רבנים, עס האט זיי אבער געפעהלט זייער גרויסע בקיאות. און אזוי ארום האט דאס דאמאלדיגע אידישע פאלק געבלאנדזשעט אהן מנהיגים, וועלכע זאלען זעהען פאר זיך קלאר דעם וועג, פערזונקען אין אונוויסענהייט, אדער אין כלומרשט'ן טונקעלען ווי־סען, נאכיאגענדיג זיך נאך חלומות און שגעונות און לאזענדיג זיך פיה־רען דורך שווינדלער, אדער טפשים. „זייענדיג פרעמד מיט'ן קאפ און מיט'ן לעבען פון דער אמת'ער ווייסענשאפט, האבען זיי פערוועגדעט זיי־ערע גראד נישט קליינע פעהיגקייט אויף פשט'לאך, פלפולים'לאך און המצאות'לאך און אבערגלויבישע שגעונות פון די מקובלים. די רביים האבען זעלטען ווען געשמועסט מיט זייערע תלמידים וועגען עטוואס אנ־דערש, אויסער וועגען פלפול און תלמוד און פוסקים; די שיעורים אין תלמוד גופא האט מען געזאגט אהן קיין שום פארם און בעארבייטונג, נישט מדקדק זייענדיג בכלל אויסצודריקען זיך אזוי, אדער אנדערש און נישט זוכענדיג קיין שענע אויסדריקען, רעדענדיג קוידערוועליש און נישט וויסענדיג וועגען וועלכער עס איז בערעדעוודיגקייט". פאר אבער־גלויבישע מנהגים, אויב זיי האבען נור געטראגען א רעליגיעזע בעפאר־בונג, איז געווען אפען טהיר און טויער. דאס פאלק פלעגט קומען צו א רב בעטען א קמיע פאר א חולה, אדער אבצושפרעכען פון אנ'עין הרע, גלויבענדיג פעסט, אז דורך אזעלכע מיטלען קאן מען אויסקורירען אלע חולאת'ן. די רבנים ווידער האבען אזעלכע קמיעות און „אבשפרעכונגען" געגעבען; מאנכע רבנים האבען זיך אפילו בעשעפטיגט אויך מיט ארויס־טרייבען רוחות און דבוקים דורך השבעות. גאנץ ערנסט האט זיך בע־ריהמט איינער פון די דאמאלסדיגע דמשק'ער מקובלים פאר'ן פראנצוי־זישען שריפטשטעלער ס י מ א ן ר י ש א ר, אז ער איז אימשטאנד ארויסצורופען פון עולם האמת א הויכע נשמה און האט שוין געהאט צו־געטראטען, אויסצופיהרען די דאזיגע אויפגאבע. ווען אבער דער רז"ל

מקובל האט דערזעהען, אז רישאר סימאן בעטראכט זיינע מעשים מיט א סאטירישען שמייכעל, האט ער זיך אויסגעדרעהט פון זיין פערלעגענהייט דאדורך, וואס ער האט ערקלערט, אז אין אזא טמא'ן לאנד, ווי פראנקרייך איז, קאן אזא הייליגע אויפגאבע נישט דורכגעפיהרט ווערען. דער רב, רבי שמעון באקו פון קאזאלי, האט זיך געקלאגט פאר זיין רבי'ן, רבי משה זכותא פון ווענעדיג, אז ער האט געמאכט אלערליי השבעות, תפלות און לחשים פאר א פרוי מיט א דבוק, און דער דבוק האט נישט געוואלט ארויסגעהען פון איהר. רבי משה זכותא האט איהם דערויף ערקלערט גאנץ ערנסט, אז אויסער די אלע קבלה-מיטלען, וואס ער האט אנגעווענדעט, האט ער נאך געדארפט אויך האלטען ביי דער פרוי מיט'ן דבוק אונטער דער נאז א שטיקעל אנגעצונדענע שוועבעל.

דענקענדע קריסטען זענען דאמאלס געשטאנען און בעטראכט די פערווילדערטקייט פון די אידען, ווי אנ'אמת'ען וואונדער פון דער געשיכטע: א פאלק מיט אזא הויכער תורה, מיט אזא בעריהמטער און טראגישער פערגאנגענהייט און איז אזוי פערנארישט געווארען, אז עס האט אויפגעהערט צו פערשטעהן זיין אייגענע גרויסקייט, זוכענדיג זיין כבוד און זיין רוהם אין נארישע מעשים און פוסטע מעשיות און ווילדע פאנטאסטעריען. קריסטען האבען פלייסיג געלערנט די אידישע געשיכטע, בעוואונדערדיג די מעשים פונ'ם אידישען פאלק און זיין גרויסער פערגאנגענהייט, נור די אידען אליין, זיי, וואס די זאך איז זיי נוגע געוועזען אמנאהענטסטען, זיי האבען וועגען דעם גאר נישט געוואלט וויסען; אפילו די געבילדעטערע פארטוגיעזישע אידען האבען פערלוירען דעם פערשטאנד פאר דער גרויסער פערגאנגענהייט פון זייערע אבות. דריי אידען פון יענער צייט האבען זיך שוין אפילו עפעס יא בעשעפטיגט מיט דער אידישער געשיכטע, אבער זייער ארבייט צייכענט זיך אוים מיט איהר ארימקייט. דער וואנדערנדער רב, רבי דוד קאנפארטע (געבוירען 1619 געשט. 1671), וועלכער האט געמאכט עטליכע נסיעות פון סאלאניקי קיין ארץ ישראל; מיכאל דניאל לוי דע באריאס, געבוירען אין פארטוגאל (1620) אלס קריסט און געשטארבען אין אמשטערדאם (1701) אלס איד און ענדליך דער ליטווישער רב, רבי יחיאל היילפערין פון מינסק (געשטארבען 1747), דער בעל „סדר הדורות“ — אט די דריי אידען האבען זיך אבגעגעבען מיט דער אידישער געשיכטע, אבער ווי געזאגט, צייכענט זיך זייער ארבייט מיט קיין זאך נישט אוים. דאס איז פיעל מעהר כראניק, עהנליך צו די בארבארישע כראניקען, וואס עס פלעגען שרייבען די מאנאכען אין מיטעלעלטער. די שפראך איז ווילד, נישט בעארבייט, צווישען די געשעהענישען איז נישטא קיין שום צוזאמענהאנג, קיין שום ערקלערונג, און דער לעזער פערלירט די מעגליכקייט און די פעהיגקייט

צו געדענקען אַלץ, וואָס דער מחבר האָט דאָרט אָנגעצייכענט אָהן קיין שום סדר און געשמאַק.

אויב די ליטעראַטור קאָן בעטראַכט ווערען אַלס א פאָטאָגראַפיש בילד פון דענקען און שטרעבען פון א צייט־עפּאָכע, האָט דאָס יאהרהונדערט, וואָס ליגט צווישען שפינאָזאַ און מענדעלסאָן געמוזט זיין זעהר אַ העסליכע. מען האָט אפילו אין יענער צייט פיעל געשריבען און פיעל פערעפענטליכט; יעדער ווינקעל־רב האָט געגלוסט צו מאַכען אַ חבור און הלכות, דרוש אָדער פלפול; איינער האָט געוואָלט זוכה זיין דאַדורך צו עולם הבא, אַ צווייטער האָט געגאַרט בעוואוסט צו ווערען אין דער וועלט, א דריטער האָט געמיינט פשוט צו פערדינען דערפון א פאר גילדען. די צאָהל פון די געדרוקטע ספרים איז דערווייל געוואקסען שטאַרק; אָבער דער אידישער גייסטיגער אוצר איז דאַדורך נישט רייכער געוואָרען, נור ער איז פערשוואומען געוואָרען מיט איהרע נאַרישקייטען: מען האָט געמאַכט פירושים אויף פירושים, באורים אויף באורים, ווילע משונה׳דיגע דרשות, אָבגעשמאַקטע המצאת׳לעך, קליינשטעלדיגע חקירות׳לעך, וועלכע פלעגען טיילמאָל דערוועקען בלויז אנ׳עקעל ביי׳ם ענטוויקעלטען מענשען. אין דאָזיגען זומפ איז די בלוד פון דער פאָעזיע שוין נישם געוואַקסען, נור צוויי אידישע דיכטער האָט די דאָזיגע צייט אַרויסגעגעבען, און דערצו טאַקי אמת׳ע דיכטער פון גאָטעס גנאָד.ביידע דיכטער זענען ווייט געוועזען איינער פונ׳ם אַנדערן, „ווי איין עק וועלט פונ׳ם צווייטען“ — דען איינער פון זיי האָט זיך געפונען אויף דער אינזעל יאַמאַיקאַ אין צענטראַל־אַמעריקאַ און דער אַנדערער — אין איטאַליען. דאָס זענען געווען: לאָפּעז לאַגונאַ, (אלס איד: דניאל ישראל) און רבי משה חיים לוצאַטאָ. אין די דאָזיגע צוויי דיכטער האָט דער אידישער פאָלקס־גייסט דערגיזען, אז ער שטאַרבט נישט אפילו אויך אין די ערגסטע צייטען און שווערסטע בעדינגונגען, טראָגענדיג שטענדיג אין זיך דאָס יונגע פון דער בעניייאונג. לאָפּעז לאַגונאַ איז געבוירען געוואָרען אין פראַנקרייך ביי עלטערן אַנוסים אלס קריסט (1660 געשטאָרבען 1720) און איז אַלס נאָך גאָר יונגער בחור געקומען אין שפּאַניען, וואו די אינקוויזיציע האָט איהם געלאָזט אָבפיהרען אין איהר שרעקליכער תפיסה און פייניגען דאָרט דורך איהרע טייוועלס־מאַשינען. ליגענדיג אין דער פינסטערער תפיסה, האָט ער, ווי פיעל אַנדערע אונגליקליכע פאַר איהם, געשעפּט זיין טרייסט און האָפנונג אין די מזמורים פון דוד המלך. ענדליך איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען פון דער גיהנם־תפיסה און נאָך לאַנגען אַרומוואַנדערן איז ער געקומען קיין יאַמאַיקאַ, וואו ער איז עפענטליך אַרויסגעטראָטען אַלס אַ איד מיט׳ן נאָמען דניאל ישראל. דאָרט האָט ער זיך גענומען איבערזעצען פון העברעאיש און שפּאַניש דעם תהלים, כדי צו בעקענען אויך די איבריגע אַנוסים מיט׳ן דאָזיגען קוואַל פון דער אַלטער אידישער פאָעזיע

און איהרע טרייסטען פאר די פערביטערטע און צוועהטאגטע הערצער. דעם דאזיגען תהלים, „דעם שפיגעל פון לעבען", ווי ער האט איהם א נאמען געגעבען, האט ער געבראכט שפעטער מיט זיך קיין לאנדאן און איז פאר זיין וואונדערפולער, פאעטיש־שענער ארבייט ווארים בעגריסט געווארען אין לאטייניש, ענגליש, פארטוגיעזישע און שפאנישע שירים דורך די דארטיגע דיכטער, דערונטער אויך דורך דריי אידישע דיכטערינס: שרה דע פאנסעקא פינטא אי פי׳ מענטעל, מאנועלא נונעז דע אלמיידא און ביענוועניד א כהן בעלמאנט — רבי משה חיים לוצאטא, דער גרויסער דיכטער, וועלכער האט זיך אבער פעראירט אין די וויסטע שטרעמונגען ביי אידען פון יענער צייט, האט געדיכטעט צוויי העברעאישע דראמען פול שענהייט און יוגענדפרישקייט. אויסער די דאזיגע פאעטישע בלומען בעגעגענען מיר אין דער דאזיגער צייט־עפאכע נור א וויסטען מדבר אהן פארבען. אויך דאס זיטליכע געפיהל איז טעמפיג געווארען אין דער אלגעמיינער פערווילדערונג, די גרינדליך גוטע אידישע מדות זענען געבליבען אין זייער פולער קראפט: דאס צניעות'דיג אידילישע פאמיליען־לעבען, די ברידערליכע רחמנות איינער מיט'ן אנדערען און די צניעות בכלל—דאס אלץ איז ביי אידען כלל נישט אויסגעשלאסען געווארען. גראבע פערברעכענס און פעהלערן פלעגען אויך דאמאלס זעהר זעלטען פארקומען צווישען די אידען. די ניכטסווירדיגע אויסוואורפען האבען נישט געהאט אין אידישען לעבען קיין ארט, און זיי פלעגען דעריבער בעסער פערלאזען אינגאנצען דאס אידישע פאלק, כדי צו בעפלעקען מיט זייערע שענדליכע מעשים אדער די קירכע, אדער דעם מעטשעט אבער דאס געפיהל פון רעכט און גע־רעכטיגקייט און דאס עהרען־געפיהל זענען ביי אידען דורכשניטליך אבגעשוואכט געווארען. פערדינען און זאמלען געלד איז פאר א אידען געווארען אזא נויטווענדיגקייט, אז מען האט אויפגעהערט אכטונג צו געבען, ווי אזוי דאס פערדינסט איז אנגעקומען, צי כשר, צי נישט. דערפון איז ארויסגעקומען א נייער מין געצענדינערייי — דאס די־נען צום גאלדענעם קאלב; מען האט נישט בלויז געליעבט דאס געלד, מען האט אויך פאר איהם געהאט דעם גרעסטען דרך־ארץ, פון וואס פאר אנ'אונריינער קוועלע ער זאל נישט האבען געהאט ארויסגעקומען. די דעמאקראטישע גלייכהייט, וועלכע האט זיך ביז יענער צייט פעסט גע־האלטען ביי אידען, איז איצט פערשוואונדען געווארען אינ'ם ווילדען טאנץ ארום דעם גאלדענעם קאלב. נישט די ווערטעסטע, נאר די רייכסטע אידען זענען איצט געשטאנען אין שפיץ פון די קהלות; דאס האט אבער זיי געגעבען א פרייען פאספארט צו געהען אין זייערע מאוסע דרכים און צו פיהרען זיך מיט גאוה און גדלות. די עם־הארצים זענען געווארען די [illegible]ם און מנהיגים פון די קהלות און מיט רעכט שפאטעט אב פון

דער דאזיגער דיכטונג אין יענער צייט רבי משה חאגיז אין זיין קוה־צער סאטירע (1):

דער גילדען זייהט, דער גילדען שניידעט,
דער גילדען בינדעט — נאהענט־וויט,
דער גילדען מאכט צו לייטען גלייך
דעם טויגעניכטס, וואס איז נור רייך.
דער גילדען מאכט צום קהל'ס מאן
דעם חם, דעם פויער, דעם באלוואן;
דער עם־הארץ — א בעל־דעה
ווערט דורך איהם און דורך דער מאה.

די סיבה פון דער דאזיגער טרויעריגער ערשיינונג איז געוועזן דאס פערגרעסערען זיך פונ'ם דלות ביי אידען. נאר צווישען דער קליינער צאהל פון די פארטוגיזישע אידען אין אמסטערדאם, האמבורג, ליווארנא פלארענץ און לאנדאן, האבען זיך נאך געפונען בעדייטענדע געלד־לייט. יצחק (אנטאניא) סואסא, וועלכען דער שפאנישער קעניג קארל דער צווייטער האט דערהויבען צום באראן אווערן דע גראס, האט געקאנט אנטלויהען דעם האלענדישען שטאטהאלטער ווילהעלם ביי זיין האלב־אוואנטורישען מלחמה־גאנג קיין לאנדאן—צוויי מיליאן גילדען אהן פראצענט, ערקלערענדיג אייפאך: „אויב איהר וועט מצליח זיין, וועט איהר עס מיך אבגעבען; אויב נישט, וויל איך אניך דאס פערלירען". פראנציסקא מעלא האט מיט זיין פערמעגען פיעל טובות געטהון דער מלוכה. איינער פון דער משפחה דע פינטא האט אבגעזאגט פיעל מיליאנען אויף צדקה־ענינים דער אמשטערדאמער קהלה, דער האלענדישער מלוכה, אויף קריסטליכע פריוטען פאר יתומים, ווי אויך פאר קריסטליכע אנגעשטעלטע אין די קירכען און פאר ארעמע גלחים.— אין האמבורג זענען געווארען רייך די משפחות טעקסיירא און דניאל אבענזור, וועלכער האט אנטליהען פיעל געלד דער ארעמער פוילישער מלוכה. שלמה דעמאדענא אין לאנדאן, דער שטענדיגער בעגלייטער פונ'ם פעלדהערר טשערטשיל, הערצאג פון מאלבארוג, און איז פון דער קעניגין אננא דערהויבען געווארען צום ריטער, האט געמאכט א געשעפטס־אומזאץ פון אכציג טויזענד פונט שטערלינג יעהרליך און דעם גרויסען פעלדהערר פלעגט ער יעהרליך געבען ביז פופציג טויזענד רענדלעך.—דאגעגען זענען אבער די דייטשען, און איטאליענישע און מזרח־לענדישע אידען עפ"י רוב זעהר פערארעמט גע-

1) דינר קוצר, דינר בוצר
דינר מתיר, דינר אוסר
דינר מעמיד פרנס בוח
על הצבור.

וואָרען אין יענער צייט. די דאָזיגע פערהאָרעמונג איז געקומען פון דער איבערקעהרעניש, וואָס איז דאַמאָלס פאָרגעקומען אין וועלט-האַנדעל. העכסט פעראָרעמט זענען אָבער געוואָרען די פוילישע אידען, וועלכע האָבען בעהערשט די אייראָפּעאישע אידען מיט זייער גרויסער לומדות אין תלמוד. די פוילשע אידען האָבען זיך מעהר נישט געקאָנט ערהאָלען פון די וואונדען, וואָס עס האָבען געמאַכט די קאָזאַקען אין די יאָהרען ת"ח ות"ט (1648, 1649); די גרויסע צערודערונג, וועלכע איז נאָכדעם אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער פוילישער מלוכה, האָט זיי מיטגעבראַכט נאָך נייע אומגליקען. די פערשטאַרקטע אָרעמקייט צווישען די פוילישע אידען האָט יעהרליך אַריינגעבראַכט אין די מערב- און דרום-אייראָפּעאישע אידישע קהלות גאַנצע מחנות פון בעטלער, וועלכע האָבען געוואָלט לעבען איפ'ן חשבון פון זייערע רייכערע ברידער. די גרויסע קהלות אין פּראָג, ניקאָלסבורג, פראַנקפורט אַם מאַין, אמשטערדאם און האַמבורג (ס'הייסט: זייערע אַשכנזישע קהלות) און אפילו אויך די קהלות אין איטאַליען האָבען על פי רוב זיך אויסגעקליבען רבנים צווישען די פוילישע גרויסע לומדים. און יעדער פוילישער איד, וואָס האָט זיך געלאָזט וואַנדערען אין אייראָפּאַ איז געווען אָדער אַ רב, אָדער א מגיד, אָדער לפחות, האָט ער זיך אָנגעגעבען פאַר אַזעלכען און מען האָט איהם פאַר אַזעלכען געהאַלטען. און אָט דורך זיי האָט זיך נאָכמעהר פערשטאַרקט די פערווילדערונג צווישען די אידען. זיי האָבען איבערגענומען די וויכטיגע ראָליע צו ערציהען די יוגענד (צו זיין מלמדים), אָדער ריכטיגער, צוגעוואוינען איהר צו בטלנות; ווי נאָר די קינדער פלעגען אָנהויבען צו רעדען, פלעגען זיי שוין אָנהויבען שטאָפּען זיי מיט גמרא און דערצו נאָך דוקא לויט דער פּלפּול-מעטאָדע. דורך אַזאַ משונה'דיגער ערציהונג זענען די מוחות פערדרעהט געוואָרען, אַנשטאַט דער לאָגיק, דעם קלאָרען פערשטאַנד האָט מען זיך געוואוינט תמיד צו שפּאַרען זיך, צו דיספּוטירען און האַלטען זיך פאַר גערעכט. אויך די שפּראַך איז דורך די פוילישע אידען זעהר פערדאָרבען געוואָרען ביי די מערב-אייראָפּעאישע אידען. אפילו די פּאָרטוגעזישע אידען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פון דערווייטען פון די משונה'דיגע פוילישע אידען מיט זייערע ווילדע הנהגות און שרעקליכער שפּראַך, אפילו אויך זיי האָבען זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון פּלפּול אין לערנען, וועלכע די פוילישע אידען האָבען איבעראַל אַריינגעבראַכט.

דערצו זענען נאָך צוגעקומען די שמוציגע כוואַליעס פון דער שבתיאַנישער בעוועגונג, וועלכע האָבען זיך אַ גאָס געטהון איבער די אידישע קהלות און פעראומרייניגט אַלעמען, ווער עס איז נאָר מיט זיי אין בעריהרונג געקומען. אָט די אומריינע כוואַליעס האָבען פונדעסטוועגען אויך געהאַט א שטיקעל מעלה: זיי האָבען אַריינגעבראַכט לעבען און בעוועגונג אין'ם שטעהענדיגען זומפּ; זיי האָבען אָבגעטרייסעלט דעם אידען פון זיינע אַלטעגליכע הצטרכות און דאגות און אַריינגעבראַכט ליידענשאַפטליכקייט

און ריהרעוודיגקייט אין דער רבנות, וועלכע איז גאָר טעמפּיג געוואָרען אין אונפּרוכטבאַרען פּלפּול וועגען עניינים. וואָס זענען ווייט און פרעמד פון לעבען.— אייניגע יאָהר נאָך שבתי-צבי'ס טויט האָט זיך גענומען פערשפּרייטען די אמונה אין איהם איינער פון זיינע אנהענגער אין סמירנא, דער חזן דניאל ישראל באַנאַפּוקס, א איד אַנ'עם האָרץ, וואָס האָט אבער פערשטאַנען זיך צו פערשטעלען פאַר אַ נביא און צו פערבלענדען אַלעמען די אויגען דורך זיינע קונץ-שטיק. ער האָט נבואה געזאָגט, אז שבתי-צבי איז כלל נישט געשטאָרבען, נאָר ער האָט זיך בעהאַלטען און וועט ערשיינען אין פינף און פערציג יאָהר אַרום, כדי אויסצולייזען די אידען פון גלות. ער פלעגט מאַכען משוגענע העויות און ווילדע אויסגעשרייען און דוקא דאַדורך האָט ער געמאַכט א שטאַרקען רושם אויפ'ן אידישען פּראָסטען המון. אויף דער השתדלות פון דער סמירנא'ער קהלה האָט מען איהם אַרויסגעטריבען פון שטאָדט, אַבער ער האָט זיך בעזעצט אין אַ קליין שטעדטל נעבען סמירנא און געטריבען זיינע שווינדלערייען ווייטער. זיין מיטהעלפער איז געווען דער שוין דערמאַנטער אברהם מיכאל קאַרדאָזאָ, וועלכער איז, צוליעב זיינע שגעונות אַרויסגעטריבען געוואָרען פון טריפּאָלים. אין אַ משך פון צוואַנציג יאָהר האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אין פערשידענע קהלות, ביז ער איז געקומען קיין סמירנא, וואו ער האָט געפונען אַ גאַנצע חבריה, שווינדלער און משוגעים, ווי ער אַליין, אָבער ווייניגער געבילדעט פאַר איהם. דאָ האָט קאַרדאָזאָ שוין געהאַט מעהר ערפאָלג. ער פלעגט געהן אויף די קברים נעכטיגען, כדי צו פעראייניגען זיך מיט די הייליגע נשמות פון די מתים און בעקומען פון זיי די השפעה פון נבואה. זיין ווייסט לעבען האָט ענדליך גענומען אַ טרויעריגען געוואַלד-סוף: זיין אייגענער פלעמיאַניק האָט איהם דערשטאָכען מיט א מעסער. מיט זיין טויט האָט אָבער די שווינדלעריי נישט אויפגעהערט, דען מען האָט זיינע ספרים געלעזען מיט חשק. אין זיי האָט דער לעזער געפונען אַ געמיש פון שגעונות און טיפען פערשטאַנד און דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. קאַרדאָזאָ איז, לפחות, געבליבען געטריי כל ימיו דעם אידענטום. דער פאַלשער נביא באַנאַפּוקס דאַגעגען האָט זיך גע'שמד'ט אין טערקישען גלויבען, משמעות, צוליעב די רדיפות וואָס ער האָט געליטען פון די רבנים.

פיעל וויכטיגער און טיפער איינדרינגענדער איז אָבער געווען די שבתיאַנישע אַגיטאַציע, וואָס עס האָט געפיהרט א וואַנדערער בעל-דרשן א בעל-מקובל. מרדכי פון אייזענשטאַט, אדער „מרדכי מוכיח", וועלכער איז געקומען פון דייטשלאַנד קיין פוילען, כדי דאָרט צו פערגרעסערען די מהומה (1679—1682). דאָס איז געווען אַ מענש פון א שעהנער געשטאַלט און אַ עהרענווירדיג אויסזעהען, וועלכער האָט אָבגעריכט פיעל תעניתים און פייניגונגען און געהאַלטען זיינע דרשות אין פיעל קהלות אין אונגאַרן, מעהרען און בעהמען מיט א צובראָכענעם האַרצע

און אַ געפליגטען געמיט — אַ מין אידישער וויצענטע פערער. זעהענדיג, אַז זיינע דרשות מאַכען אַ שטאַרקען איינדרוק, האָט ער זיך אָנגעהויבען האַלטען פאַר אַ נביא. ער האָט אין זיינע ספרים און דרשות ערקלערט, אַז שבתי־צבי איז בלי ספק געווען דער אמת'ער משיח, וועלבער האָט על פי קבלה געמוזט ווערען אַ מחמד'אַנער. אין דער ווירקליכקייט איז ער גאָרנישט געשטאָרבען, נאָר פערשוואונדען געוואָרען און דריי יאהר נאָך זיין פערשוואונדען וועט ער ווידער ערשיינען און אויסלייזען אידען פון גלות. די אונגאַרישע, מעהרישע און בעהמישע אידען האָבען צוגעהערט די דאָזיגע שבתיאַנישע דרשות מיט גרויס פרומקייט און אמונה. דער מוכיח איז אַליין אויך שטאַרק נתפעל געוואָרען פונ'ם גרויסען ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיינע צוהערער און דאָס האָט איהם געפיהרט צו נאָך פיעל גרעסערע שגעונות. ער האָט אָנגעהויבען זיך אַליין אַרויסצוגעבען פאַר אַ משיח בן דוד, נעמליך, פאַר'ן שבתי צבי, וועלכער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים. שבתי־צבי האָט פריהער נישט געקאָנט פערווירקליכען די גאולה ווייל ער איז רייך געווען, משיח מוז אָבער זיין אָרעם. און אַט די אַלע שגעונות האָט דער אידישער עולם געהערט און אויפגענומען פאַר'ן ריינעם אמת. די איטאַליענישע אידען האָבען איינגעלאַדען צו זיך דעם אונגאַרישען משיח. אין מאָדענא און אין רעדזשיאָ האָט מען איהם אויפגענומען מיט גרויסער התלהבות. ער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרויסע אויפגאַבע, נעמליך, אַז ער מוז געהן קיין רוים, כדי נבואת צו זאָגען וועגען משיח'ן דער זינדיגער שטאָדט. ער האָט אויך געגעבען אַ אָנצוהערעניש, אַז עס וועט איהם מעגליך אויסקומען אָנצונעהמען דעם קריסטענטום. די מיושב'דיגע איטאַליענישע אידען האָבען זיך זעהר דערשראָקען דערפאַר, ווייל זיי האָבען איינגעזעהען, אַז די זאַך קאָן ווערען זעהר געפעהרליך פאַר די אידען און פאַר דעם יודענטום; אָבער עפּעס וואָס טהון געגען איהם האָבען זיי נישט געקאָנט, צוליעב דעם וואָס דער המון האָט געהאַלטען פאַר דעם משוגענעם מוכיח שטאָהל און אייזען. זיינע אָנהענגער האָבען אבער לסוף זיך אויך חערשראָקען פאַר דער אינקוויזיציע און האָבען איהם אַנ'עצה געגעבען, צו פערלאָזען איטאַליען. אַזוי אַרום איז ער איבער בעהמען געקומען קיין פוילען. דאָ האָט מען געהאַט זעהר ווענויג גענויע ידיעות וועגען שבתי צבי און די שבתיאַנער און דאריבער האָט ער דאָ געפונען זעהר פיעל אָנהענגער, וועלכע האָבען אין איהם געגלויבט. זיין שגעון איז אין פוילען געוואָרען אַנשטעקענד. זינט יענער צייט אָן האָט זיך אין פוילען געגרינדעט אַ סעקטע, וועלכע האָט ביז נאָך אין דער נייעסטער צייט געפיהרט איהר אונגליקליכע אַגיטאַציע.

אין דער זעלביגער צייט האָט דער שבתיאַנישער שגעון געבראַכט אַ נייע ערשיינונג אין טערקיי. פון שבתי־צבי איז געבליבען אַנ'אַלמנה, וועלבע ער האָט גענומען דאַמאָלס, ווען ער איז שוין געווען אַ מחמד'אַנער;

דאָס איז געווען די טאָכטער פון׳ם רב יוסף פילאָזאָף פון סאַלאָניקי . אָט
די פרוי האָט ווידער דערוועקט די אַגיטאַציע פאַר שבתי=צבי׳ן
צי צוליעב תאוה נאָך כבוד, אָדער ווי די געגנער האָבען געזאָגט, ווייל
זי איז געווען אַ אויסגעלאַסענע פרוי. ווען זי איז געקומען צוריק קיין סאַ=
לאָניקי זאָל זי, ווי מען האָט געזאָגט, האָבען געהאַט אַרויסגעגעבען איהר
אייגענעם ברודער, י ע ק ב, פאַר אַ זוהן פון שבתי=צבי, וואָס זי האָט מיט
איהם געהאַט. שבתי=צבי האָט זי דערצעהלט—איז אויפגעשטאַנען פון קבר
און געלעבט מיט איהר און זי האָט דערפון געבוירען אַ גרויסען צעהן=
יעהריגען זוהן. דאָס איינגעל האָט זי פון דאַמאָלס אָן גערופען י ע ק ב=צ ב י,
און די שבתיאַנער האָבען איהם פערגעטערט, רופענדיג ק ע ר י ד אַ (דער
געליבטער). זיי האָבען געגלויבט, אַז אין איהם האָבען זיך פעראייניגט די
צוויי נשמות פון משיח בן=יוסף און משיח בן דוד, און ער איז דאריבער
דער אמת׳ער גואל; מען מוז איהם בעטראַכטען אלס דעם פאָרטזעצער פון
שבתי=צבי׳ס אויפגאַבע. שבתי=צבי׳ס אלמנה מיט איהרע ברודער האָבען
אָבגעטהון די שענדליכסטע זנות = מעשים און פון דאַמאָלס אָן האָבען די
שבתיאַנער אָנגענומען פאַר אַ כלל, אַז די מענשליכע זינד קאָן מען אויסראָ=
טען נאָר דאַדורך, וואָס מען וועט פערנאַכלעסיגען אַלע געזעצען פון
צניעות. די שבתיאַנער האָבען דאריבער אנגעהויבען בייטען זיך איינער
מיט דעם אַנדערען מיט זייערע פרויען און האָבען געלעבט מיט זייערע מו=
טערס און שוועסטער. אויסער דעם האָט מען אויפגעטהון נאָך איין שענד=
ליכע נייעס. לויט דער קבלה פון ארי ז״ל האָט א פרוי, וועלכע איז נמאס
געוואָרען אין די אויגען פון איהר מאַן, אָנגעהויבען זיין אַ שטערונג אין
דער האַרמאָניש=מיסטישער בעדייטונג פון׳ם זווג, ממלא האָט זי אויפגע=
הערט צו זיין יענעמס אַ פרוי און האָט געדאַרפט געהערען דעם, וועלכער
האָט איהר געליעבט. דעריבער האָט מען נישט געברויכט נישט קיין גט, נים
קיין קידושין. די שבתיאַנער האָבען דאָס שטרענג אבגעהיט. דאָס איז גע=
ווען א מין זוכען נאָך קרובות׳שאַפט צווישען די נשמות. די רבנים האָבען
די זאַך נישט געקאָנט זעהען גלייכגילטיג און האָבען דאָס גע׳מסר׳ט ביי
דער טערקישער רעגירונג, וועלכע האָט געמאַכט א אויספאָרשונג . און
אַרויפגעלעגט אַ שטרענגע בעשטראָפונג אויף די שולדיגע. די שבתיאַנער
האָבען אבער פון זייער ערשטען רבי׳ן געהאַט אויסגעלערנט, מיט וואָס
פאַר אַ מיטעל מען קאָן פטור ווערען פון דער בעשטראָפונג: זיי האָבען
אַלע צוזאַמען—מען זאָגט אַ מאָן פיער הונדערט—זיך גע׳שמד׳ט און אָנ=
גענומען די מחמד׳אַנישע רעליגיאָן (1687). זיי האָבען אבער דעם דאָזיגען
שריט געמאַכט מיט מעהר ערנסט, ווי שבתי=צבי. זייער משיח י ע ק ב
צ ב י — ק ע ר י ד א האָט צוזאַמען מיט פיעל אָנהענגער געמאַכט אַ נסיעה
קיין מעקאַ, כדי תפלה צו טהון אויפ׳ן קבר פון מחמד. אויפ׳ן וועג צוריק
איז ער געשטאָרבען אין אַלעקסאַנדריען. די דאָזיגע נייע טערקען, מיים=
טענס איינוואוינער פון סאַלאָניקי, האָבען דאָרט געלעבט זינט יענער צייט

אַן אַלס אַ בעזונדערע סעקטע, און די טערקען האָבען זיי געגעבען אַ נאָמען דענמעה, דאָס הייסט, בוגדים. זיי אַליין אָבער, אָבגעשיידט פון די טערקען און די אידען, האָבען זיך גערופען מאַמינים (גלויביגע). זיי זענען זיך מיט קיינעם נישט משדך, אויסער ווי צווישען זיך; זיי קומען אפילו אָפט אין אַ מחמד'אַנישע גאָטעס־הויז (מעטשעט) צוזאַמען; אָבער דאָס איז נאָר לפנים, כדי אויסצומיידען די רדיפות מצד די מחמד'אַנער; אין דער ווירקליכקייט אָבער קומען זיי זיך צוזאַמען בעזונדער און טהון תפלה צו זייער גואל, דעם גאָט־מענשען, שבתי צבי. פון אידענטום איז ביי זיי געבליבען נאָר די מצוה מילה אויף'ן אַכטען טאָג און דער „שיר השירים", ווייל אין איהם האָבען זיי אַריינגעבראַכט זייערע מיסטישע פאַנטאַזיעס וועגען דער ליבע און דער התקרבות צווישען די נשמות. דער זוהר איז ביי זיי בעזונדערס הייליג און פון איהם נעהמען זיי די טעמאַ'ס צו זייערע דרשות. נאָך קערידאָוו'ס טויט איז זייער מנהיג געוואָרען זיין זוהן ברכיה, וועלכער איז ביי זיי געווען ווידער אַ משיח, אדער די פערקערפערטע גאָטהייט 1).

נישט אַכטענדיג אויף'ן דאָזיגען אַרויסטרעטען פון אידענטום מצד די סאַלאָניקער שבתיאַנער, האָבען זיך געפונען אויסער טערקיי אויך אַנהענגער פון שבתי־צבי, וועלכע האָבען מיט עקשנות זיך פעסטגעהאַלטען ביי זייער אמונה אין איהם. פערשידענע שווינדלער האָבען דערביי בעקומען די געלעגענהייט אויסצונוצען די דאָזיגע אמונה, כדי געלד צו זאַמלען. פון די מזרח־לענדער אין פוילען זענען אַרויסגעפאָהרען פיעל משולחים פון ארץ־ישראל, אדער אַלס דרשנים און מוכיחים, און זיי האָבען אַריינגעבראַכט אַלץ מעהר נייע שגעונות אין אידישען לעבען. אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען צוויי מענשען: יהודה חסיד פון דובנאַ און חיים מלאך;

1) די דאָזיגע סעקטע לעבט נאָך איצט אויך אין סאַלאָניקי, לערך טויזענד משפחות, אדער פיער טויזענד נפשות זענען דאָרט פאַרהאַן פון איהר. זיי צוטיילען זיך אויף דריי בעזונדערע סעקטעס: די סמירלי, נאָך שבתי־צבי, וועלכער האָט געשטאַמט פון סמירנאַ, די יאַקוביטען, נאָך יאַקאָב קערידאָ, און די דריטע רופט זיך אָסמאַן באַבאַ נאָכ'ן אָנפיהרער אָסמאַן באַבאַ, וועלכער איז אַרויסגעטראָטען ערשט אין אַכצעהנטען יאָהרהונדערט. די ערשטע אונטער־סעקטע הייסט אויך קאַראַוואַיאַ. די יאַקוביטען דינען מייסטענס אַלס בעאַמטע ביי דער טערקישער רעגירונג. די דאָזיגע סעקטעס זענען זיך נישט משדך איינע מיט דער אַנדערער. זיי האָבען נאָך אַלע אידישע מנהגים, וועלכע זיי בעאָבאַכטען בשתיקה, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען מתפלל זיין. זייער דרשן טראָגט דעם טיטול אַ בית־דין און דער חזן הייסט ביי זיי פּייטן. אין דער לעצטער צייט איז איינער פון די דאָזיגע געוועזענע אידען אויך געווען מיניסטער אין טערקיי.

דער ערשטער איז געווען א תמימות'דיגער איד אהן פערשטאנד און דער אנדערער—א חיטרער מענש, א למדן און א בעל מקובל. ביידע פלעגען ארויסטרעטען אלס דרשנים און דערוועקען דעם עולם תשובה צו טהון און עוסק זיין זיך אין קבלה. זייערע אנהענגער האבען זיך גערופען חסידים. זיי האבען אבער נישט קיין שום שייכות צו די שפעטערדיגע „חסידים"— די אנהענגער פון רבי ישראל בעל שם טוב. אין פוילען איז, נישט אכטענדיג אויף די געשארפטע מוחות פון די לומדים אין תלמוד, די אונוויסענהייט געווען אזוי גרויס, אז די רבנים אליין האבען נישט איינגעזעהען, וואס פאר א געפעהרליכער סם עס שטעקט אין דער גאנצער בעוועגונג פאר דעם יודענטום. ערשט ווען עס איז ארויסגעטראטען רבי צבי ברבי יעקב אשכנזי וועלכער איז שפעטער בעריהמט געווארען מיט דעם נאמען דער „חכם-צבי" און האט זיי געעפענט די אויגען אויף דער אמת'ער בעדייטונג פון דער שבתיאנישער בעוועגונג, און האט זיי בעזונדערס מתרה געווען צו היטען זיך פאר דעם דרשן חיים מלאך, ערשט דאן האט דער קראקויער בית דין אנגעהויבען רודפ'ן די נייע „חסידים"— די אנהענגער פון שבתי-צבי. צוליעב די דאזיגע רדיפות, האבען לערך 1500—1300 חסידים אונטער'ן אנפיהרונג פון יהודה חסיד אויסגעוואנדערט פון פוילען (1700). ווי פארצייטען די קריסטליכע סעקטע פון „שמייסער", האבען די דאזיגע חסידים זיך אויסגעצייכענט דאדורך וואס זיי האבען פערבראכט זייער צייט אין תעניתים און אנטהון זיך ענוים. איבעראל, וואו זיי זענען דורכגעגאנגען דורך דייטשלאנד, האבען זיי געהאלטען דרשות און געמוסר'ט דעם עולם תשובה צו טהון. דורך זיין געוואלדיגער שטימע, בערעהרען און משוגענע קרימונג האט יהודה חסיד געמאכט א געוואלדיגען רושם אויף זיינע צוהערער. בעזונדערס אויף די פרויען. געגאנגען זענען די דאזיגע חסידים קיין ארץ-ישראל. די אידישע קהלות האבען זיי איבעראל אויפ'ן וועג געשטיצט. דער עושר רבי שמואל אפענהיימער, וועלכער איז געווען א חשוב אין עסטרייכישען הויף, האט זיי געשטיצט מיט געלד און בעקומען פאר זיי צוויי שיפען צו געהן איבער'ן דונאי און דעם שווארצען ים קיין קאנסטאנטינאפאל. פון די פיעל „חסידים" זענען ביז הונדערט אויסגעשטארבען אויפ'ן וועג. ווען זיי זענען סוף יאהר געקומען קיין ירושלים, איז זייער מנהיג יהודה חסיד דארט געשטארבען און די איבעריגע האבען א געוויסע צייט ארומגעוואנדערט, ווי די שאטענס, הונגעריג און נאקעט. לסוף האבען פיעל פון זיי פון גרויס יאוש אנגענומען דעם מחמד'אנישען גלויבען, טייל האבען זיך צוריקגעקעהרט קיין איירא פא, וואו זיי האבען זיך גע'שמד'ט און אנגענומען דעם קריסטענטום; צווישען די לעצטע איז אויך געווען יהודה חסידס א פלימעניק, ישעיה חסיד פון זבאראז. דאגעגען חיים מלאך איז מיט זיינע לייט איבערגעבליבען נאך א געוויסע צייט אין ירושלים. אלס מנהיג פון א קליינער סעקטע. אויך ער האט געהאט נע-

לערנט זיין סעקטע צו גלויבען אין צוויי געטער, אדער אין איין גאט מיט דריי געזיכטען. מען האט אפילו אויך דערצעהלט, אז ער האט געהאט אויסגעשניצט פון האלץ שבתי־צבי'ס בילד און אריינגעשטעלט איהם אין זיין שוהל, כדי צו בוקען זיך צו איהם. בכלל האט חיים מלאך ענערגיש געארבייט אויף חרוב צו מאכען דאס רבנישע אידענטום. צוליעב זיינע וויסטע מעשים, האט מען איהם ארויסגעטריבען פון ירושלים, און ער איז אבגעגאנגען צו די מחמד'אנישע שבתיאנער אין סאלאניקי אדער צו די דענמעה און האט ארומגערייזט אין די קהלות אין טערקיי, דרשענעדיג אין די שוהלען וועגען שבתי צבי. לסוף האבען איהם די קאנסטאנטינאפאלער רבנים אריינגעלעגט אין חרם און ארויסגעטריבען פון שטאדט, ווען ער איז אהין געקומען (1709). דאן איז ער צוריק געקומען קיין אייראפא און דורך דייטשלאנד איז ער געקומען קיין פוילען, פאדאליען און מזרח־גאליציען, איבעראל דרשענענדיג וועגען שבתי צבי. ווי מען זאגט, האט ער אנגעהויבען דאמאלס טרינקען פיעל בראנפען, ביז ער איז א מאל געפאלען, זייענדיג שכור, און זיך צובראכען דעם רוקען. חערפון איז ער געשטארבען.

נאך אנ'אנדער איינגעשפארטער שבתיאנער האט אריינגעווארפען אין די אידישע קהלות די פלאמען פייער פון מחלוקת; דאס איז געווען א חיטרער און א פאלשער מענש, וועלכער האט מיט זיין חוצפה און שלעכטסקייט נישט געהאט זיין גלייכען אפילו אויך אין אכצעהנטען יאהרהונדערט, וועלכער איז בכלל רייך געווען אין אלערליי שווינדלער און רמאים. זיין נאמען איז געווען נחמיה חייא חיון

געבוירען 1650 געשטארבען 1726). ער האט געהאט א בעזונדערען פערגעניגען, ווען עס איז איהם געלונגען עמיצען אבצונארען און פון דער יוגענד ביז'ן טיפען עלטער האט ער געפיהרט א לוסטיג לעבען פון אנ'אוואנטוריסט, א שווינדלער און א פאלשען פערמאסקירען מענש. און ווייל קיין אונטערנעהמען איז איהם נישט געלונגען, האט ער זיך גענומען צו קבלה, כדי אבצונארען א וועלט. געשטאמט האט ער פון ספרדישע עלטערן, וועלכע האבען געוואוינט אין סעראיעווא (באסניען, וואס האט דאמאלס געהערט צו טערקיי). ווי עס שיינט, איז נחמיה חיון געווען א סעראיעווער געבירטיגער; ער אבער האט געהאט געפונען פאר זיך בעסער צו דערצעהלען, אז ער איז געבוירען פון צפת אין ארץ־ישראל—א שטאדט, וועלכע איז בעריהמט געווען מיט איהרע גרויסע מקובלים. אין דער יוגענד האט נחמיה חיון געלערנט אין חברון, וואו עס זענען געווען פיעל שבתיאנער. חיון האט געהאט א שארפען מח, אבער זעהר א שלעכטע הארץ. תורה האט ער געלערנט אין אזא היבשער מאס, אז ער זאל קאנען ערשיינען צווישען לומדים אלס א מפולפל; פרום איז ער געווען נאר לפנים, ווי אנ'עכטער צבוע און, ווען קיינער האט נישט געזעהען, איז ביי איהם רעכט געווען צו טהון כל דבר אסור. אכצעהן יאהר אלט איז ער געקומען קיין סע־

ראַיעוואָ, וואו ער האָט חתונה געהאַט; דערנאָך איז ער אויפגענומען געוואָרען פאר א רב אין אַסקאָפּיא; לאַנג אָבער איז ער נישט געבליבען רב, און האָט אָנגעהויבען זיך בעשעפטיגען מיט פערשידענע ענינים — מיט פערשידענע שטעדט אין טערקיי און איטאַליען אָבטועדיג איבעראַל זעהר מיאוסע מעשים און שפּילענדיג פונדעסטוועגען די ראָליע פון אַ געטליכען מאַן. אין רעכטען ברען פון דבקות און קבלה האָט ער געזונגען צינישע לידער. מיט שמואל פּרימו, שבתי־צבי׳ס סעקרעטאר, האָט ער פיעל פערבראַכט און אַזוי ארום איז ער געוואָרען אַן׳אָנהענגער פון די שבתיאַנער, צו וועלכע ער האָט שוין פריהער אויך געהאַט א בעזונדערע נטיה, פערשטעהט זיך, נישט צוליעב איבערצייגונג. ענדליך האָט ער מחבר געוועז א ספר, אין וועלכען ער ערקלערט, אז דאָס יודענטום (פערשטעהט זיך, דאָס קבליסטישע) האָט א דריי־אייניגען גאָט. מיט דעם דאָזיגען חבור האָט ער זיך געלאָזען איבער דער וועלט געלד צו זאַמלען אדער ביי די אָנהענגער פון שבתי־צבי, אדער ביי זייערע געגנער. צוערשט איז ער געקומען קיין סמירנא (פריהלינג 1708), אָבער נאָך איידער ער האָט זיך דאָרט בעזעצט, האָט דער בית־דין פון ירושלים איהם אַריינגעלעגט אין חרם פאַר זיין שבתיאַנישער אפּיקורסות. זיין ספר האָט מען פעראורטיילט צו פערברענען. פאַר׳ן מאָמענט איז נחמיה חיון געבליבען ווידער אָהן א באָדען אונטער זיך און האָט געמוזט געהן זאַמלען נדבות, ווי אַ געוועהנליכער קבצן.

ווען ער איז איצט געקומען צום צווייטען מאָל קיין איטאַליען, האָט ער מיט זיינע שווינדלערייען שוין ווייניג הצלחה געהאַט, וויל מען האָט דאָרט געדענקט זיינע מיאוסע מעשים פון זיין ערשטען אויפהאַלטען זיך דאָרט. אין איטאַליען האָט ער זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט׳ן בעל מקובל יוסף ערגאַס און האָט איהם געוויזען זיין חבור, מיינענדיג, אז יענער איז א געטרייער שבתיאַנער. אָבער ערגאַס האָט באַלד אַנערקענט זיין חבור פאַר אַ געפעהרליכען פאר דעם יודענטום און געפאָדערט, אז מען זאָל איהם פערברענען. נחמיה חיון איז אבער געלונגען אַרויסצודרעהען זיך פון דאָרט, און ער האָט זיך ווידער געלאָזט אויף דער וואַנדערונג. אין ווענעדיג האָט ער שוין געהאַט מעהר הצלחה. דאָרט האָבען די רבנים און בעלי־בתים איהם מקרב געווען, און ער האָט דאָרט אָבגעדרוקט א נייען ספר „רזא דיחודא“—„דער סוד פון דער פעראייניגונג מיט גאָט“— אַ קיצור פון זיין גרויסען ספר. אין דאָזיגען ביכעל ערקלערט חיון שוין גאַנץ שאַרף, אַז דאָס יודענטום אַנערקענט דעם דריי־איינינגען גאָט, נאַטירליך, דעם קריסטליכען, נאָר דעם שבתיאַנישען. חיון האָט געהאַט אין זיך אַזוי פיעל חוצפּה, אַז ער האָט זיך נישט געשעמט צו־צוגעבען צו זיין ספר אַ תפילה אין פערזען, אין געלכע ער האָט אויך איינגעפלאָכטען א צינישע איטאַליענישע גאַסען־לידעלע: „די שענע מאַרגאַרעטע“, וועלכע ער האָט פאַרגלעגט צו זאָגען, אָדער זינגען נאָכ׳ן לערנען זוהר. און אָט

אויף אזא גאָטעס־לעסטערליכען ספר האָט דער ווענעציאַנער ראַבינאַט גע־
געבען זיין הסכמה, צי וויל ער האָט דאָס ביכעל גאָרנישט געהאַט געזע־
הען אין כתב־יד, אדער וויל ער איז אַליין אויך אזוי געווען פערטהון
אין דער קבלה, אז ער האָט גאָרנישט בעמערקט, וואָס פאַר אַ שענדליכקייט
דאָ ווערט בעגאַנגען מיט'ן יודענטום און וואָס פאַר אַ גרויסע און ווייטע
בעדייטונג די זאַך האָט. לאַנג איבערבלייבען אין ווענעדיג האָט נחמיה
חיון נישט געוואָלט; ער איז באלד נבגעפאָהרען פון דאָרט קיין פראָג,
וואו ער האָט געהאַט בדעה אָבצושטעלען זיך בלויז אויף אַ קורצע צייט.
צו זיין גרויסער פרייד האָט ער אָבער דערזעהען, אז ער האָט דאָרט פיעל
פריינד און בעשיצער, וועלכע האָבען בעוואונדערט זיין גרויסע חכמה אין
קבלה און „געטליכקייט“. די דאָרטיגע אידען האָבען דאַמאָלס שטארק
עוסק געווען זיך אין קבלה אין זיי האָבען אויפגענומען רבי נחמיה
חייא חיון פאַר אַ קדוש וטהור. צווישען די דאַמאָלדיגע יונגע
תלמידי חכמים אין פראָג איז אויך דער שפּעטער בעריהמטער רבי
יהונתן אייבשיץ, וועלכער איז אויך שטאַרק נתפעל געוואָרען פון
נחמיה חיונ'ס דרשות וועגען הלכות, אגדות און מייסטענס קבלה. דערביי
פלעגט ער אויך אָפט איבער'חזר'ן די שענדליכע תורות פון די שבתיאַ־
נער, ערקלערענדיג, אז מען מוז טיילמאָל טהון עבירות בכיון, כדי צו פער־
טיפען זיך אין די קליפות אין ארויסבעקומען פון דאָרט די הייליגע
פונקען. אויך קמיעות האָט ער אין פראָג געשריבען צו פערשידענע
מחלות און אַנדערע פגעים רעים, און איבער די קמיעות פונ'ם דאָזיגען
צדיק האָט מען זיך אין פראָג פשוט געריסען, דען יעדערער האָט זיי
געוואָלט בעקומען פאר זיך. אין דער זעלביגער צייט האָט ער אָבער אויך
בשתיקה געפיהרט א שענדליך אויסגעלאסען לעבען אין קאָרטען־שפּיעל
און אין זנות־מעשים. לסוף האָט ער זיך ערלויבט פאָרצולעגען זיין ספר
וועגען דריי איינגקייט פאר דעם גרויסען בעל מקובל רבי נפתלי כ״ץ.
דער דאָזיגער רב האָט דעם ספר גופא נישט געלערנט, נאָר אַנשטאט דעם
האָט ער געלייענט די געפעלשטע כתבים פון די איטאַליענישע רבנים,
וואָס חיון האָט איהם בעוויזען. זייענדיג שטארק פערוואונדערט פון דער
גרויסקייט פונם הייליגען בעל מקובל רבי נחמיה חיון, ווי
ער שרייבט וועגען איהם, האָט ער איהם געבעטען זיין הסכמה אויפ'ן ספר.
שפּעטער האָט רבי נפתלי ערשט איינגעזעהען, ווי מיאוס ער איז
אַריינגעפאַלען מיט זיין הסכמה און ער האָט ביטערליך חרטה געהאַט אויף
איהר, פאָדערנדיג פון חיון, אַז ער זאָל זי איהם אָבגעבען צוריק. חיון
אָבער האָט איהם דאָרין אבגעזאָגט, און אין פראָג האָט ער שוין געהאַט
אַזוי פיעל אַנהענגער אַז ער האָט ווייניג וואָס מורא געהאַט פאַר רבי
נפתלי כ״ץ.

מיט זיינע געפעלשטע און אויסגענאַרטע כתבים האָט נחמיה חיון זיך

געלאָזט אויף דער רייזע און האָט בעזוכט די קהלות וויען, ניקאָלסבורג, ברעסלוי, גלאָגאו און בערלין. אין אט דער לעצטער שטאָדט האָט ער פערבראַכט עטליכע חדשים, געפינענדיג דאָרט געניג קאָלעמוטנע וואַסער, וואו ער האָט געקאָנט געניג פיש פאַנגען. די בערלינער קהלה איז שוין דאַמאָלס בעשטאַנען פון העכער אַלס הונדערט משפחות, וואָס א טייל פון זיי זענען געווען די אַזוי גערופענע „שוץ-אידען". ס'הייסט, די רעגירונג האָט מיט איהר רחמנות גענומען זיי אונטער איהר בעשיצונג, אבער זי האָט זיי נישט בעטראַכט אלס בירגער. אין דער קהלה האָט דאַמאָלס געהאַט אויסגעבראָכען אַ מאַסע מחלוקת, ווי עס שיינט, צוליעב צוויי משפחות, וואָס זענען געשטאַנען נאָהנט צום קעניגליכען הויף און האָבען געפיהרט צווישען זיך אַ שטאַרקע קאָנקורענץ, די אלמנה פון הויף-יובעליר ל י ע ב מ אַ ן, וועלכער איז געווען זעהר חשוב ביי'ם קעניג פרידריך דער 1-טער און די משפחה פון ר ב י מ ר ד כ י ד ע ס א ו אדער מ אַ ר ק ו ס מ אַ ג נ ו ס, וועלכער איז געווען „לייב-יודע" פון קרוינפּרינץ (דעם שפּעטערדיגען קעניג פרידריך ווילהעלם דער ערשטער). די מחלוקת האָט זיך אָנגעהויבען דערפון, וואָס מאַרקוס מאַגנוס האָט געוואָלט בויען א גרויסע שוהל פאַר דער קהלה און מבטל מאַכען דאדורך דעם קליינעם „מנין" פון ליעבמאַן. אויסגעפיהרט האָט אָבער די אלמנה, און, ווען די גרויסע שוהל איז שוין פערטיג געוואָרען, האָט דער קעניג איינגעשטימט, אז מען זאָל נישט מבטל מאַכען די פריהערדיגע קלענערע בתי-מדרשים. און אָט ווען די מחלוקת האָט דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה, אין יענער צייט איז חיון געקומען קיין בערלין און געקאָנט אויסנוצען פאַר זיך די שפּאַלטונג אין דער קהלה. ער איז באַלד צוגעשטאַנען צו דער רייכערער פּאַרטיי פון דער אַלמנה, וואָס איהר איידעם ר ב י א ה ר ן ב נ י מ י ן וואָלף איז געווען דאַמאָלס בערלינער רב און האָט זיך בעצויגען מיט דער גרעסטער עהרע צו ח י ו ן. דער שווינדלער האָט דאדורך בעקומען די מעגליכקייט אבצודרוקען זיין ספר „מהימנותא דכלא"—דעם טעקסט פון ספר, וועלכער האָט געשטאַמט פון איינעם פון די גרויסע שבתיאַנער (לויט ווי אַנדערע האָבען געזאָגט, פון שבתי צבי גופא), האָט ער געלאָזט דרוקען אין גרויסע אותיות אין מיטען בלאַט, און פוןביידע זייטען ארום האָט ער געלאָזט זעצען זיינע איינענע צוויי פירושים: „בית קדש הקדשים" און „עוז לאלהים". אינ'ם דאָזיגען ספר האָט ער חוצפה'דיג ערקלערט, אז שבתי-צבי איז דער משיח, אָדער גאָט אליין און בשעת א איד זאָגט „שמע ישראל" מוז ער האָבען א כונה, אז ער דיענט צו גאָט און זיינע דריי געשטאַלטען. ווער עס טהוט נישט אַזוי, יענער וועט נישט האָבען קיין חלק אין עולם הבא, אויב אפילו ער האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה.— און אָט אַזאַ מין ווירקליכקייט האָט ער דאַמאָלס געדרוקט אין בערלין מיט דער הסכמה פון דעם רב פון דער קהלה! — מיט דעם

דאזיגען ספר איז חיון געקומען קיין אמשטערדאם, כדי מאסף ממון צו זיין אין דער דארטיגער רייכער קהלה און דאמאלס איז אויסגעבראכען א שטארקער פירוד און א מחלוקת אין דער אידישער וועלט.—

נחמיה חיון האט זיך בעזעצט צווישען דער פארטוגעזישער קהלה און האט דערלאנגט דעם מנהיג פון דער קהלה זיין ספר וועגען גאט'ס דריי איינינקייט, געדרוקט אין בערלין מיט דער הסכמה פונ'ם רב, בעטענדיג, אז מען זאל איהם ערלויבען דעם ספר צו פערקויפען צווישען די מיטגלי-דער פון דער קהלה. ווי עס שיינט, האט חיון זיך אנגעגעבען פאר א ירושלי'מער משולח. אבער דאמאלס איז אין אמסטערדאם געווען דער ירושלי'מער משולח רבי משה חאגיז, וועלכער האט באלד אויפגעהויי-בען א גרויסען טומעל געגען דעם נייעם ספר, און עס איז געבליבען, אז מען זאל פריהער דעם ספר גוט דורכלייענען. לאנג זוכען האט מען נישט געברויכט, כדי צו געפינען אין איהם די שענדליכע לעהרע וועגען דעם, אז שבתי צבי איז א גאט אין דריי געשטאלטען. אין דער אמשטערדאמער אשכנזישער קהלה איז דאמאלס געווען רב דער גאון רבי צבי אשכנזי, אדער ווי מען האט איהם גערופען, דער „חכם צבי“, וואס זיינע עלטערן האבען געשטאמט פון ווילנא, פון וואנען זיי זענען ענטלאפען בשעת די שחיטות אויף אידען מצד די קאזאקען אין יאהר (1655). — דער חכם-צבי מיט רבי משה חאגיז האבען באלד אויפמערקזאם געמאכט דעם מנהיג פון דער פארטוגעזישער קהלה אין אמשטערדאם, אז חיונס ספר ענטהאלט א מאוסע לעהרע, און האבען איהם כמעט בעפוילען ארויס-צוטרייבען נחמיה חיון פון שטאדט, אלס א געפעהרליכען אפיקורס. די מנהיגים פון דער פארטוגעזישער קהלה אבער האבען נישט געוואלט אנ-נעהמען קיין בעפעהלען פון אשכנזישען רב, און דעריבער האבען זיי פאר-געלעגט דעם „חכם צבי“ ער זאל זיי אנווייזען, וועלכע אפיקורסות ער האט אין חיון'ס ספר געפונען, אדער ער זאל אנטייל נעהמען אין א קאמיסיע, וואס איז בעשטאנען פון איינינע פון זייערע מיטגלידער מיט זייער רב שלמה איליאן בראש. דער חכם-צבי האט פון ביידע פארשלאגען זיך אב-געזאגט, ווייל ער האט געהאלטען פאר א אומכבוד פאר זיך, צו דארפען דערווייזען א זאך, וואס ער האט ערקלערט, אט די גדלות איז געווען די סיבה פון דער מחלוקה.

דער פארטוגעזישער חכם שלמה איליאן, וועלכער האט פריהער אליין געהערט צו דעם שבתיאנישען קרייז אין סאלאניקי, און איז בעהאנ-דעלט געווארען דורך די אשכנזישע רבנים מיט גרינגשעצונג, האט געהאט גענוג גרונד צו פיהלען זיך בעליידיגט פון דאס אבזאגען זיך פון דעם חכם צבי אנטייל צונעהמען מיט איהם אין דער קאמיסיע. איליאן האט זיך שוין אויך דאדורך געפיהלט בעליידיגט, וואס דער „מעמד“ (די מנהיגים) פון זיין איינענער ספרדישער קהלה האט אין א גרויסער מאס געשטעלט

העכער פאר איהם דעם רב פון דער אשכנזישער קהלה. אויסער דעם, האט ער, ווי עס שיינט, מורא געהאט פאר'ן שלאנגען־קלוגען נחמיה חיון, וועלכער האט געוואוסט עטוואס וועגען זיינע אייגענע הנהגות אין סאלאניקי וואו ער איז געווען צוזאמען מיט די שבתיאנער און געטהון מיט זיי נישט נאר שענע מעשים. ער האט דעריבער געהאלטען בעסער נישט צו רייצען געגען זיך דעם שווינדלער און שטיצען איהם. דעם ספרדישען רב איליאן איז נישט בעזונדערס שווער געווען צוציהען אויף זיין צד דעם מנהיג פון דער ספרדישער קהלה, אהרן דע פינטא, וועלכער איז בכלל געווען אינדיפערענט געגען אינערליכע רעליגיעזע פראגען, בעזונדערס ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום צו דערוועקען איהם געגען דעם רב פון דער אשכנזישער קהלה און דאדורך בעשיצען די אבערהערשאפט פון דער ספרדישער קהלה, וועלכע איז אין זיינע אויגען געווען א העכסט וויכטיגער ענין. דע פינטא איז בכלל זעהר אונצופרידען געווען דערמיט, וואס די אשכנזישע קהלה, וועלכע איז פיעל יונגער און קלענער געווען פאר דער ספרדיש'ער, האט זיך ערלויבט ארויסצוטרעטען זעלבסטשטענדיג אין אנ'עפענטליכען ענין. אזוי ארום איז די פראגע וועגען דער אמונה פון נחמיה חיון געווארען א פראגע וועגען דעם, ווער עס זאל האבען די דעה אין דער קהלה — די ספרדים אדער די אשכנזים. דע פינטא האט שטרענג אבגעווארפען יעדעם אריינמישען זיך פון די אשכנזים אין דער פראגע וועגען חיון און בעפוהלען איליאן צו גרינדען אליין א קאמיסיע פון פארטוגעזישע קהלה־מיטגלידער, כדי צו בעטראכטען חיון'ס ספר.

וועהרענד די קאמיסיע האט זיך נאך געהאלטען אין עוסק זיין זיך מיט חיון'ס ספר, האט דער חכם־צבי צוזאמען מיט רבי משה חאגיז, ארויפגעלעגט א הארבען חרם אויף חיון און פעראורטיילט זיין ספר צום פערברענען, ווייל ער שטרעבט אבצוציהען דאס פאלק ישראל פון זיין גאט און וויל איינפיהרען פרעמדע געטער (די דריי־אייניגקייט). דער חכם האט פערבאטען דאס מען זאל מיט איהם נישט האבען קיין בעציהונג און זיין ספר האט מען נישט געטארט לייענען. דעם טעקסט פון חכם האט מען צוזאמענגעשטעלט אין העברעאיש און ספרדישער שפראך און פערשפרייט צווישען די מיטגלידער פון דער קהלה. דער דאזיגער שריט האט שטארק אויפגערעגט די אמשטערדאמער קהלה. די פארטוגעזישע אידען האבען בעליידיגט אין שיער נישט געשלאגען אויף דער גאס דעם חכם־צבי און רבי משה האגיז. בעזונדערס האט זיך פערשטארקט די פערביטערונג, ווען די קאמיסיע האט ארויסגעזאגט איהר אורטייל געגען דעם חכם־צבי און איינגעפונען, אז אין חיון'ס ספר איז קיין אפיקורסות כלל נישטא, דען דארט געפינען זיך נאר נייע ערקלערונגען אין קבלה, ווי אין פיעל אנדערע ספרים פונ'ם דאזיגען מין. דעם שווינדלער נחמיה חיון האט מען מיט גרויס כבוד

אריינגעפיהרט אין שוהל און, כדי נאָכמעהר צו קרענקען זיינע געגנער, האָט מען איהם פשוט פערגעטערט.

פון דער אנדערער זייט אבער איז געקומען אונערוואַרטעט הילף אויף פאַר'ן חכם־צבי. יענע רבנים, וואָס חיון האָט געהאַט אָבגעדרוקט זייערע הסכמות אויף זיין ספר, האָבען ערקלערט עפענטליך, אז די הסכמות זענען געפעלשטע, דען זיי האָבען איהם אזעלכע הסכמות כלל נישט געגעבען. דעם שטאַרקסטען רושם האָט געמאַכט דער בריעף פון איבעראַל פערעהרטען גרייז־גרויען רב פון מאַנטואה, רבי יהודה לעאָן בריאלי, וועלכער האָט געקענט זעהר גוט די שענדליכע פערגאַנגענהייט פון נחמיה חיון, און אַראָבּרייסענדיג פון איהם די מאַסקע, האָט ער ערקלערט, אז ער איז פאַלקאָם מסכים אויפ'ן חרם, וואָס דער חכם־צבי און רבי משה חאגיז האָבען אויף איהם געלעגט. די פּאָרטוגעזישע קהלה האָט זיך אבער פונדעסטוועגען געהאַלטען ביי איהר עקשנות. דער שלום איז פערשוואונדען געוואָרען פון דער מוסטערהאַפטער אמשטערדאַמער קהלה, די מחלוקת האָט זיך אַריינגעריסען אין יעדער משפחה, שטערענדיג דאָס פאַמיליען־לעבען. עס איז געקומען אזוי ווייט, אז מען האָט דעם קבצן נחמיה חיון אבגעגעבען כבוד און דעם אָרטיגען רב, דעם חכם־צבי, האָט מען פערטריבען פון דער קהלה. דער חכם־צבי האָט פערלאָזען די שטאָדט אמשטערדאַם, אפשר דערפאַר ווייל דע פינטאָ האָט געפועל'ט ביי'ם מאַגיסטראַט, אז מען זאָל איהם פון דאָרט אַרויסשרייבען, אָדער ער האָט אליין זיך צוגעאיילט אַרויסצופאָהרען, כדי נישט צו ברענגען צו א מיאוסען סקאַנדאַל (1714).

נחמיה חיון אליאָן און דע פינטא, האָבען זיך אָבער ווייניג וואָס געקאָנט פרעהען מיט זייער נצחון, ווייל די מחלוקת, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פון א קליינינקייט, האָט אָנגענומען די פאָרם פון א וועלט־סקאַנדאַל ביי אידען. כמעט אלע דייטשע, פוילישע, איטאַליענישע און אויך אפריקאַנישע קהלות מיט זייערע רבנים האָבען זיך אַרויסגעזאָגט לטובת דעם חכם־צבי און אַריינגעלעגט אין חרם דעם שבתיאַנישען שווינדלער. די טעקסטען פון אלע חרמות האָט מען געשווינדע פערשפּרייט אין אלע קהלות. פון אלע קהלות, וואו חיון איז פריהער געוועזען, האָט מען זיך געאיילט אַראָבצורייסען די מאַסקע פון זיינע מיאוס'ע מעשים. די פעראורטיילונג פון נחמיה חיון איז געוועזען אַן אַלגעמיינע.

אָבער די אמשטערדאַמער פּאָרטוגיעזען האָבען איהם נאָך אַלץ נישט געלאָזט פאַלען. די מנהיגים פון דער קהלה האָבען זיך פשוט געשעמט מיט זייער מיאוס'ן דורכפאַל און שוין אליין איינגעזעהען, אז נחמיה חיון מוז זעהען עפּעס וואָס אונטערצונעהמען, כדי אָבצוווענדען פון זיך דעם שטאַרקען שטורם. זיי האָבען דעריבער פאַר איהם צוזאַמענגענומען געננוג געלד, אז ער זאָל קענען מאַכען א רייזע קיין מזרח־לאַנד, זיי האָבען איהם אויך

געגעבען רעקאָמענדאַציעס צו אָנגעזעהענע אידען און קריסטען, וואָס זאָלען איהם שטיצען און פועל'ן, אַז מען זאָל פון איהם אַראָבנעהמען דעם חרם, וואָס די קאָנסטאַנטינאָפּעלער רבנים האָבען אויף איהם אַרויפגעלעגט. די דאָזיגע רייזע איז אָבער געווען פאַר נחמיה חיון זעהר אַ שווערע, ווייל קיין איד האָט איהם נישט געוואָלט אַרויפלאָזען צו זיך אויפ'ן שוועל, אָדער דערלאַנגען איהם אַפילו אַ גלאָז וואַסער. ווי קיין איז ער געווען נע־ונד אין איירָאָפּאָ. ווי נאָר ער איז געקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּעל, האָבען אַלע דאָרטיגע אידען איהם אויסגעמיטען, בעהאַנדלענדיג איהם ווי אַ מוחרם די אַמשטערדאַמער בריעף האָבען אָבער פאַר איהם געעפענט דעם וועג צו אַ וויזיר (מיניסטער), וועלכער האָט זיך פאַר איהם אָנגענומען. חיון האָט זיך אָנגעהויבען משתדל זיין ביי דער טערקישער רעגירונג, אַז מען זאָל צווינגען די רבנים, האָס זיי זאָלען פון איהם אַראָבנעהמען דעם חרם. ס'זענען אָבער עטליכע יאָהר פאַראיבערגעגאַנגען ביז די זאַך איז איהם גע־לונגען, און דאָס אויך נישט אינגאַנצען. נאָר דריי רבנים, וועלכע זענען, משמעות, געצוואונגען געוואָרען דורך דעם וויזיר, האָבען אַראָבגענומען פון איהם דעם חרם, דערביי האָבען זיי אָבער געשטעלט אַ בפירוש'ן תנאי, אַז ער זאָל מעהר נישט לערנען מיט קיינעם קיין קבלה, נישט דרש'ענען עפענטליך, אָדער דרוקען וועגען קבלה ספרים. חיון האָט זיך מתחייב גע־ווען מיט אַ האַרבע שבועה (אויגוסט 1724), דאָס מקיים צו זיין, נאַטיר־ליך, כדי עובר צו זיין אויף איהר ביי דער ערשטער געלעגענהייט. — בע־קומענדיג דעם כתב, אַז דער חרם איז פון איהם אַראָבגענומען געוואָרען, האָט נחמיה חיון זיך ווידער געלאָזען אויף דער רייזע אין אייראָפּאָ אויף נייע שווינדלערייען.

אין יענער צייט האָט דער שבתיאַנישער שווינדעל זיך הערוועקט פון דאָס ניי אין פוילען. אין פּאָדאָליען און אין דער אומגעגענד פון לעמבערג, אין די שטעדט זאלקיעוו, זלאָטשוב, כאָהאַטין, פּאָהדאַיצי, האָראָדענקאָ און אַנדערע, האָט אָנגעהייבען שפּראָצען און וואַקסען די גיפטיגע זריעה וואָס עס האָט דאָרט געהאָט פערזייהעט דער שבתיאַנער חיים מלאך, אויף זיין רייזע פון טערקיי. די מנהיגים פון די פּוילישע און פּאָדאָלישע שבתיאַנער זענען על פי רוב געווען די תלמידים פון יהודה חסיד, אָבער אין זייערע הנהגות זענען זיי געווען גראָדע דער היפוך פון איהם. דען גישט מיט תעניתים און עגוים האָבען זיי געוואָלט אַראָבברענגען משיח'ן, נאָר דורך שענדליכע זינד, ווי נחמיה חיון האָט זיך אויסגעדריקט: „מיר האָבען אַזוי פיעל געזינדיגט, אַז די קליפות האָבען געמוזט געשוואָלען ווערען און פון זיך אַליין פּלאַצען". עס זענען פאַרהאַן ידיעות וועגען שענדליכע מעשים פון די פּוילישע שבתיאַנער; מען האָט צוערשט אַלע געזעצען פון צניעות און אַנשטענדיגקייט חרוב געמאַכט און דאָס אַלץ מיט אַ פרומען פּנים פון מענשען, וועלכע ווילען אויסלייזען און מתקן זיין די

וועלט. מען האט כמעט אינגאנצען מבטל געמאכט דאס תלמודישע יודענ=
טום און די אלטע אידישע זיטליכקייט, פערענטפערענדיג דאס מיט פער=
שידענע מאמרים, וועלכע מען האט געפונען אין זוהר און נאטירליך זיי
פאלש אויסגעטייטשט, אדער אין אנדערע קבלה=ספרים. תחלת האט מען
די שענדליכע מעשים געטהון בשתיקה, דערביי האט מען געזאמעלט בייע
חברים, ביסלעכווייז אבער , ווען די צאהל פון די חברים האט זיך פער=
גרעסערט, האט מען עפענטליך אנגעהויבען ארויסווארפען די מאסקע.
ענדליך האט דער לעמבערגער ראבינאט ארויפגלעגט א הארבען חרם אויף
די שבתיאנער. דעם חרם האט מען געלאזט אויסרופען אין שוהל דורך זי=
בען רבנים, מיט זיבען שופרות, ביי פערלאשענע ליכט, און אלע מיטגלי=
דער פון דער קהלה, ווי אויך אלע חדר=אינגלעך, האבען הויך געזאגט
„אמן“ אויף די שוידערהאפטע קללות פון חרם (תמוז 1722).

אבער מיט אזא מיטעל האט מען שוין די שבתיאנישע סעקטע נישט
געקאנט בייקומען. איהרע מיטגלידער האבען מיט א פאנאטישער התלהבות
אבגעשפאסט פונ'ם תלמוד, האטש ער איז געווען דער לעבענס=נערוו פונ'ם
יודענטום אין פוילען, און אנשטאט איהם האבען זיי זיך געקלאמערט
פעסט אין דער קבלה און אין זוהר. זיי האבען בשתיקה געשיקט (1725)
שליחים צו די שבתיאנער אין מעהרען, בעהמען און דייטשלאנד, כדי צו
קומען אין פערבינדונג מיט די געהיימע שבתיאנער פון יענע לענדער. די
שליחים האבען דורכגערייזט פיעל קהלות, נישט געבענדיג זיך אין ערגעץ
צו ערקענען, ווער זיי זענען באמת און מיט וואס פאר א ציעל זיי פאהרען.
ווער האט עס באמת געקאנט גלויבען, אז די דאזיגע רבנים, וועלכע פאה=
רען זאמלען געלד, ווי די קבצנים פון שטאדט צו שטאדט זענען אזוי
שטארק פרום זיך מפלפל אין תלמוד, — אז אט די רבנים זאלען גאר זיין
און געהיים אנגעהערען שבתי צבי'ס סעקטע? — אין דערזעלבער צייט
האט מען ארויסגעגעבען און פערשפרייט א ספר, וועלכער איז לפנים גע=
ווען עהנליך צו די געוועהנליכע קבלה=ספרים, אבער אין דער ווירקליכקייט
האט ער אנטהאלטען אזא מין ציניזם און גאטלעסטערונג, וואס מען
האט ביי אידען נאך נישט געזעהען. די העסליכסטע און אונריינסטע זאכען
ווערען הערין געשטעלט אין פערבינדונג מיט דער גאטהייט. די שפראך
פונ'ם ספר איז געווען תלמודיש — זוהר'ישטיש און דער גרונד=געדאנק,
ווי ביי נחמיה חיון אין זיין „מהימנותא דכלא“ — די לעהרע וועגען די
דריי פערזאנען אין דער גאטהייט און אנ'אנווייזונג, אז אויף א העכערען
שטאנדפונקט ווערט די תורה מיט איהרע געזעצען נישט פערפליכטענד פאר
די אידען. לויט ווי די דאמאלסדיגע שונאים האבען גערעדט, איז דער נאך
יונגער רבי יהונתן אייבשיץ געווען דערמחבר פונ'ם
דאזיגען ספר. דערוויזען געווארען איז אבער די זאך נישט.

דורך א צופאל האט מען זיך דערוואוסט וועגען דעם שליח פון
פוילען, משה מאיר קאמינקער, צו די געהיימע שבתיא=

נער. דער שליח משה מאיר האָט זיך נעמליך בעגעגענט אין מאַנהיים מיט אַ רב אַ קלייבער (אַ בעטלער), פ ת ח י ה, און האָט איהם אויסגעפלוידערט אַלע זיינע סודות וועגען די שבתיאַנער, גלויבענדיג אַז פתחיה איז אויך אַ שבתיאַנער. דער רב פתחיה האָט ענטדעקט די דאָזיגע סודות דעם דיין ר ב י י ו א ל ע נ ג ר י ש פון פראַנקפורט, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין מאַנהיים. דער דיין האָט איינגעשמועסט דעם שליח, אַז ער זאָל קומען מיט איהם קיין פראַנקפורט, וואו עס זענען כלומרשט פאַרהאַן פיעל שבתי־אַנער. אַזוי ארום האָט מען דעם שבתיאַנישען שליח משה מאיר פעסט גענומען מיט אַלע זיינע קרובים אין פראַנקפורט ביים רב ר ב י י ע ק ב כ ה נ א אין שטוב. צווישען די כתבים פון שליח זענען געווען פיעל בריעף פון די שבתיאַנער, ווי אויך איניגע בריעף פון רבי יהונתן אייבשיץ צו זיי און די בריעף פון די שבתיאַנער צו איהם. די שטרענגע אויספאָרשונג, וועלכע מען האָט באַלד געמאַכט דאַמאָלס (10 און 11־טען תמוז 1725), האָט דערוויזען, אַז מ ש ה מ א י ר ק אַ מ י נ ק ע ר, י ש ע י ה ח ס י ד און ל י י ב ע ל ע פּ ר ו ס ט י ץ זענען די הויפט־טוער אין דער שבתיאַנישער בעוועגונג און דעם גאון ר ב י י ה ו נ ת ן אייבשיץ האַלטען זיי פאַר שטעלפערטרעטער פון שבתי־צבי, ווייל דער גייסט פון'ם משיח האָט אויף איהם גערוהט. דער פראַנקפורטער ראַבי־נאַט האָט דאַמאָלס אַריינגעלעגט אין אַ האַרבען חרם משה מאיר'ן מיט זיינע חברים, ווי אויך אַלע שבתיאַנער, און ערקלערט, אַז יעדער איד איז מחויב צו ענטדעקען די שבתיאַנער און אַרויסגעבען זיי די אָרטיגע מנהיגים פון די קהלות און די רבנים. צום דאָזיגען חרם זענען צוגעשטאַנען (ס'הייסט: זיי האָבען מסכים געווען אויף איהם) רבנים פון פיעל קהלות אין דייטשלאַנד; איבעראַל האָט מען דעם חרם געלייענט אין די שולען און פערעפענטליכט איהם דורכ'ן דרוק. אַ טייל רבנים האָבען דאַמאָלס גע־פאָדערט, אַז מען זאָל אויך אַריינלעגען אין חרם דעם נאָך יונגען רבי יהונתן אייבשיץ; אָבער צוליעב זיין גרויסער לומדות, זיין גרויסען יחוס און בעוואוסטער משפחה אין פוילען, וואו מען האָט נישט געוואַגט אָנצו־ריהרען. כדי אָבער אַראָבצוואַרפען פון זיך דעם חשד, אַז ער האָט אַ שייכות צו די שבתיאַנער, האָט רבי יהונתן אייבשיץ אליין פאַרגעלייענט אין שוהל דעם חרם געגען זיי אום ערב יום כפור (1726).

און אין אַט דער צייט איז נחמיה חיון ווידער געקומען אין איי־ראָפּאַ און נאָך מעהר פערשטאַרקט דאָרט די מהומה צווישען די אידען, כדי צו בעוואָרענען זיך פון די רדיפות, האָט ער זיך בשתיקה מתקרב געווען צו די קריסטען און האָט בעקומען אַן אַריינגאַנג אין קייזערליכען הויף אין וויען, וואו ער האָט די אידען בערעדט, אַז דאָס זענען פערבלענדעטע מענשען, וועלכע ווילען נישט וויסען פון אמת'ן גלויבען, און האָט געגע־בען אַן'אָנצוהערעניש, דאָס ער גלויבט אויך אין דער דריי־איינגקייט, און דעריבער רודפן איהם די אידען. וועגען דעם צוועק פון זיין רייזע האָט

ער דערצעהלט, אז ער וויל מקרב זיין די אידען צום גלויבען אין דער דריי-איינינקייט. דורך די דאזיגע ערקלערונגען איז איהם געלונגען צו בעקומען אין קייזערליכען הויף א שוץ-בריעף פאר זיך, און דאן האט ער וויעדער אנגעהויבען צו פיהרען זיין שווינדעל; פון איין זייט האט ער זיך מתקרב געווען צו די שבתיאנער און פון דער אנדערער — צו די פרומע אידען. אבער דאס מאל זענען זיינע בעמיהונגען געווען אומזיסט: די אידען האבען אין ערגיץ איהם אין שטוב נישט אריינגעלאזט, ווייל די אויפרעגונג געגען שבתי צבי איז אומעטום געווען גרויס. אין פראג האט מען איהם אפילו אין שטאדט נישט אריינגעלאזען, און רבי יהונתנ'ס אייבשיץ'עס פרוי און שוויגער האבען איהם ארויסגעשיקט עסען הינטערן שטאדט, כדי ער זאל נישט אויסגעהען פון הונגער. רבי יהונתן אייבשיץ האט איהם אנ'עצה געגעבען, אז ער זאל אויף דער עלטער בעסער רוהיג זיצען; אבער דער אלטער שווינדלער האט זיך ניט געקאנט בערוהיגען און זיך געלאזען ווייטער אויף דער רייזע. אין בערלין האט ער געסטראשעט, אז אויב מען וועט איהם נישט געבען גענוג געלד, וועט ער זיך שמד'ן און אנטהון אידען בזיונות און צרות. ענדליך איז ער געקומען קיין אמשטערדאם, וואו ער האט געמיינט צו געפינען פריינד. אבער ער האט א טעות געהאט; אלע זיינע פעלשונגען און שווינדלערייען זענען שוין ענטדעקט געווען. דער חרם, וואס מען האט דאמאלס ארויפגעלעגט צום צווייטען מאל אויף די שבתיאנער, איז אויך געווען חל אויף איהם, נחמיה חיון (ניסן 1726). נישט קאנענדיג מעהר האלטען זיך אין איירָאפא און אין טערקיי, איז חיון אוועק קיין צפון-אפריקא, וואו ער איז געשטארבען אין טיעפען עלטער נאך א לעבען, פול שווינדלעריי און רמאות. זיין זוהן איז שפעטער ארויסגעטראטען אלס נקמה-נעהמער: ער האט זיך גע'שמד'ט און אין פויפסטליכען הויף האט ער אנגערעדט אויף אידען פיעל רשעות — אט דאס איז געווען די פרוכט פונ'ם זעלבסטמארד, וואס די אידען האבען דאמאלס שיער נישט בעגאנגען דורך דער אונזיניגער משיחישער בעוועגונג.

זעהר פיעל האפנונגען, וועלכע די אידען האבען אין משך פון הונדערט יאהר ארויפגעלעגט אויף דער משיחישער בעוועגונג, זענען געוואָרען צו נישט; זעהר פיעל בזיונות און חרפות האבען די אידען געמוזט אריבערטראגען פאר'ן צוטרוי, וואס זיי האבען געהאט צו שבתי-צבי, צו זיינע פאלשע נביאים און דער גאנצער מחנה שווינדלער און רמאים, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, — אבער נישט דאס און נישט די הארבע חכמות האבען געווירקט אויף אויסצוווארצלען אינגאנצען ביי אידען די קבליסטיש-משיחישע פאנטאסטערייען די אונגעזונדע זאפטען, מיט וועלכע מען האט אין משך פון לאנגע צייט פער'סמ'ט דעם ארגאניזם פון אידישען פאלק, זענען ענדליך ארויסגעטרעטען עפענטליך, אלס א העסליכע צרעת. די פערדארבענקייט האט שוין געהאט ארומגענומען אויך איינינע

בעסטע חלקים פון פאָלקס־אָרגאַניזם. דער טאַלאַנטפולער און הארציגער
יונגער מאַן, משה חיים לוצאַטאָ, וועלכער וואָלט ביי נאָרמאַלע
בעדינגונגען געקאָנט ווערען אַ ציערונג פאַר׳ן אידישען פאָלק, איז ביי דער
אַלגעמיינער פערווילדערונג אויך אַנגעשטעקט געוואָרען פונ׳ם שעדליכען
סם און האָט מיסברויכט מיט זיין שענעם טאַלאַנט דורך פאַנטאַסטעריען
און האָט אפילו אויך געשטיצט די אַלגעמיינע פערבלענדונג. אַ געפיהל
פון וועהטאָג מוז אַרומנעהמען יעדעם האַרץ, ווען מען זעהט, אַז אַזאַ פאַ־
עטיש־בעגאַבטע נשמה חלומט ווענען ווילדע און פוסטע פאַנטאַזיעס און
ער לאָזט זיך אַרונטער צו איין מדרגה מיט די שענדליכע שווינדלער חיון
און מלאך — אַ שענער שטראַהל פון דער זון, וועלכער ווערט פערלאַ־
רען אין אַן׳אונגעזונדען זומפּ!

רבי משה חיים לוצאַטאָ (געבוירען 1707, געשטאָרבען
1747) האָט געשטאַמט פון א רייכער משפחה אין פאַדואַה. העברעאיש און
לאַטייניש, וועלכע זענען געוואָרען אַ נויטוועגדיגע בעדערפעניש פאַר יע־
דער ליטעראַרישער בילדונג, די ערשטע ביי אידען, די צווייטע — ביי
קריסטען, האָט לוצאַטאָ גרינדליך אויסגעלערנט נאָך אין זיין יוגענד. ביי־
דע שפראַכען האָבען זעהר שטאַרק בעפרוכטעט זיינע נאַטירליכע פעהיג־
קייטען: די לאַטיינישע שפראַך האָט איהם געעפענט די וועלט פון דער
קונסט און שענהייט; די העברעאישע — די ערהאַבענע געטליכקייט. לו־
צאַטאָ האָט געהאַט אַ צאַרט פיהלענדע האַרץ פון אַ דיכטער, אַ וואונדער־
ליכע האַרפע, וועלכע האָט אויפגענומען יעדע בעוועגונג אין דער וועלט
און אין לעבען און אַרויסגעגעבען זי אין האַרמאָניש קלינגענדע טענער.
זיין דיכטערישע בעגאַבונג ווייזט אַרויס אי קראַפט, אי ליעבליכקייט, אי
אַ רייכע פאַנטאַזיע, אי אַן׳עשירות פון פאַרבען און בילדער, ביי אַ ריכ־
טיגען געפיהל פון מאָס און פראָפאָרציע. און אויב עס זענען פאַרהאַן
אַזעלכע, וואָס האַלטען העברעאיש פאַר אַ טויטע שפראַך, מוזען זיי מודה
זיין, אַז ביי לוצאַטאַ׳ן איז זי געווען יוגענד־פריש, פול לעבען און וואויל־
קלינגענד. — פיעל בעגאַבטער אַלס יוסף פענסא דעס לא וועגא,
האָט לוצאַטאַ אין זיין זיבצעהנטען יאָהר שוין געדיכטעט אַ דראַמאַ פון
דער אַלטער אידישער העלדען־וועלט: „שמשון ופלשתים“; אין דער האָוי־
גער יוגענד־אַרבייט דערקענט מען שוין דעם צוקונפטיגען גרויסען קינסט־
לער. קוים אַלט צוואָנציג יאָהר האָט ער שוין געדיכטעט הונדערט
און פופציג מזמורים — אַ נאַכאַהמונג צום תהלים מיט דער פריש־
קייט און ריינקייט פון אַן׳עכט אָריגינעלער יונגער שפראַך. אין דערזעל־
ביגער צייט האָט ער געריכטעט אַ צווייטע העברעאישע דראַמאַ „מגדל
עז“ אָדער „תומת ישרים“ — דער „הויכער טהורם“ אָדער די „תמימות
פון די גערעכטיגקייט“ — אין פיער אַקטען און שענע שירים. די שפּראַך
איז דאָרט וואוילקלינגענד, די בילדער—פול חן אבער אָרים אין געדאַנ־
קען, אַבהענגיג פון די איטאַליענישע מוסטערן. בכלל געהט נאָך דאָ דער

דיכטער מיט געמאכטע הילצערנע פיס: די טריט זענען גרויסע, אבער ווייניג נאטירליכע.

די דאזיגע פעהיגקייט, די לייכטקייט און געשיקטקייט איינצוקליידען אייגענע און איבערגענומענע געדאנקען אין אנ'אייגענער, אדער א פרעמדער פארם — א פעהיגקייט, וועלכע האט ביי גארמאלע בעדינגונגען געקאנט ווערען פאר איהם א ברכה, איז געווארען פאר איהם א קללה ביי דער דאמאלסדיגער אלגעמיינער שטימונג. איינמאל (סיון 1727) איז איהם פלוצלונג איינגעפאלען דער אונגליקליכער געדאנק נאכצומאכען די שפראך פון זוהר, און די דאזיגע ארבייט איז איהם אויך אזוי געלונגען, ווי זיין דיכטערישע ארבייט מיט די מזמורים פון תהלים. די דאזיגע ארבייט האט איהם מבלבל געוועזען דעם מוח. ער האט זיך איינגעשמועסט, אז זיין נאטירליכע בעגאבונג איז כלל נישט קיין נאטירליכע, נור דאס איז א „געטליכע ענטפלעקונג", פונקט ווי דער זוהר גופא איז געוועזען. ווען זיין מייסטערשאפט איז בעוואוסט געווארען אין דער אומגעגענד, זענען אייניגע מקובלים פון ווענעדיג געקומען צו איהם און פערשטארקט איהם אין דער מיינונג, אז גאט האט אויף איהם געמאכט רוהען זיין שכינה. אין די אידישע גהעטא'ס איז די אטמאספערע דאמאלס בכלל געוועזען אנגעזאפט מיט דער אמונה און קבלה און אין וואונדערליכע מופתים. רבי משה חיים לוצאטא האט תמיד געהערט דערצעהלען וועגען די וואונדערליכע „מגידים" אדער מלאכים, וועלכע זענען ערשינען צו די עלטערע מקובלים און ענטדעקט זיי די סודות פון דער תורה, און דעריבער האט ער אנגעהויבען גלויבען, אז אויך איהם האט גאט מזכה געוועזען מיט זיין גרויסען חסד. ער האט דעריבער זיך אלץ מעהר פערטיפט אין זוהר און אין די כתבים פון אר"י ז"ל, ווי אויך אין די אנדערע ספרים פון די מקובלים. דערביי האט אבער זיין געזונדער פערשטאנד און זיין שענהייט-געפיהל איהם נישט דערלאזען אבשטעלען זיך בלויז ביי דער פראזעלאגיע פון די מקובלים, נור ער האט זיך בעמיהט צו געפינען א וועלכען עס איז סיסטעם און ארדנונג אין דער קבלה. אין דער היניזכט אבער איז ער שוין געווארען אזעלבסטשטענדיגער דענקער, און אט האט ער אנגעהויבען גלויבען, אז זיינע אריגינעלע געדאנקען שטאמען פון אנ'איבערנאטירליכען קוואל — פון רוח-הקדש, אדער א געטליכער ענטפלעקונג, וואס ער בעקומט אונבעוואוסטזיניג. — באלד האט רבי משה חיים לוצאטא מגלה געוועזען פאר א פאר פון זיינע תלמידים, אז א מלאך אדער א „מגיד" ערשיינט איהם און ענטדעקט איהם די סודות פון דער תורה; ער האט אויך אנגעהויבען גלויבען, אז ער איז א משיח. וועגען זיין נאכאהמונג צום זוהר, אדער וועגען זיין „צווייטען זוהר" האבען זיך פערשפרייט קלאנגען, אז א מלאך האט איהם בעפוילען מיט דער הסכמה פון גאט און פון דער שכינה מחבר צו זיין דעם דאזיגען ספר, און אליהו הנביא, אברהם אבינו און דער אלטער תנא רב המנונא, טיילמאל חער מלך-המשיח און אדם-

הראשון ערשיינען פאר איהם און בעפוילען איהם צו שרייבען זיינע פירושים אין זוהר־פראגמענטען. — פון דער זאך האט זיך באלד דערוואוסט רבי משה האגיז, וועלכער האט דאמאלס געוואוינט אין אלטאנא, און אט האט ער אנגעהויבען פאדערן פון די רבנים, אז מען זאל דעם יונגען מקובל רבי משה חיים לוצאטא אריינלעגען אין חרם, אויב ער וועט נישט מבטיח זיין אבצוזאגען זיך פון זיינע פאנטאסטערייען. לוצאטא האט אבער נישט געוואלט אזוי לייכט אונטערגעבען זיך. אין א בריעף, וואס ער האט צוגעשיקט צו רבי משה האגיז, ערקלערט ער אפילו, אז ער איז, חלילה, נישט פון שבתי־צבי'ס אנהענגער און קיין שייכות צו די שווינדלער האט ער געווים נישט; אבער דערביי טענה'ט ער אויך, אז גאט האט איהם מזכה געווען מיט רוח הקדש און נישט ער איז דער ערשטער, נישט ער דער לעצטער, וועמען גאט געפינט פאר ווערט צו בעגליקען מיט זיין הייליגען גייסט... כל זמן לוצאטא איז געווען רייך און געהאט פיעל פריינד, האבען די ווענעציאנישע רבנים זיך נישט דערוואוגען ארויסצוטרעטען געגען איהם; נאכדעם אבער, ווי זיין משפחה איז פעראָרימט געווארען, האט מען אנגעהויבען ווארפען שטיינער אויפ'ן יונגען בעל מקובל און פאנטאסט, באלד האבען די מיטגלידער פון ווענעציאנער ראבינאט איהם אריינגעלעגט אין חרם און זיינע ספרים האבען זיי פערמשפט צום פערברענען (1734). דער אונגליקליכער האט געמוזט זיך נעהמען פאר'ן וואנדער־שטעקען און פערלאזען זיינע עלטערן און זיין ווייב און קינד. נאך מעהר אבער איז איהם וועה געווען צו מוזען זיך שיידען פון זיינע קבליסטישע חברים. — ווען רבי משה חיים לוצאטא איז געקומען קיין פראנקפורט, האט דער דארטיגער בית־דין איהם געצוואונגען צו געבען א הארבע שבועה, אז ער וועט מעהר מיט קיינעם נישט לערנען קיין קבלה און נישט דרוקען קיין קבלה־ספרים. לוצאטא האט מיט גרויס וועהטאג געפירט די דאזיגע ערנידעריגונג. איינגיכען האט ער פערלאזען די שטאדט פראנקפורט און איז אבגעגאנגען קיין אמשטערדאם, וואו די הצלחה האט איהם שוין אביסעל צוגעשמייכעלט. די פארטוגיעזישע קהלה האט איהם אויפגענומען פריינדליך און בעשטימט איהם א געוויסע געהאלט פאר זיין חיונה. אין שטוב פונ'ם עושר משה דע חאוועש האט מען איהם בעזונדערס שטארק מקרב געווען און ער איז דארט געווארען א לעהרער פאר דעם עושר'ס זוהן. ווייל אבער ער האט נישט געוואלט ווערען אבהענגיג פון עמיצען, האט ער זיך גענומען צו שפינאזא'ס גראפעסיע. ער האט זיך אויסגעלערנט שלייפען אפטישע גלעזער. די דאזיגע פראפעסיע האט איהם אויך געבראכט דערצו, אז ער זאל אנהויבען בעשעפטיגען זיך מיט פיזיק און מאטעמאטיק.

בעשעפטיגענדיג זיך מיט דער דאזיגער פראפעסיע פאר זיין חיונה און מיט דער קבלה פאר זיינע גייסטיגע בעדערפענישען, האט רבי משה חיים לוצאטא (1743) אויך בעוויזען צו דיכטען א נייע קונסט־ווערק.

וועלכע איז לויט דער שפראך און דער פארם, א פאלענדעטע דראמע — א מאנומענט פון א רייך בעגאבטען טאלענט. לויט ווי לוצאטא ערקלערט, האט ער געדיכטעט דאס ווערק צום אנדענקען פון דער חתונה פון זיין תלמיד יעקב דע האוועש מיט ר ח ל ד א וועגא ע נ ר י ק ע ז, און האט עס א נאמען געגעבען „לישרים תהלה". דער דיכטער האט פון דער ערשטער צייט אן, ווען ער האט דעם „מגדל-עז" געדיכטעט, ביז דער לעצטער צייט איבערגעלעבט זעהר פיעל; ער האט זיך גוט בעקענט מיט'ן „ה מ ו ן", ווי עס איז אונבעשטענדיג אין לעבען און אנשויאונגען, פונקט ווי א וועטער-שטעקעלע, וואס וואקסט אויפ'ן ברעג טייך; דער המון, אדער די מאסע, לאזט זיך לייכט נעהמען געפאנגען דורך דער „פ א ל ש ק י י ט", נעגען וועלכער עס קאן אפילו די „ח כ מ ה" אליין נישט פיעל אויפטהון; דער דיכטער האט געהאט די געלעגענהייט צו זעהען, ווי די „ד ו מ ה י י ט" האט זיך פעראייניגט מיט דער „א ו נ וו י ס ע נ ה י י ט" און צוזאמען אבגעשפאטעט פון די קינדער פון „ג יי ס ט" (דעם „ש כ ל"); ער האט אויך געזעהען, „ש ל ו י ה י י ט" און „ג א ו ה" נעהמען צו ביי דעם כשר'ן „פ ע ר ד י נ ס ט" זיין קרוין און טהוען זי אן זיך אליין. דער דיכטער לעבט אבער מיט דער איבערצייגונג, אז סוף כל סוף וועט דאס „פ ע ר ד י ע נ ס ט" דאס זייניגע בעקומען און זיין געליעבטע די „ב ע ר י ה מ ט ק י י ט" — די „תהלה" וועט ער בעקומען פאר א כלה, אויב ער וועט זיך נור לאזען פיהרען ד ו ר ך דעם „ש כ ל" און זיין דיענערין דער „ג ע ד ו ל ד".

אט די געדאנקען האט לוצאטא איינגעקליידעט אין דער פארב פון א דראמאטישען משל, געמאכט עס לעבעדיג שילדערנדיג דאס אין דער פארם פון דיאלאגען צווישען לעבעדיגע פערזאנען — שכל, מאסע, פאלשקייט און א. ז. וו. — אדער אין זייערע מאנאלאגען. עס פערשטעהט זיך, אז קיין דראמא אין שטרענגען זין איז עס נישט: די ארויסטרעטענדע פערזאנען זענען נישט קיין לעבעדיגע בעשעפענישען; זיי זענען בלויז אבסטראקטע בעגריפען. די דראמאטישע האנדלונג איז זעהר שוואך; דאס איז איינענטליך בלויז א שענער קראנץ פון שירים, האטש מען בעגעגענט דערין אויך העכסט שענע בילדער פון דער נאטור. וואס זואלט אבער אזא לוצאטא געקאנט ווערען פאר דער העברעאישער פאעזיע, ווען ער וואלט זיך נור געקאנט בעפרייען אינגאנצען פון דער קבלה! די קבלה האט איהם אבער געהאלטען פעסט צוגעשמידעט צו זיך, און באלד נאכדעם, ווי ער האט זיין דראמא געענדיגט, ווען ער איז שוין כמעט אלט געווען פערציג יאהר און האט צוריק געמאכט זיך בעשעפטיגען מיט דער קבלה, וועלכע איז איהם, לויט זיין שבועה געווען פערבאטען — האט ער זיך געלאזט אויף דער רייזע קיין ארץ-ישראל, כדי דארט צו לערנען קבלה מיט תלמידים, אדער נאר שפיעלען די ראלע פון א משיח. אבער איידער ער האט דארט געוויזען זיך איינצוארדנען, איז ער געשטארבען אין דער מגפה (כ"ו אייר

התק"ז 1747) און מקבר געוואָרען אין טבריה (לויט ווי די מסורה זאָגט, נעבען דעם קבר פונ'ם תנא רבי עקיבא). ביידע גרויסע ניי-העברעאישע דיכטער: רבי יהודה הלוי און רבי חיים לוצאטא האָבען געדאַרפט געפינען זייער אייביגע רוה אינ'ם אַלטען אידישען לאַנד.

פון דער צייט אָן, ווען מען האָט נאָכ'ן רמב"ם אָנגעהויבען פערפאָלגען ביי אידען די וויסענשאַפט און עס איז ענטשטאַנען די קבלה, וועלכע האָט ביסלעכווייז זיך איינגעבירגערט ביי אידען, ביז זי האָט לסוף פערנומען אַלע מחות און אָנגעהויבען צו געוועלטיגען אין רעליגיעזען און גייסטליכען אידישען לעבען, האָט זיך אין דער אידישער וועלט אָנגעזאַמעלט אַ היבש ביסעל אונריין וואַסער, וואָס איז פערוואַקסען געוואָרען מיט אַ דיקער שיכט פון פרעמדען שמוץ און ווי אַנ'אונגעזונדער זומפ האָט עס אָנגעהויבען אַרויסטרייבען נייע גיפטיגע געוויקסען, פערסם'ענדיג די ריינע און אונריינע גלידער אין אידישען אָרגאַניזם. אַמגעפעהרליכסטען איז געוואָרען דער דאָזיגער סם מיט אַ יאָהרהונדערט פאַר דער איציגער צייט-עפּאָכע, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דער שגעון פון שבתי צבי, דעם פאַלשען משיח פון סמירנא; דער דאָזיגער שגעון האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיגט מיט'ן אַריינלעגען אין חרם נחמיה חיון מיט'ן משולח משה מאיר קאַמינקער פון פוילען, וועלכער איז געפאָהרען אין מערב-אייראָפּא, כדי צו פעראייניגען די שבתיאַנער אין אַלע מדינות דער אונריינער שטראָם האָט פערקעהרט אָנגעהויבען אַריינדרינגען אויך אין יענע שיכטען אין דער אידישער וועלט וואו מען האָט איהם כלל נישט געקאָנט ערוואַרטען. די רבנישע וועלט, וועלכע איז אינגאַנצען געווען פערנומען מיט'ן לערנען תלמוד און פוסק כ' האָט נישט געהאַט קיין לעדיגען אָרט פאַר דער קבלה. נור וואו נישט וואו איז די קבלה ביסלעכווייז אהין אַריינגעדרונגען בגנבה, און איינגעוואָרצעלט זיך דאָרט, דיקטירענדיג אויך אַ טייל פּראַקטישע דינים. ערשט די שבתיאַנישע בעוועגונג האָט אויפגערודערט די רבנישע וועלט. וועלכע איז געגען איהר אַרויסגעטראָטען מיט חרמים און קללות. אָבער צווישען די רבנים האָט זיך אויך געפונען איינער אַ גרויסער רב, וועלכער האָט אויך מיט איהר אָבגעגעבען זיך אין אַ געוויסער מאָס, און דאַדורך האָט זיך אָנגעהויבען אַ שענדליכע מחלוקת, וועלכע האָט פערניכטעט יעדע אָרדנונג און אייניגעהאַלטענקייט און אָבגעשוואַכט נאָך מעהר די הייליגקייט פון אמת און גערעכטיגקייט. די פערווילדערונג האָט דאַדורך דערגרייכט ביז דער העכסטער מדרגה.

דער גאון רבי יהונתן אייבשיץ, אָדער דער רבי „רבי יהונתן", ווי מען האָט איהם גערופען (געבוירען אין קראָקוי 1690, געשט. אין האַמבורג 1764) האָט געשטאַמט פון אַ משפחה פון בעוואוסטע מקובלים. זיין פאָטער, רבי נתן נטע, איז געווען אַ געוויסע צייט רב אין אייבשיץ (מעהרען) און דערפון שטאַמט דער פאַמיליען-נאָמען. זייענדיג

בעגאבט מיט א אונגעוועהנליך שארפען פערשטאנד און א אייזערנעם זכרון, האט דער יונגער יהונתן געהאט דאס אונגליק אדאמאלדיגע, זעהר אונרעגעלמעסיגע ערציהונג, אדער ריכטיגער, ער איז ערצויגען געווארען אין דער פערווילדערונג פון יענער צייט, וועלכע האט איהם געגעבען נור שטאף פאר זיין קאפ־ארבייט: דעם תלמוד מיט די פוסקים און די קבלה מיט איהרע פאנטאזיעס וועגען די אונענדליכע עולמות. דער תלמוד האט געשפייזט דעם שארפען מח, און די קבלה—דאס געפיהל און דאס הארץ. ביי א רעגולערער ערציהונג האט רבי יהונתן אייבשיץ געקאנט זיין אדער א שארפער יוריסט אדער א גרויסער מאטעמאטיקער. די טויערען פון דער וויסענשאפט זענען אבער דאמאלס געווען פערשלאסען פאר דער אידישער יוגענד אין פוילען, און דער קרייז פון לערנען און שטודיום איז געווען ענג בעגרענעצט דורך די ווענד פון בית־המדרש. אנשטאט עכטע וויסענשאפט האט ער זיך דעריבער געמוזט בענוגענען מיט דילעטאנטיזם. מעגליך, אז ער האט אליין געגלויבט, אדער ער האט געוואלט, אז אנדערע זאלען גלויבען, דאס ער איז א עכטער וויסענשאפטס־מענש, און א קענער פון אלע וויסענשאפטען (ענציקלאפעדיסט). פון זיינע ספרים, וועלכע האבען נישט קיין שייכות צו הלכות, זעהט מען דאס נישט ארויס; אפילו אין דער פילאזאפישער ליטעראטור, לויט ווי זי איז געווען אין העברעאיש, איז ער נישט בעהאווענט געווען. אנ׳אמת׳ער גאון איז ער אבער געווען אין תלמוד. צו פערענטפערען די שווערסטע קשיות אין תלמוד, אדער צו געפינען א אנאלאגיע צווישען די ווייטעסטע ענינים איז ער געווען אנ׳ אמת׳ער חריף, ווי קיין אנדערער רב אין זיין צייט און אפילו אויך אין די פריהערדיגע דורות.

דער תלמוד אליין האט איהם אבער נישט צופרידענגעשטעלט. מיט זיין שטורמישען טעמפעראמענט און שארפען קאפ האט ער געשטרעבט צו עטוואס העכערעס, חאטש ער האט אליין נישט געוואוסט צו וואס אייגענטליך. ווי עס שיינט, האט אויף איהם געמאכט אין דער יוגענד א שטארקען איינדרוק נחמיה חיון, בשעת ער איז געווען צום ערשטען מאל אין פראג. אויך אין אברהם מיכאל (מיגואל) קארדאזאס ספרים האט ער זיך פערטיפט, חאטש זיי זענען געווען ערקלערט פאר אפיקורסישע, און מען האט פערבאטען צו לערנען זיי. דעם הויפט־געדאנק פון די דאמאלסדיגע שבתיאנער, אז דער העכסטער גאט, די ערשטע סיבה, שטעהט נישט אין פערבינדונג מיט דער וועלט, נאר א צווייטע פערזאן איז די גאטהייט, וועלכען מען רופט „דער גאט פון ישראל“, האט די וועלט בעשאפען און געגעבען די אידען די תורה—אט דעם אפיקורסישען געדאנק האט רבי יהונתן אייבשיץ אנערקענט. ווי עס שיינט, האט ער אבער אויך אנערקענט די קאנסעקווענץ פון דעם דאזיגען געדאנק, נעמליך, אז שבתי־צבי איז געווען די דאזיגע צווייטע פערזאן, דער אידישער משיח. (אזוי ווענינ־סטענס ערקלערט וועגען רבי יהונתן אייבשיץ זיין געגנער רבי יעקב עמדען).

רבי יהונתן אייבשיץ האָט אָבער נישט געהאַט אַזאַ פעסטען חאַ־ראַקטער און נישט אַזאַ תקיף אין זיינע מיינונגען, אַז ער זאָל זיין דענקען פערוויקליכען אויך אין זיינע מעשים. צו ברעכען מיט'ן תלמודישען יו־דענטום עפענטליך, אַרויסצוטרעטען אלס געגען־תלמודיסט, ווי דאָס האָבען געטהון פיעל שבתיאנער אין פוילען, און אָבשיידען זיך פון כלל־ישראל — דאָס האָט ער כלל נישט געוואָלט. ער איז געווען צו פראַקטיש — קלוג און צו שטאַרק מענש, וואָס האָט ליעב געהאַט די רוהיגקייט, אַז ער זאָל זיך וועלען אריינלאָזען אין אַ שטראָם, וואָס וואָלט איהם געהאַט געבראַכט נאָר רדיפות און ענוים. אויסער דעם האָט ער שטאַרק געליבט דעם תלמוד מיט זיין רייכען פלפול, וועלכער האָט איהם געמאַכט פערגעניגען, דען ער האָט איהם געגעבען די מעגליכקייט אַרויסצוּווייזען זיין שאַרפען וויציגען פערשטאַנד; שיידען זיך פון תלמוד וואָלט פאַר איהם געהייסען — אָבזאָגען זיך פון לעבען.

אלס איין און צוואַנציגער יעהריגער יונגערמאַן, האָט רבי יהונתן שוין געהאַט אַ אייגענע ישיבה, וואו ער איז געזעסען אַרומגערינגעלט פון תלמידים, וועלכע האָבען געגאַרט צו הערען זיינע שאַרפע שיעורים אין תלמוד און פלעגען בעוואונדערען, ווי ער פלעגט זיך כמעט שפּילען מיט די שווערסטע ענינים און פערענטפערען זיי לייכט. ער האָט זיינע תלמידים צוגעשמידט צו זיך אויך דורך זיין פריינדליכען, מען קאָן זאָגען גוט־ברודערשען (סטודענטישען) וועזען. שטרענג איז ער געגען די תלמידים קיינמאָל נישט געווען, נאָר שטענדיג מיט אַ פריינדליכען שמועס און גאַנץ אָפט אויך מיט אַ ליעבליכען שאַרפען וויץ. די צאָהל פון זיינע תלמידים האָט זיך דאַריבער פערגרעסערט פון יאָהר צו יאָהר און האָט אָפט דער־גרייכט אין די טויזענדער. דאַדורך איז ער אָבער געוואָרען אַ גרויסער מפורסם אין די וויטעסטע אידישע קהלות, דען זיינע תלמידים האָבען איבעראַל דערצעהלט וואונדערליכע זאַכען וועגען זייער גרויסען רבי'ן, און אָט דאָס האָט איהם בעשיצט אויך אין דער צייט, ווען מען האָט אויף איהם געוואָלט מאַכען גרויסע אָנפאַלען און אַריינלעגען איהם אין חרם צו־זאַמען מיט די שבתיאנער, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין נאָהנטער בעציהונג. די פראַגער קהלה האָט אפילו אויך געפונען פאַר נויטיג, צו גע־בען איהם אַ הויכע התמנות, ווי עס פאַסט פאַר זיין גרויסע לומדות, און בעשטימט איהם פאַר אַ דרשן (1728).

איגנאַנצען האָט מען אָבער נישט פערגעסען דעם חשד, וואָס מען האָט געהאַט אויף איהם אין דער יוגענד, אַז ער איז נוטה צו די שבתיאַ־נער. אין יאָהר 1733 איז וואַקאַנט געוואָרען אין מעץ די שטעלע פון רבנות. רבי יהונתן אייבשיץ האָט זיך דאַמאָלס משתדל געווען צו בעקומען די דאָזיגע שטעלע. אָבער דאַמאָלס איז אַרויסגעטראָטען געגען איהם די אַל־טע רביצי'ן, די אלמנה פון פערשטאָרבענעם רב און ערקלערט פאַר די פרנסים, אַז עס וועט זיין אַ חרפה, אויב זיי וועלען איינלאַדען פאַר אַ רב

אויף דער אלטער רבנות, וואס עס האבען אין א משך פון פיעל דורות פערנומען גאונים און צדיקים—א מענשען, וועלכער איז פערבונדען געוועזען מיט די שבתיאנישע אפיקורסים. די אלמנה האט מתרה געווען די מעצ'ער בעלי-בתים, אז זיי זאלען זיך נישט דערוועגען מבזה צו זיין אויף אזא אופן איהר פערשטארבענעם מאן. די דאזיגע התראה האט געווירקט, און די רבנות-שטעלע איז אבגעגעבען געווארען דעם גאון רבי יושע פאלק פון קראקוי (דעם בעל „פני יהושע") (געבוירען 1680 געשטארבען 1757), וועלכער איז ביז דאמאלס געווען רב אין בערלין און אין איהר גאנצער סביבה רבי יושע פאלק איז אבער געבליבען אין מעץ אויף דער רבנות נישט לאנג, ווייל מען האט איהם איינגעלאדען אין פראנקפורט אויף רבנות; דאמאלס איז רבי יהונתן אייבשיץ אויסגעקליבען געווארען פאר א רב אין מעץ (1745). איידער אבער רבי יהונתן האט די שטעלע פערנומען, איז אויסגעבראכען די מלחמה צווישען פריסען אונטער פרידריך דעם גרויסען און עסטרייך אונטער מאריא טערעזא. א פראנצויזישע ארמעע פעראייניגט מיט פריסען און דעם געגען-קייזער קארל דעם זיבעטען האט בעזעצט פראג. די סיסטעמאטיש פערגארישטע בעפעלקערונג אין בעהמען און מעהרען, האט פערשפרייט א קלאנג, אז די אידען האלטען פעררעטעריש מיט'ן פיינד, ווייל דער פריסישער קעניג פרידריך דער גרויסער, א פראטעסטאנטישער אפיקורס, איז א פריינד פון די אידען. אין מעהרען האט זיך דאריבער אנגעהויבען א שטארקע אויפרעגונג געגען די אידען און איינער פון די עסטרייכישע פעלד-מארשאלען האט געמאכט דעם אנשטעל, אז ער גלויבט אין בלבול און ארויסגעגעבען א בעפעהל 14-טען מערץ (1742), צו בעשטראפען די ארעמע אידישע קהלות אין מעהרען מיט פופציג טויזענד גאלד-גילדען קאנטריבוציע, און אויב זיי וועלען דאס געלד נישט איינצאהלען, וועט מען זיי בעראבעווען און אויסהרג'ענען. א דאנק דער השתדלות מיט מסירת נפש פון צוויי ווינער אידען, דעם באראן דע אגילאר און דעם רייכען רב רבי יששכר בעריש עשקעלעש, האט די קייזערין מאריא טערעזא מבטל געמאכט דעם בעפעהל.

אויסגעקליבען געווארען פאר א רב פון מעץ, וועלכע האט געהערט צו פראנקרייך, האט ר' יהונתן אייבשיץ זיך מתקרב געווען צו די פראנצויזען, וועלכע זענען אריינגעקומען אין פראג. דאס איז געווען א ריזיקאלישער, פאליטיש-אונקלוגער שריט, וועלכען רבי יהונתן האט געמאכט, מעגליך, כדי צו פערזיכערען זיך בעסער זיין שטעלע אויף רבנות אין מעץ. דער פראנצויזישער קאמענדאנט האט איהם געגעבען א שוץ-בריעף, צו קאנען קומען אונגעשטערט קיין פראנקרייך; דאדורך האט ער אבער דערוועקט ביי דער בעהמישער בעפעלקערונג דעם חשד, אז ער פיהרט פעררעטערישע אונטערהאנדלונגען מיט פראנקרייך. נאכדעם ווי די פראנצויזען האבען זיך ארויסגעצויגען פון שטאדט (סוף 1742), האט די עסטרייכישע רעגירונג

איינגעאָרדענט א אויספאָרשונג וועגען אייבשיץ'עס אויפפיהרונג און אַרויסגעלעגט אַנ'אַרעסט אויף זיין רעשט ביסעל פערמעגען, וואָס איז געבליבען נאָכדעם, ווי די פראַנצויזען האָבען די שטאָדט בערויבט. וועהרענד דער אויספאָרשונג וועגען רבי יהונתן אייבשיץ, האָט די רעגירונג זיך געוואָרפען א חשד אויף אלע בעהמישע אידען, אז זיי זענען פעררעטער געגען עסטרייך, און די קאַטוליש־פרומע קייזערין מאַריא טערעזאַ, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר אייזערנעם האַרץ, האָט פלוצלונג (18־טען דעצעמבער 1744 פאַר די בעהמישע אידען און 2־טען יאַנואַר 1745 פאַר די אידען פון מעהרען) אַרויסגעגעבען א בעפעהל אַרויסצוטרייבען אלע אידען פון בעהמען און מעהרען אין א משך פון א קורצער צייט. „צוליעב וויכטיגע טעמים“; ווער עס וועט זיך געפינען פון די אידען אין די דאָזיגע מדינות נאָכ'ן גירוש, יענעם וועט מען „מיט מיליטערישער מאַכט“ אַרויסטרייבען פון לאַנד. דעם דאָזיגען דעקרעט האָט מען פערווירקליכט מיט אַנ'אכזריות'דיגער ערנסטקייט. די לאַגע פון די בעהמישע און מעהרישע אידען איז געווען זעהר טרויעריג. וואוהין זאָלען זיי זיך ווענדען? אין אכצעהנטען יאהרהונדערט האָבען די קריסטליכע מלוכות שוין מעהר נישט געזוכט צו האָבען די אידען פאַר בירגער אין זייערע לענדער, אזוי ווי פריהער, ווייל די אידען זענען שוין איצט געווען אָרעם און דאס לעצטע ביסעל פערמעגען, וואָס זיי האָבען געהאַט איז פערניכטעט געוואָרען אין דער צייט פון דער מלחמה. רבי יהונתן האָט, משמעות, געשפירט זיך שולדיג אינ'ם אידישען אונגליק, און ער האָט זיך דאריבער געווענדעט מיט א ביטע צו די ספרדישע קהלות אין פראַנקרייך, אין באַיאָן און באָרדאָ, אז זיי זאָלען שטיצען די אונגליקליכע; ער האָט זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דער אידישער קהלה אין רוים, אז מען זאָל זיך משתדל זיין ביי'ם פויפסט, דאָס ער זאָל ווירקען אויף דער עסטרייכישער קייזערין לטובת די אידען. דאָס אַלץ האָט אבער נישט געהאַט קיין גרויסע בעדייטונג. מעהר ווירקזאם האָט זיך, ווי עס שיינט, אַרויסגעוויזען די השתדלות פון די ווינער „הויף־אידען“, דעם באַראָן דע אגילאַר און דעם רב רבי ישׂשכר בעריש עשקעלעס און אנדערע אידישע חשובים אין קייזערליכען הויף און ביי די הויכע שרים. אויך קריסטליכע מענשען־פריינד האָבען פאַר זיי זיך משתדל געווען, צווישען זיי אויך די געזאַנדטע פון האָלאַנד און ענגלאַנד. וועגען דעם פאַלשען חשד, אז די אידען האָבען געהאַנדעלט ווי פעררעטער בשעת דער מלחמה, האָט מען לייכט געקאָנט דערוויזען, אז ער איז נישט בעגרינדעט. דורך דער דאָזיגער גרויסער השתדלות האָט די קייזערין ענדליך ערלויבט די אידען פון בעהמען און מעהרען צו וואוינען אין זייער אלטער היים (15־טען מאַי 1745), נור פאַר די אידען אין פראַג איז די גזירה געבליבען שטרענג און איין און צוואַנציג טויזענד פראַגער אידען האָבען איינמיטען ווינטער זיך געמוזט לאָזען אין וועג אַריין. ערשט אין עטליכע

יאהר ארום, ווען די פארשטעהער פון די פערשידענע קלאסען האבען אנגעוויזען דער קייזערין, „דאס דורכן אידישען גירוש וועט די מדינה ליידען פיעל מיליאנען שאדען“,— ערשט דאן האט די קייזערין ערלויבט די אידען צו וואוינען דארט נאך 10 יאהר, אבער אויף אונמאראלישע בעדינגונגען: די צאהל פון די אידישע איינוואוינער האט געדארפט שטארק פערקלענערט ווערען. מען האט אפילו אויך פעסטגעשטעלט א צאהל פון דער אידישער בעפעלקערונג—פאר בעהמען צוואנציג טויזענד משפחות און פאר מעהרען—פינף טויזענד—און זיי האבען געדארפט צאהלען דער קייזערליכער קאסע לערך צוויי הונדערט טויזענד גילדען יעהרליך. פון יעדער אידישער משפחה האט געמעגט חתונה האבען נור דער עלטסטער זוהן און דאס אויך נאר לויט דער צאהל מתים, וואס זענען אין זעלביגען יאהר געווען ביי אידען. די דאזיגע שענדליכע און שרעקליכע גזירה האט זיך געהאלטען גאנצע הונדערט יאהר ביז דעם רעוואלוציאנס-יאהר 1848. וועגען רבי יהונתן אייבשיץ האט די רעגירונג ערקלערט—מיט רעכט, אדער אונרעכט—אז ער איז א פעררעטער און עס איז איהם פערבאטען אריינצוקומען אין עסטרייך.

רבי יהונתן אייבשיץ האט זיך געשפירט אין מעץ, וואו ער איז פיעל יאהר געווען רב, נישט בעזונדערס גוט. עס האט איהם דארט בעזונדערס שטארק געפעהלט זיין ישיבה מיט די פיעל תלמידים, פאר וועלכע ער האט געקאנט ענטוויקלען זיין גרויסע שארפזיניגקייט אין תלמוד. אין פראנקרייך האט מען נישט אריינגעלאזט פיעל ישיבה-בחורים פון דייטשלאנד און פוילען. רבי יהונתן אייבשיץ האט דעריבער אנגעהויבען זיך משתדל זיין צו ווערען רב אין די קהלות „אה״ו“, ווי מען האט זיי גערופען, דאס הייסט אין אלטאנא, האמבורג און וואנדסבעק. דורך דער בעמיהונג פון זיינע פיעל בעוואונדערער און קרובים, ווי אויך א דאנק זיין גרויסען שם אלס „גאון“ אין תלמוד און פוסקים, איז איהם געלונגען צו בעקומען די דאזיגע רבנות-שטעלע. די אידען פון די דאזיגע דריי שטעדט האבען נאך געהאט דאס רעכט צו משפט'ן זיך אין זייערע אייגענע געריכט'ען, ביי די רבנים און דעריבער האבען זיי געזוכט א רב, וואס זאל זיין א גרויסער למדן אין דיני-ממונות; אין דער דאזיגער הינזיכט איז די וואהל פון רבי יהונתן אייבשיץ פאר א רב געווים געווען א געלונגענע. אבער מיט'ן אריינציהען זיך פון נייעם רב אין אלטאנא (י״ה אלול התק״י—אנפאנגס סעפטעמבער 1750), האט זיך דארט אויך אריינגעצויגען דער בייזער גייסט פון מחלוקת, וועלכער האט אויפגערודערט נישט בלויז די דריי קהלות אלטאנא—האמבורג און וואנדסבעק, נאר אויך די גאנצע אידישע וועלט אין דייטשלאנד און פוילען. איבעראל האבען זיך די רבנים און די בעלי-בתים צוטיילט אין צוויי פארטייען, וועלכע זענען אנגעפאלען איינע אויף דער אנדערער מיט א פערביסענער שנאה און געשענדעט דאדורך דעם אידישען נאמען. שולדיג אין דער מחלוקת איז געווען נישט

בלויז רבי יהונתן אייבשיץ, נאָר די דאמאָלסדיגע צייט מיט איהרע שטרעמונגען ביי אידען בכלל, ווי אויך דער רב אָהן א שטעלע, רבי יעקב עמדען, דער זוהן פון „חכם־צבי“, וועלכער האָט געוואָלט ענטדעקען די געהיימע שבתיאנער, און דערביי האָט ער אראָבגעריסען די מאסקע פון פערשידענע נישט שענע זייטען אין אידישען גייסטיגען לעבען בכלל.

רבי יעקב עמדען אשכנזי (יעב"ץ—געבוירען 1697—געשט. 1776) איז געווען אין פיעל הינזיכטען ענהליך צו זיין פאטער, דעם „חכם־צבי“, מיט וועלכען ער איז צוזאַמען אויסגעוואנדערט פון אמשטערדאם, צוליעב דעם חרם, וואָס ער האָט געהאַט געלעגט אויף נחמיה חיון. דאָן האָט דער פאטער מיט זיין זוהן זיך בעזעצט אין מעהרען, אין אונגאַריש־בראָד. רבי יעקב עמדען האָט נישט ליעב געהאַט דעם פלפול, ער איז אָבער געווען א גרויסער בקי אין תלמוד, ווי אויך אין דער גאנצער רבנישער ליטעראַטור. די פילאָזאָפיע האָט ער שטארק פיינד געהאַט און אין דער הינזיכט איז ער געגאנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט ערקלערט, דאָס דער „מורה נבוכים“ שטאמט כלל נישט פון רמב"ם, ווייל עס גלויבט זיך גאָרנישט, אַז אזא גרויסער צדיק ווי דער רמב"ם איז געווען, זאָל זיך פערנעהמען מיט אַזעלכע ענינים און אָנשרייבען אזא ספר“. די קבלה האָט רבי יעקב עמדען גוט געקענט, אין תחילת האָט ער אליין געלערנט איהר מיט גרויס חשק און התמדה. לויט'ן חאראַקטער, איז רבי יעקב עמדען געווען א רעכטע מאָראַלישע פערזענליכקייט: ער האָט געליעבט דעם אמת און פלעגט איהם תמיד אַרויסזאָגען עפענטליך, נישט אַכטענדיג אויף קיין פערזאָן אדער אימשטענדען; זיינע איבערצייגונגען איז ער געווען געטריי ביז מסירת נפש. אין דער הינזיכט איז ער געווען א אמת'ער קאָנטראַסט פון זיין געגנער רבי יהונתן אייבשיץ. ער האָט בכלל נישט געוואָלט קיינעם הנפ'ענען, אדער אפילו פערשווייגען עטוואָס, עמיצען צוליעב, ווי ער האָט אויך פיינד געהאַט א דיפּלאָמאַטישע שפראך, וועלכע מען קאָן פערשטעהען, ווי איינעם געפעלט. זייענדיג א תקיפ'ער מענש און האבענדיג א מסחר, וואָס האָט איהם געטראָגען א היבשע הכנסה, האָט ער נישט געוואָלט אננעהמען קיין רבנות־שטעלע, כדי נישט צו ברויכען זיין אבהענגיג ביי עמיצען, נאָר איינמאָל האָט ער אנגענומען א רבנות־שטעלע אין עמדען (דערפון שטאמט אויך זיין ביינאָמען), אבער לאַנג איז ער אויף דער שטעלע נישט פערבליבען און האָט זיך אַליין אָבגעזאָגט פון איהר (ארום 1730). דאן האָט ער זיך בעזעצט אלס בעל־הבית אין אלטאָנא, וואו ער האָט זיך אויפגעבויט א הויז מיט א אייגענעם בית־המדרש, וואוהין ער פלעגט זיך צוזאַמענקומען צום דאווענען מיט זיינע מקורבים און אנהענגער. אויף אַזא אופן איז ער כמעט געווען גאָר אונאַבהענגיג פון דער קהלה. טיילמאָל פלעגט ער קומען אויף דער בערזע, על פי רוב אָבער איז ער געזעסען אין זיין בית־המדרש און געלערנט. פיעל מאָל האָט מען איהם געהאַט פאָרגעלעגט א רבנות־שטעלע. פונ'ם פאָרשלאָג פלעגט ער תמיד

מקבל נחת זיין, אבער אננעהמען פלעגט ער איהם נישט. אויך וועגען די רבנות פון די דריי קהלות האט מען איהם געהאט פארגעלעגט, אז ער זאל זיך משתדל זיין, דאס מען זאל איהם אויסקלויבען אויף די וואהלען פאר א רב; אָבער ער האָט דעם פאָרשלאג אָבגעוואָרפען, ערקלערענדיג אפילו אויך, אז אויב מען וועט איהם אויסקלייבען, וועט ער די וואהל נישט אננעהמען. ווען אבער א טייל פון זיינע פערעהרערס האָבען זיין קאנדידאטור פאָרט ארויסגעשטעלט, און ער האָט בעקומען זעהר ווייניג שטימען, ווערענד רבי יהונתן איז מיט א גרויסער מעהרהייט אויסגעקליבען געוואָרען פאר א רב, האָט איהם די זאַך זעהר פערדראָסען, און פון דאמאָלט אָן האָט ער דערשפירט אנ'אַנטיפאטיע צו רבי יהונתן אייבשיץ. פונקט ווי זיין פאטער, האָט ער אויך געהאַט א גרויסע נטיה, צו זוכען און רודפ'ן אפיקורסים דורך חרמים. בעזונדערס שטארק האָט ער אבער גע'רודפ'ט די אָנהענגער פון שבתי-צבי און דערמיט ווערט אויך טיילווייז ערקלערט זיין שארפער אַרויסטרעטען געגען רבי יהונתן אייבשיץ, חאָטש ער האָט זיך תחלת בעצויגען צו איהם מיט גרויס אָבשיי, ווען ער איז רב געוואָרען אין די דריי קהלות. ווען רבי יהונתן פלעגט ארויפגעהן אויפ'ן בימה זאָגען זיין דרשה, פלעגט ער עפענטליך נעהמען דערויף רשות ביי רבי יעקב עמדען, און ער האָט אויך דערוועקט די מיטגלידער פון די קהלות צו קויפען רבי יעקב עמדענ'ס „סדור"—„עמודי שמים". רבי יעקב עמדען דאגעגען האָט זיך בעצויגען זעהר קאַלט צו רבי יהונתן אייבשיץ פון ערשטען מאָמענט אָן, ווי ער איז רב געוואָרען אין די דריי קהלות, א שטייגער, ווי ער וואָלט אינסטינקטיוו געשפירט, אז איהם וועט אויסקומען צו פיהרען מיט איהם א גרויסע מלחמה.

אין דער צייט, ווען רבי יהונתן אייבשיץ האָט איבערגענומען די רבנות אין די דריי קהלות, האָט דאָרט געהערשט א טרויעריגע אויפרעגונג: אין א משך פון איין יאהר זענען פיעל יונגע פרויען געשטאָרבען אין קינפעט. יעדע שוואנגערע פרוי האָט זיך בעטראכט, ווי איינער וואָס איז פער'משפט צום טויט. מען האָט דאריבער ערווארט מיט אונגעדולד דעם נייעם רב, האָפענדיג, אז ער וועט פערטרייבען דעם מלאך-המות פון די יונגע פרויען. אין יענער צייט פלעגט מען בכלל האַלטען די רבנים פאר בעשיצער פון אלע אונגליקען, (דערפון שטאמט דער טיטול—„מגן-הדור", וואס מ'פלעגט געבען א גרויסען רב) א שטייגער, ווי זיי וואָלטען געווען געשטאַנען אינאָהנטע בעציהונגען מיט די מלאכים, שדים און רוחות, ווי די אלטע פערסישע מאַגיקער. בעזונדערס שטאַרק האָבען אבער די אלטאָנער און האַמבורגער פרויען געהאָפט אויף רבי יהונתן אייבשיץ, וועלכער האָט גע'שמ'ט פאָר א „בעל-מופת" מיט זיינע קמיעות. די דאָזיגע לאגע איז געווען פאר רבי יהונתן אייבשיץ זעהר א פריקרע. ווען אפילו ער וואָלט געווען מעהר געטריי פאר זיינע אידעען און איבערצייגונגען, האָט ער זיך נישט געקאָנט אבזאָגען פון געבען די קמיעות, כדי נישט צו דערוועקען געגען זיך דאָך

פאלק, בפרט נאָך, אז ער האָט איינגעזעהען, דאָס דורך זיינע קמיעות קאָן ער זיך באלד קונה שם זיין. און דעריבער האָט רבי יהונתן אייבשיץ, באלד ביי זיין אנקומען אויף דער רבנות, אנגעהויבען ארויסגעבען פיעל קמיעות און מאַכען השבעות מיט לחשים פאַר די דערשראָקענע פרויען. אזעלכע קמיעות האָט ער שוין געהאַט ארויסגעגעבען אויך אין פראנקפורט און אין מעץ. באלד אָבער האָט זיך פערשפרייט א קלאַנג, אז די קמיעות, וואָס רבי יהונתן גיט ארויס, ענטהאלטען שבתיאנישע נעמען און אנשפילונ-גען. צוליעב נייגיריגקייט, האָט מען געעפענט א קמיע, וואָס דער רב הכולל רבי יהונתן האָט ארויסגעגעבען און מען האָט דאָרט געפונען פאָל-גענדעס:

1) אין נאָמען פון גאָט פון ישראל, וואָס רוהט אין דער שענהייט פון זיין מאַכט, דעם איינציגען, וואָס ערפינדעט אלץ, וואָס איז פארהאַן, דעם גאָט פון זיין געטרייען משיח שבתי-צבי, וואָס מיט זיין וואָרט טויטעט ער דעם רשע, דעם גאָט פון אלע וועלטען, וואָס זענען אָבגעזונדערט, בע-שאפען, געפאָרמ'ט און געמאַכט געוואָרען דורך זיין בעפעהל, ווי אויך אלע קופער-פונדאַמענטען פונ'ם משכן, בין איך גוזר און בעפעהל אויף אלע רוחות, נגעים און פגעים, אויף אלע טמאַ-כוחות און שלאנגען, אז זיי זאָלען נישט שאַדען מיט קיין שום שאָדען און וועהטאָג, צער אדער כשוף דער פרוי, וואָס טראָגט די דאָזיגע קמיע, כדי עס זאָל ווערען גרויס און הייליג דער נאָמען פונ'ם גאָט פון ישראל און פון שבתי-צבי אויף דער וועלט.

עס איז שווער צו זאָגען, וואָס עס איז געווען גרעסער, צי רבי יהונתנ'ס נארישע אמונה אין פאלשען משיח, וועלכער איז געשטאָרבען מיט א יאהר ניינציג פאר דעם, אדער זיין חוצפה און לייכטזיניגקייט, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען מיט דעם ארויסגעבען אזא מין דאָקומענט. אמת, אין דער קמיע זענען פיעל ווערטער, בעזונדערס די, וואָס בעציהען זיך אויף שבתי צבי, געשטעלט געוואָרען אנדערש, נעמליך, געוויסע אותיות זענען פערטוישט געוואָרען אויף אנדערע דו רכ'ן פאַארונגס-אלף-בית א"ת ב"ש; אָבער דאָס האָזיגע רעטעניש צו טרעפען איז דאָך געווען גאַנץ לייכט, און אין דער ווירקליכקייט האָט מען עס לייכט ענטדעקט. די קמיעות זענען

---

1) בשם ד' אלקי ישראל השוכן בתפארת עוזו, יחיד וממציא כל מציאות, אלקי משיחו ונאמנו שבתי צבי, ואשר ברוח פיו ימית רשע, ואלקי כל עולמים, נאצלים, ברואים, יצורים ומחוברו עשוים, ובכל יתהוות המושכל ומוחשת, אני גוזר ופוקד על כל רוחין ופגעי ובני אדם ובכל סטרא דמסאבא נחשים, שלא יזיקו בשום נזק וכאב וצער ומחוש ויקסם להאשה נושאת קמיע זו, למען יתגדל ויתקדש ושם אלקי ישראל ושם צבי שבתי בעולם. (אין דער קמע איז דער האַזיגער העברעא-אישער טעקסט געווען עטוואָס אַנדערש, נור ווען מען מאַכט פערבייטען עטליכע אותיות דורך א"ת, ב"ש, ג"ר, ד"ק א. א. וו. בעקומט מען דעם טעקסט.

ארייגעפאלען אין די הענד פון רבי יעקב עמדען, פאר וועלכען עס איז באלד קלאר געווארען, אז אייבשיץ איז נאך אלץ אנ'אנהענגער פונ'ם גלויבען אין שבתי-צבי. אבער ווי שטארק ער האט זיך, מעגליך, געפרעהט, וואס ער האט בעקומען אזא מעכטיג געוועהר און א גוטע געלעגענהייט צו משפט'ן אנ'אפיקורוס, האט ער זיך דאך אבער אויך תחילת שטארק דערשראקען פאר די געוואלדיגע רעזולטאטען, וואס עס קאן האבען א מלחמה געגען אזא גרויסען גאון. ווי אזוי נעמט מען אונטער א מלחמה געגען א מענשען, וועלכער שמ'ט ביי אידען אלס א גאון, אלס דער גרעסטער למדן פון זיין צייט און האט תלמידים, ווי מען זאגט, שוין העכער צוואנציג טויזענד מאן, וואס צווישען זיי געפינען זיך פיעל רבנים, פרנסים, גבירים, תלמידי חכמים און ראשי ישיבות, און זיי אלע וועלען דאך געוויס ארויסטרעטען פערטיידיגען דעם כבוד פון זייער רבי'ן, וועלכער איז דאך אויך זייער אייגענער כבוד! פערשוויגען אזא זאך האט מען אבער שוין אויך נישט געקאנט, נאכדעם, ווי זי איז שוין אזוי שטארק מפורסם געווארען. די מנהיגים פון דריי קהלות האבען געפונען פאר נויטיג צו פרעגען ביי זייער רב, וואס ער האלט פון זיינע קמיעות און אויף וועלכען סמך ער האט זיי ארויסגעגעבען. אויף זייער אנפראגע האט אבער רבי יהונתן זיי אבגעפטר'ט מיט א קלייניגקייט. די מנהיגים האבען אבער איינגעזעהען, אז זיי מוזען אלענפאלס זעהען צו דערשטיקען די זאך, כדי נישט צו ברענגען צו א חלול השם און אויך נישט מבזה זיין זייערע אייגענע קהלות, אלץ איינס אויב זיי גלויבען אליין אין זייער רב'ס ענטפער, אדער נישט. זיי האבען דעריבער געפרובט ווירקען אויף רבי יעקב עמדען מיט גוטען, אז ער זאל די זאך פערשוויגען; ווען זיי האבען אבער דערזעהען, אז ער וויל דווקא ארויסרופען א סקאנדאל, האבען זיי אנגעהויבען איהם סטראשען מיט פערשידענע שטראפען. אבער רבי יעקב עמדען איז זיי פערלאפען דעם וועג. דאנערשטאג דעם ניינטען שבט תקי"א פאר קריאת התורה אין זיין בית-המדרש, איז ער ארויפגעשטיגען אויפ'ן בימה און ערקלערט, אז דער וואס האט די קמיעות געשריבען, איז אנ'אפיקורוס און אנ'אנהענגער פון שבתי צבי. ער, רבי יעקב עמדען, האט קיין שום עסקים נישט מיט'ן רב, רבי יהונתן, נאר אזוי ווי מען האט ארויסגעלאזען א קלאנג, אז די קמיעות שטאמען פון איהם, איז ער מחויב צו קומען פערענטפערען זיך, כדי נישט צו נעהמען אויף זיך דעם חרם, וואס מען האט געלעגט אויף שבתי צבי. נאך דער דאזיגער, עפענטליך געמאכטער ערקלערונג פון רבי יעקב עמדען, האבען די מנהיגים פון די קהלות איינגעזעהען, אז זיי האבען דאס פאלקאמע רעכט ארויסצוטרייבען איהם פון אלטאנא, אלס א פערשפרייטער פון פאלשע קלאנגען. ווייל רבי יעקב עמדען האט אבער געהאט א קעניגליך פריווילעגיום און מען האט איהם נישט געקאנט ארויסטרייבען, האט מען פערבאטען, אז קיינער זאל נישט קומען דאווענען אין זיין בית-המדרש, און ווער עס וועט קומען, זאל ליגען אין חרם. מען האט

אייך איהם כערבאָטען צו דרוקען עטוואָס אין זיין דרוקעריי. אזעלכע רדיפות האָבען אָרער צוגעגעבען רבי יעקב עמדען נאָמעהר מוט, צו פיהרען דעם נ׳טען שטנעם קאַמף. דער־וויילען זענען ערהאַלטען געוואָרען בריעף פון מעץ וועגען אַנדערע קמיעות, וואָס רבי יהונתן האָט געהאַט געגעבען און אליין אנערקענט פאַר ריכטיגע; פון יענע קמיעות האָט מען אָבער געזעהען קלאָר, אז ער האַלט שבתי־צבי פאַר אַן אמת׳ען משיח. כדי זיך צו קאָנען בעסער פערטיידיגען, האָט דאַן רבי יהונתן פונאַנדערגעשיקט בריעף צו אלע זיינע פריינד און פערעהרער פון זיינע געוועזענע תלמידים אין די מדינות פוילען, בעהמען און מעהרען, און געקלאָגט זיך פאַר זיי, אז מען רודפ׳ט איהם גאָר אומזיסט. אויך רבי יעקב עמדען האָט זיך געווענדעט צו די רבנים פון אמשטערדאַם, פון מעץ און פראַנקפורט, וועלכע זענען געווען זיינע פריינד און שונאים פון רבי יהונתן. דאָס רוב רבנים איז אָבער געשטאַנען אויפ׳ן צד פון רבי יהונתן, וועלכער האָט אויכגענוצט די דאָזיגע לאַגע און איינמאָל, בשעת א דרשה אין דער גרויסער שוהל אין אלטאָנא, האָט ער געשוואוירען שטעהענדיג ביי׳ם אָרון קודש, אז ער האָט קיין שום שייכות נישט צו די אַנהענגער פון שבתי־צבי. דערביי האָט ער מחרים געווען די שבתיאַנער, ווי אויך די, וועלכע האָבען גערעדט אויף איהם, רבי יהונתן, שלעכטס. ער האָט נאָך אויך אנגעוויזען, אז מען האָט גאָרנישט געטאָרט אַרויסלאָזען אויף איהם א שם רע, ווייל די אנהענגער פון שבתי־צבי וועלען זיך דאדורך אַנהויבען בעריהמען, דאָס זיי האָבען א גרויסען חבר, דעם רב פון די דריי קהלות. באלד נאָך דער דאָזיגער דרשה האָט מען שטאַרק אָנגעהויבען רודפ׳ן רבי יעקב עמדען, און ער האָט געמוזט אנטלויפען פון אלטאָנא קיין אמשטערדאַם.

וואָס ווייטער האָט דער קאַמף אָנגענומען אלץ א מעהר העסליכע פאָרם. פון ביידע צדדים האָט מען אָנגעהויבען מחרים זיין און פערשעלטען איינער דעם אַנדערען. אין פוילען האָט דער רב ר ב י ח י ם פון לובלין מחרים געווען רבי יעקב עמדען מיט נאָך פיעל רבנים; אין דייטשלאַנד האָט דער פראַנקפורטער רב, רבי יעקב יושע פאלק (דער „פני יהושע“) צוזאַמען מיט׳ן אַמשטערדאַמער און מעצער רב אַריינגעלעגט אין חרם דעם מ ח ב ר פ ו ן ד י ק מ י ע ו ת. רבי יהונתנ׳ס נאָמען האָט מען בפירוש דערביי נישט דערמאַנט, דערפאַר אָבער האָט מען געשיקט צו איהם א התראה, אז ער זאָל אין א משך פון צוויי חדשים שטעלען זיך פאַר א בית־דין און פערענטפערען זיך און אויב ער וועט עס נישט טהון, וועט מען איהם מחרים זיין. בכלל איז די צאָהל פון מוחרמים דאַמאָלס געווען אַזוי גרויס, דאָס מען האָט געקאָנט זאָגען אָהן א גוזמא, אז דאָס רוב אידען זענען געווען מוחרמים איינער דורכ׳ן אַנדערען. דער חרם אליין האָט אויך געהאַט פערלוירען זיין גאַנצע בעדייטונג, און דער כבוד פון די רבנים איז געפאַלען זעהר נידריג.

באלד האָבען זיך אָנגעהויבען אויך מאוסע מסירות. רבי יעקב עמ־דענס אָנהענגער האָבען געמסר'ט די מנהיגים פון אלטאָנא פאַר די רדיפות געגען רבי יעקב עמדען און דער אלטאָנער קהל האָט געמוזט בעצאָהלען הונדערט טאלער קנס. רבי יעקב עמדען האָט ווידער בעקומען די ערלויבניש צו עפענען זיין שוהל און דרוקעריי, און ביי אייבשיץ האָט די רעגירונג צוגענומען די האַמבורגער רבנות; אויסער דעם האָט מען פון איהם געפאָדערט, אז ער זאָל געבען אין מלוכה־געריכט א גענויע ערקלערונג און א פירוש אויף זיינע קמיעות. רבי יהונתן אייבשיץ'עס לאַגע איז בעזונ־דערס שווער געוואָרען, נאָכדעם ווי אויך דער בעוואוסטער גאון, רבי יחזקאל לאנדא (דער „נודע ביהודה", געבוירען 1720, געשטאָרבען 1793), האָט זיינע קמיעות שטרענג פעראורטיילט, האָטש ער האָט רבי יהונתן גופא שטארק פערטיידיגט. אויסער דעם האָט רבי יעקב עמדען דאַ־מאָלס ארויסגעגעבען זיין ספר „תורת הקנאות", אין וועלכען ער האָט אומשטענדליך דערצעהלט די געשיכטע פון שבתי־צבי מיט אלע איהרע טרויעריגע רעזולטאַטען. די דאָזיגע געשיכטע איז געוועזן שוין דאמאָלס כמעט פערגעסען, פיעל האָבען כלל געוואוסט וועגען שבתי־צבי זעהר ווע־ניג. אין דאָזיגען ספר האָט דער מחבר אויך אָנגעוויזען, אז אייבשיץ איז אין דער יוגענד געשטאַנען זעהר נאָהנט צו די אָנהענגער פון שבתי צבי.

און אָט אין אזא שווערער לאַגע האָט רבי יהונתן געמאַכט א שריט, וואָס עס וואלט זיך געווים נישט ערלויבט צו מאַכען אַ רב פון די פריהער־דיגע דורות: ער איז געקומען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט א משומד, כדי יענער זאָל איהם פערטיידיגען. דער משומד איז פריהער געוועזן זיינער אַ תלמיד; דאָס איז געוועזן משה גרשון הכהן פון מיטוי (קורלאנד), וועלכער האָט געשטאַמט פון רבי חיים וויטאל. זיבען יאהר האָט ער גע־האָט געלערנט ביי רבי יהונתן אין דער ישיבה אין פראַג, דערנאָך האָט ער געמאַכט א רייזע אין די מזרח־לענדער און, ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער זיך גע'שמד'ט און אָנגענומען דעם נאָמען קאַרל אנטאָן. דער הערצאָג פון ברוינשווייג האָט איהם דאַמאָלס בעשטימט פאַר אַ העברעאי־שען לעהרער אין העלמשטעדט. און צו אָט דעם משומד האָט זיך געווענ־דעט דער רב פון די דריי קהלות, אלטאָנא—האַמבורג—וואנדסבעק, אז ער זאָל מחבר זיין פון זיינעטוועגען אויף דייטש אַ ספר איהם צו פערטיידיגען. לעזענדיג איצט דעם דאָזיגען ספר, דערקענט מען גלייך, אז אייבשיץ האָט דעם טעקסט אליין דיקטירט דעם משומד. אין ספר ווערט דערצעהלט, אז אייבשיץ איז דער גרעסטער איד פון זיין צייט, אז ער איז טיעף געלערנט אין פילאָזאָפיע, געשיכטע און מאַטעמאַטיק, דערצו איז ער אויך א גרוי־סער מאמין אין די הויפט־פרינציפען פון יודענטום, נאָר שונאים רודפ'ן איהם אומזיסט. וועגען שבתי־צבי ערקלערט דער מחבר, אז ער איז שוין ביי אידען לאַנג פערגעסען געוואָרען און קיינער גלויבט שוין מעהר נישט אין איהם; אזא גרויסער רב, ווי רב יהונתן, האַלט פון איהם אודאי־

גאָרנישט. די קמיעות קאָנען נישט דינען פאַר אַ בעוויז געגען רבי יהונתן, ווייל מען לייענט זיי נור דורך פערטוישען די אז יות מיט'ן אלף־בית. 1) א"ת ב"ש, אדער אי"ק בכ"ר, אלב"ם א. א. וו. אויף אז אופן אָבער קאָן מען דאָך לייענען יעדע זאַך ווי מען וויל.

דעם ספר האָט דער משומד קאַרל אנטאָן געווידמעט דעם דענעמאַרקישען קעניג פרידריך דעם 5־טען, און, נאַטירליך, האָבען קריסטען געגלויבט א משומד בעסער, איידער א אידען. אויך דורך דער צווייטער פרוי פון קעניג פרידריך האָט רבי יהונתן זיך משתדל געווען צו ווירקען אויפ'ן קעניג פאַר זיך, און דעריבער האָט דער קעניג בעפוילען, אז מען זאָל ליקווידירען די פראַגע וועגען די קמיעות ערקלערענדיג זיין בעפעהל אזוי: די רבנים שטעהען על פי רוב אויף אייבשיץ'עס צד. אויסער איינינע, וואָס זענען איהם שונאים, אדער זיי ליבען מחלוקת; דאָס בעווייזט אלזאָ, אז ער האָט רעכט און מען רודפ'ט איהם גאָר אומזיסט. דעם קעניגליכען בעפעהל האָט מען פאָרגעלעזען אין אלטאָנאַ אין דער גרויסער שוהל (7־טען פעברואר 1753), און די רעגירונג האָט אויסער דעם פאָרגעלעגט, אז מען זאָל איהם אַ צווייטען מאָל אויסקלויבען פאַר אַ רב, כדי דאַדורך צו בערפעסטיגען זיין לאַגע. מען האָט אלזאָ איינגעאָרדענט נייע וואהלען, און רבי יהונתן איז ווידער אויסגעקליבען געוואָרען פאַר א רב אין די דריי קהלות און האָט געשוואוירען געטרייהייט דעם קעניג.

דער דאָזיגער נצחון האָט אבער געדויערט נישט לאַנג. די דריי רבנים פון מעץ, פראַנקפורט און אמשטערדאם צוזאַמען מיט דעם רב, רבי יצחק קרא פון האַנאָווער, האָבען אריינגעשיקט א בריף צו דער אַלטאָנער קהלה מיט א פאדערונג, אז זיי זאָלען זיך בעציהען צום רב ווי צו א מוחרם און נישט לאָזען איהם ערפילען זיינע פליכטען אַלס רב, ביז ער וועט טהון תשובה און עפענטליך חרטה האָבען פאר'ן עולם פאַר זיין טעות האָבען און גלויבען אין שבתי־צבי. אין די אידישע קהלות האָט עס אָנגעהויבען פשוט רעגענען מיט אויפרופען און חרמים און שענדליכע זידלערייען, ביז רבי יהונתן איז ענדליך מרוצה געוואָרען פאָרצולעגען די זאך פאַר אַ בית־דין פון דריי רבנים און ביידע צדדים זאָלען זיך מתחייב זיין מקיים פסק זיין, ווי די רבנים וועלען פסק'ענען. דאן האָט זיך אָבער די מחלוקת נאָך

---

1) די מקובלים פערטוישען אפּש די אותיות פון אלף בית אזוי: דעם ערשטען (א) מיט'ן לעצטען (ת), דעם צווייטען (ב) מיט'ן פאָרלעצטען (ש), דעם דריטען (ג) מיט'ן דריטען פאר'ן סוף (ר) א. א. וו. דאָס הייסט: את, בש, גר, דק, הצ, ופ, זע, חס, טנ, ימ, כל. אנ'אנדער טוישען הייסט אלב"ם. דאָס הייסט: דעם אַלף מיט'ן למ"ד דעם ב' מיט'ן מ', דעם ג' מיט'ן נ, דעם ב מיט'ן ם, דעם ה מיט'ן ע' דעם ו' מיט'ן פ, דעם ז מיט'ן צ, דעם ח מיט'ן ר , דעם ט מיט'ן ש און דעם י מיט'ן כ. א דריטע אויסטוישונג איז לויט'ן אלף בית אי"ק, בכר, גלש, דמ"ת א. א. וו.

מעהר פערשטארקט, ווייל מען האָט זיך נישט געקאָנט צוזאמענרעדען, וועֶר פון די רבנים זאָל זיצען אין דאָזיגען בית-דין. ענדליך האָט זיך גענו-מען פאַר דער זאַך דער „ועד פון די פיער לענדער" אין פוילען און (דעם 2-טען חשון תקי"ד — 1754) האָט מען פערברענט עפענטליך אלע שאנד-כתבים געגען רבי יהונתן. דערמיט האָט זיך אָבער די מחלוקת נאָך נישט געענדיגט. עס האָבען זיך אָנגעהויבען פון דאָס ניי רכילות און מהומות און מסירות. ווי מען האָט דערצעהלט, האָט רבי יהונתן דאמאָלס דערלאַנגט א מסירה דעם קעניג, אַז די אידען געהאָרכען איהם נישט, ווייל זיי פיהרען די מחלוקת ווייטער, חאָטש ער האָט עס פערבאָטען. דער קעניג האָט דארי-בער דאמאָלס בעשטראָפט פיעל מענשען מיט געלד. דאָס האָט אָבער גע-בראַכט דערצו, אַז פיעל אָנהענגער פון רבי יהונתן האָבען זיך פון איהם אבגעווענדעט, און זיינע געגנער האָבען אָנגעגעבען א נייע אָנקלאַגע צום קעניג. כדי צו מאַכען א סוף צו דער מחלוקת איינמאָל פאַר אַלע מאָל, האָט דער קעניג זיך בעשלאָסען צו דערגעהן ענדליך די זאַך גרינדליך, אויב רבי יהונתן איז טאקי באמת אַן אפיקורוס, אָדער מען רודפט איהם נאָר אומ-זיסט.

צום דאָזיגען צוועק האָט דער קעניג זיך געווענדעט צו די קריסט-ליכע פראָפעסאָרען און טהעאָלאָגען, וועלכע האָבען גוט געקענט העברע-איש, אַז זיי זאָלען זיך ארויסזאָגען וועגען אייבשיץ'עס קמיעות (אָנפאַנג יאהר 1755). רבי יהונתן אייבשיץ איז געוואָרען זעהר אונרוהיג, דען ער האָט מורא געהאַט, אַז די זאַך וועט זיך ענדיגען אונגינסטיג פאַר איהם, און ער האָט דאריבער זיך בעשלאסען צו טהון א זאַך, אויף וועלכע ער האָט זיך פריהער נישט געוואלט בעשליסען. ער איז נעמליך ארויסגעטרא-טען עפענטליך מיט א ווערק „לוחות העדות" (י"ח תמוז 1755)—זיין ערשט ווערק, וועלכע ער האָט פערעפענטליכט אין דרוק. דאָס ווערק איז געשרי-בען געוואָרען גאַנץ אָביעקטיוו, אָהן שנאָה און כעס געגען זיינע געגנער, נור טיילמאָל רעדט ער ארויס א פּאָר שארפע אויסדריקען געגען רבי יעקב עמדען. וועגען זיינע קמיעות ערקלערט ער, אַז זיי האָבען קיין שום שייכות נישט צו שבתי-צבי, נאָר זיינע פיינד האָבען אין זיי אריינגעבראַכט פאַלשע כונות.— אָבער אַט דער ספר האָט נישט בעוויזען אראָבצונעהמען פון איהם דעם חשד אינגאַנצען, ווייל דוקא דאָס פערענטפערען זיך האָט דערוועקט א חשד געגען איהם. אויך צום ווילנאָער גאון רבי אליהו (געבוירען ת"פ, געשטאָרבען תקנ"ח 1720—1798) האָט רבי יהונתן זיך געווענדעט מיט א ביטע, אַז ער זאָל זיך ארויסזאָגען וועגען דער מחלוקת, אָבער דער „גאון" האָט דערויף געענטפערט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט עניוות, אַז ער איז נישט אַזאַ מפורסם, כדי ארויסצוזאָגען זיך אין אַזאַ פראַגע. פון דער אַנדער זייט ווידער האָט רבי יעקב עמדען פער-שפרייט פיעל בריעף, אין וועלכע ער פאַלט שטאַרק אָן אויף די אָנהענ-גער פון רבי יהונתן, ווי אויך אויף יענע, וואָס ווילען איהם נישט רודפ'ן.

אין זיינע בריעף ערלויבט זיך רבי יעקב עמדען צו זידלען אַלעמען, וועל־כע זענען געגען איהם. קענטיג, אַז ער איז שוין מיעד געווען פון דער מחלוקת און שטאַרק אויפגערעגט געווען, דען דורך דער מחלוקת איז ער פעראַרימט געוואָרען, און לויט ווי ער האָט זיך געקלאָגט, האָבען די ישיבה־בחורים, די תלמידים פון רבי יהונתן, איינמאָל איהם שיער נישט דערהרג'עט...

און דער אונאַנגענעהמער לאַגע, אין וועלכער אייבשיץ האָט זיך געפונען אין דער בעציהונג צום קעניג, האָט איהם אַרויסגעראַטעוועט דאָס ווערק פונ'ם פּראָפעסאָר און פּאַסטאָר דוד פריעדריך מע־גערלין (אַנפאַנג 1756), דאָגעגען אָבער האָט עס איהם געבראַכט נאָך מעהר שאָדען אין די אויגען פון דער אידישער וועלט. מעגערלין האָט זיך איינגעשמועסט, אַז ער האָט געפונען דעם שליסעל צו לעזען אייב־שיץ'עס קמיעות, נעמליך, יענע ווערטער, אין וועלכע אייבשיץ'עס געגנער האָבען געפונען אַנ'אָנווייזונג אויף שבתי צבי, האָט ער, פּראָפעסאָר מער־געלין, געפונען אַנ'אָנווייזונג אויף קריסטוס. מערגעלין האָט אַלזאָ ער־קלערט: דער אויבער־רב פון אלטאנא און האַמבורג, רבי יהונתן אייבשיץ, איז אין האַרצען אַ געטרייער קריסט, נור ער האָט מורא פאַר די אידען, צו ערקלערען עס עפענטליך. מערגעלין האָט דעריבער פאַרלעגט דעם קעניג פון דענעמאַרק, צו פערטיידיגען אייבשיץ'ן פון די אידישע רדיפות, בעזונדערס אָבער אַבהיטען איהם פון די רכילות פון רבי יעקב עמדען, וועלכער האָט פיינד אין זיין פערזאָן נור דעם קריסט, ווי זיין פאַטער דער „חכם צבי" האָט פיינד געהאַט דעם געהיימען קריסט, נחמיה חיון. די טפשות פון מערגעלין איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט זיך אפילו אויך געווענדעט מיט ערנסטע רייד צו רבי יהונתן אייבשיץ, פאָדערנדיג פון איהם, אַז ער זאָל די מאַסקע אַראָבנעהמען, אָבזאָגען זיך פון דער רבנות און אבשמד'ן. ער האָט אויך צוגעשיקט ביי דער געלעגענהייט אַ בריעף צו די אידישע קהלות, פאָדערנדיג פון זיי, אַז זיי זאָלען איינאָרד־נען אַ פערזאַמלונג פון אַלע רבנים און אַנערקענען דעם קריסטענ־טום (שמד'ן זיך אלע צוזאַמען). אַנשטאָט אַרויסצוטרעטען מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט געגען דער ערקלערונג פונ'ם גלחיש'ען פּראָפעסאָר און ריזיקירען בעסער מיט'ן חסד פון קעניג, האָט אייבשיץ געשוויגען, אָבי צו האָבען פאַר זיך נוצען. וואָרום ווי נאַריש מעגערלינס ערקלערונג איז געווען, האָט זי דאָך אָבער געהאַט פאַר אייבשיץ'ן די מעלה, וואָס זי האָט דעם קעניג איבערצייגט. ער האָט אַראָבגענומען פון אייבשיץ'ן דעם פערבאָט צו זיין אויף דערוויל רב און בעפוילען די אלטאנא'ער אידען צו געהאָרכען (1756). אויך דער האַמבורגער סענאַט האָט איהם ווידער אַנערקענט פאַר אַ רב אין האַמבורג איבער דער אשכנזישער קהלה. אייבשיץ האָט טריאומפירט. זיינע בעוואונדערער האָ־בען לכבוד איהם איינגעאָרדענט אַנ'אמת'ן יום־טוב. מען האָט איהם גע־

פיהרט איבער'ן גאַס מיט גרויס כבוד און פיעל תלמידים זענען געריטען פאַר איהם אויף פערד, מען האָט געטאַנצט און געזונגען — אַזוי אַרום האָט זיך געענדיגט די זעקס-יעהריגע מלחמה, וועלכע האָט דערוועקט און אויפגערודערט ביי אידען אַלע העסליכע לײדענשאַפטען פון לאַטרינגין ביז פּאָדאָליען און פון דער עלבע ביז צום טייך פּאָ—געענדיגט זיך מיט א טאַנץ. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט אייבשיץ בעקומען אַ שטאַרקען קלאַפּ גאָר פון אַנ'אַנדער זייט. אין מזרח-אייראָפּאַ זענען פאָרגעקומען שענדליכע מעשים, וועלכע האָבען פערניכטעט זיין גאַנצען כבוד און אויך די פריינד האָבען זיך פון איהם אָבגעווענדעט.

מען האָט געקאָנט מיינען, אַז די פאַקטען זענען בכיון פאָרגעקומען, כדי צו דערוויזען, ווי פאַלש עס איז געווען דאָס, וואָס רבי יהונתן האָט ערקלערט דורך זיין פריהערדיגען תלמיד, דעם משומד קאַרל אַנטאָן, אַז עס זענען שוין מעהר נישטאָ ביי אידען קיין שבתיאַנער. גראַד אין דערזעלביגער צייט האָבען די שבתיאַנער דערהויבען זייער שלאַנגען-קאָפּ און אָנגעהויבען שליידערן זייער גיפט געגען דעם תלמודישען יודענטום. די זריעה, וואָס חיים מלאך האָט פערזייהט אין פּוילען, איז נישט פערטיליגט געוואָרען דורכ'ן חרם פון די רבנים. דער חרם האָט נור געווירקט אויף אַזוי פיעל, אַז די שבתיאַנער האָבען זיך בעהאַלטען טיעף אין די אידישע קהלות, פערשטעלענדיג זיך פאַר טויט, כדי נאָך בעסער צו קאָנען פיהרען אין דער שטיל זייער אַרבייט און זאַמלען פרישע כחות און אָנהענגער. איינינע שטעדט אין פּאָדאָליען, גאַליציען און בוקאָווינא זענען פול געווען מיט אידען-לומדים, וועלכע האָבען זיך פעסט געהאַלטען ביי דער פאַלשער תורה פון שבתי-צבי און פלעגען בשתיקה אָבשפּאָטען פון יודענטום; אונטער דער מאַסקע פון פרומקייט פלעגען זיי אָבטהון אַלע אונציכטיגקייטען. די מהומה, וואָס די מחלוקת וועגען אייבשיץ האָט אַריינגעבראַכט אויך אין פּוילען, ווען איין צד האָט גערודפט און געמסר'ט דעם צווייטען, האָט דאָרט צוגעגעבען מוט די שבתיאַנער אַרויסצוקריכען פון זייער בעהעלטעניש און אַראָבצוואַרפען די מאַסקע.

די שבתיאַנער האָט נור געפעהלט א מוטיגער מנהיג. אַזעלכער האָט זיך אויך באַלד געפונען און מיט זיין אַרויסטרעטען איז דאָס גאַנצע פּוילישע יודענטום געוואַלדיג אויפגערודערט און פערצווייפעלט געוואָרען. דער דאָזיגער מנהיג איז געווען יעקב פראַנק.

יעקב לייבאָוויטש פון גאַליציען (געבוירען 1720, געשטאָרבען 1791) איז געווען איינער פון די גרעסטע און געפעהרליכסטע שווינדלער און רמאים פון אכצעהנטען יאָהרהונדערט; ער איז געווען נאָך מעהר חיטרע און אַוואַנטוריסט, ווי נחמיה חיון; ער האָט פערשטאַנען אבצונאַרען די קליגסטע מענשען און זיינע שווינדלערייען האָט ער פערשטאַנען אַזוי גוט צו פערהילען, אַז פיעל האָבען איהם אפילו אויך נאָך זיין טויט שטאַרק בעוואונדערט און געמאַכט צום אינטערעסאַנטעסטען העלד פון

ראָמאַנען. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען האָט ער שוין פערשטאַנען די קונסט אָבצונאַרען מענשען; שפּעטער האָט ער זיך אַליין בעריהמט, ווי אַזוי ער האָט אָבגענאַרט און פערשווינדעלט זיין אייגענעם פאָטער, כדי צו בעקומען נייע, שענע קליידער, צו וועלכע ער האָט געשפּירט אַ בעזונדערע ליידענשאַפט. אין דער יוגענד איז ער געווען משרת ביי אַ אידישען סוחר און ער פלעגט איהם בעגלייטען אויף דער רייזע קיין טערקיי. אין סאַלאָניקי האָט ער זיך בעקענט מיט די מחמדאַנישע שבתיאַנער (דאָנמעה) און אָנגענומען דעם מחמדאַנישען גלויבען, פּונקט ווי ער האָט שפּעטער אָנגענומען דעם קאַטוילישען גלויבען, ווען ער האָט עס געברויכט פאַר זיינע אינטערעסען. בכלל האָט ער די רעליגיאָן געביטען מיט אַ לייכטען האַרצען, אַז ווי מען טהוט איבער אַ מלבוש. פון זיין אויפהאַלטען זיך אין טערקיי שטאַמט אויך זיין נאָמען פראַנק, אָדער פרענק, ווי מען רופט דאָרט די אייראָפּעער. זייענדיג אַ גראָבער עם הארץ, האָט ער זיך בעקענט מיט דער קבלה, בעזונדערס מיט יענעם טייל פון איהר, וואָס בעציהט זיך אויף דער לעהרע וועגען גלגולים, לויט וועלכער די אַלע פריהערדיגע משיחים זענען כלל נישט געווען קיין שווינדלער, נור אמת'ע משיחים, דען זיי אַלע האָבען געהאַט איין נשמה, וועלכע איז מגולגל געוואָרען פון איינעם אינ'ם צווייטען — די נשמה פון דוד המלך, פון אליהו הנביא, פון קריסטוס, פון מחמד, פון שבתי צבי ביז ברכיה'ן. האָבענדיג פערשידענע געשטאַלטען און לייבער, האָבען זיי אַלע געהאַט איין נשמה. פאַרוואָס זשע זאָל ער, יעקב פראַנק, אויך נישט זיין געבענשט מיט אַזאַ נשמה? חשק צו גדלות האָט ער שטאַרק געהאַט און די פעהיגקייט, אַרומצורינגלען זיך מיט אַ קרוין פון גדלות, האָט ער אויך געהאַט; אויסער דעם זענען איהם די אומשטענדען געווען זעהר גינסטיג. ער האָט אָנגעלעבט פיעל געלד און חתונה געהאַט מיט זעהר אַ שענער פרוי פון ניקאָפּאָליס (בולגאַריען), וועלכע ער זאָל האָבען געהאַט אויסגענוצט, ווי אַזוי צוצוציהען צו זיך אָנהענגער. ביסלעכווייז האָט ער פערזאַמעלט אַרום זיך אַ קליינע קהלה אָנהענגער פון טערקישע און וואַלאַרישע אידען, וועלכע זענען גלייך ווי ער געווען גרויסע בעלי תאוה און גאַנץ קליינע מאָראַליסטען. און אָט די באַנדע אויסגעלאַסענע מענשען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ העכערער בעשעפעניש, אַ געטליכען מאַן מיט אַ נשמה פון משיח'ן.

ווי עס שיינט, האָט יעקב פראַנק זיך דערוואוסט וועגען דער שפּאַלטונג, וואָס קומט פאָר ביי אידען, צוליעב דער מחלוקת וועגען די רבנים, רבי יהונתן אייבשיץ און רבי יעקב עמדען, און ער האָט דעריבער גערעכענט, אַז דער מאָמענט איז זעהר גינסטיג פאַר איהם, כדי צו פערזאַמלען אַרום זיך די שבתיאַנער אין פּאָדאָליען און אָנהויבען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָליע. ער איז פּלוצלונג געקומען קיין פּוילען (נאָוועמבער 1755) און בעזוכט פיעל שטעדט, וואו עס

האבען זיך געפונען געהיימע שבתיאנער. די לעצטע האבען איהם אויפגע־
נומען ווי א געוואונשענעם גאסט, פאר איהם ווידער זענען זיי געווען אנ׳
אמת׳ע מציאה: פראנק האט געברויכט אנהענגער און זיי האבען געברויכט
א מנהיג. ער האט זיך ענטדעקט פאר זיי אלס שבתי־צבי׳ס נאכפאלגער,
אדער, דאס ער האט אין זיך משיח׳ס נשמה, וועלכע איז אריין צו איהם
פונ׳ם אנפיהרער פון די שבתיאנער אין סאלאניקי ברכיה. זיינע אנהענ־
גער האט ער בעפוילען, אז זיי זאלען איהם רופען „דער הייליגער הערר“,
ווי די סאלאניקער שבתיאנער פלעגען רופען זייער מנהיג סאנטא סע־
ניאר. דורך דער גרויסער נשמה פון משיח, וואס לעבט אין איהם האט
ער די מעגליכקייט אויך צו בעווייזען מופתים. לויט ווי עס האבען דער־
צעהלט זיינע מאמינים, האט פראנק טאקי בעוויזען מופתים. זיינע אנ־
הענגער אין פוילען, ווי אויך די, וואס ער האט מיט זיך געבראכט פון
טערקיי, האבען געגלויבט אין זיין געטליכער נאטור, און פלעגען צו איהם
תפלה טהון אויף זוהר־לשון און מיט׳ן זעלביגען נוסח (פארמעלן), ווי די סא־
לאניקער דאנמעה צו יעקב קערידא און ברכיה. קורץ, יעקב פראנק
האט ארגאניזירט אין פאדאליען א נייע סעקטע פראנקיסטען. און די
דאזיגע סעקטע האט זיך געהאט איהרע בעזונדערע אייגענטימליכקייטען.
פראנק האט געלערנט זיינע אנהענגער, צו זאמלען וואס מעהר עשירות,
צי אויף א כשר׳ן אדער נישט כשר׳ן אופן. רמאות אדער אבנארעריי איז
גאנץ כשר, ווייל דאס הייסט בלויז מאכען א קונץ־שטיק. די הויפט־אויפגאבע
פון די פראנקיסטען איז געווען קודם כל, מבטל צו מאכען דאס רבנישע
יודענטום, צו קעמפפען מיט׳ן תלמוד און פערניכטען איהם. די דאזיגע
אויפגאבע האבען זיי ערפילט מיט א פייערדיגער תאוה. אנשטאט דעם
תלמוד האבען זיי ארויסגעשטעלט דעם זוהר, א שטייגער, ערקלערענדיג,
אז דער כלומר׳שטער מחבר פון זוהר, רבי שמעון בן יוחאי, האט נאך
פארצייטען געקעמפט געגען דעם תלמוד און אנגעוויזען אויף איהם, ווי
אויף א פעלשער פון יודענטום, באר אין זוהר—האבען די פראנקיסטען ער־
קלערט—געפינט זיך די אמת׳ע תורת־משה. די פראנקיסטען האבען דארי־
בער זיך אויך גערופען זוהריסטען אדער קאנטרא־תלמודיס־
טען. מיט א פערביטערטער עקשנות האבען זיי להכעיס געטהון דוקא
אלץ, וואס דער תלמוד האט פערבאטען, אפילו אויך אין ענינים פון חופה־
קדושין און צניעות. צווישען די פראנקיסטען זענען געווען אויך רבנים און
אפילו מוכיחים, ווי, למשל, יהודה לייב קריזא פון נאדווארנא
און נחמן בן שמואל הלוי, רב אין בוסק (וועלכער האט געהייסען
פיאטר יאקובאווסקי, ווען ער האט זיך גע׳שמד׳ט). בעזונדערס אנגעזעהען
איז געווען צווישען די שבתיאנער אין פוילען אלישע שור. שוין א איד
א זקן און א גרויסער מיוחס, דען ער האט געשטאמט פון א משפחה פון
גאונים. ער אליין, זיינע זיהן און זיין טאכטער חיה, (וועלכע איז קלאר
געווען דעם זוהר אויסוועייניג און האט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר חוצפה

און האָט גע'שמ'ט פאַר אַ נביאה), ווי אויך זיינע איידימס און אייניקלעך— זיי אַלע זענען שוין פון פריהער געווען פערביסענע שבתיאַנער, פאַר וועלכע עס איז געווען אַ גרויסער פערגעניגען צו קאָנען מבטל מאַכען די דינים פון תלמוד און שולחן-ערוך.

אין אַ געוויסען טאָג האָט מען איבערראַשט יעקב פראַנק מיט צוואַנ-ציג פון זיינע אַנהענגער, ווען זיי האָבען זיך געהאַט פערזאַמעלט אויף איי-נע פון זייערע מיסטעריען אין לאַנסקאָרון (פּאָדאָליער גובערניע) בשעת אַ יריד. פראַנק האָט זיך מיט זיינע לייט פערשלאָסען אין אַן אַכסניא, וואָס האָט געהערט צו זיינעם אַנ'אַנהענגער, כדי צו פראַווען דאָרט זייער מיס-טעריע. וואָס-זשע האָבען זיי דאָרט געטהון? ווי די פראַנקיסטען האָבען דאַמאָלס דערצעהלט, האָבען זיי נאָר געזונגען ליעדער אין זוהר-לשון. זייערע געגנער דאַגעגען האָבען דערצעהלט, אַז זיי האָבען געטאַנצט אַרום אַ נאַקע-טער שענער פרוי, וועלכע זיי האָבען געקושט און פערגעטערט, כדי צו פערווירקליכען דאַדורך דעם יחוד צווישען דעם „מלכא קדישא מיט דער מאַטראָנאַ (מטרוניתא)“. באַלד האָבען זיך פערזאַמעלט פיעל אידען אַרום דער אַכסניא, כדי אַריינצוקומען אין צימער פון די פערזאַמעלטע און צו-טרייבען זיי. מען האָט אויך געבראַכט פּאָליציי, וועלכע מען האָט ער-קלערט, אַז עס איז געקומען אַ טערק פון טערקיי, וועלכע וויל די אידען אַנרעדען איבערצוגעהן אין מחמדאַנישען גלויבען און אויסוואַנדערען קיין טערקיי, און אַז די אַנהענגער פון דער נייער סעקטע טהוען אָב שענדליכע זנות-מעשים. די פּאָליציי האָט אויפגעבראָכען די טהיר און אַרעסטירט אַלעמען, אָבער יעקב פראַנק האָט מען באַלד געמוזט בעפרייען, ווייל ער איז געווען אַ טערקישער אונטערטאַן; דאַגעגען זיינע לייט האָט מען אָבגע-שיקט אין תפיסה. דער דאָזיגער פאַל האָט געמאַכט אַ שטאַרקען רושם; מעגליך, אַז מען האָט די זאַך איבערגעגעבען מיט פיעל גוזמאות. די אידען אין פּוילען האָבען זיך דאַמאָלס אויסגעצייכענט מיט זייער פרומקייט און צניעות'דיגען פאַמיליען-לעבען און דעריבער איז דער קלאַנג, אַז מען האָט ענטדעקט אַ סעקטע, וועלכע זענען עובר אויף אַלע מצוות און טרייבען זנות, געווען אַנ'אמת'ע דונער-ידיעה פאַר אַלעמען. די רבנים און מנהיגים האָבען זיך באַלד גענומען צו זייער געוועהנליכען געוועהר: זיי האָבען די בעלי-עבירה'ניקעס אַריינגעלעגט אין חרם און אַנגעהויבען זיי רודפ'ן. מען האָט אונטערגענומען אַנ'אמת'ע יאַגד אויף די פערמאַסקירטע אפּיקורסים. די פּאָ-ליציי האָט מען אונטערגעקויפט מיט גרויסע סומעס געלד, כדי זי זאָל מיט-העלפען אַרעסטירען און פערניכטען די פראַנקיסטען. די יונגערע פראַנקיס-טען האָבען זיך דערשראָקען און געקומען תשובה טהון. זיי האָבען עפענט-ליך מודה געווען זיך אין די שענדליכע מעשים, וואָס זיי האָבען געהאַט אָבגעטהון,— מעשים, וועלכע זאָלען האָבען באמת פאָרגעקומען, אָדער זענען בלויז געווען פערפוצט מיט גוזמאות, אָבער אַלענפאַלס האָבען זיי דערוויזען, ווי נידעריג עס זענען דאַמאָלס געווען געפאַלען גרויסע אידישע

קרייזען אין פוילען. פאַר'ן בית-דין אין סאַטאַנאָוו האָבען די פראַנקיסטען עפענטליך דערצעהלט (י"ג סיון 1756), אז זיי האָבען בכיון עובר געווען אויף אַלע מצוות פון דער תורה און געטריבען שענדליכע זנות-מעשים, בייטענדיג זיך מיט זייערע פרויען, לעבענדיג מיט זייערע נאָהענטסטע קרובות, און דאָס אַלץ—לויט זייער קבלה-טעאָריע. צו די אלע שענדליכע מעשים האָט זיי אָנגערעדט יעקב פראַנק.

דער רעזולטאַט פון דער בית-דין-זיצונג אין סאַטאַנאָוו איז געווען, אז מען האָט אין בראָדי (1756) אַריינגעלעגט די פראַנקיסטען, ביי אויסגע-לאָשענע ליכט און שופר בלאָזען, אין א האַרבען חרם. מען האָט פערבאָטען מתחתן צו זיין זיך מיט די פראַנקיסטען און בעשלאָסען צו האַלטען זייערע זיהן און טעכטער פאַר ממזרים און אז אפילו די, אויף וועלכע עס איז בלויז געפאַלען א חשד, אז זיי זענען פראַנקיסטען, טאָר מען נישט מצרף זיין צו א מנין און האַלטען זיי פאַר אידען. אויף יעדען אידען האָט מען אַרויפגעלעגט א חוב אַראָבצורייסען די מאַסקע פון די פראַנקיסטען און שבתיאַנער. דעם חרם האָט מען אויסגערופען אין פיעל קהלות און זיין טעקסט האָט מען געלאָזט אבדרוקען און פערשפרייטען, כדי איהם פאַר-צולעזען יעדען מאָנאַט אין שוהל. אינ'ם חרם האָט זיך געפונען א זעהר וויכטיגער פונקט: מען האָט פערבאָטען צו בעשעפטיגען זיך מיט קבלה יונגע לייט פאַר דרייסיג יאהר; אויך דעם זוהר, אָדער אַנדערע עהנליכע ספרים איז פערבאָטען געוואָרען צו לעזען פאַר דרייסיג יאהר. אַזוי אַרום האָט די נויט ענדליך געעפענט די רבנים די אויגען, אז זיי זאָלען זעהען, וואָס פאַר אַ געפאַהר עס שטעקט פאַר'ן יודענטום אין דער קבלה. צו דער דאָזיגער איבערצייגונג זענען זיי אבער געקומען ערשט נאָך פיעל נסיונות, וועלכע האבען געקאָסט דעם אידישען פאָלק זעהר טייער. די נויט האָט אָבער אויך געלערנט זיי נאָך וואָס אויך, נעמליך, אז עס איז נויטיג אוי-סער דעם תלמוד צו לערנען אויך שפראַכען און וויסענשאַפטען. אַזוי, למשל, האָט אין גרויס פערלעגענהייט זיך געווענדעט דער „ועד פון די פיער מדינות" אין קאָנסטאַנטינאָוו מיט א ביטע צו רבי יעקב עמדען, אין וועל-כען מען האָט געזעהען, זינט זיין מחלוקת מיט רבי יהונתן אייבשיץ, דעם פערטרעטער פון ריינעם יודענטום. דער „ועד" האָט נעמליך געבעטען, אז רבי יעקב עמדען זאָל שיקען קיין פוילען אַ געבילדעטען אידען פון די פאָר-טוגעזען, כדי מיט זיין וויסענשאַפט און גלאַטער שפראַך צו פערטרעטען די אידישע אינטערעסען געגען די פראַנקיסטען פאַר די גלחים און רעגיע-רונגס-אינסטיטוציעס. זיי האָבען אלזאָ אַנערקענט, אז די וויסענשאַפט, וועל-כע מען האָט פריהער אזוי שטאַרק גערודפ'ט, איז פאָרט נוצליך און נויט-ווענדיג.

אויך פאַר רבי יעקב עמדען האָט די זאך געהאַט א וויכטיגע בעדייי-טונג. דער נויט-געשריי פון די אידישע ברידער אין פוילען האָט איהם אויך געעפענט די אויגען אויף אַ וויכטיגען אומשטאַנד; די שבתיאַנער, פראַנ-

קיסטען, זוהריסטען און אַנטי - תלמודיסטען, פעררופען זיך שטענדיג אויפ'ן זוהר, כדי צו רעכטפערטיגען זייערע שענדליכע מעשים און געדאַנקען, אַ שטיינער ווי דער זוהר וואלט באמת געווען א היילינער ספר פון גאנץ אַלטע צייטען, פון דער צייט פון די נביאים, אדער לפחות פון די תנאים. אלס אזעלכער האָט ער אָבער נישט געקאַנט ווערען דער קוואל פון אלע זייערע פערברעכערישע מעשים און אמונות. ווי איז אָבער, אַז אַט דער זוהר שטאַמט כלל נישט פון א גאנץ אַלטער צייט, נאָר ער איז א חבור פון עמיצען, וואָס האָט איהם געשריבען אין די לעצטע יאָהרהונדערטען? די טרויעריגע געשעהענישען און די שענדליכע מעשים פון פיעל אידען אין פוילען האָבען אלזאָ דערוועקט רבי יעקב עמדען צו נעהמען זיך פיהרען א שטרענגע קריטיק אויפ'ן זוהר, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אין יעדען פאַל געפינען זיך אין זוהר פיעל זאַכען, וואָס די שפּעטערדיגע מחברים האָבען אין איהם אַריינגעשטעלט". — רבי יעקב עמדען האָט, ענדליך, ערקלערט, אַז דער זוהר שטאַמט כלל נישט פון ר ב י ש מ ע ו ן ב ן י ו ח א י אינגאַנצען און אייניגע חלקים זיינע האָבען געווים געמאַכט די שפּעטערדיגע מקובלים אין שפּאַניען, אָדער ר ב י מ ש ה ד י ל א ן אָדער ר ב י י צ ח ק פ ו ן ע כ ו. וויבאַלד אָבער דער זוהר שטאַמט נישט פון רבי שמעון בן יוחאי, האָט ער דאָך שוין ממילא אין זיך קיין שום קדושה און אלע אַנווייזונגען, וואָס די פראַנקיסטען מאַכען אויפ'ן זוהר, זענען ממילא בטל ומבוטל. פאַר רבי יעקב עמדען איז אַזאַ ערקלערונג געווען א געוואַלדיגע זאַך. מיט א געוויסער צייט פריהער איז ער אַליין געווען פון די הייסעסטע אַנהענגער פון זוהר, און יעדער, וואָס וואלט געוואָרפען א חשד אין זיין הייליגקייט, וואלט ער ערקלערט פאַר אַנ'אפיקורוס. איצט האָט ער אַליין אַרויסגעזאָגט די דאָזיגע אפיקורסות מיט א פעסטער איבערצייגונג.

אויף דער אַנפראַגע אויב מען מעג רודפ'ן די פראַנקיסטען האָט רבי יעקב עמדען שאַרף און ענערגיש געענטפערט: יאָ! לויט ווי מען האָט איהם איבערגעגעבען וועגען זייערע מעשים און הנהגות, האָט ער זיי ערקלערט פאַר פערברעכער נעגען דעם יודענטום. אין דער ווירקליכקייט האָבען אָבער די פרעגער ביי רבי יעקב עמדען כלל נישט גענויטיגט זיך אין זיין ענטפער, ווייל וואו נור עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען רודפ'ן עמיצען אין פוילען, האָט עס קיינמאָל נישט געפעהלט קיין בעלנים דערויף. מען האָט אויף די פראַנקיסטען באַלד אָנגעגעבען א מסירה דער פוילישער רעגירונג, אַז זיי ווילען גרינדען א נייע אמונה, וועלכע זאָל זיין צוזאַמענגעשטעלט פון יודענטום, קריסטענטום און דעם מחמדאַנישען גלויבען. אין פוילען האָט אָבער דעמאָלט געהערשט א געזעץ, אַז ווער עס שטרעבט אין פוילען צו גרינדען א נייע אמונה, מוז איבערגעגעבען ווערען דער גלחישער איטקוויזיציע, וועלכע פערמשפּט איהם צו פערברענען. דער בישאָף נ י ק אָ ל אָ ו ס ד ע מ ב אָ ו ס ק י פון קאַמעניעץ

פאָדאָלסק, וואָס אין זיין עפּאַרכיע האָט מען צוערשט אַרעסטירט די פראַנקיסטען, האָט שוין לאַנג חשק געהאַט אַנצוצינדען פייער=קאָסטרעס, אויף צו פערברענען אפּיקורסים. פראַנק איז אָבער געווען זעהר כיטרע און ער האָט פערשטאַנען, ווי אַזוי אָבצעווענדען די געפאַהר פון זיך און זיינע לייט און צו ווענדען איהר צו זיינע געגנער. זיינע אַנהענגער האָט ער אַנעצה געגעבען, צו פערטיידיגען זיך אַזוי: זיי דאַרפען ערקלערען, דאָס זיי גלויבען אין דער דריי=איינינגקייט און זיי האָבען פיינד דעם תלמוד, ווייל דאָס איז אַ ספר, פול מיט טעות'ן און לעסטערונגען. ווען די פראַנקיסטען האָבען זיך אָבער געוואַקעלט צו מאַכען אַזאַ געפעהרליכען שריט, האָט יעקב פראַנק ערקלערט זיינע הויפּט=אַנהענגער, אַז עס איז דורכאויס נויטווענדיג, דאָס צוואַנציג—דרייסיג פון זיי זאָלען זיך עפענטליך אָב'שמד'ן, כדי דאַדורך צו דערווייזען, דאָס זיי גלויבען באמת אין דער דריי=איינינגקייט. פאַר פראַנק'ן איז עס בכלל געווען זעהר אַ לייכטער שריט, צו בייטען די אמונה. זיין האַיגע עחקלערונג האָט יעקב פראַנק געמאַכט זיינע אַנהענגער אין אַ געהיימער אסיפה. די אידען האָבען זיך אָבער באַלד דערפון דערוואוסט, און געמאַכט אַ בעפעל אויף די פערזאַמעלטע; בינדענדיג זיי מיט שטריק, האָבען זיי אָבגעפיהרט אַלע אין תפיסה. דער דאָזיגער בעפעל האָט אָבער אויפגערייצט די קאָנטר=תלמודיסטען (די פראַנקיסטען) נאָך מעהר נקמה צו נעהמען אָן זייערע פיינד. שמד'ן זיך האָבען זיי אפילו נישט געוואָלט, אָבער זיי האָבען ערקלערט פאַר'ן געריכט פון בישאָף דעמבאָווסקי, אַז זיי זענען כמעט קריסטען, ווייל זיי גלויבען אין דער דריי=איינינגקייט, און די אידען רודפ'ן זיי נור דערפאַר. כדי אָבער צו דערווייזען אין ער ווירקליכקייט, אַז זיי זענען אָבגעפאַלען פון יודענטום, ווי אויך כדי נאָך מעהר צו נעהמען נקמה פון זייערע שונאים, האָבען זיי ערקלערט, אַז די אַנהענגער פון תלמוד געברויכען קריסטליך בלוט, און אַז דער תלמוד האַלט דאָס אויסמאָרדען די קריסטען פאַר אַ רעליגיעזע פליכט פון יעדען אידען. צו דערווייזען אַזאַ זאַך איז פאַר זיי געווען גאַנץ לייכט! מען האָט נור געברויכט דערצו, אַז אַ קריסטליך קינד זאָל פערשוואונדען ווערען. עטוואָס אַזעלכעס איז דעמאָלט טאַקי פאָרגעקומען אין י אַ מ פּ אָ ל י, אַ קליין שטעדטעל אין פּאָדאָליען, און באַלד האָט מען די אָנגעזעהענסטע אידען פון שטעדטעל איינגעשמידט אין קייטען. דער בישאָף דעמבאָווסקי מיט זיינע גלחים האָבען דאָ איינגעזעהען, אַז עס שטעהט זיי פאַר צו מאַכען אַ גליקליכע נשמה=פאַנגעריי ביי אידען; זיי האָבען דעריבער בעגינסטיגט די פראַנקיסטען, בעפרייענדיג זיי פון די תפיסות, בעשיצענדיג זיי פון זייערע שונאים און ערלויבענדיג זיי צו בעזעצען זיך אין דער גאַנצער קאַמעניעצער עפּאַרכיע און צו לעבען, לויט ווי זיי פערשטעהען. דערביי האָט ער זיי נאָך מעהר אויפגערייצט געגען די רבנישע אידען און דעם תלמוד. די נייע סעקטע איז פון אַ גערודפטע געוואָרען אַליין אַ רודפ'טע.

כדי צו ברענגען זייערע געגנער צו פערצווייפלונג, האָבען די פראַנקיסטען געפועלט ביים בישאָף דעמבאָווסקי (1757), אַז ער זאָל בעפעהלען די תלמודישע אידען צו שטעלען זיך צו אַנ'עפענטליכען וכוח מיט זיי, כדי זיי זאָלען קאָנען דערווייזען די ריכטיגקייט פון זייער אמונה אין דער דריי־איינינקייט פון איין זייט און וואָס פאַר אַ שלעכטער ספר דער תלמוד איז — פון דער אַנדערער. איינער פון זייערע רבנים האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט נייע ניין הויפּט־פּרינציפּען פון זייער אמונה, וואו עס ווערט בעזונדערס בעטאָנט, אַז אין תלמוד זענען פאַראַן שרעקליכע פאַלשע אידעען, ווי אויך אונמאָראַלישע לעהרען, דען „ער ערלויבט אַבצונאַרען די קריסטען און צו דערהרגענען זיי”. — אין פוילען האָבען זיך איצט אַלזאָ געלאָזט איבער'חזר'ן די סצענעס, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין שפּאַניען אין אָנפאַנג פון פופצענטען יאָהרהונדערט פאַר'ן פויפּסט דורך דעם משומד ג ע ר אָ נ י מ א ד ע ס אַ נ ט א פ ע (יהושע לאָרקי), וועלכער האָט געשפּיגען מיט גאַל און גיפט אויף די אידען און דעם יודענטום אין דער געגענוואַרט פון די גלחים. אָדער איז אַרויסגעטראָטען אַלס אַנקלאַגער געגען דעם יודענטום א יי נ ע ר פ ו ן פ אָ ל ק, אַ משומד, וואָס מען קאָן געפינען פיעל אַזעלכע, ווי ער איז געווען; דאָ, אין פוילען, דאַגעגען זענען אַרויסגעטראָטען פון צווישען די פראַנקיסטען געגען דעם תלמוד, רבנים מיט גרויסע בערד, געקליידעט אין קאַפּטאַנעס מיט שטריימלעך אויפ'ן קאָפּ, וועלכע זענען קלאָר בעהאַווענט אין תלמוד און אין די קבלה־ספרים, און מיט זייער גאַנצער עקעלדיגער ערשיינונג, מיט אַפּנים פול געפיהל פון נקמה און כעס, וועלכע נעהמען אָן דעם קאַטוילישען גלויבען, נור כדי צו קאָנען רודפ'ן נאָך שאַרפער זייערע פיינד, די געוועזענע ברידער. אין דער דאָזיגער פערצווייפעלטער לאַגע האָבען די פערטרעטער פון די אידישע קהלות אין פוילען, דער „ועד פון די פיער מדינות” ערשט דערשפירט מיט וועהטאָג און פערדרוס, ווי שטאַרק עס פעהלט זיי בילדונג און וויסענשאַפט, די פעהיגקייט, צו קאָנען וועניגסטענס רעדען מיט אַ קלאָרער שפּראַך. קיין איינציגען מענשען האָבען זיי נישט געקאָנט אַרויסשטעלען, וועלכער זאָל קענען, לפחות, קלאָר און דייטשליך, אויב אויך אָהן רעדעוודיגקייט, אַרויסטרעטען פאַר די פוילישע שרים מיט אַנ'ענטפער געגען די פראַנקיסטען און אויפדעקען אַלע זייערע פעלשונגען און די פוסטקייט פון זייערע אמונה־פּרינציפּען. די אידישע גאונים אין פוילען זענען דעמאָלט געבליבען אונבעהאָלפען, ווי די קליינע קינדער, און אַלע זייערע פאָרשלאַגען האָבען נור דערוויזען, ווי עלענד די אידען זענען אין פוילען. טיילמאָל האָבען זיי פאָרגעלעגט, אַז מען זאָל די זאַך אַריבערטראָגען אין רוים צום פויפּסט און טיילמאָל, אַז מען זאָל זיך ווענדען צו די ספרדישע אידען אין אַמשטערדאַם און צו די אידישע מנהיגים אין רוים, כדי זיי זאָלען די אידען פערטיידיגען פאַר די פוילישע שרים...

דער בישאף דעמבאווסקי האט אלזא, לויט'ן פערלאנג פון די פראנקיסטען, ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז די תלמודיסטען זאלען שיקען דעפוטירטע קיין קאמעניעץ אויף א דיספוט, סטראשענדיג, אז אויב זיי וועלען נישט ערפילען זיין בעפעהל, וועט ער זיי בעשטראפען און לאזען פערברענען דעם תלמוד, אלס א ספר, וואס איז געגען דער קריסטליכער רעליגיאן (1757). אומזיסט האבען די אידען אנגעוויזען אויף זייערע אלטע פריווילעגיעס, אדער זיי האבען זיך בעהאלטען הינטער די פריצים, שיטענדיג מיט געלד. עס האט קיין זאך נישט געהאלפען: זיי האבען געמוזט שיקען א דעפוטאציע צום דיספוט און ארויסטרעטען מיט אנ'ענטפער געגען זייערע פיינד, וועלכע זיי האבען אזוי גרינדליך פערהאסט. פון די נעמען פון די רבנים, וואס האבען אנטיילגענומען אין וכוח זענען נישט פיעל גור בעוואוסט געבליבען. דאס זענען געווען: רבי בעריש פון יאזלאוויצי וועלכער איז ארויסגעטראטען מצד אלע קהלות פון פאדאליען; רבי מענדעל ברבי משה פון סאטאנאוו, וועלכער האט געמאכט די געריכטליכע אויספארשונג וועגען די שענדליכע מעשים פון די פראנקיסטען, רבי ליבוש ברבי מיכל פון מעזיבוז און רבי יוסף קזשעמעניץ פון מאהליוו-פאדאלסק. קיין איינציגער פון די דאזיגע רבנים האט אבער נישט געהאט קיין בעשטימטען פלאן, ווי אזוי צו ענטפערן די פראנקיסטען. און וואס האבען באמת געקאנט ענטפערן די דעמאלסטיגע פערטרעטער פון תלמוד אין פוילען מיט זייער גרינדליכער אונוויסענהייט פון דער גאנצער וועלטליכער און פילאסאפישער וויסענשאפט, ווי אויך פון שפראכען געגען די אנקלאגע פון די פראנקיסטען, בפרט נאך ווען יענע האבען זיך בערופען אויפ'ן זוהר, אין וועלכען זיי האבען אליין געגלויבט און וועלכער ענטהאלט דאך באמת עטוואס וועגען דריי נעמען פון דער גאטהייט? מיט וואס דער וכוח האט זיך אויסגעלאזען, איז געבליבען אונבעוואוסט. דער בישאף דעמבאווסקי האט (דעם 14-טען אקט. 1757) עפענטליך בעקענט געמאכט, אז די פראנקיסטען האבען פעסטגעשטעלט און דערוויזען זייערע גלויבענס-פרינציפען, און דעריבער איז זיי ערלויבט איבעראל צו פיהרען וכוחים מיט די רבנישע אידען. דערביי האט ער אין די שטעדט פון זיין עפארכיע געלאזט אויפזוכען די תלמוד-עקזעמפלארען און פערברענען זיי דורך די הענד פון תליון. די תלמודישע אידען זענען פעראורטיילט געווארען צו בעצאהלען די פראנקיסטען פינף טויזענד פוילישע גילדען פאר די אנפאלען, וואס זיי האבען אויף זיי געמאכט און די שאדענס, וואס זיי האבען זיי דערביי געבראכט; אויסערדעם דארפען זיי בעצאהלען הונדערט און פופציג גאלד-דוקאטען אויף צו בענייען דעם פוילישען קאשציאל אין קאמעניעץ. טייל אידען האט מען אויך צוגעמשפט צו בעקומען מלקות צו הונדערט, אדער צו אכציג שמיץ, אין דער געגענווארט פון די ריכטער און די פראנקיסטען. אויך דעם שתדלן מצד די רבנים, שמעון הערש-

ק אָ ו יטש, האָט מען אָבגעגעבען אין רשות פון זיין פריץ, אַז ער זאָל
איהם פייניגען מיט אַלערליי ענוים, נור טויט זאָל ער איהם נישט דער=
שלאָגען. — דעמבאָווסקי איז דעמאָלט געווען אַ פּאָלקאָמער בעל הבית
אין גאַנצען קאָנט, ווייל די העכערע פוילישע רעגירונג איז דעמאָלט גע=
ווען פערנומען מיט דער אויסלענדישער פּאָליטיק, צוליב דער זיבען=יעה=
ריגער מלחמה, אין וועלכער עס האָבען דעמאָלט אַנטיילגענומען פּרייסען
און עסטרייך, פראַנקרייך און רוסלאַנד. דער פוילישער קעניג, אויגוסט III,
וועלכער איז אויך געווען זאַקסישער קורפירשט, איז דעמאָלט פערטריבען
געוואָרען דורך פרידריך דעם גרויסען פון זאַקסען. — דעמבאָווסקי האָט
דעריבער אויסגענוצט זיין מאַכט, ווי אַנ'עכטער שונא ישראל. ער האָט פו=
נאַנדערגעשיקט פּאָליציי און סאָלדאַטען אין דער בעגלייטונג פון פראַנ=
קיסטען, וועלכע האָבען אויפגעזוכט און קאָנפיסקירט אידישע ספרים,
שס"ן און פוסקים, וועלכע מען האָט געבראַכט קיין קאַמעניעץ און דאָרט
עפענטליך פערברענט דורכ'ן תליון. כדי נאָך מעהר אויפצורייצען די אי=
דען און מבזה זיין זיי, האָט מען די ספרים אָנגעבונדען צו די עקען פון
די פערד. נור תנ"ך'ן און קבלה=ספרים האָט מען די אידען איבערגעלאָזען,
ווי דאָס איז אויך געווען אין די צייטען פון די פויפּסטען יוליוס III און
פּאול IV. די פראַנקיסטען פלעגען זיך טאָג=טעגליך אַריינרייסען אין די
בתי מדרשים אין דער בעגלייטונג פון גלחים און סאָלדאַטען און אָבנעה=
מען די ספרים. די פוילישע אידען האָבען גוזר=תענית געווען און געזאָגט
סליחות, אָבער עטוואָס אונטערנעהמען געגען דעמבאָווסקי'ס מעשים האָ=
בען זיי נישט.

פלוצלונג איז אָבער געשטאָרבען ד ע מ ב אָ ו ו ס ק י (17=טען נאָ=
וועמבער 1757) מיט אַנ'אונגאַטירליכען טויט, און די לאַגע האָט זיך באַלד
גרינדליך געענדערט: די רדיפות געגען דעם תלמוד האָבען אויפגעהערט
און זיך געווענדעט געגען די פראַנקיסטען. רבי יעקב עמדען דערצעהלט
נסים ונפלאות וועגען יענער צייט. אונטער אַנדערן דערצעהלט ער, אַז
דער בישאָף דעמבאָווסקי האָט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבען פיעל
געליטען פון דער חרטה, וואָס ער האָט געשפירט פאַר זיינע מעשים געגען
די אידען. ער האָט געהאַט אַזעלכע שרעקליכע וויזיאָנען (האַלוציניאַציעס),
דאָס ער איז שיער נישט משוגע געוואָרען. איין זאַך איז קלאָר: מען האָט
די פראַנקיסטען אָנגעהויבען שטאַרק רודפ'ן. פיעל פון זיי האָט מען אַריינ=
געזעצט אין תפיסה; די איבריגע האָט מען געשטעלט אויסערן געזעץ, און
יעדער האָט זיי געמעגט דערהרג'ענען, אָדער שלאָגען; מען האָט אויף זיי
אויך גוזר געווען אָבצוגאָלען אַ האַלבען באָרד כדי צו מאַכען זיי צו שאַנד
און שפּאָט. פיעל פון זיי זענען דעמאָלט אַנטלאָפען קיין טערקיי, אָבער
אויך דאָרט האָט מען זיי גערודפט, ווייל די רבנישע אידען פון פוילען
האָבען באַלד מודיע געווען די אידען אין טערקיי, ווער עס זענען די נייע
אורחים, און די טערקישע אידען האָבען באַלד געמסרט דעם קאַדי (דעם

טערקישען שופט), אז עס זענען געקומען פון פוילען מענשען אהן קיין שום רעליגיאן, וועלכע זענען נישט קיין אידען, נישט קיין קריסטען. פאר די טערקען איז די זאך געווען א גאנץ גוטער תירוץ אנצופאלען אויף די געקומענע און בערויבען, אדער שלאגען זיי. די פראנקיסטען האבען זיך דאן ארומגעשלעפט עלענדע און דערשלאגענע, בארפיס און נאקעט אויף די גרעניצען פון פוילען (פאדאליען) און בעסאראביען (טערקיי), נישט געפינענדיג פאר זיך קיין מקום מנוחה. זיי האבען זיך משתדל געווען ביי'ם פוילישען קעניג אויגוסט III, אז ער זאל זיי בעשטעטיגען די הנחות און זכיות, וואס עס האט זיי געהאט געגעבען דער בישאף דעמבאווסקי, אז זיי זאלען קאנען לעבען אין פוילען רוהיג, לויט זייער איבערצייגונג. דער קעניג האט זייער ביטע ערפילט, און פיעל פראנקיסטען האבען זיך דעמאלט צוריק בעזעצט אין די שטעדטלעך און דערפער ארום קאמעניעץ. אבער די אידען האבען אויפגערייצט געגען זיי די פוילישע פריצים, וועלכע האבען זיך נישט פיעל גערעכענט מיט די בעפעהלען פון קעניג און גערודפט די פראנקיסטען אהן אויפהער. אין דער דאזיגער שווערער לאגע האבען די פראנקיסטען געשיקט א דעפוטאציע צו זייער קדוש יעקב פראנק, וועלכער האט זיך געפונען דעמאלט אין טערקיי און געפיהרט א רייך לעבען, ווי א גרויסער שר, האבענדיג א גאנצען הארעם מיט פרויען אויפ'ן טערקישען שטייגער. אויף דער ביטע פון די שליחים פון פוילען איז פראנק געפאהרען מיט זיי קיין פוילען, אבער דארט האט ער באלד איינגעזעהען, אז מיט האלבע מיטלען וועט ער גארנישט פועל'ן און מיט'ן ערקלערען, אז די פראנקיסטען גלויבען אין דער דריי־איינזיגקייט וועלען די פראנקיסטען ווייניג וואס נושא חן זיין ביי דער פוילישער רעגירונג. פראנק האט דעריבער אנ'עצה געגעבען אייניגע פון זיינע אנהענגער צו שמד'ן זיך. דאן האבען זיך פארגעשטעלט זעקס פראנקיסטען פאר'ן לעמבערגער ערצבישאף, ווראטיסלאוו לוביענסקי, און ערקלערט „אין נאמען פון אלע פראנקיסטען", אז לויט געוויסע בעדינגונגען שטימען זיי איין צו שמד'ן זיך. אין זייער ביטע צום ערצבישאף רעדען זיי מיט א חניפות'דיגען טאן פון פרומאקעס און מיט ניפט פון נקמה געגען זייערע פריהערדיגע ברידער, די תלמוד־אידען. זיי האבען פערלאנגט, אז מען זאל זיי ווידער געבען די מעגליכקייט, צו פיהרען דיספוטען מיט די תלמודיסטען, צוזאגענדיג צו דערוויזען, אז „די תלמודיסטען האבען נאך מעהר, ווי די געצענדינער פערגאסען אונשולדיג קריסטליך בלוט". דער ערצבישאף האט געלאזט אבדרוקען און פערעפענטליכען דעם בריף פון די פראנקיסטען, כדי דאדורך פון איין זייט צו ברענגען דער וועלט די בשורה וועגען דעם „נצחון פון דער קירכע", און פון דער צווייטער זייט, כדי צו בינדען דאדורך די פראנקיסטען, אז זיי זאלען זיך מוזען שמד'ן. דערביי האט ער אבער פאר זיי נישט אויפגעטהון און אויך נישט דערמאהנט וועגען זייער ביטע, איינצוארדנען דיספוטען מיט די תלמוד־אידען. די פראנקיסטען

האָבען איינגעזעהען, אַז זיי זענען אַריינגעפאַלען, ווייל כאָטש זיי האָבען
געהאַט ערקלערט פאַר'ן ערצבישאָף, אַז „זיי קאָנען זיך ממש נישט דער-
וואַרטען די גליקליכע מינוט, ווען מען וועט זיי אָבשמד'ן", האָבען זיי אין
דער ווירקליכקייט כלל נישט געהאַט בדעה מקיים צו זיין זייער הבטחה
און שמד'ן זיך. פראַנק אַליין האָט אויך נישט געפונען נאָך דעם מאָמענט
פאַר גענוג גינסטיג צו שמד'ן זיך, דען ער האָט געוואָלט אויספועלען וואָס
בעסערע בעדינגונגען פאַר'ן שמד; די דאָזיגע בעדינגונגען האָט ער אי-
בערגעגעבען זיינע צוויי שליחים, יהודה לייבוש בן נתן,
וועלכער איז געווען רב אין נאַדוואָרנאַ און שלמה שור בן
אלישא שור פון ראָהאַטין. די דאָזיגע צוויי שליחים האָבען דער-
לאַנגט אַ ביטע דעם ערצבישאָף לובענסקי, וועלכער איז דערווייל
דערהויבען געוואָרען צום ערצבישאָף פון גניעזשען — אָדער צום פרי-
מאס, דאָס הייסט, צום העכסטען גלח אין גאַנץ פוילען. אין זייער ביטע
ערקלערען די פראַנקיסטען, אַז זיי ווילען איינאָרדנען עפענטליכע די-
ספוטען מיט די תלמודישע אידען, נור כדי צו עפענען די אָרימע אידען
די אויגען, אַז זיי זאָלען דערזעהען, דאָס די קאַטוילישע רעליגיאָן איז
העכער, ווי די תלמודישע און דעריבער וועלען זיי זיך שמד'ן. וועגען זיך
זעלבסט ערקלערען זיי, אַז נישט צוליב זייער עלענדער לאַגע ווילען זיי
אָננעהמען דעם קאַטוילישען גלויבען, נור ווייל זיי זענען איבערצייגט אין
זיין ערהאַבענקייט און ריכטיגקייט. אויך דעם קעניג האָבען די פראַנקי-
סטען אָנגעגעבען אַ ביטע, און איהם ערקלערען זיי, אַז דער וכוח מיט די
תלמודיסטען איז פאַר זיי נויטיג, כדי זייערע פרויען און קינדער, (וועלכע
זענען פון זיי אַנטלאָפען נישט וועלענדיג מפקיר זיין זיך צו זנות) זאָלען
זיך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון קאַטוילישען גלויבען און צוזאַ-
מען מיט זיי שמד'ן זיך. אויסער דעם האָבען זיי געבעטען, אַז מען זאָל זיי
ערלויבען צו בעזעצען זיך צווישען די שטעדט בוסק און גליניאַני,
פאַר לעמבערג, כדי צו לעבען דאָרט פון זייער אַרבייט און נישט צו דאַר-
פען זיין, ווי די תלמוד-אידען, שענקער, וועלכע פערשפרייטען שכרות
צווישען די פויערן, זויגען אוים דאָס בלוט ביי די פויערן און נאַרען זיי
אָב מיט זייערע פאַלשע חשבונות, צונעהמענדיג ביי זיי דעם לעצטען
שוויים-גראָשען. אויף דעם דאָזיגען בריף האָט דער פוילישער קעניג כלל
נישט געענטפערט, און דער ערצבישאָף לוביענסקי האָט ערקלערט, אַז ער
קאָן זיי נור מבטיח זיין עולם הבא פאַר זייער שמד; די איבריגע בעדינ-
גונגען וועלען ערפילט ווערען ערשט נאָכ'ן שמד. בכלל האָט דער ערצבי-
שאָף נישט געאיילט זיך אָבצושמד'ן די פראַנקיסטען, וועלכע זענען געווען
אַ מחנה בעטלער, און דער ערצבישאָף האָט וועניג וואָס געגלויבט אין
זייערע הבטחות און ערקלערונגען, דאָס זיי זענען באמת ערגעבען דעם
קריסטענטום. אפילו דער נונציום פוג"ם פויפסט אין וואַרשאַ, ניקאַ-

ל א ו ס ס ע ר א, איז געווען א קנאפער בעלן אבצושמד'ן די נייע שונאים פון תלמוד.

די לאגע האט זיך אבער דערוויל ווידער געביטען לטובת די פראנקי־סטען. נאכדעם ווי דער נייער פ ר י מ א ס ל ו ב ע נ ס ק י איז ארויסגעפאהרען קיין גניעזשען און אין לעמבערג איז אויפגענומען געווא־רען אויף זיין ארט דער קאנאניק מ י ק ו ל י ט ש מ י ק ו ל ס ק י, האט מען אנגעהויבען מקרב זיין די פראנקיסטען, זעהענדיג אין זייער שמד א נצחון פאר'ן קריסטענטום. מיקוליטש מיקולסקי האט באלד מודיע געווען די פראנקיסטען, אז ער וועט זיי ערלויבען איינצואורדנען דעם די־ספוט, אויב ער וועט זיך נור איבערצייגען דאס זיי מיינען זיך צו שמד'ן באמת. די פראנקיסטישע שליחים האבען דאן שריפטליך אבגעגעבען אנ־ערקלערונג וועגען זייער קאטולישען גלויבען אין א קאבאליסטישער פערפארבונג; אויך אין דער דאזיגער ערקלערונג חזר'ן זיי איבער דעם שענדליכען בלבול, אז די תלמוד־אידען נוצען קריסטליך בלוט צו א רע־ליגיעזען צוועק. מיקולסקי האט באלד אנגעהויבען צו מאכען הכנות צו א דיספוט אין לעמבערג (יוני 1759), נישט פרעגענדיג אפילו ביים נונציוס פון פויפסט. די רבנים פון דער סביבה האבען באלד בעקומען א בעפעהל צו שטעלען זיך צום דיספוט דעם 16־טען יולי. און ווער עס וועט נישט קומען האט געזאלט בעשטראפט ווערען מיט טויזענד טהאלער. די פרי־צים און גלחים האט מען פארגעלעגט, אויב עס וועט זיין נויטיג, צו צווינ־גען די רבנים מיט געוואלד צו קומען. די אידען האבען זיך געפרובט ווענ־דען מיט אנ'אנקלאגע צום פויפסטליכען נונציוס ס ע ר ר א אין ווארשא; אבער ער האט פאר זייערטוועגען נישט געוואלט טהון. דער שריט פון קאנאניקוס איז איהם אפילו נישט געפעלען געווען, אבער די פראגע, צי אידען געברויכען קריסטליך בלוט איז פאר איהם געווען זעהר וויכטיג, און ער האט דעריבער געוואלט, אז דער וכוח זאל פארקומען, כדי ער זאל האבען די געלעגענהייט צו הערען וועגען דעם דיספוטירען. דער דאזיגער פונקט האט איהם אינטערעסירט פיעל מעהר אלס די אנגעלעגענהייט פון די פראנקיסטען מיט אלע זייערע שגעונות. גראד אין יענער צייט האט דער פויפסט ק ל ע מ ע נ ס X111 זיך ארויסגעזאגט וועגען דער דא־זיגער פראגע אין א גינסטיגען זין פאר אידען. מיט א געוויסער צייט פאר דעם האט נעמליך אונטערגענומען וועגען דעם א רייזע קיין רום דער שתדלן יעלעק, אדער אליקום בן אשר זעליג, כדי צו בעקומען ביים פויפסט א וויכטיגע רעזאלוציע וועגען די בלוט־בלבולים. דער פויפסט האט דאן צוגעשיקט אבריף צום נונציוס אין ווארשא מיט פאלגענדער ערקלערונג: "יער פויפסטליכער שטוהל האט בעטראכט די בעווייזען, אויף וועלכע מען שטיצט זיך צו בעשולדיגען די אידען, אז זיי געברויכען קריסטליך בלוט אויף פסח און מארדען דערצו די קריסטליכע קינדער, און איינגעפונען, אז די דאזיגע בעווייזען האבען קיין שום גרונד נישט, און מען קאן די אידען

נישט משפט'ן אַלס פערברעכער אויף זייער סמך; פיעל מעהר ברויכט מען, ביי אזעלכע אַנקלאַגען געגען די אידען, אַנצוווענדען די געוועהנליכע געזעצליכע פאָרמען אי ביי דער אויספאָרשונג אי אין געריכט. דער נונציוס איז אבער אזוי גענאַרט געווען אין די פראַנקיסטען, אז ער האָט באלד אויף האַלב אָנגעהויבען גלויבען אין בלוט-בלבול און האָט מודיע געווען וועגען דעם אויך דעם פויפסט.

דער רעליגיאָנס-דיספוט, וועלכער האָט געדאַרפט פיהרען טויזענדער אידען (פראַנקיסטען) צום שמד, האָט אָנגעהויבען שטאַרק דערוועקען דעם אַלגעמיינעם אינטערעס. די פוילישע פריצים, הערען און דאַמען האָבען געקויפט בילעטען צום דיספוט אויף זעהר אַ הויכען פרייז, און דאָס געלד האָט מען געדאַרפט פערווענדען אויף צו שטיצען די גע'שמד'טע פראַנקיסטען. אין בעשטימטען טאָג האָט מען געפיהרט די תלמודיסטען און די קאָנטרא-תלמודיסטען (די „זוהריסטען". ווי די פראַנקיסטען האָבען זיך גערופען) אין דער קאַטעדראַלער קירכע אין לעמבערג. דער קאַנאָניקוס מיקולסקי, וועלכער האָט פערנומען די שטעלע פון אַנ'ערצבישאָף, איז געווען פאָרזיצענדער ביי'ם דיספוט. פיעל גלחים, פריצים, שרים און בירגער, האָבען זיך פערזאַמעלט אויפ'ן זעלטענעם שוישפּיעל, צו קוקען ווי אידען שליידערען איינע געגען די אַנדערע די שענדליכסטע בעשולדיגונגען. אין דער ווירקליכקייט אבער איז דער דיספוט אי אויסערליך, אי אינערליך, געווען וועניג אינטערעסאַנט. פון די פראַנקיסטען, וועלכע האָבען זיך געהאַט בעריהםט, אז זיי וועלען שיקען צום דיספוט הונדערטער פון זייערע חברים, זענען געקומען קויב צעהן פערזאָן; פון די תלמודיסטען, וועלכע מען האָט געסטראַשעט מיט אַ גרויסער געלד-שטראָף, זענען געקומען פערציג מאַן, און געדאַרפט האָבען רעדען אין זייער נאָמען דער לעמבערגער רב, רבי חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט, רבי בעריש פון יאזלאָוויצי און רבי ישראל פון מעזיבוז (ווי עס שיינט: דער בעל שם טוב הקדוש). אין דאָזיגען דיספוט האָט זיך אַרויסגעוויזען אויף אַ גאַנץ טרויעריגען אופן. ווי געפאַלען און שפּל דאָס אידישע פאָלק איז געוואָרען אין משך פון די לעצטע פינף הונדערט חושך-יאָהרען. ווען מיט פינף הונדערט (1263) יאָהר פריהער איז אַרויסגעטראָטען דער משומד פּאַבלאָ כריסטיאַני געגען אידען און אַרויסגעפאָדערט זיי אין באַרצעלאָנאַ פאַר'ן קעניג אויף אַ דיספוט, איז אַרויסגעטראָטען געגען איהם רבינו משה בן נחמן — דער רמב"ן — אַלס עכטער העלד אי אין דער תורה אי אין דער וויסענשאַפט און מיט אַ שענער שפּראַך, מיט שאַרפע און קלוגע רייד, אַלס מענש, וועלכער איז פעסט איבערצייגט און פערשטעהט די בעדייטונג און דעם ווערט פון אידישען פאָלק, האָט ער געקעמפט געגען דעם משומד, וועלכער איז געשטאַנען פערשעהמט פאַר איהם. דער רמב"ן האָט גערעדט זיכער און פעסט, ווי אַ אמת'ער פערטרעטער פון הייליגען אמת.

איצט, אויפ'ן דיספוט אין לעמבערג זענען אויך אַרויסגעטראָטען רבנים,
וועלכע האָבען געדאַרפט פערטיידיגען דאָס זעלביגע יודענטום, דעמזעל־
ביגען תלמוד און דעמזעלביגען אמת געגען מענשען, וועלכע זענען גע־
שטאַנען פיעל נידעריגער אין זייער ענטוויקלונג און קענען די תורה, ווי
דער משומד פּאָבלאָ, דעם רמב"נ'ס געגנער. און פונדעסטוועגען זענען איצט
די רבנים געשטאַנען געבויגען אין דרייען, מענשען אָהן א לשון, וועלכע
האָבען אין זייער לעבען נישט געפּרובט אַרויסטרעטען עפענטליך נישט
זיי און נישט זייערע געגנער האָבען פערשטאַנען גוט צו ריידען פּויליש—
די לאַנד־שפּראַך—און מען האָט זיי געמוזט געבען א טאָלמאַטש, וואָס זאָל
זייערע רייד איבערזעצען. איין שטיקעל נחמה איז נאָר דאַמאָלס געוועזען
פאַר די אידען: אויך די סביבה, אין וועלכער דער דיספּוט איז פאָרגעקו־
מען, האָט זיך אויסגעצייכענט מיט איהר גרויסער אונוויסענהייט אינ'ם ענין
וועגען וועלכען מען האָט דיספּוטירט. צווישען אלע גלחים אין קרוין־פּוילען
האָט זיך נישט געפונען קיין איינציגער, וואָס זאָל האָבען כאָטש א שטי־
קעל ידיעה אין העברעאיש אדער אין דער רבנישער ליטעראַטור, ווען
רענד אין דייטשלאַנד און אין האָלאַנד זענען שוין דאַמאָלס געווען הונדער־
טער קריסטליכע געלעהרטע, וועלכע האָבען געקאָנט גוט אי העברעאיש
אי תלמוד.— בעזונדערס שווער איז איצט געווען די לאַגע פון די רבנים
ביי'ם דיספּוט, צוליעב פאָלגענדען אומשטאַנד. דאָס הויפּט־טעמא פון די
פראַנקיסטען איז געווען, אז דער זוהר לערנט וועגען דער דריי איינינקייט,
און אז לויט זייער לעהרע איז די גאָטהייט פערקערפּערט געוואָרען אין
אַ מענשליכער פּערזאָן. די רבנים האָבען אָבער נישט געקאָנט אַרויסטרע־
טען געגען אָט די דאָגמען שאַרף, ווייל דאָדורך וואָלטען זיי דאָך בעליי־
דיגט די קריסטען, פון וועלכע זיי זענען אינגאַנצען געווען אָבהענגיג. דער
רמב"ן האָט פאַר'ן צוטרעטען צום דיספּוט געהאַט ערקלערט, אז ער
שטעלט זיך נישט דיספּוטירען, ביז ער וועט בעקומען א הבטחה פון קע־
ניג, דאָס ער קאָן ענטפערען פראַנק און פריי, ווי ער פערשטעהט לויט זיין
גלויבען, נישט דאַרפענדיג מורא האָבען פאַר עמיצען. איצט האָבען די
רבנים אַזאַ ערקלערונג גאָרנישט געקאָנט מאַכען. אויך וועגען זוהר האָבען
זיי געהאַט כמעט אַנ'אונמעגליכע אויפגאַבע: אינ'ם זוהר האָבען זיי דאָך
אויך געגלויבט אין די דערמאַנטע שטעלען אין איהם, וואָס די פראַנקיס־
טען האָבען געהאַט אָנגעוויזען, האָבען זיי דאָך נישט געקאָנט אָבלייקענען.
זיי האָבען געקאָנט, אמת, געבען אַנ'אַנדער ערקלערונג, אָבער דערצו האָט
מען געדאַרפט בעזיצען א ברייטע בילדונג און א שאַרפע געשליפענע
שפּראַך—זאַכען, וועלכע האָבען זיי לגמרי געפעהלט. זיי האָבען אויך גע־
קאָנט שאַרף אַרויסטרעטען געגען דער בעשולדיגונג אין בלוט־בלבול און
דערין האָבען זיי געקאָנט ברענגען בעווייזען פון תלמוד, ווי אויך דאָקו־
מענטען פון דער געשיכטע—אי פון פאַקטען, אז מען האָט די קריסטען

גופא אין די ערשטע יאהרהונדערטען דערין בעשולדיגט, אי פון דעקרעטען און בולעס פון די פויפסטען, וועלכע האָבען אליין געהאַט ערקלערט, דאָס די אידען זענען ריין פון אזעלכע בעשולדיגונגען. אָבער וואָס האָבען גע־קאָנט טהון רבנים, פאר וועלכע אַט די אלע זאַכען זענען געווען לחלוטין אונבעוואוסט! די געוואַלדיגע גזירות, רדיפות און ענוים האָבען אין א משך פון יאהר־הונדערטען פערפינסטערט דאָס אידישע לעבען און צוגענומען יעדען חשק צו בילדען זיך און לערנען וויסענשאַפטען, און איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען די גאנצע טרויעריגקייט פון דער אידישער לאגע. די קריסטען דערצעהלען, אז די אידען האָבען געהאַט א מפלה אויפ'ן וכוח אין לעמבערג; מען קאָן זיך לייכט משער זיין, אז די רבנים זענען נאָך א דריי־טאָגיגען דיספוט אַבגעגאַנגען אהיים פערשעמט און מבולבל. אפילו די בעשולדיגונג אין עלילת־דם איז דורך זיי נישט אַבגעוואָרפען געוואָרען ווי געהעריג איז. 1)

נאָכדעם ווי די „זוהריסטען" (פראַנקיסטען) האָבען אויסגעפיהרט זייערס און דער דיספוט איז פאָרגעקומען, האָבען די גלחים זיי אָנגעהויבען טרייבען, אז זיי זאָלען קומען זיך אַבשמד'ן. אָבער די פראַנקיסטען האָבען נאָך אַלץ געקווענקעלט זיך צו טהון דעם דאָזיגען לעצטען שריט, ביז זיי האָבען ענדליך דערהאַלטען א בפירוש'ן בעפעהל פון זייער „הייליגען הערר"—יעקב פראַנק, אז זיי זאָלען געהן צום שמד. ער אַליין איז ביי'ם דיספוט נישט געווען; געקומען איז ער קיין לעמבערג ערשט צום סוף דיס־פוט און האָט זיך זעהר געפרעהט, הערענדיג, אז זיינע אָנהענגער האָבען מנצח געווען. אריינגעפאהרען איז ער אין לעמבערג מיט א מלכות־פּאַראַד: געקליידעט ווי אַ הויכער טערקישער שר, זיצענדיג אין אַ קאַרעטע מיט זעקס פערד ארומגעריננעלט דורך אַ בעוואָפענטער גוואַרדיע, האָט ער אימפּאָנירט די פּאַליאַקען מיט זיין ערשיינען און דערוועקט זיי, צו בע־ציהען זיך מיט איהם מיט גרויס כבוד. סך־הכל האָבען זיך דאמאָלס אָב־געשמד'ט לערך טויזענד פראַנקיסטען. פראַנק אַליין האָט זיך נישט גע־שמד'ט אין לעמבערג. ער איז פּלוצלונג ערשינען אין ווארשא (אָקטאָבער 1759) מיט א פערבלענדענדער פראַכט, דערוועקענדיג דאדורך די נייגי־ריגקייט פון דער פּוילישער הויפּט־שטאָדט. ער האָט אויך אויסגעפועלט, אז דער קעניג אליין זאָל זיין טויף־פאָטער און דער קעניג האָט עס געטהון דורכ'ן מאַרשאל ביעלינסקי און דעם מיניסטערס פּרוי בריהל. דער שמד איז פאָרגעקומען אין נאָוועמבער 1759.

די דאמאָלסדיגע וואַרשעווער צייטונגען זענען פול געווען מיט בעריכ־

1) לויט די נייעסטע פאָרשונגען, האָבען די רבנים דאמאָלס גראַד אָבגעוואָרפען ווי געהעריג איז דעם בלוט־בלבול און די רעזולטאַטען פון וכוח זענען אויך נישט געווען בעשעמענד פאַר אידען. (איבערזעצער).

טען וועגען דעם טעגליכען אבשמד'ן זיך פון אזוי פיעל אידען און וועגען דער הויכער שליאַכטע, הערן און דאָמען, וועלכע זענען געווען די טויף-פאַטערס דערביי. די גלחים האָבען זיך אָבער בעצויגען צו יעקב פראַנק מיט וועניג צוטרוי: זיי האָבען געשפירט, אז זיין שמד איז נישט קיין ערנסטע זאך, אז אונטער דער מאַסקע פון קריסטענטום, ווי פריהער אונטער דער מאַסקע פון מחמד'אַנישען גלויבען, שטרעבט ער בלויז צו שפּיעלען א ראָליע, אלס אַנפיהרער פון א סעקטע. די גלחים פלעגען אויך אויספאָרשען גענוי זיינע פוילישע אַנהענגער וועגען אלע זיינע מעשים, וועגען זיין פערגאַנגענהייט און זיינע כונות אין דער געגענוואַרט. ענדליך האָט איינער פון זיינע פוילישע אַנהענגער איהם פערראַטען, ערקלערענדיג, אַז זיין שמד איז פאַר איהם בלויז א שפּיעל, און ער פאָדערט פון זיינע אַנהענגער, דאָס זיי זאָלען צו איהם מתפלל זיין ווי צו א פערקערפּערטער גאָטהייט, ווי צום מלכא קדישא. צוליעב דער דאָזיגער ערקלערונג האָט מען איהם אָנגעקלאָגט פאַר'ן אפּיציאַל פון דער פוילישער אינקוויזיציע, אנגעקלאַגט אלס א בעטריגער און א שענדער פון קאַטוילישען גלויבען; מ'האָט איהם באַלד אַרעסטירט און אָנגעהויבען אויספאָרשען. די עדות האָבען אַלץ מעהר בעשטעטיגט זיינע שווינדלערייען. אזוי ארום האָט מען איהם אָבגעפיהרט אין דער טשענסטאָחאָווער פעסטונג, וואו מען האָט איהם פערשלאָסען אין קלויסטער (1760). פון פייער-טויט אלס אַן אַפּיקורס און אָבגעפאַלענער פון קריסטליכען גלויבען, האָט איהם אָבגעראַטעוועט נאָר דאָס, וואָס דער קעניג איז געווען זיין טויף-פאַטער. פיעל פון זיינע בעגלייטער און אַנהענגער האָט מען פער'משפט צו אַרבייטען און גראָבען ערד ביי דער טשענסטאָחאָווער פעסטונג, פיעל אַנדערע האָט מען פונאַנדערגעשיקט אַהיים. פיעל פראַנקיסטען האָבען געמוזט שטעהן פאַר די קאַטוילישע קירכען און בעטלען; די פוילישע בעפעלקערונג האָט זיך בעצויגען צו זיי מיט פעראַכטונג. זיי אָבער זענען געבליבען געטריי זייער „הייליגען הערן". אַלע אונגליקען זייערע האָבען זיי ערקלערט אויפ'ן קבלה-שטייגער. דעם קלויסטער פון טשענסטאָחאָוו האָבען זיי אָנגערופען „די טהויער פון רוים". אויסערליך זענען זיי געווען געטריי דעם קאַטוילישען גלויבען און אָבגעהיטען אַלע קירכליכע צערעמאָניעס; זיי פלעגען זיך אָבער אויך אָפט פערזאַמלען, ווי זייערע חברים אין טערקיי, די „דענמעה", צו לערנען זוהר און זינגען זייערע לידער. מתחתן געווען מיט די פּאָליאַקען האָבען זיי זיך אויך נישט, נאָר הייראַטען שטענדיג אונטער איינאַנדער. נאָך עד היום געפינען זיך אין פוילען די משפחות, וואָס שטאַמען פון די פראַנקיסטישע און שבתיאַנישע משומדים, אזוי, למשל, די וואָלאָווסקי'ס (פון דער משפחה שור-וואָל), די דעמבאָווסקי'ס, די דזאַלינסקי'ס און אַנדערע אלס פרענקס אָדער שאַבס, צו דערקענען. יעקב פראַנק האָט מען געהאַלטען אין דעם טשענסטאָחאָווער קלויסטער

דרייצעהן יאהר לאנג, ביז 1771, ווען די רוסען האבען, בשעת דער מלחמה מיט די פאליאקען, איינגענומען טשענסטאחאוו, און בעפרייט איהם מיט זיין רעשט-לייט. פראנק האט זיך דאמאלס אבגעשמד'ט אין פראוואסלאוונעם גלויבען (גריכיש-קאטוליש) און געשפילט דערנאך א שווינדלערישע ראליע אין ווין, ברין און אין אפענבאך אלס א באראן. אין א משך פון צוואנציג יאהר האט ער אבגענארט נאך זייערע אנהענגער, וועלכע פלעגען איהם שיקען זייערע נדבות פון וויט און נאהענט. לסוף האט ער ארויסגעשטעלט זיין טאכטער חוה, אלס א פערקערפערונג פון דער גאטהייט, אבנארענדיג אזוי ארום א וועלט מענשען ביז'ן לעצטען טאג פון זיין לעבען און אפילו נאך זיין טויט אויך, ווייל דאמאלס האט זיין ראלע איבערגענומען זיין טאכטער.

אין די אלע דאזיגע טרויעריגע געשעהענישען איז נישט וועניג שולדיג געווען אויך רבי יהונתן אייבשיטץ (1). די פראנקיסטען האבען געצעהלט איהם, דעם גרויסען רב און גאון צו זייערע אנהענגער, און ער האט גארנישט געטהון, אראבצונעהמען פון זיך אזא שרעקליכען חשד. מען האט איהם געבעטען פון פוילען, אז ער זאל אין דער נויט העלפען די דארטיגע אידען און ארויסטרעטען געגען דער בעשולדיגונג אין בלוט-בלבול, אבער ער האט אויך דערויף געשוויגען, א שטייגער, ווי ער וואלט מורא געהאט אויפצורייצען געגען זיך די פראנקיסטען. זיין יונגסטער זוהן, ב נ י מ י ן וואלף, איז געשטאנען אין פערבינדונג מיט'ן גיפטיגען פראנקיסט, שלמה שור, וועלכער האט נאכ'ן שמד געהייסען וואלאווסקי. דער דאזיגער זוהן האט פערשאפען זיין פאטער נישט וועניג הארץ-וועהטאג. דען ער האט זיך אויך עוסק געווען מיט דער געהיימער וויסענשאפט. טיילמאל האט ער זיך אויסגעגעבען פאר א מקובל, טיילמאל פאר אן'אלכימיקער, וועלכער קאן מאבען פון קופער גאלד און האט געפיהרט א רייך לעבען, מעשה-פריץ, בעקומענדיג דורך שווינדעל אויף דעם טיטול באראן פאן אדלערסטהאל, ווייל ער האט מבטיח געווען די גלחים פון עסטרייכישען הויף, אז ער וועט זיך שמד'ן; ער האט אלעמען אבגענארט, מעגליך אבער, אמאייסטען זיין אייגענעם פאטער; ער איז געווארען א גרויסער בעל חוב און מ'האט איהם דערפאר שטארק גערודפט. געפינענדיג זיך אין דרעזדען אין דער געזעלשאפט פון גרויסע שרים און פריצים, אלס באראן אייבשיץ פאן אדלערסטהאל, איז ער געבליבען אין נאהענטע בעציהונגען מיט יעקב פראנק'ס הויף אין אפענבאך און מיט זיין געשמדטער טאכטער חוה. ווען מען האט איהם געוואלט ארעסטירען פאר זיינע חובות, איז ער אנטלאפען צו זיין פאטער אין האמבורג און דעם

1) נאטירליך, נישט דירעקט. די פראנקיסטען האבען בכיון געוואלט דערגרייזען, אז ער סימפאטיזירט מיט זיי, כאטש ער האט זיך בעצויגען צו זיי מיט דער זעלביגער פעראכטונג, ווי אלע אידען. (איבערזעצער.)

אונגליקליכער פאָטער האָט זיך געמוזט בעשליסען צו דרוקען זיין ספר „כרתי ופלתי“ אויפ'ן „יורה דעה“, כדי צו בעקומען געלד אויף צו בעפרייען זיין זוהן פון די פיעל חובות. דאָס איז געוועזן דער ערשטער ספר פון רבי יהונתן אייבשיטץ וועגען הלכות, און ער האָט איהם געדרוקט, ווען ער איז נאָך נישט געווען אינגאַנצען פאַרטיג, אַבי נור צו בעקומען געלד פאַר זיין לייכטזיניגען זוהן. צוליב אָט דעם זוהן איז רבי יהונתן'ס כבוד זייער געפאַלען געוואָרען און פיעל פון זיינע אָנהענגער האָבען זיך פון איהם אָבגעווענדעט. זיין זוהן בנימין וואָלף איז אפילו שפּעטער געוואָרען אַ בעל-תשובה און האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין פרומקייט, אָבער דערווייל איז רבי יהונתן'ס לאַגע געוואָרען זעהר אַ שווערע אין אַלטאָנאַ און ער האָט זיך גאָר געוואָלט אומקעהרען צוריק קיין פּראָג. ווי אָבער שוין דערמאָהנט האָט די קייזערין מאַריא איהם געהאַט פערבאָטען צו קומען אַהין צוריק, און אָט האָט ער איצט אָנגעגעבען אַ ביטע דער קייזערין, אַז זי זאָל איהם בעפרייען פון דער בעשולדיגונג אין פערראַט געגען פאָטערלאַנד און ערלויבען אויף דער עלטער צוריק צו קומען קיין פּראָג. אין יענער צייט איז שוין אָבער געווען רב אין פּראָג דער גאון ר ב י י ח ז ק א ל ל אַ נ ד א (דער „נודע ביהודה“), וועלכער האָט נישט געוואָלט, אַז רבי יהונתן זאָל זיך בעזעצען אין פּראָג, כדי עס זאָל נישט צוריק זיך אָנהויבען די אַלטע מחלוקת, און אָט האָט ער אָנגעגעבען אַ ביטע דער קייזערין (1760), אַז זי זאָל אָבזאָגען רבי יהונתן'ס ביטע, ווייל מען האָט איהם אַריינגעלעגט אין חרם אין פיעל קהלות און איהם—רבי יחזקאל לאַנדאַ'ן—וועט שווער זיין מיט איהם צו וואוינען צוזאַמען אין איין שטאָדט. דערביי האָט ער דערמאָהנט זיין אייגענעם פערדינסט און געטרייהייט פאַר דער עסטרייכישער מלוכה אין דער צייט פון דער זיבעניעהריגער מלחמה. רבי יעקב עמדען האָט דאַן ערשט אָנגעהויבען פון דאָס ניי אָנפאַלען אויף רבי יהונתן אייבשיטץ און מבזה געווען זיין נאָמען אָהן אַ שיעור און אָהן אַ ערך.

אָט אַזוי האָבען עס די רבנים פון יענער צייט מלחמה געהאַלטען איינער געגען דעם אַנדערן מיט חרמים און מסירות, מיט שאַרפער פּאָלעמיק און רכילות, אונטערגראָבענדיג דאַדורך זייער אייגענעם כבוד (אויטאָריטעט) ביי אידען. דערמיט האָבען זיי ווייכער געמאַכט דעם באָדען, כדי עס זאָל קאָנען אויף איהם אָנהויבען וואַקסען אַ נייע זריעה. אין דער זעלביגער צייט, וואָס די רבנים האָבען זיך געקאַמפּפערט און געקריגט וועגען די קמיעות, האָט מ ש ה ב ן מ נ ח ם מ ע נ ד ע ל ס אָ ן געשלאָסען אַ פריינדשאַפטס-בונד מיט'ן גרויסען דייטשען קריטיקער און דיכטער ג אָ ט ה א ל ד א פ ר י ם ל ע ס י נ ג — אַ בונד, וועלכער האָט געדאַרפט ברענגען גוטס נישט בלויז פאַר אידען אַליין.

וואונדערליך גענוג, דאָס די קריסטליכע געלעהרטע וועלט אין דייטשלאַנד האָט זיך דאַמאָלס זעהר שטאַרק אינטערעסירט מיט'ן טרויעריגען

קאַמף צווישען די רבנים. די טעגליכע פרעסע, וועלכע האָט זיך שטאַרק ענטוויקעלט אונטער פרידריך דעם גרויסען אין פרייסען האָט טאָג־טעגליך איבערגעגעבען די געשעהענישען פון דער „רבנישער מלחמה“ אין אַנ'עכט־סקאַנדאַליעזער פאָרם. די שנאה צו אידען האָט בעקומען גענוג שפייז און צו לאַכען איז פאַר די קריסטען אויך געווען פון וואָס. איבריגענס, די ער־שיינונג איז געווים געזוען אַ זעלטענע: אַ הויכגעעהרטען רב און גאון האָבען זיינע אייגענע חברים בעשולדיגט אין אפיקורסות און פון פיעל צדדים האָט מען איהם פעראורטיילט אַלעם אַזעלכען.

דער לעצטער פון די פוילישע מלכים, וואָס האָבען געשטיצט אידען געגען די פיינדליכע קלאַסען און פאַרטייען אין פוילען, איז געווען י אַ ן ס אָ ב י ע ס ק י III (1674—1696). דעם דאָזיגען מלך איז אָפט אויסגע־קומען צו פיהרען אַ קאַמף מיט דער שנאה צו אידען, וועלכע האָט זיך פער־גרעסערט צווישען דער שליאַכטא, די שטעדטישע פערוואַלטונגען און גלחים. יאַן סאָביעסקי האָט בעשטעטיגט פאַר פערשידענע אידישע קהלות זייערע „פריווילעגיעס און פרייהייטען“, ער האָט פערגרעסערט די ספערע פון זייער זעלבסטפערוואַלטונג און בעפרייט זיי פון די מאַגיסטראַט־גע־ריכטען. אין יאָהר 1682 האָט ער בעפרייט די ווילנער אידען פון אַ פאָלקס־צעהלונג דורכ'ן מאַגיסטראַט, לויט דער השתדלות, וואָס די אידען האָבען אונטערגענומען, צוליב דעם פאָלגענדען פאַל. מיט אַ יאָהר פאַר דעם האָט דער ווילנער מאַגיסטראַט געוואָלט דורכפיהרען אַ פאָלקס־צעהלונג, און פערזיכערענדיג די אידען, אַז מען וועט זיי קיין שום שלעכטס נישט טהון, האָט ער ביי זיי געפועלט, אַז זיי זאָלען צוזאַמען מיט די קריסטען אַרויס־געהן פון שטאָדט, וואו די פאָלקס־צעהלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען. אָבער ווי נור די אידען האָבען זיך בעוויזען אויפ'ן פרייען פעלד, האָבען די צעך־אַרבייטער און אַנדערע קריסטליכע איינוואוינער פון ווילנא אָנגעהויבען אויף זיי שיסען און אָנגעפאַלען אויף זיי מיט בלויזע שווערדען, צו־נעהמענדיג ביי זיי זייערע קליידער און אַלץ, וואָס זיי האָבען ביי זיך גע־האַט. די בלוטדורשטיגע ליידענשאַפטען האָבען זיך אַזוי שטאַרק צוהיצט, אַז מען וואָלט דאַמאָלס די ווילנער אידען דאָרט אַלעמען זיכער אויסגע־הרג'עט, ווען עס וואָלטען זיך נישט געהאַט אָנגענומען פאַר זיי די סטו־דענטען פונ'ם אָרטיגען יעזואיטישען קאָלעגיום, וועלכע האָבען זיי פער־טיידיגט געגען דעם המון. וועהרענד דעם דאָזיגען געשלעג האָט דער מאַ־גיסטראַט לא די נישט פערטיידיגט די אידען, נור ער האָט אפילו געקוקט אויף דעם געשלעג „מיט'ן גרעסטען פערגעניגען“. איבריגענס, די פוילישע שול־יוגענד האָט זעהר זעלטען אַרויסגעוויזען זיך אַזוי מענשליך פאַר די אידען. געוועהנליך פלעגט זי די ערשטע אַרויספען מהומות און אונאָרד־נונגען אין אידישען שטאָדט־טייל. דער „שילער־אָנפאַל“ איז אין די פוי־לישע שטעדט געווען אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג. די ווילדע סטודענ־טען פלעגען נישט בלויז אָנפאַלען אויף די פאַרבייגעהענדע אידען אויפ'ן

גאַס און אַרויסרופען אַ סקאַנדאַל, זיי פלעגען אָפט אויך אַריינקומען אין די אידישע גאַסען און מאַכען דאָרט פּאָגראָמען. אַזעלכע פּאָגראָמען פלעגען על פי רוב מאַכען די סטודענטען פון דער אַקאַדעמיע אין קראָקאָ, און פון די יעזואיטישע שולען אין פוילען, לעמבערג, ווילנא און בריסק. די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע פלעגט זיך מאַכען, ווי נישט זעהענדיג די דאָזיגע „שטיפעריִיען" פון די קינפטיגע פוילישע בירגער, די שטיפעריִיען פלעגען אָבער גאַנץ אָפט אָננעהמען זעהר אַ געפעהרליכע פאָרם. אין יאָהר 1687 איז פאָרגעקומען אין פּויזען אַזאַ אָנפאַל מצד די סטודענטען, מיט וועלכע עס האָבען זיך באַלד פעראייניגט אויך די מיעשטשאַנעס פון המון, און די אידען איז אויסגעקומען אין אַ משך פון דריי טעג צו פערטיידיגען זיך מיט געוועהר אין די הענד געגען די צובושעוועטע ווילדע מחנות. כדי צו פערהיטען זיך פון אַזעלכע אָנפאַלען, פלעגען די אידישע קהלות אין פיעל שטעדט צאָהלען יעהרליך אַ געוויסע סומע געלד לטובת די קאַטוילישע שולען, און אַזאַ אָבצאָהל איז ענדליך בעשטעטיגט געוואָרען אלס אַ שטענדיגע הכנסה פון די שולען אויף דעם סמך פון „אַנ'אַלטען מנהג". די אַלגעמיינע סיימען האָבען אפילו זיך אַרויסגעזאָגט תמיד געגען אַזעלכע אָנפאַלען און אין זייערע „קאָנסטיטוציעס" פלעגען זיי פערזיכערן פאַר די אידען זייער פערזענליכע אונבעריהרליכקייט, ווי אויך די גאַנצקייט פון זייער פערמעגען, בעזונדערס, ווען מען האָט געהאַלטען ביים העכערען דעם אַלגעמיינעם קאָפּ-אָבצאָהל, אָדער גענדאַרפט בעשטימען עקסטראַ-אָרדינאַרנע אָבצאָהלונגן; אָבער פאַקטיש איז דער איינציגער פערטיידיגער פון די אידען געוועזען נור דער מלך. צו איהם אין הויף פלעגען קומען די „גענעראַלע סינדיקען", אָדער די בעפולמעכטיגטע פון די אידישע קהלות, מיט פערשיענע השתדלות'ן, און יאַן III סאָביעסקי פלעגט ביי יעדער מעגליכקייט ערפילען די אידישע השתדלות. פאַר אַזאַ נאָכגיביגקייט געגען די „אונגלויביגע" האָבען דער סענאַט און די סיימען איהם אָפט געמאַכט אַ פאָרוואורף. אין יאָהר 1693 האָבען די געגנער פון דער הויף-פּאַרטיי אויפ'ן סיים אין גראָדנא געמאַכט אַ בלבול אויפ'ן אידישען אַרענדאַט פון די מלוכה-אָבצאָהלונגען, אַז ער בעראָבעוועט די מלוכה און לעסטערט דעם קריסטליכען גלויבען, א. א. וו. און נור אַ דאַנק דעם, וואָס דער קעניג האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין בעליבטען „הויף-אידען", איז דעם אַרענדאַר געלונגען אויסצודרעהען זיך פון אַ שווערער בעשטראָפונג. אָבער נישט אַכטענדיג אויף די חסדים פונ'ם מלך יאַן סאָביעסקי, האָבען די אידען געהאַט פיעל צו ליידען אויך אונטער זיין רעגירונג פון אַלערליי בלבולים. אַזוי, למשל, האָט מען אין יאָהר 1670 געמאַכט אַ בלבול אין מלאַווא אויף די אידען, אַז זיי האָבען געגנבעט און געשענדעט אַ האָסטיע; עטוואָס שפּעטער האָט מען פאַר אַזאַ בלבול פערברענט זיבען אידען אין לענטשני; אין יאָהר 1697 האָט מען אין וואָלין בעגנבעט אַ קלויסטער, און אַ רב מיט זיין זוהן האָט מען דאַמאָלס פערברענט גאָר אונשולדיג; „ממזר-בלבולים"

(עלילת דם) האָט מען אין יענער צייט געמאַכט כמעט יאָהר=יעהרליך, און
די דאָזיגע ערשיינונג איז שוין געווען אַזאַ געוועהנליכע, אַז דער ועד פון
די פיער „מדינות“ ווילנא, גראָדנא, בריסק און פינסק האָט אין יאָהר 1677
אָנגענומען אַ תקנה, אַז „אויב עס וועט זיך, חס וחלילה, מאַכען אַ ממזר=
בלבול, דאַרפען די הוצאות ביז טויזענד גילדען אויפגעמאָהנט ווערען ביי
דער אָרטיגער קהלה, אָדער ביים גליל, און העכער פון טויזענד גילדען
דאַרפען שוין געבען די „מדינות“. אין דער רעגירונג פון יאַן III סאָביעסקי
האָט זיך פערענדיגט די רעסטאַווראַציע פון די אידישע קהלות אין פוילען
נאָך די גרויסע שחיטות און מהומות, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען אין
יאָהר 1698 (ת״ח). דאָס אידישע לעבען האָט אָנגענומען זיין נאָרמאַלען
גאַנג און די מאַטעריעלע לאַגע איז אויך געוואָרען עטוואָס בעסער. אָבער
אונטער דער רעגירונג פון די שפּעטערדיגע מלכים איז די לאַגע ווידער
געוואָרען ערגער.

דער חורבן פון פוילישען מלוכה=לעבען אין זיין גלחישער און פּריציש=
קנעכטישער פאָרם האָט אָנגענומען זעהר אַ געפעהרליכע מאָס אונטער די
מלכים פון דער זאַקסישער דינאַסטיע, אויגוסט II און III (1763—1697).
די פּאָליטישע אַנאַרכיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מפלה אין דער שוועד=
דישער מלחמה אין אָנפאַנג פון אַכטצענטען יאָהרהונדערט, האָט פער=
שטאַרקט דעם רוסישען איינפלוס אין פוילען און דערוויזען, ווי טיעף פער=
פוילט עס זענען די יסודות פון דער פוילישער מלוכה, וועלכע האָבען זיך
געהאַלטען אויף שאַרפע קלאַסען=איינטיילונגען, אויף דער ווילקירליכקייט
פון די פּריצים און שרים און דער קנעכטשאַפט פון די פויערן. אין אַ לאַנד,
וואו יעדע קלאַס האָט געזאָרגט בלויז וועגען איהרע אייגענע אינטערעסען,
נישט רעכענענדיג זיך מיט די אינטערעסען פון דער מלוכה, וואו די סיימען
פלעגען געשטערט ווערען אין זייער אַרבייט, לויט׳ן קאַפּריז פונ׳ם ערשטען
בעסטען אָדער ערגסטען דעפּוטאַט (liberum veto), — אין אַזאַ לאַנד
האָט די רעגירונג אויך געזאָרגט נישט וועגען דעם אַלגעמיינעם גליק, נור
וועגען איהרע ביוראָקראַטישע אינטערעסען. ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָ=
בען די אידען פערלאָרען אויך זייער לעצטע שטיצע מצד דעם קעניג, ווען
אַלע קלאַסען האָבען זיי גערודפט און געדריקט. אויב פריהער האָט דער
קעניג נאָך פיעל=ווייניג איינגעהאַלטען די אַלגעמיינע שנאה צו די אידען,
האָט ער איצט פערלוירען די מאַכט צו טהון דאָס. אויף די קרוינונגס=
סיימען האָבען אויגוסט דער III און דער II אָפיציעל בעשטעטיגט די
אַלטע אידישע פּריווילעגיעס; אָבער ביי דער אַלגעמיינער אונאָרדנונג און
ווילקירליכקייט האָט אַזאַ בעשטעטיגונג ווייניג וואָס געהאָלפען. עס איז
נויטווענדיג געווען, אַז די העכערע מאַכט זאָל אָהן אויפהער בעשיצען די
פּריווילעגיעס, וועלכע זענען בכלל שוין געווען זעהר בעגרענצטע; מען
האָט לפחות געדאַרפט פערטיידיגען די אידען פון די שטענדיגע אַרויסטרע=
טונגען געגען זיי מצד זייערע שונאים; אָבער די „זאַקסישע מלכים“, וועל=

כע האָבען פערנאַכלעסיגט אפילו אויך די אַלגעמיינע אינטערעסען פון דער מלוכה, האָבען, נאַטירליך, נישט געקאָנט טראַכטען וועגען די אינטערעסען פון די אידען. די רעגירונג פון איהר זייט האָט נור געזאָרגט וועגען אויפמאָהנען דעם קאָפּ־אָבצאָהל פון קהל. די פראַגע וועגען דעם דאָזיגען אָבצאָהל האָט מען אויך זעהר פליסיג בעטראַכט אויפ'ן וואַרשאַווער סיים (1717), וועלכער האָט זיך פערזאַמעלט מיט'ן צוועק, כדי צוריקצושטעלען די מלוכה־אָרדנונג, וועלכע איז געשמיגרט געוואָרען ווערענד דער לאַנגער מלחמה מיט'ן שוועדישען קעניג ק אַ ר ל XII, און דער אַנאַרכיע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען באַלד נאָכדעם. נישט אַכטענדיג דערויף, וואָס די אידען זענען שטאַרק פעראָרימט געוואָרען אין דער צייט פון די דאָזיגע מהומות, האָט מען פערגרעסערט דעם קאָפּ־אָבצאָהל פון זיי זעהר שטאַרק.

די פאָרשטעהער פון דער רעגירונג אין די שטעדט און פּראָווינצען — די וואָיעוואָדעס און סטאַראָסטעס, וועלכע האָבען געדאַרפט, לויט זייער בעשטימונג, בעשיצען די אידען, פלעגען אָפט ווערען די ערגסטע בעדריקער פאַר די אידען. די דאָזיגע פּראָווינציעלע בעלי־בתים האָבען זיך געפיהרט, ווי אמת'ע זעלבסטהערשענדע מלכים און די אידען זענען פאַר זיי געווען בלויז אַ מעלקעדיגע קוה, פון וועלכער זיי האָבען געריסען, וואָס מעהר זיי האָבען געקאָנט. ווען אַ סטאַראָסטא האָט געברויכט צו האָבען געלד, האָט ער געהאַט אַנ'איינפאַכען מיטעל, ווי אַזוי עס צו בעקומען: ער פלעגט עס פאָדערן ביי קהל, סטראַשענדיג מיט אַרעסטען און אַנדערע רדיפות, אויב מען וועט איהם דאָס געלד נישט געבען. און ווען ער פלעגט שלעפען אין תפיסה אַנ'אָנגעזעהענעם מיטגליד פון דער קהלה, אָדער גאָר אַ פרנס און אַ גבאי, פלעגט מען איהם שוין באַלד ברענגען דעם „פדיון שבוים". טיילמאָל פלעגט ער אנשטאט געלד סתם חוזק מאַכען פון אידען, אָדער מבזה זיין זייערע מנהגים, ווייל אַזוי האָט זיך געוואָלט זיין שליאַכטעסקער נשמה. דער סטאַראָסטא פון קאַניעוו האָט איינמאָל געוואָלט בעלוינען זיינעם אַ שכן אַ פריז פאַר'ן דערהרגענען זיין אַרענדאַר, האָט ער בעפוילען אָנצולעגען אַ וואָגען אידען און אָבצופיהרען זיי צום פריצישען הויף, וואו מען האָט זיי אַראָבגעוואָרפען ביים פאָדערשטוב, ווי זעק קאַרטאָפעל. דערזעלביגער סטאַראָסטא האָט זיך איינמאָל איינגעאָרדענט אַ „פערוויילונג": ער האָט בעפוילען אידישע פרויען אויסצוזעצען זיך אויף הויכע עפּעל־בוימער ווי די פויגלען, און ער פלעגט אין זיי שיסען מיט זייגע פריצים, ווי מען שיסט אויף פויגעלן מיט שראָט. ווען די פערוואונדעטע פרויען פלעגען אַרונטערפאַלען פון בוים, איז ער געשטאַנען, האַלטענדיג זיך ביי די זייטען פון געלעכטער; דערביי פלעגט ער זיי אָבער וואַרפען הויפענס גאָלדענע מטבעות.

די שטאַרקסטע קלאָס אין דער מלוכה — די שליאַכטא, וועלכע איז אין דער ווירקליכקייט געווען מעהר ווילקירליך, איידער פריי, פלעגט פערטיידיגען די אידען נור דאַמאָלס, ווען איהרע אינטערעסען האָבען דאָס

געפאדערט, דאס הייסט, ווען זי פלעגט זיך נויטיגען אין אידישען דינסט. זייענדיג געוואוינט צו האבען אומזיסטע ארבייטער, אלס פריצים און אייגענטימער פון כלאפעס-קנעכט, פלעגען די פריצים אויך פון זייערע אידען-ארענדארען פערלאנגען אומזיסטע ארבייט אדער נוצען פון זיין מסחר און פראפינאציעס. די פוילישע פריצים האבען אפילו אויך געמאכט א פראבע צו פערקנעכטען (פערפעסטיגען צו זייערע וואוינונגען) זייערע אידען אויף א געזעצליכען אופן. אויפ'ן סיים פון יאהר 1740 האבען די דעפוטאטען פון דער שליאכטא געמאכט א פארשלאג, אז די אידען, וואס וואוינען אין זייערע פריצישע מאיאנטקעס, זאלען אנערקענט ווערען פאר זייערע אייגענע „ירושה-אונטערטאנען". דער דאזיגער ווילדער פראיעקט, צו פערקנעכטען די אידען פון די ישובים, איז אבגעווארפען געווארען נור צוליב דעם, וואס די רעגירונג האט נישט געוואלט אבזאגען זיך פון די הכנסות, וואס זי האט געהאט פון די דאזיגע אידען, — הכנסות, וועלכע וואלטען שוין געבליבען ביי די פריצים. פאקטיש איז אבער דער ישובניק שוין געווען פערקנעכטעט ביים פריץ, דען ער האט געהאט דאס רעכט צו משפט'ן איהם, צו בעגעהן זיך מיט איהם ווילקירליך, ווי ער האט עס געטהון מיט אלע איבריגע איינוואוינער פון זיינע מאיאנטקעס. פון די דעמאלסדיגע געוועהנליכע „אנפאהרען" (אנפאלען) פון די פריצים מיט זייערע לייט אויף די שכנות'דיגע פריצים, פלעגען מעהר פאר אלעמען ליידען די אידישע ארענדארען, וועהרענד די פראווינציעלע סיימען און צוזאמענפאהרען פון דער שליאכטא, אדער זיצונגען פון די געריכטען פלעגט מען, „לויט'ן מנהג", מאכען אנפאלען אויף אידען, אריינרייסענדיג זיך אין זייערע שוהלען און הייזער און „ווילענדיג" זיך אויף אזא אופן. דער ווארשאווער סיים (1717) האט פראטעסטירט געגען אזעלכע ווילדע „פערוויילונגען", סטראשענדיג מיט די שטרענגסטע בעשטראפונגען. דער מנהג האט אבער געבראכען דעם דין און אלץ האט זיך געפיהרט אין פוילען, ווי אין די גוטע אלטע צייטען.

אין די שטעדט האבען די אידען געליטען פון די אונאויפהערליכע טענות ותביעות מצד די מיעשטשאנעס און צעכען פון די בעלי-מלאכות, וועלכע האבען געהאט אין זייער מאכט א שטארקע געוועהר צום קאמף — די שטאדט-פערוואלטונג (מאגיסטראט). די געמיינע קאנקורענץ-אינטערעסען פלעגט מען פערדעקען מיט דער מאסקע פון דער כלומרשטער פרומקייט, דערוועקענדיג דעם המון צו מאכען אנפאלען אויף די „שונאים פון קריסטליכען גלויבען". די אייביגע שונאים פון אידישען פאלק, די קאטוילישע גלחים, פלעגען, נאטירליך, דערביי תמיד ארויסטרעטען אלס געטרייע העלפער ביי אלע אנפאלען אוף די אידען. די אגיטאציע און די זריעה פון די יעזואיטען האט געבראכט שענע פרוכטען. רעליגיעזע אונטאלעראנץ און פאנאטיזם, צביעות און אבערגלויבען האבען זיך טיעף איינגעווארצעלט אין פוילישען פאלק. דאס רודפ'ן די אנדערש-גלויביגע,

סיי די סטודענטען־קריסטען, סיי אידען, וועלכע זענען „פערעקשענט אין זייער אונגלויבען" — איז געוואָרען איינע פון די הויפּט־אויפגאַבען פון דער אינערליכער פּוילישער פּאָליטיק אין דער עפּאָכע פון דער געפאַלענקייט פון דער פּוילישער מלוכה. די רעזאָלוציעס פון די דאַמאָלס'דיגע קאַטוילישע צוזאַמענפאָהרען אין פּוילען זענען איינגעזאַפּט מיט דער מיטעלאַלטערליכער טענדענץ פון אידען־פיינדשאַפט. דער צוזאַמענפאָהר פון לאָוויטש (1720) האָט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, אַז „די אידען זאָלען זיך נישט ערלויבען נישט צו בויען נייע שוהלען, נישט צו רעמאָנטירען די אַלטע", כדי די שוהלען זאָלען ביסלעכווייז פערשווינדען אָדער פון אַלטקייט, אָדער דורך שרפות. דער פּלאָצקער צוזאַמענפאָהר (1733) האָט ווידער איבערגע'חזרט דעם מיטעלאַלטערליכען פּרינציפּ, אַז מען איז סובל די אידען אין אַ קריסטליכער מלוכה, נור צוליעב דעם, „אַז זיי זאָלען אונז, קריסטען, תמיד דערמאַנען וועגען די יסורים, וואָס קריסטוס האָט געליטען, און מיט זייער פערקנעכטעטער לאַגע דאַרפען די אידען דינען פאַר אַן אָנשויליכען בעווייז, ווי גערעכט עס איז גאָט'ס שטראָף". פון סוף זיבעצענטען יאָהרהונדערט האָבען בעזונדערס אָפט אָנגעהויבען פאָרקומען פּראָצעסען וועגען אַלערליי בלבולים, ווי שוין דערמאָנט. די אַגיטאַציע פון די גלחים פלעגט אָפט ברענגען דערצו, אַז דער המון זאָל מאַכען אָנפאַלען אויף שוהלען און אידישע בית־עלמינ'ס. ריטועלע פּראָצעסען פלעגט מען משפט'ן אין העכסטען מלוכה־געריכט, אין לובלין, און אַ דאַנק דער פלייסיגקייט פון די גלחיש'ע אַדוואָקאַטען, פלעגט מען גאַנץ אָפט צו משפט'ן צום טויט גאַנץ אונשולדיגע אידען.

די גרעסטע פון די עהנליכע פּראָצעסען (דער סאַנדאָמירער 1698 — 1710, פּאָזנער 1736, זשיטאָמירער 1753 און וואָיסלאָוויצקער 1760) זענען געפיהרט געוואָרען אויפ'ן אינקוויזיציאָנס־שטייגער. דער סאַנדאָמירער בלוט־בלבול האָט זיך אָנגעהויבען דערפון, וואָס אַ קריסטין האָט דערהרג'עט איהרם אַ ממזר (אַן אונגעזעצליך קינד) און אונטערגעוואָרפען איהם צו אַ אידען אין הויף אַריין. די קאַטוילישע גלחים האָבען געמאַכט דערפון אַ ריטועלען פּראָצעס, וועלכער איז דורכגעפיהרט געוואָרען אין אַלע געריכטען, פון קלענסטען ביז דעם גרעסטען. דער פּראָצעס איז בעזונדערס געוואָרען שטאַרק פערוויקעלט צוליב דער פאַנאַטישער אַגיטאַציע פונ'ם גלח סטעפאַן זשוחאָווסקי, וועלכער האָט אויפגעטהון נאָך צוויי בלבולים געגען די סאַנדאָמירער אידען און אָנגעשריבען מכח דעם אַ בוך, פול נאַרישע רכילות און שענדליכע שקרים. אין פּויזען האָט מען געהאַט געפונען הינטערן שטאָדט אַ טויטען קריסטליכען אינגעל, און די פּויזענער אידען האָבען דערפון געמוזט ליידען פיער יאָהר נאָכאַנאַנד (1736—1740); מען האָט בעשולדיגט אין ריטועלען מאָרד צוויי פּרנסים, אַ שתדלן און אַ מגיד, וועלכע מען האָט אוועקגעשלעפּט אין תפיסה אַריין. דער מגיד או

דער שתדלן זענען דאָרט געשטאָרבען פון די גרויסע יסורים און ענוים.
וואָס מען האָט זיי אָנגעטהון; די איבריגע אָנגעקלאָגטע האָט דאָס העכערע
וואַרשעווער געריכט פריי געשפּראָכען, בתנאי, אַז זיי מיט נאָך דריי געהר-
טע קריסטען זאָלען שווערען, דאָס די אידען ברויכען נישט קיין קריסטליך
בלוט צו זייערע מצות. אין זשיטאָמירער פּראָצעס האָט מען בעשולדיגט 24
אידען, אַז זיי האָבען דער׳הרג׳עט אַ פּויערישען איינגעל שטודזינסקי. די
בעשולדיגטע האָט מען מורא׳דיג געפּייניגט, און, נישט קאָנענדיג אריבער-
טראָגען די שרעקליכע ענוים, האָבען זיי אָנערקענט די בעשולדיגונג, לויט
ווי מען האָט פון זיי געפאָדערט, האָטש זיי זענען געווען גאַנץ אונשולדיג.
מען האָט זיי דעריבער פערמשפּט צו אַ שרעקליכען טויט: פון עלף פון
זיי האָט מען די הויט אראָבגעריסען לעבעדיגערהייד; די איבריגע דרייצעהן
האָבען זיך געראַטעוועט פון טויט דאדורך, וואָס זיי האָבען זיך געלאָזט
אבשמד׳ן. די גלחים האָבען געמאַכט אַ בילד פון כלומרשט׳ען „קדוש“
שטודזינסקי מיט אַ פּנים, וואָס איז דורכגעשטאָכען מיט נאָדלען, און
פערשפּרייט דאָס בילד צווישען די קריסטען, דערוועקענדיג דאדורך שנאָה
צו די אידען. באַלד האָט זיך אָנגעהויבען אַנ׳עהנליכער פּראָצעס אין וואָי-
סלאוויצי (חעלמער עפּארכיע), וואו מען האָט בעשולדיגט דעם גאַנצען
„קהל“, אַז מען האָט געפּייניגט און דער׳הרג׳עט אַ קריסטליך קינד, כדי
אויסצוצאַפּען זיין בלוט. אין געריכט האָט מען אָנגעקלאָגט די רבנים,
דיינים און שוחטים, ווי אויך אַלע גבאים פון דער קהלה. איינער פון די
אָנגעקלאָגטע, דער רב, האָט בעגאַנגען אַ זעלבסטמאָרד אין תפיסה; די אי-
בעריגע פיער האָט מען פעראורטיילט צו צעהאַקען לעבעדיגערהייד אויף 4
טיילען. פאַר דעם דאָזיגען שרעקליכען טויט האָבען די גלחים איינגערעדט
די אונגליקליכע, אַז זיי זאָלען זיך לאָזען אבשמד׳ן, כדי מען זאָל הערפאַר
פערלייכטערען זיי דעם טוידט. די אונגליקליכע זענען שוין געווען האַלב-
טויטע פון די פריהערדיגע ענוים, און אָט האָט מען זיי אבגעשמד׳ט און
פערלייכטערט זייער לאַגע: מען האָט זיי צוערשט אָב-
געהאַקט דעם קאָפּ.

שטאַרק אויפגערעגט דורך די דאָזיגע אינקוויזיציאָנס-פּראָצעסען, האָ-
בען די פּוילישע אידען געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום פּויפּסט, משתדל צו
זיין זיך, אַז ער זאָל ערקלערען, דאָס די ריטואַלע בעשולדיגונגען האָבען
נישט קיין גרונד (1758—1760). דער פּויפּסט קלעמענס XIII האָט
בעפוילען זיין נונציוס (געזאַנדטען) אין וואַרשא, אַז ער זאָל אַרויסטרעטען
געגען דעם ווילדען אַבערגלויבען, וועלכען דער פּויפּסט אינאָצענץ VI
האָט געהאַט אָבגעלייקענט דורך זיין בולא נאָך אין דרייצענטען יאָהרהונ-
דערט. דער קעניג אויגוסט III האָט אויך בעשטעטיגט די אַלטע אידיש
פּריווילעגיעס פון די פריהערדיגע מלכים וועגען דער גוואַראַנציע פון
געריכטען משפּט אין די ריטועלע פּראָצעסען (1763). אָבער אויסצו

לען דעם אבערגלויבען, וואס די יעזואיטען האבען איינגעפלאנצט אין פאלק, איז געוועז נישט קיין לייכטע זאך. אפילו די געבילדעטערע קלאסען האבען געגלויבט אינ׳ם דאזיגען ווילדען בלבול. דער דאמאלסדיגער פוי-לישער שריפטשטעלער קיטאגיטש, וועלכער שילדערט דאס גע-זעלשאפטליכע לעבען אין פוילען אין דער רעגירונג פון אויגוסט III, שרייבט וועגען דעם אזוי: „ווי די פרייהייט פון דער שליאכטא איז אונ-מעגליך אהן א „ליבערום וועטא“, אזוי איז די אידישע מצה אונמעגליך אהן קריסטליך בלוט“.